STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05217

GEKLIBENE SHRIFTN

Mordekhai Rozovski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע שריפטן



מרדכי ראָזאָווסקי

רעפּראָדוקציע פון אײלבילד פון קינסטלער ב. נעמיראָווסקי

MARCOS ROSOVSKY

ESCRITOS

•

Buenos Aires

1947

ר' מרדכי ראָזאָווסקי

געקליבענע שריפטן

ארויסגעגעבן פון א גרופע חברים, מיט דער מיטהילף
פון קרן קימת לישראל און קרן היסוד אין ארגענטינע.

•

בוענאָס איירעס
1947

דעם 2-טן נאָוועמבער 1946 איז געגרינדעט געוואָרן אויפן באָדן פון קרן קימת לישראל אין גליל העליון, ביים ירדן, נישט ווייט פון כפר-בלום, די קאָלאָניע „נאות מרדכי" אין אָנדענק פון ר' מרדכי ראָזאָווסקי ז"ל.

דער באָדן איז אויסגעלייזט געוואָרן מיט די תרומות פון די ארגענטינער אידן, דורך דער ספּעציעלער אקציע „כפר ארגנטינה" און דעריבער טראָגט די קאָלאָניע אויך דעם ביי-נאָמען „מוסדם של יהודי ארגנטינה".

די קאָלאָניסטן פון „נאות מרדכי" באלאנגען צום קיבוץ „געעתוד" און שטאַמען ס'רוב פון טשעכאָסלאָוואקיע, עסטרייך און אנדערע מיטל-אייראָפּעאישע לענדער. קיין ארץ-ישראל זיינען זיי אָנגעקומען אומלעגאל אין יאָר 1939 און האָבן דורכגעמאכט זייער הכשרה אויף פארשידענע פלעצער, ביז ס'איז פאר זיי סוף כל סוף איינגעאָרדנט געוואָרן אן ארבעטס-לאגער לעבן נהריה, וואו זיי האָבן שוין אנטוויקלט דעם יסוד פאר אן אייגענער ווירטשאפט און האָבן אויך געגרינדעט א פאבריק פון סאנדאלן, שטעקשיך און אָרטאָפּעדישע שיך.

ביי דער גרינדונג פון „נאות מרדכי" איז פאָרגעקומען אן איבערפאל פון די אראבישע שכנים פונעם דאָרף זאוויא. עס זיינען געפאלן קרבנות פוןביידע זייטן.

די ערד פון דער קאָלאָניע איז געהייליקט געוואָרן דורכן פארגאָסענעם בלוט פון שלמה בן-טוב, 19 יאָר אלט און פון שלמה בן-יהודה (יודעלמאן), 32 יאָר אלט.

במקום הקדמה

עס איז שוין ביי מיר א לאנגסטיקע שוואכקייט זיך צו באנוצן מיט א פסוק פון תנ"ך אָדער מאמר חז"ל, און איך קען איר ניט פארמיידן אויך אין דער דאָזיקער במקום הקדמה מיינער.

„שלשה עזים הם: הכלב בחיות, התרנגול בעופות וישראל באומות" (עס זיינען פאראן דריי געוואגטע אין דער וועלט: דער הונט צווישן די חיות, דער האָן צווישן די עופות און ישראל צווישן די אומות העולם) — אזוי לויטעט א מאמר חז"ל. וואָס אָנבאלאנגט אידן וואלט עס אויפן לשון פון שונאי ישראל געהייסן פשוט און פראָסט: „אידישע חוצפה!".

דער דאָזיקער מאמר קומט מיר אויפן געדאנק אין פארבינדונג מיט מיין שרייבן בכלל און בפרט מיט דער זאמלונג פון א טייל פון מיינע אר־טיקלען, דורך א גרופע חברים און פריינט. איך וועל אָבער פארלויפן דעם וועג און פארמיידן די לייענער פון מיין בוך פון אריינפאלן אין א טעות. קיינמאָל, זינט איך בין דאָס ערשטע מאָל ארויסגעקומען אין דער עפנט־לעכקייט, האָב איך זיך ניט באטראכט פאר קיין שרייבער, און ממילא האָב איך ניט קיין פרעטענזיעס אלס אזעלכער. מיין שרייבן איז דער פּראָדוקט פון מיין נאציאָנאלער און געזעלשאפטלעכער עסקנות אין משך פונעם רוב פון מיינע יאָרן, און אז איך בין געווען אן עסקן — דאָס קען קיינער ביי מיר ניט אוועקנעמען. איך ווייס, אז אין דעם אייגענעם באטיטלען זיך אלס אזעלכער, איז אפשר פאראן מער ווי א שמינית שבשמינית פון גאווה, וואָס אין דערלויבט דעם תלמיד חכם, דאָך זשעניר איך מיך ניט און וויל ניט פראווען קיין עניוות־שטיק און זאָג, אז איך בין געווען אן עסקן. מיין עלטער ווי מיין געזונט־צושטאנד ביים שרייבן די דאָזיקע במקום הקדמה גיבן מיר דאָס רעכט אויף דער דערמאנטער גאווה.

ווי איר זעלבסט באטראכט מיין עסקנות

דאָ בין איך שולדיק א קליינע דערקלערונג. מיטן וואָרט עסקנות בין איך אויסן די יעניקע וואָס איז אין דער בחינה פון „עושה" און „מעשה".

ד. ה., אז דער עסקן טוט אליין, ב פ ו ע ל מ מ ש , דאָס וואָס ער פּרע־דיקט פאַר אנדערע, און אין דער זעלבער צייט באַוועגט ער אנדערע צו דער־פילן זייער פליכט צו דער באַטרעפנדער זאַך. און נאָך עפּעס: איך בין דאָ אויסן, דער עיקר, צ י ו נ י ס ט י ש ע ע ס ק נ ו ת . כאָטש איך האָב, אויף וויפל מיין צייט האָט עס מיר דערלויבט, געטאָן אויך סתם אידישע עסקנות, האָט זיך מיין עסקנות אין די איינציק פּראָצענט אויסגעדריקט אין צ י ו נ י ס ט י ש ע ר ע ס ק נ ו ת .

און ווידער דאָס אייגענע. שטיצנדיק זיך אויפן רעכט וואָס עס גיט מיר מיין עלטער און געזונט־צושטאַנד, זאָג איך עס מיט מיין גאַנצער אחריות, אז איך באַטראַכט זיך אלס דער ג ר ע ס ט ע ר תורם דאָ הי, פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע קרנות — קרן קימת און קרן היסוד — הן אין געלט־תרומה, ווי אין תרומה אין צייט און אַרבעט. דער גרעסטער אין געלט־תרומה — לויט העכערער מאַטעמאַטיק, פאַרשטענדלעך. די ערשטע באַ־דייטנדיקע תרומה פאַרן קרן היסוד פון 3 טויזנט פעזעס איז געווען מיינע, און דעסגלייכן איז מיין ביישטייער פאַרן קרן קימת געווען דער גרעסטער אין די ערשטע יאָרן, און א דאַנק דער ג ר ו י ס פון מיינע תרומות האָבן מענטשן היפּש איבערשאַצט מיין פאַרמעגן און מיך געהאַלטן פאַר א מיליאָנער, וואָס איך בין עס ניט געווען אפילו אין די בעסטע צייטן. ווען איך צי אונטער, אויבנאויפיק, דעם סך־הכל פון מיינע בייטראָגן פאַר אונזערע קרנות, ביז היינט, סומירן זיי העט־העט העכער פערציק טויזנט פעזעס, און איך גלויב, אז איך וועל ניט איבערטרייבן אין מיין באַהויפּטונג, אז אויב אייניקע פון די היגע אידישע פאַקטישע מיליאָנערן האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן אי־בערגעשטיגן די גרויס פון מיינע תרומות, פאַרבלייבן מיינע נאָך אַלץ די גרעסטע, אין פּראָפּאָרץ מיט די פאַרמעגנס.

דאָס איז בנוגע מיינע תרומות אין געלט ממש. מיין עסקנות האָט זיך אָבער אויך אויסגעדריקט אין צייט און ענערגיע, וועלכע האָבן אריינגע־בראַכט פאַר אונזערע קרנות באַדייטנדיקע סכומים. עס איז נאָך ביז היינט פאַראַן א „יש אומרים" — און צווישן זיי איז אויך געווען דער פאַרשטאָר־בענער ר' נחמן געזאַנג ז"ל — וואָס האָבן געוואָלט און ווילן מיר צושרייבן אן אָנזיכטיקע ראָל אין די אַלץ שטייגנדע הכנסות, ספּעציעל פון קרן היסוד. יעדנפאַלס איז זי א באַדייטנדיקע. יאָר־יערלעך פלעג איך ווידמענען צוויי חדשים צייט פאַר דער אַרבעט נאָר פון קרן היסוד, אויסער פאַר קרן קימת;

און דערצו האָב איך אים געשטעלט צו דינסט מיין אויטאָ — אין מיינע גוטע יאָרן — און געדעקט פון מיין קעשענע די הוצאות פון נאַפט.

איך וואָלט אויך געקענט דערמאָנען מיין עסקנות אין „עזרת נשים" און ראָל אלס „אייביקער בורר", א. א. וו. ווי געזאָגט אָבער, לייג איך די הויפּט־געוויכט אויף מיין ריין ציוניסטישער עסקנות און איך גלויב, אז עס וועט ניט זיין די מינדעסטע גוזמא ווען איך דערלויב זיך צו באטראכטן צוזאַמען מיט די פארשטאָרבענע ר' יעקב יאָסעלעוויטש (בן יוסף), ר' שלמה ליבעשוץ און ר' נחמן געזאַנג, אלס די שעפער און בויער פון דעם היגן ציוניזם און אימפּולסירער פון דער ארבעט פונעם היגן ישוב פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל.

מיין שרייבן — א פּראָדוקט פון מיין עסקנות

ווי שוין אויבן געזאָגט, באטראכט איך מיין קומען צום וואָרט אין דער עפנטלעכקייט אלס דער פּראָדוקט און פועל־יוצא פון מיין עסקנות. אלס אזעלכער וואָס האָט פארנומען לייטנדע אמטן אין דער היגער ציוניס־טישער באוועגונג און דירעקטאָריומס פון די קרנות און עסקן בפועל, בין איך געשטאַנען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דער אידישער גאַס און האָב פון צייט צו צייט געפילט די נויטווענדיקייט ארויסצוקומען מיט א וואָרט אין דער עפנטלעכקייט און געפּרואווט באלויכטן פראגן וועלכע מיר האָט זיך געדוכט, אז זיי ווערן ניט אויפגענומען ווי געהעריק. געפּרואווט דער־קלערן פּראָבלעמען וואָס האָבן געמאַטערט מיין מוח, ווי אויך רעאַגירן אויף דערשיינונגען וועלכע האָבן מיר אויסגעוויזן צו זיין ניט אין איינקלאַנג מיטן אידישן שטאַנדפּונקט. און אזוי ארום האָבן זיך מיינע ארטיקלען אָנגעקליבן אין די הונדערטער, צעזייטע און צעשפּרייטע אין דער אידישער ווי העברע־אישער פּרעסע. אויף וויפל דאָס איז מיר געלונגען — דאָס איז ווייט ניט אין מיין קאָמפּעטענץ צו אורטיילן.

און איצט צום עצם ענין: מיין בוך

די זאמלונג פון א טייל פון מיינע ארטיקלען, וואָס זיינען פּארעפנט־לעכט געוואָרן אין דער היגער און אויסלענדישער אידישע פּרעסע, און ספּע־ציעל אין אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראציע „די אידישע וועלט", — די דאָזיקע זאמלונג אין בוך־פאָרם איז צו פארדאנקען דעם גוטן ווילן פון מיינע נאָענטע חברים און פריינט, בראש מיט נ ת ן ב י ס ט ר י צ ק י.

זיי זיינען עס געווען די פּלאַנירער און אויך אויספירער פון דעם בוך און איך שאַץ אָפּ אין דער געהעריקער מאָס דעם דאָזיקן גוטן ווילן זייערן און בין זיי זייער דאַנקבאַר. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער מיר זעלבסט, וויל איך מיט איין מאָל מער אוועקלייגן עניוות אָן א זייט און זאָגן, אז כאָטש מיינע אַרטיקלען, וואָס קומען אריין אין בוך זיינען מערסטנס ארויס־גערופן געוואָרן פון טאָג־פראגן און געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, דאָך באַטראַכט איך א סך, א סך ארויסגעזאָגטע געדאַנקען און מיינונגען ניט פאַר פאַרעלטערטע. איך מיין, אז דאָ און דאָרט וועט דער לייענער געפינען עפּעס אזוינס, וואָס עס איז נאָך ניט עבר זמנו, עפּעס אזוינס וואָס עס איז נאָך היינט אַקטועל. איך מיין אויך, און בין כמעט ווי איבערצייגט, אז דער געשיכטע־שרייבער פון היגן אידישן לעבן און ספּעציעל פון היגן ציוניזם, וועט אין דעם דאָזיקן בוך געפינען א היפּשן שטאָף, וואָס וועט אים צונוץ־קומען ביים ארויסברענגען מאָמענטן פונעם היגן אידישן נאַציאָנאַלן שאַפן און געשטאַלטן פון די בויער פונעם היגן ציוניזם בכלל און אידישן לעבן בפרט.

און צולעצט. ניט איך האָב עס בשעתו, געהאַט די פּרעטענזיע צו באַטראַכטן אַלץ, וואָס איז ארויס פון מיין פּען אלס דאָס לעצטע וואָרט, און איבערהויפּט אלס דאָס איינציקע אויטאָריזירטע וואָרט. איך האָב אויך ניט די פּרעטענזיע אויף הונדערט פּראָצענטיקער אָביעקטיוויטעט. ווי יעדער שטערבלעכער בין איך אויך עלול אויף טעותים און ניט אלעמאָל עקזאַקטע אויסטייטשונגען, וועלכע האָבן בשעתו, אפשר געוויסע מענטשן פאַרשאַפט אומזיסטיקן עגמת־נפש. וואָס איך פאַרזיכער אָבער איז: מיין כונה איז אַלע־מאָל געווען א ריינע. איך האָב זיך אָנגענומען פאַרן אידישן כבוד, און ממילא דעם כבוד פונעם ציוניזם. דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל פון מיין שרייבן און ניט קיין אנדערער.

און איך וואָלט ניט געהאַלטן די ארבעט פון מיין במקום הקדמה פאַר געענדיקט, ווען איך זאָל ניט זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן מיינע זכרונות מיט וועלכע איך עפן דעם בוך. איך האָב זיי אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט ערשט מיט א קורצער צייט צוריק און דאָך גיב איך זיי צום סאמע אָנהויב. איך באַטראַכט זיי אלס מיין פאָרוואָרט, אָדער בעסער געזאָגט אלס מיין וויזיט־קאַרטע, און בנוהג שבעולם, ווען מען קומט אריין אין א שטוב שטעלט מען זיך פאָר.

מרדכי ראָזאָווסקי.

בוענאָס איירעס, טבת התש"ו.

וועגן ר׳ מרדכין

יעקב באַטאַשאַנסקי

דער בעל דרך ארץ ר׳ מרדכי ראַזאַווסקי

(שטריכן)

ס׳האָט א דייטשער סאָציאַליסטישער פירער אריינגעוואָרפן א וואָרט, וואָס איז געוואָרן מוראדיק פּאָפּולער: „וואָס פאַר א נארישקייט — האָט ער געזאָגט — האָב איך געטאָן, וואָס דער קעגנער לויבט מיך?״ מרדכי ראָזאָווסקי האָט קיין נארישקייטן קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געטאָן און אים האָבן קעגנער שטענדיק געלויבט. ער איז געווען דער ערשטער היגער ציוניסטישער מנהיג, וועלכן אויך די אנטיציוניסטן — אמאָל זיינען אזעלכע געווען... — האָבן געלויבט.

די סבות דאַרף מען זוכן אין דער פּערזענלעכקייט פון אונזער מנוח. ער איז געווען אזא אנגענעמע פּערזענלעכקייט, אז מען האָט אים נישט געקענט נישט לויבן. מען האָט געמוזט זאָגן, אז ער איז א מענטש, וואָס ווייסט א סך און וואָס קען א שמועס טאָן אזוי, אז מען זאָל צו אים ווערן צוגעצויגן. און ער איז געווען א איד מיט באַציאונג צו מענטשן. האָט איינער געהאַט דעם צלם אלוקים, האָט ר׳ מרדכי צו אים געהאַט א מענטשלעכע באַציאונג. ער האָט געהאַט דרך ארץ פאַר דעם מין מענטש. און ער איז געווען אן אמתער דעמאָקראַט און אן אמתער אָנהענגער פון טאָלעראַנץ. ער האָט געהאַלטן, אז יעדער איינער איז דורכאויס בארעכטיקט צו האָבן זיין מיינונג.

די סבה פון ר׳ מרדכים באַציאונג צו קעגנער און פון זיין טאָלעראַנץ צו זיי, דאַרף מען זוכן נישט אין זיין גרייטקייט צו איינגיין אויף געוויסע הנחות, נאָר אין זיין אומגעהויערער איבערצייגונג, אז ער איז גערעכט און אז זיין אידעאַל איז דער איינציקער אידישער אידעאַל און אז ער וועט און מוז זיגן. ער איז געווען אזוי זיכער, אז ער האָט זיך געקענט דערלויבן צו דיסקוטירן רואיק און צו דערלויבן יענעם האָבן אן אנדער מיינונג.

דער עד היום פארבליבענער אנטיציוניסט, דער קלוגער און געלערנטער בונדיסטישער זשורנאליסט צביון האט אמאל געזאגט, אז די ציוניסטן זיינען היסטעריש. א ציוניסט האט דערויף געענטפערט, אז אויב דאס איז אמת, איז דאס אויך א קליינער חסרון. דאס אידישע לעבן איז אזוי טרויעריק, אז עס קען ארויסרופן היסטעריע. ווייס איך נישט, צי נישט זיין היסטעריש איז א גרויסע, אדער א נישט גרויסע מעלה, איך ווייס אבער, אז עס איז אן איינגעשאפט און מסתמא אויך א מדרגה. און ר' מרדכי ראזאווסקי איז געווען און איז פארבליבן דער צום ווינציקסטן היסטערישער ציוניסטישער מנהיג און אפשר טאקע דער צום ווינציקסטן היסטערישער אידישער פארטיי־מאן, וואס מיר איז אויסגעקומען צו קענען.

ווען ר' מרדכי ראזאווסקי וואלט געדארפט מספיד זיין אזא איינעם ווי ער איז געווען, וואלט'ער אויף אים געווים געזאגט, אז ער איז געווען מזרעו של אהרן הכהן — ער איז געווען אן אוהב שלום און א רודף שלום. (עס איז מארנע, וואס אין אונזער צייט האלט מען א כהן פאר א כעסן און פאר א מחרחר ריב) ער איז געווען פשוט א גליקלעכער, ווען ער האט געקענט מאכן א קאמפלימענט א קעגנער. איך קען עטלעכע היגע אידישע זשורנאליסטן, וועלכע זיינען אמאל געווען אנטיציוניסטן און וועלכע פלעגן זייער אפט באקומען שבחים בעל פה ובכתב פון דעם ציוניסטישן מנהיג מרדכי ראַ־זאווסקי. איינער פון זיי איז אמאל פשוט דערשטוינט געווארן צו הערן פון אים אזא א ווארט:

— פאר אייער היינטיקן ארטיקל זיינט איר ווערט, אז מען זאל אייך אויסקושן יעדן איבר!

פאראן נאך איין גרויסע סיבה פאר מרדכי ראזאווסקים טאלעראנץ צו אידעאישע קעגנער! דאס איז געווען זיין — וואלט איך געזאגט — ברייטער ציוניזם. ער האט גאנץ ערנסט גענומען דעם זאג „עתידה ארץ ישראל להתפשט בכל הארצות!" פאר אים איז אומעטום געווען ארץ ישראל, וואו עס איז געווען אמתדיק אידיש לעבן. אוודאי איז פאר אים געווען א גרוי־סער חילוק צווישן ארץ ישראל און די גלות־לענדער. אוודאי האט ער גע־האלטן, אז געדייען גרויס וועט דאס אידישע לעבן ערשט אין ארץ ישראל, אבער ער האט געהאלטן, אז אויך אין גלות האט דאס נישט אויסגעוואקסן קליין. ער האט נישט נאר נישט געהאט קיין שנאה צו דעם אידישן לעבן אין דער צעשפרייטקייט, נאר ער האט געהאט א ליבע צו דעם. ער האט גע־האלטן, אז דער גלות האט בשעתו געראטעוועט די אידן און אז ער איז

געוועזן א מוז און אז כאטש דער גלות האט געמוזט צוקלעפן אויך שלעכטע און מיאוסע מידות, איז בעצם דער איד געבליבן גאנץ אין גלות. ער איז געבליבן מיט דעם צלם אלוקים און מיט דעם בעסטן פון דעם מענטשלעכן גלויבן און ער איז אפשר געוועזן דער איינציקער יליד אשה, וואס האט גענומען ערנסט דעם לא תרצח.

אוודאי האט ער געהאט א שארף נעגאטיווע באציאונג צו די אנטי־ציוניסטישע אגודת ישראלניקעס, בונדיסטן און לינקע, אבער עס זיינען געוועזן צייטן, ווען ער האט אויף אלע געפונען א זכות און ער האט געזאגט, אז אלע דערהאלטן זיי מיט איינציקע מעשים דאס אידישע לעבן. ער האט זיך אמאל נאכגעפרעגט ביי א אידענע, וואס איז געוועזן „ענקארגארעבע" (אפהימערן) פון א הויז, אין וועלכן עס איז געוועזן א אידישע שול, וואס אזוינס די דאזיקע שול טוט. די אידענע האט אים געענטפערט:

— מען נעמט דא גאסן־שקצימלעך און מען מאכט זיי פאר אידישע אינגלעך!

איז ר' מרדכי דערפון ארויס פון די כלים. ער האט דערמאנט דעם אידישן מליץ יושר, דעם בארדיטשעווער רב און ער האט געזאגט, אז ער איז געוועזן איינער פון די גרעסטע אידן און די אויגן האבן אים אומגעהויער געשיינט. איך האב קיינמאל נישט געזען, אז א מענטש זאל זיך אזוי צעשיינען, ווען מען לויבט זיינעם א קעגנער, ווי ר' מרדכי האט זיך דעמאלט צעשיינט. דאס איז געוועזן דערפאר, ווייל ער האט זיין אידעאל גענומען מערער צום הארצן ווי זיינע פארטיי־אמביציעס. ער האט בעסער געוואלט, אז דער קעגנער זיינער זאל מאכן די אידישע קינדער פאר גוטע אידן ווי פאר שלעכטע. ער האט געהאלטן, אז יעדע אידישע דערציאונג, וואס דערנענטערט דאס קינד צום אידישן לעבן איז ציוניזם.

אוודאי האט ר' מרדכי געהאלטן, אז די אייביקסטע אידישע שפראך איז העברעאיש, אבער ער האט נישט נאר קיינמאל נישט געלייקנט דעם ווערט פון אידיש, נאר ער האט אויך ליב געהאט אונזער פאלקס שפראך און ער האט ליב געהאט ארויסצוברענגען אין איר זיינע געדאנקען און זיינע געפילן. ר' מרדכי איז קיינמאל נישט געווארן קיין אויסגעשפראכענער שרייבער. ער איז דאס קיינמאל נישט געווארן אין אזא מאס א שטייגער ווי ר' יעקב יאסעלעוויטש ע"ה. אין דער יוגנט האט ער גאר ווייניק געשריבן, ער איז דעמאלט געקומען צום אויסדרוק דורך די שמועסן, וואס ער האט נישט

אויפגעהערט צו פירן. מערער שרייבן האָט ער אָנגעהויבן ערשט אויף די עלטערע יאָרן. עס קען זיך מאכן, אז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן דעמאָלט, ווען ר׳ יעקב יאָסעלעוויטש איז שוין געווען און ער האָט דערפילט, אז עמיצער דאַרף דאָ דערגאנצן זיין ציוניסטיש וואָרט, וואָס איז פאַרשוואונדן. און אפשר האָט ער אָנגעהויבן מערער שרייבן אויף די עלטערע יאָרן, ווייל ער איז געוואָרן פולער מיט געדאנקען און מיט געפילן און ער האָט נישט שטענדיק געהאַט קיין געלעגנהייט זיי ארויסצובערענגען מינדלעך. די יאָרן האָבן זיך גענומען זייערס, ר׳ מרדכי האָט זייער נישט ליב געהאַט צו ליגן א צוגעשמידטער צום בעט, אָבער אמאָל האָט ער דאָס געמוזט. און אמאָל איז געקומען א צייט, ווען אפילו ליגנדיק אין בעט, האָט ער אויך נישט געטאָרט שמועסן און געדאנקען און געפילן זיינען געבליבן נישט דערזאָגטע. אָבער א פאקט איז, אז שרייבן האָט מרדכי ראָזאָווסקי אָנגעהויבן אין שפּעטן זומער פון זיין לעבן. און ער האָט געשריבן זאכן, וואָס ער האָט נישט געמוזט זאָגן אלס מנהיג. ער האָט געשריבן וועגן תנ״ך און וועגן געוויסע קולטור־ענינים און ער האָט געשריבן וועגן שטימונגען און באַציאונגען צווישן נישט אידן. ער האָט געקענט גיין צו א פאַרזאַמלונג פון דער ליגע פאַר מענטשן רעכט און צוריקקומען א דערוואַרעמטער ווי אַ יונגערמאנטשיקל און אָנשרייבן א ליבעזאַנג אין פּראָזע! איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט צו שרייבן וועגן דרך ארץ פון מענטש צו מענטש, וואָס ער האָט געזען!

ר׳ מרדכי האָט געשריבן העברעאיש און אידיש. צו ריידן איז אים, נאַטירלעך, געווען גרינגער אידיש. צו שרייבן איז אים, דאכט מיר, געווען גרינגער צו שרייבן העברעאיש. ווען ער האָט אָנגעהויבן נעמען א פעדער אין דער האנט אריין, האָט מען ביי אידן געשריבן מער העברעאיש ווי אידיש. נישט נאָר תלמידי חכמים האָבן געשריבן בריוו אין לשון קודש, נאָר אויך עמי הארץ האָבן אָנגעהויבן און געענדיקט זייערע בריוו אויף לשון קודש. (דאָס דאַזיקע האָט געפירט צו א סך קוריאָזן און וועגן דעם איז פאַראַן א ים מיט וויצן). אָבער גלאַט האָט ער נישט געשריבן נישט אין העברעאיש און נישט אין אידיש. ער האָט געוואָלט צופיל זאָגן אויף אמאָל. ער האָט צומאָל געוואָלט זאָגן אין איין ארטיקל דאָס דאַזיקע, וואָס מען מוז זאָגן אין דריי. אונזערע פרומע אידן האָבן געוואוסט, אז ביים זאָגן קריאת שמע דאַרף מען מפריד זיין בין הדבקים. אין שרייבן דאַרף מען דאָס דאַזיקע אויך טאָן און ר׳ מרדכי האָט דאָס דאַזיקע נישט געטאָן. ער האָט צו זיין שרייבן געהאַט

די זעלביקע ציטערדיקע באציאונג ווי דער פרומער איד צו קריאת שמע, אָבער מפריד זיין בין הדבקים האָט ער נישט געקענט. ווארשיינלעך איז דאָס גע־ ווען איבערהויפּט, ווייל ער איז א גאנץ לעבן געווען א שמועסער און ביים שמועסן איז נישט פאראן קיין מוקדם ומאוחר. ביים שמועסן מעג מען ארי־ בערשפּרינגען פון ענין צו ענין, בעת ביים שרייבן מוז מען זיך האלטן אין באשטימטע ראמען, אויב מען וויל נישט סתם שרייבן און מען וויל דערפירן ביז צו א געוויסן פּונקט. אויב מען וויל נישט דווקא ערגעץ אָנקומען, קען מען אויך פאָרן אהין און צוריק, אָבער אויב מען וויל אָנקומען אויף א באַ־ שטימטן פּלאַץ, מוז מען פאָרן נאָר אהין. און דאָס שווערקייט אין ר׳ מרדכי׳ס שרייבן איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער האָט אי געוואָלט פאָרן אהער און אהין און אָנקומען האָט ער געוואָלט אָדער נאָר אהער, אָדער נאָר אהין...

דער סאמע עיקר פון ר׳ מרדכין איז פארבליבן אין זיין לעבעדיק וואָרט. דער ראָזאָווסקי שבעל פּה איז געווען נישט אין אן ערך אינטערע־ סאנטער ווי דער ראָזאָווסקי שבכתב. אין לעבן האָט ער געשפּרודלט מיט חכמה און מיט ווערטער און ווערטלעך. עס האָט זעלטן פּאסירט, אז בעת א שמועס זאָל ער נישט געבן א זאָג א וואָרט, אָדער א געדאנק, וואָס זאָל זיך אריינשנייַדן ווי א בליץ. אין די אַרטיקלען אין זיינע וועט איר געפינען א סך וויניקער בליצן.

און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס אין ריידן איז ר׳ מרדכי געווען אן אויסגעשפּראָכענער כבד פּה. ער פלעג צומאָל מוזן מאכן א גרויסע אָנ־ שטרענגונג צו ארויסברענגען א וואָרט און כאָטש ער איז געווען גענוג קלוג נישט צו ליידן דערפון — ער האָט מסתמא געטראכט, אז אויב משה רבנו האָט דאָס געמעגט זיין, טאָ ווער איז ער, וואָס זאָל קעגן דעם פּראָטעסטירן? אָבער א פּיין איז דאָס נישט איין מאָל געווען פאר אים און פאר דעם מיט־ שמועסער. ווען עס וואָלט געווען דערלויבט, וואָלט איך געזאָגט, אז ר׳ מרדכי ראָזאָווסקי איז געווען דער כבד פּהדיקער סאָקראַט פון ארגענטינער ציוניזם. און כאָטש ער איז געווען א כבד פּה האָט ער מיט זיינע שמועסן אויפגע־ טאָן וואונדערלעכע זאכן פאר דעם ארגענטינער אידישן ישוב בכלל און פאר דעם ארגענטינער ציוניזם בפרט. ער האָט נישט איין מאָל באטראָטן אויך טריבונעס, אָבער דער סאמע עיקר פון זיין טעטיקייט איז באשטאנען אין זיין פירן שמועסן. ער האָט ארייננערעדט אין מענטשן און דערנאָך האָט

דאָס שוין פון זיי ארויסגערעדט. זייער א סך פון די ציוניסטישע טוער זיי־נען פון אים באאיינפלוסט געוואָרן.

און עס איז זייער נייטיק צו פארשרייבן דעם ר׳ מרדכי שבעל פה. יעדער איינער, וואָס געדענקט א קלוג, אָדער א שארף וואָרט פון ר׳ מרדכין און אפילו זיינען א שיחות חולין, וואָלט אים געדארפט דערציילן. ווארום אויב עס וועט חלילה פארפאלן ווערן דער ראָזאָווסקי שבעל פה, וועט פאר־פאלן ווערן דאָס שענסטע און דערהויבנסטע פון איינעם פון די שענסטע אידן, וואָס האָט אין משך פון א קנאפן האלבן יאָרהונדערט באצירט אונזער ישוב און איז געווען זיין קרוין!

פנחס ביזבערג

ראָזאָווסקיס שאַרפע ווערטער

(געקליבן פון זיינע אַרטיקלען)

דאָס אידישע גייסטיקע לעבן אין אַרגענטינע צייכנט זיך נישט אויס מיט צופיל אָריגינאַליטעט. על פי רוב איז מען דאָ קאָפּירער און נאָכזאָגער. אַזוי אויף אַלע געביטן פון אידישן לעבן. גורמים זיינען פאַראַן א סך. די קאַרדינאַלסטע סיבה איז, אַז דאָרטן וואו ס'איז נישטאָ קיין אייגן שטייגער־לעבן, איז נישט מעגלעך, אַז ס'זאָלן אויפקומען א פאָלקלאָר, אַן אייגענער עולם המחשבה, א פאָלקס־וויץ און אַן אייגן ליד. אפשר גיט מען זיך נישט אָפּ קיין חשבון ווי ס'האַלטן זיך אין איין איבערחזרן די זעלבע ווערטער, די זעלבע געדאַנקען אין צייטונגס־אַרטיקלען, אין די רעדעס, אין דער בעלעטריסטיק; מען איז שוין געוואָרן אַזוי אָפּגעלאָזט און נאַכלעסיק, אַז מען באַמיט זיך נישט אַפילו עפּעס מחדש צו זיין, צו זאָגן א ניי וואָרט, אָדער באַטש אַן אַלטס אין א נייעם לבוש.

ראָזאָווסקי האָט געהאַט די פעאיקייט, שעפּנדיק פון אַלטן מקור, אונז צו איבערראַשן מיט א ניי פריש וואָרט, פון א לויטערן קוואַל „פון דער ריינסטער מזיגה”, אַגב זיינס א באַליבטער אויסדרוק. דער אָט־אָ כבד פה, אַז ער האָט זיך צערעדט, אָדער גאָר צעשריבן, נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון דער פּלאָנטערניש פון זיינע לאַנגע, לאַנגע הקדמות, — פלעגט גאָר אָפט האָבן מאָמענטן פון שטאַרקע ווערטער־אויפבליצן, שאַרפע קאָנדענסירטע זאָגן, וואָס האָבן ממש מחיה געווען דעם אויפמערקזאַמען צוהערער.

איך האָב לײדער נישט די מעגלעכקייט צו זאַמלען זיינע פיינע מילתא דבדיחותא, אָפט זייער און זייער געווירצטע, אָבער געבויט אויף פסוקים, מאמרי חז"ל, אוצרות פון אידישן וויץ, מיט וועלכע ראָזאָווסקי האָט מהנה געווען זיין מסיבה. אין דער מסיבה איז ער געווען פון די ראשי־המדברים, אָבער תמיד תוכנדיק און מלא כרמון.

ביים סדרן און מאכן דעם אָפּקלויב פון דעם נפטר׳ס שריפטן, האָב איך זיך גענומען די מי אויפצוקלויבן פון זיינע הונדערטער מאמרים א ריי ווערטער, סינטעטישע זאָגן, אפאָריזמען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט דער פּרעציזקייט פון אויסדרוק און מיט דער אמתדיקייט.

ראַזאָווסקי איז בכלל געווען שטרענג צו זיך, האָט קיינעם נישט נושא פנים געווען, סיי פערזענלעך, און סיי געזעלשאפטלעך. ער האָט דאָך גע־הערט צו דער קאטעגאָריע פון די עוסקים בצרכי הצבור באמונה! כפי מנהג המדינה האָט מען געדארפט זיין א פלייצע־קלאפּער, פּאטאקעווען אויף אלע, זאָגן אויף קרום — גלייך. ראַזאָווסקי האָט פיינט געהאט פאלשע שטעך און פאלשע שטיק. דעריבער פלעגט ער קריטיקירן מיט תלמוד חכמ׳שן כעס דאָס אויפגעסטריגעוועטע געזעלשאפטלעכע לעבן, מיט זיין טיפּישער טומלדיקייט, מיט דער פּאָליטיקעריי, מיט די פּויקן און טאצן, מיט די קעגנזייטיקע לוי־בערייען (שמור — לי ואני אשמור לך). דער דאָזיקער מעכטיקער שווער־וואָגיקער איד האָט בכלל ביי אלע אקציעס געפאָדערט א קאָלעקטיוון ברום (זיין אויסדרוק), א שאגת אריה, נישט קיין פּאסיווע מהיכי־תיתידיקייט, אין אלע אספּעקטן פון היגן אידישן לעבן.

אויף פאלשע טענער, רמעידיקע ריידעלעך האָט ער רעאגירט מיט קלאָרע דיבורים, לויטן קראָזשעשן מנהג, אָנרופן די זאכן מיט זייער נאָמען: ברויט — ברויט, וויין — וויין.

דער אָפּקלויב וואָס איך גיב דאָ ווייטער, וועט געבן דעם ריכטיקן באַ־גריף פון דעם דענק־אופן פון דער קערנדיקער פערזענלעכקייט, וואָס האָט ביים לעבן געהייסן מרדכי ראַזאָווסקי ז״ל.

ראַזאָווסקים ווערטער:

די וועלט אליין איז ניט וועלטלעך, נאָר זי איז ווילד און קערט זיך אָפּט צוריק צו איר פרימיטיוון צושטאנד.

***

מיר, אידן, האָבן אן איבערפלוס פון וועלטלעכקייט.

***

אונזערע אור־זיידעס האָבן פארמאָגט א שלל מיט וועלטלעכקייט.

***

„חביב האדם שנברא בצלם". אזא שטיקל פרקי אבות הערט מען נישט אין דער וועלט.

***

די היינטיקע קינס, זיי איז פרעמד אפילו דער באגריף ברודער.

***

אין ניסים זיינען אידן רייך, כמעט נישט ווייניקער ווי אין צרות.

***

די עם־הארצות, וועלכע האָט זוכה געווען מן ההפקר, שפּרייט זיך אויס ביי אונז מעשה תקיף ביי דער מזרח־וואנט.

***

פרומאקעס; צדיקים, וועלכע האלטן אין מורא דעם כביכול, וועלכער איז ביי זיי א שיק־אינגל און מוז אויספאָלגן אלץ וואָס זיי זיינען גוזר.

***

א שפּיי קען נישט באַרירן די לבנה, דער געוואגטסטער שפּייער קריגט דאָס צוריק אין זיין אייגענעם פּנים.

***

אין אלע ווינקלען פון אונזער לעבן פילט מען דעם זכר למיט... בלאָטיק.

***

די וועלט ווארט אומגעדולדיק אויף א שירה חדשה.

***

א וועלט מיט עשירים אדירים האָבן זיך אנטפּלעקט מיט זייער גאנ־צער אומבאהאלפענער אָרעמקייט און נאַקעטקייט.

***

ביים צוקאָפּנס פון חולה זיצט שטענדיק די קראנקנשוועסטער (דער פעלקער־בונד).

וועט די וועלט אונז דערלויבן א שטיקל טיש ביי איר סדר? אדער מיר וועלן בלייבן נאר ביי די קשיות?

*
**

אין דעם גרויסן וועלטלעכן עס־זאל טרעפן מיר, אידן, אנגעבויגענע בענקלעך, א סימן אז אלץ איז באשטעלט, פארכאפט, מען האט אונז מקדים געווען, פריערדיקע געסט האבן פארנומען די בענקלעך.

*
**

אויב מיר, אידן, זיינען אמאל געווען לערער, זיינען מיר אבער געבליבן אן א קנעלונג. היינט דארף מען ניט מער אונז און ניט אונזער למדנות, די גוים קענען שוין די תורה בעסער פון אונז.

*
**

דער ציוניזם איז דאס בלוט און פלייש פון אונזער נאציאנאלן איך און קאן איבערטראגן אויף זיינע פלייצעס פאקן און מאזלען.

*
**

אונזער עולם איז געווארן קליגער, האט פארשטאנען, אז די בריסט פון די אומות העולם קאנען ניט געבן מער פאר אונז קיין דערנערונג.

*
**

פויקן און פייפלעך, צימבלען און שופר־הערנער — דאס איז די דורכ־שניטלעכע מוזיק פון דער היינטיקער צייט.

*
**

ווער פארמעסט זיך דאס ניט אין היינטיקער צייט צו זיין א משיח? לויט דער שפע פון חוצפה און הפקרות איז אונזער דור שקול כנגד אלע משיח־עפאכעס פון אלע דורות.

*
**

חוצפה און צביעות — א סיאמער צווילינג.

*
**

איטלעכער דיקטאטאָר פון אונזער צייט באפוצט זיך אין א מאנטל פון משיחות.

⁂

נאציאָנאל־סאָציאליזם — איז א שעטנז־מלבוש געוועבט מיט אלע מינים פון שערלעכע פעדים — גענייט אויף א סאָציאליסטישן אונטערשלאק.

⁂

אליין איינגעטונקט אין זינד פון כלו חייב, וויקלט מען זיך איין אין א טלית שכלו תכלת און מ׳ווערט לחלוטין כלו זכאי.

⁂

דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז נאָר דאָס יום טובדיקייט פון אידנטום.

⁂

תקנות אָדער רעפאָרם פון א ברייטן נאציאָנאל־געזעלשאפטלעכן כאראקטער דארפן נישט געמאָסטן ווערן מיט א סכעמע פון תיכף־ומידקייט, נייערט דורך פערספעקטיווע ווייטקייט און אייביקייט.

⁂

מיר האָבן אויפגעהערט צו רעאגירן, פאָגראָמען און גרושים גייען שוין אריין אין אונזער לעבנס־שטייגער. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו דעם און מיר האָבן אָנגעהויבן צו באטראכטן זיי ווי פאָקן און מאָזלען.

⁂

עס פעלט דער קאָלעקטיווער ברום, דער שאגת אריה.

⁂

מיר טאָרן נישט מושווה ווערן מיט דער פעלדשארסקער פילאָזאָפיע, אז ס׳איז בכלל קיין דופק נישטאָ.

⁂

אן אלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס הייסט נאציאָנאלע אדמיניס־טראציע, בדק הבית.

די וועלט איז א חולה — און הולאים זיינען שטענדיק אומפאראנט־וואָרטלעך, עגאָאיסטיש און אכזריותדיק.

***

ווי קליין איז אונזער דור בעת מיר שטייען נאָך אמאָל פארן הר סיני פון אונזער גאולה.

***

עס איז נישט זייער אנגענעם ארומצושלעפן זיך איבער דער וועלט מיט דער שטענדיקער טאָרבע מיט יחוס.

***

מיר זיינען פאר די פעלקער א הארטער נוס, א הארטער ביסן.

***

די רייבנלוטיקע אריער האָבן מזכה געווען די היינטיקע וועלט מיט א פאשיסטישן תיקון עולם במלכות שדי.

***

די געשריבענע תנאים מיט איר עקסעלענץ געשיכטע „וארשתיך לי בצדק ובמשפט"; אונזער נדן. אָן צדק ומשפט — אויס שידוך.

***

די שכינה קען נישט רוען אין אן אטמאָספערע פון פולווער, רויך און פארטיי־מלחמות.

***

פאררדוס אָדער כעס איז נישט קיין בארעכטיקונג צו ווארפן א טינטער יענעם אין קאָפּ אריין.

***

א פאַרבאַדינג פון אליץ — איז דלא יפסוק מאוריתא.

***

שותפותדיקע ארבעט אָבער ניט קיין שותפותדיקער טאָפּ.

עס קאָנען זיין צייטווייליקע סיבות, וועלכע שטייען אין וועג (דאָס גישט רעאַליזירן די באַלפור־רעקלאַראַציע), אָבער סוף כל סוף מעקט מען נישט אָפּ אַזעלכע חובות. א גאַנצע וועלט באַנקראָטירט ניט.

***

לאָמיר גלויבן אין דער דויערהאַפטיקייט פון עולם און פון דעם עם עולם.

***

מען דאַרף אַריינדרינגען דורך א באַזונדערע אספקלריא המאירה אין דער טיפעניש פון דורות, כדי אָפּצושאַצן די קאָמפּליצירטע קייט פון דעם נצח ישראל.

***

די טראַדיציע איז דאָך די כלי, וועלכע ציט אַריין אין אירע ווענט דעם זאַפט און ריח פון יין־המשורה, פון דעם כרם ישראל.

***

אדם קרוב לעצמו. — שפּעטער קומט דער קאָלעקטיווער מאָמענט.

***

מיר אַלס אַן עם־עולם, באַגרייפן אוממיטלבאַר, אַז א גאולה דאַרף זיין א גאולה שלמה פאַר אַלעמען.

***

ימים טובים זיינען פאַר פעלקער פון דער זעלבער נויטווענדיקייט ווי שפּילצייג פאַר קינדער, ווי שטיפעריי און איבונגען, כדי זיך אויסלעבן אין חברותא מיט אַנדערע, נאָר אין טרויער און אומעט קען מען פאַרבלייבן אַליין.

***

סוכות מיט קרומע ווענט — אַזעלכע זיינען אונזערע סוכות און אַזעלכע זיינען אונזערע לעבנס־באַדינגונגען.

***

השתא עבדי לשנה הבאה בני־חורין: ניט זאָרגט אידן, מענטשן, מיר

זיינען נאָך היי־יאָר פארשקלאפט, אָבער אם ירצה השם דעם קומענדיקן יאָר וועלן מיר זיין פריי, מיר און די גאנצע מענטשהייט.

⁂

אתה־בחרתנו איז ניט קיין טיטול ווי דאָס איז צ"ב גראַף, באראָן, לאָרד א"א אדל־טיטולן, וואָס שטאמען פון יחוס, פון זיידעס, וואָס האָבן אומגעבראכט גאנצע ארמייען און שלאָגנדיק זיך מיטן שונא, האָבן די באַ־טרעפנדיקע גיבורים מיט ציין דעם האלדז איבערגעשניטן א פעלדמארשאל אָדער א מלך, — אתה בחרתנו לייגט גאָר ארויף התחייבותן: צו זיין בעַ־סער און מענטשלעכער פון א צווייטן, האָבן צרות, זיין מארטירער, פאַר־מאָגן מוט צו גיין אויף קידוש השם.

⁂

דער באגריף „אוהב ישראל" איז א גלות־עפיטעט, א געלע לאַטע אויף דער פלייצע. ספּעציעלע ליבע צו אידן איז ניט אמת און ניט נאַטירלעך, איבערהויפּט פאַר גוים.

⁂

די וועלט איז זאַט מיט וואוילקענערשאפט, דערפינדונגען און אויפ־טועונגען אין וויסנשאפט, אָבער איז אָרעם אין גרויסע מאָראלישע מענטשן, וואָס זאָלן פארקערפּערן און פּערזאָניפיצירן מיט זיך דעם וועלט־יושר.

⁂

פון קדמונים אָן איז אונזער איינציקע האָפנונג געווען, אז דער קורס פון וועלט־יושר זאָל זיך הויבן און דאָן וועלן מיר האָבן א תקומה.

⁂

מיר מוזן האָבן איינזעעניש מיט אונזערע אלישע בן אבויהם פון אלע צייטן, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע פּערזענלעכקייטן און זייער פייער איז נישט געווען קיין אש זרה.

⁂

קען דען זיין מער וועלטלעך ווי די טעקסטן פון תנ"ך.

⁂

צאָלט מען דען ניט היינט, אין אונזערע צייטן, מיט א נאָבלפּרעמיע פאר דעם בעסטן קאָמענטאר אויף ישעיהס „והיה באחרית הימים"?

***

פרעה'ס מאָגערע קי פיטערן זיך אויף די לאָנקעס פון קולטורלאָזיקייט.

***

אן אומפּרוכטבארער עקרה'דיקער היינט שטארבט אָן א קדיש און לאָזט ניט איבער קיין יורש דעם מאָרגן.

***

דער מאָרגן מוז ווערן אויסגעטראָגן און אויסגעוואַרעמט פון דעם נעכטן און היינט און אויב דער זיווג איז נישט עולה יפה, ווערט דער מאָרגן א מפּיל.

***

א שפּאָגל נייע אידישקייט, א קיקין דיונהדיקע, אויפגעסטריגעוועטע אידישקייט! — וועלטלעכע אידישקייט.

***

דער גלות האָט אויף אונז גוזר געווען צו פירן א טאָפּלטע בוכפירונג אין אלע פאזן פון אונזער לעבן: צווייענדיקער שול-וועזן, טאָפּלט בירגער־שאפט, פילשפּראכיקייט.

***

אונזער דור הויבט אָן פון וועלטלעכקייט, שטרעקט אוים זיינע הענט ארומצונעמען דעם גאנצן אוניווערז, קושט אים און האלדזט אים אזוי פיל, אז ער גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון, ווי ער דערשטיקט זיין אייגענע וועלט.

***

וועלטלעכקייט איז בכלל א מטבע, וואָס האָט ניט קיין סטאבילן קורס, זי איז אָפּהענגיק פון מארק און געברויך, — ווער ס'זיינען אירע קויפער. כל זמן דער מענטש איז ביליקער ווי זאמד — איז די וועלטלעכקייט ניט מער ווי שטויב...

***

די מאסע באזיצט אין אירע מסתרי־הנפש א יושר־קוואל.

*
**

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא — אלע אידן, יעדער איינער, וואס שטרעקט אויס די האנט צום כלל, מוזן מיר אים זאגן: אחינו אתה, דו ביסט אונזער ברודער און ווערסט פארעגיסטרירט אין אונזער געמיינשאפט ווי א גלייכער.

*
**

וועגן אסימילאציע: ווען איינער באשליסט שוין יא באגיין א גייסטיקן זעלבסט־מארד, זאל ער דאס טאן אין ים־הגדול, — דערטרינקען זיך אין א בלאטיקן טייכל, דאס איז א זייער ניט־בכבודיקער טויט.

*
**

ארגענטיניזם קושט זיך מיט א בלייך־פנימדיקער אידישקייט.

*
**

וואס פלאכער עס איז דער ניוואָ, אויף וועלכן מען געפינט זיך, אלץ גרעסער איז די געפאר פארשיט צו ווערן פון דער אייגענער פלאכקייט.

*
**

ווען זקנים רוימלען זיך מיט יוגנטלעכער פארב איז דאס אפט א נותן טעם לפגום.

*
**

דער עבר, הווה און עתיד — איבער זיי מוז ליגן א בריק פאר די דורות, כדי זיי זאלן קאנען גיין זיכער דעם וועג צו תכלית השלימות.

*
**

נאר וואגאבונדן און וואנדערנדיקע ציגיינער צעשלײדערן און לאזן איבער אין וועג אלץ, וואס זיי דארפן ניט צום טעגלעכן געברויך.

*
**

זאל זיך ציען יוגנט ווי טויבן פון אלע זייטן אין זייער נעסט.

*
**

דער באגריף יהדות אליין איז דאך וועלטלעך און פראגרעסיוו, יהדות איז א גרויסער בוים מיט א סך צווייגן, וואס קאן באשיצן מיט זיין שאטן אלעמען.

מיכאל גרייוועד

דער לערער און עסקן

„... אויב מען וויל אויף אנדערע משפיע זיין, דארף מען ארבעטן אויף אייגענער השלמה; מען דארף אזוי לאנג גיסן אין זיך, ביז עס זאל זיך אריבערגיסן צו אנדערע."

„... אין געזעלשאפטלעכער ארבעט איז נויטיק דריי זאכן: נישט ברוגז ווערן, נישט פארמאטערט ווערן, נישט וועלן אויפטאָן, נאָר טאָן."

(פון די אלטע מוסר־ספרים).

מיט שווערע אָבער פעסטע טריט האָט ר' מרדכי ראַזאָוואַסקי ז"ל ארומגעשפּרייזט אין אונזער אידיש־ארגענטינער וועלט אין משך פון איבער פיר צענדליק יאָר. ער איז געווען כמעט איינער פון די לעצטע מאהיקאנער, ביי וועמען מיר האָבן שטענדיק געהאט וואס צו לערנען און וואָס אָפּצולערנען. זיינע באציאונגען מיט דעם עולם קטן, ד. ה. מיט פערזענלעכע טאָג־טעגלעכע אייגענע נויטן און באדערפענישן זיינען געווען זייער באגרעניצטע, ווייל ער האָט שטענדיק ארומגעשוועבט אין די עולמות העליונים פון גייסט, ציוניסיטישן עול פון מצוות התלויות בבנין הארץ. ער איז געווען אריינגעטאָן אין אונזערע געזעלשאפטלעכע ענינים און א אן אומקאָמפּראָמיסלעכער קריטיקער. אויב ער האָט באמערקט אין אונזערע עניני־ציבור געוויסע שטריכן וואָס האָבן געקענט פארטונקלען די אידישע עטיק אָדער מאָראַל.

אלס אזעלכן האָב איך אים געזען אין משך פון איבער צוויי צענדליק יאָר, וואָס איך האָב זוכה געווען צו זיין איינער פון זיינע נאָענטסטע תלמידים און פארערער. ר' מרדכי איז געווען א אייגנארטיקער טיפּ איד, נישט נאָר אין ארגענטינע בלבד, נייערט איינער פון די זעלטענע עקזעמפּלארן אין

לאטיין־אמעריקע. איינצייטיק איז ער אויך געווען א אינטעגראלער איד און א טיף קאמפליצירטע פיגור.

אין דער פערזאן פון ר׳ מרדכי ראזאווסקי האבן געפונען א מזיגה פארשיידענע קולטורן, צייטנווייז האבן זיי געהאט צוזאמענשטויסן, ווייל פון פארשיידענע קוואלן זיינען זיי ארויסגעקומען, אבער סוף כל סוף האבן זיי זיך דערגענצט, הגם שטענדיק האט געזיגט דער ריין אידישער מקור, וועלכער האט ארויסגעשטראמט ווי א ריין קרישטאל וואסער פון א לויטער־רער אידישער נשמה און פון א געלייטערטן ריין אידישן געדאנק.

די מירער ישיבה, וואו ר׳ מרדכי איז געשוואומען טעג און נעכט אין דעם ים התלמוד, דער בית מדרש און שפעטער די השכלה־עפאכע, זיי האבן אלע געלייגט אן אייביקן חותם אויף דער געשטאלטונג פון זיין גייסטיקער פיזיאנאמיע. אלס וואגיקער צוגאב איז שפעטער באריייכערט געווארן זיין גייסטיקער מהות מיט דער קלאסישער רוסישער ליטעראטור, מיט די קלא־סיקער פון דער אידישער ליטעראטור — מענדעלע, פרץ, שלום עליכם — און נישט צולעצט די מאדערנע העברעאישע ליטעראטור, דאס אלץ צוזאמען האט ר׳ מרדכי אלס קורא ותיק און אלס מתמיד טיף ארייגעזאפט אין זיין קלארן און דענקענדן מוח, אזוי אז די מזיגה איז געווען א פערפעקטע. עס האבן וואונדערבאר געהויזט אין זיינע גייסטיקע געצעלטן — שם און יפת.

די קרוין אבער פון דער אייגנארטיקער אינדיווידואליטעט איז געלעגן אין נאך איין צענטראלער פעסט־געבויטער ליניע. שווער צו געפינען אין אונזער מיט נאך אזא אידן וואס זאל זיין אזוי פארבאריקאדירט מיט אהבת היהדות און אהבת ישראל. יעדער אידישע גייסטיקע דערגרייכונג איז געווען א מאטיוו פון יום־טוב און פון שבת׳דיקייט אין זיין לעבן. יעדע טרויעריקע פאסירונג אין דעם אידישן לעבן ערגעץ וואו האט טיף דערשיטערט זיין נשמה. זיין טרייסט און דערמוטיקונג אין אלע שווערע צייטן — און בי־טערע צייטן פעלן נישט אין דעם אידישן לעבן — איז געווען דאס ליכט פון דעם הערזאישן ישוב פון ארץ ישראל.

ר׳ מרדכי האט שטענדיק און אן אויפהער קאמענטירט דעם הויכן אידישן פרינציפ פון אלהים חיים. זיין לעבנס־מאראל איז געווען דער אייביק אומשטערבלעכער אידישער געבאט: וחי בהם. און ער האט דאס לעבן אזוי ליב געהאט, אז מאמענטנווייז האט זיך אונז געדוכט, אז ר׳ מרדכי איז

קאפאבל צו פארהאלטן דעם מלאך המות און אפהאלטן זיין אנגריף אויף אים, דעם ישראל סבא, וואס וויל נאך כאטש דערלעבן צו זען אביסעלע נחת אין עם ישראל. ער האט געוואלט אייביק יונג זיין, און דערפאר זיין יוגנט־לעבער טאן אין יעדער באציאונג, און זיין גארן צו יעדן פרישן ווארט און געדאנק.

פון דעם אלעמען ווערט פאר אונז קלאר, פון וואנען עס נעמט זיך צו ר' מרדכי'ן אין זיינע לעצטע לעבנס־יארן אזא נטיה צו רעליגיאזיטעט. דער אין תוך נישט פרומער מתנגד, ווערט לעצטנס א קנאי ווען די אידישע רעליגיע ווערט ערגעץ וואו אנגערירט בפרהסיה...

גאר פון א באזונדערער באדייטונג איז דער קאפיטל פון ר' מרדכי'ס שיחת חולין. א גלענצנדער שמועסער און מיטשמועסער האט ער פארשאפט א גייסטיקן פארגעניגן יעדן איינעם וואס האט נאר מיט אים פארבראכט אין קאמענטירן געזעלשאפטלעכע, ציוניסטישע אדער ליטעראַרישע ענינים.

ר' מרדכי איז אויך געווען א שטארקער פארערער פון אידישע קינדער. איז ער נאר געקומען אין בארירונג — בעיקר בעת זיינע באזוכן אין שולעס — מיט אידיש קליינווארג, אזוי איז ער געווארן גאר אן אנדער מענטש. אזא באזוך האט זיך שטענדיק פארענדיקט מיט טרערן פון פרייד און גליק. דער „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז" — איז געווען ביי אים א שטיק פון זיין גאנצער אידישקייט.

אין זיין איבערגעבנהייט פאר די ציוניסטישע פאנדן איז ר' מרדכי געווען א שם דבר און פאר לאנגע יארן אן אוניקום אין ארגענטינע. אין די ערשטע יארן פון די קרן היסוד קאמפיינען איז ר' מרדכי געווען נישט נאר דער גרעסטער בייזשטייערער פון קרן היסוד אין ארגענטינע, נייערט אויך דער גרעסטער זאמלער, סיי אין ב. איירעס ווי אין די פראווינץ־שטעט. אין רעגנס און אין שטורעמס פלעגט ר' מרדכי, אנגעטאן אין שטיוול ווינטער־צייט, ארומשפרייזן איבער די קאלאניעס און זאמלען פאר די ציוניסטישע פאנדן. ווי א פרומער איד גייט מיט יראת הכבוד צו סליחות, אזוי האט ר' מרדכי געטאן די מלאכת הקודש פון די ציוניסטישע קאמפיינען, ווייל נישט נאר געלט פארן בודזשעט פון א"י האט ער געזאמלט, נאר בעיקר האט ער געזאמלט אידישע נשמות פאר א"י, פארן קאמף פון דער אידישער נאציאנאלער רענעסאנס. דערפאר איז קיין איד קיינמאל נישט ברוגז געווען אפילו

דאן ווען ר׳ מרדכי איז אין כעס געוואָרן און האָט זיך אויף אים גוט אויס־געבייזערט פאר א נישט ריכטיקער שטעלונג אָדער לייכטזיניקער באציאונג צו די פליכטן פון בנין הארץ.

אָט דאָס אלץ, און נאָך פיל, וואָס איז דאָ נישט דערזאָגט געוואָרן, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער טייערער און ליבער איד ר׳ מרדכי ראָזאָווסקי. זיינע פארערער און תלמידים וועלן פון אים אביישפיל אראָפּנעמען ווי מען דארף דינען דעם פאָלק ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג, און ווי אזוי אהבת ישראל דארף באהערשן דעם געדאנק און די נשמה פון יעדן אידן בכל דור ודור.

מרדכי מיידאניק

שטריכן פון ר׳ מרדכי׳ן

אויסער יאָרנלאַנגער באַקאַנטשאַפט האָט מיך פאַרבונדן מיט ר׳ מרדכי׳ן קנאַפע 10 יאָר נאָענטע מיטאַרבעט אין די פיר ווענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. קרוב צו 10 יאָר האָב איך געהאַט דעם זכות צו שטיין אין זיין מחיצה און נהנה זיין פון זיין שאַרפן מח, טיפער לעבנס־חכמה, נאַטירלעכער עניוות, האַרציקער חבר׳שאַפט און באַוואונדערן זיין ביישפּיל־לאָזע איבערגעגעבנקייט צום ציוניסטישן רעיון און אייפער פאַרן אמת און גע־רעכטיקייט. קרוב צו 10 יאָר האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אים כמעט טאָג־טעגלעך און איך האָב אים געזען אין מאָמענטן פון פרייד ווי פון טרויער, פון השראה ווי פון נידערגעשלאָגנקייט, פון אָנגע־צויגנקייט ווי פון סענטימענטאַליזם ביז טרערן. איך האָב אים קענען גע־לערנט אין מאָמענטן פון זיין גאַנצער האַרטקייט, פון „יקוב הדין את ההר״, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן א באַגאַנגענעם פעלער מצד וועמען עס זאָל ניט זיין קעגן אידישן כבוד, און אין מאָמענטן פון ווייכקייט, ווען עס איז געגאַנגען אין דערפילן א חוב צו א מיטמענטש, אַלצאיינס צי דאָס איז געווען א נאָענטער חבר, אָדער אן אומבאַקאַנטער, וועמען ער האָט געזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

מיט איייניקע שטריכן וועלכע האָבן זיך ביי מיר איינגעקריצט טיף אין זכרון וועל איך זיך דאָ טיילן מיטן לייענער.

1. — „חבר ראָזאָווסקי״

סעניאָר ראָזאָווסקי אָדער הער ראָזאָווסקי — אזוי האָבן אים אָנגע־רופן ניט־ציוניסטן און האָבן דערמיט אליין אוועקגעשטעלט א מחיצה צווישן זיך מיט אים. מיט זיי איז ר׳ מרדכי געווען שטרענג און אָפיציעל: געענט־פערט אויף א געשטעלטער פראַגע און באַלד דערלאַנגט א קאַלטע האַנט צום

אפשיד. ציוניסטן אָבער האָבן זיך צו אים געווענדעט היימישלעך און נאָענט מיט „חבר ראָזאָווסקי". אלע אָן אונטערשייד: עסקנים מיטארבעטער, תורמים און אָנגעשטעלטע פון די ציוניסטישע ביוראָען, אָנהויבנדיק פון סאמע שפּיץ ביז העט העט דעם שיק־אינגל, האָבן אים גערופן „חבר ראָזאָווסקי" און דער ברייטער שמייכל וואָס עס פלעגט זיך צעגיסן אויף זיין קיילעכדיקן פּנים ווען א קליינער יאַטל האָט אים אָנגערופן „חבר ראָזאָווסקי", האָט אויסגע־געבן זיין גרויס צופרידנקייט דערפון.

און מערקווירדיק: מיטן טיטל רב — רב מרדכי — האָט מען אים גערופן אונטער זיינע אויגן...

2. — צוויי היימען

ר' מרדכי האָט געהאַט צוויי היימען: איינע די געוויינלעכע היים, דאָרט וואו עס האָבן זיך געפונען זיין פרוי און קינדער און וואו ער האָט גע־געסן און געשלאָפן, און די אנדערע וואו ער האָט זיך אויסגעלעבט גייסטיק, — די ציוניסטישע פעדעראציע.

אויך אין זיינע גוטע יאָרן אלס אָנגעזעענער סוחר, איז נישט אריבער־געגאנגען א טאָג אז ר' מרדכי זאָל ניט אריינקומען אין דער ציוניסטישער פעדעראציע. סיידן אין פאלן פון ניט־געזונט אָדער ווען ער איז געווען אָפּ־וועזנד פון שטאָט צוליב עפּעס א ציוניסטישער שליחות. שפּעטער ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיינע געשעפטן האָט ער זיך גאָר באַזעצט נאָענט פון דער ציוניסטישער פעדעראציע און טאָג־טעגלעך אהין געמאכט זיין ערשטן באַזוך.

אריינקומענדיק האָט ער קיינמאָל ניט געוואַרט מען זאָל אים אנט־קעגנטראָגן דעם שלום, נאָר ווי א גוטמוטיקער פאָטער איז ער ארומגעגאנגען פון ביוראָ צו ביוראָ און אריינגעשטעקט די האַנט וועמען ער האָט נאָר אָנ־געטראָפן. און אז ר' מרדכי האָט דערלאַנגט א האַנט איז עס געווען ניט סתם פון יוצא וועגן, נאָר מען האָט דערפילט די גאנצע וואַרעמקייט פון זיין נשמה און גרויס הארץ, א וואַרעמקייט וואָס דרינגט אריין אין אלע איברים און מאכט אייך פילן אזוי היימיש, אזוי נאָענט...

דאָס איז אָבער ניט געווען זיין איינציקער באַזוך. פאַרן אהיימגיין עסן מיטיק איז ער אריינגעקומען א צווייטן מאָל: ווי א זאַך מאַכט זיך מ'עט זיך טרעפן מיט א גאַסט פון פּראָווינץ, אָדער עס האָט זיך פאַר דער צייט באַקומען א פרייל עכע ציוניסטישע ידיעה. פון אריינקומען פאַרנאַכט איז

דאָך שוין אָפּגערעדט. אין די דאָזיקע שעה'ן קומען דאָך פאַר די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע און סתם ווימלט עס דעמאָלט מיט מענטשן...

3. — אַן אדרעס פאַר בעטן א טובה

איך ווייס ניט צי איז אין דער גרויסער בוענאָס איירעס געווען נאָך איינער וואָס זאָל דינען פאַר אַן אדרעס פאַר א טובה, ווי דאָס איז געווען ר' מרדכי. מערסטנס האָט מען אים אויפגעזוכט אין זיין גייסטיקער היים, אין דער ציוניסטישער פעדעראציע. פאַר א נויט איז מען געגאַנגען אים אויפזוכן אין איינע פון די קאפעס וואוהין ער פלעגט אריינקומען. און האָט זיך געמאכט אז מען האָט אים גאָר געטראָפן אין גאס האָט מען אים אָפּגעשטעלט און געבעטן ביי אים וואָס מען האָט געהאט צו בעטן. ער איז דערפאַר קיינמאָל ניט געווען ברוגז. פאַרקערט. ווען עמיצער האָט זיך בשעת־מעשה געפּרואווט פאַרענטפערן הלמאי ער האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט אים ר' מרדכי אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון אויבן ביז אראָפּ, אָדער ארויס־געקומען מיט א וויץ, אז יענער האָט זיך שטארק פארוויטלט און זיך גע־פּרואווט פאַרענטפערן, הלמאי ער האָט זיך פאַרענטפערט.

און טובה'ס האָט מען ביי אים געבעטן, — וואָס ניט? א סוחר איז געקריוודעט געוואָרן פון א צווייטן סוחר — צו וועמען ווענדעט מען זיך? צו ר' מרדכי'ן. מען האָט אנטזאגט אַן אָנגעשטעלטן צוליב א קאפּריז פון א פּרעזידענט, אַן אויפגעקומענעם גביר — צו וועמען ווענדעט מען זיך? צו ר' מרדכי'ן. אַן אָרעמאַן דאַרף אריינגעבן אַן אייגענעם אין אידישן שפּיטאָל און איז קיין מיטגליד ניט — צו ר' מורדכי'ן. אַן אָנגעשטעלטער אין א ציו־ניסטישער ביוראָ בעט אַן הוספה און עס גייט צו שווער מיט איר — ווידער צו ר' מרדכי'ן.

און ווי ר' מרדכי איז ניט געווען פאַרנומען האָט ער שוין אַלעמאָל גע־פונען צייט אויסצוהערן און דער עיקר טאָקע עפּעס צו טאָן, און זעלטן ווען זיינע א אינטערווענץ זאָל ניט געווען געבן קיין רעזולטאַט. דאָס איינציקע נאָר צו וועלכן ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס פאָרזיכט איז געווען ווען מען האָט אים איינגעלאַדן אלס בורר און אַנגענומען האָט ער עס נאָר ווען ער איז געווען איבערצייגט אין יענעמס גערעכטע טענות.

4. — ר' מרדכי דער רודף-שלום

ר' מרדכי האָט ניט געקענט צוזען אז חברים זאָלן זיין ברוגז צווישן זיך און געטאָן דאָס מעגלעכסטע זיי זאָלן זיך איבערבעטן, און דעסגלייכן

האָט ער אַליין ניט געקענט זיין לאַנג ברוגז אפילו מיט א ווילד־פרעמדן, און דער עיקר מיט חברים. ער האָט ניט געוואַרט אויף ערב יום־כפור פאַר איבערבעטן זיך. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז פאַר אים יעדער טאָג געווען ערב יום־כפור...

אלס מענטש מיט פעסטע עטישע פרינציפּן איז ער געווען מורא׳דיק שטרענג צו זיך און אויך צו יענעם און האָט ער באַמערקט אן עוולה מצד עמיצן האָט ער שוין ניט גערוט ביז ער האָט יענעם ניט איינגעלאַדן אין א קאַפע און אים גוט אויסגעמוסר׳ט, און ווען ניט ווען ביזן אריבערכאַפּן די מאָס. ניט אַלע מאָל ווילט זיך אָבער אויסהערן מוסר, מעג עס זיין אפילו פון אזא איינעם ווי ר׳ מרדכי. מער ווי איין מאָל טרעפט אויך, אז מען האָט ר׳ מרדכי׳ן שלעכט איבערגעגעבן, אָדער גאָר אינגאַנצן פאַלש און אויף דעם סמך האָט ער עמיצן אריינגעזאָגט א פאָרציע מוסר...

האָט מען טאַקע געדאַרפט זען ר׳ מרדכי׳ס צער ווען ער האָט זיך אין א צייט ארום געטראָפן מיט איינעם אזא אויסגעמוסרטן און יענער האָט פאַר־דרייט ס׳פּנים און זיך מיט אים ניט געגריסט. איבערהויפּט איז גרויס געווען זיין צער ווען ער האָט זיך אַליין שפּעטער איבערצייגט, אז ער האָט אריבער־געכאַפּט די מאָס, אָדער זיך געשטיצט אויף ניט עקזאַקטער אינפאָרמאַציע. ער האָט ניט געגעסן און ניט געטרונקען און זיך קיין רו ניט געפונען ביז ער האָט זיך מיט יענעם ניט איבערגעבעטן...

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי, וואָס ווען דער אויסגעמוסרטער האָט יאָ פאַרדינט די נזיפה, האָט ר׳ מרדכי אויך לאַנג ניט געקענט זיין ברוגז מיט אים. און האָט זיך געטראָפן, אז יענער האָט געהאַט מוט און זיך אַליין אי־בערגעבעטן איז ר׳ מרדכי ממש געווען גליקלעך. אין קעגנטייל האָט ער אים געזוכט און זיך מיט אים איבערגעבעטן.

לאַנג זיין ברוגז מיט עמיצן האָט ר׳ מרדכי ניט געקענט. דאָס איז געווען קעגן זיינע פרינציפּן.

5. — ר׳ מרדכי דער איש-אמת

עס בעט זיך ממש ברענגען א פּאָר שטריכן וועגן ר׳ מרדכי שבעל־פה, וואָס איז געווען א מעין המתגבר. זיינע שמועסן זיינען דאָך געווען א וואונ־דערבאַרע מזיגה פון איינגעבוירענעם שאַרפזין, טיפער לעבנס־חכמה און גרוי־סער שעפערישקייט. עס בעט זיך דערציילן וועגן ר׳ מרדכי שבכתב, וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסברענגען זיינע טיפע געדאַנקען אויף פּאַפּיר שוין צו דער

על־טער, און הגם די פאָרם אין וועלכע זיינע ארטיקלען זיינען געשריבן גע־וואָרן איז א פארעלטערטע און דער סטיל א האמעטנער, דאָך קען מען פון זיי א סך לערנען. איך וואָלט אויך געקענט עפּעס דערציילן וועגן ר׳ מרדכי דעם בריוו־שרייבער. האָט ער דאָך יאָרנלאנג רעאגירט אויף זאכן און גע־שעענישן דורך פּערזענלעכע בריוו צו שרייבער, דענקער, אינסטיטוציעס און סתם אידן און ס׳איז נאָר א שאָד וואָס עס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט קיין קאָפּיעס פון זיי. איך לאָז דאָס אָבער איבער אלס „מקום להתגדר בו״ פאַר די אנדערע חברים וואָס באטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן בוך. וואָס איך קען יאָ ניט אריבערגיין איז וועגן ר׳ מרדכי דעם איש־אמת, דער מער כאראק־טעריסטישער שטריך אין אים, וואָס האָט ארויסגערופן אזוי פיל דרך־ארץ פון נאָענטע און ווייטע.

מיט קליינע איבעררייסן האָט אים זיין קראנקייט געהאלטן צוגעשמידט צו דער שטוב קרוב צו צוויי יאָר. איך בין אין משך פון דער דאָזיקער צייט געווען פון זיינע אָפטערע באזוכער און ווען ס׳האָט געטראָפן אז איך האָב צוליב פארשיידענע סיבות געפעלט איינציקע טעג כסדר, האָט ער אליין מיך ארויסגערופן טעלעפאָניש אָדער געהייסן ארויסרופן. זיין שלעכטער געזונט־צושטאנד האָט אויף דעם מינדעסטן ניט אָפּגעשוואכט זיין אינטערעס פארן לעבן און ספּעציעל פארן אידישן אין אלע זיינע אספּעקטן, בראש מיט די נאציאָנאלע.

וואָס ווייטער זיינען מיינע באזוכן געוואָרן אָפטערע און אָפטערע, אויך זיינע טעלעפאָנישע איינלאדונגען. גוטע פריינט האָבן באשלאָסן ארויסגעבן א זאמלונג פון זיינע ארטיקלען און ער האָט זיך מיט מיר באראָטן וועלכע פון זיי יאָ אריינגעבן און וועלכע ניט. ווי צופרידן ער איז ניט געווען וואָס ענדלעך וועלן זיינע ארטיקלען ארויס אין בוך־פאָרם, האָט ער שטארק גע־ליטן וואָס זיין עקאָנאָמישער מצב איז אזא וואָס דערלויבט אים ניט זיי אליין ארויסגעבן.

דערווייל האָט זיך זיין געזונט־צושטאנד שטארק פארערגערט און די דאָקטוירים האָבן אָנגענומען דראסטישע מיטלען אים אויפצוהאלטן ביים לעבן.

אין איינעם א פרימאָרגן — דאָס איז געווען עטלעכע געציילטע טעג פאַר זיין טויט — האָט מען מיך צו אים דרינגנדיק ארויסגערופן טעלעפאָניש. עס האָט מיך היפּש געוואונדערט. ערשט מיט א טאָג פריער בין איך דאָך ביי אים געווען. ווען איך בין אריינגעקומען האָט מיך א פאמיליע־מיטגליד אויפגענומען שטארק באזאָרגט: זיין לאגע איז א קריטישע און דער דאָקטער

האָט אים נאָר וואָס געשטעלט א נאָדל און ער מיינט אז עס איז אפשר גלייכער אין דער מינוט ניט אריינצוגיין צו אים. איך האָב מיט אים מסכים געווען און זיך געלאָזט אוועקגיין, פלוצלינג אָבער איז ארויסגעקומען זיין פרוי און מיך איינגעלאַדן צו ר׳ מרדכי׳ן אין צימער. ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך בשעת־מעשה געקאָרטשעט אין ווייטיקן.

ר׳ מרדכי האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג און האָט מיר אָנגעהויבן זאָגן עפּעס אָפּגעהאַקטע ווערטער וועלכע איך האָב פאַר קיין פאַל ניט געקענט פאַרשטיין. ענדלעך האָט ער זיך אָנגעטאָן א כח און אָנגעהויבן רעדן קלאָ־רער: א מעשה, ער האָט ביינאַכט ניט געקענט שלאָפן און האָט אריינגע־קוקט אין לעצטן באַלאַנס פון קרן־קימת און צו זיין גרויסן וואונדער זיך אָנ־געטראָפן אויף זיין נאָמען מיט א גרעסערער ביישטייערונג, וואָס ער האָט ניט געגעבן, ווייל... די עקאָנאָמישע לאַגע זיינע דערלויבט אים לעצטנס ניט צו געבן אַזעלכע סכומים. און איינס פון די ביידע: אָדער עמיצנס א ביי־שטייערונג איז בטעות פאַרשריבן געוואָרן אויף זיין נאָמען, אָדער עמיצער אין ביוראָ האָט אים געוואָלט אָנטאָן א נחת־רוח און צוגעשריבן א תרומה פון וועלכע ער האָט קיין אַנונג ניט. אין ביידע פאַלן בעט ער מיך איך זאָל שוין צוגיין אין ביוראָ און אויפקלערן דעם ענין.

איך בין זיך מודה, אז דער גאַנצער ענין איז מיר אויסגעקומען מאָדנע און איך האָב אים צוגעשריבן די קאָנוועקווענצן פון דער שטאַרקער נאָדל, אָדער פון שלאָפלאָזע נעכט און גרויסע פיזישע ליידן. דאָך האָב איך דעם ענין אונטערזוכט און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אמת, עס פיגורירט אזא ביישטייערונג און געגעבן האָט אים א איד מיט אזא נאָמען, נאָר אַן אַנדער מרדכי ראָזאָווסקי, ניט ער...

ר׳ מרדכי איז געווען צופרידן נאָר אויף דער העלפט. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס זיינע חשדים האָבן זיך ארויסגעוויזן גרונטלאָז, און אין דער זעלבער צייט האָט אים אָבער שטאַרק וויי געטאָן וואָס דאָס וועט געבן בלויז פאַר א טעות...

ר׳ מרדכי איז געווען און געבליבן דער איש־אמת ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

ד״ר א. מבשן

ציון לנפש יקרה

די איניציאַטיווע ארויסצוגעבן שריפטן פון אונזער גרויסן פריינט און חבר ר׳ מרדכי ראַזאָווסקי, און אזוי ארום געבן די מעגלעכקייט א ברייטערן קרייז פון פריינט און פאַרערער פון דעם גרויסן נפטר זיך באקענען מיט זיינע ווערק, איז וויכטיק ביז גאַר.

אויב א בילד פיקסירט אויפן לייוונט די פיזישע דערשיינונג פון א מענטשן, ווערט אין די שריפטן ווידערגעגעבן דער גייסטיקער „צלם אלוקים״ פון דעם מחבר; און ווען נאָך יאָרן און נאָך צענדליקער יאָרן פאַרבלאַסט דער פּרצוף אלס אזעלכער, פאַרבלייבט ביז אין דער אייביקייט דער גייסטיקער אינהאַלט, דאָס בילד פון דער נשמה.

נעמענדיק אין די הענט אריין אָט דאָס בוך עסייען און אַרטיקלען, מיט די געדאַנקען פון אונזער אומפאַרגעסלעכן חבר, וועלן מיר אים זען און הערן. מיר וועלן אפילו מיט אים זיך מתוכח זיין און אָפט פאַרגעניגן האָבן פון זיין שאַרפזין, פון א מאמר חז״ל, וואָס ער האָט אזוי אָפט געקענט ציטירן, פון א וואַרעם וואָרט וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט פאַר אידישע טראַדיציאָנעלע פאָרמען, פאַר אידישער ווערדע און כבוד. בלעטערנדיק אין דעם בוך וועט דער אידישער לייענער געפינען א רייכן קוואַל פון שיינע, טיפע, היימישע געדאַנקען וואָס דרייען זיך אלע, ווי די ערד ארום דער זון, ארום איין צענטראַלן פּונקט: אידנטום — ציוניזם. ר׳ מרדכי ראַזאָווסקי איז געווען א געבילדעטער און געלערנטער איד, אן איבערצייגטער טיף־דענקענדיקער ציוני, א שטענדיקער קעמפער פאַר שיינע און הויכע אידעאַלן, אָבער אלץ אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער, נאַציאָנאַל־אידישער אידעאָלאָגיע, אלץ פּראָיעקטירט פאַר א נאָענטער אָדער ווייטערער אידיש־נאַציאָנאַלער צוקונפט.

עס איז שווער צו געפינען אין לעבן דאָס וואָס מ׳רופט אָן „קונסט לשם קונסט", דאָס הייסט, אבסטראַקטעס, אָביעקטיוועס, וואָס איז נישט באַגרינדעט אויף קיין געפילמעסיקער אָדער אידעאַישער באזע. ווער עס באַהויפּטעט, אַז עס עקזיסטירט אזא טיפּ קונסט אָדער ליטעראַטור, זינדיקט קעגן אמת. די ליטעראַטור, די קונסט פון געדאַנקען־פאָרמולירונג, וואָס אונזער גרויסער חבר ר׳ מרדכי ראַזאַוואָסקי האָט אנטוויקלט, איז נאַטירלעך אויך ניט געווען פריי פון דעם געזעץ. ר׳ מרדכי איז געווען סוביעקטיוו, ער איז געווען פאַרשטריקט אין דעם נעץ, וואָס ער האָט געהאלטן פאַר אמת, פאַר צדק, פאַר גוט און פאַר שיין. אָבער אין די גרענעצן וואָס די סוביעקטיווע אויפפאַסונג פון פּראָבלעמען שטעלט דעם שרייבער און קינסטלער, איז ראַזאַוואָסקי געווען, ווי ווייניקע, ברייט אָביעקטיוו, אויטאָקריטיש, אויסגעהאלטן. דערפאַר בין איך זיכער, אַז אפילו יענע לייענער וואָס וועלן ניט שטענדיק מסכים זיין מיט די אויספירן, מיט דער ארגומענטאציע פון ר׳ מרדכי ראַזאַוואָסקי, וועלן באַוואונדערן זיין גערעכטיקייט צו זיך אליין און קעגן אנדערע, צו זיינע אייגענע און פרעמדע אידעען און געפילן.

און אויב (כדי נאָך אמאָל צוריקקערן צו אונזער ערשטן געדאַנק) נאָר בלויז דאָס בילד פון דעם אומפאַרגעסלעכן ח׳ ראַזאַוואָסקי וועט הענגען אין הייזער פון ווייניק פריינט און פאמיליען־אָנגעהעריקע, — וועלן אָבער זיין גייסטיק בילד, זיינע געדאַנקען, וואָס אנטהאלטן דאָס בוך, באַצירן די ביבליאָטעקן פון א סך הונדערטער און אפשר טויזנטער פאַרערער, וואָס וועלן אים געדענקען, דערמאָנען, און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערוואַרעמען זייער הארץ ביים שיין פון זיין ליכטיקער נשמה.

ד״ר משה סלינין

ר׳ מרדכי ראַזאָווסקי, העסקן והציוני

כמעט גאנצע דרייסיק יאָר בין איך געשטאנען אין זייער נאָענטע באַציאונגען מיט ר׳ מרדכי ראַזאָווסקי ז״ל. ווען איך בין אנגעקומען אלס סטודענט אין דער מעדיצינישער פאקולטעט אין 1917, האָב איך צום ערשטן זיך באקענט מיט די גדולים פון אונזער ארגענטינער ציוניסטישער וועלט, אין ערשטער ליניע מיט: יאָסעלעוויטש, ליעבעשוץ, געזאנג און ראַזאָווסקי, היינט אלע נפטרים, און וועמעס אָנדענקונג איז א טייל פון דער חשיבות פון דער באוועגונג אין לאנד.

איך בין מיט זיי אלעמען געשטאנען אין זייער נאָענטע באציאונגען, און עס וואָלט געווען זייער און זייער אינטערעסאנט מאכן פארגלייכונגען צווישן די פיר פערזענלעכקייטן פון ארגענטינער ציוניזם, און דאָס וואָס האָט זיי פאראייניקט און צוטיילט.

ראשית האָט זיי פאראייניקט: תורה,, זיי זיינען געקומען אָפריכטן גלות אין ארגענטינע, מיט א גרויסן באגאזש פון תורה, אידיש טראדיציאָנעלן ויסן, וועלכן זיי האָבן שפּעטער אויף פארשידענע אופנים, פארברייטערט דורך וועלטלעכקייט, וואָס האָט זיי געגעבן גייסטיקע שיינקייט און פרעסטיזש. — שנית האָט זיי פאראייניקט אהבת ציון, דאָס איז געווען דער לייטמאָטיוו, דער אלף און דער ת, פון אלע זייערע זאָרגן און שטרעבונגען.

אָבער צושיידט האָט זיי דאקעגן זייער און זייער פיל: מיינונגען, אויפפאסונגען פון זאכן, אקטואציע און בכלל צוגאנג צו זאכן, און אויב מיר איז דאָ אוממעגלעך צו מאכן די געהעריקע פארגלייכונגען צווישן אָט די אלע מנהיגים, וויל איך אָבער דאָ בולט ארויסברענגען עטלעכבע מאָמענטן פון ר׳ מרדכי ראַזאָווסקיס „איך״, דאָס וואָס איז אבסאָלוט זיינס, דאָס וואָס עס קען ניט פארטוישט ווערן, דאָס אומבאדינגט אייגענע פון זיין פער־

זענלעבקייט, און דאָס וואָס איז אין אים געווען תמיד דאָס כאראקטע־ריסטישע.

ווייל ר' מרדכי ראַזאָווסקי איז קודם כל געווען א „עסקן" און דער ציוניזם איז געווען ביי אים א „לעבנס מאָטיוו", איז ער געווען א „עסקן ציוני". דאָס איז זיין אייגענער חותם. עס מוז אָבער אבסאָלוט אונטערגע־שטראָכן ווערן, אז ראַזאָווסקי, דער עסקן, האָט דערהויבן די פאָלקס־זאַך צו דער מדרגה פון „אידעאל", דערפאר האָט ער זיך אזוי אָנגעזען אויף דער אידישער גאס. קיין מאָל האָט ער ניט געפעלט דאָרט וואו דאָס פאָלקס־הארץ האָט געקלאַפּט; זיין וואָרט האָט זיך געהערט אויף יעדער מסיבה, פון אלע פּאָליטישע קאָלירן און שאַטירונגען; עס איז אפילו ניט נויטיק געווען, אז ראַזאָווסקי זאָל פארטרעטן אן אָרגאַניזאַציע אָדער אן אנשטאַלט; ער האָט פארטראָטן זיך, ראַזאָווסקי איז אליין געווען א מין אינסטיטוציע, און זיין וואָרט האָט אין ערגיץ ניט געפעלט. עס איז שטענדיק געווען דורכ־געדרונגען מיט אידיש געפיל, וויסן, אידישע חכמה און אָפטמאָל מיט א אידישער טרער. ראַזאָווסקי, דער עסקן ציוני, האָט קיין מאָל ניט געזוכט אָפיציעלע פּאָזיציעס, כאָטש אלע אמטן אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען גע־שטאַנען אָפן פאר אים; עס איז כאראקטעריסטיש, אז ווען ער, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים, זיינען אריין אין דער פּרעזידענץ פון דער ציוניס־טישער פעדעראַציע, האָט ער, ראַזאָווסקי, קיין מאָל נישט איבערגענומען פאַקטיש די פּרעזידענץ, ער איז געווען מער ווי דאָס, ער איז געווען די נשמה פון דער פּרעזידענץ. ראַזאָווסקיס וואָרט האָט זיך שטענדיק געהערט אין יעדער דעבאַטע, די קלענסטע אָדער די וויכטיקסטע, און עס איז שטענ־דיק געווען געריכטעט מער צום יונגערן פליגל, האָט תמיד קאָקעטירט מיט לינקיזם, און דערפאר איז ראַזאָווסקי דער עסקן געווען אזוי רעספּעקטירט ווייל ער האָט באַזעסן די מעלות פון רעדן צו דער זאַך. זאַכלעכקייט, באַ־שיידנהייט און איבערהויפּט וויסן, מיט טרייהייט צו דער אידישער זאַך, און דורכגעדרונגען מיט דעם אידישן אייביקן צער, זיינע וועגן אין לעבן.

ראַזאָווסקי האָט יעדן אמט וואָס מ'האָט אים געגעבן צוגעגעבן חשיבות, געהויבן צו זיך, ער האָט אים באַפּוצט, אָבער זיך קיין מאָל נישט פארמי־נערט. דאָס איז א גרויסע מדרגה.

איך האָב אמאָל, צוליב געוויסע טעמים זיך אָפּגעזאָגט פון דער ציוי־ניסטישער פעדעראַציע, איז ר' מרדכי ראַזאָווסקי, באַגלייט פון ר' ידידיה עפראַן, געקומען צו מיר און געפאָדערט איך זאָל גיין צוריק צו דער ארבעט

און דערביי זיך געאויסערט: עס זיינען ניט וויכטיק די אמטן, וויכטיק איז די התלהבות צו דער זאך, און אויב עס איז נויטיק אנערקענונג, וועט דאס במילא קומען. היינט זיינען אט די ווערטער פאר מיר זיין גייסטיקע ירושה, און זיי באגרינדן מיינע קאנצעפטן וועגן ראזאווסקין.

איך וויל דא ציטירן צוויי מאמענטן, וועלכע איך האב דורכגעלעבט מיט ר׳ מרדכי ראזאווסקין: ראזאווסקי האט אין א געוויסער צייט אדורכגע־מאכט א פעריאד פון א שווערער שלאפקייט; ביי א געוויסער געלעגנהייט בין איך געבליבן מיט אים שפעט אין דער נאכט, רעדנדיק איבער פארשי־דענע ציוניסטישע ענינים. איך האב געפילט אז דאס שאט אים און איך האב געפונען פאר מיין חוב אים צו ראטן זיך נעמען אפרו, ניט שרייבן, ניט ריידן, א. א. וו. און ר׳ מרדכי ראזאווסקי האט רואיק געענטפערט: — אויב די ארבעט פאר גאולת העם און גאולת הארץ וועט מקצר זיין מיינע יארן, נעם איך עס אן באהבה, אונזער זאך פאדערט קרבנות, און איך בין גרייט צו זיי... און ביי א צווייטער ענלעכער געלעגנהייט, אויך שפעט ביינאכט, האט מיר ראזאווסקי אמאל געזאגט: — משה, איך האב פאר מיר קיין מאל גארנישט געפאדערט פונעם ציוניזם, איך האב אלץ געגעבן און איצט גיב איך שוין דאס לעצטע; אבער קיינער פון מיינע חברים האט זיך ניט דערמאנט, אז איך וואלט ניט געוואלט שטארבן און ניט זען ארץ־ישראל און דאס איז פאר מיר היינט אוממעגלעך.

דער נשמה־אויסגוס האט מיך גערירט, און היינט טוט עס וויי.

ראזאווסקי, דער עסקן ציוני, איז געווען א גרויסער כוח: גייסטיק, קול־טורעל און אפילו דינאמיש. ער האט אויך א סך געשריבן, זיינע מאמרים זיינען דורכגעדרונגען מיט טיפן אידיש־טראדיציאנעלן וויסן און האבן שטענ־דיק א „פארוואס", א „ציל" — וואס איז שטענדיק „אהבת ציון" — הלואי זאל זיי דער יונגער דור פארשטיין און אמווינציקסטן קענען לעזן... דער עלטערער עלעמענט מעג זיי נאך אמאל דורכקוקן, עס וועט ניט שאדן...

איך בין זיכער אז מיט לייענען ראזאווסקיס שריפטן גיט מען ניט נאר אפ כבוד דעם גרויסן נפטר, נייערט דאס פארוואנדלט זיך אין א פאזיטיווער לערע פונעם ציוניזם און פון דעם אידישן שענערן ווארט. — הלואי זאל דאס בוך פון ראזאווסקיס שריפטן, וואס חברים זיינע גיבן היינט ארויס, דערפילן די אויפגאבעס וואס מען האט זיך פארגענומען און דאס וועט זיין אין א געוויסער מאס א תקון פאר זיינע גרויסע אויפטוען.

א. א. פישער

ר׳ מרדכי בן משה דאָבראַטשיצער

אַט זיינען שוין כמעט אריבער צוואַנציק יאָר יינט איך האָב מיך באַ־קאַנט מיט אים. דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין ארגענטינע איז עס געווען, און ר׳ מרדכי ראַזאָווסקי איז געווען אזוי געקניפּט און געבונדן מיטן עפנטלעכן אידישן לעבן אין בוענאָס איירעס, אז א נאָר־וואָס אָנגעקו־מענער וואָס האָט געזוכט קאָנטאַקט מיט א ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט א צייטונג, אָדער מיט א פּערזאָן וואָס האָט געהאַט א שייכות צו די זעלבע, האָט זיך געמוזט באַגעגענען מיט אים באַלד דעם ערשטן טאָג. אזוי איז עס געווען אויך מיט מיר.

און דער ערשטער איינדרוק איז געווען: „א איד א דעמב!” בפירוש, נישט קיין סימעטריש געבויטער, גלייכער, שלאַנקער, עלעגאַנטער און אין אָנגענומענעם זינען שיינער צעדער־ אָדער טענענבוים — נאָר טאַקע א דעמב, א אידישער דעמב, מיט אויסטעריליש צעקרימטע וואָרצלען, מיט א סענקע־וואטן שטאַם, מיט געדיכטע און צעדרייטע צווייגן, מיט אביסל צעשויבערטע בלעטער. א דעמב, וועלכער טראָגט אין זיך פאַרבאָרגענע סודות׳דיקע כחות פון דורות און גלייכצייטיק עשירות פון אינדיווידועלע אייגנשאַפטן, פון פּערזענלעכן נישט־שאַבלאָנעם „שארם”, פון אומגעוויינטלעכער און אָריגי־נעלער יחידישער שיינקייט. א דעמב, פיזיש און גייסטיק, אן אויסגעוואַק־סענער ממש אין די באַרימטע ווייסרוסיש־ליטווישע וועלדער, דער היים פון אן אדאַם מיצקיעוויטש, און אין דער סביבה פון די גרויסע ישיבות פון יענע מקומות, דער היים פון א ווילנער גאון.

און היינט, נאָך כמעט צוואַנציק יאָר פון ענגער פריינטשאַפט און קרובה׳שאַפט, קען איך זאָגן: אַט יענער ערשטער איינדרוק איז געווען א ריכטיקער — אָבער בלויז אויף א העלפט! ווייל ר׳ מרדכי איז געווען א צופיל

קאָמפּליצירטע, פילזייטיקע און אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, בכדי מען זאָל אים קענען תופס זיין באַלד אויפן ערשטן בליק. ווייל, נישט קוקנדיק אויף זיין מיטטיילזאַמקייט און פעאיקייט זיך צו באַפריינדן מיט מענטשן, איז ער וועגן געוויסע אינטימערע ענינים געווען פאַרשוויגן און פאַרשלאָסן. ווייל, אין פּראָפּאָרץ צו זיין גייסטיקער עשירות און לעבהאַפטיקייט, זיינען זיינע אויסדרוק־מיטלען געווען היפּש שווערע און אומגעוונגדע. עס איז נויטיק געווען אין משך פון יאָרן זיך צו לערנען לייענען אין זיינע בליקן, פאַרשטיין די אביסל מאָדנע גרימאַסן פון זיין פּנים, אינטערפּרעטירן זיין אַקצענטירטע און אָפּטמאָל עטוואָס איבערגעטריבענע זשעסטיקולאַציע, אויסטייטשן זיינע בלומרשט אָפּגעריסענע און נישט דירעקט צום באַהאַנדלטן ענין געהערנדיקע ווערטער — בכדי צו קענען ריכטיק פאַרשטיין זיין מהות און קודם־כל זיין רייך און אינטענסיוו דענקען און אינערלעך איבערלעבן זאַכן. דער ערשטער איינדרוק איז אַלזאָ געווען ריכטיק, ער האָט אָבער קוים אָפּגעשפּיגלט א קלענערע העלפט פון ר׳ מרדכי׳ס רייכער און אויסערסט אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז באַשטאַנען סיי פון בולטע, פאַר אַלעמען אָנזיכטיקע, שטריכן אַזוי גוט ווי פון פיינע, אפילו פאַר א גוטן אָבסערוואַטאָר קוים מערקבאַרע, ניואַנסן, און דער עיקר פון קעגנזעצלעכקייטן און קאָנטראַסטן.

⁘ ⁘ ⁘

אַלטקייט און יוגנטלעכקייט... אויף ר׳ מרדכי׳ס גאַנצן מהות איז געלעגן דער חותם פון דורות לומדים און בעל־מידות. ער האָט געוויינלעך אויפגענומען ענינים, פּערזענלעכע ווי קהל׳שע, באַזונדערס אָבער ציוניסטישע, מיט גרויסן ערנסט און זיינע האַנדלונגען זיינען געווען, אָפּטמאָל איבערגעטריבן, אחריות׳דיקע און דיסציפּלינירטע. ער פלעגט באַהאַנדלען פראַגן, פּריוואַטע און נאָכמער עפנטלעכע, בכובד ראש און באַזאָכט. ער איז געווען זייער שטרענג, צו אַנדערע און קודם־כל צו זיך אַליין, וואָס שייך דער אָפּשאַצונג און אינטערפּרעטירונג פון מעשים און האַנדלונגען און דער מאָסשטאַב פון זיינע פאָדערונגען איז געווען געוויינלעך גרויס. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווי יעדע פּערזענלעכקייט פון ווערט, האָט ער זיינעם א שטאַנדפּונקט, וועלכער איז נישט זעלטן געווען אין קעגנזאַץ צו דעם פון דער מערהייט, פאַרטיידיקט מיט גרויס קראַפט, ליידנשאַפט און אפילו קפדנות. דער שטריך פון דורות׳דיקער אַלטקייט, ערנסטקייט, אחריות׳דיקער דיסציפּלינירטקייט, שטרענגקייט און קפדנות, וואָס וואַרפט אָן א געוויסע „מורא״,

איז געווען אייגן זיין גאנצן וועזן און נישט אומזיסט האט אים אמאל געזאגט איינער א שליח פון ארץ ישראל, נישט זייער קיין איבערגעשפיצטער הפנים, ווען ער האט זיך באקאנט מיט אים:

— „דאס זענט איר „דער בער" פון בוענאס איירעס, וועגן וועלכן עס ריידן מיט אזוי פיל דורך ארץ און אפשיי אלע שליחים וואס קומען צוריק פון ארגענטינע?..."

ווען איך האב מיך מיט אים באקאנט, איז ר' מרדכי שוין געווען היפש אריבער די פופציקער. אנדערע האבן אים געהאלטן פאר נאך עלטער, ווייל וועגן דעם זיינען אנגעגאנגען פלוגתות צווישן זיינע באקאנטע. און דאך... איז ער געווען שטוינענדיק יוגנטלעך, יא אפילו שטיפעריש. איך מיין דא נישט זיין חריפות'דיקע וויציקייט, וועלכע איז געווען אן אנדערער שטריך פון זיין כאראקטער און וואס איז א קאפיטל פאר זיך. איך מיין, פשוט, די גייסטיק־יוגנטלעכע פרישקייט, שפילעוודיקייט און עלאסטישקייט, צוליב וועלכער ער האט זיך געקענט אזוי לייכט דערנענטערן אפילו צו אונזער היפש אפגעפרעמדטער יוגנט און וועלכע ער האט געהאט דאס גליק צו קאנסערווירן ביז צום סאמע סוף פון זיינע טעג. מיר איז נישט איין מאל אויסגעקומען צו באאבאכטן מיט באוואונדערונג ווי ער האט געקענט צווישן יוגנטלעכע שפאסן, זיך פארוויילן און שמועסן, גלייך ווי ער וואלט געווען איינער פון זיי. אט אזא יוגנטלעכע לייכטקייט און דירעווודיקייט ביי א מענטשן אין זיינע יארן איז בנמצא בלויז ביי פערזענלעכקייטן פון פארנעם. נישט אומזיסט האבן אים די ברייטסטע קרייזן פון אונזער יוגנט אזוי ליב געהאט און געשעצט, כאטש זיי האבן אים אפשר נישט געקענט אינגאנצן פארשטיין. גייסטיקע נאענטקייט האט דאס זיכער גורם געווען.

:: :: ::

משפחה און כלל... די ערשטע צייט פון אונזער פריינטשאפט האב איך געקענט בלויז ר' מרדכי'ן אליין, אויסערן קרייז פון זיין משפחה. וועגן ווערמענס עקזיסטענץ איך האב כמעט ווי נישט געוואוסט. מיר פלעגן זיך טרעפן זייער אפט ביי געמיינזאמע פריינט און באקאנטע, אין קאפע, אדער ביי דער געלעגנהייט פון עפנטלעכע אונטערנעמונגען. מיר פלעגן זיצן זייער שפעט, שפעטער ווי עס זיצן געוויינלעך באלעבאטישע מענטשן, און די טעמעס פון אונזערע געשפרעכן זיינען געווען גאר פארשיידנארטיקע. אבער קיינמאל איז נישט געקומען צו רייד וועגן זיין משפחה.

דעריבער בין איך געווען אביסל איבערראשט ווען ער האָט מיך צום ערשטן מאָל איינגעלאַדן צו זיך א היים און נאָך מער דערשטוינט בין איך געווען צו אנטדעקן אין אים א יוסטן באַלעבאָס און א צערטלעכן פאמיליע־מענטשן. ער האָט זיין משפחה זייער שטארק ליב געהאט און עס האָט נישט עקזיסטירט פאר אים קיין שום שווערע אָדער קאָסטשפּיליקע זאך, ווען עס האָט זיך געהאנדלט אין פארלייכטערן און פארשענערן זייער לעבן, אָדער אין געבן א גוטע דערציאונג זיינע קינדער. ער פלעג אָפט אומגעריכטערהייט מיטברענגען מיט זיך געסט אויף מיטאָק אָדער אָוונט־ברויט און ביי אזעלכע געלעגנהייטן איז עס פאר אים געווען א באזונדער פארגעניגן אריינצוגיין אין א שפּייז־קראָם, אָנצוקויפן פון אל־דאָס־גוטס — דעליקאטעסן, נאשע־רייען, פרוכטן — און א היים צו ברענגען עס אינאיינעם מיט די געסט. ערב א יום־טוב האָט ער געהאט גרויס הנאה ארויסצוגיין אליין אויפן מארק, איינצוקויפן אלץ מיט דער ברייטער האנט און צוריקצוקומען א היים א באַ־לאָדענער מכל טוב. איינמאָל, זיצנדיק ביי זיין טיש, האָט זיך זיין אויסדרוק־פול פּנים שטראַלנדיק צעשמייכלט און דערביי האָט ער צו מיר שטיל א זאָג געטאָן:

— „עס איז נישטאָ קיין גרעסערער פארגעניגן אויף דער וועלט ווי צו נעמען דעם בעסטן ביסן פון דעם אייגענעם טעלער און צו געבן עס אָט־דער רויטינקער מיידעלע..."

און איך האָב בשעת מעשה בפירוש געפילט, אז דאָס איז נישט עפּעס א זאָג גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, נאָר עס קומט פון דער טיפסטער הארצנס־טיפעניש.

און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם אלעמען, איז ער כמעט געווען א גאַסט אין זיין אייגענער היים. צוליב זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, צו־ליב זיינע באַהעמישע נייגונגען, איז ער זייער ווייניק געווען ביי זיך אין דער היים. דעריבער איז די דירעקטע השפעה אויף זיינע קינדער געווען גאָר א קליינע און עס האָט זיך מיט דער צייט, אומבאמערקטערהייט, אוועקגע־שטעלט צווישן זיי ווי א מין מחיצה. ווען ער האָט זיך געכאַפּט און עס באַ־מערקט, איז שוין געווען צו שפּעט און ער האָט זייער שטארק געליטן פון דעם.

יאָרנלאנג האָט ר' מרדכי נישט געהאט אין ארגענטינע קיינעם פון זיינע נאָענטע קרובים פון דער אלטער היים, וועלכע ער האָט אזוי ליב גע־האט און וועגן וועלכער ער פלעגט אזוי אָפט און אזוי פיל דערציילן. ערשט

עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער אראָפּגעבראכט אהער צוויי עלטערע שוועסטער זיינע, אלמנות, מיט זייערע קינדער און גע־זאָרגט פאר זיי אין משך פון יאָרן בכבוד גדול ווי א פאָטער. ווי גליקלעך איז ער געווען, ווען אלע זיינע פּלימעניצעס האָבן מיט דער צייט חתונה געהאט פאר אידישלעכע, אינטעליגענטע יונגעלייט און עס איז אויסגעוואקסן ארום אים א פארצווייגטע אייגענע משפחה, וועלכע האָט אים פארשטאנען, געשעצט און געאכטעט. ער האָט ליב געהאט זיך ארייַנצוכאַפּן צו עמעצן פון זיי, כאָטש נישט זייער אָפט, צו פּראוון אין איינעם א יום־טוב, אָדער זיך צו דערמאנען וועגן אמאָליקע צייטן. ביי זיינע שוועסטער זיינען די באזוכן נאטירלעך געווען שטארק אָנגעלייגט און זיי האָבן דק געהאט צו אים טענות פארוואָס ער קומט אזוי זעלטן. בפרט די עלטערע פון די שוועסטער האָט אויפן אלטן גוט־אידישן שטייגער ליב געהאט מאריך צו זיין מיט אירע ווינטשעוואניעס. דעמאָלט פלעגט ר׳ מרדכי פּקחות׳דיק און גוטמוטיק א שמייכל טאָן און א זאָג טאָן בלאחר יד:

— „איך וויים, איך וויים, רחל, דו קענסט זיך גאנץ נישט־קשה׳דיק א זידל טאָן...״

יאָ, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט האָט ר׳ מרדכי שטענדיק אוועקגעגעבן לטובת הכלל, אָדער פארבראכט אין מסיבות מיט זיינע צאָלרייכע חברים און פריינט, איז ער דאָך געווען, אויף זיין אייגענעם שטייגער, אן איבערגעגעבענער און צארטער פאמיליע־מענטש.

:: :: ::

סוחר און אינטעליגענט... ווי ער האָט מיר אליין דערציילט, האָט ער אין דער ערשטער צייט, אין די אזוי־גערופענע „גרינע יאָרן״ אין ארגענטינע, געלעבט פון שווערער פיזישער ארבעט. ער פלעגט יענע צייט באצייכענען, אויף זיין וויציקן אופן, אלס די „עפּאָכע נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן ארויסצושטעקן דעם נאָז איבער דער ערד־אויבערפלאך״. אין דער אלטער היים איז ער געווען א נאמן, אָדער „קאסיר״, אין א וואלד און האָט אזוי ארום געהאט א שטיקל ידיעה אין געהילץ. צוליב עפּעס א צופאל איז ער שפּעטער אויך דאָ, אין נייעם לאנד, ארייַנגעצויגן געוואָרן אין האָלץ־האנדל. צו ערשט האָט ער געארבעט גרעסטנטיילס מיט נישט־אידישע פירמעס, וועלכע האָבן הויך אָפּגעשאַצט זיין אָרנטלעכקייט און געגעבן אים אלץ גרע־סערע קרעדיטן. עס האָט אים אויך צוגעשפּילט א גוטע קאָניוקטור בשעת

דער ערשטער וועלט־מלחמה. אזוי ארום איז ער געוואָרן א גאנץ אָנגעזעענער האָלץ־סוחר און האָט זיך אפילו דערוואָרבן א באדייטנדיק פארמעגן.

אָבער, קיין ריכטיקער סוחר, אין אָנגענומענעם זינען פון דעם באגריף, איז ער הפּנים קיין מאָל נישט געווען. דערצו האָבן אים געפעלט סיי דער זין פאר פּראקטישקייט, סיי דער חוש פאר אָפּשאצן דעם ריכטיקן ווערט פון געלט. ער האָט אויך נישט פארמאָגט די געוויינלעכע שטרעבערישקייט. וואָס איז נויטיק צו מסחר. אויב ער האָט אָבער דאָך געהאט דערפאָלג און דער־וואָרבן פארמעגן, האָט ער דאָס געהאט צו פארדאנקען מער זיין שוואונג און פאנטאזיע און דער אינטעליגענטער אויסנוצונג פון גינציקע אומשטענדן און ווי באלד די באדינגונגען האָבן זיך געביטן, אָט די אייגנשאפטן האָבן אָנגע־וואוירן אין א גרויסער מאָס זייער גילטיקייט און עס האָט זיך געפאָדערט מער אויסדויער, פעסטקייט און צוגעבונדנקייט צו די געשעפטן, האָט עס טאקע אָנגעהויבן צו גיין אַלץ שוואכער. בפרט אז ער האָט שוין דעמאָלט מער איינזינען געהאט די ארבעט פאר ארץ ישראל און זיין פּובליציסטישע טעטיקייט ווי עפּעס אנדערש.

אויך זיינע מסחרים האָט ער געפירט אויף אן אייגנארטיקן אופן. ער האָט געהאט א שוואכקייט צו אידן בני־תורה, אָדער וועלטלעכע אינטעלי־גענטן, און אויב אזא איינער איז געווען זיינער א קונה, האָט ער ביי אים געהאט ספּעציעלע פּריווילעגיעס וואָס שייך די פרייזן און די צאָלונגען. אויב ער איז נאָך דערצו געווען אן אָרנטלעכער מאן, פלעגט ער ביי ר׳ מרדכי׳ן קענען באקומען אזעלכע קרעדיטן וואָס זיינען פון סוחרישן שטאנדפּונקט אויף קיין פאַל נישט געווען בארעכטיקט. נאטירלעך, האָט גאנץ אָפט איינער פון אזעלכע קליענטן זיך געמוזט „פּרעזענטירן״, אויף פּראָסט אידיש אָנזעצן. איז, אויב עס איז דערביי נאָר נישט געווען קיין שווינדל, אָדער אומאָרנט־לעכקייט, האָט ר׳ מרדכי מיט אזא איינעם געהאט גאָר פיל איינזעעניש. ער פלעגט אָפּמעקן דעם חוב און אמאָל נאָך צולייגן א סומע געלט פון דער אייגענער קעשענע, בכדי יענער זאָל ווידער קענען אָנהויבן עפּעס טאָן.

מיר זיינען באקאנט געוואָרן פארשיידענע אזעלכע פאלן, סיי דורך ר׳ מרדכי׳ן אליין, סיי דורך אנדערע מענטשן וואָס האָבן מיט אים געהאט געשעפטלעכע פארבינדונגען. איך ווייס בכלל פון פארשיידענע עפּיזאָדן אין פארבינדונג מיט זיינע מסחרים, וועלכע ווארפן א ליכט אויף זיין פּערזענ־

לעבקייט, איינעם פון זיי וועל איך דאָ איבערגעבן, ווייל איך האלט אים פאר באזונדערס כאראקטעריסטיש.

מיט איינעם פון זיינע קליענטן, א איד א סטאָליאר, הפנים א כעסן און נישט קיין איבעריקער איידלמאן, האָט אמאָל ר׳ מרדכי געהאט עפּעס א געשעפטלעכן סכסוך. מען האָט דיסקוטירט און נישט געקענט זיך פאר־גלייכן. איז יענער אריין אין אויפרעגונג און האָט אים אָפּגעזאָגט דעם פסוק „ישקני". ר׳ מרדכי האָט אין ערשטן מאָמענט אָנגעשטעלט אויף אים מיט פארוואונדערונג זיינע לעבעדיקע אויגן, אָבער באלד האָט ער זיך אליין צוריקגעפונען און, מיט א גוט־מוטיקן שמייכל, האָט ער א זאָג געטאָן:

— „א דאנק, א דאנק אייך, ר׳ איד..."

— „א, וואָס?..." — האָט יענער אָנגעהויבן שטאמלען פון גרויס איבעראשונג.

— „נו, איך זאָג אייך א דאנק, ווייל וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איר הייסט זיך, חלילה וחס, קושן אין פנים?..."

:: :: ::

קפדנות און סענטימענט... איך ווייס, אז א סך מענטשן האָבן געהאלטן ר׳ מרדכי׳ן פאר א קפדן און אפשר אויך פאר א כעסן. נו, יאָ! ער האָט קיין עוולות נישט געקענט פארליידן און איז קיין מאָל נישט געווען צירלעך־מאנירלעך. ווען ער האָט געהאט עמעצן עפּעס פארצעווארפן, האָט ער עס געטאָן דירעקט, אָן איבעריקע צערעמאָניעס, אָדער דריידלעך; און אָפטמאָל מיט גענוג שטרענגקייט און קפדנות. צוליב זיין היציקן כאראקטער, האָט ער טאקע אמאָל יענעם צופיל אָנגעטראָטן אויף די „הינער־אייגלעך" און מענטשן האָבן דאָס זיכער גענומען פאראיבל. אָבער באוואוסטזיניק האָט ער זיכער קיינעם קיינמאָל קיין עוולה נישט געטאָן און איך רעכן, אז אפילו צווישן יענע מיט וועמען ער האָט ביי א געלעגנהייט געהאט עפּעס א סכסוך, האָט ער קיין שונאים נישט געהאט.

פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר, די נאָענט־שטייענדיקע צו אים, געוואוסט, אז ער פארמאָגט אין זיך א שלל פון גוט־מוטיקייט און סענטי־מענטאליזם. האָט ער פון עמעצן געהאלטן, איז עס נישט געווען גלאט אזוי זיך, נאָר ער איז געווען פארליבט אין אים, האָט אָפּגעשאצט, אמאָל אפשר אין אן איבערגעטריבענער מאָס, יעדע מעלה זיינע און איז געווען גרייט צו טון פאר אים אפילו דאָס אוממעגלעכע. אין מאָמענטן פון השתפכות הנפש,

וועלכע זיינען ביי אים געווען נישט זעלטן אין פארקער מיט גאר נאָענטע מענטשן, איז ער געווען פיין־פילנר, צארט און סענטימענטאל ווי א יונגער, נאאיווער אינגל, אָדער גאר ווי א דיכטער. איך געדענק א סך אזעלכע מאָמענטן, וועלכע וועלן בלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון אויפן גאנצן לעבן און איך געדענק אויך, אז אין יענע מאָמענטן איז ר׳ מרדכי געווען גאנץ באזונדערס אינטערעסאנט.

:: :: ::

איך האָב דאָ איבערגעגעבן בלויז עטלעכע שטריכן פון דער פילזייטיקער, פאלפארביקער און איינציקארטיקער ביי אונז אין ארגענטינע פערזענלעכקייט, וואָס האָט ביים לעבן געהייסן ר׳ מרדכי בן משה דאָבראטשיצער, אָדער ר׳ מרדכי ראָזאָווסקי, וועלכער האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א איד א דעמב און איז טאקע געווען דאָס און נאָך עפּעס מער. אויב מען דארף צו האָבן פאר דעם נאָך אן איבעריקן באווייז, איז עס זיין פטירה. ער איז אוועקגעגאנגען פון אונז נישט מיט קיין הילכיקן פאל אָדער קנאק, ווי א דעמב, נאָר ער האָט זיך שטיל און עקשנות׳דיק געראנגלט פאר זיין לעבן און ווען עס איז אים אויסגעגאנגען דאָס לעצטע ביסל כחות, איז ער איינגעשלאָפן שטיל ווי א טויב.

יצחק קאפּלאַן

ראָזאָווסקי, מרדכי ראָזאָווסקי, ר' מרדכי

שילדערן די פּערזאָן ראָזאָווסקי, איז זייער א שווערע אויפגאַבע, אפילו פאר די חברים וואָס זיינען געווען מיט אים אינטים באפריינדעט, ווייל ראָזאָווסקי איז ניט געווען פון די יעניקע וואָס באפעסטיקן זיך אויף איין פּאָזיציע, און באהערשן פון דאָרטן א געוויסן קרייז. ער האָט קיין איינע פון די ביידע זאכן ניט באגערט און זיך דערווייטערט פון זיי.

ראָזאָווסקיס כאראקטערשטריך איז, וואָס ער איז געווען א מעורב עם הבריות. זיין איך האָט ער דערפילט ווען ער איז געווען מיט חברים, און ער האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין אליין. ער האָט שטענדיק געזוכט די מסיבה פון א חבר אָדער חברים, און איז ניט מדקדק געווען אויף פּארטיי־געגנאסנשאפט, אבי א אָרנטלעכער איד. זיין „איך" האָט ער קיינמאָל ניט גע־שאצט און האָט זיך באטראכט ניט מערער ווי איינער פון די צען צום מנין.

געזעלשאפטלעכקייט איז ביי אים ניט געווען באגרענעצט אויף דעם אָדער יענעם געביט. ציוניזם איז ביי אים געשטאנען אויף דער העכסטער מדרגה און ער האָט פאַרן נאציאָנאלן אידעאל אוועקגעגעבן דעם גרעסטן און בעסטן טייל פון זיין לעבן. אָבער, דאָס האָט אים ניט געשטערט זיך צו טרעפן טאָג־טעגלעך מיט מענטשן פון אנדערע קרייזן, אפילו פון אָפּאָזיציאָ־נעלע און שמועסן מיט זיי איבער אידישער עטיק, ליטעראטור, טעגלעכע געשעעענישן, און אזוי ארום דערנענטערן צו זיך די דערווייטערטע, אין דער בחינה פון „ואת הנפש אשר עשו".

ראָזאָווסקי האָט זיך געהאלטן ווייט פון כבוד און כבודים, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען א כסדרדיקער נרדף פון כבוד, און ניט אזוי צוליב זיין ענוות ווי צוליב זיינע עטישע געפילן. ער האָט אָבער שטארק מקפיד געווען מען זאָל ניט אָנרירן דעם כבוד פון א חבר. קיין זאך האָט אים אזוי ניט

אויפגערעגט ווי ווען אימיצער פון די חברים האָט פוגע בכבוד געווען אייגעם פון זיי. דער „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך", האָט ביי אים איבערשטיגן, און עס איז ביי אים געוואָרן „יותר משלך" — ווי דאָס איז באקאנט צו זיינע נאָענטע מיטארבעטער.

ראָזאָווסקי איז ניט געשטאנען אויף איין מאָס, נאָר ער איז כסדר געשטיגן און זיין אידיש־מענטשלעכער גייסט האָט זיך געהאלטן אין איין הויבן מעלה מעלה, ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג. ער איז געווען אן אייגענער אוניווערזיטעט, וואָס האָט געלערנט, אנאליזירט, געפאָרשט און זיך געגרונטעוועט אין חכמת ישראל און האָט אָנגעזאמלט אוצרות מיט וויסן, — ער איז געווען דער ריכטיקער מעין המתגבר. אונטער אלע אומשטענדן האָט ער זיך גייסטיש געשטארקט און אויך משפיע געווען אויף אנדערע, געווינענדיק יעדעס מאָל מערער פארערער.

:: :: ::

ראָזאָווסקי אין אמעריקע, איז א אינטערעסאנטער קאפיטל אין לעבן פון דער אידישער קאָלעקטיוויטעט אין ארגענטינע.

ראָזאָווסקי: א סאָלידער סוחר, וואָס זוכט א וועג אין ים פון אידנטום און מיט זיין געזונטן חוש האָט ער אים געפונען אין ציוניזם, אין וועלכן ער איז אריין איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן.

איך דערמאָן זיך אין א שמועס וואָס איך האָב געהאט מיט אים ביי אונזער ערשטער באגעגעניש. און בארירנדיק דעם פונקט פרנסה, האָט ער מיר געזאָגט: — איך בין א האָלץ־סוחר, א שווינדלער גלייך מיט אלע שווינדלער, נאָר מיין שווינדל איז פון אן אנדער סאָרט, אום צו דערהאלטן די קונדן, און נאָך נעמען ביי זיי אמאָל מיט א פאָר סענט טייערער, האָב איך מיר געפונען א פשוטן מיטל. איך האנדל אָרנטלעך, דאָס איז אויך א מין שווינדל, פרנסה איז ברוך השם פאראן גענוג. נאָר אָט דאָס געשעפטל שטערט מיר און לאָזט מיר ניט אנטוויקלען מיין ארבעט ווי עס וואָלט זיך געוואָלט.

אויף מיין פראגע, אז דער געשעפט איז א גוטער, וואָס פאר אן אנדער ארבעט דארף ער זוכן. איז זיין ענטפער געווען: — נו, נו, נו, אָבער עס נעמט ביי מיר צו א סך צייט און קען ניט טאָן גענוג פארן ציוניזם.

דער דאָזיקער אנעקדאָט רעדט פאר זיך אליין.

:: :: ::

מרדכי ראָזאָווסקי, דער תלמיד חכם, דער פקח, דער ציוניסטישער

עסקן, איז אריבערגעוואקסן דעם אמעריקאנער מאטעריאליזם און איז געוואָרן איינער פון דעם אידישן קאָלעקטיוו, וואָס האָט זיך געשטעלט אין גאנצן צו דינסט דעם כלל. דאָס אידישע פאָלק פאָדערט פּיאָנערן, שווארצע ארבעט: גייען, מאָנען, וועקן, פאָדערן, און מרדכי ראָזאָווסקי נעמט אויף זיך די דאָזיקע עבודה און דערפילט איר בשלימות. זיינע פריוואטע ענינים זיינען ביי אים געוואָרן א נעבן־זאך, די מערהייט פון זיין צייט גיט ער אוועק פאר ארץ ישראל און עם ישראל, וועלכעס האָט ארויסגערופן יראת הכבוד צו זיין פערזאָן.

רעגנס, בלאָטעס, קעלט, היץ, האָבן אים ניט אָפּגעהאלטן אין זיין עבודת הקודש, אין די ווייטעסטע מקומות, אין די שווערסטע באדינגונגען, מרדכי ראָזאָווסקי פאָרט, שאפט, און ווערט פון די וויכטיקסטע בויער פון ארץ ישראל אין ארגענטינע.

:: :: ::

ר׳ מרדכי באנוגנט זיך שוין ניט מיט עולה רגל זיין פון שטוב צו שטוב צוליב ציון, מאָנענדיק פארן קרן היסוד צו פארן קרן קימת, נאָר אויך דורך וואָרט און שריפט רופט ער זיך אָפּ אויף אלע פראגן וואָס האָבן א שייכות צום אידישן לעבן אין גלות. מיט זיין ווייטן און ברייטן בליק האָט ער געזען אז דער גלות העלפט בויען ארץ ישראל און ארץ ישראל באווירקט אויפן גלות, און אלץ וואָס עס ווערט געטאָן און געשאפן דאָרט און דאָ איז עס צוזאמען געקניפט און געבונדן. מען מוז האָבן א שטארק פעסט הינטערלאנד כדי צו דעראָבערן פּאָזיציעס און פארפעסטיקן זיך אין דעם צענטער, אין ארץ ישראל.

ר׳ מרדכי איז געוואָרן דער קנין פון דער גאנצער אידישער קאָלעקטיווטעט. מיט זיין שטייגער האָט ער מחזיר למוטב געווען א סך וואָס זיינען געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט צום ציוניזם. ער האָט געלייטערט ציוניסטן און מקרב געמאכט די פארשידענע טענדענצן און ריכטונגען. עקשנות׳דיק האָט ער געזוכט שלום אין די ציוניסטישע רייען, ניט אכטנדיק אויף זיין געזונט, און האָט פיל דערגרייכט.

נישטאָ מער ר׳ מרדכי, אָבער אויף לאנגע יאָרן וועט בלייבן דער אָנדענק פון ר׳ מרדכי.

מ. שענדעריי

דרייסיק טעג און איין שעה מיט ר׳ מרדכי׳ן

ווינטער 1925. ר׳ מרדכי איז ערשט ארוים פון שפיטאָל נאָך א גאַנץ שווערער אָפּעראַציע וועגן וועלכער ער פלעגט זיך ווייצלען, „איך האָב אפילו האָלד געהאַקטע לעבער, נאָר ווי א מאכל — ניט ווי א קראַנק״.

דאָקטוירים הייסן אים נעמען א לענגערן אָפּרו, אָבער די ציונ. פעדע־ראַציע באַשליסט גראָד דורכצופירן דעם קרן היסוד קאַמפּיין מיט אייגענע כחות, אָן א שליח פון אויסלאַנד, און צו אזא ארבעט קאָן מען זיך אָן ר׳ מרדכי׳ן בשום אופן ניט באַגייען; מעגן זיך דאָקטוירים זאָגן וואָס זיי ווילן, ר׳ מרדכי מאָביליזירט זיך פאַר דער קרן היסוד אקציע און שטעלט זיך צו דער ארבעט מיט א ביישטייערונג וואָס איז שוין דאַן געווען קלאַסיש פאַר אים:

— דריי טויזנט פּ. במזומן, א חודש צייט ארבעט, און... א פּאָר שטיוול אויף צורייסן טיאַפּקענדיק איבער די בלאָטעס פון ע. ריאָס צי פון אַנדערע מקומות.

גראָד איז דאַן אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו באַזוכן דעם דרום טייל פון לאַנד, א געגנט וואו עס איז ווינטער היפש קאַלט, בפרט אין די חדשים יולי־אויגוסט ווען דער קאַמפּיין האָט דאָרט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן און וויפיל מען נישט גע׳טענה׳ט, אז עס איז אָן איינשטעלעניש פאַר א ניט לאַנג אָפּערירטן מענטשן צו פאָרן אין אזא העק אין מיטן ווינטער, האָט עס ניט געהאָלפן: ר׳ מרדכי האָט שטאַרק געהאַלטן פונעם שלוחי מצוה אינם ניזוקין און וואָס איז א גרעסערע מצוה ווי ארבעטן פאַרן קרן היסוד?..

איך האָב געהאַט די זכיה צו באַגלייטן אים אויף יענער רייזע וואָס האָט געדויערט פולע דרייסיק טעג און וואָס איז געווען ניט נאָר א גראַ־

טענער קאמפּיין פאַרן קרן היסוד, נאָר א נסיעה פול התלהבות, פול אידיש־קייט, א נסיעה וואָס איז שווער צו פאַרגעסן.

ווען מיר זיינען שוין אין צוג, אין קאַלטן וואַגאָן, וועלכן מען פלעגט נאָך דאַן נישט הייצן אום ווינטער, איז אָנגעלאָפן א חבר און געבראַכט א פרישן צאַפּלדיקן ציוניסטישן אנעקדאָט, וואָס האָט געהאַט גאָר א ענגע שייכות צום קאַמפּיין וואָס ווערט אָנגעפירט.

פאַרלאָפן האָט זיך עס אין א קליינעם שטעטל, וואוהין נ. געזאַנג ע״ה איז געקומען פּראָקלאַמירן דעם קאַמפּיין. דער חבר וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטעלן האָט ניט גוט אויסגעטייטשט דעם אות נ. פונעם פאָרנאָמען, ער האָט געלייענט דעם נאָמען ווי נח, ווען באמת האָט געזאַנג געהייסן נחמן. לאַנג האָט דער פּראָווינצער חבר געטראַכט וועגן א גוט־וואָרט צו זאָגן ביי דער פאַרשטעלונג און האָט זיך סוף כל סוף דערטראַכט צו א פסוק וואָס איז ממש ווי אָנגעמאָסטן צום נאָמען:

— אלה תולדות נח...

איז אָבער די מעשה וואָס איין באַגלייטער פון געזאַנג האָט קיין עוולות ניט געקאָנט פאַרליידן און האָט קאָרעגירט דעם טעות: ניט נח, נאָר נחמן... דער איד האָט זיך אָבער ניט געלאָזט אָפּרייסן פון פסוק און האָט אַלץ גע־טענה'ט נח. איז עס געקומען צו א ווערטער־איבערשיסונג, פריער בלחש, לסוף אויף א הויכער שטימע:

— נחמן

— נח

— נחמן

— נח

— נחמן !

ביז דער איד איז אין כעס געוואָרן און האָט דערקלערט קאַטעגאָריש: ביי מיר הייסט ער נח... איך וועל צוליב א פּאָר אותיות קיין פסוק ניט פאַרשפּילן...

און ווי אַט דער וויץ און דער געלעכטער, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, וואָלטן געגעבן דעם טאָן פאַר דער גאַנצער רייזע: עס איז געווען א פריי־לעכע נסיעה. עס האָבן זיך אומאויפהערלעך געשאָטן וויצן, אנעקדאָטן, גלייב־ווערטלעך, טיפזיניקע עקספּראָמטן, בליציקע געדאַנקען, אמתע אפאָריזמען

וואָס וואָלטן געמעגט פאַרשריבן ווערן און אויף וועלבע ר׳ מרדכי איז אזא בריה געווען.

ר׳ מרדכי האָט יעדן איינעם אויפגעהייטערט מיט א גוט וואָרט, מיט א טרעפלעכער באַמערקונג, מיט א לומדישן שאַרפן זאָג, דאָס מאָנאַטאָנע זאַמלען פאַרן קרן היסוד איז דערהויבן געוואָרן צו זיין אמתן מהות, צו א מצוה מתוך שמחה. לומדים און פּראַקטיקעס, די רייכע גוטבאַזיצער פון מע־דאַנאָס, די אָרימע האַרעפּאַשניקעס פון נאַרסים לעווען, די „רוסישע״ אינ־טעליגענטן פון ריווערא, די רייכע סוחרים פון ב. בלאַנקא, די דאָרפס פאַרער פון סואַרעז און פּרינגלעס און די סתם וואוילע אידן פון טרעס אַראָזשאָס און בערנאַסקאָני, אלע זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער יום־טוב׳דיקייט וואָס עס האָט געשטראַלט פון ר׳ מרדכי׳ן, זיינע ווערטער און ווערטלעך זיי־נען געווען ווי א מין מן אין וועלכן יעדער איינער האָט געפּילט דעם טעם וואָס איז פאַר אים געווען צוגענגלעך.

ר׳ מרדכי האָט געשפּרודלט מיט לעבן. אין ערנסט און אין שפּאַס, אין א טעאָרעטישן וכוח צי אין סתם א געמיטלעכן שמועס, פון יעדן וואָרט האָט געשלאָגן דער קוואַל פון דער אור־אַלטער אידישער חכמה, אויסגעוואַרימט אויף אידישער תורה און אלוועלטלעכן וויסן. א מאמר חז״ל און א רוסישער „מאמר סקאַזאַל״, ווי ער פלעגט עס רופן, אלץ האָט האַרמאָניזירט, אלץ האָט געשטימט, ווייל אלץ האָט געשטראָמט פון א געזונטן אידישן מח גע־לייטערט דורכן פילטער פון א גרויס אידיש האַרץ.

עס געדענקט זיך א ליכטיקע לבנה־נאַכט. דאָס פּרעסטל צופּט גאָר קיין מעשה ניט, ווען מיר לאָזן זיך אַרויס אויף אַן אויטאָמאָביל נסיעה פון וויזשאַ אַירעס קיין וויזשאַ אַלבאַ, — די חברים פון וויזשאַ אַירעס האָבן אונז אפילו אָפּגעראַטן פון פאָרן אנטקעגן דער נאַכט אין אזא קרירה. ר׳ מרדכי האָט אָבער זיך ניט געלאָזט איבערצייגן. מען האָט אונז גערופן קיין וויזשאַ אַלבאַ וועגן א גאָר וויכטיקן ענין, עס האָט דאָרטן דאַן געפּלאַקערט א גאַנץ הייסער מחלוקת און חוץ קאַמפּיינעווען פאַרן קרן היסוד האָט מען נאָך דער־וואַרטעט, אז ר׳ מרדכי׳ן וועט געלינגען ברענגען צו א שלום צווישן די צדדים, און ברענגען שלום! ווער און וואָס האָט געקאָנט אָפּהאַלטן ר׳ מרדכי׳ן פון אזא שליחות?

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט און דאָ, כנהוג, פּלאַצט א ראָד און מען דאַרף זיך אָפּשטעלן פאַריכטן. באַוואָרען זיך אונזערע באַגלייטער אַרום דער געפּלאַצטער ראָד צו וועלכער מ׳האָט

אונז די גרויסשטאָטיקע „ביעלאָרוטשקעס" אפילו ניט צוגעלאָזט און איך מיט ר' מרדכי'ן כאַפּן דערווייל א שפּאציר און פארלירן זיך אין מיטן דער ברייטער, אומענדלעכער סודות'פולער ארגענטינער פּאמפּא...

די שטילקייט פון דער נאכט, די אויסטערלישקייט פון גאנצן ארום, דער כשוף'דיקער לבנה-ליכט, אלעס האָט גערופן צו טרוימען, צו פאַר־טראכטן זיך אין די טיפע טיפענישן פון אייגענעם איך, איבערלעבן זיך מיט דער נאטור און פילן בפועל ממש דעם מיסטישן כוח וואָס באשאפט יעדן טאָג נייע וועלטן.

במשך פון יענעם לאנגן שפּאציר האָט ר' מרדכי מער געשוויגן ווי גע־רעדט. פון צייט צו צייט פלעגט ער לאָזן פאלן א באמערקונג, א פערז פון א לאנג געלייענטן פּאָעט אין אידיש, העברעאיש, צי גאָר רוסיש, א פּסוק, א מאמר, א מדרש, און געדוכט האָט זיך ווי א הויכער, ברייטער און פעס־טער דעמב פון ליטווישע וועלדער וואָלט מיט אמאָל לעבן באקומען און אָנ־געזאָפּט מיט טיפער אידישער תורה און חכמה וואָלט ער דאָ אין מיטן פון די פרייע ארגענטינער פעלדער, אונטערן פרייען ארגענטינער הימל, פאַרגע־זעצט עפּעס א טראכטעניש, אור-אלטע הוריות וועגן גאָט, מענטש און וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרטויזנטער צוריק ערגעץ אין די אומענד־לעכע פון לבנה-ליכט פאַרגאָסענע מדבריות, וואו א פאָלק האָט א תורת אמת געפונען. זיין האלב געשטאמלט וואָרט האָט געשימערט מיט א ליכט און געגליט מיט א פייער וואָס האָט געשלאָגן פון גאָר ווייטע ווייטקייטן. אזוי האָט געמוזט אמאָל דער גרויסער שטאמלער, דער רבי און וועגווייזער פון א וועלט-פאָלק, ארומשפּרייזן פאראינזיכט און פון אייגענעם פייער ארויסגעשלאָגן פונקען וואָס האָבן דורך די בעסטע זין פון אידישן פאָלק די גאנצע וועלט באלויכטן...

און אין עטלעכע טעג ארום, אין בערנאסקאָני. געשטאנען זיינען מיר אין א האָטעל, אָבער צום עסן האָט מען געמוזט קומען אין הויז פון א ליבן חבר, וואו אידישע הארציקע גאסטפריינטשאפט האָט הארמאָנירט מיט בע־סערער ציוניסטישער חבר'שאפט. די הארציקע פּראָווינצער האָבן גאָרניט געוואוסט וואָס צו טון אויף בעסער צו באדינען אזא געהויבענעם גאסט: עפּעס א קלייניקייט! ר' מרדכי ראַזאָווסקי. דער למדן און אינטעליגענט, דער סוחר און וועלט-מענטש, און ווי אנגענעם איבעראשט זיינען זיי געוועזן פון זיין משפחה'דיקער באנעמונג, פון זיין עכטער פאָלקסטימלעכקייט, עפּעס א

גוטער פעטער איז געקומען צו גאסט פון ערגעצדיקע ווייטקייטן און האָט גע־שפרייט ארום זיך היימלעכקייט און קרובה'שאפט...

געגעסן האָט מען אין דער גרויסער, ליכטיקער און זויבערער קיך. אנדערש האָט ר' מרדכי ניט געוואָלט, ניט דערלויבט מען זאָל זיך צופיל באמיען, ביז עס איז געקומען א געוויסע נאכט, ווען מען האָט לכבוד דער ק. ה. דעלעגאציע איינגעלאָדן צום טיי נאָך א פּאָר געהויבענע געסט, די אריסטאָקראטיע פון שטעטל, דעם דאָקטער, זיין כלה א דאָקטאָרקע, דעם אפּטייקער, דעם ציין־דאָקטער. דאָ האָט שוין די בעל הבית'טע ניט געקאָנט נאָכגעבן. מיט אזעלכע געסט מוז מען שוין זיצן אין זאַל און נאָך לאנגע דיינגענישן איז מען געקומען צו א קאָמפּראָמיס. אוונט־ברויט עסט מען טאקע אין קיך, כנהוג, אָבער צום טיי מוזן אלע גיין אין זאַל...

און אָט זיצט מען אין דעם קאלטן זאַל און מען שמועסט צירלעך־מאנירלעך. די לופט איז געפרוירן און די שטימונג איז אויך אן אָנגעצויגענע. ר' מרדכי ליידט סיי פון דער פיזישער, סיי פון דער גייסטיקער קעלט. און באשליסט זיך סוף כל סוף אויף א שטיפעריי. ווען די בעל הבית'טע מיט איר עלטערער טאָכטער טראָגן אריין די טאצן מיט טיי, צובייסן און גאנצן קלאפּערגעצייג, ווינקט זיך ר' מרדכי איבער מיט מיר און מיט נאָך א חבר און אין א מאָמענט ווען די בעל הבית'טע איז אויף א רגע אריין אין צווייטן צימער, הויבן מיר אויף פון טיש דעם גאנצן קרעדענץ, מיטן טישטוך און האק און פּאק, און לאָזן זיך טריאומפירנדיק אוועק אין דער ווארימער קיך אריין. מען האָט געדראפּט זען ווי ר' מרדכי האָט איבערגענומען די ראָל פון דער בעל־הבית'טע, אליין געסארווערט, קאָמאנדעוועט מיט אנדערע ווי אלץ צו איינאָרדענען און אין א האלבער שעה ארום איז די שטימונג געווען גאָר, גאָר אן אנדערע, פארשוואונדן די אָנגעצויגנקייט. אידישע קערפּערס האָבן זיך דערוואָרימט מיט א הייסער גלאָז טיי, אידישע נשמות האָבן זיך דער־ווארימט פון ר' מרדכי'ס ווערטער און ווערטלאך און עס איז געוואָרן ליהודים, עס זיינען פארשוואונדן אלע מחיצות פון עלטער, פון סאָציאלן שטאנד, פון גרעסערע אָדער קלענערע געלערנטקייט. אלע האָבן זיך דער־פילט קינדער פון איין ציוניסטישער משפחה, וועמענס ראש און טאטע, ר' מרדכי, האָט גאָר אָנגעקוואָלן. ווייל ער האָט געבראכט צו דער הויכער חסידישער מדרגה פון שהשמחה במעונו.

צוריק קומענדיק קיין ב. איירעס, פירט מען אונטער א חשבון צדק פון די הוצאות. אויסגעגעבן כך וכך, ר' מרדכי אָבער האלט אז ער דאַרף אויף

דעם חשבון איינצאָלן דריי הונדערט פּ. פון זיין טאַש. וואָס איז? אין ב. איירעס גיט ער אוים קעשענע־געלט 10 פּ. א טאָג, 30 טעג רייזע האָט ער פארשפּאָרט 300 פּ. צאָלט ער זיי איין דעם קרן היסוד ביי וועלכן ער וויל נישט פארדינען...

ביים פארענדיקן די רייזע האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אז מיר וועלן די דרייסיק טעג קיינמאָל ניט פארגעסן.

:: :: ::

זומער 1945. ר׳ מרדכי איז קראַנק, שטאַרק קראַנק. ער גייט שוין כמעט פון בעט ניט אַראָפּ. עס איז אים שווער צו רעדן און קיינער ווייסט ניט וואָס איז גלייכער. צי אריינקומען מבקר חולה זיין און ברענגען דערצו ער זאָל יאָ רעדן, אָדער אָפּהאַלטן זיך פון קומען און גורם זיין צו דעם ער זאָל זיך פילן ווי פארגעסן און פארלאָזן.

מען מיטעלט זיך. מען קומט אין גרופּעס צו צוויי, צו דריי, בכדי מען זאָל מער קאָנען רעדן צווישן זיך און ר׳ מרדכי זאָל מער הערן ווי רעדן. יעדער באזוך קאָסט יעדן באזוכער געזונט. עס איז פיינלעך ביז שארפן פּי־זישן ווייטאָק צו זען ווי א טיטאַן איז צוגעשמידט צום בעט מיט די אומזע־בארע קייטן פון א קראנקייט, ווי א גרוים ליכט צאַנקט און לעשט זיך...

אין א טאָג בין איך ארויפגעקומען מיט א צווייטן חבר און געבראַכט די ערשטע אָפּגעדרוקטע בלעטלעך פונעם בוך מיט ר׳ מרדכי׳ס ליטעראַרישע שאפונגען וואָס איז נאָך לאַנגע (צו לאַנגע!) הכנות אריין אין דרוק. מיר האָבן געוואָלט ר׳ מרדכי׳ן א נחת פארשאפן און האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט. מיט ליבע האָט ער געגלעט די פריש־געדרוקטע בלעטלעך, זיין אויסגעצערט פּנים האָט זיך גענומען רויטלען און מיט א שוואַכער שטימע האָט ער מיר געבעטן פאַרלעזן דאָס שוין אָפּגעדרוקטע, ער וועט האָרכן ווי עס לייענט זיך.

איך האָב גענומען פאַרלעזן. ר׳ מרדכי האָט פארמאַכט די אויגן און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. עס זיינען געווען די בלעטלעך פון זיינע זכרונות... ווי אין א פייערלעכער פּראָצעסיע האָבן זיך א צי געטון בילדער און פּערזאָנען פון דער ווייטער, ווייטער, ליבער, ליבער יוגנט. זיין שטעטל, זיינע עלטערן, זיידעס, באָבעס, פעטערס, מומעס, יוגנט־פריינט און סתם אידן פון דעם ווייטן אמאָל וועלכע זיינען שוין לאַנג אוועק אהין, וואוהין ר׳ מרדכי האָט זיך געקליבן צו גייען... א פּאַרציטערטער בין איך געוואָרן. איך האָב זיך געכאַפּט אז עס איז געווען א טעות צו לייענען פאר א שכיב־

מרע, די זכרונות פון זיין יוגנט. ס'איז א אומנויטיקער פעלער אויפרודערן די וואונדן... איך האָב זיך מיטאמאָל אָפּגעהאקט. ר' מרדכי האָט מיך אָבער געבעטן דוקא פאָרצוזעצן. ער האָט זיך אויפגעזעצט און מיט א שטארן בליק וואָס האָט שוין געקוקט מער פון „דאָרט", פון דער צווייטער זייט, האָט ער נאָכגעפאָלגט יעדע באוועגונג מיינע. פון צייט צו צייט פלעגט אין האלב אויסגעלאָשענעם בליק אויפטויכן א פונק פון לעבן, א פייערל פון געווס. און געדוכט האָט זיך מיר אז דאָס פאָרלייענען די זכרונות באקומט א הויכע סימוואָלישע באדייטונג. עפּעס ווי די אלע פיגורן וואָלטן אויפגעשטאנען פון ווייטן עבר, און וואָלטן ארויס צו די טויערן פון „יענער וועלט", אויף מקבל פּנים צו זיין זייערן א נאָענטן און ליבן, וואָס קומט צו זיי אויף צו נעמען זיין פאָרדינטע רו נאָך א לאנגער וואָגלעניש איבער דער נארישער וועלט...

אין א מינוט האָב איך זיך דערפילט בחוש אויפן ראנד צווישן ביידע וועלטן, און ר' מרדכי האָט שוין דאן געהערט מער צו „יענער" ווי צו דער... א שעה צייט האָט געדויערט דאָס לייענען. עס איז געווען א פיינלעכע שעה, א שעה פול מיט מיסטעריע פון לעבן און טויט, די ווייטע קינדהייט און יוגנט האָט זיך צוזאמענגעטראָפן מיט די לעצטע שריט אויפן לעבנס-וועג. אין דער שעה האָט ר' מרדכי, פילייכט נאָכאמאָל זיין גאנצן לעבן דורכגע-לעבט... שווער צו שטייען דאָרט וואו טויט און לעבן באגעגענען זיך. איך האָב געפילט אז איך האלט ביים צוזאמענברעכן... א נס האָט געטראָפן, אריינגעקומען דער דאָקטער און איך האָב געקאָנט איבעררייסן דאָס לייענען, וואָס איז מער ניט פאָרגעזעצט געוואָרן. אין צען טאָג ארום איז ר' מרדכי אריבער אין א בעסערער וועלט...

⁘ ⁘ ⁘

איך קלויב זיך אָפּצוהיטן אונזער אָפּמאך. איך וועל די דרייסיק טעג פון יענער רייזע קיינמאָל ניט פאָרגעסן. אָבער אויך די לעצטע שעה וועט ניט פאַרשווינדן פון מיין זכרון. אזעלכע שעה'ן פאָרגעסן זיך ניט.

דרייסיק טעג און איין שעה. ווער קאָן וויסן וואָס איז מערער?

ר' מרדכי ראָזאָווסקי

געקליבענע שריפטן

ארויסגעגעבן פון א גרופע חברים, מיט דער מיטהילף
פון קרן קימת לישראל און קרן היסוד אין ארגענטינע.

בוענאָס איירעס
1947

זכרונות

„אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות..
און ירמיהו איז אויף קבר אבות געגאַנגען,
מתים אויפוועקן מיט יאָמער געקלאַנגען
ווען אייערע קינדער ווערן פאַרטריבן.
זייערע היימען צושטערט אין חורבות צוריבן,
וואָס זשע איז פון אַלע הבטחות געבליבן?..

(פריי איבערזעצט פון העברעאיש).

אַט דער אויסצוג פון אַ קינה צו תשעה באב איז דער אויסדרוק פון דער העכסטער פּיעטעט וואָס מיר פילן צו קבר אבות, צו רואינען און חורבות פון פאַרגאַנגענעם אידישן לעבן. אין דער דאָזיקער פיעטעט ליגט פּילייכט דער סוד פון אַ צווייטן מיסטישן קאָנצעפּט, דעם באַגריף פון השארת הנפש.

און געקומען איז עס מיר אויפן זינען אין פאַרבינדונג מיטן פּראָיעקט ארויסצוגעבן אַ פנקס פוילן, אין וועלכן עס זאָל דורך דערינערונגען און שילדערונגען, דאָקומענטן און מעמוארן, פאַרפיקסירט ווערן דאָס רייכע, פיל־פאַרביקע, שיינע אידיש לעבן אין מדינת פוילן, וואָס איז פאַר אונזערע אויגן חרוב געוואָרן.

ביי יעדן איינעם פון די וואָס געהערן צום עלטערן דור, וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זייער וועזן די דערינערונג פון דעם נאָר־וואָס חרוב־געוואָרענעם לעבן פון די היסטאָרישע ארבע־ארצות: פוילן, ליטע, רייסן, זשאמעט, מיט זיינע פּרינציפּן און געבאָטן פון תורה ומצוות פון קולטור און עטיק, רייסט זיך פון ברוסט אַ וויי־געשריי אין גייסט פון דער אויבנ־

דערמאָנטער קינה: הייליקע ביינער, שטייט אויף פון אייערע קברים איר אַלע שוין לאַנג־פאַרשטאָרבענע גאונים, רבנים, מנהיגים און פרנסים, גע־לערנטע, שרייבער און דיכטער ווי אויך פשוטע אידן פון אַ גאַנץ יאָר, שטייט אויף און דערציילט דורך די זכרונות פון די, וואָס האָבן אייך גע־קאָנט אָדער געהערט פון אייך, וואָס און ווער דאָס אידישע לעבן אין די „פיר לענדער" איז געווען און זאָל די וועלט וויסן, און זאָל דאָס פאָלק ישראל פילן, וויפל גייסטיקע שיינקייט, וויפל אוצרות פון דערהויבנקייט ליגן באַגראָבן אונטער די חורבות פון אידישן לעבן אין פוילן און ליטע.

איך פיל אויף זיך אַ חוב קדוש איבערצוגעבן פאַר אונזער היינטיקער עפנטלעכקייט און פאַר אונזערע קומענדיקע דורות מיינע דערינערונגען פון די ליטווישע אידישע טיפּן פון מיין משפחה אָדער פון מיין סביבה, וואָס איך האָב געקאָנט און וועמענס אָנדענק איך דערהאַלט ביז צום היינטיקן טאָג. איך בין ניט קיין שרייבער, אָבער איך שרייב מיינע זכרונות מיטן תמצית הדם וואָס טריפט פון מיין אידיש האַרץ און איך וועל אָנצייכענען ווי איך קען די סילועטן פון נישט וויטן עבר, די געשטאַלטן, גרעסערע, מי־טעלע און קלענערע, וואָס פון אַלע צוזאַמען דערשיינט די ליטווישע אידישע וועלט וואָס איז פאַר אונזערע אויגן חרוב געוואָרן.

איך האָב געקאָנט אַ סך ליטווישע שטעט און שטעטלעך, יעדע איינע מיט איר אייגנאַרט, מיט איר אייגענעם פּרצוף, מיט איר נאָמען און כאַ־ראַקטעריסטישן צונאָמען, פון דער גובערניע שטאָט מינסק, דורך די קלע־נערע שטעט ווי סלוצק, פינסק, באָברויסק, צי די גאָר קליינע שטעטלעך, קאָרעליץ, קאַפּוליע, לאַכוויץ, און צו דער פּיטשינקער טורעץ, וואָס קאָן פאַרעכנט ווערן ווי מיין געבורט־שטאָט ווייל אויף אַ פּאָלוואָרעק צווייי וויאָרסט פון דאָרט האָב איך דערזען די ליכט פון גאָטס וועלט; און מיין צווייטע געבורטס־שטאָט „די מיר", וואו איך האָב אין דער ישיבה געלערנט און בין צום גייסטיקן לעבן געבוירן געוואָרן.

אין די אַלע שטעט און שטעטלעך וואָס איך האָב געקאָנט, זיינען כמעט קיין עם־הארצים נישט געווען. אפילו די גאָר פּראָסטע אידן האָבן געקאָנט הערן און באַנעמען אַ שיעור עין־יעקב וואָס אַ איד אַ בר־אוריאן האָט פאַר זיי געלערנט אין די וואָכעדיקע בין מנחה־למעריבס, און די שבתדיקע סדרה, אויף וועלכע די מלמדים האָבן שוין ווי אַ מין חזקה געהאַט.

אומגעהויער גרויס איז געווען דער דרך־ארץ פאַר תלמידי חכמים. איך האָב פּערזענלעך געקאָנט אַ איד אַ וואַסערטרעגער וואָס האָט יאָרן־לאַנג

געטראָגן וואַסער אין בית־מדרש, וואו א פּופציק בחורים זיינען געזעסן יומם ולילה און געלערנט פאַרן איינציקן לוין פון שכר מצוה.

און נאָך און נאָך פּשוטע אידן, אָבער ליכטיקע מענטשלעכע געשטאַלטן האָב איך געקאַנט, וועגן זיי וויל איך דערציילן, וואָס איך ווייס און געדענק, און זאָל מיר פאַרגעבן ווערן אויב מיינע זכרונות וועלן ערטערווייז כאַפּן דעם אָנבליק פון א פאַמיליען־כראָניק. איך דערצייל דאָך וואָס איך געדענק, און וועמען געדענקט מען נאָך אַזוי גוט ווי די אייגענע און נאָענטע?

⁘ ⁘ ⁘

ווי געזאָגט איז טורעץ דאָס נאָענטסטע שטעטל פון דעם פּונקט וואו עס איז געשטאַנען מיין וויג, און נאָכער קומט מ י ר, וועלכע קאָן איך אָנגערופן ווערן מיין געבורטס־שטעטל, ווייל דער אמתער געבורטס־אָרט פון א מענטשן מיינט דאָס אָרט וואו עס ווערט אויסגעפורעמט זיין גייסט און פאַר מ י ר איז עס געווען טורעץ. דאָרט האָב איך באַקומען דעם יסוד פאַר מיין אידישן חינוך און שפּעטער, ביז מיינע 18 יאָר איז מיר, א „עיר ואם בישראל”. וואָס האָט דערנערט און געשפּייזט גאַנצע דורות און געווען זייער גייסטיקע מאַמע.

אויף די בית־עלמינס פון די דאָזיקע צוויי שטעטלעך, רוען די ביינער פון מיינע משפּחה־מיטגלידער. די עצמות חביבות פון מיין פאַרצווייגטער משפּחה, די וואָס איך האָב נאָך געקענט און די וועגן וועלכע איך האָב אין מיין קינדהייט זיך אָנגעהערט א סך אינטערעסאַנטע מעשות. איך וויל אויך באַמערקן, אַז איך האָב געפּרואווט פאַר זיך אַליין צו ציען דעם שנור פון 75 משפּחה־מיטגלידער מיינע, וועלכע איך האָב געקענט און וועמענס ליניע פון קרובהשאַפט דערגרייכט נישט ווייטער ווי ביז מיינע קוזינס און צווישן זיי האָב איך אויפגעציילט נישט מער ווי צוויי האַלבע עמי־הארצים...

עס איז שוין געוואָרן פערציק יאָר זינט איך בין אַוועק פון יענע מקומות וועלכע איך שילדער דאָ. מיינע זכרונות ציען זיך פון יענע יאָרן פון וועלכע א טייל שווימען אַרויף אין מיין זכרון בלייך און מטושטש, ווי האַלב־אָפּגעריבענע ליניעס פון אַן אַלטן אַטלאַס, און איך מוז זיך אַרויסהעלפן מיט מיין פאַנטאַזיע און כוח־השערה, מער ווי מיט עקזאַקטע באַהויפּטונגען. איך בין אָבער זיכער, אַז אפילו פון אָט די בלייכע סילועטן, אין א טייל פון וועלכע עס פעלט קלאָרקייט, וואָלטן אַרויסגעקומען פון דער

פען פון אַ געניטן מעמואַרן־שרייבער הערלעך־שיינע בילדער. מיך פעּרזענ־לעך פאַרכאַפּן זיי ווי אַ וויזיע און צויבער־חלום.

איך וועל אָנפאַנגען מיינע שילדערונגען מיט דער ליכטיקסטער גע־שטאַלט פאַר מיר, פון מיין זיידן ר׳ לייב אסטראַקער ע״ה.

מיין זיידע ר׳ לייב אָסטראָקער

איך וויל אָנהויבן פון די נאָענטע משפחה־מיטגלידער, פון מיינע זיי־דעס האָב איך געקענט נאָר איינעם: ר״ לייב אָסטראָקער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן היימיש־פאַרצויגן: לייבקע. ער איז געשטאָרבן אַ זקן מופלג, אַ איד פון 85 יאָר, און אפשר מער. מיינע באָבעס זיינען געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַר מיין געבורט.

ווען ער איז געשטאָרבן בין איך אַלט געווען 13 יאָר. זיין קלסתר־פּנים איז פאַרבליבן אין מיין זכרון און שטייט פאַר מיינע אויגן ביז היינט צו טאָג.

מיין זיידע ר׳ לייזער טורעצער, מיין פאָטערס פאָטער האָב איך שוין נישט פאַרכאַפּט. מיין עלטערער ברודער לייזער, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, איז דער בולטסטער באַוויז דערויף. ער איז געווען אַ מופלג גדול בתורה, אַ מוסמך מיט אַ שלשלת היוחסין ביזן גאון ר׳ הערשעלע חריף. דער לעצטער אָפּשטאַם אין גאונות פון דעם דאָזיקן גאון, איז געווען ר׳ שמעון שקאָפּ, גראָדנער רב און ראש־ישיבה, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ 6 יאָר צוריק. ער איז געווען מיין פאָטערס אַ פּלימעניק.

אין מיין משפחה איז שכיח דער נאָמען העשל, אַ נאָמען טאַקע נאָך דעם אויבנדערמאָנטן גאון ר׳ העשעלע חריף, וואָס האָט אויך קיינעם פון אונזער משפחה וועלכע הייסן נאָך אים נישט מעביר נחלה געווען פון זיין תורה און חכמה, און אַלע האָבן זיי גערשנט פון אים די אייגנשאַפט פון הומאָר און וויץ.

מיין זיידע לייבקע אָסטראָקער איז געווען אַ דאָרפישער איד. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דאָרפישע פרנסות, געהאַלטן אין אַרענדע פעלדער און אַ ווינט־מיל. ער איז געווען אַ האָרעפּאַשניק. געלעבט מיגיע כפּיו און געווען אַ מסתפּק במועט: נישט צופיל געהאָרעוועט, נישט איינגעריסן קיין וועלטן. ער איז געווען אַ שיינער בעל־תורה, געלערנט ש״ס און אפילו פוסקים. די לעצטע וואָרשיינלעך נאָר פאַר אייגענעם און היימישן געברויך, ווייל ער

האט געלעבט ווייט פון שטאט. שאלות פון תערובות בשר וחלב פלעגט ער אליין פסקענען.

זיין גייסטיקע וועלט האט ער אויסגעפולט, חוץ מיט זיין בלאט גמרא און פרק משניות, וואס זיינען אריין אין זיין מאנדאט פון „קובע עתים לתורה", אויך מיט ספרי מוסר און מידות, און ווען נישט ווען אויך מיט ספרי מחקר, שירים און מליצה, און פיליכט איז דער דאזיקער לייען־שטאף געווען דער יסוד פון זיין טיף־עטישער נשמה.

אין לערנען איז ער געווען עטוואס מער פון א דורכשניטלעכן אידן. א סך מער ווי דורכשניטלעך איז ער געווען א מזג טוב און בעל־מידות, און דאס איז נישט פארביי־געגאנגען אומבאמערקט, סיי ביי אידן סיי ביי קריסטן פון די פריצים פון געגנט, וואס זיינען געקומען מיט אים אין בארירונג.

ווען ער וואלט נישט געווען קיין מתנגד, וואלט ער אפשר געשמט פאר א צדיק־הדור און עס וואלטן זיך ארום אים געוועבט לעגענדעס, ווי ארום ר' ישעיה זשוכאוויצער, וואס איז אויך געווען א דארפס־איד און האט געלעבט מיט א הונדערט יאר צוריק און געוואוינט סך־הכל עטלעכע און צוואנציק ווערסט פון מיין זיידנס דארף. ווען ר' ישעיה זשוכאוויצער — אגב א בן־הדור פון ווילנער גאון און זיינער א תלמיד, — זיינען ארומ־געגאנגען לעגענדעס (פארצייכנט אין „עלית־אליהו"), אז די גויים פון זיין דארף פלעגן מיט א כיוון אריינטרייבן זיינע בהמות אויף זייערע קארן־פעל־דער, כדי ער זאל לויפן זיי ארויסטרייבן. זיי זיינען געווען איינגעגלויבט, אז „טאם גדיע שאיא כאדיט, טאם זשיטא ראדיט" — וואו ישעיה שטעלט זיי־נע הייליקע טריט, דארט איז גאט מצליח. ביי פאמיליע־סכסוכים אין דארף פלעגט מען זיך ווענדן צו פאן לייבא, אז ער זאל זיין זייער ריכטער און בעל־פשרה.

עס איז זעלטן צו טרעפן אזא אויסטערלישן און אויסערגעוויינלעכן טיפ אידישן מענטשן ווי דער דערמאנטער זיידע מיינער. ער איז געווען אן אוהב את הבריות און חביב על הבריות. עס באקומט זיך דער איינדרוק, אז ער האט מארעלירט זיין לעבן לויט די עטישע פרינציפן פון פרקי־אבות און לויט זיי אויסגעשמידט זיין גייסטיקן מהות.

ווי שוין געזאגט, האבן אים ליב געהאט און שטארק געשעצט אלע וואס זיינען מיט אים געקומען אין בארירונג, אידן ווי גויים. עס איז נאר צום באוואונדערן, וואס א איד ווי ער, אן אוהב המקום און אוהב ישראל, האט געקאנט איבערוואקסן די פאראורטיילן פון זיין צייט ביים רוסישן

רעזשים, מצד אידן וועלכע האָבן אַזוי שטאַרק געליטן פונם רעזשים, און זיין באַציאונג צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג איז געווען במעט די זעל־בע ווי צו אידן: אַ ווייכע און פּאַטערלעכע.

די באַציאונג פון די גויים צו אים איז געווען ענלעך צו דער, וואָס אין דער אויבנדערמאָנטער לעגענדע. עס האָט דערצו פּיליכט מיטגעווירקט דער אוממיטלבאַרער חוש פון אַ נאַטור־מענטשן. דעם דאָזיקן אינסטינקט איז דאָך צו מערקן אַפילו ביי בעלי־חיים, וועלכע דערשפּירן אינסטינקטיוו די גוטע מענטשן.

ער איז געווען אַ איד מיט אַ הדרת־פּנים: שיין אויסערלעך ווי אינער־לעך — תוכו כברו! מיושבדיק און געלאַסן אין זיין ריידן, מיט ווייכע מאַנירן און מיט אַ וואַרימען בליק, וואָס האָט געצערטלט און געגלעט. עס האָט פון אים געאָטעמט מיט פּאַטריאַרכאַלישער איידלקייט און אצילות.

זיין געפיל פון יושר און הארציקע וואַרימקייט פון אַ מזג טוב האָט גע־האַט אַ דירעקטע שייכות מיט זיין מוח און מיט זיין גלייכן שכל און קלאָ־רער לאָגיק. זיין חוש פאַר הומאָר, מיט וועלכן ער איז געווען באַשאָנקען, איז געווען געצוימט און דיסציפּלינירט דורך העכער׳ע עטישע פּרינציפּן, וואָס האָבן אים נישט געלאָזט אַריינפאַלן אין דעם קלענסטן שטויב פון ליצנות, ווי עס איז די טבע פון די מיט הומאָר־באַגאַבטע מענטשן.

ער איז געווען אַ שיינער שרייבער און בעל־לשון אין דער העברעאישער שפּראַך וואָס איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ האַרמאָנישע מזיגה: רבנישער און משכילישער סטיל. ער האָט געהאַט אַ שיינעם קיילעכדיקן כתב, געשריבן אין האַלב־רונדע שורות און אָן דעם קלענסטן שפּרינקעלע. די ריינקייט פון זיין כתב איז געווען ווי די זויבערקייט פון זיינע מלבושים, וועלכע ער האָט שטאַרק אָפּגעהיט. אַלץ אין אים איז געווען האַרמאָניש, אין דער בחינה פון: „משנתו קב ונקי״.

מיין זיידע ר׳ לייב אַסטראַקער וואָלט געווען דער דאַנקבאַרסטער אָב־יעקט פאַר קאַליגראַפן אויף צו דערלערנען פון זיין כתב זיינע מסתרי־נפש, מיטן גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט פון זיין אינערלעכער שיינקייט און זוי־בערקייט.

ער האָט אויך געהאַט אַ געניטע און פלינקע האַנט צו מאָלן און באַ־צירן סיי שטוביקע כלים ווי תשמישי קדושה. ער פלעגט אַליין שרייבן מזוזות און תפילין, האָט אָנגעשריבן אַ מגילה און געמאַכט באַפוצונגען צו עמודים און פּרוכתן.

צו פארענדיקן זיין גייסטיקן פארטרעט וויל איך איבערגעבן נאך א פאר שטריכן, וועלכע וועלן ארויסברענגען אין רעליעף די ריינקייט פון זיין גשמה, זיין טיפן יושר־געפיל און באציאונג צו סאציאליזם און גלייכקייט. ער האט נישט געקענט פארטראגן קיין שום הערשאפט איבער איינעם און קיין שום אומגלייכקייט אויפן סאציאלן געביט.

צו יעדן פון אונז אין שטוב, אפילו צו דער דינערשאפט, פלעגט ער זיך ווענדן מיט די ווערטער „מיין זון" אדער „מיין טאכטער", און איך וויל זיך דערלויבן ברענגען אן עפיזאד וואס וועט אילוסטרירן דאס אויבנגעזאגטע.

ביי אונז אין שטוב איז געווען היבשע עטלעכע יארן א אידישע דינסט־מיידל מיטן נאמען מאריאשע, זייער א טרייע און איבערגעגעבענע, צוליב די גוטע באציאונגען צו איר מצד דעם גאנצן הויזגעזינד, וואס איז, אגב, געווען דער גרונט־שטריך, וואס האט געהערשט ביי אונז אין שטוב אלס פאמיליע־טראדיציע. אין דער גרונט־לאגע פון מיין מוטערס איינגעפירטן רעזשים פלעגט זיך מאריאשע אמאל דערלויבן מיסברויכן און זיך אנביי־זערן אויף די קינדער און אמאל אויך אויף דער מאמען וואס פלעגט דערביי שמייכלען גוטמוטיק.

איינע פון די שוועסטער, אבער, איז אמאל ארויס פון געדולד און האט אנגערופן מאריאשען „דינסט".

ווען מיין זיידע האט עס דערהערט, איז צו זיין צער נישט געווען קיין גרעניץ:

— ווי אזוי איז עס מעגלעך אנצורופן „דינסט" א אידישע טאכטער און נאך א יתומה?

עס האט געדויערט פיל צייט ביז ער האט זיך בארויקט.

איך בוק זיך פאר דיר, זיידע מיינער. איך בוק זיך פאר דיינע רעשטן און דעם אנדענק פון דיין גרויסן גייסט, און אויב איך האב געהאט דאס גליק צו ירשענען עטוואס פון די ברעקלעך פון „לחם הפנים" פון דיינע מידות, איז עס צו פארדאנקען דער תורת־פיך, וואס איז טייערער מאלפי זהב וכסף.

מיין מוטער

ווען איך גיי אריבער דעם אנגענומענעם סדר אין ביאגראפיעס, זיך אפשטעלן צום ערשט אויפן פאטער, איז דאס נאר ווייל זי, די מוטער, איז אין א געוויסן זינען א קאפיע פון זיידן. פאלגלעך איז לאגיש צו פארזעצן

מאָלן איר גייסטיקן פּאָרטרעט, תּיכּף נאָך דעם זיידנס, און כּדי אויפן אָרט צו מאַכן געוויסע פּסיכאָ־אַנאַליזן און דעטאַלירן איר פּערזענלעכקייט, וועל איך בעסער דאָקומענטירן מיט פאַקטן, וועלכע וועלן שוין ריידן פאַר איר.

ביי דעם דאָזיקן עפּיזאָד, וואָס איך גיב דאָ איבער, בין איך אַלט געווען בערך 15 יאָר. אין אַ מיטן וואָכעדיקן טאָג האָב איך באַמערקט ווי די מאַמע באַקט זעמל. דאָס איז געווען אויסערגעוויינלעך, ווייל באַקן פלעגט מען איין מאָל אין דער וואָך, פרייטיק אין דער פרי, ערב שבת. נאָך מער חידוש האָט ביי מיר אַרויסגערופן פּאַרנאַכט, בשעת עס איז געווען געשפּאַנט די פור און זי האָט זיך געגרייט אָפּפאָרן אין שטעטל, צוויי וויאָרסט פון אונזער הויף. זי האָט צוגעלייגט צו די געבעקס אַ טעפּעלע פּוטער און עפּעס לייוונט און פּערקאַל. אַ גאַנצן פּעקל צונויפגעבונדן.

דער פאָטער מיט מיין עלטערן ברודער לייזער ע״ה האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און דערביי פילזאָגנדיק געשמייכלט.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען לויט דער אָפּשאַצונג פון מיין ברודער, בין איך שוין געווען רייף צו באַגרייפן דעליקאַטע סיטואַציעס, האָט ער מיר דערקלערט דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן פאַל:

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים הקדש פון שטעטל אַן אומבאַקאַנטע אָרעמע פרוי און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער דאָרט געבוירן אַ קינד. עס איז נאָכער פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זי איז נישט געווען פאַרהייראַט... נאַטירלעך, ביי יענער אומגעבונג און גייסט פון מיין צייט, האָט דער דאָזיקער פאַל געמאַכט אַ גרויסן רושם אין גאַנצן אידישן געגנט, מען האָט קאָמענטירט דעם ענין האלב סודותדיק, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געטראָפן אַ „פילגש בגבעה״ און מען טאָר נישט אַרויפברענגען אויף די ליפּן אַזאַ חרפּה.

די מוטער ע״ה האָט וועגן דעם אַ וואָרט נישט געוואָלט ריידן פאַר די שטוביקע און האָט זיך פילייכט געשעמט קומען אין מיטן טאָג אין שטעטל, גלייך אין הקדש — אַ צוזאַמענשטויס פון פאַראורטייל־געפילן און באַציאונגען צו אַ בעל־עבירה מיט אידישער רחמנות צו אַן עלנטער און פאַרשטויסענער. דאָס לעצטע האָט, אָבער, געזיגט! זי האָט געלאָזן דאָס פּעקל פאַר דער קימפּעטאָרן, אין וועלכן עס איז געווען נישט נאָר געבעקס און אַנדערע מאכלים איר צו דערקוויקן, נאָר אָפילו וויקעלעך פאַר דעם קינד. אַזעלכע נסיעות האָבן זיך איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, איך בין שוין דאַן געווען זעלבסטשטענדיק

און ארויס פון פּאַטערס רשות, געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ זעג־מיל, ווייטלעך פון דער היים, און פלעג קומען צו די עלטערן נאָר אויף יום־טוב. ביי איינעם אַזאַ פאַל, ווען איך בין געקומען צו גאַסט, האָב איך געטראָפן מיין מאַמען אַ צוטראָגענע, מיט פאַרוויינטע אויגן. עס האָט פּאַסירט פאָלגנדעס:

אַ דינסט־מיידל וואָס האָט געדינט ביי די עלטערן עטלעכע יאָר אין שטוב, איז נכשל געוואָרן אין אַ פאַרבאָטענעם ראָמאַן מיט אַ ילוד־אשה פון אַ שכנישן דאָרף. מיין מוטער מיט אַ געניט אויג האָט זיך תיכף דערוואוסט פון איר צושטאַנד, און טראָץ דער אומבאַקוועמלעכקייט צו האַלטן, אין אַ שטוב, וואו עס זיינען דאָ דערוואַקסענע טעכטער, אַ מיידל אין אַזעלכע אומגינסטיקע מאָראַלישע באַדינגונגען, ווי אויך דער מאַטעריעלער היזק פון אַרבעטס־פּראָדוקציע, האָט זי איר געהאַלטן אין שטוב מיט איינזען און באַ־ציאונג ווי צו אַ חולה, אין באַצוג צו אַרבעט און עסן, און האָט איר גע־האַלטן ביז די לעצטע טעג, ווען זי האָט זיך געגרייט צו געבוירן.

אינעם טאָג טאָקע פון געבוירן, האָט זי פאַרלאָזן די שטוב. איך האָב געפונען אין הויז אַ גאַנצע דראַמע מצד דער מאַמען און די שוועסטער. מען האָט איר אויסגעריכט מיט מיטגעפיל. די מאַמע האָט איר פאַרזאָרגט מיט וועש וואָס איז נויטיק פאַר אַ קימפּעטאָרין מיט אַלע דעטאַלן.

מיין מאַמעס אינטעלעקט און באַגאַזש פון וויסן האָט נישט דערגרייכט ווייטער פון טייטש־חומש, תחינות, „מנורת המאור" און אַנדערע מוסר־ספרים, איבערגעזעצט אין אידיש, און זי האָט וואַרשיינלעך נישט געוואוסט, אַז וועגן „הענק תעניק לו" איז אין גמרא אַ פּלוגתא ביי וועלכע קנעכט מיינט מען עס: צי סיי ביי אַן עבד עברי און עבד כנעני, אָדער נאָר ביי עבד עברי, און זי האָט געפּסקנט לחומרא, אַז ביי כנעני אויך, און האָט איר מיטגעגעבן מכל טוב, און אַלס צוגאָב צו איר גוטסקייט און אידיש־מאַמישע רחמנות, באַגלייט מיט אַ טרער, פון וועלכע זי האָט געהאַט גאַנצע אוצרות.

איך האָב דורכגעלאָזט אַ דעטאַל, וואָס איז ווערט צו דערמאָנען און געהערט צו די יאָרן ווען דאָס אידישע מיידל מאַריאַשע האָט געדינט ביי אונז:

פּסח ביי די סדרים פלעגן באַדינען דעם טיש מיינע שוועסטער און זי, מאַריאַשע, פלעגט זיצן ווי אַן אמתע בת־חורין...

מיין פאָטער ע״ה

משה ראַזאָװסקי אָדער װי מען פלעגט אים רופן מאָשע דאַבראָװיצער, א איד א למדן אין ש״ס און פוסקים מיט א שאַרפן מוח, האָט געשמט אין נאָװאַראָדקער און נעסװיזשער אויעזדן פאַר א אידן א חכם, צו װעמען מען פלעגט זיך װענדן מיט עצות — און װאָס איז איינגעלאָדן געװאָרן צו גרויסע דיני־תורה און בוררותן, איבערהויפּט װעגן סכסוכים צװישן אידישע פּאַסעסערס און פּאַכטערס מיט פּוילישע פּריצים, גוט־באַזיצער, װעלכע האָבן זיך פאַרלאָזט אויף „סאַנד־ראַבינאָװ״, װי זיי פלעגן דאָס רופן. מיין פאָטער האָט גערעדט זייער שיין פּויליש און איז געװען שטאַרק געשעצט ביי די פּריצים.

ער איז בכלל געװען אן עסקן בצרכי צבור באמונה. זיין אָרנטלעכקייט איז נישט געװען װייניקער פון זיין חכמה און פלינקער אָריענטאַציע. באַגאַבט מיט הומאָר און שאַרפן װיץ, און א שיינער אָנגענעמער שמועסער, רייך מיט אַנעקדאָטן און טרעפלעכע משלים. װען נישט װען פלעגט ער נכשל װערן מיט א בייסיקער סאַטירע, איבערהויפּט מיט זיינע בעלי פּלוגתות, דער צד שכנגד, די בעלי דברים פון די בוררותן, אויב אים פלעגט זיך דוכטן, אז זייערע טענות זיינען אויפגעבלאָזענע און נישט ריין פון דעמאַגאָגיע. בטבע פלעגט ער שטאַרק רעאַגירן אויף עװלהס. דאָך איז ער געװען אן אהוב און געשעצט ביי אַלעמען, א גוטער מענטש, א פלינדע נאַטור, פול מיט רחמנות צו אַלעמען, און דער עיקר, — איז ביי אים געװען אהבת ישראל גאַנצע אוצרות. צער האומה פלעגט אים צוברעכן אינגאַנצן. ער איז געװען א חובב ציון. איך געדענק נאָך, איך בין דאַן געװען א אינגל, װען ער האָט באַקומען די ידיעה דורכן „המליץ״ װעגן פּרץ סמאָלענסקיס טויט, האָט ער שטאַרק געװיינט...

פאַר אזא פרומען אידן װי ער, איז עס געװען אן אָטעסטאַט פון א טיפערן פאַרשטיין און אָפּשאַצן זאַכן, און פון טאָלעראַנץ...

א שיינער בעל־תפילה מיט זיסער אָנגענעמער שטימע, פלעגט ער מנדב זיין אין טורעצער בית־מדרש מוספים אין די ימים נוראים און ביז דעם היינטיקן טאָג איז ביי מיר געבליבן א פּיעטעט צו שיינע בעלי־תפילות, װאָס קענען נוסח התפילה.

מיר ליגט נאָך אין זינען און איך פיל דעם טעם פון זיין אויסטייטשן א טעקסט, מיט װאָס פאַר א זיסקייט און נשמהדיקייט ער האָט פאַרטייטשט און דעם גרעסטן טייל באַגלייט מיט בכיה, אמאָל ביז ספּאַזמען.

ער איז אויך געווען א בעל־קורא, איבערהויפט איז ער געווען אומפאר־גלייכבאר אין דער קריאה פון נביאים און חמש מגילות.

איך האב געהאט דעם איינדרוק, אז איך פארשטיי דעם טעקסט דורך דער אינטערפרעטאציע — פון זיין מטעים זיין דעם טראפ, פיל בעסער ווי פריער, און איטלעכער היסטארישער פעריאד, צייט און תקופה טיילן זיך אוים מיט זייער גאנצער קלארקייט... „שיר השירים", „רות", „קוהלת" און „איכה", אלס סימבאל פון דעם גאנצן געראנגל, איינגעטיילט אין זייערע היסטארישע עפאכעס, ראמאנטישקייט, לעבנס־פרישקייט פון יוגנט, סקעפ־טיק און עקסטרעם־היסטאריש־נאציאנאלע טראגעדיע, און ביז היינט צו טאג וואלט איך די דאזיקע סקארבאווע פארעלטערטע מאטיוון נישט פארביטן אויף דער מאדערנער רעציטאציע פון קונסט... ער איז געווען אן אויסגע־צייכנטער דיסקוטאנט ביי פאלן פון „ודע מה שתשיב", אן אויסטייטשער פון פסוקים און מדרשי פלאים. איך געדענק א פאל וועגן אן אפאלאגעטיק ביי דיסקוסיעס מיט זיינעם א באקאנטן פוילישן פראפעסאר פון אריענטאלע שפראכן, עקסאווערע גנאינסקי, וואס האט געוואוסט תלמודישע אגדות און ער האט אים געשטעלט פראגן וועגן דער אמונה אין שדים, מלאכים און רוחות, ווי ער האט זיי אים אויסגעטייטשט אויף א גאנץ לאגישן מאדער־נעם אופן.

איך האב דא אנגעווארפן דעם תמצית פון זיינע הויפט־שטריכן. איך וואלט געקענט ברענגען נאך און נאך דעטאלן און עפיזאדן, וואס וואלטן געווען א דאנקבארער מאטעריאל פארן „פנקס פוילן". איך האלט זיך אפ, ווייל פיליכט וועט דאס זיין צו לאנג און אפשר אויך צופיל סוביעקטיוו... פון די מיקראבן פון אדם קרוב לעצמו.

מיין ווייטערדיקער גענעאלאגישער בוים און זיין אפשטאמונג

מיינע פעטערס

5 ברידער זיינען זיי געווען. מיין פאטער ווען איך האב אויבן דער־מאנט און נאך 4 פעטערס. דער עלטסטער פון זיי מרדכי זאגארסקי, וועמען איך האב נישט געקענט נישט צוליב א צופאל, נאר צוליב א וואגיקער סיבה, ווייל איך בין געווען באשטימט פון דער השגחה צו טראגן זיין נאמען. עס איז נישט זייער לייכט אים צו שילדערן, באזירנדיק זיך בלויז אויף אויפ־

גערכאַפּטע דאַטן, ווייל ער איז געווען אַ מענטש מיט געוויכט, אַ איש נכבד און אַ בעל צורה. ער איז טאַקע געווען דער עלטסטער פון זיינע ברידער און האָט פאַרנומען אין דער משפּחה די פירנדע ראָל, פּילייכט מער צוליב דעם פּאַטריאַרכאַלישן לעבנס־שטייגער וועלכער האָט געהערשט אין אונזער משפּחה. נאָך כבוד־אבות איז געגאַנגען כבוד שנים, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די נויטיקע פּאָסטולאַטן און אויסבילדונג פון אידישן טראַדיציאָנעלן לעבן.

ער איז געווען אַ קלוגער פּראַקטישער און העכסט אָרנטלעכער מענטש, אַ בעל מדות טובות, אַ געזעצטער און רואיקער טעמפּעראַמענט, ביי משפּחה באַראַטונגען איז ער געווען דער פּאָרזיצנדער, דער ראש המדברים, טראָץ דעם וואָס אין למדנות איז ער געווען הינטערשטעליק לגבי די אַנדערע ברי־דער. נאַטירלעך מיינט דאָס נישט, אַז ער זאָל נישט האָבן קובע עתים גע־ווען פאַר אַ בלאַט גמרא אָדער אַ פּרק משניות.

ער איז געשטאָרבן אַ יונגער מענטש און האָט איבערגעלאָזט זין און טעכטער, וועלכע האָבן כמעט אַלע עמיגרירט קיין נאָרד־אַמעריקע און פאַר־נעמען דאָרטן שיינע פּאָזיציעס אַלס וואוילע אָרנטלעכע אידן, אָן פּרעטענ־זיעס אויף פּערזענלעכקייטן.

דער פעטער העשל איז טאַקע אַ נאָמען נאָך דעם אויבן געזאָגטן גאון ר׳ העשעלע חריף. נאָך דעם גייט איצי־עקיבא און מיירים. זיי אַלע טראָגן די פאַמיליע לובעצקי. אין גרונט גענומען געהערן מיר אַלע צו דער דאָזיקער פאַמיליע, מצד דעם זיידן ר׳ לייזער טורעצער, ד. ה. מצד דער משפּחה־בלוט. נישט נאָכן ווילן פון איזבאַרשטשיק און שטעטלדיקן סטאַראָסטאַ, וועלכע פירן זייערע חשבונות לויט אַ הנחה פאַרן „דינא דמלכותא דינא״, אין דעם העכערן מעטריקע־פאַרנונפט, בשעת זיי שטויסן זיך אָן מיט די געזעצן פון פריזיוו און פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד...

דער זיידע לייזער האָט שוין ביי דעם געהאַט זיינעם אָן אייגענעם שטאַנדפּונקט, און אויך אַרויסגייענדיק פון אַ נישט ווייניקער אַלטן שטאַנד־פּונקט, טאַקע אויך פון „דינא דמלכותא דינא״, נאָר נישט פון מלכותא דאַרעאַ, נאָר פון „מלכותא דרקיע״, שטיצנדיק זיך אויך „מן מלכי רבנן״...

אַפּיציעל איז פוןביידע צווייגן לובעצקי און ראָזאָווסקי, וואָס שטאַמען פון איין שטאַם, געבליבן דאָ אין אַרגענטינע איך און מיין קליינצאָליקע פאַמיליע, און אין טשילע — מיינער אַ פּלימעניק, אַ זון פון די ראָזאָווסקים, און אין פראַנקרייך פון די לובעצקים, אָן אָפּשפּראָצונג פון פעטער איצי־עקיבא שטאָם: ר׳ יהודה לובעצקי, דער פאַריזער אָרטאָדאָקסישער רב און

זיינע קינדער, אויב דער היטלער־בעזים האָט זיי נישט אויסגעראמט אויך פון דאָרטן...

די אַנדערע דריי פעטערס, זיינען לויט זייער פּראָפעסיע געווען מלמדים — אידן למדנים מופלגי תורה, שוין מיט געוויסע פּרעטענזיעס אויף השכלה, נאַטירלעך ווייט חו״ש פון צו מאַכן וועלכע עס איז קאָנצעסיעס אויפן חשבון פון טראַדיציע און אַפילו דעם דורכשניטלעכן לעבנס־שטייגער פון פרומקייט...

איבערהויפּט איז דאָס געקומען ביי זיי צום אויסדרוק אין טאָלעראַנץ, האַבנדיק אַליין אַ באַציאונג צו וועלטלעכקייט; דאָס איז שוין אַן אַלגעמיינער שטריך אין מיין משפּחה. זיי האָבן געלייענט העברעאישע צייטונגען „המליץ״ און „הצפירה״, און וועגן וועלט־פּאָליטיק פלעגט דער עולם קומען פרעגן ביי מיינע פעטערס.

איך האָב געהערט אַ באַמערקונג פון דעם פעטער העשל צו איינעם וועלכער האָט אים געפרעגט צי גלויבט ער אין דעם קלאַנג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט — וואַרשיינלעך צווישן בית־המדרש פּאָליטיקער — אַז 40 מיליאָן אידן פון די עשרת השבטים גייען אָפּנעמען ארץ־ישראל ביי די טערקן.

זיין ענטפער איז געווען, אַז אַ 40־מיליאָנענדיקע מחנה קען נישט מלחמה האַלטן. זי פאַרוואַנדלט זיך אין איין גרויסן גולם, אַ פּאַראַליזירטע מאַסע וואָס קען נישט גיין, נישט שטיין און נישט ליגן — און איז פאַר־משפּט צו שטאַרבן פון הונגער און דאָרשט און אויך צו טויטן דעם גאַנצן געגנט, וואו זיי גייען דורך, סיי פון הונגער ווי אויך פון מגפות...

זיי האָבן געהאַט שיינע ידיעות אין געאָגראַפיע און וועלט־געשיכטע, געשעפּט פון העברעאישע ספרים, פון די וואָס איך געדענק: „שבילי עולם״, „סדר הדורות״ און „יוסיפון״.

מיינע פעטערס איצע־עקיבא און מיירים

ביידע זיינען זיי געווען זייער אינטערעסאַנטע אידן. מען האָט זיי פאַרערט און ליב געהאַט און זיי זיינען געווען פאַררעכנט פשוט אַלס די טאַטעס פון שטעטל. איינע פון די סבות, וואָלט איך געזאָגט, איז געווען זייער דעמאָקראַטישקייט, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַ צו מאָדערנער באַ־גריף פאַר יענער צייט און אגב, אַ גאָר ניט זאָגנדיקער. זיי זיינען געווען

גוטע פריינט פון אַלעמען, בעלי עצות, און דער עיקר זיינען זיי געווען די רופאים פון שטעטל „שלא על מנת לקבל פרס״. „רופאים לוביטעלעם״ איז דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר דעם.

חכמת הרפואה האָבן זיי געשעפּט פון העברעאישע לערן־ביכער. איך געדענק נישט געווי, נאָר ווי מיר שיינט „רופא חולים״ אָדער „מרפא לעם״. איינעם פון זיי האָב איך אַליין געבלעטערט. ער איז געווען פון יעקב פרענ־קעל פון אַגוסטאָווע, סוואַלקער גובערניע, מיט וועמען איך האָב מיט יאָרן שפּעטער זיך באַקענט.

דער פעטער מיירים האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אָנרופן די מעדיקאַ־מענטן מיט זייער לאַטייניש נאָמען, וואָס פלעגט זיין געשריבן ביי דער זייט פון טעקסט אין געגנזן־פיסלעך, מיט אידישע בוכשטאַבן, דאָס זעלבע וואָס דער פעטער איצע־עקיבא פלעגט זיי אָנרופן מיט זיין פּשטות „ליפּאָווע צוועט״, „ראָמאָנאַק״, „ספּעצעס״ און אַנדערע גראָזן און קרייטעכער...

זייער אויטאָריטעט אין מעדיצין האָט געמוזט אָנערקענט ווערן פון די צוויי שטעטלדיקע רופאים חיים וועלוול און יאָשע דער רופא, נאַטירלעך זיינען זיי מיינע פעטערס קיין איבעריקע גוטע פריינט נישט געווען. זיי פלעגן, אָבער, מוזן אָנקומען צו זיי ביי אַן ערנסטן פאַל, ווען די חולאים אַליין פלעגן זיי רופן, כדי מישב זיין זיך מיט זיי, במקום אַ קאָנסיליום, אָדער ווען די דאָקטוירים פון שטאָט מ י ר, בשעת מען פלעגט זיי אַראָפּ־ברענגען ביי אַ גאָר דעליקאַטן מצב, פלעגן צו זיי האָבן מער צוטרוי ווי צו די רופאים.

זייער קליענטעלע איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון די אָרימעלייט פון שטעטל, וועלכע האָבן זיי פּשוט פאַרגעטערט און פאַררעכנט פאַר די דירעקטע רופאי־חולים, שלוחים פון גאָט און גענצלעך אומזיסט, ווי גאָט.

איך דערצייל דאָס אַלס אַן עד־ראיה, ווען איך האָב געוואוינט ביים פע־טער איצע עקיבאן אין שטוב, אַלס קוואַרטיראַנט, זייענדיק זיין תלמיד, אָדער שפּעטער ווען ער האָט אויפגעהערט צו קנעלן צוליב שוואַכקייט אין געזונט און כ׳האָב געלערנט ביים פעטער מיירים. מען פלעגט אים וועקן אין מיטן נאַכט און ער פלעגט תיכף אויפשטיין, פאַרהילכנדיק די שטוב מיט זיין הוסטן און איז גלייך אַוועק צום חולה, אַמאָל אויף אַ גאַנצע פאַר שעה טראָץ די פּראָטעסטן פון מיין מומע חיה־שרה.

און מיט וויפל מסירת נפש און אחריות ער פלעגט זיך באַציען צו זיי־

נע חולאים, איבערלעבנדיק סיי דעם צער, ווי די שמחה אינם פּראָצעס פון דער קראַנקהייט.

איך געדענק ווי היינט, ווען זיינער אַ חולה, מאָטע דער קצב, מיט וועמען ער האָט זיך געעסקט יאָרן לאַנג (ער איז גראדע נישט געווען אָרים) איז געשטאָרבן, איז מיין פעטער פשוט געווען אויס מענטש און האָט גע־וויינט ווי אַ קינד...

עס איז נאָר צום באַוואונדערן וואָס פאַר אַן עשירות אין גייסט און פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי אַזאַ איינגעדאַרטן פיזיש־שוואַכן אידן אַזאַ ברייטע דערהויבענע נשמה, און אַז „ואהבת לרעך כמוך" מיינט מען ממש אָן פשטלעך און דריידלעך. און וואָס פאַר אַ היפך פון כלל, אַז אין אַ שטאַרקן גוף איז דאָ אַ שטאַרקע נשמה!

ער איז געווען אַ מושלם אין אַלע אומנותן: אַ דערפינדער פון 'אַ ספּע־ציעלן סאָרט אייוועלע, וואָס האָט געשמט אונטערן נאָמען „איצע עקיבאס אייוועלעך", וואָס פלעגט קאָנסערווירן אַ סך וואַרימקייט, פלעגט באַקן און נישט ברענען. מען האָט זיי אַנערקענט איבערן גאַנצן געגנט (פון פּאַטענטן האָט מען דאַן נישט געוואוסט).

בין הזמנים, פריי פון קנעלונג פלעגט ער פון דעם אַ מאָל האָבן אַ פּאַרדינסטל, וואָס פלעגט צונוץ קומען צו האָבן אַ שענערן יום־טוב און אויף הצטרכות הקהל.

ער איז געווען אַ גרויסער מומחה אויף אַלס זייגערמייסטער און די מוזיקע אומנות האָט ער אויסגעלערנט אויף זיינע בנים. זיי זיינען געווען פינף אין צאָל, דריי פון זיי באַדייטנדע פּערזענלעכקייטן, תלמידים פון וואָ־לאָזשינער ישיבה: ר' יהודה לובעצקי — שפּעטער פּאַריזער רב פון אָרטאָ־דאָקסישע פּוילישע אידן, און מחבר פון אַ פירוש אויף אַ ספר וואָס ער האָט געפונען אין דער וואַקסישער ביבליאָטעק און אַ מאַנוסקריפּט פון אַ גאון, נאָך פון די בעלי תוספות, און ער האָט אים מגיה געווען און אויף אים גע־מאַכט אַ פירוש, ווי מיר געדענקט זיך „ביאור על ספר השלמה" (איך האָב אים געזען צווישן מיין פאָטערס ספרים).

דער צווייטער, ר' נחום לובעצקי, זיינער אַ ספר איז מיר אָנגעקומען קיין אַרגענטינע מיט 20 יאָר צוריק. ער איז געווען אַ גדול בתורה און אַ שרייבער. אַ איד אַ חכם און מזג טוב. ביז דער מלחמה האָט ער געוואוינט אין ווילנע. קיין רבנות האָט ער נישט געוואָלט אָננעמען. געהאַט זייער גע־ראָטענע קינדער, וואַרשיינלעך זיינען אַלע אומגעקומען אין היטלערס גיהנום.

נאָך איינער ר׳ לייזער לובעצקי — אַ רב אין אַן ענגלישער שטאָט נישט ווייט פון מאַנטשעסטער. דער פערטער זון, אברהם לובעצקי, איז געווען אַ סוחר און האָט געוואוינט אין פּאַריז. אויך געווען אַ וואוילער איד, כאָטש נישט קיין למדן, פעאיק און קלוג, איידל און דערצויגן. ער איז שוין לאַנג טויט. זיינער אַ זון האָט ביז די לעצטע יאָרן געהערט צווישן דרייפוסעס העכערע פּאַרוואַלטער דאָ אין לאַנד.

נאָר איינער פון די פינף זין וואָס געהערט נישט צו די גדולים, איז הירשל דער סטאָליער, וואָס איז קוים ניצול געוואָרן פון עם־הארצות. ער איז אָבער אויך געווען אַ בעל־מוח און זייער אַ באַגאַבטער מענטש, האָט דערפונדן אַן אייגענעם סיסטעם צו רייניקן אויף מאַשינען די פּאַלאָווע אָדער אויף ליטוויש „מעקענע״ פון די תבואה, און אויך אַ סיסטעם פון פערד־מילן ד. ה. די טרייב־קראַפט פאַרביטן פון וואַסער־קראַפט אויף פערד־קראַפט. ער איז געווען אַן אנגענעמער, גראַטענער און קלוגער איד, אַ וויצלער מיט אַ געזונטן הומאָר, מיט וועלכן אַלע מיינע פעטערס האָבן זיך אויסגעצייכנט.

איך געדענק זיינע אַ הומאָריסטישע באַמערקונג: ווען ער איז געווען צו גאַסט ביי אונז אַ שבת, הארט ביי פסח, האָט מיין מוטער ביי אים געפרעגט צי ער האָט שוין מצה אויף פסח. „יאָ, — האָט ער געענטפערט, — נאָר דאָס מאָל ווייניקער ווי אין די פאַריקע יאָרן״. „פאַרוואָס ווייניקער?״ — האָט ער דערקלערט מיין מוטער, ווייל ער האָט דערוואַרטעט, אַז די שוויגער וועט זיין ביי אים פסח...

נאַטירלעך האָט אים די מוטער געפרעגט מיט אַ שמייכל: „איז פאַרוואָס ווייניקער?״ „ווייל — האָט ער געענטפערט — מיין שוויגער האָט אַ טבע אַליין נישט עסן און נישט לאָזן די קינדער עסן...״

איך וועל זיך צוריק אומקערן צו די זכרונות פון פעטער איצע־עקיבא, וועלכע איך האָב איבערגעריסן צוליב זיינע קינדער, וועלכע זיינען דאַנקבאַרע אָביעקטן פאַר דעם.

ווי געזאָגט, זיינען זיינע זין אויך געווען מומחים אין פאַרשידענע אַרבעטן. אין איין בן הזמנים, ווען זיי זיינען געקומען פון וואָלאָזשין אויף פסח, האָט ער צוזאַמען מיט זיי אויפגעבויט אַ שטאָל פאַר זיין בהמה פון פיצלעך צונויפגעפלאָכטענע שייטלעך האָלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטיילט פון אַ קלאָפּטער ברען־האָלץ, וואָס אַ גוט־באַזיצער, אַ פּאָליאַק, האָט אים געשענקט פאַר אַן עצה אויך וועגן אַ בנין, — און פון שטיקלעך נישט לענגער פון דריי

ארשין האָט ער אויפגעבויט אַ בנין, וואָס בויער מומחים, אידן און קריסטן, זיינען געקומען ווי אַ וואונדער אָנקוקן. אין אַ צווייטן בן הזמנים האָבן זיי אַלע בחברותא גערעקט דעם דאך פון שטוב מיט שינדלעך, וואָס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פון פעטער אין די ווינטערדיקע נעכט.

נאָך אַן עפּיזאָד, ווען אַ פּויער אַ איד, איז געקומען וועגן אַן עצה. עס האָט פּאַסירט, אַז זיינעם אַ בנין, אַ שייער פון אַ פּאָר הונדערט מעטער די לענג, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן האָט אַ שטורם־ווינט אײַבערגעקערט, איז ער געפאָרן מיט אים און פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג — דאָס איז אויסגעפאַלן אַ פּאָר טעג פאַר סוכות; ער האָט אגב זייער קיין חשק נישט געהאַט צו פאָרן און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט דעם בנין אויפגעהויבן אַ גאַנצן ווי ער איז געשטאַנען. מ׳האָט דערנאָך גערעדט פון דעם ווי פון אַ מופת!

קיין באַצאָלט, האָט ער, דער מלמדישער מאַגנאַט, נישט גענומען. נאָר דער גוטבאַזיצער אַליין, וואָס איז נתפעל געוואָרן פון דעם איינפאַל, האָט אים צוגעשיקט פון הויף קאַרטאָפל, אַ גאַנז און אַן אינדיטשקע.

ער איז געווען דער טאַטע פון שטעטל. מען האָט אים ממש פאַרגעטערט, די גויאישע שכנים האָבן אים זייער רעספּעקטירט און פלעגן זיך קומען פרעגן ביי אים עצות וועגן אַרבעט און ווירטשאַפט. ער האָט געקענט תנ״ך, קלאָר מיט אַלע מפרשים, אַריינגערעכנט די נייעסטע, מענדעלסאָנס מיט די ביאורים, ווי מען האָט דאָס דאַן גערופן תנ״ך מיטן „דעסוואָר״. דער מלבים איז געווען זיין ליבלינג. ער פלעגט זאָגן אַ קאַפּיטל תנ״ך פאַר מיטעלע, נישט קיין גרויסע למדנים, בעלי־בתים און איידעלערע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך געפונען ביי אונז אין שטעטל. ער פלעגט מעיין זיין אין ספרי מחקר, אַפילו אין מורה נבוכים און אַנדערע.

נאָך אַ פּאָר עפּיזאָדן, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין פּערזענלעכקייט, טעמפּעראַמענט און מזג טוב, וואָס קומט בסמיכות מיט מיינעם אַ „קאַלטן פעטער״, ווי מען רופט דאָס אין ליטע, ד. ה. דעם טאַטנס אַ שוואָגער: דעם פעטער יצחק שמואל, דער מומע רחלס מאַן. איך וואָלט אים אין גאַנצן אויסגעלאָזן פון מיינע זכרונות, ווייל ער איז געווען אַ דורכשניטלעכער כתם איד, וואָס איז נישט קיין אָביעקט פאַר אַ פּנקס.

דער פעטער יצחק שמואל איז געווען אַ דורכשניטלעכער למדן פון אַ פּרק משניות, און ווען ניט ווען אַ בלאַט גמרא ביי יאָרצייט, געווען אַ קנאי און כעסן — ער איז געווען אַ כהן — פלעגט זיך קריגן מיט די שכנים.

האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז ער האָט זיך צוקריגט מיט דער מומע חיה־שׂרה, די ווייב פון פעטער איצע־עקיבא, מיט וועלכן ער האָט געוואוינט בשכנות, און ווען דער פעטער האָט אים געוואָלט איינשטילן, האָט ער אים באַפאַלן מיט זלזולים. נאַטירלעך איז יענער אריבער אויף דעם מיט ביטול און נישט געענטפערט.

ערב יום כפור איז ער צוגעגאַנגען צום פעטער איצע־עקיבא מיט טרערן אין די אויגן: „ר׳ איצע־עקיבא, זייט מיר מוחל!״ „דיר מוחל, דו שוטה איינער? נישט נאָר איך, נאָר אַפילו דער כביכול, וואָס איז אַמאָל א קנא ונוקם, וועט דיר אויך מוחל זיין! קנאַפּ טשוואַקעס האָט ער אין זיין וועלטל? נו, וועט ער דיר אויך מוחל זיין!

פּסח אין מיטן סדר איז מען אים אַמאָל געקומען רופן פון אַ שכן, וועלכער איז זיך פאַרגאַנגען ביז חלשות, פון אַ מעוברתן כזית מרור. ער האָט אים קוים געבראַכט צו זיך און האָט אים אָפּגעראַטעוועט.

— נאָט אייך אַ אידישן „זולל וסובא״, אַ שוטה אַזעלכער — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדרוס — איבערפרעסן זיך מיט מרור גאָר! איבעראַיאָר וועט מען דאַרפן אריינלייגן אין דיין כזית מרור טשוועקעס, כדי דו זאָלסט נישט קענען שלינגען אַזוי לייכט!

די מומע רחל

זי איז געווען אַ זעלטענע חכמה, מיט אַ גוטן קאָפּ און אויסערגעוויינ־לעכן זכרון, האָט פאַרשטאַנען פּירוש המלות, נישט נאָר פון נוסח התפילות פון דאַווענען, נאָר אַפילו אויך פון געוויסע פּיוטים. זי האָט געקאָנט דעם גאַנצן דאַווענען אויף אויסנווייניק, אַפילו די תפילה „ותודיענו״ פון יום־טוב, וואָס פאַלט אוים מוצאי שבת. זי האָט אויך געקענט אַ סך מאמרי חז״ל, תלמודישע וויצן און חידות.

אירע קינדער

די מומע רחל האָט געהאַט דריי זין און צוויי טעכטער. די זין האָבן אַלע געלערנט אין וואָלאָשין און געשמט פאַר עלויים. איינער פון זיי איז געווען דער באַוואוסטער גאון פון אונזער צייט ר׳ שמעון שקאָפּ, אַ ראש־ישיבה פון טעלז, בריאַנסק און לעצטנס פון גראָדנער ישיבה,

וואו ער איז אויך געווען רב. ער איז געשטאָרבן צו 82 יאָר. דער עלטערער פון אים ר׳ אברהם זכריה קאַפּלאַן איז אויך געווען א גדול, ער האָט אָבער נישט פאַרנומען קיין רבנות. ער איז געווען א וואלד־סוחר און פון די נכבדי בריסק (ר׳ חיים בערלינס א חבר, אמאָל א תלמיד). דער דריטער איז געווען לייזער קאַפּלאַן, אין מיינע יאָרן. ער געפינט זיך איצט אין נאָרד־אַמעריקע. א וואָלאָזשענער עלוי, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ יצחק אלחננס אַן איינקל. נאָך דער חתונה איז ער געפאָרן שטודירן קיין בערלין און מיט דריי יאָר שפּעטער באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר אין כע־מיע. דער פעטער יצחק־שמואל, זיין פאָטער, האָט געריסן קריעה ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט געזאָגט, אַז א ספר־תורה איז פאַר־ברענט געוואָרן.

די צוויי טעכטער זיינען געווינלעכע גוטע „בנות ישורון”.

ווי שטאַרק איך בענק נאָך דיר איצט, מיין שטעטעלע טורעץ, און ווי הויך עס זיינען אויסגעוואַקסן פאַר מיר דיינע געשטאַלטן, ווען איך באַ־טראַכט אייך איצט דורך א פּערספּעקטיוו פון עבר און בין אימשטאַנד צו אַנאַליזירן זאַכן דורכדרינגלעכער און ניכטער!

איך באַדויער און שעם זיך פאַר זיך אַליין פאַר מיין באַציאונג און האַלבן ביטול צו אייך דאַן, אַלס רעזולטאַט פון באַטראַכטן אייך דורך משכילישע ברילן, און פּיליכט, ריכטיקער זאָגנדיק, מיט מיין דאַן אומצייַ־טיקער לעבנס־דערפאַרונג.

היינט זע איך מער עקזאַקט און באַנעם פאַקטן און דערשיינונגען מער אָביעקטיוו, הגם עס איז אפשר נישט אויסגעשלאָסן, אַז אונטער דער ווירקונג פון יאָרן און אומשטענדן, צו וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון עבר און זאָגן עלעגיעס וועגן דור. וואָס איז אוועק און איז שוין מער נישטאָ מיט אונז, ווי חנוך וועלכער איז געגאַנגען מיט גאָט און ער האָט אים צוגענומען אין זיין שויס און איז פאַרשוואונדן פון אונז.

יאָ! אַן צווייפל געפין איך זיך אונטער אַזאַ ווירקונג פון פּיעטעט, אָבער ווערן באַהערשט ביז פאַרלירן דעם קאָנטראָל — דאָס נישט.

איך זע די געשטאַלטן פון עבר גאַנץ בולט און דורכזיכטיק און בין אין גאַנצן ניכטער ביים מאַכן די אַנאַלאָגיע צווישן די צוויי וועלטן: די אוועקגעגאַנגענע מיט דער היינטיקער אַמעריקאַנער וועלט.

איך האַלט זיך דאָך אָפּ פון א דעפיניטיוון אַנאַליז, און האָב אין זינען, אַז אַמעריקע איז דאָך פאָרט געוואָרן דער באָדן און רעטונגס־אזיל פאַר 60

פּראָצענט פון אידנטום, וואָס האָט זיך געראַטעוועט די לעצטע 50 יאָר און די וואָס וועלן נאָך צושווימען צו די ברעגעס פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און אַלץ וואָס איז נאָך געבליבן פון די נעגל פון דער בייזער היה־נאַציזם. און אפשר אין דעם דאָזיקן זכות וועלן מיר, אַמעריקאַנער, דעקן די דיפער־רענץ פון די דאָזיקע צוויי וועלטן?

דאָס שטעטל טורעץ און אירע אידן

טורעץ האָט געציילט בערך 120 אידישע הייזער און אַרום 150 אידישע פאַמיליעס. ווען מיר זאָלן מאַכן אַ רעלאַטיוו־קוואַליטאַטיוון צענז, איז זי באַשטאַנען פון 70 פּראָצענט — אָנהויבנדיק פון למדנים מופלגים, יודעי ספר ביז פארשטיין אַ פרשה חומש אַליין זעלבסטשטענדיק, און פירוש המלות פון דאַוונען, אין אַ געוויסן זין אָבער, האָבן אַלע גע־קענט דאַוונען און עברי און אַ טייל פון זיי האָבן געוואוסט די ספּורים פון חומש, און אַלע אָן אויסנאַם זיינען געווען הערער פון חומש און האָבן פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן געהערט.

די בתי מדרשים האָבן אויסגעפולט דעם בלויז פון אַ „בית עם״. אַחוץ די צייט אָפּגעשטעלטע אויף לערנען, סיי שיעורים און די וואָס האָבן גע־לערנט ביחידות, האָט דער עולם פאַרבראַכט אין הוויות העולם וועגן פּאָלי־טיק, נאַטירלעך, מיט נישט קיין קאַרגער דאָזע פון בטלנות און נאַאיוויטעט, וועלכע האָבן אָבער געדעקט מיט אַ ניט קליינעם פּראָצענט פון פקחות, הידוד און שאַרפן וויץ. איך וואָג צו זאָגן, אַז נישט דער ערך מער ווי אין זשאָקעי קלוב, וואָס האָט אַ סעלעקציאָנירטע געזעלשאַפט, און וואו אָן זכות אבות איז אוממעגלעך אַריינדרינגען אַהין.

דאָס וואָס איך ווייס יאָ, פעסט און זיכער איז, אַז די גיבול־פּה וואָס איר הערט דאָרטן אין איין שעה, איז געווען שווער צו הערן ביי דער אויבנ־געזאָגטער מסיבה אין אַ גאַנצן יאָר, און חוץ אַמאָל קליינלעכע סכסוכים, געהערן זיי צו דער בחינה פון „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״.

ווי לעבעדיקע שטייען זיי פאַר מיר די זקני־העיר און „שומרי החומות, די אַלטע גוואַרדיע, די היטער פון די אוצרות פון תורה, די קאָמענדאַנטן פון די פעסטונגען פון אידישקייט.

דער אַלטער יעקב חיים מייזיל, אַ טיפער למדן און „בקי בכל הדרי התורה״, ווי דער סקאַרבאָווער טעקסט זאָגט „אין אַלע צימערן פון דער

תורה", א גרויסער בעל זכרון, איז אויסגעווען ווערלטן, לויט יענע השגות נאטירלעך, און האט אלץ געזען און אלץ פארשטאנען. „בור סיד שאינו מאבד טיפה", א בן־משפחה פון לאדזשער רב, דעם גאון ר' אליהו חיים מייזיל זצ"ל.

ר' אהרן דער מלמד

אדער ר' ארע אן עלוי און חכם, פול מיט תורה און מצוות, ריין ווי קריסטאל, ווי א מילגרוים מיט קערנער ממש, אין זין פון טעקסט. א בקי און חריף אין ש"ס און פוסקים און אין דער גאנצער תלמודישער ליטעראַטור, וועגן אים איז פארשפארט צו שטעלן די דילעמע פון „פרקי אבות", וואס ער פארמאגט מער „חכמה צי יראה", ווייל ער פארמאגט ביידע.

א איד מיט א שישקע אויפן שטערן און זייער ניט קיין יפה־תואר און דאך ווי פאראדאקסאל דאס זאל נישט קלינגען, א שיינער איד וואס האט געשיינט ווי די זון, מיטן שיין און גלאנץ פון חכמה, גוטן הומאר, גוטמוטיקייט און מזג טוב.

אברהם איטשע אוזדאנסקי

א זקן מופלג, וואס איז נישט געגאנגען ווייטער ווי צו זיין א איד א בן־תורה, פלעגט לערנען משניות, מדרש און אגדה, האט נישט געלויכטן מיט איבעריקער למדנות, ער האט אבער געשיינט מיט אצילות און חשיבות, מיט אלע מידות פון א תלמיד חכם: מיושבדיק, דבריו בנחת נשמעים, האט אלעמען מקבל געווען בסבר פנים יפות, בנעימות, גוטמוטיק, ער האט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואלט לכתחילה אראפגעשיקט געווארן אין שטעטל, כדי צו דינען אלס לעבעדיקער מאדעל פון „פרקי אבות" און אויסדרוק פון „טוב תורה עם דרך ארץ". זיין אויסערלעכע שיינקייט האט הארמאניזירט און געהאלטן ליניע מיט זיין אינערלעכער נשמה־שיינקייט. זיין אויסזען איז געווען פונקט ווי ער וואלט געווען א קאפיע פון ר' מתתיהו סטראשון פון ווילנע.

דוד דער קייסער

א באזונדער שיינער טיפ פון א אידן וועלכן מיר באגעגענען היינט כמעט נישט. זיין צונאמען „קייסער" איז נישט געווען צוליב עפעס באראק־

טעריסטישעס אין אים, ווי צוליב אַ געאָגראַפּישער צופעליקייט. זיין פּראָ־פעסיע איז געווען אַ משולח פון מירער ישיבה און ער פלעגט דעם גרעסטן טייל פון יאָר פאַרברענגען אין פּעטערבורג און מאָסקווע און איז געווען, לויט דער השגה פון קליין שטעטל אַ „רואה מלכים ושרים״. ער איז גע־ווען זייער אַ וועלטלעכער מענטש. פון דער נאַטור קלוג און געשיקט, טאַקע אין עטימאָלאָגישן זין פון זיין פּראָפעסיע: משולח־מעסיק.

ער איז געווען דער פּאַסיקער מענטש אויפן פּאַסיקן פּלאַץ. ער האָט פאַרקערט מיט דעם חשובן פּעטערבורגער און מאָסקווער אַריסטאָקראַטישן אידנטום פון יענער צייט: די גינזבורגס, פרידלענדערס, מלכיאלס, וואר־שאַווסקים און פּאָליאַקאָווס, די גרינדער פון „אָרט־אָזע״ און חברה מפיצי השכלה און דער גאַנצער פלעיאַדע פון גבירה־קראַטיע. דער אמתער מאָדעל פון „עושר, כבוד וגדולה במקום אחד״ — אַ קוואַל פון אידישער חשיבות און פילאַנטראָפּיע, וואָס זיינען אַזוי ווייניק שכיח אין אונזערע צייטן. אָט אין יענעם קרייז האָט ער, דער קליינשטעטלדיקער איד, פאַרבראַכט און איז געווען דאָרטן אַ חשוב. נאַטירלעך רעדט דאָס מער אין זייער שבח ווי אין זיינעם.

ער איז טאַקע געווען אַ חכם, אַ שיינער רעדנער און מיט אַ דינאַמישן פלינקן שכל, אַ שמועסער מיט עלעגאַנץ; פיליכט איז אין אים פאַרלוירן געגאַנגען אַ שיינער דערציילער. ער איז אפשר געווען דער בעסטער משולח!

ער פלעגט פּשוט פאַרכאַפּן דעם צוהערער מיט זיין שילדערן דעם לעבנס שטייגער פון יענע שיינע אידישע מאַגנאַטן אין ריכטיקן זין פון „ו נ ד י ב ע ל נ ד י ב ו ת י ק ו ם״.

אַ שיינער בעל תורה און למדן, אַ באַלעזענער איד אין ספרי מחקר, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו לייענען חוץ די „הצפירה״ און „המליץ״, אויך סתם ספרי השכלה און ווי שיין און האַרמאָניש עס איז געווען דאָס צוזאַמענלעבן פון זיין השכלה מיט אמתער פרומקייט!

דאָס וואָס איז נוגע די דערינערונגען פון דוד דאַווידאָווסקי, דער קיי־סער, וואָס איך האָב געשילדערט קען איך נישט גאַראַנטירן פאַר הונדערט־פּראָצענטיקער אָביעקטיוויטעט, ווייל איך בין געווען פאַרבונדן מיט זיינע קינדער, זין און טעכטער, מיט שטאַרקער חברשאַפט און פריינטשאַפט.

איך וועל ברענגען נאך א פאר טיפן וואס זיינען מער אינטערעסאנט מיט זייער אויסערלעכקייט און אזוי גערופענער „טשודאטשעסטווא", אלס זעלטענע עקזעמפלארן, וועלכע מען באגעגנט זיי מער נישט, ווי אלס גרונט פון באלערנטקייט, זיי גיבן דאך צו א באזונדערן קאלאריט און פילפארביקייט צו יענעם דור.

מייסיל דער מלמד

א איד וואס האט געהאט א יחוס־בריוו פון צען דורות, אז נישט איינער פון זיינע אבות האט פארמאגט א גאנצן צענער מיטאמאל אויף פסח. גיבער האט ער געקענט גאראנטירן, אז עס זאל זיך ערגעץ נישט פארוואלגערן אין זיין משפחה אן עם־הארץ, חלילה, וועלכער זאל נישט קענען דאוועגען, אדער נאך ערגער דערפון זיין א קרקפתא דלא מונח תפילין חו"ש, ווי דאס ערשטע — — און ער האט זיך פון דעם חלילה צום הארצן נישט גענומען. אים פלעגט אבער זייער שטארק פארדריסן ווען עס איז געווען א גאנצן חודש רעגנדיק און וואלקנדיק און ער האט נישט געקענט מחדש זיין די לבנה און ביי קדוש לבנה האט ער גאר באזונדער באטאנט אין זיין פעטיציע, אז עס זאל חו"ש נישט זיין קיין פגימה און פלעק אויף דער לבנה, „אז זי זאל שיינען ווי די זון, און זיבן מאל מער ווי די ליכט פון ששת ימי בראשית"...

אט ביי דעם דאזיקן אפוטרופס פון די מאורות הגדולים מאכט זיך אן אומגליק, צום גדליה, נאכן דאווענען, דער איינציקער טאג ווען ער איז באזארגט מיט פרנסה, ווייל מען פאסט דאך, און ער האט צייט צו לערנען א גאנצן טאג, און לסוף כאפט ער זיך, אז אין רמב"ם אין איינעם פון די פרקים פון „יד החזקה", אין רעכטן מיט פון א סוגיא, וואס ער לערנט, איז אויסגעריסן א פאר בלעטער.

בקיצור ער האט לאנג נישט געטראכט און איז אוועק צופוס קיין מיר, 12 ווארסט פון שטעטל טורעץ, דארט פעלן ב"ה נישט קיין בתי מדרשים, מיט אייןווארט: ער האט געפונען וואס ער האט געדארפט און האט זיך אומגעקערט אהיים 10 אזייגער ביינאכט, ווידער צופוס נאטירלעך. דאס הויזגעזינד האט נישט געוואוסט וואס איבערצוקלערן, זייגען געוועז אוים מענטשן, נאר וואס טוט דען נישט א איד וועגן „מרובים צרכי עמך"?

ישעיה בער

אַ למדן וואָס זיצט גאַנצע טעג אויף תורה און עבודה, אַ גרויסער בעל תאוה, אַ ליידנשאַפטלעכער טאַבאַק־שמעקער, וואָס איז אַגב אַליין דער פּראָדוצירער, איז באַרימט אַלס אַ מומחה פון פאַך, ניט אומזיסט האָט אים דער דאָזיקער פאַך געקאָסט אַ טייל פון זיינע וואָנצעס.

ער איז געווען אַ מטופל מיט דריי זין רבנים מפורסמים, וואָס האָבן אים מפרנס געווען בכבוד. איינעם האָב איך געקענט פּערזענלעך, דעם ווילנער רב. ער האָט מיך אַמאָל פאַרהערט אין דער סוגיא פון „טהרת כלים״, אין „פּסחים״, געווען אַ גרויסער פּאָליטיקער און האָט פאַרמאָגט אַ סך מוט.

ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו מוסרן ווען מען האָט נאָר באַדאַרפט אַפילו דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, נאַטירלעך ניט אים אין פּנים, נאָר אין בית המדרש, אין קעגנוואָרט פון בעלי־בתים.

מען דערציילט, אַז אין דער צייט פון טערקישן קריג האָט ער אַמאָל געערדט קעגן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם מלך הסד; פאַרוואָס ער מאַכט ניט קיין סוף צו דער מלחמה קעגן ישמעאלן. צוליב וואָס די מלחמה־פּאַמע? — וואָס, דיר פעלט הו״ש פּרנסה? וואָס, נאָך אַ שטיקל קרקע, דאָס פעלט דיר דען? דו קאָנסט דאָך זיצן אויף כל־טוב און לעבן רואיק, ווען עס שפּאַרט אָן דער אמת, מעג מען דאָך אים זאָגן אַפילו דעם קייסער אַליין״.

געווען אַ שטאַרקער פּאָלעמיקער. ער האָט אַמאָל אַריינגעזאָגט אַ אידן, זיין אייגענעם איידעם, ראובן דעם מעלער, פּריוויטיק ליגנדיק אין מרחץ אויף אַן אויבערשטער באַנק, צווישן אַן הפסקה פון שמייסן זיך מיטן בעזים, אַז יענער האָט אים ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

עס איז געקומען צו רייד פון אַלטע אַמאָליקע תביעות וואָס דער שווער האָט אים ניט אויסגעצאָלט אין גאַנצן דעם נדן.

— דערפאַר אָבער האָסטו ביי מיר געגעסן מיט אנדערהאַלבן יאָר מער קעסט!

— קעסט? שווער, איר זאָלט נאָר געזונט און מאריך ימים זיין, וואָס פאַרא קעסט? פון שבת צו שבת קיין פלייש ניט פאַרזוכט, אין מיטן וואָך ווען ניט ווען אַ שטיקל גריוזיק!

— גרייזיק — האָט זיך דער אַלטער צעלאַכט מיט אַ טריאומפירנדיקן טאָן — איז דען גרייזיק קיין פלייש ניט? נו, אדרבא, חכם מיינער, פּרוּוו פאַר 6 שעה עסן נאָך גרייזיק עפּעס מילכיקס!

און אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער אים מנצח געווען. און קעגן אַזאַ אייזערנעם אַרגומענט האָט זיך זיין אָפּאָנענט געמוזט אונטערגעבן.

ר' משה הערש

א זייער אָריגינעלער זקן, א שטאַרקער למדן וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין בית המדרש און דאָרטן אויסגעלעבט זיינע יאָרן ביז זייער א טיפער עלטער.

איך האָב אים געקענט אַלס אַלמן און איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז כל ימיו געווען אַן אַלמן און איז געבוירן געוואָרן אַן אַלמן, פּונקט ווי זיין זון גרשון דער קרעמער, איז געווען זיין גאַנץ לעבן א „חשוך־בנים". און מאַקע אויף ביידן האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעשטעמפּלט דער חותם פון קינ־דערלאָזיקייט.

ער, משה הערש, האָט געפונען שוץ באהלה של תורה אין דיביידע „בתי מדרשים" און האָט זיך געטוליעט אונטער די פליגלען פון שכינה. נאָר עסן און נעכטיקן פלעגט ער קומען א היים צום זון גרשון דעם קרעמער און זיין שניר די עקרה, ביידע שטילע, אָרנטלעכע און גוטע מענטשן, וואָס פלעגן טיילן א סך צדקה. זיין ליידנשאַפט איז געווען א שטענדיקער עובר לפני התיבה, און ימים נוראים א בעל שהרית און זיין אויסגערדענצלטער „המלך" האָט זיך נעבעך אָנגעשטעקט מיט זיין מעלאַנכאָליע פאַרענדיקנדיק מיט א הייזעריקן אָפּקלאַנג.

משה הערש איז געווען א בריה אויף פּאַראַדאָקסאַלער סאָפּיסטיק, א שטיקל שגעון. ווען ער וואָלט נישט געווען בטבע א פרומער אָרנטלעכער איד, וואָלט איך אים באַטיטלט מיט „מ נ וו ל ב ב י ת ה מ ד ר ש". ער פלעגט שטערן די לומדי תורה און עובר זיין אויף בטול תורה. ער אַליין פלעגט זיך אָנלערנען עד בלי די אין א ווינטערדיקן טאָג ביז 10 אזייגער ביינאַכט און פלעגט זיך ווען נעבעך פאַרווילן און פאַרטרייבן די צייט. ער פלעגט זיך קלעפּן צו אַלעמען, צו בעלי בתים וואָס האָבן קובע עתים געווען לתורה, אָדער אָרימע בחורים, און זאָגן קרומע פּשטלעך און איינגאַרטיקע אויפטואונגען אין תורה און הלכה און אמאָל אויך וויצן און פּאַראַדאָקסן צ. ב.: עס שטייט אין דער תורה „ו נ ש י א ב ע מ ך ל א ת א ו ר" — „א תלמיד חכם טאָר מען ניט שעלטן, אָבער אַז איך וויל מעג איך".

ער האָט געוואָלט אמאָל אַריינברענגען אין שטימונג זיין זון גרשון און אַרויסטרייבן פון אים די עצבות.

האָט ער אים געענטפערט: דו דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, טאַטע, ווער

וועט בלייבן נאָך מיינע ביינער און ווער וועט זאָגן נאָך מיר קדיש? — וואָס הייסט ווער? — ענטפערט ער מיט רוגזה, — און אברהם יאָשע? (אַ פּליט מעניק אַ יתום וואָס האָט זיך דערצויגן ביי אים אין הויז).

„טאַטינקע, וואָס אָבער וועל איך טון, אויב ער וועט ניט וועלן?" —

„וואָס הייסט ער וועט ניט וועלן, גיט ער אַ צווייטן מאָל אַ ברום און גייט ערשט אַריין אין רוגזה, איך וועל אים אויספּאַטשן ביידע באַקן דעם שייגאַץ!"

שמחת־תורה הוליאַנקעס

שמחת תורה ביי דער נאַכט פלעגן איבערנעמען די ממשלה אין בית המדרש די דעמאָקראַטיע בל״עז, דאָס זיינען געווען די אמבולאַנטן, די מחזירים על הכפרים, די קאַראַבעלניקעס, דאָרפס־הענדלער, נד־ונדניקעס וואָס פלעגן שבת צו נאַכטס תיכף נאָך הבדלה שוין נעמען פּאַקן זיך אין דאָרף אויף אַ גאַנצע וואָך ביז פריטיק, האַרט ביי ליכט בענטשן, באַגלייט מיט דעם צו זיך אליין בייסיקן סאַרקאַסטישן וויץ, פּאַראַפראַזירנדיק דעם „שובו רשעים לשאולה" אויף „ש ו ב ו ר ש ע י ם ל ס ע ל א" — אין דאָרף אַריין.

זיי, די נייע מושלים, די צייטווייליקע גבאים, פלעגן זיך פרייען און הוליען ביז זעלבסט פאַרגעסנקייט, און פלעגן אַמאָל אַרויסזאָגן בייסיקע, הגם מיט רעזערוואַציעס און דיסציפּלין, ווערטלעך אויפן חשבון פון די „אלופי העיר", די שטאָט־בעלי־בתים.

איינער, אברהמל־אורי דעם בלינדנס, אַ שרעקלעכער יחיד במינו אביון, אַן עני מרוכא נעבעך, וואָס זיינע צעריסענע שטיוול האָבן געהאַט אַ טבע, ווען זיי פלעגן אַריינגעמען אין זיך וואַסער אין אַ רעגנדיקן טאָג, צו אונ־טערזינגען מיט אַ הייזעריקן באַריטאָן, אפשר ניט ווייניקער פון דוד המלכס האַרפע „ווען זי פלעגט קומען אין קאָנטאַקט מיטן ווינט פון צפון זייט".

און ער, דער דאָזיקער מ׳שטיינס געזאָגט גליקלעכער מענטש, דער סימבאָל פון „כ ל י מ י ע נ י ר ע י ם", האָט פאַרשטאַנען, אַז היינט איז זיין טאָג, „ואם לא עכשיו אימתי" און האָט געוואַקסט די תכונה פון „כביכול", אַז „אין רוח הקודש שורה על האדם אלא מתוך שמחה" — נאָר הוליען און הוליען, ווייל די תורה גופא האָט דאָך טאַקע מיט אים געהאַט מער שייכות ווי מיט די בעלי בתים, און זיי האָבן זי די ערשטע עקספּראָ־

פריאירט: „הזהרו מבני עניים שמהם תצא תורה", היט זיך פאר די קבצנים וועלכע זיינען די פראדוצירער פון דער תורה.

און ער, אברהמס־אורי דעם בלינדנס פלעגט זיך ווילען מיטן כביכול אליין, טאקע מיט דעם „נותן התורה", און פלעגט זינגען אונטערשנאלנדיק מיט די פינגער „כי לי הכסף ולי הזהב אמר ד' צבאות".

א צווייטע גירסא האט ער געהאט: „האסטו טראנטעם האסטו סמאצעם „הולע קאבצילו"!

און וויפל פראטעסט און „מטיח דברים כלפי שמיא", איז געווען אין די דאזיקע פזמונות, און וויפל רעזיגנאציע איז דא באהאלטן אין דעם נשמה אויסגוס פון די דאזיקע נעבעך עניים מרודים! — און ווער גאראנטירט דאס אונז, אויב אין דער גאנצער שמחה ליגט ניט א פארשטעלטער און מיט ציין־פארקלעמטער פארדרוס און באליידיקונג? און פילייכט טאקע איז דער עצם מאמר „אז די שכינה רוט אויף א מענטשן נאר דורך שמחה", א מיטל זיך אליין פארשרייען און ניט אנטפלעקן דעם צער האומה און עפענען די וואונדן, און נאר אויף אזא אופן איז מעגלעך צו פארבלייבן אן „עם עולם" „שומר אמונים".

מיר

אין דער אלטער מאפע, אין די צייטן פון צארישן רוסלאנד, איז מיר געווען רעגיסטרירט אלס שטעטל „מעסטעטשקא מיר". איר איז ניט בייגע־שטאנען דער גענעאלאגישער יחוס פון אירע בעלי בתים, קניאז וויטענ־שטיין, קניאגינא גאגענלאע און אויך ניט אפילו איר בעל הבית פון דריטן גלגול, קניאז סוואטאפאלסק מירסקי, דער פרעמיער־מיניסטער, נאך דער כמו־רעוואלוציע אין 1905 יאר.

געאגראפישע פארהעלטענישן בכלל, ווי איך האב דערמאנט אין די ערשטע קאפיטלען, זיינען דאך פאר אונז נאר דערינערונגען פון שטח פון אונזער פארשפרייטקייט אין גלות מיט זיינע פאלגן, נאטירלעך חוץ די קליינע געאגראפישע נקודה אין מזרח, וועלכער מיר שענקען אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט, זאל זיין אפילו פשוט צוליב געוואוינהייט פון אונזערע אבות, און אבות אבותינו, ניט אראפנעמען זייערע בליקן פון מזרח ביי שמונה עשרה.

פאלגלעך האבן מיר אריבערגעטראגן אונזערע געדאנקען און חושים אויף עטנישער עקספאנסיע. פון דעם דאזיקן ווינקל־קוק איז מ י ר, א כרך

גדול, אַן עיר ואם בישראל, — פונקט ווי דאָס איז וואָלאָזשין, וואָס איז דאָך אין גאַנצן גרוים ווי אַ געניץ.

ווייל ביידע זיינען דאָך אונזערע אַקאַדעמיעס שיעור ניט ווי יבנה בשעתה, און זייער שטח פאַרשפּרייט זיך אין הויך פון זייער רוים און ווערן געמאָסטן מיט מיקראָסקאָפּן פון גייסט, זיי זיינען ניט קיין שטעטלעך, ניט קיין שטעט און אַפילו ניט קיין וועלט־כרכים, נאָר גאַנצע וועלטן מיט זייער אָנגעהעריקייט צו מלכותא דרקיע.

איך אַליין בין באַהערשט מיט אַ טיפן נשמה־באַגער, גראָדע צו אויס־שרייען: מיין ליב שטעטעלע מיר! נאַטירלעך ניט אויפן חשבון פון פאַרמי־נערן דעם קורס פון איר גייסטיקער גרויסקייט, נאָר איך וויל דאָס זאָגן אויפן קרעדיט פון מיין ליבע צו איר! דאָס איז דער אָנגענומענער שטייגער פון פאַרקלענערונג אויס די איידלסטע ניואַנסן פון ליבע אויסדרוק. ווי מען זאָגט: „מיין טייערע מאַמעלע!” און טאַקע ווייל זי איז די „עיר ואם בישראל” אַ מאַמע־שטאָט.

זי איז די מאַמע וואָס ביי איר האָבן געזויגן דורות. זי איז די אם פון ישראל סבא אין די לעצטע הונדערט יאָרן. מיט אירע קעסט האָבן זיך גע־שפּייזט צענדליקער טויזנטער תלמידים פון מירער ישיבה און עס זיינען אַרויסגעקומען פיל הונדערטער רבנים און גדולי ישראל.

וואו זענט איר בעלי־תריסין, חכמים, למדנים בעלי השכלה, מנהיגים און וואָרט־זאָגער, איר געקרוינטע קעפּ, שרי התורה און שומרי החומות, די קאָמענדאַנטן און גוואַרדיאַנען פון אונזערע אוצרות און מורשת אבות?...

און וואו זענט איר, מירער יקירי קרתא, גבירים, נדבנים, שעפער פון אַן אייגענעם צעך, מיט שטרענגע סטאַטוטן, וואָס זאָגן בפירוש, אַז מיט געלט און אַן תורה און חכמה, אַן נדבנות, השכלה און אידישע חשיבות ווערט מען ניט אַריינגענומען אין נגידישן צעך, ווייל געלט אַליין, במחילה, דאַן ווען ס׳ווערט ניט באַגלייט מיט די אויבן־געזאָגטע פּאָסטולאַטן, איז בלאָטע שבבלאָטע און מען בלייבט מיט דעם אַ דלפון שבדלפונים...

אַזעלכע גבירישע צעכן פון אַ פעסטן רעזשים און מאָראַלישן גייסטיקן לעבנס־שטייגער, האָב איך באַגעגנט אויך אין אַנדערע גרויסע שטעט, וואָס פּרעטענדירן שוין אַפילו אויף גרויסשטאָטישקייט, ווי: מינסק, גראָדנע און קלענערע ווי סלוצק, פּינסק, נאָוואָגראָדעק, לידע און נעסוויזש און אין די אַלע האָט זיך אָנגעזען די מאָראַלישע השפעה פון אידישע גבירים, צוליב תורה, השכלה, נדבנות און חוש פאַרן בעסערן מין געזעלשאַפטלעכקייט. עס

האָט זיך דאָך אָבער געפֿילט דער „נ ו ת ן ט ע ם ל פ ג ם", דער ביי־געשמאַק פֿון גבירהקראַטישער תּקיפֿות, האַרטקייט און כאַראַקטער פֿון דעם קלאַסישן „ועשיר יענה עזות".

און די לעצטע טאַקע איז דאָס וואָס דיפֿערענצירט מירער גבירהשאַפֿט פֿון די איבעריקע — ווייל ביי זיי האָט זיך דער דאָזיקער אַזוי־פֿיל אָפּ־שטויסנדער שטריך ניט געמערקט אויסער אין אַ זייער רעלאַטיוו־קליינער מאָס.

די אורזאַך פֿון דעם איז, וואַרשיינלעך, צו פֿאַרדאַנקען דעם אווירא ד'מיר, די גייסטיקע אַטמאָספֿער פֿון במקום „יבנה וחכמיה", פֿון די לומדי תּורה פֿון ישיבֿה און השפּעה פֿון ראשי־ישיבֿה, די דינאַסטיע פֿון אַלטן רבֿ ר' חיים לייב טיקטינסקי, דער גאון, און זיינע זין: ר' שמואל און ר' אבֿרהם (דער לעצטער איז מיט 4 אָדער 5 יאָר צוריק נפֿטר געוואָרן), אַ סגי־נהור די לעצטע 20 יאָר און האָט געלערנט ש"ס און פּוסקים מיט נושאי כליו אויסנווייניק.

אָט די צוויי משפּחות, וועלכע האָבן מיט עטלעכע דורות צוריק געפֿירט אַ קאַמף פֿון אַ ריוואַליטעט כאַראַקטער פֿאַר דעם כּתר־תּורה און „מ א ן מ ל כ י ר ב נ ן"־הערשאַפֿט, האָבן זיך אין מיין צייט געהאַט שוין לאַנג געאייניקט אין זייער גייסטיקער השפּעה פֿון „תּלמידי חכמים מרבים שלום בעולם", וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין דער אַטמאָספֿערע פֿון יענעם אי־דישן געגנט.

איך וויל אָנווייזן וועגן אַ צווייטער מעגלעכקייט וואָס זאָל דינען אַלס סופּלעמענט פֿאַר דער היפּאָטעזע, פֿאַר וואָס עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַזאַ שיינער גבֿירישער עלעמענט אין שטעטל מיר.

עס איז אַן אומפֿאַרשטענדלעכע דערשיינונג, וואָס טראָץ דער טרוקע־נער למדנישער ישיבֿה אַטמאָספֿער פֿון גאון ר' חיים לייב טיקטינסקי און ליטווישן באָדן פֿון גאונות און מתנגדות, זיינען גראָד כמעט די גאַנצע גבֿי־רישע סבֿיבֿה געווען ליובאַוויטשער חסידים, פֿול מיט לעבנס־טעמפּעראַמענט און נשמה־זאַפֿטיקייט. אויך מיט דער דאָזיקער סתּירה וועט מען אַמאָל זיך באַשעפֿטיקן, אָדער מען האָט זיך שוין באַשעפֿטיקט. עס בלייבט אַ פֿאַקט, און טאַקע אין דעם ליגט, פֿילייכט, די אורזאַך, פֿון דער איינגנשאַפֿט פֿון חסידים צו קלעפּן און חבֿרן זיך מיט די גערדיקטע שיכטן און בעלי מלאכות!

איך געדענק נאָך ווי היינט איינעם אַ טאָקער אין האָלץ, חייקל, אַ קליין אידל מיט אַ פּליוצע, לויט איר קאָנסטרוקציע, מסוגל אויף אַ קאַנדידאַטור

פֿאַר אַ הויקער, נאָר זייער אַ לעבעדיקס און פֿריילעכס. אַ מאַדים, אַ טענ־צער און ווירטואָז אַ זינגער. ער איז געווען אַ גאַנצער תקיף און האָט זיך אַזוי היימיש איינגעלעבט אין דער דאָזיקער סביבה טאַקע כאחד משלהם, איינער פֿון זייערע!

איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין באַגריף פֿון קלאַסן־קאַמף, פֿון עקספּלאָטאַציע, פֿון אַרבעטערשאַפֿט, נאָר איך קאָן ערות זאָגן, אַז ער און נאָך עטלעכע בעלי מלאכות, חסידים פֿון ליובאַוויטשער שטיבל, זיינען טאַקע שטאַרק עקספּלאָאַטירט געוואָרן ניט אַלס בעלי מלאכות, נאָר אַלס בעלי מלאכות צו זינגען חסידישע נגונים...

און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אָט די חסידישע דעמאָקראַטישקייט האָט געווירקט און גערינט אַלס הויפּט־פֿאַקטאָר פֿאַרן אויספֿאָרמירן אַ גבי־רהקראַטיע פֿון אַ בעסערן מין.

איך בין דאַן אַלט געווען אַ 14 יאָר. מיין סביבה איז געווען די ישיבה, אַ מתנגדישע. איך פֿלעג זיך דאָך אָפּרייסן, ווען ניט ווען, אין די שבתים, צו דאַווענען ביי די חסידים, ווייל מיר האָט צוגעצויגן די גמיטלעכקייט און דער לעבעדיקער טעמפּעראַמענט פֿון דער חסידישער יוגנט.

דאָס איז נאָך געווען פֿאַר דעם הערצליאַניש־פּאָליטישן ציוניזם, אַ וויי־טע וועלט, אַזוי פֿאַרשידן פֿון אונזערע, פֿול מיט חלומות, לופֿט און טויאַי־קער פֿרישקייט.

ווי לעבעדיק שטייען פֿאַר מיר אָט די גאַנצע פּלעיאַדע גבירים און ווי פֿאַרשיידן זיי זיינען פֿון די, וועלכע איך קען היינט! זיי זיינען פֿאַרשידן סיי לויט זייערע השגות פֿון צדקה, תורה, וועלטלעכקייט, קולטורעלע און אָרגאַ־נישע צוגעבונדנקייט צו אידישקייט און שוין דאַן הערשנדן רענעסאַנס אין זיינע פֿאַרשידענע פֿאָרמען: חובבי ציון, ש ו ק ד י מ ל א כ ה א. אַ...

די יוגנט האָט געזונגען דאַליצקים שיבת ציון לידער און אליקום צונ־זערס „אין דער סאָכע ליגט מזל ברכה".

דאָס איז געווען אין סוף פֿון 90־טן יאָר, אויפֿן שייד־וועג פֿון חובבי ציון און השכלה, רוסיפֿיקאַציע, שוין פֿון אַ נאַציאָנאַלן שטייגער, אין גייסט פֿון לעוואַנדען.

דאָס איז געווען אין יענע צייטן אויף וועלכע מען האָט געקענט אָנ־ווענדן דעם תנכישן אויסדרוק: „ב י מ י ם ה ה ם ל א ה י ו ה ר ב ו ר ו מ ה ב י ש ר א ל". דאָס הייסט עס זיינען נאָך ניט געווען ביי ישראל קיין שווערדן און שפּיזן... עס זיינען ניט געווען קיין אינערלעכע

פארטיי־צאנקערייען און דער עיקר, קיין שפראכן־קאמף און עס האבן זיך צונויפגעגאסן העברעאיש, אידיש און רוסיש צוזאמען מיט „יאנקעלע גייט אין שול אריין".

און ווי היינט קלינגען מיר אין די אויערן די טענער פון דער דאזיקער מעלאדישער און אינהאלטסרייכער ליד, איבערפולט מיט שאלנדע טענער און רענעסאנס־בשורות, און אריעס פון משיחיזם וואס איך האב געהערט פון שמריה לייב הורוויץ, דאן א יונגער בחור, א משכיל, א קענער פון שפראכן און אויך פון תלמוד, — א זון פון חיים שלמה הורוויץ, — דער רייכסטער וואלד־סוחר פון מיר, אן עילוי און דער גרעסטער למדן און שוויםער אין ים התלמוד. מען פלעגט אויף אים זאגן, אז ער איז ניט ווייניקער פעאיק צו דערגרונטעווען זיך אין די טיפענישן פון ים התלמוד, ווי פארטיפן זיך אין דער רעדאקציע פון קאמפליצירטע קאנטראקטן ביים קויפן וועלדער ביי פוילישע גוטבאזיצער, וועלכע זיינען געווען פון זייער זייט געשריבן דורך די פעאיקסטע אדוואקאטן. עס שטייט פאר מיר זיין געשטאלט: הויך און שטארק ווי די שיינע סאסנע־בוימער פון זיין טאטנס וועלדער. ער איז געווען אן אנגענעמער, ליבער, פריילעכער און טאקטישער מענטש, פול מיט דינאמישקייט און חסידישער התלהבות און איינער פון די פירער פון חובבי ציון.

ווי פון חלום געדענק איך יענע אלטע געשטאלטן וועלכע דערשיינען אין דעם מאמענט פאר מיין דמיון ווי לעבעדיקע, נאר אין דער זעלבער צייט ווי מענטשן פון זייער א ווייטן עבר. ווארשיינלעך צוליב דער ווייטקייט פון זייערע גייסטיקע פיזיאנאמיעס מיט אונזער היינטיקן ראציאנאליסטישן דור, דער דור פון מאטעריאליזאציע און טעכניק, ווען אפילו אידייען און אידעאלן באדינען זיך מיט מאשינען און טעכניק...

עס מאכט אפטמאל דעם איינדרוק, אז מיסטישער דמיון און דיכטערישע עמאציע פליען אין אונזערע צייטן מיט שטאלענע פליגלען, וועלכע דינען אלס פירוש פארן קפיצת הדרך. עס איז גאר צום באוואונדערן, ווי אזוי האבן זיי זיך, אט די העטעראגענישע עלעמענטן צונויפגעגאסן, פונקט ווי עס וואלטן אין לעבן קיינמאל קיין קלאסן ניט עקזיסטירט!

פון די יחוסדיקע משפחות וואס האבן זיך אויסגעטיילט פון די איבעריקע זיינען געווען אן אנדערטהאלבן צענדליק גבירים: די גינזבורגס, הורוויצס, קאצנעלסאנס, גאלדבערגס, קאמענעצקים, סאכאראווס און די משפחה שווארץ, וועלכע איז געווען צעטיילט שפראכלעך, ד. ה. אין עטימאלאגישן זין, אין דריי פאמיליעס: שווארץ, שחור און טשארני.

דער גרעסטער טייל האָט זיך באַשעפטיקט מיט וואַלד־געשעפט און מיט דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע.

איך פאַרנעם זיך אַזויפיל מיט די גבירים, נישט ווייל איך פיל צו זיי אַ גייסטיקע נאָענטקייט און נאָך ווייניקער אַ בלוט־קרובהשאַפט. איך שטעל זיך אָפּ אויף זיי צוליב דעם וואָס זיי בילדן אַ געוויסן שיכט סיי אין די אויבנגעזאָגטע מעלות און סיי אין אידישער חשיבות און מידות. איך האָב צווישן זיי נישט באַגעגנט קיין איבערגעטריבענע פרומקייט און קנאות, אָבער אַלע, אַלט ווי יונג, אידישלעך־ווירדיק, מיט אידישער אחריות, אָן דער קלענסטער נאָכקרימעניש פון מאַלפּישער אַריסטאָקראַטיע און, אַ פּשיטא שוין, ווייט פון וועלכע עס איז אַסימילאַטאָרישע באַציִלן...

עס איז געווען אַ סתם שיינער בעלי־בתּישער עלעמענט, יונגעלייט, משכילים, צוגעגרייט צום לעבן, צווישן זיי זייער פעאיקע.

צו שרייבעריי האָט מען זיך דאָך דאַן באַצויגן מיט יראת הכבוד און קדושה. עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי יונגעלייט, קאָרעספּאָנדענטן פון „המליץ" און „הצפירה" און אַ פּאָר וועלכע האָבן אויך געשריבן שירים. איך געדענק נאָך איינעם אברהם לייב כוהן, וואָס האָט געשריבן אין „כנסת ישראל", אַן איינגעגעבענעם שיר „הנקמה".

אויף וויפל איך האָב געהאַט דעם איינדרוק איז אין מיר בכלל נישט געווען קיין קנאותדיקער עלעמענט, נישט אַפילו צווישן די עלטערע פרומע אידן און כלי־קודש.

איינער פון זיי, מיכאל, איך דערמאָן מיך נישט גענוי, שחור דאַכט זיך, פון די למדנים מפורסמים, און ר׳ עקיבא גאָלדבערג —ביידע מאַנופאַקטור־ריסטן, אָדער ווי מען האָט דאַן געברויכט דעם אויסדרוק „שניט־קרעמער", ביידע זיינען געווען פרומע אידן, איבערהויפּט דער צווייטער און ביידע אַזעלכע אנגענעמע, פריינטלעכע און צוגעבונדענע צו דער יוגנט און צום דור־ההשכלה!

ישעיה דער שוחט

יונגעלייט פלעגן זאָגן, אַז ער איז געווען אַ היפּאָקריט. ווי איך האָב אים אָבער געקענט, איז ער געווען אַן אמתער פרומער איד, אַ ווייצלער, אַ פּיקח. זיינע קינדער זיינען געווען משכילים און חובבי־ציון. ער אַליין פלעגט אַמאָל שטעלן קלאָץ־קשיות און מאַכן באַמערקונגען וועגן מצוות התלויות בארץ, אָבער גוטמוטיק, ב ש פ ה ר פ ה. ער פלעגט לייענען מיט

אינטערעם די פּאָלעמישע אַרטיקלען וועגן דער דאָזיקער פראַגע אין „המליץ”.

מיר האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אירע שיינע כלי־קודש. יאָסל דער שטאָט־חזן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, יאָסל יחזקאלס, איז געווען אַ שיינער עקזעמפּלאַר איד: הויך, שיין, מיט אַ הדרת־פּנים, וואָס פלעגט פּשוט פאַרכישופן. אַ לאַנגע, בלאָנדע, עטוואָס באַזילבערטע האַלב־רונדע באָרד, אַן גאַראַנטיעס פאַר גענצלעכער אומבאַרירבאַרקייט, מיט אַ ליכטיקן ווייסן פּנים, מיט גוטע, שיינע, גרויסע, אויסדרוקספולע אויגן.

אַלץ איז אין אים געווען שיין און האַרמאָניש: סיי דער הויכער וואוקס ווי אַ צעדערבוים, ווי די געזיכט־שטריכן פון פּנים, מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, אַ גרויסער שטערן אָן קנייטשן, נאָר מיט עטוואָס בולטע ליניעס, וואָס זאָגן עדות, אַז זיי באַזוכט אָפט אַ מחשבה...

אַ שיינער ווייכלער און אָנגענעמער מיטשמועסער. זיין דבור און אַק־צענט ביים ריידן פלעגט אָפּהילכן פּונקט ווי נאָך אַ שטאַרקער באַרירונג מיט אַ זילבערנער טאַץ.

זיין חזנישע שטימע איז געווען אַ שם־דבר און צו זיין דאַווענען „שבת מברכים” פלעגן קומען זייער פיל מענטשן פון אַלע בתי־מדרשים.

אַלס אָפּהענגיקער מענטש פון דעת־הקהל, איז ער געווען עטוואָס רע־זערווירט און מיט השכלהשע טענדענצן. ער פלעגט זיך אויסדריקן נאָר אין געציילטע פאַלן. איך ווייס נאָר, אַז ער האָט געהאַט זייער נאָענטע באַצי־אונגען מיט מיין פעטער יודלען, וועלכער איז געווען אַן אָפענער משכיל און זיי האָבן געהאַט צווישן זיך אַן אויסטויש פון ספרים ווי „מורה נבוכים”, „האמונות והדעות לר׳ סעדיה הגאון”, „מורה נבוכי הזמן” און ספרים שוין פון לעצטן יאָרהונדערט איינגעשלאָסן.

איך ווייס פון באַזונדערס אויסטערלישע טיפן, וואָס איך האָב זיי גע־קענט מער פון באַריכטן און אָפּקלאַנגען ווי פון אייגענע איינדרוקן. זיי זיי־נען אָבער ווichטיק צוליב זייער זעלטנקייט, אַנדערשקייט און אויך אויסער־געוויינלעכקייט אין זייער האַנדלונג.

משה מצרים

אַ צונאָמען צוליב אַ משונהדיקער פרומקייט און דבקות ביים דאַווענען. אַ שטילער, אַ זהיר, פלעגט ער נישט ריידן קיין דברים בטלים, חוץ חסידות און נסים ונפלאות פון זיין רבין...

זיין צונאָמען „מצרים" האָט מען אים געשענקט, ווייל ער פלעגט מיט א שטעקן שפּאַלטן דעם ים פּסח צו די סדרים אין א מערניצע, אָדער א מול־טער פול מיט וואַסער.

יעקב שמושקאָוויטש

א הויכער, א קרעפטיקער איד, א ריז, א דורכשניטלעכער איד, נישט קיין איבעריקער למדן און משכיל, האָט געהאַט עטלעכע פרנסות. א וויינ־שענקער „אין הורט", א תבואה־הענדלער, און זיין פרוי, אַן אשת־חיל, האָט געהאַט א שניט־קראָם. ער איז געווען דער בוך־פירער פון אַלע געשעפטן אויף העברעאיש מיט א זעלטן־שיינער האַנטשריפט. האָט גערעדט רוסיש און פויליש. ער איז געווען פאַררעכנט אַלס מענטש פון הויכע פאַרבינדונגען, דירעקט מיטן פריסטאַוו און ביי זעלטענע פאַלן, נאַטירלעך, אויך מיטן איס־פראַווניק.

ער׳ איז געווען א קאַרגער רעדנער, אַן ערנסטער און זאַכלעכער מענטש, אַן עסקן און גרויסער בעל־טובה. איז געווען א שעף פון א גמ"ח קאַסע, ד. ה., אַז ער האָט אַפּגעלייגט באַזונדער אַן אייגענעם קאַפּיטאַל צו פאַרלייען אידן גמילת־חסדים פר א מאַרק און ירידים.

געווען אַן אהוב אין שטאָט, אַרויסגערופן צו זיך גרויס דרך־ארץ פאַר טובות און שטענדיקער גרייטקייט צו דינען מיט עפּעס קהל, ווי דעם באַ־דערפטיקן יחיד און אַלץ אַזוי נאַטירלעך, אָן די קלענסטע פּרעטענזיעס צו זיין א בעל־טובה.

א זעלטענער גבר. מען פלעגט דערציילן וועגן אים גאַנצע לעגענדעס ווי ער האָט אַליין געשלאָגן א גאַנצע מחנה פריזיוואָניקעס, דאָרפישע גויים, וועלכע האָבן זיך צעהוליעט אין א מאַרק־טאָג.

וועגן זיין שווער — דעם אייגנטימער פון דעם וויינקעלער, וועלכן ער האָט געירשנט, ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך אַמאָל פאַרגעסן צו פאַר־קויפן דעם חמץ אויף פּסח אין דער געהעריקער צייט, לויט דעם דין. האָט ער געעפנט די קראַנען פון עטלעכע פעסער שפּירט אין מיטן מאַרק, לעבן זיין שטוב, שטיצנדיק זיך אויפן דין, אַז עס איז אסור בהנאה...

מירער ישיבה

דאָס שווערסטע איז צו איבערגעבן די איינדרוקן פון מיר׳ער ישיבה. בילדעריש אין א מעמוארן־פאָרמע, ווייל אַזעלכע בילדער פאָדערן קאָנקרעט־

קיים און סטאטישע סטאביליטעט, און עס איז ווייניק צו באדינען זיך נאר מיט סילועטן פון א שלל דינאמישקייט, וואס דערשיינען קאליידאסקאפ־מעסיק, שנעל, פילפארביק, פונקט ווי דער פאל איז ביי פייסאזשן אדער זון־אויפגאנג און פארגאנג.

מענטשן זיינען דאך א קאנקרעטע דערשיינונג און איטלעכער יחיד איז דאך אן „עולם קטן בפני עצמו", פאר זיך אליין א קליין וועלטעלע.

פאר דער צייט, וואס איך האב געלערנט אין מירער ישיבה, האב איך דארטן געקענט ניט ווייניקער ווי א פאר טויזנט בחורים, ד. ה. געמענדיק אין זינען די אנגעקומענע און אוועקפארנדע אויף מער נישט צוריקקערן זיך, און ווי קען מען בכלל קומען אין א געניויער באריה[?]רונג מיט א מאסע און אויפנעמען די עקזאקטע איינדרוקן, וואס עס איז שווער, פונקט ווי צו באמערקן אינדיווידועל די ביימער פון א וואלד.

ביי מיר איז פארבליבן איינגעקריצט אין זכרון נאר דער מענטשן־וואלד אין אלגעמיינער גאנצקייט — וואס איז פארטרעפלעך צוגעפאסט צו דעם ביבלישן באגריף „כ י ה א ד ם ע ץ ה ש ד ה" — דער מענטש האט איינגעשאפטן פון באשטימטע ווערזנס. זיין וואוקס און אנטוויקלונג איז אפהענגיק פון דעם באדן פון וואנען ער האט ארויסגעשפראצט, פונקט ווי ביימער, וואס וואקסן אין וואלד.

און אט־די דאזיקע ביימער, די ישיבה־בחורים, האבן זיך גערופן איטלעכער אויפן נאמען פון שטאט, פון וועמעס באדן ער איז ארויסגעוואקסן: ווארשעווער, ווילנער, פינסקער, פאלטאווער, ראסטאווער און אפילו קאווקאזער, פונקט ווי איטלעכער פון זיי האט געהאט א מאנדאט צו פארטרעטן זיין שטאט אדער געגנט פון פיזור הגלות, כדי אויסצופירן די מיסיע פון ישר־האומה אין זינען „בכל מקום שגלו ישראל, שכינה גלתה עמהם" — אומעטום, וואו אידן האבן געוואנדערט, האט זיי באגלייט די שכינה, אדער זיי האבן איינגעזאפט די שכינה אין זיך, כדי צו ברענגען זי צו זייערע געבורטס־ערטער.

עס ליגט ניט דער קלענסטער צווייפל אין דעם, אז צווישן מ י ר דער ישיבה און מיר דער שטאט איז פארגעקומען א פראצעס פון קעגנזייטיקער ווירקונג. דער אוממיטלבארער כוח ההשפעה האט געפלאסן מצד דער ישיבה פון עטלעכע דורות, צופלוס פון תורה און גייסט פון די ראשי־ישיבות און משפחת הרב, וועלכע האבן געלייגט זייער שטעמפל פון תורה און חשיבות אויפן שטעטל.

און אַזוי איז דער כּלל ביי אַלע אַקאַדעמישע שטעט. אַמסטערדאַם האָט גייסטיק געשפּייזט מיט אירע וויסנשאַפטס־פּירות פיל ווייטער פון די האָ־לענדישע גרעניצן. דאָרטן האָבן זיך אויסגעשיילט פילאָזאָפישע שיטות פון שפּינאָזען, דעקאַרטן, ווי אויך מיסטישע פון אידישע גאונים, גדולי־הדור אין תורה און קבלה. און אַלס לאָגישע מסקנא איז אין דער שטאָט מיר געווען אַזאַ פולבלוטיקער עלעמענט פון תורה, פּראָפּאָרציאָנעל פילפאַכיק מער ווי אין די אַנדערע ליטווישע שטעט.

מירער באַלעבאַטים, פון אַלע שיכטן, זיינען געווען אין אַן אומגעהויער גרויסן פּראָצענט מופלגי התורה און סתם למדנים און יודעי־תורה זיינען גע־ווען אויף איטלעכן טריט, ווייל די גאַנצע אידישע אַטמאָספערע איז געווען איבערגעפולט מיט גייסט פון תורה און אַן אים האָט זיך איטלעכער געפילט מינדערוויכטיק. דאָס איז דער כוח פון „קנאת סופרים”. עס ווירקט דער קאָנטאַקט און די נאָענטקייט.

300 יחידים, לומדי־תורה פון אַ באַדייטנדן קאָלעקטיוון פאַרנעם אין סכום פון 1200 ביז 1500 אידישע פאַמיליעס, איז אַ צו גרויסער פּראָצענט אויף צו ווערן בטל ברוב.

איטלעכע פינפטע פאַמיליע האָט דאָך אוממיטלבאַר זיך באַגעגנט מיט איינעם פון זיי אַלס קוואַרטיראַנט און כמעט מיט זעלטענע אויסנאַמען פלעגן דאָך די ישיבה־בחורים זיין אורחים ביי איינעם פון די באַלעבאַטים אויף שבת און פלעגן ווערן היימיש און פילן זיך ווי אַ בן־בית. באַקאַנט־שאַפט, פאַרוויילונגען און אַמוזירונגס־פלירטן צווישן די בחורים מיט די באַלעבאַטישע טעכטער איז דאָך געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג און במילא שוין פלעגן זיי דינען אַלס עקספּערימענטאַלער איבערגאַנגס־פּונקט פון יענער אַזוי גערופענער ראָמאַנטישער עפּאָכע צו שמ״ר, בלאָפשטיין, זייר־פּערט און דינעזאָן־ראָמאַנען — פון חלומות צו לעבנס־רעאַליטעט.

עס האָבן זיך דאָך אין גאַרנישט געביטן, די סיבות פון אַמאָל ביז היינט. עס זיינען נאָר פאַרגעקומען מעטאַמאָרפאָזישע פּראָצעסן אין גייסט פון צייט. די זעלבע אַמביציעס וואָס דינען היינט אַלס טרייב־קראַפט פאַר אילוזיעס ביי איטלעכן באַלעבאַטישן מענטש און אידישער טאָכטער צו באַ־קומען אַ דאָקטאָר פאַר אַן איידעם און מאַן, האָט דאַן פאַרקערפּערט די שטרע־בונג צו באַקומען אַ ישיבה־בחור אַן עילוי, אַ קאַנדידאַט פאַר אַ רב, אָדער סתם אַ למדן, וואָס זאָל באַשיינען די משפחה.

און מיט דעם טאקע דערקלערט זיך די קעגנזייטיקע השפעה פון דער ישיבה אויף דער שטאט און פארקערט.

דער גייסט פון למדנות און תורה אויף דער שטאט און די וועלטעבקייט און רוח השכלה, וועלכע האט געהערשט ביי א היבשן טייל פון די וואלד־סוחרים, וואס האבן געהאט א פארקער מיט גרויסע אויסלענדישע שטעט, ווי קעניגסבערג און דאנציג, וואו זיי פלעגן פארברענגען איניקע חדשים אין יאר צוליב געשעפטס־אנגעלעגנהייטן, — אט די דאזיקע צוויי וועלטן האבן אויף אזא אופן איינער דעם צווייטן משלים געווען.

דער טיפ ארימער בחור, פאטראן, ישיבהניק, בטלן, האט פארהעלטנישמעסיק זייער ווייניק איבערגעלאזן זייער שטעמפל אויפן ישיבה־מאן, ווייל חוץ זיינע שמאלע ד׳ אמות של הלכה, האט ער פארמאגט נאך א וועלט פון באגערן, שטרעבונגען און חלומות פון השכלה און זעלבסט־בילדונג.

דער זעלביקער מתמיד וואס פלעגט אפריכטן א „משמר" דאנערשטיק א גאנצע נאכט, און לערנען, פארטיפן זיך אין מפרשים, פלעגט זיצן אין די שפעטיקע נאכט־שהען נאך דער געוויינלעכער צייט פון די ישיבה למודים, ביי זיך אין צימערל (סטאנציע בלע"ז, ווי מען פלעגט דאס רופן) איבער א „תלמוד לשון עברי", „מורה הלשון" (דיקדוק־ביכער), אדער אמאל איבער קירפיטשניקאווס גראמאטיקע, אדער מאלינאווס אריטמעטיק און פלעגט לערנען מיט התמדה, אויסזינגען מיט א גמרא־ניגון, שאקלענדיק „איי, אימיא סושטשעסטוויטעלנאיע", „אימיא פרעדלאגאטעלנאיע" און אזוי ווייטער, די „גלאגאלן" און „מעזשדואימעניעס" מיטן זעלביקן ברען, התלהבות און אחריות, וואס ער פלעגט טראגן אויף זיך, כדי צו אויסמיידן די מוראדיקע קאטאסטראפע, שטייענדיק פאר דער דילעמא, אז די משנה זאל חס ושלום ניט אויסקומען ווי סומכוס, אדער בן גנס.

דער ישיבה קרייז איז געווען א באזונדערע אפגעשלאסענע וועלט פון אייגענע קרייזן און אינסטיטוציעס, אייגענע קלובן־פארוויילונגען, וואו מען פלעגט זיך צוזאמענטרעפן ביי איינעם וואס האט געוואוינט אין א גרעסערן צימער, אדער וואו עס האבן געוואוינט אין איין צימער עטלעכע, און עס זיינען געווען עטלעכע בעטלעך וואו עס פלעגן זיך קענען זעצן א גרעסערע צאל געסט (ווייל שטולן זיינען געווען איינער אדער צוויי). און מען פלעגט פארברענגען, דיסקוטירן וועגן אן איבערגעלייענטן בוך, וועגן פרץ סמאלענסקינס „גמול ישרים", „קבורת חמור", „התועה בדרכי החיים", אדער מען פלעגט זיך אריינדרינגען אין דער דעפיניציע פון „שמחת חנף", וועגן

„אהבה און תאוה" און אנדערע פּראָבלעמען וואָס זעגן דעם „חלל העולם" („ה מ נ ס ר ים ב ח ל ל ה ע ו ל ם").

עס זיינען געווען צווישן זיי אינטערעסאַנטע שמועסער, וויצלער און אַנעקדאָטן דערציילער. די לעצטע נישט שטענדיק פּאַרזיכערטע קעגן לייכטן „ניבול־פּה", נאָר אין אַלע פאַלן האָבן זיי זיך אונטערגעוואָרפן די קאַנדי־ציעס צו פאַרמאָגן 9 חלקים חידוד און שאַרפזיניקייט קעגן איין חלק „ניבול־פּה"...

צווישן די ישיבה־אינסטיטוציעס זיינען געווען פאַרעכנט לייַ־קאַסעס און אויך פּריוואַטע גמילות־חסדים, פון יחידים, רייכע קנדער פון דער היים.

איך האָב געקענט איינעם פון זיי אַ קאַווקאַזער, אויף וועלכן מען פלעגט זאָגן, אַז ער פלעגט באַקומען פון זיינע עלטערן 25 רובל חודשלעך.

אַ חברה „בקור חולים" אין וועלכער איך האָב זיך דירעקט באַטייליקט. אַן אינסטיטוציע וואָס האָט פאַרשאַפט כבוד אירע גרינגדער און האָט פאַר־מאָגט אַ גענוגנדע צאָל מיטגלידער. מען פלעגט וואַכן צו צוויי־דריי חברים איבערן חולה אַ גאַנצע נאַכט (אגב זיינען דאָך די באַדינגונגען געווען אַזעל־כע, אַז קיין איבעריקע בעט וואו צוצושפּאַרן זיך איז דאָך ניט געווען).

דאָס איז אַן אינסטיטוציע פאַרן אייגענעם געברויך צו באַדינען איי־גענע חולאים, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק ביי נע־ונדניקעס, עלנט ווי עס איז דער דאָזיקער עלעמענט פון די „אהלי תורה" פון דער בחינה „הממית את עצמו באהלה של תורה"...

אין אָט די דאָזיקע „אהלי תורה" האָבן זיך אויסגעשמידט ניט נאָר הלכה, אגדה, סברא און פּלפּול, נאָר אויך מידות און פּאָסטולאַטן פון „נצח ישראל", חברשאַפט, „גומל־חסד", „עזוב תעזב", „י ש ר א ל ע ר ב י ם ז ה ב ז ה", וואָס זיינען אַלע ניצוצות פון „ואהבת לרעך כמוך".

:: :: ::

איך וויל פאַרצייכענען איינעם אַן עפּיזאָד וואָס איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אין מיין זכרון צוליב זיין אויסטערלישקייט און כאַראַקטעריסטי־שער גראַוויטאַציע פון אַ מאמר חז"ל „ת ל מ י ד י ח כ מ י ם מ ר ב י ם ש ל ו ם ב ע ו ל ם".

דער ראש־ישיבה, דער גאון ר׳ חיים לייב טיקטינסקי, האָט איינגע־לאַדן דעם מרא דאתרא ר׳ יום־טוב ליפּמאַן — מירער רב, אַ גאון וואָס האָט געשטאַמט פון די בעלי־תוספות, אויף זיינעם אַ יום־טוב אין ישיבה. מען האָט געענדיקט דעם סדר „מועד" און מען האָט אָנגעהויבן „נשים",

מסיכתא, „יבמות" און דער גאַסט האָט געזאָגט דעם ערשטן „שיעור". ר' חיים לייב האָט אָפּגעטראָטן אין מיטן די קאַטעדרע דעם גאַסט און פון ביידע זייטן זיינען געזעסן ר' חיים לייב און דער צווייטער ראש ישיבה ר' אברהם מיקטינסקי, זיין זון.

די ישיבה לייט האָבן פאַרנומען זייערע רעספּעקטיווע ערטער אַרום די אין אַ דלד אויפגעשטעלטע טישן און די איבעריקע זיינען געשטאַנען, חוץ די ישיבה־לייט זיינען געקומען עטלעכע נכבדי העיר פון די למדנים.

ר' יום־טוב ליפּמאַן האָט אָפּגעזאָגט דעם טעקסט פון דער משנה בנעימותדיק, קלאָר און נאָכער זיינען געקומען די פּירושים און סברות.

עס איז געוואָרן שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דעם קלענסטן שאָרך פון אַ פליג. קיינער פון די שטענדיקע באַדייטנדע לומדי־תורה האָבן זיך דיי־רעקט ניט באַטייליקט אין דער אויסטייטשונג.

עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז קיינער האָט ניט געוואָגט צו וואַרפן זיך אין ים התלמוד און קאָנקורירן אין דעם ספּאָרט פון שווימען מיט אַזעלכע „ווירטואָזן" ווי עס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ביידע, דער רב און ראש ישיבה.

ביידע האָבן זיך געפּילפּולט און געראַנגלט, שוין ניט דזשענטלמעניש, אַפילו ניט פון „תלמידי חכמים מתנגחים זה בזה בהלכה" — נאָר עס האָט זיך באַקומען אַ שיינער קלאַפּטער ספּאָרט פון צוויי געניאַלע שווימער. די באַנעמונג איז געווען אַן איידעלע און פריינטלעכע, טאַקע אין ריכטיקן זינען פון „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם".

נאָכן שיעור און „ה ד ר ן" איז געווען אַ לעקעך און בראָנפן, ווי מען פלעגט זיך נוהג זיין ביי אַ סיום פון איינצלנע מסיכתות אויך.

ר' חיים לייב האָט זיך נוהג געווען אַליין באַדינען דעם עולם, „הוא ולא ע"י שליח". ברענגען איטלעכן באַזונדער די צוויי קאָרן־לעקעך פון קויש מיט וואָס דער ישיבה שמש פלעגט אים באַגלייטן, מיט אַ שיינענדיקן פנים, אין זינען פון הדור של מצוה, מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן פאַראַפראַזירן דעם פסוק „כי לקח טוב נתתי לכם". צו די מקורבים פלעגט ער זאָגן אַמאָל אַ גוט וואָרט, אָדער אַ מילתא דבדיהותא מיט תלמיד־חכמישער זאַלץ:

אַ היבש ביסל לעקעך־קאָרענע און פאַרשידענע אַנדערע מיט צימערינג, קימל און אַנדערע בשמים און פּאַטראָוועס האָב איך געגעסן אין פאַרלויף

פון מיין לעבן, נאָר דעם טעם פון יענעם לעקעך האָב איך נישט פאַרגעסן ביז היינטיקן טאָג...

:: :: ::

צום שלום פון מיינע זכרונות וועגן מירער ישיבה וויל איך צוגעבן איין קליינעם עפּיזאָד, וואָס איז אין עצם מער רעפלעקס און ברוך־טייל פון געדאַנקען איידער אַ קלאָרער קאָנקרעטער געדאַנק. דאָך איז יענער מאָמענט פאַרבליבן אומפאַרגלייכבאַר טיף איינגעקריצט אין זכרון אויף מיין גאַנצן לעבן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען פינף יאָר שפּעטער נאָך דעם ווי איך האָב זיך צעשיידט מיט די ווענט פון דער ישיבה און די „ה ו י ו ת ד א ב יי ו ר ב א״ און אויסגעביטן אויף מער רעאַלע אַקציעס פון וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן קורס. געווען שוין אומאָפּהענגיק פון מיין פאַטערס קעסט און טיש, איך בין געפאָרן פון מיין וואַלד־שטעלע וועלכע איך האָב פאַרנומען, כדי צו זען זיך מיט די עלטערן און משפּחה. דער וועג איז געלעגן דורך מיר, פאַרביי דער ישיבה גאַס, האַרט ביי דער ישיבה און עס האָט זיך דערטראָגן צו מיין געהער דער עכאָ פון די מעלאַנכאָלישע נגונים „אמר רבא״, „אמר ר׳ זירא״, וואָס ריידן אַזוי פיל צום אידישן געפיל אין באַדייטונג פון די „אהלי של תורה״, „די געצעלטן פון תורה״, אין זייער מיסטיש־מעטאַפאָרישן זין „הממית את עצמו באהלה של תורה״ — זיין דער אייביקער מאַרטירער, וואָס איז גרייט צו גיין אויף „קידוש השם״ פאַר דער תורה...

אַזעלכע געדאַנקען און געפילן האָב איך קיינמאָל פריער, ווען איך האָב זיך געפונען צווישן די ווענט פון ישיבה, ניט איבערגעלעבט. ניט די „כתלי בית המדרש״ און ניט דער „בת קול״ דער עכאָ פון דער תורה האָט מיך דאַן איבערצייגט, כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען זייערע סודות און אייביקן אינהאַלט...

אין יענע יאָרן האָט נאָך קיינער ניט געוואוסט פון פרוידס טעאָריע. און איך וועלכער וויים נאָך איצט אויך ניט מער ווי די ראשי פּרקים אירע, קוים קוים נעפּלהאַפּט, האָב דאָך טיף טיף אין מיין נשמה געפילט דעם זינען פון „בת קול״, אַז ער איז דער אייביקער עכאָ פון באַרג „חורב״ און האָב פאַרשטאַנען וואָס עס לאָזן אונז צו הערן די „כתלי בית המדרש״, אַז אפילו ווען זיי בויגן זיך אָן, קענען זיי ניט פאַלן, ווייל זייער מיסיע איז צו קאָנסערווירן דעם „נצח ישראל״.

אַ גרויסן יישר־כוח אייך הייליקע בית־מדרש ווענט פאַר דער טייערער מתנה, דאָס ביסל תורה וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט, ווען אַפילו אויף זיי האָבן שוין שולט געווען די ציין פון „פ ו ר ה ש ר ש ל ש כ ח ה", „דער שעף פון פאַרגעסונג". אַ דאַנק אָבער דעם יתר הפליטה, די רעשטלעך און שטראַלן פון דער תורה ווערט פאַר מיר באַלויכטן דער וועג פון אידיש־קייט און גאולה, און איך גיי מיט זיכערע טריט מיין לעבנס־וועג.

אין דער נייער היים

פּראָבלעמען און מחשבותן

●

די געשיכטע פון א ישוב

היסטאָריע, איז אַן עקספּערימענטאַל פעלד פאַר פיל אַנדערע צווייגן פון וויסנשאַפט. דורך איר פאַרמיטלונג ווערן פעסטגעשטעלט וויסנשאַפט־לעכע אמתן, און דורך איר באַראָמעטער ווערן אָנגעוויזן די העכערע שטייגנדע גראַדוסן אויפן וועג פון פערפעקציאָנירונג.

היסטאָריע איז דער פילאָזאָפישער שטיין, דורך וועלכן היסטאָריע־פאָרשער געפינען אויס אַקסיאָמאַטישע כללים, דעפיניציעס אין דעם קעניג־רייך פון מענטשלעכן דענקען.

אַליין העלפט זיך היסטאָריע אַרויס מיט רויען מאַטעריאַל פון כראָניק, און אָפט מיט טרוקענע און נישט גאָר קלאָרע דאָקומענטן. זי נעמט זיי אַריין אין איר רעזערוואַר, קאָכט זיי איבער אין שמעלץ־טאָפּ — דער מוח־לאַבאָראַטאָריע און באַדינט אונז מיט קריסטאַליזירטע מסקנות און אמתן.

היסטאָריע איז דער לעגענדאַרישער לייטער פון יעקבס חלום, איין ברעג אָנגעשפּאַרט אין דער ערד און דער צווייטער שפּיץ גרייכט ביזן הימל.

די פּרימיטיווע אורשפּרינגלעכע פּאַסירונגען, עובדות, וואָס שטייען אויפן באָדן פון זייער סבא ראשונה, שטייגן שטאַפּל נאָך שטאַפּל איבערן לייטער פון דורות צו דער הויך פון די הימל־אַטמאָספערן, עד סוף כל הדורות.

דער ספר בראשית, אין זיינע אָפּהאַנדלונגען פון מעשה בראשית און בריאת העולם, די אַלע יצירות, ימים, יבשה, חיות, געוויקסן און אַנדערע, ציט אונטער דעם חשבון אויך מיט אַ היסטאָרישער סכעמע: „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם״, ד. ה. דאָס איז די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון מינעראַלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, זאָאָלאָגיע, טאָפּאָגראַפיע, באָטאַניק א. אַ.

און ווייל היסטאָריע פאַרנעמט דעם אויבנאָן פון וויסנשאַפט, און איז דער הויפּט־רעגיסטער און פאַרוואַלטער פון אַלע אירע צווייגן, מוז דער צוגאַנג זיין גאָר אַן אַנדערער, אַ חוץ טיפקייט און דורכגעדרונגענקייט, מוז דער היסטאָריקער באַזיצן אַן אומפּאַרטייאישע באַציאונג צום אמת. היס־

טאָריע איז ניט ליטעראַטור, פונקט ווי תנ״ך איז ניט קיין ליטעראַטור, ווייל דאָס איז דאָך דער כתב אלהים, דער שיפּרירטער שריפט פון געטלעכער אָביעקטיוויטעט, וואָס מוז אויסרייניקן די פאַלוועץ, די מענטשלעכע סוב־יעקטיווע שוואַכקייטן פון ליטעראַטור און שרייבער. איר אמת איז דער אמת פון חותם של הקב״ה, פון אַ שטרענגער אַנאַליטישער קאַלטקייט און נישט דער קינסטלערישער ליידנשאַפטלעכער אמת, וואָס איז נישט שטענדיק דער אמת פון לעבן.

היסטאָריע האָט זיך באַדאַרפט מתדבק זיין און אויסגיסן זיך אין איין לייב מיטן אמת, ליידער איז עס אַנדערש. זיי — די היסטאָריקער, האָבן אויך זייער אייגענע היסטאָריע, נישט שטענדיק שטייען זיי אויף זייער אָב־יעקטיווער הויך. זי קלאָגט זיי אָן די געשיכטע־שרייבער אין מיסברויך, אַז זייער אָפט האָט זיך איר עקסעלענץ, די מטרוניתא געשיכטע געפונען אין גלות ביי אירע אייגענע דינער. דורך געוואַלט האָבן זיי געוואָלט אויסגלייכן און פאַרגלעטן די קנייטשן פון איר פנים מיט שמינק און פודער, און אָפּ־פאַרבן אירע גרויע זילבערנע לאָקן, און מיט דעם אָפּמעקן דעם גאַנצן חן פון עלטער און נאַטירלעכקייט. אמת, אַז אין איר אַנקלאַגע געפינט זי, די היסטאָריע, אַ זכות אויף זיי, אַז אין פאַרלויף פון דורות, געפינען זיי זיך אַליין נעבעך אונטערן קלעם פון די מאַכטהאָבער און הערשער פון אַלע צייטן. די דאָזיקע אמטן צו שרייבן געשיכטע ווערן ס׳רוב פאַרטיילט נישט צו היסטאָריקער־סאָציאָלאָגן און פאָרשער, נאָר צו פּאָליטיקער, וועלכע מוזן זיך צופּאַסן — מיט, אָדער קעגן זייער ווילן — צו די פּאָליטישע שטאַט־לעכע באַדינגונגען. און די היסטאָרישע באַלייכטונגען מוזן זייער אָפט ווערן דער רעפלעקס פון די פּאָליטישע רעפלעקטאָרן. און אַזוי פירט זיך ביז היינט צו טאָג.

מער זעלבסטשטענדיק איז אונזער אייגענע אַלטיטשקע מוטער גע־שיכטע, וועלכע צוזאַמען מיט דער באָבע־פאַרגעשיכטע ציילט שוין פיר טויזנט יאָר. און אפשר איז דאָס טאַקע צו פאַרדאַנקען דער זקנה: די ספרי תנ״ך, וואָס זיינען אָנגענומען לויטן קאַפּריז פון די ביבל־קריטיקער פאַר פאַרגעשיכטע, טראָץ די דעטאַלירטע אָפּהאַנדלונגען פון די ספרי מלכים, דברי הימים, און אויסצוגן פון ספרי נביאים מיט גענויע כראָנאָלאָגישע דאַ־טעס פון פיל פּאַסירונגען, און מיט ווינציק ווידערשפּרוכן, און אפשר בויען זיי, די ביבל־קריטיקער, זייערע מסקנות אויף דעם אופן און צוגאַנג צו די געשיכטלעכע פאַקטן מצד די נביאים. זייער שאַרפער אמת, וואָס שניידט

ווי א כירורג־מעסער, אָן שום נשיאת פנים פאַר די מלכים־הערשער און שטאַרקע, און באַלייכטונג פון די פאַקטן אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט אָן דער פאַכמענישער קענטעניש פון היסטאָרישע באַפוצער.

איינס איז אָבער קלאָר, אַז אויב אַפילו לויט זייער פאָרם און אָפּוועזנ־הייט, אין אַ געוויסער מאָס פון היסטאָרישער קלאָרקייט, לאָזן זיי די ספרי נביאים זיך אויסטייטשן ווי היסטאָרישע בענדער, זיינען זיי דאָך כמעט דער איינציקער היסטאָרישער מאַטעריאַל, וואָס האָט געדינט אַלס באַזע פאַר אונ־זער שפּעטערדיקער געשאַפענער היסטאָריע.

און דעריבער איז טאַקע אונזער געשיכטע איינע פון די מער אמת־דיקע, ווייל זי איז געשאַפן געוואָרן אויסער איר באָדן, אין גלות, און איז געוועזן ווייט און אויסער פון אַ שטאָטלעכער פּאָליטישער השפעה. מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע, וואָס די ספרי החשמונאים און יוסף פלאַוויוס אידישע געשיכטע „מלחמות היהודים" און „קדמוניות היהודים", וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן נאָך אין סאַמע ברען פון די געשעענישן, זיינען ניט געוועזן ריין פון פּאָליטישע טענדענצן, און דעריבער האָט זיך פּראָפעסאָר גרעץ מיט זיי אין פיל ערטער נישט גערעכנט און זיך גיכער באַנוצט מיט די תנ"ך־קוועלן און אַפילו תלמודישע מקורים (הגם די לעצטע זיינען אין זעלטענע פאַלן אויך טענדענציעז צוליב טריישאַפט צו דער מסורה).

מיינע באַטראַכטונגען וועגן געשיכטע און פאַרגעשיכטע קומען צוליב אַן אַסאָציאַציע, אַ געדאַנקען־פאַרבינדונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערשי־נענע פאַר פרקים אין אַרטיקל־פאָרם אין „די אידישע צייטונג", אַלס פרעלו־דיע צו דער געשיכטע פון אַרגענטינער אידנטום, וואָס וועט דערשיינען לויט אַ באַשלוס פון דער חברה קדישא. איך באַגרייף די נויטווענדיקייט פון אַזאַ וויכטיקער קולטור־אַרבעט און געשיכטלעכן ווערט. מיר שרייבן געשיכטע זייער פאַרשיידן פון אַלע פעלקער, פונקט ווי אונזער לעבן איז פאַרשיידן. אונזער געשיכטע איז ניט מעור אחד און ווערט ניט אויסגעהאַקט פון איין שטיין. אַלץ איז ביי אונז צעבראָקלט, צעפּיצלט, פראַגמענטנווייז. אונזער תורה און קולטור איז אויך צוזאַמענגעשטעלט פון פראַגמענטן, („מגילות, מגילות ניתנה") און אַזוי איז אונזער געשיכטע, מיר מוזן אויפקלייבן קערנד־לעכווייז די צעזייטע איבער די גלות־לענדער אין דער גאַנצער וועלט, אָנ־הויבנדיק פון די גרויסע ישובים, וואו עס איז אַ קאָנצענטראַציע פון רוב מנין ובנין, ביז די קלענסטע נקודות. „ומי בז לקטנות?" מיר טאָרן נישט גרינגשעצן די קלענסטע באַגאַטעלן פון וואָס עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט

אונזער אחדות האומה. דין פרוטה כדין מאה, די ניקל און פרוטות בילדן דעם אַלגעמיינעם סכום פון אונזער היסטאָרישן אינהאַלט.

לעזנדיק די הקדמה, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די פאַרגעשיכטע פון אונזער ישוב, וואָס הויבט זיך אָן מיט 70 יאָר צוריק, האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן מיט מיין געדאַנקען־גאַנג צו אונזער אַלטן עבר, צו די ביבלישע פּאַטריאַרכאַלע עפּאָכעס, די פאַרגעשיכטע פון אונזער פאָלק און איך האָב געפונען אַ גרויסע ענלעכקייט צווישן די צוויי דיאַמעטראַל וויטשטייענדיקע עפּאָכעס.

איך פאַרשטיי, אַז אַזאַ באַהויפּטונג קלינגט עפּעס פּאַראַדאָקסאַל, דאָך וועל איך דאָס פּרואוון דערווייזן: די ערשטע אידן פון די צוויי וויטשטייענדיקע עפּאָכעס, הן אין דער צייט־דיסטאַנץ, קולטור און וועלט־אָנשויאונגען האָבן דאָך זייער פיל ענלעכקייט אין זייער אייגנאַרטיקער אידישקייט, וואָס איז אין עצם נאָר אַ גענעאַלאָגישע, אַ פּאַספּאָרט־אידישקייט, אַ אידישקייט נאָר פון אָפּשטאַמונג און בלוט־קרובהשאַפט מיט אונזער מזרח־אייראָפּעאישער, פילפאַרביקער און פולבלוטיקער אידישקייט.

אונזערע אַלטע פּאַטריציער, די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו אויסשיילן זיך פון דער קאָרע פון אורשפּרונגלעכן שטאַם, פון די כנענים און חתים, ד. ה. אונזער אַלטער יחוס לויט דער איראָניע פון דעם נביא יחזקאל „אביך אמורי ואמך חתית״, די ערשטע פּאַטריאַרכן פון דעם עם העברי זיינען דאָך אייגנטלעך געווען נאָר עברים, די סיבה ראשונה, דער עמבריאָן פון דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם עם העברי און אידישקייט אַלס נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם.

זיי זיינען נאָר געווען פון די ערשטע מאָנאָטעאיסטן, וואָס איז דאָך אין עצם ניט קיין ריין אידישע עקסקלוסיוויטעט, אין דעם פריינטלעכן שמועס פון אברהם און מלכי צדק הערן מיר דעם זעלבן נוסח פון הכרת הבורא, די זעלבע מאָנאָטעאיסטישע וועלט־אָנשויאונג,ביידע דריקן זיך אויס אין זעלבן סטיל „אל עליון קונה שמים וארץ״, ד. ה. ביידע זיינען קינדער פון דער זעלבער סביבה, נאָר מיט בעסערע מענטשלעכע שטרעבונגען, וואָס האָבן אין פלוג מיט אידישקייט, לויט איר שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג נאָך מתן תורה, זייער אַ רעלאַטיווע שייכות.

די פּאַטריציער פון אונזער אַרגענטינער ישוב, דער ראַבינער יאָזעף און דער ה׳ בריע, ביידע אויסגעלעבטע זיך אין אַ גוייאישער סביבה, התונה גע־

האט מיט גויאישע פּרויען, די קינדער זייערע זיינען דערצויגן געוואָרן אַלס גויים און זיי אַליין האָבן מיטן קולטורעלן אידנטום זייער אַ קליינעם קאָנ־טאַקט, און דאָך מערקט זיך אַ באַדערפעניש מיט אַ געווויסן נשמה־ציטער צו אָרגאַניזירן זיך און צו פּאַראייניקן זיך, אַלס אידישער אָרגאַניזם, אויב נים אויסלעבן זיך ווי אידן, זאָל כאָטש זיין שטאַרבן ווי אידן, און זיי זיי־נען דאָס געוועזן די, וואָס האָבן געגרינדעט די ערשטע „חברה קדישא", כדי צו קומען „לקבר ישראל", און אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט דער תמצית פון זייער אידישקייט. דאָס איז אַן אונטערבאַוואוסטזיניקע, די רחמנא לבא ביעדיקע אידישקייט.

פון דעם אָנגעוואָרפענעם מאַטעריאַל אין אַ כאַאָטישער אָרדענונג, אַ שלעכטע רעדאַקציע פון פּראָטאָקאָלן, מיט ווייניק שפּראַך־קענטעניש, (לויט די עדות פון ה' שוסהיים), אָטעמט פיל אויפריכטיקייט, אמתע באַציאונג פון עסקנים צו געזעלשאַפטלעכקייט, מיט אחריות און זאָרג פאַרן כלל, און ווי ווייט פרעמד און אָפּגעריסן זיי זיינען געוועזן פון אונזער וועלט באַנעם, דאָך פילט זיך צו זיי אַ בלוט־קרובהשאַפט און עס ווילט זיך זיי זאָגן: „אחינו אתם"!

מיטן פאַרענדיקן דעם 19־טן יאָרהונדערט שליסט זיך אָפּ די תקופה פון דער אַרגענטינער פּרימיטיווער פּאַטריאַרכאַלער אידישקייט און מיטן אָנ־הויב פון 20־טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אַ ריכטיקע היסטאָריע פונם אָר־גאַניזירטן אידנטום, מיט זיינע מעלות און חסרונות. הלוואי זאָל די שאָל נישט איבערוועגן אויף דער זייט פון די צווייטע.

דער שרייבער פון דער אידישער געשיכטע אין אַרגענטינע טראָגט אויף זיך זייער גרויסע אחריות פאַר די שפּעטערדיקע דורות, און וועט מוזן זיך שטאַרק אָנשטרענגען צו זיפּן און קאָנטראָלירן די היסטאָרישע רוי־מאַ־טעריאַלן, די שפּינפעדים, רייניקן זיי פון פּסולת און טענדענציעזן שעטנז. די צוקונפטיקע פאָרשער און קריטיקער וועלן נים שענקען און וועלן משפּטן פאַר חטאים במזיד, ווי אויך פאַר די זינד באַגאַנגענע בשוגג.

די אויפגאַבע פון שרייבער איז געוויס נים קיין גרינגע, אָבער אויך נים קיין אומעגלעכע. אים וועט שוין אויסקומען צו טרעטן אויף קולטיווירטן באָדן פון געזעלשאַפטלעכקייט, דאַטן, דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן וואָר־שיינלעך אין בעסטן אָרדענונג. ערגער פאַרן שרייבער און נאָך ערגער פאַרן אָביעקטיוון אמת. און אויב ער האָט געאָטעמט פריי שפּאַצירנדיק אין דעם מדבר פון אונזער פּרימיטיוון — אין געזעלשאַפטלעכן זין — אידנטום, ד. ה.

בלעטערנדיק זייערע נאאיווע פראָטאָקאָלן, תמימותדיקע דרשות און אַזוי גערופענע גרויסע אויפטועריש פראָיעקטן, בייט זיך די דעקאָראַציע אין גאַנצן ווען ער, דער שרייבער געפינט זיך שוין אויף אַ פעסטן באָדן פון ציוויליזאַציע (ציוויליזאַציע מער פון קולטור). אַלץ געהובלעוועט, פולירט, געגלעט מיט גלאָזפאַפיר. דאָס ערגסטע ביי דעם פאַל איז, וואָס ניט דורך היסטאָריע־שרייבער, נייערט פון די וואָס ווילן מאַכן היסטאָריע און גרייטן צו דעפאָזיטן פאַר דער אומשטערבלעכקייט.

דעם שרייבער איז געוויס ניטאָ וואָס צו מקנא זיין. עס איז אַ שווערע אויפגאַבע אָבער ניט אומדערגרייכבאַר, נאַטירלעך פאָלגנדיק די עצה פון תלמוד „כבדהו וחשדהו״. די גרינגסטע פרקים פון געשיכטע זיינען פון די לעצטע יאָרן, זיי נויטיקן זיך ניט אין אַנאַליזן און ניט אין קיינע פירושים, זיי זיינען צו אָפן און קלאָר, ווייל זיי זיינען ילידי איש. חוץ דעם זיינען זיי געבוירן אין גאַס אָפן פאַר אַלעמען, זיי לעזן זיך גרינג פאַר איטלעכן דורכשניטלעכן אידן, וואָס איז ניצול געוואָרן פון עם־הארצות און ניט אויפגעפרעסן פון טענדענציעזע מיקראָבן.

ביי דער קלענסטער אָנשטרענגונג און מיט הילף פון אַנאַלאָגישע סברות וועלן פאַר אים קלאָר ווערן אַלע ספקות און מיר וועלן קענען איבערלאָזן בירושה פאַרן נייעם דור, אונזערע שטעלפאַרטרעטער, אַ היפשן באַגאַזש היסטאָרישן מאַטעריאַל. און מיר ווילן האָפן, אַז זיי וועלן זיך פאַרטיפן אין זיי, איבערהויפט ווען זיי וועלן נעמען אין פאָרשטענדעניש די שטרויכלונגען, און וועלן ציען די געהעריקע שלוסן, כדי דאָס זאָל פאַר זיי דינען אַלס ריכטליניע צו שרייבן די ווייטערדיקע פרקים פון היסטאָריע מיט ווירדע און כבוד פאַרן אַרגענטינער אידנטום.

די הויפּט יסודות פון אַ קהילה

א.

דער געדאַנק פאַר אַ קהילה שאַפונג האָט שוין הינטער זיך אַ קאַרגע צוואַנציק־יאָריקע געשיכטע. דער דאָזיקער פּלאַן האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרשיידענע פיזיאָגנאָמיעס און פאָרמען, און האָט שוין זאָגאַר געהאַט אַ פּראָוויזאָרישע צוגרייטונגס־קאָמיסיע, אַ רעלאַטיוו געזעצליכע פאַרטרע־טערשאַפט פון בוענאָס איירעסער אידנטום, וואָס איז באַשטאַנען פון 36 מיטגלידער.

מען האָט זיך געוויצלט איבער איר מיסטישן סימבאָל פון „ל״ו", מען האָט געלאַכט, געחוזקט. עס האָבן געלאַכט די שטענדיקע אָפּלאַכער, די יאָ־ריקע לצים וועלכע לאַכן אָפּ פון די בעסטע פּרוואוון און איניציאַטיוון, און עס האָבן געלאַכט ערנסטע עסקנים פאַר וועמען דער געדאַנק איז נאָך נים געווען רייף.

די צוגרייטונגס־אַרבעט פון דער איניציאַטיוו־קאָמיסיע, די ענערגיע און טעטיקייט אין פאַרלויף פון אַ קאַרגן יאָר און, בדרך אגב, די פאַרווענ־דונג פון היפּשע סומעס געלט, בייגעשטייערט פון די עסקנים זעלבסט, די אַזוי גערופענע ל״ו, זיינען נים געגאַנגען לאיבוד, ווען אפילו בשעתם אָן הצלחה.

עס איז דעמאָלט געלונגען פאַרצוברענגען פאַר אַן אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג די קהילה־אָרגאַניזירונג, דאַן אונטערן נאָמען „אַליאַנס". די פאַר־זאַמלונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, און האָט גוטגעהייסן די סטאַ־טוטן, וועלכע האָבן געהאַט אין זיך אַלע פאָרבאַדינגונגען און פּאַראַגראַפן פון אַן אמתער אידישער קהילה אין דעם נוסח פון די בעסערע מקומות אין איירָאָפּע.

אָבער דאָס קהילות־נפל׳ע איז געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט, די אַט־מאָספער אין יענער צייט, — נים אין גאַנצן קיין געזונטע, די לופט —

אָנגעפילט מיט אַמביציע־פּולווער און רויך פון פּאַריין־ממשלה, און אפשר זיינען אין דעם אַ ביסל געווען שולדיק די ל״ו, צופיל ניאַנקעס, איינער האָט זיך פאַרלאָזן אויפן צווייטן, זיי האָבן ניט באַזעסן די נויטיקע אויסגעהאַלטנקייט און געדולד פון אמתע ל״ו־צדיקים. דער סוף איז געווען אַ פּאַטאַלער... עס איז ניט מיין אויפגאַבע און אויך ניט אין די אינטערעסן פונם מאָמענט, צו פאַרנעמען זיך מיט געשיכטע אָדער, אַפילו מיט כראָניק. איך וואָלט געקאָנט ציטירן נאָך אַ פּאָר פאַלן: פּרוואוון, ספּאַזמען, קאָנוואולסן פון הבלי־לידה פון אַ קהילה און וועלכע האָבן געהאַט דעם זעלבן סוף.

די צוואַנציק־יאָריקע פּרוואוון, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, דורכגעפאַלענע, רעזולטאַטלאָזע, האָבן דאָך דערפירט צו דעם אויפברויז, דורכן קאָלעקטיוון רצון, פאַר אַ קהילה. די חברה קדישא וועלכע פאַרטרעט פּאַקטיש און יורידיש כמעט דעם גאַנצן בוענאָס איירעסער אידנטום און איז פאַרבונדן דורך פאַראייניקונגס־פעדים מיטן אידישן אָרגאַניזם, איז אָנגעגאַנגען מיטן הסכם פונם גרעסטן טייל אַנדערע פילאַנטראָפּישע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין פאַרלויף פון אַ יאָר צייט מיט דער צוגרייטונג פון סטאַטוטן פאַר דער קומענדיקער קהילה, מיט דער הילף פון אַ ספּעציעל פאַררופענער קאָמיסיע צו שטודירן די פּרטים און גייסט פון די זעלבע.

די אויבנדערמאָנטע סטאַטוטן, זייער פּיל־זייטיקייט און ברייטקייט, און איבערהויפּט די קלאָרקייט סיי פון די שטרעבונגען און אינהאַלט, ווי דער נאָמען פון דעם אַנטשטייענדיקן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַן — אַ אידישע קהילה, זאָגן עדות אויף דער ערנסטקייט און אַנטשלאָסנקייט דורכצופירן אין לעבן די ראָזיקע אָרגאַניזאַציע, און לאָזן ניט קיין ספק פאַר אויסטייטשונגען און קאָמענטאַרן.

קלאָרקייט און פשטות זיינען שטענדיק די אומצעשיידבאַרע באַגלייטער פון אָרנטלעכע און אמתע איניציאַטיוון, וואָס האָבן אַן אויסגעשפּראָכענע אָפענע פיזיאָנאָמיע און דולדן ניט קיין פאַרשטעלטקייט און צווייזייטיקייט.

קיינמאָל, ביז איצט, איז די צייט ניט געווען אַזוי פּאַסיק און דרינגענד פאַר אַן אָרגאַניזירונג. צוליב אַ קאָנטראָל פון אונזער קאָלעקטיוון אינוועניג־טאַר וועמען עם לויערט די געפאַר צו פאַרפרעמדט ווערן... אונזערע קולטורעלע, גייסטיקע און נאַציאָנאַלע ווערטן וועלכע זיינען ניט אין גאַנצן זיכער צוליב די שלעכטע ווינטן, סיי די אינערלעכע אַטמאָספער וועלכע פאָדערט פּוריפיקאַציע און סיי די פּאָליטיש־אויסערלעכע וועלכע פאָדערט סאַנאַציע

דורך אַ גוטער פאַרטרעטערשאַפט, דורך אַ קהילה וועלכע זאָל ריידן אין נאָ־מען פון אונזער קאָלעקטיוויטעט.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ הערשנדיקער אינטערפּרעטאַציע פון אַ הויפּט־פּאַראַגראַף אין די סטאַטוטן, און גראָד מצד בעסערע פּאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן וועלכע פּרעטענדירן צו זיין קאָמפּעטענט אויף אויסצוטייטשן די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף אין איר באַדייטונג אין דער לאַנדעס־שפּראַך.

וואו עס זאָגט זיך: „די אויפגאַבע פון דער קהילה איז צו וואַכן איבער אירע מאָראַלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן" געפינט זיך, לויט זייער מיינונג, דער באַגריף נ א צ י אָ נ אַ ל ע א י נ ט ע ר ע ס ן אין קאָנפליקט מיט דעם גייסט פונם געזעץ וועגן בירגערשאַפט. ווייל זיי מיינען, אַז מען קאָן אויס־טייטשן דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל" אַלס קאָנקורענץ דער אַרגעמענטינער בירגער־שאַפט און דעריבער דאַרף דאָס דאָזיקע וואָרט ניט אַריינגענומען ווערן אין דעם טעקסט פון דער לאַנדעס־שפּראַך. וואָס איז, אגב, דער עיקר אינם הינ־זיכט פון געזעצלעכקייט. קאָן מען איינגיין אויף אַזאַ פּשרה, אָדער ניט? נאָך מיין מיינונג — ניין, צוליב פאָלגנדיקע צוויי גרונט־טעמים:

א) ווען דער באַגריף „נאַציאָנאַל" קאָן פילאָלאָגיש פאַרשטאַנען ווערן און אַנטהאַלטן עפּעס ענלעכעס צו בירגערשאַפט, איז דאָס נאָר שפּראַכלעך־פילאָלאָגיש, אָבער אין קיין פאַל ניט פּסיכאָלאָגיש, און נאָך ווייניקער — היסטאָריש־עטנאָגראַפיש. מיר אידן פאַרשטייען רעליגיעז אויך אַלס נאַציאָ־נאַל, אַלץ וואָס איז ספּעציפיש אידיש־עטיש איז ביי אונז נאַציאָנאַל. דאָס האָט אָבער ניט צו טאָן מיט אונזערע פליכטן צום לאַנד.

בירגערשאַפט האָט ניט צו טאָן מיט קיין סענטימענטאַליזם און ראָ־מאַנטישע אויפפאַסונגען, נייערט זי באַשטייט פון טרוקענע פליכטן, התחיי־בותן, און ווען מיר צאָלן אָרנטלעך אונזער חוב צו דעם לאַנד וואו מיר וואוי־נען, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אייפערזוכט. ליב האָבן צוויי לענדער, איז ניט ליב האָבן — צוויי פרויען. אַ גוטער בירגער אין אַ לאַנד הייסט פּינקט־לעך געצאָלט אַ וועקסל און מער גאָרנישט. סענטימענטאַליזם, מיט דעם דאַרף מען געבוירן ווערן. אונזערע קינדער פאַרמאָגן וואַרשיינלעך דאָס גע־פיל אויך.

איבערהויפּט קאָן אַזאַ אייפערזוכט און מורא פאַר קאָנקורענץ אין פּאָ־ליטישע ענינים זיך ניט באַציען אויף אונז, ווייל ביי אונז איז נאָך דער באַגריף „נאַציאָנאַל" אַ באַצייכענונג פון אונזער וועלט־אַנשויאונג און עטיק,

און האָט ניט קיין רעאַלע שטאַטלעכע אָדער טעריטאָריעלע אינטערעסן וועל־
כע געהערן ליידער דער צוקונפט.

ב) איך גלויב אויסצודריקן מיין מיינונג פון אונזער מערהייט, אַז אונ־
זער צוקונפטיקע קהילה וועלכע מיר ווילן בויען מוז זיין אידיש־נאַציאָנאַל,
און דאָס אויב זי וועט ניט זיין „נאַציאָנאַל״ וועט זי אויך נישט זיין „אי־
דיש״ טראָץ איר רעליגיעזן באַרוף פון דער חברה קדישא און טראָץ די אַנ־
דערע פונקציעס און פלענער אויך ווי, צום ביישפיל, דאָס שאַפן אַ ראַבינאַט.

לאַגישערווייז האָט געדאַרפט פיגורירן אין די סטאַטוטן „אידישע רע־
ליגיעז־נאַציאָנאַלע קהילה״, אַזוי ווי אין די אייראָפּעאישע לענדער און עס
וואָלט ניט געווען פאַר אונז קיין פחיתת הכבוד צו זיין זייערע תלמידים. דאָס
אויסלאָזן דאָס וואָרט „רעליגיעז״ אי זגעטאָן געוואָרן אַלס הנחה פאַר יענע
וועלכע האָבן מורא פאַרן וואָרט ר ע ל י ג י ע ז ווי אַ שד פאַר ווייררויך.

הגם די קהילה איז במילא רעליגיעז לויט איר זין און אינהאַלט און
עס וועלן ניט העלפן קיינע אָפּשפּרעכונגען און איינריידענישן, פונקט ווי
מען קאָן זיך ניט איינשמועסן, אַז וואַסער איז ניט נאַס אָדער אַז פייער איז
ניט הייס, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז די פּשרה פון אונזער זייט איז אַ
נאַציאָנאַלע עוולה און אַ מענטשלעכע דעגראַדאַציע. „יהרג ועל יעבור״ איז
ניט נאָר אַ אידישער פּרינציפּ, נאָר אַ ברייט־מענטשלעכער, אַן אוניווערסאַ־
לער. ס׳זיינען פאַראַן פאַלן פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער ביי וועלכע מען טאָר
ניט איינגיין אויף פּשרות, איבערהויפּט ווען דער באַגריף „רעליגיע״ פּרע־
טענדירט ניט, און איז זייער ווייט צו זיין, אַ דעצידירנדיקער כוח, ער פאַר־
לאַנגט נאָר צו שיצן זיך פון דעם „קראָמיע יעוורעיעוו״ און דער מאַקסימום
פון זיין דערגרייכונג איז — —גלייכבאַרעכטיקונג. אַזאַ הנחה, ווי אַראָפּנע־
מען דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל״ איז אויסגעשלאָסן. מענטשן קאָנען דאָך ניט
נאָכקומען מיט קאָנצעסיעס ביז לאָזן זיך אָפּשניידן די נאָז. אַ קהילה אָן דעם
באַגריף „נאַציאָנאַל״, איז אַ קהילה אָן אַ נאָז, אָדער ריכטיקער געזאָגט,
אַ פאַנפעוואַטע קהילה.

ב.

די גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער „חברה קדישא״, וואָס איז פאַרגע־
קומען וועגן באַשטעטיקן די פּראָוויזאָריש אויסגעאַרבעטע סטאַטוטן, האָט
איבערגעלאָזן אַ זייער פּיינלעכן רושם פון ווייטיק און שאַנדע פאַר אַלע

מיט אַ בעסערן חוש און אַפילו פאַר די עלעמענטאַר־דורשניטלעכע אָרנטלעכע מענטשן. מיר זיינען געווען עדות פון אונזער קאָלעקטיווער ירידה, פון אונזער געזעלשאַפטלעכער אימפּאָטענץ, אומבאַהאָלפנקייט און אומפעאיקייט צו נעמען אין האַנט דעם אייגענעם גורל און צו באַהערשן אים, פירן, פאַרוואַלטן, שאַפן רעאַגירן און אָריענטירן זיך, און ניט געפירט ווערן, אָדער ריכטיקער געזאָגט אַריינגעשלעפּט ווערן דורך ווילקיר פון סטיכישע צעשטענדיקע כוחות. מיר דאָ, אין בוענאָס איירעס האָבן פאַרלוירן אין גאַנצן אונזער פּרצוף מיט אונזער שכל און דעם אייגענעם א י ך אַלס אָרגאַנעזירטע, גאַנצע, פאַראייניקטע, אונזער קאָלעקטיוון רצון אַלס פּראָגרעסיווע אידישע קאָלעקטיוויטעט.

מענטשן וועלכע האָבן אַליין עפּעס צו זאָגן פאַר זיך און פאַר דער אויסערלעכער וועלט, ווערן גאָר געטריבן, געשטויסן דורך אַ פוס־שטויס, ווי אַ פוטבאָל־פּילקע, דורך אייניקע געניטע לצים, פוטבאָליסטן, וועמענס קאָנצענטראַציע־פונקט און אַמפּי־טעאַטער, צירק, זיינען — אונזערע גענעראַל־פאַרזאַמלונגען, דאָרטן אונטער פּייפן־גרילצעריי פון אמתער קאַץ־מוזיק.

פון מיין באַאָבאַכטונג סיי אויף דער טומלדיקער פאַרזאַמלונג און סיי שפּעטער שוין ביי מער בארואיקטע געמיטער האָב איך אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז נעגאַטיווע עלעמענטן זיינען דאָ אַ ניט באַדייטנדיקע צאָל, און אַז נישט אַלע טומלער, אַפילו, זיינען עס אַזוי טיף געזונקען אין דעם „יון המצולה“, אַזוי פיל וויפל עס קאָן זיך דוכטן ביים ערשטן אויבערפלעכלעכן איינדרוק, זיי ווערן גיכער געפירט און זיינען קרבנות פון פינצטערע כוחות פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. איך האָב זיי באַטראַכט מיט אַן אַבסאָלוט אָביעקטיוון באַראָמעטער. איך קאָן זיי, די פירער, פון לאַנג אָן, פאָלגלעך רייצן זיי שוין מער ניט מיין בלוט און שטערן ניט מיין רואיקע אָפּשאַצונג. אויך צווישן זיי זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זיינען ווייניקער שעדלעך, דאָס זיינען די אָרימע בעלי עבירות וועלכע פאַרקויפן זיך פאַר אַ שיבוש און ביליקער טובת הנאה, און אין אַ געוויסער מאָס זיינען זיי אַליין אויך קרבנות פון די באַדינגונגען, זיי וועלן פאַרשווינדן ווערן ביי מער היגיענישע סאַניטאַרע געזעלשאַפטלעכע תנאים.

דאַקעגן זיינען אָבער פאַראַן צווישן זיי געפערלעכע משחיתים, אולטראַ־פיפערנאַטערס.

ביי איינעם פון זיי האָב איך באַטראַכט און געזען דעם גלאַנץ אין די אויגן, דער פאַרדעכטיקער שעדלעכער פייערל, שאַרער, קעציש‏ער, דורכדרינגלעכער בליק, אָנגעשאַרפטער, און מיט אויסגעשטעלטע נעגל גרייט צום אײַבערפאַלן, אין זיין פנים איז געלעגן גאַנצע דעפּאָזיטן מיט שפּאָט און פאַראַכטונג; אין די שטערן־קנייטשן — פאַרדעכטיקע מחשבות פון פאַראַט און באַטרוג קעגן אַלץ וואָס עס איז געזעלשאַפטלעך אידיש; אויף די ליפּן און מויל־ווינקלען איז געווען אויסגעשפּרייט דער שטענדיקער סאַדיסטישער געלעכטערל, דער שטענדיקער פלג־גוף פון בעל הבית מיט וועלכן ער קאָן זיך ניט צעשיידן אַפילו אין די ערנסטע מאָמענטן (אויף וויפל אַזעלכע זיינען ביי אים פאַראַן) און וועלכער האָט איבערגעלאָזן אויף אים אַ חותם פון פאַרקרימטקייט. מיינער אַ חבר האָט באַמערקט, אַז דאָס איז וויקטאָר הוגאָ'ס פּראָטאָטיפּ פון דעם „מענטש וואָס לאַכט", יענער פאַרשוין האָט שוין לאַנג ניט געפייערט אַזאַ זיג, ער איז געווען גליקלעך.

אונזער אידישע געזעלשאַפט איז אַבסאָלוט דעזאָרגאַניזירט און ווען זי וואָלט פאַרבליבן אויף גאָטס באַראָט, רעגירט אויטאָמאַטיש פון זיך אַליין מיטן כוח פון אינערציע וואָלט די שלעכטס נאָך ניט געווען אַזוי גרויס, אונזער מענטשן־מאַטעריאַל איז דאָך סוף כל סוף ניט קיין שלעכטער, זייער אַ גרויסער טייל ציוניסטיש־געשטימטע, נאַציאָנאַלע, אידישע אידן, און סתם אידן פאַריאָגטע דורך דאגת פרנסה, מענטשן־שטויב אינדיפערענץ צו אַלץ, פאַרפרעמדטע פון אונז, אָבער ניט שעדלעך.

אַלס אמתער פּראָגנאָז פון אונזער געזעלשאַפטלעכער אומבאַהאָלפנקייט און אומפעאיקייט — קאָן דינען דער פאַל פון די קהילה־סטאַטוטן ביי דער לעצטער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער „חברה קדישא". אַ קליין הייפעלע קעגנער האָבן זיך אימפּאָנירט איבער אַן אַבסאָלוטער מערהייט פון לאַטענטע אָנהענגער פון אַ קהילה, אָבער ווען עס האָט געפעלט דער שטאַרקער באַוואוסטזיניקער ווילן. אַ בלייבער רצון, אַ בלוטלאָזיקער; עס האָט געפעלט פייער, התלהבות וועלכע זיינען שטענדיק די כעמישע שטאָף פון באַוואוסטזיין.

וואָס איז דען אַ קהילה, אויב ניט פּראָגרעס און אָרגאַניזאַציע? און דעריבער געפינט זי זיך אין אייראָפּע נאָר אין די קולטור הויכשטייענדיקע מקומות. דער אַלטער אידנטום נאָך פון קדמונים האָט פאַרשטאַנען דעם טיפן זין פון קהילה־אָרגאַניזאַציע אַלס אַן אָנשפּאַר און שטיץ־פּונקט פאַר אידישקייט, פאַרן רעליגיעזן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן, אַ באַשיצונג פאַר

למדנות און תורה, נאָר אונזער עולם האָט ניט פאַרשטאַנען צו אָפּשאַצן איר באַדייטונג, אין אונזערע צייטן. ביי דער מאָדערנער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סטרוקטור איז דאָך אָרגאַניזאַציע די הויפּט־באַזע און אַרויספירנדיקער אָרגאַן, אָן וועלכן עס וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין שום פּראָגרעס.

איטלעכער ווידערשטאַנד אָדער אַפילו לייכטער פּאַראָורטייל קעגן אַ קהילה איז אַ סימן מובהק פון צוריקגעשטאַנענקייט, און דאָס ווערט דער באַראָמעטער פאַר דעם קולטורעלן ניוואָ, און עס דערמאָנט אונז דעם גוייִשן פאַרגלייך פון מאַקס נאָרדוי וועגן דעם אידן, וועלכער האָט נישט געוואָלט פונאַנדערקעמען די באָרד לכבוד זיין טאָכטערס תנאים, ניט זייענדיק זיכער צי דער שידוך מיט זיין טאָכטער וועט האָבן אַ קיום. דאָס בוענאָס אײַרעסער אידנטום, איבערהויפּט געוויסע קרייזן, פאַרשטייט ניט אַז אָרגאַניזאַציע, אָן און פאַר זיך, איז אַ מזל ברכה און אַ שטיק פּראָגרעסיווער אויפטו, ניט אַריינגייענדיק אין תכליתים.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער, דער וואָס וועט צייכענען די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון אַרגענטינער אידנטום פון אונזער צייט, וועט געוויס זיך אָפּשטעלן באַזונדער אויף דער פיל־שאָטנדיקייט פון ענין קהילה.

אונזערע נייע וואַלן־אינדוסטריאַלן, געשטיצט פון דעם טייל אידישער פּרעסע וועלכע לעבט אויפן חשבון פון אונזער געזעלשאַפטלעכער צעפאַלונג און וואָס באַגלייט אונזער אומבאַהאָלפנקייט און תוהו ובוהו־צושטאַנד מיט אַ מעפיסטאָפעלישן און רויטן געלעכטער, און אַ טייל וואָקלדיקע, ניט רעכט און ניט לינק. עס איז אָבער לײַדער אויך שאָטנדיק מצד אונזער בעסערן עולם, צוליב אונזער אַפּאַטיע און פּאַסיווימעט צו געזעלשאַפטלעכע ענינים. אונז פעלט ווילן און מוט. אַלע באַקלאָגן זיך און שאַצן אָפּ אונזער מצב, עס זיינען געווען אַפילו איינציקע פּרוואון פון אָרגאַניזאַציע, פון „הבה נתחכמה”, עס איז אָבער געבליבן ביי די קאָנוואולסיעס און בעסערע פּרואוון פון זעלבסט־רעטונג, צו ווייטערדיקע שריט האָט דאָס אָבער ניט געבראַכט. עס פעלט מוט, רייפקייט און אַנטשלאָסנקייט, הגם עס פעלן אפשר ניט קיין גוטע כוונות. די געשיכטע נעמט אָבער ניט אָן קיינע תירוצים פון פאַרעוודיקייט. אומבאַהאָלפנקייט, מוטלאָזיקייט און מאַנגל פון ענערגיע זיינען פאַררעכנט פאַר אַ „חטאת־צבור”, אַ קאָלעקטיווע עבירה און חרפּה.

די „חברה קדישא”, די גרעסטע אינסטיטוציע — וועלכע איז דאָך טראָץ אַלע קעגנער, נײַן־זאָגער, און סאָפּיסטישע, בייזוויליקע אויסטייטשונגען, פאָרט די לאַטענטע קהילה, נאָר אָן סטאַטוטן און ניט אָרגאַניזירט אַלס

קערפּערשאַפט — באַזיצט אין איר פאַרוואַלטונג אַ גוטן מענטשן־מאַטעריאַל וועלכע זיינען כמעט אַלע ציונים אָדער סתם נאַציאָנאַלע אידן, זיי זיינען אָבער ניט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך פון זייער באַרוף, צו האַנדלען פעסט, ענערגיש און אויספילן דעם מאַנדאַט וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אויפגעפירט אויף אַ זעלטענעם רעקאָרדשלאָגנדיקן אומווירדיקן אופן, דער מוסטער פון ווילקיר און פאַרגוואַלטיקונג, צו וועלכע מען קאָן געפינען פאַרגלייכונגען און בלייכע אַנאַלאָגיעס נאָר אין די פאַרוואָרפענע אַרגענטינער פּראָווינצן ביי וואַלן אין אַ צייט פון אינטערוועניץ און דיקטאַטור. לאָגישערווייז איז דאָך געווען צו דערוואַרטן מען זאָל אויפהויבן די פאַרזאַמלונג און אויף אַ לעגאַלן אופן איר בטל מאַכן, איבערהויפּט אַז אַזוינע לעגאַלע כשרע וועגן זיינען געווען פיל. עס איז אָבער געטאָן געוואָרן פונקט דער היפוך, אויפן אָרט פון אַנולירן לעגאַל די פאַרזאַמלונג, אלס אַ תיקון פאר דער לעגאַליטעט און אָרדענונג, און איבערהויפּט פאַרן אידישן כבוד און ווירדע, האָט מען אומלעגאַל אָפּגעשטימט און אָפּגעוואָרפן די סטאַטוטן, צום גרויסן באַדויערן פון דעם געזונטן, בעסערן אידנטום און עפנטלעכער מיינונג, און צו דער פרייד און שדים־נצחון פון אונזערע מהרסים און פאַררעטער. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס אַזאַ אומפאַרשטענדלעכער פּאַראַדאָקס? מיר טאָרן און מיר קאָנען ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די פאַרוואַלטונג פון דער חברה קדישא איז קאָנספּיראַטיוו געקומען אין פאַרהאַנדלונג מיט אַן אומבאַדייטנדיקער מינדערהייט פון אַ נעגאַטיווער ריכטונג, קעגן דעם גוטן ווילן פון דער מערהייט. ווען מיר וואָלטן דערלאָזן אַזאַ מעגלעכקייט וואָלט דאָך קיין איינציק אָרנטלעכער איד זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון צו שרייען בקול רם: „רדו, גייט אַראָפּ פון אייערע בענקלעך, איר שליחי צבור, איר האָט מועל בשליחות געווען!”

מיר צווייפלען ניט אין זייער אויפריכטיקייט, דאָס איז אמת; אָבער אין דער וועלבער צייט צווייפלען מיר ניט, אַז די חברה קדישא האָט די פאַרזאַמלונג דורכגעפירט ניט לעגאַל. די אורזאַך איז אָבער אַ קלאָרע און אין דעם ליגט דער תירוץ! זייער האַנדלונג פאַלט אַרונטער אונטער דעם רעגלאַמענט פון דעם קאָדעקס: „אונס רחמנא פטריה”.

די „חברה קדישא” ווי אַנדערע אַנשטאַלטן מיט די פּעאיקסטע פירערפאַרזיצערס, וועלן ניט זיין אימשטאַנד צו באַהערשן אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג. כל זמן עס וועלן הערשן אַזעלכע וואַל־קאַמפּיינען פון פאַרגוואַלטיקונג און

אָפּענער קאָרופּציע, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל צו דערוויילט ווערן, נאָר דורך שטימען וועלכע פאַבריצירן זיך און גיסן זיך אויס אין קעסלען פון נאַכט־אָרגיעס און שענקען. ביי אַזעלכע באַדינגונגען קאָנען עסקנים זיך ניט אימפּאָנירן, פּונקט ווי די כהונה גדולה אין דער צייט פון הורדוס. באַצאָלטערהייט ווערט דאָך די כהונה פאַרשוועכט. ווען אַ לייטונג ווערט ניט געקליבן מיט פרייען ווילן פון פאָלק, דאַן ווען איטלעכנס שטימע ווערט ניט באַגלייט מיטן אינערלעכן הסכם פון באַוואוסטזיין, נייערט מיט שטימען ניט וואָגיקע, וועלכע זיינען גרינגער פון מעקענע, זיינען דעמאָלט די עסקנים פּסיכאָלאָגיש געבונדן מיט דער דאָזיקער קאַטעגאָריע וויילער, לייכטע אינפאַנטעריע, לויטן פּסיכאָלאָגישן כלל: „אין אדם מעיז פּניו בעל חובו", מען קאָן ניט גיין קעגן יענעם, וועמען מען איז פאַרפליכטעט.

מען מוז געוויילט ווערן לעגאַל, כשר. אין דעם פּרימיטיוון אַלטן אידנטום האָבן געהערשט פיל גרעניצן וועגן די קאַטעגאָריעס פון יוחסין און לעגאַליטעט, עסקנים מוזן זיין פריי, אומאָפּהענגיק פון קיינעם, כדי אַז זייער האַנדלונג זאָל זיין נאָר אַ פּועל יוצא פון זייער באַוואוסטזיין און געוויסן.

ווען מען איז אָבער אָפּהענגיק פון וועלכע עס איז ווירקונגען און אויסערלעכע כוחות, איבערהויפּט ניט פּאָזיטיווע, דאַן לאָזט זיך דאָס מערקן אין אַלע האַנדלונגען און אין זייערע קאָנסעקווענצן.

געשמאַק און טאַקט

יעדע עפּאָכע פון טראַנסצענדענטאַלער באַדייטונג רופט אַרויס אַ רעוויזיע, אַן איבערשאַצונג פון די ווערטן. די תלמודישע דעפיניציע דריקט זיך וועגן דעם אויס אין אַ רעקאָמענדאַציע: „אם רואה אדם שיסורים באים עליו יפשפש במעשיו״, ווען עס קומט אַ קריזיס אָדער אַ קאַטאַסטראָפאַלער איבערברוך אין לעבן פון אַ יחיד, ווי פון אַ קאָלעקטיוו, מוז מען מאַכן אַ רעוויזיע אין די אייגענע מעשים און ריכט־ליניעס, כדי דאָרט צו געפינען דעם מקור הרע, אָדער אַ תרופה, אַ נייעם פּראָגראַם און נייע וועגן אין לעבן.

די אינוואַזיעס און פורעניות און קאַטאַסטראָפאַלע פּאַסירונגען וואָס פאַלן איבער אונזערע קעפּ זייט דעם יאָר 1933, מיט שרעקלעכן כוח און מיט דער שנעלקייט פון שטורעמדיקע ים־כוואַליעס, איינע גרעסער און גרויזאַמער פון דער צווייטער, האָבן אויפגעברויזט אונזער געמיט און אַריינגעבראַכט אַ נערוועזע אומרואיקייט אין אונזער בלוט. עס איז אויפגעברויזט און אויפגעציטערט געוואָרן דער גאַנצער קאָלעקטיווער יש. דער תוכן אין זין פון נאַציאָנאַלן איך, זוכט אַ לייזונג און אַ רעטונגס־פּונקט פון זיין מצב, אַ רעוויזיע איבער זיך אַליין. אין צענטער פון דער אנדרלמוסיא און הרת־עולם־צייט זוכט מען וועגן, אָריענטאַציעס און ריכט־ליניעס צו שאַפן אַ גייסטיקע לעבנס־פּראָגראַם כדי זיך אויסלעבן אינערלעך, און כאָטש גייסטיק זיך ראַטעווען פון דער אַרומיקער זוהמה און מ״ט שערי טומאה.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן גאַנצע באַוועגונגען אין פאַרשיידענע גלות־לענדער אונטער דער לאָזונג „צוריק אין געטאָ״ און אין ארץ־ישראל: „צוריק צום תנ״ך״, וואָס זיינען אייגנטלעך איינס און דאָס זעלבע און באַדייטן: פאַרטיפונג אין דעם אייגענעם אינהאַלט, אין דעם נאַציאָנאַלן פּרצוף. צוריק צום תנ״ך, צו דער נביאישער ירושה, פון וועלכער עס האָט זיך אויסגעפורעמט די נשמת־האומה!

עס איז באַדויערנס־ווערט וואָס מיר, דאָ אין אַרגענטינע, זיינען שטענדיק די לעצטע צו אויפנעמען בעסערע איניציאַטיוועס און רעפאָרמעס אין

לעבן, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען דאָס זעלביקע וואָס מאָדעס פון פּאַריז, וואָס ווערן אהער געבראַכט פיל שפּעטער, און אָפט מאָל ווען די מאָדע איז שוין פאַרביטן געוואָרן פאַר אַ צווייטער... ענלעכעס פּאַסירט אויך אין דער וועלט פון פּרינציפּן, אידייען, און תיקונים אין לעבן. זיי קומען צו אונז צו שפּעט און אָפט מאָל קומען זיי בכלל ניט, אָדער זיי קומען יאָ און ווערן פאַרשוויגן... מיר דערוויסן זיך דורך צייטונגס-ידיעות און דורך דעם בעסערן אידישן דענקענדיקן טייל פון דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע תיקונים און אַפּעלן צום וועלט-אידנטום. זיי ווערן ביי אונז דיסקוטירט און קאָמענטירט — זיי דערגייען אָבער ניט ווייט און תיכף ווערן זיי אַראָפּגענומען פון טאָג-אָרדענונג, פונקט ווי זיי וואָלטן דירעקט צו אונז קיין שייכות ניט געהאַט.

געסט, וואָס קומען פון דער פרעמד, די וואָס באַטראַכטן דעם ענין פון דער ווייטן, אָביעקטיוו, שטוינען און גייען פּשוט אַרויס פון די כלים. זיי פרעגן זיך: וואָס טומלט אונזער אידישע גאַס און וואָס שרייט זי אַזוי? מיט וואָס פאַרנעמט זי דעם מוח? און „אונזער גאַס" מיינט צו זאָגן 60-50 פּראָצענט פון דער אידישער בוענאָס איירעס...

יונג און אַלט פאַרנעמען זיך מיט באַנק-וואַלן, מיט קאַנדידאַטורן פון פּרעזידענטן און דירעקטאָריומס. עס זיינען מיט זיי פול די גאַסן, די רעס-טאָראַנען און קאַפע-הייזער. זיי וואַרפן זיך אין די אויגן פון די גויים וואָס וואונדערן זיך און פרעגן: אין דער איצטיקער הרת-עולם-צייט ווען די מלחמה הענגט איבערן קאָפּ און עס שמעקט מיט חורבן און אונטערגאַנג, באַשעפ-טיקן זיך אידן מיט אַזעלכע ענינים און וואַרפן זיך אַריין גאַנצע הונדערט פּראָצענט אין וואַל-נצחונות?

און עס פרעגן זיך אויך אידן, די וואָס זיינען אָנגעשטרענגט מיט אַלע נערוון און חושים און לעבן איבער די שרעקלעכסטע טראַגעדיע וואָס האָט קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע; אַ צייט פון חורבן און אונטערגאַנג, ווען טייכן בלוט גיסן זיך און אַ דריטל פון אידישן פאָלק האָט ניט קיין היים, און 700 טויזנט שטייען מיט אַ וואַנדער-שטעקן אין האַנט און גאַנצע קאַראַוואַנעס וואַנדערער געפינען זיך אויף דער „פרייער לופט" אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. זיי וואַלגערן זיך צווישן די גרעניצן און ווערן געיאָגט און געטריבן פון איין גרעניץ צו דער צווייטער, ווי די הינט, און די שיפס-גע-זעלשאַפטן זיינען צוליב זיי אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נע-ונדניקעס, און דעם אייביקן וואַנדערנדיקן אידן, לאָזנדיק שווימען זייערע שיפן פון ברעג צו ברעג, ווייל פאַר די אידן, וואָס זיי פירן, זיינען אומעטום הערמעטיש

פאַרמאַכט די טויערן... די אויבנדערמאָנטע אידן פרעגן זיך: מיט וואָס באַשעפטיקט זיך אונזער גאַס? גייען איר טאַקע נישט אָן די אַלע פּאַסירונגען און גרוילן?...

און ווי שרעקלעך, ווי ווילד און באַרבאַריש, וואָס גרייכט צו דער גרעסטער אכזריות, עס זעט אוים אָט די עקלהאַפטע פּאַנאָראַמע פאַר די איצט אָנגעקומענע, אַנטלאָפענע און קוים מיט לעבן געראַטעוועטע פונם עמק הבכא, פון דעם אייראָפּעאישן גיהנום, ווען זיי שטויסן זיך אָן מיט דער דאָזיקער דערשיינונג, מיטן קאָנטראַסט און אויסוויקלונג פון סיטואַציע און גורל, פון ברודער פון דעם זעלביקן בלוט און פלייש! בשעת אַזוי פיל אידן זיינען אַזוי טיף אומגליקלעך און געפינען זיך ביים אָפּגרונט, ביים אונטערגאַנג, זיינען די אידן דאָ אַזוי זאָרגלאָז און גליקלעך, אַז זיי באַשעפטיקן זיך מיט קליינלעכן ספּאָרט און מיט קליינשטעטלדיקע בעלעמער קהלשע אַוואַנטורעס, ניט האָבנדיק אין זין דעם ברודער...

ווען די צוויי קאָנטראַסטן טרעפן זיך צוזאַמען, רייסט זיך אַרויס פון זיך זעלבסט דער „לא תעמוד על דם רעך"! באַשעפטיקן זיך מיט וואַל־פּאָליטיק אויף אַזאַ שרייענדיקן אופן און פאַרגעסן זיך אָן אַלץ און אָן דער גאַנצער וועלט, הייסט אכזריותדיקע גלייכגילטיקייט און דאָס איז אַ בזיון, אַ נאַציאָנאַלע חרפה און מיר דאַרפן איינבויגן דעם קאָפּ און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זאָגן צום פאַרפייניקטן אידנטום: זייט אונז מוחל איר פאַרשעמטע, און באַליידיקטע פון דער גאַנצער וועלט און פון דער מענטשהייט. מיר זינדיקן קעגן אייך! זייט אונז מוחל, ווייל מיר ווייסן ניט וואָס מיר טוען. מיר זיינען דאָך חס ושלום ניט קיין שלעכטע מענטשן. מיר האָבן געטאָן און מיר וועלן טאָן פאַר אייך אַלץ וואָס מיר וועלן קענען, נאָר קהלן זיך אַביסל — דאָס מוזן מיר; ווייל מיר זיינען אַזוי געוואוינט, און שולדיק אין דעם זיינען די דערציער, דער דעת־הקהל. עס פעלן ביי אונז גייסטיקע אַווטאָריטעטן, די וואָס זאָלן געבן אַ קלאַפּ אין טיש, אָנבייזערן זיך.

⁂ ⁂ ⁂

איך וועל שוין אויסנוצן די געלעגנהייט פועלנדיק ביי זיך צו זיין געוואַגט און זאָגן נאָך אַ ביטערן אמת, פאַר וועלכן איך בין אויסגעשטעלט צו האָבן מיין אויסקומעניש. איך וויל אָנרירן נאָך אַ פונקט, וואָס איז נוגע צו דער היגער ציוניסטישער יוגנט און אונזערע נאַציאָנאַל־פאָנד עסקנים. איך באַצי זיך צו דעם ענין פורים — ימים טובים ביי אונז, צו זייער פראָצעדור און הערשנדיקן גייסט וואָס דערנענטערן זיך צו קאַרנאַוואַל־פעסטלעכקייט...

פיינפילער און פיינשמעקער האָבן דאָס שוין באמערקט זייט די לעצטע פאָר יאָר, און היינטיקס יאָר איז דאָס דערגאַנגען פיל ווייטער ווי געוויינלעך.

עס איז בכלל אַ פראַגע פאַר אַ טיפערן שטודיום וועגן וועלכער איך נעם אויף זיך ניט די אחריות צו זאָגן אַ פעסטע מיינונג. איך מיין די פראַגע: וואָס איז דוחה וועמען? אונזער סאָלידאַריטעט מיט כלל ישראל, מיט דער עטיק, פרינציפּן און איידעלע ניואַנסן פון דרך ארץ און איבערהויפּט אין אַזאַ עת צרה, ווען דאָס אידנטום שטייט ביים אָפּגרונט צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט און אונזער חלום פון שיבת ציון האָט אַזוי פיל געליטן און ליידט נאָך איצט פון שרעקלעכן קאָשמאַר, צי שטייט ביים איצטיקן שעת־חירום פיליכט העכער די הכנסה פון זאָל זיין אַפילו פון נאַציאָנאַל־פאָנד מיט זיין גאַנצער טיפקייט און באַדייטונג?...

דער פורים יום־טוב ווערט אויסגענוצט אומעטום לטובת דעם קרן קימת לישראל און עס איז שוין מכמה יאָרן איינגעפירט צו דורכפירן אין אים אַ מאַסקאַראַדן־באַל. אין די פריערדיקע יאָרן איז די פּראָגראַם באַשטאַנען איבערהויפּט אין דער מאַסקאַראַדן־טייל, פון גוט־דורכגעטראַכטע היסטאָרישע בילדער און קאַריקאַטורן, באַפּעפּערט מיט אַביסל הומאָר, וויץ, פאָלקסטימלעכקייט און פקחותדיק־אידישלעך, וואָס האָבן קאָנסערווירט די אידישע חשיבות און דעם אידישן כאַראַקטער. אין דער זעלבער מאָס אָבער וואָס עס האָט זיך פאַרגרעסערט די באַטייליקונג פון דער יוגנט פון פאַרשיידענע סעקטאָרן, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די שטרענגקייט און דיסציפּלין אין באַצוג צו דער פּראָגראַם און עס האָט זיך אָנגעהויבן מער באַנאַליטעט און דיסאָנאַנסן, מיטן ריכטיקן טאָן וואָס שמחת־פורים דאַרף זיין.

פיליכט ווערט עס פאַרזען צוליב דער נויטווענדיקייט פון דעם פאָנד פון אַלע ציוניסטישע פאָנדן, דער פאָנד פון פדיון־שבויים פון באָדן, וועגן וועלכן דער תלמוד זאָגט, אַז כדי אים אויסצולייזן פון פרעמדע הענט מעג מען אַפילו מחלל שבת זיין, און אין אונזער פאַל וואָלט עס געהייסן, אַז מען מעג צוליב אים וואָכעדיק מאַכן דעם שבת פון אידישן גייסט, באַנעמונג און לעבנס־שטייגער?...

איך דערלאָז אַזאַ געדאַנק און דעריבער בין איך געווען קעגן דער מיינונג פון אייניקע יחידים, וועלכע זיינען געווען פאַר דער אָפּשאַפונג פון דעם לעצטן מאַסקאַראַדן־באַל. עס איז אָבער כדאי צו נעמען אין אַכט, אַז אין ארץ־ישראל איז היי־יאָר זייער שוואַך געפייערט געוואָרן דער פורים יום־טוב. אין אַלע פאַלן אָבער טראָגט ער דאָרט דעם טאָן און חשיבות פון די

השובי ירושלים. טראַץ דעם וואָס ער רופט זיך „עד לא ידע יום טוב״, ד. ה. על לא ידע בין ברוך מרדכי לארור המן...

דאָס לעצטע איז נאָר אַן אַלעגאָריע און דער אמת איז, אַז מען מוז יאָ וויסן דעם אונטערשייד פון „ברוך״ ביז „ארור״ און דאָס מוזן אין זינען האָבן אויך אונזערע היגע לייטער און עסקנים פון פורים־באַל.

מען טאָר ניט אַפּשאַפן דעם זכות הקיום פון פורים יום־טוב צוליב דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, מען טאָר אָבער ניט איינשפּאָרן קיין עטלעכע פּעזעס, דאָרט וואו מען קען אים געבן אַ מער אידישן זין און וואָס וויניקער טאַנ־גאָס — איז אַלץ לויבנסווירדיקער.

מען דאַרף אַכטונג געבן אויף זיין איידעלערן טאָן. אַביסל מער באַשיי־דענער און אויסמיידן די קלענסטע געשמאַקלאָזיקייט.

איבערהויפּט טאָר ניט דינען די קרוין פון אסתר המלכה אַלס רעקלאַמע־מיטל אין שוי־פענצטער, אין צענטער פון דער קאָנבעדיקער קאָריענטעס־גאַס.

איך באַגרייף, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן צוליב מער פּרנסה פאַרן קרן קימת. דאָס איז פיליכט טאַקע אַ סגולה, אָבער זייער ניט קיין סגולה פאַר אונזער פּרעסטיזש און בעסערן טאָן...

„כבודה בת מלך פנימה״, אַזוי זאָגט אונטער די השגה און דער גע־שמאַק פון דער אַלטער אידישער עטיק.

אַנטידעמאָקראַטישקייט

עס איז אנערקענט אַלס פעסטער אמת, אַז דער סטיל איז דער מענטש. דער תוכן און ריטם פון זיין לעבנס חכמה, — שטימט דאָס טאַקע מיטן זין „כי הדם הוא הנפש".

סטיל דריקט אויס די פול־בלוטיקייט פון טעמפּעראַמענט און גייסט פון דער געגעבענער פּערזאָן — די אַנטפּלעקונג פון זיינע מסחרי הנפש.

אַט די דאָזיקע באַטראַכטונגען קומען אויפן געדאַנק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם במעט איינהייטלעכן, וואָלט איך געזאָגט, פּראָטעסט פון אונזער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון אַלע שיכטן קעגן דעם אימפּראָוויזירטן קאָמיטעט פאַר הילף די מלחמה ליידנדע און פּליטים פון אַן אומבאַדייטנדיקער גרופּע יחידים; נאַטירלעך אויף אַן איניציאַטיווע, וואָס איז אין איר כאַראַקטער נאָך מער אינדיווידועל סעלעקציאָנירט, אין דער בחינה שבמובחר — די סמעטענע פון געלט־יחוס.

און דאָס דאָזיקע סעלעקציאָנירטע הייפעלע האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די איינלאַדונג מצד דער „דאיא" צו אָנשליסן זיך אין אַלגעמיינעם קאָמיטעט פאַר הילף, וועלכער איז פּאַקטיש די רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַנישע קערפּערשאַפט אין די מעגלעכע גרעניצן פון די געגעבענע באַדינגונגען פון אַרגענטינער אידנטום.

עס איז טאַקע נאָר צו באַוואונדערן אַזאַ פעסטקייט און קאַטעגאָרישקייט אין טאָן, פונקט ווי דאָס וואָלט געמיינט צו זאָגן, אַז אויסדערוויילטע קענען זיך דאָך נישט אויסמישן מיט פּאָלק ווי תרומה מיט חולין.

איך באַגרייף, אַז עס קען זיין אַ מיינונג־פאַרשידנהייט, סיי אַן אַדמיניסטראַטיווע, ווי אַ פּרינציפּיעלע אין אופן און אין פאַרטיילן די הילף.

און אפשר קען זיין אַ באַזונדערער צוגאַנג אין שייכות מיט דער אָר־

גאַנישער פאַרבינדונג פון די צוויי געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן „דאַיאַ״ און וועלט־קאָנגרעס הן מצד די קעגנער פון קאָנגרעס פון פאַרשידענע סעקטאָרן און פאַקטאָרן, וואָס אויף באַגרייפן זיי דאַרף מען אָנווענדן די פראַזע פון תנ״ך: „ווען איר וואָלט נישט געאַקערט מיט מיין קאַלב, וואָלט איר נישט געטראָפן מיין רעטעניש״ (לולא חרשתם בעגלתי לא מצאתם חידתי). און סיי מצד די חסידים מיט אַ סעפּאַראַטיסטישער אָפּשאַצונג בנוגע זיינע צוועקן און זיין מיסיע, די וועלכע מיינען, אַז ער דאַרף זיך באַשעפטיקן נאָר מיט פראַגן פון ימות המשיח ביי דער פרידנס־קאָנפערענץ און וועלט־פּאָליטיק און ניט פאַר טאָג־טעגלעכע פּשוטע קאַמפּיינען פאַר הילף, וואָס איז אָן ענין פאַר לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַטראָניזירט דורך אַ לעגאַלער פאַרטרעטערשאַפט.

פאַר עפנטלעכע טענות און באַטראַכטונגען איז דאָך דער פּאָסיקסטער פּלאַץ דער גרויסער קאָמיטעט פון „דאַיאַ״, די לעגיטימע אידישע פאַרטרעטערשאַפט דאָ אין לאַנד. פאָלגלעך ווי דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַזאַ האַנדלונג מצד אַ גרופּע יחידים?

סעפּאַראַטיזם איז צו ווייך און דריקט נישט אויס איר ריכטיקן מהות. אַגב איז דאָך דער באַגריף סעפּאַראַטיזם אויך חל אויף אַזעלכע גרופּעס פון כלל, אָפּגעריסענע, וועלכע האָבן דאָך אויף אַ וועלכן עס איז אופן אַ געזעלשאַפטלעכן פּרצוף, צוליב זייער פאַרבינדונג מיט ענלעכע פאַכן. אַנדערש און גאָר פון אַ באַזונדער כאַראַקטער איז דער פאַל מיטן בת־קול פון דער יחידים־גרופּע וואָס בילדעט אַן אָרקעסטער פון סאָליסטן, וואָס איז אַן אָפּענער אַטענטאַט קעגן באַגריף געזעלשאַפטלעכקייט און תפילה בצבור. דער יחיד וויל פאַרנעמען דעם עמוד און וויל צווינגען דעם עולם ער זאָל ענטפערן אָמן.

און דאָ קומט דער ריכטיקער נאָמען ד ע ר אָ ט י ז ם, וואָס ברענגט אַן ערבוביה אין די מוחות און גיט אַן אָרט פאַר סעפּאַראַטיסטישע שפּאַלטונגען, — אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקהייט, וואָס האָט אירע וואָרצלען אין דעם אידישן באָדן נאָך פון אורצייטן אין אַלטערטום פון דער אידישער געשיכטע.

די געפערלעכסטע סימפּטאָמען, פאַר וועלכע נביאים פלעגן זיך שרעקן זיינען געווען „ונעשה יהודה קרעים קרעים״. אַז דאָס אידנטום זאָל זיך ניט פאַרוואַנדלען אין גוואַלד־ריסן. נאַטירלעך קען מען נישט, מען טאָר נישט

אריבער מיט א רואיקן געמיט און גרינגשעצונג די אויבנדערמאנטע, אפגעטיילטע פון כלל, יחידים.

זייער פארלוסט פאר דער געזעלשאפט וועט זיין פילבאר, אלס יחידים, אייניקע פון זיי אויך עסקנים פון א פארנעם, אבער נאך וויכטיקער פון דעם איז צו נעמען אין אכט די פיל טיפערע פאלגן: יחידים וועלכע רייסן זיך אפ פון כלל, ווערן אברים מדולדלים, אפגעהאקטע גלידער, און אזעלכע, ווען זיי זיינען נישט ארגאניש אנאטאמיש באהעפט מיטן צענטראלן ארגאניזם זיינען פאראורטיילט פארדארט צו ווערן.

און אונז איז דאך טייער און וויכטיק איטלעכער אבר און אפגעדארטער צווייג פון אונזער שטאם. מיר וואלטן שלום געמאכט מיטן דאזיקן פאקט ווי מיט אנדערע אומפארמיידלעכע נאטור־געזעצן.

„כי האדם עץ השדה" — זאגט א ביבלישער כלל. די זעלביקע געזעצן, וואס גילטן אין דער באטאנישער וועלט, פון ביימער און וועלדער, פאסירן אויך מיטן מענטשן־וואלד. ביימער וואקסן, פארשפרייטן זייערע צווייגן מיט גרינע בלעטער, און מיט אמאל הויבן זיי אן צו דארן די צווייגן און אפפאלן די בלעטער. מעגלעך, ווען מיר וואלטן פארשטיין די דיאלעקטן פון ביימער און געוויקסן און זייערע סודות וואלטן צו אונזער געהער דערגרייכט זייערע עלעגיעס און צדוק הדין איבער זיי אין אן אייגנארטיקן „ברוך דין אמת".

מיר, טראדיציאנאליסטן און קענער פון דער מיסטישער דיאלעקטיק האבן פילייכט טאקע געשעפט פון די זעלביקע קוואלן פון תהילים־פאעזיע און פון ברכי נפשי־סימפאניעס און אנדערע, פון וואנען עס הערן זיך ארויס די אויבן געזאגטע נאכט סודות, ושימען פון ביימער און געוויקסן, — מיר זיינען אבער, אין דער זעלבער צייט אויך ראציאנאליסטן. דעריבער ווען מיר אויך מיט רעזיגנאציע אריבערגיין צו דער טאג־ארדענונג...

זאל מיר דערלויבט זיין נאר א קורצע ווײַלע באנוצן זיך מיט מעטאדן פון סימבאליסטישן מעטאפאריזם און באהויפטן, פונקט ווי אין דער באטאנישער וועלט שטעלן זיך אפ די באטאניקער אויף ענלעכע דערשיינונגען זוכן און פארשן די סיבות פארוואס פאלן אראפ בלעטער און דארן צווייגן פון שטאם — אזוי דארפן מיר מיט א פיל־פאכיקערן אינטערעס זיך פארטראכטן איבער די סיבות פון ענלעכע פאסירונגען אין אונזער מענטשן־

וואַלד. דאָס מוזן מיר טאָן צוליב געזעלשאַפטלעכער סאַניטעט און פּראָפּי־לאַקסיס מאָטיוון.

עס באַווייזן זיך שוין פאַרדעכטיקע סימפּטאָמען אין אונזער נאַציאָ־נאַלן און געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. — די בלוט־צירקולאַציע איז נישט נאָרמאַל. עס פילט זיך אַ בלוט־אַרעמקייט, אַ מאַנגל פון געזונטע נאַציאָנאַלע בלוט־גלאָבוסן, פאַרדעכטיקע אַסימילאַטאָרישע באַצילן אָנגעטראָגענע פון פרעמדע אַטמאָספערעס צו אונז. מיינע היפּאָטעזן שטיצן זיך טאַקע אויפן אויבן געבראַכטן כלל.

די האַנדלונג — די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן פון דער דאָזיקער סעלעק־ציאָנירטער יחידים־גרופּע אין דער עפנטלעכקייט, די פעסטקייט פון טאָן און דאָס קאַטעגאָריש צוריקווייזן די איינלאַדונג מצד דער „דאָיאַ״ נישט לאַנג־דיק פלאַץ פאַר ווייטערדיקער אַפּעלאַציע וואָס איז געקומען אַלס ענטפער אויף אַ ווענדונג, אין אַ רואיקער־פריינטלעכער עקספּאָזע פול מיט רעספּעקט און גרייטקייט פאַר צוזאַמענאַרבעט און איינפאַרשטענדיקער קאָאָפּעראַציע — אין אַט דעם אַלעמען איז בולט דער עקזאַקטער סטיל, תוכן און צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אין דעם אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ געוואַלדיקער תהום, וואָס טיילט אָפּ אונז ציוניסטן אָדער סתם נאַציאָנאַלע פאָלקס מענטשן — פאַר וועמען דעמאָקראַטישקייט און קאָלעקטיווער רצון און איינפאַרשטענדעניש איז די ריכט־ליניע און אורים ותומים, — פון גאָר אַ גייעם סעקטאָר וואָס איז פאַר אונז דערשינען אין אַ נייער פּסיכאָז פון אידישע יחידים, מיט פּרעטענזיעס אויף אַן אייגנאַרטיקן אתה בחרתנו־רייטוואַגן... רייטן דערווייל אויף אַ גרינגן וואָלקן, נאָר קוקן אויס די ערשטע געלעגנהייט צו קענען זיך זעצן פעסט אין דעם העגעמאָניע־זאַטל פון אונזער געזעלשאַפט.

רבותי! האָט אין זינען, אַז געשיכטע חזרט זיך איבער, און אונזערע צייטן פון קפיצת הדרך אין אַ זייער שנעלערן טעמפּאָ.

מיט העכער 20 יאָר צוריק איז אין נאָרד־אַמעריקאַנער אידישן ישוב אין אַן ענלעכן היסטאָרישן עמערגענץ־מאָמענט געגרינדעט געוואָרן דער „דזשאָינט״ און טאַקע אויפן געביט פון „פאָלקס־הילף״ און ער געוועלטיקט ביז רמה ביזן היינטיקן טאָג... ער איז אַליין דער קוכער און פאַרפאַסער פון דער שפּייז־קאַרטע, ווייט נית אין גייסט פון ציוניסטן אָדער אפילו סתם נאַציאָנאַלן אידישן „שולחן ערוך״ און געזעלשאַפטלעכער „כשרות״.

למען האמת און קלארקייט איז כדאי פעסטצושטעלן די דיאמעטראלע דיפערענץ פוןביידע פאלן.

די שאפער פון אמעריקאנער „דזשאינט" זיינען געווען שיף, מארשאל, ווארבורג, נאטאן שטראוס און אנדערע גדולים (דער לעצטער א גוטער ציוני), מענטשן מיט א הויכן קולטורעלן פארנעם און גרויסע פילאנטראפישע נייגונג. פאר דעם טיטל „לי הכסף ולי הזהב" האבן זיי טייער געצאלט. (ליידער האט דאס אונז ציונים אויך טייער געקאסט...) מיט אונזער ארגענטינער ישוב זיינען די פארהעלטענישן פיל אנדערש. ער איז צו יונג אין סטאטיק און טראדיציע, — אפילו דער ציוניסטישער עלעמענט באשטייט פון א צו גרויסן פראצענט באלפור ציונים — אזא באדן איז נישט גינסטיק פאר גדולים, און נאך ווייניקער איז דא דער מין גדולים צווישן די גביראקראטיע, וועמענס עלטער עס שטייגט נישט איבער קיין צוויי צענדליק יאר.

פאלגלעך פעלט אויך ביי אונז די טראדיציע פון געבן. און נאך מער פעלן השגות, פרייהייטן און גרייטקייט פאר ברייטערע זשעסטן — צוליבן פעלן פון דער טרייבקראפט פאר ענלעכע קאנקורסן ווארשיינלעך. איבערהויפט פעלן אויף אונזער אידישן געזעלשאפטלעכן באדן די סאליטרע וואס פארמערט די פרוכטבארקייט פון פילאנטראפישקייט...

צוליב וואס זאל זיך א גביר אנשטרענגען צו געבן ווען ער קריגט כ ב ו ד ל ר ו ב א ו מ ז י ס ט ? (חוץ זייער קליינע אויסנאמס־פאלן). מען דארף אבער צוגעבן, אז עס איז דא אויך אן איבערגעוויכט־שאל אויפן קרעדיט פון אונזער גבירישער סעלעקציע, וואס אייניקע פון זיי פארמאגן א היפש ביסל ציוניסטישע שטימונג, און דעריבער איז טאקע נאך מער פילבאר און פייערלעך זייער עקסטרעמע אפנוגונג פון דרך הישר און אידישע גרונט־פרינציפן, פון דעמאקראטישקייט, זייער זעלבסט־מיינונג און פרעטענזיעס צו הערשן און אימפאנירן זיך אין אונזער געזעלשאפט.

איך זאג ציוניסטישע שטימונגען אבער אן פעסטע באזעס, אן טיפע ווארצלען אין אידישן באדן — שטימונגען וואקלענדיקע, ניט גוט אדמיניסטרירטע, וועלכע מיר זיינען גראד ווייט פון גרינגשעצן. זיי זיינען אבער אין סכנה, אז איטלעכער שטורעם־ווענט, געקומען פון דרויסן, זאל זיי צעטרייבן.

אנטידעמאקראטישקייט און תקיפות פון יחיד איז נישט ווינציקער נישט־ציוניסטיש ווי נישט־אידיש.

דעמאָקראַטיע מיינט צו זאָגן דער צוזאַמענבונד פון קאָלעקטיװ אַלס גאַנצער — דאָס איז די גרונט־באַזע פון אידישקייט. דער יחיד איז ניט מער װי אַ שרייפעלע פון קאָלעקטיװ אין זין פון נאַציאָנאַלן יש. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז נישט יונגער װי דאָס אידישע פאָלק. ער איז צוזאַמען מיט אידן געװאַקסן און זיך אַנטװיקלט. געהערט צו די באַזעס מיט װעלכע עס הױבט זיך אָן תורת משה. װען מיר זיינען געװען נאָך אַ נאָמאַדן פאָלק און געלעבט אין ביידלעך אין מדבר, האָט יתרו, משהס שװער, אַ לײטישער גלח — איינער פון די חסידי אומות העולם, געװאָרנט אים, אַז אויב ער װעט האַנדלען אויפן אייגענעם חשבון, נישט באַראַטנדיק זיך מיט די פאָלקס־פאַרטרעטער װעט ער צוזאַמען מיטן פאָלק אַלס אַ קאָלעקטיװע גאַנצקייט פאַרדאַמט װערן.

„נבל תבל אתה וכל העם הזה״.

דער װאָס ליגט אין דעם דאָזיקן פּרינציפּ, װאָס איז געװאָרן אונזער לעבנס־שטייגער — ליגט אין קיום פון אונזער פאָלק און תורת משה.

אַנטידעמאָקראַטישקייט אין אונזערע צייטן איז דער מקור פון רע מהלט און געהערן צו די דאָזיקע עברות װעלכע װאַרפן זיך אונטער דעם אימפּעראַטיװ „יהרג ואל יעבור״, מען מוז זיך מוסר נפש זיין און נישט עובר זיין אויף זיי — װייל זיי זיינען די גרעסטע עבודה זרה פון אונזערע צייטן.

וועגן טאָלעראַנץ

דאָגמאַטיק איז אַזאַ מין סאָרט פּלאַנץ וואָס וואַקסט שטענדיק אויף אַ פּלאַכן באָדן, אַן אויסגעמיסטיקטער מיט אומוויסנהייט, און וועלכער ווערט פאַרדאַרט און פאַרטריקנט אין דער אַנוועזנהייט פון סברה און אויפקלע־רונג. די דאָגמע איז אַ שפחה חרופה, אַן אייביקע שקלאַפין פון איר האַרנטע דעם משפט, זי פּילט אויס די געזעצן בלינד, איז געהאָרכזאַם נישט ווי אַ ת ל מ י ד וואָס באַדינט זיין ר ב י ן, פאַרטיפנדיק און באַגרייפנדיק דעם זין פון זיין תורה, תמצית פון זיין געדאַנק, נייערט ווי אַ באַצאָלטער קנעכט וואָס פירט דורך פעדאַנטיש די פּראָצעדור פון געזעץ.

אין דער אַטמאָספערע פון די דאָגמעס און זייער ווירקונג, ווערן די געזעצן פאַרטונקלט, וואַקסן אַרום מיט אַ גראָבע פעל פון פאָרמאַליסטיק און פעדאַנטישער גראָבער קאָרע, וואָס לאָזן נישט דורך קיין איין שטראַל פון טי־פערן זין.

אַן אייביקע מלחמה הערשט צווישן דאָגמע און רעפאָרמע; די מלחמה איז זייער אַלט, ניט יונגער פונעם מענטשלעכן געדאַנק און פעאיקייט צו דענקען. די רעפאָרמע איז קיינמאָל ניט אויסן צו אויפרייסן פון וואָרצל דאָס שוין עקזיסטירנדיקע; רעפאָרמע איז ניט רעוואָלוציע, נייערט אָפּפרישונג, באַנייאונג.

אַלס אַן עם־הספר האָבן מיר אפשר אין דעם פּרט געליטן פּראָפּאָרציאָנעל מער פון אַנדערע פעלקער, און דעריבער טאַקע איז אונזער קולטור־געשיכטע איבערגעפולט מיט שטאַרקע קאָנפליקטן צווישן די דאָגמאַטיקער און רע־פאָרמיסטן, צווישן די וואָס ווערן פאַרגליווערט און ווערן אַליין פאַרקער־פערט מיטן טויטן בוכשטאַב און די זוכער פון די אותיות פורחות באויר — זייערע ניצוצות, די פונקען און שטראַלן וואָס גייען אַרויס פון דעם מאור שבתורה, פון דעם אייביקן פּערמאַנענטן כוח.

דער תלמוד, די תורה שבעל פה מיט זיין שלל פון חומרות און פאַר־באָטן האָט דאָך אַריינגעבראַכט אַ גרויסן רעפאָרמאַטאָרישן גייסט אין דעם

טעקסט פון דער תורה שבכתב, לויט די אויסטייטשונגען פון די בעלי־המקרא וואָלטן אידן דאַרפן זיצן שבת פאַרהילט אין פינצטערניש און זיין צוגע־שמידט צום שטוב און ניט קענען באַוועגן זיך — און אַזוי וואָלט געווען מיט שמיטה און יובל און אַנדערע געבאָטן.

פאַר אונזער יונגן דור, וועמען עס איז בכלל פרעמד די אַלטע וועלט פון דער רעליגיעזער אידישקייט, קלינגט נאַטירלעך פרעמד ווען מען רעדט וועגן תלמוד ווי פון אַ רעפאָרמאַטאָרישער שטרעמונג.

פון פאַרשיידענע צעוואָרפענע מאמרים אין תלמוד, אַפאָריזמען און באַמערקונגען קען מען אורטיילן וועגן זיין עלאַסטישקייט און בויגעוודיקייט, גיין טריט ביי טריט מיטן לעבן איז אַ פולשטענדיקע סתירה צו דער דאָג־מאַטישקייט און דיקטאַטור פון דעם טויטן בוכשטאַב.

אויף וויפל דער תלמוד איז נוטה צו רעפאָרמעס, פאַרלייכטערונגען און ניט שמידן די הענט מיט קייטן פון חומרות, וועל איך ברענגען נאָר די מער כאַראַקטעריסטישע געציילטע מאמרים. אלס מאמר המוסגר און אָפּגעשלאָ־סענער כלל ווערט געזאָגט „כח דהיתרא עדיף״ באַפרייאונג פון פאַרבאָט איז גלייכער און מער ניחא פאַרן טעם זקנים און בעסערן באַגריף. „וחי בהם ולא שימות בהם״, „לא נתנה התורה אלא בשביל לקימה״, „לא נתנה התורה למלאכי השרת״, „אין הקב״ה בא בטרוניא על הבריות״, „געזעצן און גע־באָטן ווערן געגעבן דעם מענטשן, אַז ער זאָל לעבן און ניט כדי ער זאָל דורך זיי פאַרלירן דאָס לעבן״. „די תורה איז געגעבן געוואָרן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז עס זאָל זיין מעגלעך צו אויספילן איר״. „די תורה ווערט ניט אַרויפגעוואָרפן מיט געוואַלט, פונקט ווי גאָט וואָלט זיך אָנגעלייגט מיט טענות אויף מענטשן״.

הלל הזקן וואָס איז אַנערקענט פאַר דער גרעסטער אויטאָריטעט פון תלמוד, האָט געשאַפן רעפאָרמעס און תקנות און צייכנט זיך אויס אַלס מקיל כמעט אין אַלע דינים, סינטעטיזירט די גאַנצע תורה אין דעם ואהבת לרעך כמוך — ליב האָבן דעם צווייטן, באַטראַכטן, אַז דורך די אייגענע האַנדלונגען זאָל דעם מיטמענטשן ניט אַרויסקומען אַ רעה. אין דעם באַ־שטייט דער גאַנצער וועזן פון דער מענטשהייט, זיין קיום און מאָראַל, און דאָס איבעריקע זיינען נאָר פּרטים, דעטאַלן; אַ בולטה ראיה, אַ צוואה פאַר די דורות, אַז דאָס איז דער עיקר אינעם מענטשנס לעבן: קעגנזייטיקע נוצן, טובות און פאַרמיידן היזיקות און צער, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס זאָל ניט זיין.

אין די שפּעטערדיקע תקופות, אָנהויבנדיק פון רבי סעדיה גאון, דער מחבר פון „האמונות והדעות", שפּעטער ר' שלמה אבן גבירול, ר' יהודה הלוי, ביזן רמב"ם, זיינען דאָס אַלץ געווען פּרואוון צו שלום מאַכן צווישן דער אמונה מיטן פרייען אַנאַליטישן גייסט, איבערוואַרפן אַ בריק פון דער תורה מיט אירע געבאָטן צום פרייען געדאַנק פון מענטשן און אויסמיידן קאָנפליקטן מיטן לעבן.

עס איז זייער מעגלעך, ווען ניט דער שטענדיקער „אין מזל לישראל", וואָס האָט צושטערט די שיינע פּרואוון און אילוזיעס פון יענע ליכטיקע תקופות וואָס ווערן באַצייכנט אין אונזער קולטור־געשיכטע מיטן נאָמען — די גאָלדענע עפּאָכע, וואָלטן מיר אַלס קולטור־פאָלק — הגם זייענדיק פאַרקניפּט מיט דער מסורה — גאָר אַנדערש אויסגעזען. מיר וואָלטן נישט געווען אַזוי גייסטיק צובראָכן, פון איין זייט טיילן פון פאָלק הפקרדיק, אין גאַנצן אָפּגעקניפּט און פאַנאַנדערגעבונדן דעם קשר פון דעם אידישן דרייערלינג, פון „הקדוש ברוך הוא", „ישראל ואוריתא חד הוא", געטרעטן מיט די פיס אַלץ וואָס עס איז ביי אונז הייליק, און פון דער צווייטער זייט אַזוי פאַנאַטיש, ניט בויגעוודיק און נישט וועלן מותר זיין אויף אַ קוצו של יוד. מיר וואָלטן וואַרשיינלעך געווען גייסטיק גאַנצער, אויסגעהאַלטענער, אָן ריסן אין דער נשמה, נאָר ווי געזאָגט: דער אין מזל לישראל — די קאָנפליקטן, דער חרם און מחלוקתן איבערן רמב"ם פון די חכמי צרפת פון פּראָוואַנס, די קנאים, וועלכע האָבן איבערגעלאָזן אין אונזער געשיכטע טיפע שפּורן פון גייסטיקער דעקאַדענץ.

וועגן תקונים בדת זיינען געמאַכט געוואָרן פּרואוון אויך אין דעם לעצטן יאָרהונדערט, און אויף פאַרשיידענע אופנים: ר' אייזיק הירש ווייס, ר' נחמן קראָכמאַל און ראַפּאָפּאָרט האָבן אויף אַן אומדירעקטן אופן געווירקט אויפן רעפאָרמאַטאָרישן גייסט דורך זייערע ריזיקע ווערק, מיט זייערע קאָמענטאַרן און באַלייכטונג פונעם תלמוד און אידישן אופן המחשבה.

די לעצטע וואָס האָבן שוין אָפן געמאָנט תקונים בדת זיינען געווען יצחק עטער, ליליענבלום,, גאָטלאָבער, מרדכי אהרן גינזבורג און ברוידע אין זיין ווערק „הדת והחיים", און אָט די גאַנצע פּלעיאַדע דענקער, שרייבער, זיינען געווען גרויסע אידישע פּערזענלעכקייטן וואָס וואָלטן זיך מוסר נפש געווען ווען דאָס וואָלט זיך געפאָדערט פאַרן אידנטום און יהדות — קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט גרינגשעצן די קנינים וואָס זיינען פאַרהייליקט געוואָרן ביי דער אומה; אדרבה, זיי האָבן געשטרעבט דורך תקונים בדת אויך מתקן

זיין די שפּאַלטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן אין די ווענט פון הומת היהדות, און פאַר דעם צוועק האָבן זיי געוואָלט ניוועלירן דעם יהדות מיטן דת — און זיי ביידע אַריינפירן אין דער ליניע פון לעבן.

און אויב תקונים און רעפאָרמען זיינען געווען נויטיק מיט צוויי דורות צוריק, ווען דאָס אידישע אינערלעכע לעבן איז נאָך געווען פעסטער, ווען די אַזוי גערופענע אַפּיקורסים, וואָס אין היינטיקע דורות וואָלטן זיי געווען פאַר־רעכנט פאַר יראים ושלמים, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אידישקייט דורך און דורך, איז פון דעם צו לערנען ווי דרינגענד נויטיק אַזעלכע תקונים זיינען עס היינט־צו־טאָג, ווען די רעליגיעזע אידישקייט געפינט זיך דאָך אין אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייז — און רעליגיע איז מער אינערציע, גע־וואוינהייט אונטערן באַגריף טראַדיציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלע קאָנצעפּטן.

נאָר אַלץ וואָס עס איז געווען קלאָר פאַר איטלעכן געוויינלעכן נאָר אביסל דענקענדיקן אידן, פאַרשטייען דאָס ניט היינט־צו־טאָג, די וואָס פּרע־טענדירן צו זיין רעליגיעזע פירער, די רבנים אָדער די וואָס פילן אויס זייע־רע רבנישע פונקציעס. מיט די לעצטע אָנדייטונגען וועגן די פונקציעס פון דעם רעליגיעזן אידנטום באַצי איך זיך בלויז צו אַרגעמנטינע, וואו איך האָב די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן — און האַלט זיך אָפּ צו אורטיילן וועגן די גרויסע צענטערן פון אייראָפּע. עטוואָס איז פאַרענדערט געוואָרן אין די לעצטע 30 יאָר צום גוטן, די רבנים המרגשים, די מער פילנדיקע און די וואָס האָבן אָפענע בליקן אויף דער וועלט און דעם לעבן, באַגרייפן דאָס און ווירקן אין דעם זין צו פאַרלייכטערן, אויף וויפל זיי שטייען ניט אונ־טער דעם ווירקונגס־קרייז פון דער אגודה.

דאָ אין אַרגענטינע אָבער פילן דאָס ניט די רעליגיעזע אויטאָריטעטן די רבנים אָדער די במקום רבנים, וואָס האָבן זיך פאַרשלאָסן אין דער פעסטונג פון זייערע ד׳ אמות של הלכה אָדער קליינער רבנישער פּאָליטיק, דאָרטן אין זייער טעריטאָריע פילן זיי זיך שטאַרק און פירן זייער ממשלה ביד רמה, האָבן אַן אייגענעם שטראָף־קאָדעקס און אַפילו געהיימע פּאָליציי וואָס שמוגלען זיך דורך אינם עונג שבת צו זוכן דאָרטן עברות פאַר וועלכע עס קומט כרת און ארבע מיתות בית דין... זיי וואָלטן זיך געוויס מהיה געווען ווען זיי וואָלטן געווען בכוח צו באַשטראָפן די עברינים פון עונג שבת. אויב ניט מיט די ארבע מיתות בית דין איז ווייניקסטנס מיט מלקות ארבעים חסר אחת...

דאָס איז דער איינציקער געביט אויף וועלכן זיי זיינען טעטיק און זאָרגן זיך פאַרן צבור...

איך געפין פאַר נויטיק צו מאַכן אַ פערזענלעכע דערקלערונג, כדי צו מקיים זיין די אזהרה „והייתם נקיים מאלהים ומאנשים" — היט זיך, אַז גאָט און לייט זאָלן ניט האָבן קיינע טענות און אויך רבנים... איך דערקלער אַז איך בין ווייט צו אַריינגיין אין פרעמדע רשויות, און פשיטא שוין אין זאַכן וואָס זיינען אויסער מיין קאָמפּעטענץ, ווי למשל אין די תקונים כדת בדרך כלל. איך וויל אָבער רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דעת הקהל, פון דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אידנטום אויף אַ דערשיינונג, וואָס איז נוגע דער געזעלשאַפט, און וואָרענען קעגן אַ סכנה וואָס דראָט צו אונטערגראָבן אירע יסודות.

איך באַצי זיך צו דעם איסור, וואָס איז דאָ אָנגענומען געוואָרן אין דער חברה קדישא צו ברענגען לקבר ישראל די אש פון די קרעמאַטאָריום־מיטגלידער. ווי עס איז באַוואוסט, האָט זיך דער מנהג זייער פאַרשפּרייט אין אונזערע צייטן. מיר וועלן צוגעבן, אַז דאָס איז אַ פאַרדריסלעכע דערשיי־נונג, ווייל חוץ דעם, וואָס דאָס האָט אַ שייכות מיט די רעליגיעזע סענטי־מענטן ביי איטלעכן דורכשניטלעכן אידן, רירט דאָס אָן באַזונדערע פיל־באַרע אַרטעריעס פון אידישן נאַציאָנאַלן סענטימענט, און דורך דורות לאַנג אויסגעוואָרימטער פיעטעט צום באַגריף פון „ושכבתי עם אבותי". דער פאַקט איז אָבער אַ פאַקט.

מיר איז באַקאַנט אַ פאַקט מיט אַ פאַמיליע וואָס די יורשים האָבן זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צו מקבר זיין דאָס אש פון דעם ראש המשפחה, וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין קרעמאַטאָריום. בדרך אגב האָב איך אים געקענט פאַר אַ וואַרימען אידן, וואָס האָט געקעמפט מיט אַלע זיינע כוחות און קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן פאַרן באָיקאָט קעגן דייטשע סחורות, די פרוי, די אלמנה האָט געבעטן, זי וויל אַז מען זאָל איר געבן די מעג־לעכקייט צו באַזוכן זיין קבר אויפן אידישן בית הקברות, צווישן אַנדערע אידישע פרויען אבלות.

עס איז איבעריק צו פאַרשפּרייטן זיך וועגן דעם, מסביר זיין וויפל מענטשלעך־גערעכטעס עס איז דאָ אין איר פאָדערונג און אויך וויפל עס איז אָן עוולה צוצונעמען ביי איר אַזאַ לעגיטימען רעכט, — און אויך ווי ווייט דאָס ווירקט אָפּשטויסנדיק פאַר אַן אשה קשת רוח, אַ פאַרצווייפלטער און באַליידיקטער פרוי אין אירע בעסטע געפילן, און ווי אַזוי מען שטויסט

איר אַוועק בידים מגבול ישראל, איר מיט אירע קינדער און אפשר נאָענטע קרובים אויך...

האָבן געטראַכט וועגן דעם די מורה הוראות, די וואָס האָבן געפּסקנט דעם דין? איך ווייס, אַז די רבנים וועלן האָבן אויף מיר שטאַרק פאַראיבל. דאָך וועל איך אַרויס פון מיינע אָפּגעגרעניצטע תחומים אַלס אַ דורכשניט־לעכער איד וואָס האָט נישט צו טאָן מיט שאלות ותשובות — ווייל דער ענין איז דאָך אַזוי פשוט און פּאָפּולער, אַז איטלעכער איד וואָס האָט עפּעס געלערנט ווייסט, אַז עס איז אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז קבורה בשרפה איז אסור מן התורה און ניט אפילו מדרבנן, עס איז אויך באַוואוסט פאַלן, פאַר די וואָס האָבן אַמאָל געלערנט אַ פּסוק אין תנ״ך, אַז אייניקע מלכי בית דוד זיינען פאַרברענט געוואָרן מיט פאַראַד פון קייזערלעכע לוויות. אמת, עס עקזיסטירט אַן אַלטער מנהג פון קבורה ממש און וואָס אסרט קבורה ע״י שרפה, אַזאַ ווי אַלע מנהגים דאַרף אוודאי רעספּעקטירט ווערן, ווייל מנהג ישראל דין הוא און דאָס ווערט אַ סאַנקציע אין תורת חיים. מנהגים ווערן פאַרהייליקט צוליב זייערע כוונות און פּיעטעט וואָס מען גיט אין זיי אַריין. נאָר באַשטראָפן די יורשים פאַר דעם, וואָס דער פאָטער זייערער האָט עובר געווען אויף אַ מנהג אָדער אפילו אויף א דין, דאָס איז ניט פאַרשטענדלעך. איך וויל זיך פרעגן ביי די רבנים אַ קשיה: אויב פאַר עובר זיין אויף אַן איסור פון אחרונים דאַרף מען ווערן באַשטראָפט ניט צו ברענגען אים לקבר ישראל, איז וואָס פאַר אַ שטראָף קומט שוין די וואָס זיינען עובר אויף א לאוו מן התורה? און אויב איר וועט דאָס אַנווענדן אין לעבן, דאַן איז דאָך איבעריק דער גאַנצער בית־עולם און במילא די חברה קדישא, ווייל ניט נאָר די מחללי שבת דאַרפן ניט קומען לקבר ישראל, נאָר אפילו די שומרי שבת און מחזיקי הדת זיינען דאָך גילוחים און זיינען עובר אויף א לאוו מדאוריתא „ופאת זקנכם לא תגלחו״...

אינטערעסאַנט איז, אַז די זעלביקע רבנים פרייען זיך ווען זיי קענען מתיר מאכן א שאלת הריאה, אָדער אפילו ווען זיי גיט זיך איין צו מציל זיין אַ פּיפּיק פון אַן עוף פון די ציין פון דעם אכזריותדיקן דין, מאָטיווירנ־דיק הפסידא מרובה. אָדער חס על ממונם של ישראל צוליב היזק אָדער איינ־זעעניש אויף אידיש געלט. אַלזאָ, אַ לונג פון אַ בהמה, אַ פּיפּיק פון אַ הון אָדער קאַטשקע, פאַרדינט זייער רחמנות, אָבער וואו עס האַנדלט זיך וועגן אידישע נפשות, און גאַנצע פאַמיליעס, וועלכע מען שטויסט פון זיך אָפּ ווייט ווייט און ווער ווייסט אפשר „בדרך אשר לא ישוב״ פון וואַנען מען

קומט שוין ניט צוריק, דאָ קנייטשן אונזערע רבנים דעם שטערן און נוצן אוים זייער חריפות אויף אסרן און שאפן דעם פאַרקערטן קאָנצעפּט — ניט כוח דהיתרא עדיף, נייערט כוח דאיסורא עדיף...

עסקנים פון דער חברה קדישא און געזעלשאַפטלעכע עסקנים, און איר אַלע, וואָס שטרעבן אין עתיד צו בויען אַ קהילה — פאַרטראַכט זיך וועגן עגלעכע ענינים און וועגן זייערע פאָלגן, באַגרייפט אַז אונזער געזעלשאַפט־לעך לעבן ווערט ניט געפירט, נאָר עס קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ און ווערט געשטויסן פון צופעליקע ווינטן און מאַנכעס מאָל פון אַזעלכע וואָס שטויסן אין תהום אריין...

עס איז שוין געקומען די צייט צו טראַכטן וועגן אַ מנהיג, אַ גייסטיקן פירער. בועגאָס איירעס מוז האָבן אַ ראַבינער מיט שטאַרקן אידישן און וועלטלעכן וויסן, וועלכער זאָל האָבן אַ השפּעה איבערן אידישן לעבן, ער זאָל זיך קודם כל אַליין קענען אָריענטירן און פאַרטיפן זיך אין די לעבנס־פּראָבלעמען, וואָס זיינען היינט קאָמפּליצירטער ווי שטענדיק, כדי ער זאָל אונז קענען אָריענטירן און פירן און זאָל פאַרדינען דעם שענסטן ראש הנבותדיקן טיטל אב"ד, דאָס הייסט אב בית־דין. רבנים פלעגן וואָס ווייניקער זיך בלאָזן מיט זייער טיטל „מאן מלכי רבנן" און פלעגן בעסער אריינגיין אין דער פונקציע פון פאָטערס, פאַרזאָרגערס פאַר זייער קהילה, ביי וועגן די נויטן און זאָרגן פון די מוסדות ווי פאַרן עיקר — דעם חינוך הבנים און חינוך הדור.

אַ באַגריסונג מיט אַ בתמיה

רבנים אומרים שירה
קומה נברעה ונברכה

שטאַט און קולט זיינען צוויי אויטאָנאָמע קעניגרייכן און איינער גייט נישט אַריין אינם צווייטנס תחום. אַזאַ לעבנס־שטייגער איז געוואָרן אַ סימן מובהק פון פאַרשריט אין אונזער תקופה, ווייל דאָס זיינען צוויי באַזונדערע שטאָפן, וואָס קאָנען בעמיש זיך נישט צונויפמישן.

ש ט אַ ט איז בלויז מאַטעריע, אַ מזיגה פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן און שיכטן מיט האַרטע לעבנס־געזעצן, אַרויסגערופן פון פאַקטאָרן, וואָס אויף זיי איז חל דער „יקוב הדין את ההר". ק ו ל ט, אָבער, איז שוין אונטערגעוואָרפן צו דער בחירה, צום פרייען אויסוואַל פון גייסט, די תורה שבלב פון יחיד.

דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס שוין משיג געווען נאָך אין זיין פריסטער יוגנט אַלס פאָלק, און האָט פאַרשטאַנען אָפּצוטיילן רעליגיע פון שטאַט. „ממלכת כהנים וגוי קדוש" איז גאָר געווען אַ סימבאָל פון גייסטיקער השפעה, אָבער קיין מאָל נישט אַן אָליגאַרכישע ממשלה. דער תלמוד באַשטעטיקט דאָס מיט אַ קורצן זאַץ: „מאן מלכי רבנן". נישט דעספּאָטישע הערשאַפט, נייערט גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם. די נביאים האָבן אָפן באַקעמפט די מלכים, געטאַדלט די כהנים און איראָניזירט איבער די קרבנות.

בזמן בית שני פלעגט דער נשיא אויסגעוויילט ווערן אויף זיין אַמט דורכן פאָלק, פּונקט ווי שפּעטער די ראשי הישיבות אין בבל, סוריא און בגדד. דער זעלבער לעבנס־שטייגער פלעגט אָנגעווענדעט ווערן פון דער תקופת הרבנים אָן און ווייטער. רבנים פלעגן געוויילט ווערן דורך די פּרנסי

העיר און אויך דורך פאָלקס־וואַלן, מיט אַ לאַנגער פּראָצעדור פון עקזאַמענס דורך דרשות און רעדעס, און אַזוי פירט זיך היינט צו טאָג, סיי ביי אָרגאַ־ניזירטע קהילות אין די אייראָפּעאישע אידישע ישובים און סיי אין ענגלאַנד און נאָרד־אַמעריקע. רבנים אָדער רעווערענדן אין דיסטריקטן אָדער לאַנדס־מאַנשאַפטן ווערן געוויילט און באַשטעטיקט דורך כתבים און קאָנטראַקטן. ווי גרויס אַ יחיד זאָל ניט זיין אין תורה און אין חשיבות, בלייבט ער אַ יחיד אָן קיין שום השפּעה אין דער געזעלשאַפט, אויב ער איז נישט געוויילט געוואָרן פון אַ באַטרעפנדיקן צבור.

נאָר דאָס, וואָס איז אַ כלל, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אין דער גאַנ־צער וועלט, פאַרשטייט מען נישט אָדער מען וויל נישט פאַרשטיין דאָ אין אונזער מדינה, ד. ה. אין אונזער היזיקער „מדינת היהודים", אין דער מדינה פון „איש כל הישר בעיניו יעשה". דאָ איז — „כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול", וועט עס האָט נאָר גאָט אין הארצן (און אַמאָל אפילו אָן דעם דאָזיקן לוקסוס אויך) און האָט תשוקה צום כתר מלכות פון רבנות, זאַלבט ער זיך אַליין, און שפּעטער ריידן זיך צוזאַמען עטלעכע זיך זעלבסט־געזאַלבטע קעפּ און שאַפן אַ ועד הרבנים און געוועלטיקן אין אונזער תוהו ובוהו־וועלטל.

איך באַצי זיך דאָ נישט, נאַטירלעך, וועגן זייער סמיכות, אויף וויפל זיי זיינען ראוי צו דעם באַרוף, און אויף וויפל זיי האָבן אַ סמיכת הפּרשה מיטן ענין סמיכה בכלל. ניט דאָס איז מיין אויפגאַבע און במילא האָב איך צו דעם קיין שייכות ניט. דאָס וואָס מיר אינטערעסירט יאָ, און דענק אַז דאָס דאַרף אינטערעסירן יעדן אָרנטלעכן און פאַראַנטוואָרטלעכן אידן איז דער עצם פאַקט פון זעלבסט־הערשונג אין גאַס, אָן דעם געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל, וואָס דורך דעם ווערט געעפנט אָן אָפענע טיר פאַר פּריצת גדר, ווי עס איז דער פאַל מיט דער פאַרעפנטלעכטער באַגריסונגס־טעלעגראַמע צום עוקאַריסטישן קאָנגרעס, מצד דעם ועד הרבנים.

עס איז שוין אַ לאַנגע צייט, וואָס דער אויבנדערמאָנטער ועד הרבנים האָט מאַניפעסטירט זיין גרינדונג. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון אימלעכן עסקן, וועלכער האָט נאָר אַ שמינית שבשמינית פון געזעלשאַפט־לעכן חוש, די אַנאָמאַליע און תוהו ובוהו, וואָס הערשט אין גאַס. מען האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן פון רעאַגירן אויף דער אומנאָרמאַלער דערשיינונג, ווייל די אַזוי גערופענע קיקיון דיונגהדיקע אינסטיטוציע האָט אָנגעפאַנגען

איר מאַרש אין דער אידישער גאַס נישט מיט פסיעות גסות, נאָר בהדרגה, זיי האָבן זיך דערקלערט נאָר אַלס אַ ביורא פון מומחים אין דינים, פון איסור והיתר, און האָט אַריינגענומען אין זיינע אַטריבוטן אומשולדיקע פונקציעס, ווי צום ביישפיל: השגחה איבער כשרה פוטער. נו, נאַטירלעך, ווער קען עס האָבן קעגן דעם און קעגן אַנדערע ענלעכע ענינים און אויפגאַבעס, ווי עס זיינען עירובי תבשילין, ארבעה מינים, און עירובי תחומים פאַר אונזערע פוטבאָליסטן פון „מכבי"... און ווען זיי וואָלטן אפילו אויף זיך גענומען דעם דירעקטן קאָנטראָל און אינטערווענץ ביי די מלאכים, וואָס זיינען ממונה אויף תקיעות..., איבער די פונקציעס פוןביידע שררות שר הפנים און שר ההיצון און אַפילו פון פרעמיער־מיניסטער מטטרון, מיט דער מלכותא דרקיעא, קאָן מען דאָך ווי עס איז דורכקומען אָן אַ מאַנדאַט און לעגאַלע פאַרטרעטערשאַפט.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל ווען עס האַנדלט זיך צו באַגריסן דעם פאַרטרעטער פון וואַטיקאַן, דעם קאַרדינאַל פאַטשעלי, וואָס טראָגט זיין שייכות צו דער הימלישער קעניגרייך, שטייט ער אָבער מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון מלכותא דארעא, און דאָ מוז מען וויסן, וואָס מען רעדט, מען מוז ציילן די ווערטער און אָפּשאַצן זייער געוויכט, פילן די אחריות צו וועמען מען ווענדעט זיך און איבערהויפּט אין ו ו ע מ ע נ ס נ אָ מ ע ן מ ע ן ר ע ד ט.

עס קענען נישט זיין גילטיק די פּשטלעך און דרינגעניש מיטן גראָבן פינגער, אַז די אויבנגעזאָגטע רבנים האָבן באַגריסט דעם עאוקאַריסטישן קאָנגרעס אין זייער אייגענעם נאָמען און נישט אין נאָמען פון כלל, ווייל דאָס הענגט ניט אָפּ פון אונזער אידישער דעמאָקראַטישער אויפפאַסונג און באַציאונגען בין אדם למקום, אַז איטלעכער יחיד האָט אַ דירעקטן צוטריט צום „דע לפני מי אתה עומד", נייערט דאָ איז די מאָסגעבנדע אינטערפּרע־טאַציע זייערע, די קריסטלעך־קאַטוילישע אין אַ פאַרמיטלערישן אופן דורך פּריסטער אויסדערוויילטע פון גאָט. פאָלגלעך איז אין געגעבענעם פאַל, דער פּרק שירה פון די רבנים צו די קאַטוילישע גייסטלעכע אויפגענומען געוואָרן ווי אַ קרבן צבור פון ריח ניחוחדיקע בשמים, געווידמעט צום קאָנגרעס.

איך וויל דאָ אָפּשאַצן די זאַך לויט מיין שיקול הדעת, מיט דער גאַנ־צער ניכטערקייט און מיט אַ ריכטיקן אָביעקטיוון צוגאַנג. מען טאָר נישט מגזם זיין דערשיינונגען און צוגעבן זיי ניט קיין ריכטיקע באַדייטונג. די

האנדלונג פון די רבנים דאַרף ניט קוואַליפיצירט ווערן. חס ושלום, אַלס אַ מעילה בקדשי האומה, ניין, אַזעלכעס איז ניט געשען, נאָר דאָס וואָס איז יאָ געשען איז — געשמאַקלאָזיקייט און טאַקטלאָזיקייט, און אַזעלכעס ווען עס גייט אויפן חשבון פון כלל איז עס דאָך פיינלעך־פּאַרדריסלעך. אַ יחיד מעג באַגיין פעלערן און לעכערלעכע אומגעלומפּערט־קייט, אָבער אַ ר ב י ם, קיין מאָל נישט.

דער קאַטוילישער גלויבן ציילט צווישן זיינע גלויביקע און אָנהענגער בערך פיר הונדערט מיליאָן פּערזאָן, אַ קאָלאָסאַלער כוח אין מאַסשטאַב פון אַ וועלט־מאַכט. פון צייט צו צייט מאַכט ער אַ רעוויזיע פון זיינע ווערטן און השפּעה, דורך דעמאָנסטראַציעס אין אַ פאָרם פון קאָנגרעסן, דער לעצ־טער אָפּגעהאַלטן דאָ אין אַרגענטינע.

דער צוועק פונם קאָנגרעס איז פעסטצושטעלן און קאָנטראָלירן זיינע עפעקטיווע כוחות, מיט וועמען ער ציילט און נישט דעמאָנסטראַציע לשם דעמאָנסטראַציע פון אויפגעבלאָזענע ציפערן. אַזוי האָבן עס אָפּגעשאַצט אַלע אַנדערע גלויבנס, וואָס האָבן געוויסע בלוט־קרובהשאַפט, אָבער וואָס האָבן דאָך נישט קיין דירעקטע שייכות פון קולט מיטן קאַטוילישן גלויבן, דאָס זיינען די פּראָטעסטאַנטן, לוטעראַנער און אַנדערע, און אַלם אַזעלכע האָבן זיי זיך געשטעלט מן הצד פון דער באַוועגונג, וואַרשיינלעך מיט אַ רעס־פּעקטפולער באַציאונג, ווי דאָס פּאָדערן בכלל גלויבנס, קולטור, וואו מענטשן דעפּאָזיטירן זייער גייסטיקן א י ך. אַזוי פאַרשטייען אַלע מענטשן, וואָס דענקען לאָגיש און ניט פּלפּולדיק, נאָר נישט אונזער זעלבסט־געקרוינטער ועד הרבנים, אידן וואָס איטלעכער באַזונדער איז דוכט זיך, אַ פּקח, און אייניקע פון זיי, תלמידי חכמים, וואָס האָבן פיל געלערנט, וואַרשיינלעך בקיאים אין ש״ם און פּוסקים, עס איז נאָר זייער צוויפלהאַפט אויב זיי זיינען גוט באַהאַוונט אין מסכתת „עבודה זרה״ און נאָך וויניקער „דרך ארץ״.

מיר וואָלטן זיך צופרידן געשטעלט און מותר געווען אויף אַ פּאָר מעסטעלעך פון דעם ערשטן מין, נאָר זיי זאָלן באַזיצן אַ שמינית שבשמינית פון דעם צווייטן. דאָס וואָלט ניחא געווען פאַר אונז און איך מיין, אַז אפילו פאַר די רעפּרעזענטאַנטן פון דער רוימישער אַפּאָסטאָלישער קירך, ווייל מען מוז דאָך צוגעבן, אַז צווישן זיי געפינען זיך העכערע קולטור־מענטשן מיט דערציאונג און טאַקט.

און ווער ווייסט ווי עס האָט זיי געשמעקט דער שיר היחוד פֿון אַ שלעכטן ווידער־טעם, פֿון שמן־זיתדיקע פּאַטראָוועס, אַן עסיק־פֿלייש מיט אַ גרויסער דאָזע פֿון סיראָפּ, כדי צו פֿאַרזיסן די פּסוקים פֿון ישעיה און מיכה הנביא, וועלכע ליידן נישט און דולדן נישט קיין פֿרעמדע מזיגות...

די דעמאָנסטראַציע פֿון עאוקאַריסטישן קאָנגרעס איז אַן אינערלעכער ענין פֿאַר די קאַטאָליקן, דאָס איז זייער אַן אייגענע שמחה, און זיי וואַרטן נישט אויף באַגריסונגען פֿון ווילד־פֿרעמדע מענטשן, נישט קיין מחותנים, פּונקט ווי אַ פּאַרליבטער פֿאַרלאַנגט נישט פֿון קיין פֿרעמדן, אַז ער זאָל שפּילן סערענאַ־טעס אונטער זיין געליבטערס אָדער כלהס פֿענצטער. עס וואָלט כּדאַי גע־ווען, אַז פֿון דער תקלה, וואָס מיר האָבן געליטן דורך אונזערע פֿאַרזאָרגער, וואָס האָבן גערעדט אין אונזער נאָמען אויפֿן סמך פֿון „זכין לאדם שלא בפניו", זאָלן מיר עפּעס אָפּלערנען, אַז אויב מיר ווילן אויף ווייטער אויס־מיידן ענלעכע דורכפֿאַלן, זאָלן מיר נעמען אין אַכט, אַז אַזעלכעס קען נאָר אויסגעמיטן ווערן ווען מיר וועלן שאַפֿן אַן אמתע לעגאַלע פֿאַר־טרעטערשאַפֿט. וואָס דער אידעאַל דאַרף זיין אַן אָרגאַניזירטע קהילה, ד. ה. דאָס דאַרף זיין דער ווענדע־פּונקט פֿון אונזער שטרעבונג אויף להבא. אַ קהילה אין וועג. און כל זמן דאָס איז אוממעגלעך מוז געזוכט ווערן אַ צווייטער אופֿן פֿון רעפּרעזענטאַנץ און פּאַסיקע מענטשן, לעגאַל געוויילטע, וועלכע זאָלן ריידן אין אונזער נאָמען, אונטער אונזער קאָנטראָל.

װעלטלעכקײט אין אַ סדום־בעטל

„װעלטלעכע שולן“, אַ שטאַרק שלאָג־װאָרט, אַ אימפּאָזאַנטער נאָמען, װאָס ציט אױף זיך די אױפמערקזאַמקײט. דער כוח הדמיון צעשפּילט זיך און פליט צו די העכסטע ספערן פון װעלט־רױם; ברײטע האָריזאָנטן צעשפּרײטן זיך פאַר אונז. ס'איז דאָך ניט קײן שפּילעכל. די װעלט, עולם ומלואו, דער גאַנצער אוניװערז פאַלט אײַך פלוצלינג איבערן קאָפּ און דער קאָסמאָס כאַפּט אײַך אַרום און איר געפינט זיך אַזױ װי אין קלעם.

און װאָס זײַנען דאָס אַזעלכעס װעלטלעכע שולן? פיקט אײַך אין קאָפּ אַ פראַגע־צײכן. איז דאָס װירקלעך, אַז נאָר בײַ אונז אידן עקזיסטירט אַזאַ פּראָבלעם, ד. ה. אײגנטלעך ניט בײַ אַלע אידן און אױך ניט בײַ אַלע אידיש־רײדנדע, נאָר בײַ די אידישיסטן, װאָס אידיש איז בײַ זײ די הײליקסטע שפּראַך, די שפּראַך װאָס די מלאכי השרת האָבן זיך מיט איר באַנוצט נאָך פון בריאת־העולם אָן.

איך װיל מיט דעם זאָגן, אַז די אידישע װעלטלעכע שולן זײַנען פאַרבונדן מיט דער װעלט נאָך פון קדמונים אָן, נאָך פון בריאת העולם אָן, און פילײַכט זײַנען די עצם װעלטלעכע שולן אַלײן אַ קדמון, פּונקט אַזױ װי אַ געװאַגטער געדאַנק װײַל דאָס באַהױפּטן װעגן דער װעלט גופא, און אַז דער אדם הקדמון איז גאָר געװען אַ מאַלפּע.

װאָס איז דער אמתער זינען פון װעלטלעכע שולן? און װאָס באַדײַט דער מאַגישער נאָמען, װאָס אונזער ראַדיקאַלער עולם פליט נאָך דעם נאָך װי מאַסקיטאָס נאָך אַן אַבאַזשור פון אַ בליץ־לאָמפּ?

די אומות העולם גיבן צו דעם צו אַ זײער אײנפאַכן פירוש, סימפּליצירט מיט דער קאָנקרעטער פשטות: ל אַ י ש ע ש ו ל ן, װעמענס באַדײַטונג איז — באַפרײַט װערן פון דער קירכע־אױטאָריטעט, ניט אָנערקענען איר אָליגאַרכיע, שטײן אױסער איר פּאָליטישער קלעריקאַלער מאַכט. אָבער פאַר קײן פאַל הײסט דאָס ניט, בײַ זײ, באַקעמפן רעליגיע אָדער

טראַדיציעס און נאָך וויניקער פון דעם אָפּהאַקן אין גאַנצן מיטן עבר און אַלע נאַציאָנאַלע פּעדים, ווייל דאָס איז פּונקט דער היפוך פון וועלטלעכקייט און דאָס וואָלט געהייסן אָפּזאָגן זיך פון אַלע קולטור־קנינים, וועלכע האָבן ווען עס איז עקזיסטירט און געווירקט אין לעבן פון פעלקער.

וועלטלעכקייט הייסט די גאַנצע עוואָלוציע אין אַלע אירע עטאַפּן, וואָס מענטשן האָבן דורכגעלעבט אין וועג פון זייער שטייגן אויפן לייטער, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אויפן באָדן פון דער הויה און סיבה ראשונה, וראשו מגיע השמימה אין די אומדערגרייכבאַרע הימל־שטאַפּלען.

דער שול־קולט, און קולטור בכלל, איז ניט מוותר אַפילו אויף דער פּאַרעלטערסטער מיטאָלאָגיע, וואָס איז דאָך בעצם קינדער־פלאַפּלעריי פון דער פּרימיטיווער מענטשהייט, ווען זי האָט זיך געפונען אין קינדערישן צו־שטאַנד. רעליגיעס זיינען דאָך, אָן ספק, שוין די העכערע שטאַפּלען פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, די העכערע אַקאַדעמיע פון עטיק און מענטש־לעכן דענקען. אַקאַדעמיעס און שיטות קאָנען אַרויס פון זייער געברויך ווען זיי ווערן פאַרביטן אויף נייע, דאָס איז נאַטירלעך ניט אויסגעשלאָסן; אָבער פאַר קיין פאַל קאָנען זיי ניט אויסגעשלאָסן ווערן, און נאָך וויניקער קאָנען זיי ניט גערינגעשעצט ווערן אַלס אַ קעגנשטאַנד און גרויסע קולטורעלע דער־שיינונג.

אַזוי זיינען די פאַרהעלטענישן ביי די אומות העולם אין באַצוג צו וועלטלעכע שולן, דער היקף פון וועלטלעכקייט ווערט פאַרשטאַנען — אויס־ברייטערונג פון גרעניצן און תחומים פון אַלץ, וואָס עס נעמט אַרום דער מענטשן־געדאַנק, לאָגיק, שלטון השכל און אויך שטימונגען, מיסטיק, ראָ־מאַנטיק, פּיעטעט. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען רופט זיך ו ו ע ל ט ל ע כ־ק יי ט און אויף דעם דאָזיקן רייכן מענו, שפּייז־קאַרטע, ווערט דערנערט דער שילער ביז ער ווערט זעלבסטשטענדיק אויף אויסצוקלייבן פאַר זיך די מאכלים, וואָס זיינען אים מער צוגעפּאַסט צום געשמאַק און גומען.

אין די זעלבע באַדינגונגען געפינען זיך אויך אונזערע נאַציאָנאַלע שולן, וועלכע ווערן באַיקאָטירט פון אונזער פּלאַטשיקער ראַדיקאַלעכץ, אַלס שולן פון רעאַקציע און פאַשיזם.

מערקט זיך דען אַ מאַנגל ביי אונזערע נאַציאָנאַלע העברעאיש־אידישע שולן? קען דען זיין עפּעס מער וועלטלעכעס ווי די טעקסטן פון תנ״ך? זיינען דען די ספרי נביאים ניט די קלאַסישע אויסטייטשונג פאַר קאָסמאָפּאָליטיזם

און גרונד־באַזע פאַר סאָציאַלן יושר און פּאַציפיזם? צאָלט מען דען ניט היינט, אין אונזערע צייטן, מיט אַ נאָבל־פּרעמיע פאַר דעם בעסטן קאָמענטאַר אויף ישעיהס „והיה באחרית הימים”? אָדער איז ניט וועלטלעך צו באַקאַנען אונזער יוגנט מיט אונזער אַלטער געשיכטע, מיט אונזער עבר אין אַלע זיינע גלגולים און פאַזן, אַן אייביקער קאַמף פאַר פרייהייט, סיי פּאָליטישע, ווי גייסטיקע? דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער דעוויז פון היינטיקער צייט אונטערן שטענדיקן מאָטאָ: רעוואָלוציע.

די איינציקע עבודה און סימנים מובהקים פון רעאַקציע, וואָס די פּסעוודאָ־ראַדיקאַלן קאָנען אונז ניט מוחל זיין, איז דאָס, וואָס מיר מעקן ניט אויס פון אונזערע טעקסטן אַזעלכע סימבאָלן פון לויטער רעאַקציע און קאָנטר־רעוואָלוציע, ווי: ג אָ ט, ג ל ו ת ה ש כ י נ ה, ר ו ח ה ק ו ד ש, י ר ו ש ל י ם, צ י ו ן, א ר ץ ־ י ש ר א ל, און ה ל ו צ י ם. דאָס זיינען דאָך באמת שרעקלעכע ווערטער פון וועלכע בונדיסטן וויכן ווי אַ שד פון ווייוואָך, איבערהויפּט לאָזן זיך אַזעלכע ווערטער ניט פאַרטייטשן פאַר קינדער, און דאָס איז דאָך אַנטי־פּעדאַגאָגיש... מילא, יציאת־מצרים קאָן מען ווי ס'איז דערקלערן פאַר קינדער, אַז דאָס איז מצד די אידן וואָס האָבן געוואָלט צוברעכן דעם עול פון מצרים, ד. ה. די אַמאָליקע מאַנדאַטן־מאַכט. משה, אהרן און די זקנים זיינען עס במקום דער היינטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס דינט די אינטערעסן פון אימפּעריאַליזם אַמאָל אַזוי ווי היינט. ניט אומזיסט איז דער כלל: אַז געשיכטע חזרט זיך איבער...

ווי געזאָגט, קאָן מען זיך נאָך אַן עצה געבן מיט אַזעלכע טשיקאַווע ערטער אין אונזער געשיכטע, אַבי נאָר אַביסל גוטער ווילן פון די לערער מומחים צו באַלייכטן... דעם זינען פון היסטאָריע; שלעכט איז, אָבער, מיט „גאָט”, „שכינה”, „ירושלים”, „ארץ־ישראל”. דאָס זיינען שוין אַזעלכע באַגריפן, וואָס כאָטש נעם און וואַרג זיך מיט זיי. עס איז שווער זיי צו פאַרבייטן מיט אַנדערע באַגריפן, אַן דעם, אַז ס'זאָל ניט שמעקן מיט רעאַקציע, אַז דאָס זאָל אַרויס עפּעס קיילעכדיק, אָפּגעטאָקט, ווי דער געוויסער פאַל פון אַ בונדיסטישן הספד נאָך אַ חבר: אַז די „עלעקטריק” איז פון אים אַרויס, כדי ניט צו זאָגן „נשמה”.

און אויב ליקווידאַציע מיטן עבר, שנאת ציון און אָפּמעקן אַלע שפּורן פון נאַציאָנאַלן פּרצוף הייסט וו ע ל ט ל ע כ ק י י ט און ניט אָרעמקייט, באַגרעניצקייט און איינגעשרומפּענע דאָגמעס, ווי פרעהס מאָגערע קי, וואָס

פיטערן זיך אויף די לאַנקעס פון לינקן קולטורלאַזיקן פאַנאַטיזם, דאַן איז געווים דער נאָמען צוגעפּאַסט צו די שולן.

נאָר אַז אַך און ווי צו אַזאַ וועלטלעכקייט, וועלכער מען קאָן נאָר באַ־דויערן. אַזאַ פאַריתומטע, עקרהדיקע, פּרוכטלאָזע, אַ וועלטלעכקייט וואָס דערנערט זיך ניט פון איר שטאַם און וואָרצלען, וואָס דאָס איז דער עבר, און אַן אַ שטיקל גייסטיקן אינהאַלט אין וואָס אַנצושפּאַרן זיך, אַ וועלט־לעכקייט, וואָס שטיצט זיך נאָר אויפן גרויען היינט. אַן אומפּרוכטבאַרער עקרהדיקער היינט שטאַרבט אָן אַ קדיש און לאָזט ניט איבער קיין יורש דעם מאָרגן. ס׳איז אַן אָרגאַנישער געזעץ, אַז דער מאָרגן מוז ווערן אויסגעטראָגן און אויסגעוואַרעמט פון דעם נעכטן און היינט, און אויב דער זיווג איז ניט עולה יפה ווערט דער מאָרגן אַ מפּיל, אין בעסטן פאַל איז ער פאַרמשפּט צו כרת־יאָרן, זיין אריכת־ימים שטייגט ניט איבער די פון אַ מאַי־זשוק, וואָס ווערט געבוירן דעם 1־טן מאַי און זיינע הונדערט און צוואַנציק יאָר ענדיקן זיך דעם 31־טן מאַי.

אַ שיינער תכלית ווערט געפּלאַנט דורך אונזערע פאַרזאָרגער, די עס־קנים פון די וועלטלעכע שולן! אַ שפּאָגל נייע אידישקייט, אַ קיקיון דיונה־דיקע! אַן אויפגעסטריגעוועטע אידישקייט.

אונזער עטלעכע טויזנט־יאָריקע געשיכטע איז, נאָך זייער מיינונג, להלוטין אַ טעות פון ישראל סבא, דעם איינגעפונדעוועטן באַלעבאָס, מאַכט מען אַ תל פון זיין באַלעבאַטישקייט. די נייע גבאים ווילן אפילו ניט אָנער־קענען זיין אויבנאָן־שטאָט אויפן מזרח...

ס׳איז זייער אינטערעסאַנט צו דערלערנען די פּסיכאָלאָגיע פון די אוני־ווערסאַליסטן, צי מיינען זיי טאַקע שאַפן אידישקייט אויף זייער שטיי־גער, נו, זאָל זיין קאַריקאַטור־אידישקייט, אידישקייט געקוקט דורך אַ קרומען שפּיגל, אָבער דאָך אידישקייט; אָדער דאָס איז ניט מער ווי אַ וועג פאַר דורכשמוגלען זיך און אַריינרייסן זיך אין אונזער לעבן צוליב באַזונדערע צוועקן פון פּאָליטישן כאַראַקטער, אַ מיסיע וואָס איז ניט כדאי צו פאַר־טייטשן אין דער עפנטלעכקייט.

איך באַצי זיך געווינלעך צו די אַנפירער און וואוילגעלערנטע, די אַזוי גערופענע „אוטשאָני יעווריעאי”. אין אַלע פאַלן איז דאָס ניט שיין צו אויסנוצן די איגנאָראַנץ פון עטלעכע פּשוטע אידן, וועלכע שיקן זייערע קינ־דער אין שולן, מיינענדיק, אַז זיי וועלן דאָרטן באַקומען אַ אידישע דער־

ציאונג, אויב ניט קיין נאַציאָנאַלע זאָל זיין סתם אַ אידישע, און האָבן ניט קיין אנונג וויפל אַנטי־אידישער גיפט עס ליגט אין דעם ראָזיקן חינוך.

ס׳איז אַ גרויסער ספק אויב דער השובער גאַסט ש. ניגער איז באַקאַנט מיט די היגע הינטערקוליסן פון דער אַפּערע, וואָס הייסט אידישע וועלט־לעבע שולן. ער איז צופיל ערנמאַן און ערנסטער קולטור־מאַן, אַז ער זאָל זיין אַ שותף אין אַזעלכע אומאָרנטלעכע אוואַנטורעס. ווען ער וואָלט געווען אבסאָלוט אַנטי־נאַציאָנאַל, וואָלט ער געהאַט מוט צו זאָגן דאָס אין דער עפנטלעכקייט און ניט אויף קאָנטראַבאַנדיסטישן אופן אריינשמוגלען זיך און אויסנוצן די טריבונע פון אונזער אידישן עולם, וואָס איז אין אַ באַ־דייטנדיקער מערהייט נאַציאָנאַל און אידיש געשטימט.

איך צווייפל אויך ניט, אַז דער זעלבער געפיל טאַקע פון אַנשטענדיקייט און פליכט פון געזעלשאַפטלעכער עטיק וועט צווינגען דעם ה׳ ניגער צו געבן פאַר דער אידישער עפנטלעכקייט אַ דערקלערונג וועגן זיין אינטערוויו מיט דער שפּאַנישער צייטונג „קריטיקאַ״, וועלכע האָט וואַרשיינלעך צוליב שלעכט פאַרשטיין, אָדער אפשר צוליב בייזוויליקייט, אַרויסגעשטעלט דעם ה׳ ניגער אין אַ שיין פון אַן אַנטי־ציוניסט. דאָס איז געווים אַ גרויסע אי־בערראַשונג פאַר דעם אידישן עולם, איבערהויפּט פאַר די, וועלכע קאָנען אים אַלס שרייבער און קריטיקער, און אויב עס זיינען געווען שינויים פאַר דער לעצטער צייט, וועט אים וואַרשיינלעך ניט פעלן קיין מוט ענטוועדער, צו אַפּלייקענען אָדער באַשטעטיקן.

אידישקייט און וועלטלעכקייט

דאָס דערציאונגס־פּראָבלעם איז ביי אונז פיל שווערער און קאָמפּליצירטער ווי ביי די אומות העולם; עס באַלעסטיקט יעדן אידישן מענטשן פיל מער איידער דעם ניט־אידן בירגער בנוגע זיין דורכפירונג אין לעבן. מיר מוזן פירן אַ דאָפּלטע דערציאונג, ווייל מיר פאַרמאָגן אייגנטלעך צ ו ויי חינוך־פּראָבלעמען: אַלס בירגער פון די באַטרעפנדע לענדער וואוהין דער גורל האָט אונז פאַרוואָרפן און וואו מיר זיינען איינגעוואַקסן געוואָרן, אַלזאָ — די אַלגעמיינע וועלטלעכע און בירגערלעכע דערציאונג אַלס בירגער פון לאַנד און פאָלק וואו מען האָט אונז גוט צי שלעכט אַדאָפּטירט אָדער זאָל זיין בלויז רעגיסטרירט — און אונזער אייגענע די אָריגינעלע און נאַטירלעכע, דאָס הייסט די וואָס האָט געדאַרפט זיין די ריכטיקע און שטיין אויפן ערשטן פּלאַן.

אָט די דאָפּלטקייט איז געוואָרן אַ טראַגעדיע אין אונזער לעבן. די איטאַליענער האָבן איינגעפירט דאָפּעלע בוכפירונג און די וועלט האָט דאָס אָנגענומען. נאָר דאָס וואָס די וועלט האָט אַריינגענומען אין דער אָרדענונג פון דעם עקאָנאָמישן און אַדמיניסטראַטיוון לעבן, אין דער פּשוטער אַריטמעטיק, האָבן מיר אַריבערגעטראָגן אין אונזער „הוד שבגבורה” אין אונזער „הוד שבנצח” ניט אין פּראָסטע ציפערן און מספרים נאָר אין אותיות און ס פ י ר ו ת פון דער העכערער סימבאָלישער וועלט; מיר האָבן דאָס אַריבערגעטראָגן אין אונזערע העכסטע נאַציאָנאַלע גייסטיקע קנינים, וועלכע דולדן ניט קיין שניות און זיינען בטבע צניעותדיק בחינת „כבודה בת־מלך פנימה”, אַ רשות היחיד — אינדיווידועל און אייגנאַרטיק. ניט אומזיסט איז אונזער קבלה אַזוי אומצופרידן מיט ז ו ג ו ת, און די אידישע וועלט אַנשויאונג האָט, ניט וועלנדיק אָנערקענען „שתי רשויות” בוחר געווען דעם מאָנאָטעאיזם.

דאָס איז ניט קיין ענין פון „אתה בחרתנו‟ אָדער איבערגעטריבענער פּאַטריאָטיזם, נייערט דאָס געהערט צו נאַציאָנאַלער היגיענע און זעלבסט־דערהאַלטונג. דאָס איז זאָגאַר ניט אין סתירה מיט וועלטלעכקייט און קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז רעגיסטרירט אין דעם נביאישן אינווענטאַר אין אַ זייער רייכער מאָס.

דער גלות האָט אויף אונז גוזר געווען צו פירן אַ דאָפּלטע בוכפירונג אין אַלע פאַזן פון אונזער לעבן: צווייענדיקער שול־וועזן, דאָפּעלע בירגערשאַפט, פילשפּראַכיקייט, און אויך אַ דאָפּעלע בוכפירונג אין קולטור־וועלטלעבער, אוניווערסאַלער און אָריגינעלער אידישער אַלטער און שטענדיק־באַנייטער קולטור.

איך האָב עס אָוועקגעשטעלט ניט אין דעם כראָנאָלאָגישן סדר, וואָס דאַרף לאָגישערהייז זיין: פריער אידישע קולטור, ד. ה. די אייגענע פון וואָס יעדער בירגער פאַנגט אָן, און נאָכער וועלטלעכע אָדער אוניווערסאַלע. ווייל דאָ אייגנטלעך הויבט זיך אָן דער שווערפּונקט און (ווי איך זאָל זיך וועלן אויסהיטן פון אַ גוזמא, מוז איך דאָך צוגעבן דאָס שווערע וואָרט) „טראַגעדיע‟ — וואָס אונזער דור הויבט אָן פון וועלטלעכקייט, שטרעקט אויס זיינע הענט אַרומנעמען דעם גאַנצן אוניווערז, קושט אים און האַלזט אים אויף אַזוי פיל, אַז ער גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון ווי ער דערשטיקט זיין אייגענע וועלט, וואָס געפינט זיך אין צענטער; אין בעסטן פאַל פאַרגעסט ער אין איר אין גאַנצן. וואָלט דער סדר געווען אַ פאַרקערטער — וואָלט דער אוניווערסאַליזם ניט בלויז ניט פאַרלוירן נאָר ער וואָלט זיכער פאַרדינט פון בלוט קרובהשאַפט און כמעט אָרגאַנישקייט וואָס די אידישע אָריגינעלע קולטור פאַרמאָגט.

וועלטלעכקייט איז בכלל אַ מטבע וואָס האָט ניט קיין סטאַבילן קורס, זי איז אָפּהענגיק פון מאַרק און געברויך — ווער עס זיינען אירע קויפער. אין אונזערע צייטן קאָטיזירן איר אינפלאַציע־וואַליוטשיקעס; איר פּרייז איז אַנטווערטעט ביז גאָרנישט און וועט זיך אויפהויבן און שטייגן צוזאַמען און ווען די וועלט זעלבסט וועט באַקומען איר געהעריקן ווערט. וועלט איז דאָך מענטש, און וועלטלעכקייט איז זיין עקוויוואַלענץ — און כל זמן דער מענטש איז ביליקער פון זאַמד, איז די וועלטלעכקייט פאַלגלעך ניט מער ווי שטויב...

מעג מען מיך אָנרופן שאָוויניסט און ווען אפילו מיטן צוגאָב „בטלנישער‟ שאָוויניסט, וועל איך דאָך באַהויפּטן, אַז וועלטלעכקייט אין זיין

אמתן זינען האָבן די ערשטע באַגריפן אידן, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע פאָרמען און תקופות ביז היינטיקן טאָג ניט אויפגעהערט צו זיין די ליפערער פון דעם דאָזיקן געדאַנק. דער הויפט רעזערוואואַר, דער בית היוצר, וואו דער געדאַנק האָט זיך אויסגעשמידט זיינען דאָס געווען די נביאים; דאָרטן איז אויסגעגאָסן געוואָרן דער ערשטער מאָדעל — אַ מזיגה פון נאַציאָנאַליזם מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, פון טיפן קאָנסערוואַטיזם מיט וועלטלעכקייט. די ירושה פון די נביאים האָבן איבערגענומען די בני־הנביאים. די אַלטע ליטעראַטור: משנה, תלמוד, מדרשים און ילקוטים אָטעמען דאָך מיט וועלטלעכקייט. וואָס עס מיינט ליב האָבן דעם מין האנושי און אוועקשטעלן אים אין צענטער פון דער וועלט. דאָס ווערט באַשטעטיקט דורך פאַרשיידענע אַפאָריזמען און פתגמים ווי „ראַטעווען בלויז איין איינציקן מענטשן איז פאַררעכנט ווי שאַפן אַ גאַנצע וועלט", „הקב"ה חס על הבריות" און אויך וועגן דער וויכטיקייט פון „כבוד הבריות", רעספּעקט פאַר דעם וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיטן צלם אלקים; דער מענטש רעדט אַרויס מפּי הגבורה, אין גאָטס נאָמען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דרך ארץ פאַרן מין האנושי. נאָר מיט דער אָנוועזנהייט פון מענטשן באַקומט די וועלט איר געעריקן אַספּעקט און איר מרחב יה פון וועלטלעכקייט און אוניווערסאַליזם. און באמת וואָס פאַרא ווערט האָט די וועלט ווען דער מענטש איז אין איר ניט פאַרטראָטן? „אם אני כאן — הכל כאן", אָבער אַז דעם מענטשלעכן איך איז די וועלט אַ פּוסטקע. און ווען זי איז מענטשנלאָז איז זי אויך פּוסט פון גאָטהייט. די תהילים־פּאָעזיע שטעלט דאָך אוועק דעם מענטשנס ווירדע בלויז עטוואָס וויניקער פון גאָטס: „ותחסרהו מעט באלהים".

אידישע דערציאונג און אידישער אונטערריכט זיינען — אויסער זייער נאַטירלעכן און פּשוטן מאָטיוו, ווי עס איז פּשוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך די שפּראַך און דערציאונג פון אַרגענטינער, ענגלענדער און פראַנצויזן אויף זייערע אייגענע רעספּעקטיווע שפּראַכן, קולטור און גייסט — אויך וויכטיק, אַלס אַ קעגנשטאַנד פון דערגענצונג און פאַרפולקאָמען דעם אינהאַלט פון תלמיד אַלס אַ בירגער אין דער מענטשהייט משפּחה, — אַ אידיש דערצויגענער איד איז אַ בעסערער וועלט־בירגער.

איך בין נאַטירלעך ווייט פון דעם געדאַנק צו אַגיטירן, אַז די אומות העולם זאָלן אַריינגעמען אין זייער שול־פּראָגראַם אידישן אונטעררריכט אַלס קעגנשטאַנד, און אַז אַן דעם האָט די דערציאונג אין אַ געוויסער מאָס אַ דעפיציט, — איך בין אָבער אין דער זעלבער צייט איבערצייגט, אַז אידישע

קינדער אַן אַ. ווייניקסטנס עלעמענטאַרסטע, צוגרייטונג אין אונזער שפּראַך, היסטאָריע און עטיק זיינען ניט דערלערנט און זייער דערציאונג איז אַן עלנטע און צעריסענע.

יעדער בירגער קינד פון אַ וועלכן עס איז פאָלק פון די אומות העולם, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגן אַנטשטאַנענע קולטור איבערגעארבעט און אויסגעקריסטאַליזירט אין איר קאָנסטיטוציאָנעלער לאַבאָראַטאָריע, מעג עס זיין ניט אין גאַנצן ריין פון אומטאָלעראַנץ־מיקראָבן און פאָראורטייל — וועט ד אָ ך לייכטער אויסגעפונען די גראַדע ליניע און דעם דרך המלך צום צענטער־פונקט וואָס רופט זיך מענטשהייט. ער וועט ניט באַגעגענען קיין איבעריקע סתירות און נשמה־קאָנפליקטן ווי דער אידישער יונגערמאַן און דאָס אידישע קינד וואָס לעבט אין אַ ניט אידישער סביבה און קולטור. דער אידישער יונגערמאַן שטאַמט פון אידן, ליידט ווי אַ איד, ד. ה. ווי אַ אידישער נכתב מיט אַ אידישן פּאַספּאָרט און ניט פאַר אידישקייט — ער ווייסט ניט וו אָ ס איז דאָס פאַר אַ באַזונדער אייגנשאַפט און פּראָבלעם. ער פילט זיך פאַר אַן אומזיסטיקן קרבן, ווייל אידישקייט זיינען דאָך די ע ב י ר ו ת פון טאַטן, וואָס זיינען אים ניט שייך, ער איז דאָך גאָט די נשמה שולדיק; ער איז אַ מאַרטירער אָן די רווחים פון אַ מאַרטירער... און די פאָלגן זיינען דאָס צעריסנקייט און צעברעקלטקייט פון דער אייגענער נשמה, וואָס זוכט אַן אויסוועג צו דורכרייסן די שליוזן פון די צוויי וועלטן: אָדער ער פאַרלאָזט די באַדריקער און לויפט אַריבער צו דער מחנה פון אַלע פאַרביטערטע, אָדער ער פאַרלאָזט דעם אייגענעם טאַטן, דורך וועמען ער האָט געליטן, און פּרוּווט זיך צופּאַסן צו דער אַבסאָלוט פרעמדער וועלט, פון וועלכער מען קערט זיך קיינמאָל ניט צוריק אַהיים.

בלויז די אידישע דערציאונג און דער נויטיקער נאַציאָנאַלער אונטערריכט שאַפן אַ בריק צווישן די צוויי וועלטן, די פרעמדע און די אידישע. די אידישע דערציאונג איז דער סינטעז וואָס פאַרבינדט די טעזע מיט דער אַנטיטעזע און וואָס וועט פאַרבינדן אין דעם נייעם דור אידישקייט מיט וועלטלעכקייט, וואָס דאָס מיינט זיין גוטע אידן, גוטע בירגער פון דעם לאַנד וואו מען וואוינט און אויך גוטע וועלט־בירגער. און דער עיקר פון אַלע עיקרים — וואָס אונזער דור וועלכער שטייט שוין אויפן שוועל און גרייט זיך אין וועג... וועט איבערלאָזן יורשים, נאָכפאָלגער, און מיר וועלן אַזוי אַרום ניצול ווערן פון דער חרפה פון עקרות לגבי אידישקייט און אחריות פאַר די דורות.

זייער טיפזיניק איז דער אָרט אין תנ"ך וועגן ערשטן פּאַטריאַרך

א ב ר ה ם. ווען גאָט האָט אים צוגעזאָגט הרים וגבעות, גליקן פון אַ צו־קונפטיקן לאַנד פאַר דעם עם העברי, האָט ער געענטפערט וואָס טויג מיר די אַלע הבטחות ווען איך אַליין בין קינדערלאָז („הולך ערירי").

:: :: ::

דאָס חינוך־פּראָבלעם באַשעפטיקט די מוחות ניט נאָר פון געזעלשאַפט־לעבע עסקנים, ציוניסטישע און סתם נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, נייערט אויך יעדן סתם אידן, וואָס אידישקייט איז ביי אים א י ש, אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט און במילא איז דאָך אויך זיין המשך אַזאַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע נויטווענדיקייט. אָבער כאַראַקטעריסטיש און ריין אידישלעך איז דערוויל דער פאַקט וואָס דאָס איז אויך אריין אין דעם שאַבלאָן וועגן וואָס מען שרייבט „עיקר שכחתי". דערוויל ווייזן ארויס אַרגעמענטינער און איבערהויפּט בוענאָס איירעסער אידן זייער פאָזיטיווע באַציאונג צו דעם ווי צו אַן „עיקר", ד. ה. מיט דעם וואָס זיי פאַרגעסן דאָס ווי אַנדערע „עיקרים". מיט עטוואָס מעשים בפועל, ווי לאָמיר זאָגן מיטגלידערשאַפטס־אָפּצאָלונגען פאַרן חינוך אָדער געוויסע יערלעכע געלט־זאַמלונגען, ענטפערן אידן אויף אַלץ און פון וואַנען דער רוף זאָל ניט קומען און בתוכם פאַר שלוחים פון פוילן אויך פאַר שול־וועזן (נאַטירלעך תבא עליהם ברכה פאַר דעם) — אָבער נאָר ניט פאַר אייגענע. זיין אָבער אַ פזרן בטבע און אַליין גיין באַרוועס דאָס איז שוין במחילה ניט אינגאַנצן נאָרמאַל און פיליכט קאַריקאַטור־מעסיק.

אונזער בוענאָס איירעסער אידישע באַפעלקערונג וועט די נעקסטע וואָכן זיך שטעלן פאַר אַן עקזאַמען. די צענטראַלע חינוך אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט מיט דער חברה קדישא און ווערט געשטיצט דורך דער לעצטער וועט פּראָקלאַמירן אַ קאַמפּיין פאַרן חינוך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן עטוואָס ריירן פון זיין פאַרגליווערטן פונקט און נויטיקט זיך אין דער שטיצע פון דעם די־רעקטן בעל דברים, ד. ה. פון די עלטערן פון אונזערע קינדער. מיר וועלן האָבן אַזוי אַרום די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך צו גערענקען זיי נאָך אַ פּרק אין אַ גרונט הלכה פון דברים שאין להם שיעור, און דער עיקר — „ותלמוד תורה כנגד כולם".

לאָמיר זיין געהיט מיט סאַנקציעס!

וואָס איז אַזוינס לינטש? וועלכע זיינען זיינע פּסיכישע וואָרצלען, און פאַרוואָס דערפירט ער אונז צו דער עקסטרעמסטער אויפרעגונג ביז דעם לעצטן האָר־וואָרצל?

דווקא די פּסיכישע סיבות וועלכע רופן אַרויס דעם מאָנסטער וואָס רופט זיך ל י נ ט ש — וואָס וואַרפט זיך ווי אַ חיה־רעה אויף זיין קרבן און צערייסט אים אבֿרימוויז — קומען דאָך צום אויסדרוק ניט מער ווי אַלס רעאַקציע פון אַ נשמה־אויפברויז אויף באַגאַנגענע זינד וואָס גייען אַריבער די געוויינלעכע שלוזן פון מענטשלעכע חטאים, פּליסנדיק אַרויס ווייט־ווייט פון די „נחלי־בליעל" פון רשעות און קאָרופּציע. דאַן רעוואָל־טירט דאָס געטלעכע, דאָס צלם־אלקימדיקע, דער עטוואָס פון קול שדי וואָס געפינט זיך ביים פאָלק; עס גייט אַרויס פון זיך, פאַרוואַרפט דאָס מענטש־לעכע, און שפּרינגט אַריבער אין דער אומגעצוימטקייט פון דער חיהשער טעריטאָריע, וואו עס באַקומט חיהשע אינסטינקטן און באַגייט חיהשע מעשים.

פאַקטיש און אויגנשיינלעך איז דאָס דאָס ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון גערעכטיקייט, אַן אימפּולסיווע מאַניפעסטאַציע וואָס שטראָמט פון דעם יושר־קוואַל וואָס די מאַסע באַזיצט אין אירע מסתרי הנפש...

אויב אַזוי, אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך דער טעראָר פון לינטשן, און פאַרוואָס ווערן מיר אויפגעטרייסלט און דערשיטערט פון דעם נאָמען אַליין? עס איז דאָך, סוף־כל־סוף, נאָר אַ גרויזאַמער משפּט, ווייט פון דער קאַטע־גאָריע פון דעם אימפּעראַטיוו פון „ברור לו מיתה יפה", אָבער דאָך נישט ווייט שטייענדיקער פון די ארבע מתות בית־דין: סקילה, שריפה, הרג וחנק, וואָס געפינען זיך אין אונזער רעכט־קאָדעקס?

דער אמתער זין וואָס וואַרפט אַ שיין אויף דעם, געפינט זיך אין אַ

האַלבן פּסוק אין תורת המשפּטים: „כי המשפּט לאלקים הוא״, געריכט־וועזן און יוריספּרודענץ געהערן צו גאָט. רש״י באַמערקט אויף דעם, אַז „אלקים״ מיינט מען בית־דין. דער עטישער זין פון דעם וויל זאָגן, אַז שופטים מוזן באַזיצן געטלעכע אָביעקטיוויטעט. אַ שופט קען נאָר זיין דער וואָס פאַר־טרעט אַ יוסטיץ־אינסטאַנץ, אינסטיטוציאָנעל און מיט אַלע נויטיקע פּרטים פון לעגאַליטעט, כדי צו קענען אַריינגיין אין די ראַמען פון „על דעת המקום, ועל דעת הקהל״.

איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך פון דיני נפשות, פון איידעלע נשמה־קאָנפליקטן און איבערצייגונגען פון יחיד, ווען זיי זיינען אפילו ניט באַגרינ־דעט, אָדער טעותדיק באַגרינדעט, — און אַמאָל אַ רעזולטאַט פון פאַראור־טייל און חטאת נעורים, — געהערן אַזעלכע זינד — צו דער העכסטער אינ־סטאַנץ, וואָס רופט זיך בחירה חפשית, און אויף זיי צו משפּטן פאָדערט זיך אַ „בית דין שקול במנין ובמשקל״, שופטים אויטאָריטעטן און מיט וויסן, מיט געזעלשאַפטלעכן סטאַזש וועלכע עס זאָל ניט זיין דער מינ־דעסטער חשד פון פּאַרטייאישקייט אָדער אַלטע חשבונות.

פאָלגלעך: יעדער משפּט, ווען ער ווערט דורכגעפירט אָן אַ געזעצלע־כער באַזע פון יורידישער געזעלשאַפטלעכער לעגאַליטעט, הערט אויף צו זיין אַ „געריכט״ און ווערט פאַרוואַנדלט אין לינטש, אין דעם קלאַסישן זי־נען פון „משפּטים כל ידעום״.

איך באַצי זיך אין דעם פאַל צו אונזער געזעלשאַפט בכלל, און צו דער „חברה קדישא״ — די מאַמע פון אונזערע אינסטיטוציעס, וואָס איז זיי מפרנס, און גיט טיילווייז אַכטונג אויף זיי מיט צערטלעכער השגחה, מעשה מאַמע, — בפרט.

דער אַנגענומענער אין געברויך שלאָגוואָרט, אַז די „חברה קדישא״ איז אונזער קהילה אין וועג, איז דאָך סוף־כל־סוף פאַרט ניט מער ווי אַ שיינע מליצה און געלונגענער קאָמפּלימענט פון וועלכן מרת „חברה קדישא״ רויטלט זיך אָפּט, — און פּיליכט מיט רעכט — ווייל דאָס כאַראַקטערי־זירט אירע גוטע מעשים, דערגרייכונגען און זאָרג פון קהילה־פונקציעס. אָבער אויף צו ווערן אַ קהילה אין דער ווירקלעכקייט פעלן איר לעגיסלאַטי־ווע פּרטים און פאָרמאַליטעטן, און ביז וואַנען זיי וועלן ניט זיין איז די חשובע לויבנסווירדיקע חברה ניט מער ווי אַ יחיד אין מערצאָל, ניט אָפּ־הענגיק פון סכום מיטגלידערשאַפט אין באַזיץ. דער דאָזיקער מצב קען זיך ניט ענדערן כל־זמן די „חברה קדישא״ בלייבט ביי איר איצטיקן סטאַטוס,

אַפילו זי זאָל האָבן ששים רבוא אידן אין איר באַזיץ, און פֿאָלגלעך האָט זי אויך ניט דאָס רעכט צו שאַפֿן געזעצן און אַרויסטראָגן אורטיילן פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעך יורידישן קהילה־כאַראַקטער.

נאָר דער דין און געזעצלעכקייט זיינען באַרופֿן צו קאָנטראָלירן און אַדמיניסטרירן דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן און פֿאַרהיטן עס סיי פֿון מיסברויך וואָס קומט אַמאָל פֿון אַ יחיד, צוליב אַלטע השבונות אָדער פֿאַרטייאישע באַצילן, ווי אויך פֿון די טעותים פֿון אַ רבים, ווען אַפילו אונטערן אימפּולס פֿון די בעסטע כוונות, וואָס ווערן דאָך — אין לעצטן סך־הכל — גוואַלד־אַקטן און ווילקיר.

און איצט — קאָנקרעט צום ענין.

די „חברה קדישא” ביי איר דערשיינען אויף דער אַרענע פֿון אונזער אידישן לעבן האָט געהאַט אַ וויכטיקע מיסיע צו ברענגען לקבר ישראל יעדן אידן „אשר בשם ישראל יכונה” — ד. ה. איטלעכער וואָס טראָגט דעם נאָמען איד און האָט אין אים עפּנטלעך ניט מורד געווען. אויסשליסנדיק דעם באַוואוסטן „ק ל אַ ס”, צוליב טעמים פֿון מאָראַלישער פּראָפֿילאַקסיס, זיינען אַריין אין כלל מיטגלידערשאַפֿט און אויפֿן יסוד פֿון לעגיטימער כשרות, אַלע די וועלכע האָבן אַן אינערלעכן דראַנג פֿאַר דער אָנגעהעריקייט צום כלל ישראל און פּיעטעט צום מיסטישן באַגער פֿון „ושכבתי בשלום עם אבותי”; ליגן צווישן אייגענע. ניט בלויז ל ק ב ו ר ת י ש ר א ל, נייערט „בשלום עם אבותי”, ווי אַ גלייכער מיטגליד און אידישער בירגער. דאָס אַלץ אין דעם זינען פֿון דעם וואונדער־שיינעם ליבעראַליזם פֿון אונזער תורה. עס דאַרף געזאָגט ווערן לשבח יענעם קליינעם אידישן ישוב פֿון בערך 50 יאָר צוריק, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פּשוטע דורכשניטלעכע אידן אָן פּרעטענזיעס פֿון וואוילקענערשאַפֿט און מיטלען וואָס גיבן דאָס רעכט צו זיין אַן „אוטשאָני יעוורייי” און פּסקענען די האַרבסטע שאלות, — ווי אַזוי זיי האָבן צוגעטראָפֿן מיט פּשוטן אידישן חוש דעם גייסט פֿון טאָלעראַנץ און דעמאָקראַטיע וואָס געפֿינט זיך אין דער אָרגאַנישקייט פֿון אידישער בירגערשאַפֿט, און אויך פֿון דער אַבסאָלוטער גלייכהייט וואָס ווערט אויסגעדריקט דורכן מאמר: „אפילו פּושעי ישראל מלאים מצוות כרמון”, און נאָך קלאָרער און בולטער אין דעם באַקאַנטן זאָץ: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא”. — אַלע אידן, יעדער איינער וואָס שטרעקט אויס די האַנט צום כלל, מוזן מיר אים זאָגן: א ח י נ ו א ת ה, דו ביסט אונזער ברודער און ווערסט פֿאַרעגיסטרירט אין אונזער געמיינשאַפֿט ווי אַ גלייכער.

מיר טאָרן ניט שאַפן קיין צוויי קאַטעגאָריעס פון בירגערשאַפט, איינע פאַר די וואָס זיינען מקיים די גאַנצע תורה מיט אירע תרי"ג מצוות, און אַן אַנדערע פאַר די וואָס היטן אָפּ נאָר אַ טייל פון זיי.

איך געדענק נאָך צייטן, ווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „חברה קדישא" האָבן זיך געפונען מיטגלידער, וואָס זיינען געגאַנגען ווייטער פון עובר זיין חופה וקדושין, האָבנדיק זיך פאַרגאַלאָפּירט ביז די תחומים פון נישואי תערובות. פון וואַנען, אויב אַזוי נעמט זיך פּלוצים צו דער „חברה קדישא" אַזאַ מוט אויסשליסן פון מיטגלידערשאַפט פאַר חתונה האָבן אָן חופה וקדושין, ניט מורא האָבנדיק פאַר דעם דיפּלאָמאַטישן „נאַטעם־אויס־טויש" וואָס דער תלמוד ווייזט אָן: „נעם צו דיין ציינשטעכער פון די ציין, וועל איך אַראָפּנעמען דעם באַלקן צווישן די אויגן"?...

און וואָס איז דען די מיטגלידערשאַפט אין דער „חברה קדישא", סיי צוליב אירע מיסטישע פעדים, וואָס געפינען זיך אין דער פאַרלאַנג צו קו־מען לקבר ישראל, — אַלס דראַנג זיך צו פאַרבינדן מיטן כלל דורך דעם „עולם הנשמות", — און סיי צוליב דער ברייטער פּראָגראַם פון געזעל־שאַפטלעכקייט, — פון „וחי בהם", פון די לעבעדיקע כלל־ישראל אינטע־רעסן, — אויב ניט אין פולן זינען פון וואָרט די לעגיטימאַציע פון אידישער בירגערשאַפט אין גלות?

עס איז נאָר צו באַוואונדערן, צו וואָס עס קען פירן די ניט אָרגאַניזירט־קייט פון אַ ישוב; צו וואָס פאַר אַ כאַאָטישקייט און מאַנגל אין פאַרנונפט לויטן נוסח פון „מושיב חכמים אחור ודעתם יסכל". דאָס אַלץ געשעט צוליב דער דעצענטראַליזאַציע און דאָס פעלן פון אַ פעסטער האַנט פון פירער־שאַפט. ווי עס וואָלט געווען אַן אָרגאַניזירטע קהילה, און ניט אַ קהילה אין וועג, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף צופעליקע ווינטן וואָס זיינען עלול אויס־צורייסן מיטן וואָרצל, נייערט ווי אַן איינגעוואָרצלטער בוים נעבן אייגענע וואַסער־קוואַלן פון אידישע מחשבות און פּרינציפּן.

נאָר אַ קהילה מיט אַן אָרגאַניזירטן ראַבינאַט, מיט אַ ראש הרבנים אַ גדול בתורה און וועלטלעכקייט אין דער שפּיץ, — אין דעם אמתן זינען פון דער שיינער מזיגה: תורה מיט דרך ארץ, — וועט אויסמיידן כאַאָטישקייט און מיספאַרשטענדענישן. ס'וועט אויסגעמיטן ווערן, פון איין זייט די אומ־באַהאָלפנקייט צו קענען צוימען הפקרות וואָס ווערט באַגאַנגען אין רעלי־גיעז־סאָציאַלע ענינים, וואָס האָבן אַן ענגן שייכות מיטן פאַמיליען־לעבן און טהרת־המשפחה; און פון דער צווייטער זייט די שוין צו געוואַגטע ווייט־

גייענדיקייט פון פסקענען אַזעלכע שאלות, וואָס געהערן צום העכערן קאָ־דעקס פון תורת המשפטים און געפינען זיך אין רשות און קאָמפּעטענץ פון אַ העכערן טריבונאַל „על דעת המקום ועל דעת הקהל”. דאָס מיינט אין דער בחינה פון סנהדרין: אַן אָרגאַניזירטע קהילה מיט אַ בית־הרבנים, אויס־געקליבן פון קהל, אָדער מיטן פולן הסכם פון קהל. כּל־זמן די דאָזיקע פונקטן פעלן, איז דאָס ניט מער ווי אַ סאַנקציע פון אַ יחיד, געהערנדיק צו דער קאַטעגאָריע פון מ ש פ ט י ם ב ל י ד ע ו ם.

מיט אַ קאַרגע פופצן הונדערט יאָר צוריק האָט דער תנא רב געהייסן שמייסן מלקות פאַר ניט חתונה האָבן דורך חופה וקדושין. איז דען, אָבער, דענקבאַר, אַז דאָס אידנטום וואָס פאַרמאָגט אין זיין ביאָלאָגישער סטרוק־טור אַ ז ו י פ י ל עוואָלוטיוון שטאָף, — פּושטת צורה ולובשת צורה, — זאָל במשך פון די 50 יאָרהונדערטער ניט האָבן אַריינגענומען עפּעס נייס פון דעם גייסט פון ליבעראַליזם אין זיין וועלט־אַנשויאונג און פאַרבליבן אינגאַנצן שטרענג און פאַרגליווערט? דאָך, און אין לעצטן פאַל, האָט דאָך רב געהאַט ברייטע פּלייצעס און געקענט נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות.

צוליב אַלע אויסגערעכנטע טעמים איז דער ענין פון חופה וקדושין ניט באַטראַכט געוואָרן אין אונזערע צייטן אַלס קריטעריום פון ניט אָנגע־העריקייט צום אידישן כּלל, אין קהילות פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם ווי וואַרשע, ווילנע און ווין. און קען דען עמיצער צווייפלען אין דער אויטאָריטעט פון אַזעלכע פּעטסטונגען פון אידישקייט, סיי אין קענען פאַרוואַלטן די אַלגעמיינע אינטערעסן, ווי אין זייער אָרגאַנישער פאַרבינדונג צו דער אידישער עמיק און צו די עלעמענטאַרע טראַדיציעס, ווי דאָס איז חופה וקדושין?

געוויס איז פאַרדראָסיק אַ פּסעוודאָ־ראַדיקאַליזם וואָס איז וואַרשיינ־לעך אַן איבערגעבליבענער רעשט פון דעם געוויסן מין השכּלה, וועלכער האָט באַטראַכט עסן טשוועקעס מיט חלב פאַר אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן אויפטו. עס שטעקט אין דעם אַ געוויסע פאַרגליווערטע עקשנות צו רעווידירן אַלטע קאָנצעפּטן, וואָס דערלאָזן ניט צו פילן און באַגרייפן דעם עטישן זין און די שיינקייט וואָס עס ליגט אין דער דאָזיקער שיינער פּראָצעדור, בשעת עס ווערט אַריינגעבראַכט פייערלעכקייט אין דעם אַקט פון חופה וקדושין. וואָס האָט דעם זין פון אַן אָפּמאַך פאַר אַ שיינעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן מיט קאָנגזייטיקער אחריות. עס ווערט אַזוי אַרום פאַרטריבן די געשלעכטלעכע וואולגאַריטעט און עס אַנטפּלעקט זיך דער קדושה־מאָמענט.

מ׳דאַרף זיין קוים אַ „גראַמאַטנער״ איד, כדי צו קענען פאַרשטיין דעם טעקסט פון די שבע ברכות, וואָס איז אַ פּרעכטיקע אויסשטאַטונג פון אַ הערלעכן פּאַלאַץ מיט אַלערליי אַנטיקן און וואונדערבאַרע קונסטווערק. עס איז אַ גאַנצע קאָלעקציע פון נאַציאָנאַלע און מיסטישע מאָמענטן פון דעם אַלטערטום: „שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם״; „ישמע בהרי יהודה ובארצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה״; „שוש תשיש ותגל העקרה בקבוץ בניה לתוכה בשמחה״; און נאָך אַנדערע וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַ שלל מיט שיינקייט און דערהויבנקייט.

אַ שיינע קאָלעקציע פון ראָמאַנטישע עפעקטן. אַ „קאָקטעל״ פון אינדי־ווידועלער שמחה, נאַציאָנאַלע גאולה־חלומות, פאַרבונדן מיטן קאָסמישן פילאָזאָפישן געדאַנק וועגן דעם סוד פון יצירה.

און ווען אַ טייל יונגעלייט שעמען זיך מיט אַזאַ אמתער שיינקייט און גייסטיקן גלאַנץ, איז עס פאַרדריסלעך און לעכערלעך. עס איז אָבער ניט אין אונזער רשות זיי צו באַשטראָפן דערפאַר, מיר האָבן דערצו ניט קיין קאָמפּעטענץ און יורידישע רעכט אין דעם זינען פון אונזער מענטשלעך־אידי־שער קאָנסטיטוציע, ווי זי האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין דער לאַבאָראַ־טאָריע פון דורות.

אָפּנעמען מיטגלידערשאַפט אין אונזער קאָלעקטיוון לעבן, הייסט אויס־שליסן פון כלל ישראל. דאָס איז די גרעסטע שטראָף. און ווען מיר נעמען זי אָן, וואָלט עס געווען אַ רכילות אויף אונזער תורה, ווייל אַזאַ שטראָף איז ניט פאַראַן ביי אונז. מיר זיינען ניט קיין אָנהענגער פון גרים, מיר זיינען אָבער נאָך גרעסערע קעגנער אויף אַרויסצוטרייבן פון אונזער מיט מיטגלי־דער, וועלכע זיינען אויטאָמאַטיש אָנגעשלאָסענע אידישע בירגער און ליידן פאַר זייער אידישקייט, לויט דער אויסטייטשונג פון די גוישע חכמים פון „ישראל ערבים זה בזה״. מ׳קען צו אים האָבן טענות, מ׳קען אים טאַדלען, מוסרן אָדער אויפקלערן, אָבער פאַר קיין פאַל ניט צונעמען ביי אים די אידישע בירגערשאַפט, ניט מאַכן אים פאַר אויס שותף.

„כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ — איז אַ סאַנקציע פון פרקי אבות!

פופציק יאָר קאָלאָניזאַציע

1. — דער אוואַנגאַרד

די השגחה האָט שוין מיט פופציק יאָר צוריק באַשטימט דעם גורל פון אונזער היגן אידישן ישוב, דורך די פּיאָנערן, וואָס האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן אַרגענטינער אידנטום, וואָס ציילט היינט בערך 350—400 טויזנט נפשות און אומדירעקט אויך פאַר קנאַפּע 159 טויזנט פון די איבעריקע זיד־אַמעריקאַנער לענדער. בסך־הכל פאַר אַ האַלבן מיליאָן אידן.

אין מאָנאַט אויגוסט 1889, איז צום לאַ־פּלאַטאַ־ברעג צוגעשוואומען די שיף „וועזער" און האָט אַראָפּגעלאָזט אויפן אַרגענטינער גאַסטפריינט־לעכן באָדן 136 אידישע פאַמיליעס פון פּאָדאָליער גובערניע, פון דעם דעמאָלסטיקן צאַריסטישן רוסלאַנד, וואָס זיינען געקומען אונטער דער אָנ־פירונג פון צוויי דעלעגאַטן: באַראַץ און קויפמאַן. די דאָזיקע גרופּע פאַמי־ליעס, וואָס האָבן מקדים געווען דעם „נעשה" פאַרן „נשמע", זיינען גע־קומען אויפן אייגענעם חשבון און אייגענער איניציאַטיוו, נאָך מיט צוויי יאָר פריער, איידער באַראָן הירש'ס ריזיקע אונטערנעמונג און קאָלאָניזאַציע־איניציאַטיוו האָט זיך אָנגעהויבן צו רעאַליזירן.

די היסטאָרישע פאָרשונג וועט געוויס אָפּשאַצן די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט פון באַראָן הירש און יק"א אין איר גאַנצער גרויס און פאַרנעם. אָבער עס וועט ווערן פאַרצייכנט אויפן חשבון פון די ערשטע עולים צו האָבן אנטדעקט אַרגענטינער באָדן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע.

די אָנפירער פון דער אויבנדערמאַנטער גרופּע האָבן דורך דער פאַר־מיטלונג פון אַ געוויסן אָרנשטיין פאַרהאַנדלט מיט אַ הויכגעשטעלטער פּער־זענלעכקייט פון דער אַרגענטינער רעגירונג וועגן איין אַ פּלאַן פון ברייטער קאָלאָניזאַציע און פון איינטיילן די אימיגראַנטן אומזיסטע ערד־שטחים, און אויסגעלאָזט האָט זיך אפשר אַ „מיראַזש". דאָס אַלץ איז אָבער ניט וויכטיק

פאר דער געשיכטע. זי שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דעטאַלן, נאָר אויפן רעזומען פון פארווירקלעכונג און אויספאָרמירונג פון פאקטישן פרצוף פון א סאָלידן אידישן ישוב מיט א בארוף און א וויכטיקער היסטאָרישער מיסיע...

די 136 משפחות, אָדער בערך 500 נפשות, האָבן פאר זייער געוואגטן שריט און אויפטו, פול מיט מסירת־נפש, טייער באצאָלט. לויט די דאטן, זיינען ביי זיי, ביים שטעלן זייער פוס אויפן באָדן אין קאָלאָניע געשטאָרבן אכציק קינדער, אוים נויט, דחקות, און אָט דאָס דאָזיקע דארף געבוכט און רעגיסטרירט ווערן, דורך דער געשיכטע פון אונזערע וואנדערער, אין דעם כום הדמעות.

זייערע כוונות ווי זייערע מעשים זיינען געווען גוטע, ווייל ביידע זיינען זיי געווען געטריבן פון גלות און נויט און פון דעם אימפעראטיוו „ובחרת בחיים". זיי האָבן געזוכט א מקום־מנוחה פון רוסיש־צאַריסטישן יאָך און שעבוד־גלות, און אפשר האָבן זיי אינסטינקטיוו געצויגן דעם חומש־השני פון אונזער געשיכטע און אייביק־אומצווייסבאַרן פאַרבאַנד פון „ישראל ערבים זה בזה", ווי זיי וואָלטן פאַרגעזען זייער ראָל אלס פּיאָנערן און אוואנגארד פונם האלבן מיליאָן אידן פון איצטיקן גהינום און וועלט־פייער?!...

:: :: ::

אין דעם יום־הזכרון פון אזעלכע וויכטיקע היסטאָרישע דאטעס פון דעם איצטיקן יובילייו, וואָס ציט זיין פאָדים פון 1889, ווי פון דעם נעבסטן יובילייו, וואָס פאַלט אוים מיט צוויי יאָר שפּעטער, פון דער גרויסער אונטערנעמונג פון באַראָן הירש, דעם פאָטער פון דער היגער קאָלאָניזאַציע, פאַר וועלכער די ערשטע עקספּערימענטן אויפן אייגענעם חשבון אויף דעם באָדן פון גוטבאַזיצער פאַלאַסיאָס האָבן געדינט אלס סיבה ראשונה — אין ביידע פאַלן דארף מען זיך אָפּהאַלטן פון פאָרוואַרפן די שאָטנדיקע זייט, וואָס איז אומפאַרמיידלעך. שאַ, דרך־ארץ! עס איז יום־טוב און מען טאָר ניט פאַרשוועכן דעם קדושת־החג. מען דארף מאַכן א ברכה בשם ובמלכות: „שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה". ווייל — עס איז ניט קלוג און אויך נישט איידל פאר געראַטעוועטע פון א שיפס־קאַטאַסטראָפע וואָס ווערן אויסבערגעפירט אויף א צווייטער שיף, אז זיי זאָלן זיך דאָרט באַקלאָגן אויף געוויסע חסרונות אין מענו און שפּייז־קאַרטע...

ביידע יובילייען האָבן די רעכט צו פאַרמאַכן די מיילער פון די מלשינים און עוולה־זוכער, באַנוצנדיק זיך מיטן ביבל־טעקסט, וואָס יוסף

האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: „כי למחיה שלחני אלוקים לפניכם". ווען נישט דער צופאַל וואָלטן אונזערע ישובים — די זיד־אַמעריקאַנער — איצט געברענט אינם העלישן פייער, ווי די טיילן פון אונזערע אייראָפּעאישע ברידער . . .

מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס יאָר 1889 איז געווען אַ צייט פון טראַנסצעדענטאַלן כאַראַקטער פאַר אונזער פאָלק. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון שינוי־ערכין, פון אַ רעוויזיע פון די ווערטן און פון נאַציאָנאַלער רענע־סאַנס. עס האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער חיבת־ציון און ביל"ו באַ־וועגונג, און אויב אויבנאויף איז די אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע ווייט פון „חיבת־צון", זיינען זיי אָבער אויפן דעק פון פאָלקס־געוויסן געווען באַהערפט צווישן זיך מיט איידעלע אומזעבאַרע פעדים, וואָס האָבן זיך גע־צויגן פון „נצח־ישראל". בדרך־אגב האָבן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער עולים פון ארץ־ישראל, וואָס האָבן זיך צוליב די שטרענגע אָטאָמאַנישע געזעצן דאָרט ניט געקענט קאָלאָניזירן, — זיך דאָ קאָלאָניזירט. איינער פון זיי איז דער דר. דיקמאַן, וואָס איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע אהער געקומען פון דאָרט אויף דער שיף „פּאַמפּאַ".

דער שר־האומה האָט באַשטימט דעם אַרגענטינער ישוב אַלס שטיץ־פונקט סיי פאַר ארץ־ישראל און סיי פאַר דעם פאַריתומטן אייראָפּעאישן אידנטום, און ער מוז פאַרנעמען אויף דעם דאָזיקן געביט זיין בכבודיקן פּלאַץ באַלד נאָך דעם ערשטקלאַסיקן סיי אין איכות ווי אין כמות צפון־אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס טראָגט אויף זיינע פּלייצעס זייט 25 יאָר דעם אומגעהויער־שווערן לאַסט.

2. — אַ יובילייו אָן אַ נשמה יתרה

אַ פּאַראַדאָקס, מאָזעסוויל די ירושלים דאַרגענטינע, מיט שטויב פון אַסימילאַציע. אָבער, וואָסערע מין פון אַסימילאַציע? ווען איינער באַשליסט שוין יאָ באַגיין אַ גייסטיקן זעלבסט־מאָרד איז פאַרשטענדלעך, אַז ער זאָל דאָס טאָן אין ים־הגדול, אָבער זיך דערטרינקען אין אַ שטייענדיקן בלאָטיקן טייכל — דאָס איז שוין אַ מיתה־משונה און אַ זייער ניט־בכבודיקער טויט...

איך וויל דאָ ברענגען אייניקע פאַקטן און עפּיזאָדן, וואָס זיינען אי־לוסטראַטיוו און באַרייַדעוודיק: זונטיק, דעם ערשטן טאָג פון יום־טוב: 50 יאָר אידישע קאָלאָניזאַציע, וואָס איז געווען באמת פייערלעך און אימ־פּאָזאַנט, אַז די שטאָטנדיקע זייטן זיינען פּאַרדעקט געוואָרן דורך די ליבטיקע,

זיינען דערשינענ אין איינעם פון די דעמאָנסטראַטיווע נומערן פון קבלת־פּנים פאַרן גובערנאַטאָר און אנדערע באַהערדן א האַלבע מאה אידישע רייטער, אַלס סימבאָל פון דער קאָלאָניסטישער וועלט. די אָרגאַניזירער פון יום־טוב, וועלנדיק מאכן נאָך בעסער פון גוט, האָבן עס איינגעאָרדנט אַזוי, אַז די אידישע רייטער זיינען דערשינען אַלס גאַוטשאָס, נאָר... „משה רבינו׳ס גאַוטשאָס". וואָס־זשע, צי זיינען טאַקע אַלע פעלקער מחויב צו האָבן זייערע אייגענע קאָזאַקן, טשערקעסן און גאַוטשאָס, און צי איז ניט מער געוואונטשן אַרויסצואווייזן דאָס טיפּיש־אייגענע, די אייגענע זיטן, די אייגענע עטנישע שטריכן?

און נאָך עפּעס מער פון דעם אויבנגעזאָגטן, וואָס שמעקט מיט פאַר־לירן דעם אייגענעם איך ביז אומגעלומפּערטקייט. ביים אַרויסבאַגלייטן מיטוואָך די געסט צו דער באַן־סטאַנציע פּאַלאַטיאַס, האָבן זיך אייניקע נכבדי־העיר פאַרקליידט אין „גאַלא"־קליידער אַלס אויסדרוק פון פאַרערונג צו די אָפּפאָרנדע געסט, און באַשטאַנען זיינען די דאָזיקע קליידער אין לאַנגע שטיוול מיט אַן אַן עין־הרע ברייטע הויזן און כאַראַקטעריסטישע העמדלעך מיט א פּילזאָגנדיקן שלייף פאַרבונדן דאָס זיידענע האַלז־טיכל, אַלעם שבת און יום־טובדיק, מיט חסידישן ברען פון „וכל עצמותי תאמרנה": גאַוטש אנכי...

און נאָך א זאַך. מאָזעסווילער יונגעלייט רעדן א גוטן אידיש. איז דאָס אויך ניט מער ווי לאָגיש, אַז ביי אַזא פייערלעכקייט, וואָס טובל׳ט זיך אין א גאַנצן ים פון אידישקייט: אידישע זכרונות, אידישער ברען, אידישע אחדות, וואָס שטרעבט און איז שוין אויפן וועג פון אידישער אויפלעבונג, זאָל זיין אַן אינערלעכער באַגער זיך אויסלעבן אין אידיש און רעדן אידיש, און צום סוף...

איך וויל מען זאָל מיר גלויבן, אַז איך בין נישט קיין קנאי אין דער שפּראַכן־פראַגע. איך באַגריף, אַז ווען מען רעדט וועגן ליטעראַטור און קלאַסיקער, זאָל זיין א פאַרלאַנג זיך אויסצודריקן אין די באַטרעפנדע שפּראַכן און טאַקע אַט פון דעם שטאַנדפּונקט, איז דאָס נאַטירלעך, אַז ביים איבער־לעבן ריין אידישע מאָמענטן; פון די „הבלי־לידה" פון דעם אידישן ישוב און אידישער קאָלאָניזאַציע, זאָל מען אַרויסשרייען: מאַמע, טאַקע אויף מאַמע־לשון...

אָבער סיי די יוגנט, סיי די מיטל־יאָריקע, האָבן ביי ביידע אידישע אויפנאַמעס אין דער „קדימה" ווי פאַר די דעלעגאַטן גערעדט נאָר אין

שפּאַניש, און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ווען זיי וואָלטן געדאַוונט, וואָלטן זיי געמוזט אָנקומען צו קאָזעסעם סידור און מאַכן קידוש אויף שפּאַניש און זאָגן קדיש אין שפּאַניש און דעם „ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה” אויך אין שפּאַניש...

אַסימילאַציע־מיקראָבן זיינען אַ קדמון. די מחברי־המדרש האָבן נאָך אין יענער אַלטער צייט רעאַגירט אויף דעם מיט אַ זייער טיפּזיניקן מאמר: „בזכות ארבעה דברים נגאלו ישראל ממצרים” און איינע פון זיי איז: „שלא שינו את לשונם”. זיי זיינען געבליבן קאָנסעקווענט מיט זייער אינערלעכן איך, וואָס דריקט זיך אויס אין די לעבנס־פאָרמען, מנהגים, זיטלעכקייט, אופן פון קליידונג, און דער עיקר די שפּראַך.

אויספּוצן זיך צום אייגענעם יום־טוב אין די אור־קליידער פון פאָלק פון לאַנד, ווען עס איז נאָך געווען פּרימיטיוו, און וואָס האָלט שוין ביים איבערגעגעבן ווערן לזכרון אין די מוזעען — דערפאַר איז נויטיק אַ היפּשע פּיעטעט צו די דאָזיקע פרעמדע מנהגים, און אַ מינדערשעצונג צו אייגנס, אין דער אייגענער שפּראַך, זיטן און מאַנירן לעבן זיך מענטשן אויס און ווען מען טוישט זיי אויס אויף פרעמדע, איז אַ סימן, אַז מען איז ניט זיכער מיט די אייגענע ווערטן, און די דאָזיקע תשוקה זיך צו באַשיצן אונטער פרעמדע שירעמס, איז אַן אבסאָלוטע נעגאַציע צום אייגענעם, צו דער זעלבסטווירדע פון דעם אייגענעם איך.

אונזער יוגנט — אונזער אַוואַנגאַרד

— 1 —

א פאָלק דארף קענען ברייגען צום אויסדרוק און מאניפעסטירן זיינע אינערלעכע פארלאנגען און רצון; אינערלעכע טיפערע פארלאנגען פון א בעסערן אינהאלט און זין, אין פאַרלויף פון דורות איז געוואָרן אויסגעשמידט די פאָלקס־נשמה, און אוועקגעלייגט דעם יסוד פאר זיין וועלטאַנשויאונג אלס א דעמאָקראטיש פאָלק, וואָס איז ניט נוטה פאר דער ממשלה פון יחיד מיטן מיסברויך איבערן רבים, און ניט אז יחידים זאָלן פרעטענדירן פאַרזאָרגן דעם רבים, ניט באראטנדיק זיך מיט אים.

קאָנגרעסן און פארלאמענטאריזם איז אונזער לעבנס־שטייגער נאָך פון קדמונים אָן, נאָך איידער די נאציע האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט אויפן שוועל פון שטאַטלעכקייט, אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן נאַטירלעך, און אויך שפעטער אין די גלות־לענדער, נאָך דעם ווי עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן דער שטאַטלעכער פרצוף פון אונזער אומה, האָט דאָך עקזיסטירט דער קאָלעקטיווער אויסדרוק־אפאראט דורך אסיפות און ועדי ארצות. דער מער פערפעקציאָנירטער פון אן אמתן פארלאמענט הויבט זיך אָן פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס בלייבט ניט הינטערשטעליק ניט אין כמות און נאָך מער אין איכות פון קאָנגרעסן פון די גרעסטע שטאַטן ביי די אומות העולם.

און דעריבער רופט ארויס ביי אונז א גרויסע שמחה איטלעכע אויפברויזונג, זאָל זי קומען פון לייכטע, וויגעדיקע כוואַליעס אין אונזער אידישן ים, זאָל זי שטאַמען אַפילו ניט פון ים־טיפעניש, נייערט פון פלאַכקייט און דערגרייכן ניט ווייטער פון בלעזלעך, וואָס זידן אין קאָכעדיקן טאָפּ. זאָל זיך קאָכן, זאָל זיך זידן, אפשר וועט זיך עפּעס אויסקאָכן, וואָס עס וועט זיין ראוי מיט דער צייט פאַר אכילה...

איבערהויפּט איז פאַר אונז וויכטיק א באַוועגונג, אַן אויפבּרויז אין א קאָנגרעס־פאָרם, ווען זי קומט מצד דער יוגנט, סיי צוליב איר ריינעם נאַטירלעכן פּרצוף, וואָס שפּיגלט אָפּ איר נשמה, אירע אינערלעכע שטרעבונגען און שטרעמונגען, הגם אין ניט שטענדיק קלאָרע פאַרלאַנגען און פעסטע ליניעס, אָבער דערפאַר שפּיגלט זי אָפּ דעם חותם של הקב"ה, דעם אמת — און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער, אז דאָס איז אַן אָנזאָג, אז דער ריכטיקער בעל־הבית, דער יורש פון צוקונפט נעמט זיין גורל אין האַנט.

עס איז א דערפרייענדע דערשיינונג דער יוגנטלעכער צוזאַמענפאָר פון דער ענטרע־ריאָסער פעדעראַציע. עס ווילט זיך גלויבן, אַז דאָס גרייט זיך ביזלעכווייז די רעטאָגוואַרדיע צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן אין די ערשטע רייען פון דעם אַוואַנגאַרד, דאָס זאָגט אונז אונטער דער אידישער בטחון, דער געזונטער אָפּטימיזם, וואָס שפּראָצט אַרויס פון אידישן באָדן און ביאָלאָגישע כוחות פון קיום האומה.

עס איז ניט פאַראַן עפּעס מער טראַגישערעס ווי דער באַוואוסטזיין, אַז מען לאָזט ניט נאָך זיך קיינע יורשים. און אויב דאָס איז אַן אמת מוחלט בנוגע צו א יחיד, איז דאָס א דאָפּלטער אמת אין באַצוג צו א פאָלק, אָדער צו וועלכן עס איז קאָלעקטיוו. אומפּרוכטבאַרקייט, גייסטיקע קינדערלאָזיקייט, עקרות איז א באַליידיקונג און אין דער זעלבער צייט א ווייטאָק.

ניט איין מאָל גנבעט זיך אַריין א חשד, א נאָגנדיקער ספק, וואָס מאַטשעט ווי א וואָרים און פּיקט אין קאָפּ ווי דער יתוש של טיטוס, אז דער אַרגענטינער ציוניזם לאָזט אפשר ניט איבער קיין יורשים, נאָכפאָלגער וואָס זאָלן ציען די ליניע, דעם חוט השני אויף ווייטער. עס איז זייער א שווערע טראַגישע ראַנגלעניש מיטן באַוואוסטזיין, אז מען איז פון די לעצטע מאָהיקאַנער...

ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָבן מיר באַאָבאַכטעט און געשטאַנען ביי דער געבורט פון יוגנטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס זיינען געווען חבלי לידה און קאָנוואולסן פון דעם ביבלישן ויתרוצצו הבנים בקרבה, אַן אינערלעכער געראַנגל אין דעם בויך פון דער אומה, א צוזאַמענשטויס פון פרעמדע עלעמענטן, וואָס קענען זיך ניט שפּייזן מיט די זעלביקע דערנערונג־שפּייז, און אפשר ביי אַזעלכע באַדינגונגען פון הריון האָבן ניט געקענט אַרויס אויף גאָטס וועלט זרעה חייא וקימא... איינציקע האָבן תיכף מפּיל געווען, אַנדערע האָבן ניט מוציא שנתה געווען.

אין דעם ויתרוצצו־פּראָצעס — ביי די נייע געשאַפענע אָרגאַניזאַציעס,

האָט געפּעלט אַ דעפינירטער פּרצוף. אַ צוזאַמענשטויס פון כחות, אַ מיש־מאַש פון פרעמדע עלעמענטן, דאָ עשו און דאָ יעקב, אָרגאַניזם האָט זיך געקושט מיט אַ בלייך־פּנימדיקער אידישקייט, אַ גראַנגל פון דואַליזם.

אפשר וועלן מיר האָבן אַ שטיקל נחת־רוח ערשט אין דער בּאַראַטונג אָדער בזעיר־אנפּין קאָנגרעס פון ענטרע־ריאָסער יוגנט, מיר האָבן נאָך ניט די אבסאָלוטע זיכערקייט פון זיינע אויפטואונגען, אויסוויקלונג און ריכט־ליניע, אָבער מיר האָבן לפּחות די זיכערקייט, אַז דער ילד איז אַ פּולציי־טיקער. ער ווערט געבוירן — הגם אויך ניט מיט אַ באַשטימטן, אָבער מיט אַ געזונטן, פאַרב אין פּנים. אויך די אומבאַשטימטקייט איז ניט קיין אומ־גליק, אַלע פאַרבן קענען זיין געוואונטשן, ווען מען פאַרשטייט נאָר צו קאָמ־בינירן אין אַ שיינער האַרמאָניע פון שאַטירונגען און ניואַנסן.

עס דערגייען אהער קלאַנגען פון אַ שיינער אויפבּרויזונג, אַ באַוועגונג, אָנגעצייכנטע פּלענער, חלומות וועגן רעפאָרמען, אמתע יעקבס חלומות, וויזיעס, בנוגע צו מאַכן פון אַלע שטיינער איין שטיין...

די יוגנט איז אַרויס פון אירע שטענדיקע פּאַסיווע ברעגעס און האָט זיך אויפגעבּרויזט, האָט אַ רודער און אַ שטורעם געטאָן, הלואי נאָר עס זאָל דער דאָזיקער שטורעם ברייינגען ברכה־רעגן — אַ גשם נדבות, און זאָל אָנזעטיקן דעם באָדן, ווייל ניט זייער זעלטן פּאַסירט, אַז חלילה שטורעמס טראָגן אָן זאַמד און שטויב פון דער סטעפּע, רייסן אַרויס מיטן וואָרצל אַלטע איינגעוואָרצלטע בוימער...

עס איז מעגלעך, אַז אַזעלכע ספקות איז נאָר די פּראָדוקט פון עלטער־לעבן סקעפּטיציזם, מען מוז אָבער אויך צוגעבן, אַז ניט ווייניקער פון דעם, איז דאָס אויך אַ רעזולטאַט פון טרויעריקע דערפאַרונגען פון עבר, פון עטלעכע קאָנגרעסן, וואָס האָבן בשעתו אויך פיל צוגעזאָגט, און עס איז גע־קומען אַ שטורעם פון צפון־זייט און האָט דאָס פאַרפּלייצט און אוועקגע־טראָגן מיטן שטורעם.

אין אונזערע פּיוטים געפינען זיך פאַר אַזעלכע פאַלן באַזונדערע יום־כפּורדיקע תפילות: „ועל אנשי השרון היה אומר יהי רצון שלא יהיו בתיהם קבריהם". וועגן די איינוואוינער פון דער פּלאַך (וואָס זיינען מסוגל צו פאַרשאָטן ווערן אין אַ שטורעם־ווינט פון די אייגענע זאַמד) פלעגט דער כהן גדול מתפּלל זיין, הלואי זאָלן די אייגענע הייזער זיך ניט פאַרוואַנדלען אין קברים. אַזוי איז שוין די טבע פון דער פּלאַך, וואָס פּלאַכער עס איז דער ניוואָ, אויף וועלכן מען געפינט זיך, אַלץ גרעסער איז די געפאַר פאַר־

שיט צו ווערן פון דער אייגענער פלאכקייט. דער כלל האלט אוים ביי אלע טעריטאָריעס און באַדנס, און אויך אויפן באַדן פון דענקען איינגעשלאָסן. ווען מען געפינט זיך אויף א פלאכן באַדן פון מליצה און דעבאטן קען מען, חלילה, פארשאַטן ווערן פון דער אייגענער פלאכקייט...

עס איז דאָ א גרונט צו האָפן ,אז אין דעם געגעבענעם פאַל וועט ווערן אויסגעמיטן די קאטאסטראָפע. די גינסטיקע סימפטאָמען פאר דעם דינען, דער גייסט און כאראקטער פונעם קאָנגרעס, לויט מען קען אורטיילן פון די אָפיציעלע באריכטן, אז עס האָט געהערשט א סך ערנסטקייט און אחריות. אז נאָך דעם געצאָלטן מעשר פאַר דער עצם יוגנטלעכקייט, ד. ה. רעוואָ־לוציאָנערישקייט און די נויטיקע דאָזע פון אָפּאָזיציאָנעלן פולווער־שטאָף קעגן דער לייטונג, זיינען באהאנדלט געוואָרן ערנסטע פראָבלעמען פון ערשטער וויכטיקייט, ווי, צום ביישפיל, חנוך, רעאָרגאניזאציע פון ציוניזם אין אן איינהייטלעכער אָרגאניזאציע אין איינקלאנג מיטן באשלוס פונם 19־טן קאָנגרעס.

זאָל געזאָגט ווערן לשבח, אז פאר א יוגנט איז דאָס גענוג זאכלעכקייט און ישוב הדעת, איבערהויפּט האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אינם חוש פון מוקדם ומאוחר — דאָס צו טיילן די פראגן און וויכטיקייט צו שטעלן זיי אויפן סדר־היום. חנוך האָבן זיי אריינגענומען אין דער אומיטלבארער פּראָ־גראם אויף צו אויספירן תיכף, און די פראגן וואָס האָבן א באחרית הימים־כאראקטער האָבן זיי אָפּגעלייגט אויף ווייטער פארן קומענדיקן צוזאמענפאָר; דאָס איז א סימן מובהק און זיי האָבן משיג געווען די קאָמפּליצירטקייט פון דעם ענין און האָבן פארשטאנען די דיסטאנץ פון רצון ביז יכולת. בכלל איז נים זייער שווער צו באמערקן אפילו פאר א דורכשניטלעכן באָאבאכטונגס־חוש, אז אין באצוג צו דער באוועגונג און אויפברויזונג פון דער ענטרע־ריאָסער יוגנט איז דאָ געווען א קעגנזייטיקע ווירקונג. עס האָבן זיך באַ־העפט יוגנט און אלטקייט. איבערהויפּט האָט די יוגנט געווירקט אויף די געמיטער, סיי אויף די שוין באזילבערטע קעפּ ווי אויף די שניי־ווייסע זקנים — בירגער פון דער ווינטער־ממשלה...

אויף וויפל די מזיגה פון וויברירנדיקן רווישנדן וויין איז עולה יפה פאר די זקנים, נאָר יונגע פראָפיטירן שטענדיק פון אזא התדבקות, און אויב ווען זקנים רויטלען זיך מיט יוגנטלעכער פאַרב איז דאָס זייער אָפּט א נותן טעם לפגם.

— 2 —

אין אונזער אייגנאַרטיקן נאַנסן־פּאַספּאָרט מיט וועלכן די געשיכטע האָט אונז פאַרזאָרגט נאָך פון קדמונים אָן אַלס אַן אייביקן וואַנדערפאָלק — ווערט געזאָגט צווישן די טעקסטן וואָס ווערן גאַנוצט אין די פּאַספּאָרטן, אַז מיר זיינען שטענדיקע ̣טרעגער פון פּראָגרעס, אָדער פאַקל־טרעגער, וואָס גייען פאָרויס. אַזעלכע טעקסטן זיינען פאַראַן אין די ספרי נביאים. איינער פון די בולטסטע איז, „והיה ישראל לאור עמים” — ישראל וועט דינען אַלס פאַקל פאַר די פעלקער. און אַנדערע באַמערקונגען פון נביאישע וויזיאָנען וועגן וועלט־פאַרברידערונג, פון אייביקן שלום און באחרית הימים חלומות.

די מדרשים וועגן מתן תורה האָבן אויך דעם זעלביקן כאַראַקטער, ס׳זאָגט זיך אין זיי, אַז דער כביכול האָט זיך אַרומגעטראָגן, נעבעך, מיט דער תורה איבער גאָר דער וועלט, און טראָץ די פּזמונות און נגונים, אַז די תורה איז דאָך די בעסטע סחורה, האָבן די אומות העולם געענטפערט: מוחל! מוחל!

און אָט דער דאָזיקער אמת מוחלט ווערט גדרשנט סיי לשבח פון די פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע עלעמענטן פון די אומות העולם, ווי אויך לגנאי פון די פינסטערע און אַנטיסעמיטישע טיילן, אַז מיר זיינען די שטענדיקע ראַדיקאַלן, ניהיליסטן, וואָס ווילן צעברעכן די אַלטע און אַריינפירן נייע געוואַגטע רעפאָרמען אין לעבן.

דער אמת געפינט זיך אינם צענטראַלן געדאַנק, אַז מיר זיינען טאַקע תמיד נוטה פאַר א בעסערן און פאָרגעשריטענעם אופן פון לעבנספאָרמען, פון פרייהייט און יושר, און דעריבער געפינען מיר זיך תמיד אויף די פאָדערשטע פּאָסטנס.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַן אמת, אַ באַזונדערע אייגנשאַפט וואָס מיר באַזיצן. אויבנאויפיק איז דאָס א קאָנטראַסט מיט אונזער פאָרגעשריטנקייט, אָבער וואָס איז אין עצם ניט קיין סתירה און גייט ניט אין קאָנפליקט מיט פאָרשריט, און דאָס איז טראַדיציע, קאָנסערוואַטיזם פון א בעסערן מין, די דאָזיקע אייגנשאַפט ווערט פאַרצייכנט אינם אינווענטאַר פון אַלע אַלטע פעלקער מיט אַלטע קולטורן.

די אויבנגעבראַכטע באַזונדערע שטריכן באַשטרייטן ניט איינער דעם צווייטן, נאָר להיפוך — זיי באַדינען זיך קעגנזייטיק, אין אומבאַדינגטער אַליאַנס, דער עבר, הווה און עתיד — און איבער זיי מוז ליגן אַ בריק פאַר די דורות, כדי זיי זאָלן קענען גיין זיכער דעם וועג צו תכלית השלימות. דער עבר,

איז דאך דער אויסגאנגס־פונקט, וואס ווייזט דעם וועג ווייטער און נאר דורך זיין לערע און אנווייזונגען קען מען קומען בשלום צום עתיד.

קאנסערוואטיזם ביי אן אלטן קולטור־פאלק איז דאך דאס דער נאטירלעכער אינסטינקט פאר זעלבסט־שוץ און זעלבסטדערהאלטונג; אפהיטן די אנגעזאמלטע קולטור־אוצרות, זיי זאלן נישט גיין לאיבוד, אפפרישן, פולירן, צופיילן, אפווישן דעם אלטן שטויב און געבן זיי א גלאנץ, אז זיי זאלן באקומען דעם זעלביקן תוך, נאר מיט א באנייטער צורה.

נאר וואגאבונדן און וואנדערנדע ציגיינער צושליידערן און לאזן איבער אין וועג אלץ, וואס זיי דארפן ניט צום טעגלעכן געברויך.

דער אלגעמיינער ציוניזם אנטהאלט אין זיך אזא דואליזם, בחרות און זקנה, יוגנטלעכע פראגרעסיווע שטרעבונגען מיט באזאכטע קאנסערוואטיווער פארזיכטיקייט און זארג פר דער דערהאלטונג פון ווערטן. און נאר דורך אזא צוזאמענשמעלצונג אין איין גאנצעס, ווערט דערהויבן דער ציוניזם צו א הויכער מאראלישער וועלט־אנשויאונג, וואס קען גאראנטירן אונזער צוקונפט, אז מיר זיינען ווירקלעך קינדער פון די נביאים. איך פארזיכער, און מיינע חברים קענען דאס באשטעטיקן, אז איך בין ניט קיין מקפיד, אז נאר די אלגעמיינע ציוניסטישע רייען זאלן פארגרעסערט ווערן און אז דער צופלוס פון מענטשן־מאטעריאל זאל פארשריבן ווערן נאר אויף אונזער חשבון. אדרבה זאל גיין די יוגנט פריי מיט דער אייגענער בחירה, וואו איר איז באקוועמער און היימישער, צוגעפאסט צו איר סביבה און פסיכאלאגיע, זאל זיך ציען יוגנט ווי טויבן פון אלע זייטן אין זייער נעסט, ווי דער נביא זאגט: זיי זיינען ווילקאמען, פון וואנעט זיי זאלן ניט קומען.

און איך מיין אויך, אז עס איז נאטירלעכער, אז יוגנט זאל פילן מער צוציאונגס־קראפט צו דעם סאציאליסטישן ציוניזם, צוליב זיין דינאמישקייט און קעמפערישן גייסט, וואס איז אזוי צוציענדיק און אייגנטלעך פארן טעמפעראמענט פון דער יוגנט. און טראץ דעם זאג איך, קוק איך מיט א באזונדערער סימפאטיע אויף דער ענטרע־ריאסער יוגנט, וואס אין זיין אפאליטישער ליניע שטייט ער דאך מיט ביידע פיס אויפן באדן פונם אלגעמיינעם ציוניזם. און ווי געזאגט איז דאס ניט צוליב ליידנשאפט צו פארגרעסערן דעם אינוועטאר פונעם אלגעמיינעם ציוניזם, איבערהויפט, אז עס פעלט גאר די זיכערקייט, אז זיי וועלן פארבלייבן אונזערע תושבים, אפשר איז דאס זייער ערשטע אכסניה אינעם ווייטערדיקן מארשרוט צו מער ראדיקאלערן ציוניזם.

זייער צושטיין צום אַלגעמיינעם ציוניזם, צייגט אויף זייער ערנסטער באַציאונג און פאַרטיפונג אינם ציוניזם און אידישקייט; דער געזונטער חוש ווייזט זיי אָן אויפן צענטער, וואו עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער אומה, — דער מקור, די צענטראַלע אידעע פונם ציוניזם. דער אַלגעמיינער ציוניזם איז דער ים התיכון, וואָס צוגיסט זיך שפּעטער דורך אַדערן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, די וואַסערן באַקומען דאַן פאַרשיידענע פאַרבן, אָבער די נאַטיר־לעכע פאַרב איז ווייס־בלוי, און קודם כל דאַרף דער וואַנדערער, דער ניי־געקומענער אורח זיך טובלען אין דעם מיטללענדישן ים און דאָרטן מוז ער זיך לערנען שווימען; אויסמעסטן אויף וויפל עס לאָזט זיך מעסטן זיין ברייט און טיף.

די יוגנט מוז זיין פּראָגרעסיוו און מוז שטרעבן צו אַריינברענגען אין לעבן דאָס אידעאַלסטע און שענסטע (אַגב מיין איך אין דעם פאַל יוגנט אָנהויבנדיק פון 18 ביז 88 יאָר), און וואָס מעגלעך לענגער פאַרבלייבן אין דער נייטראַלער זאָנע פון אומפּאַרטייאישקייט, וואָס איז אין זיין עצם געווען און עס דאַרף זיין דער אַלגעמיינער ציוניזם, סיידן אין אויסנאַמס־פאַלן בשעת חרום, ווען עס דראָט אים אַ סכנה און מען איז געצוואונגען צו מאָביליזירן זיך אין אַ פּאַרטיי, כדי צו פאַרטיידיקן די פּאָזיציעס.

דער אַלגעמיינער ציוניזם איז די אַקאַדעמישע צוגרייטונג פאַר דעם באַגריף פון רעיון המשיחי און שיבת ציון, און וואָס מער און לענגער אַ סטודענט בלייבט אין זיינע ווענט, וואָס זיכערער, גייט ער אין זיין ווייטערדיקן וועג און דער ריכטונג פונם ציוניזם וואָס ער קלייבט אויס אין דער צוקונפט.

און די דאָזיקע סטודענטן וואָס איילן זיך צו אַריינגיין אין קעמפנדיקע פּאַרטייען, איידער זיי האָבן תופס געווען די דיסציפּלין פון דענקען, די רו־איקייט און זאַכלעכקייט, יענע פאַרבלייבן פלאַך, נישט דערלערנט און זיינען מסוגל צו בלאָנדזשען.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון די אויבנגעזאָגטע באַדינ־גונגען, פאַרדינט די ענטרע־ריאַסער יוגנט אַ באַזונדערן שבח, אַז זיי האָבן באַגריפן דעם זין און גייסט פונם ציוניזם און באַזיצן אַ סך מוט צו קענען זיך העכער שטעלן איבערן פּאַראָרטייל, וואָס עקזיסטירט צווישן יוגנט וועגן אַלגעמיינעם ציוניזם, וועמענס אַקציעס ווערן ניט קאָטיזירט אין די געהויבענע קרייזן...

דאָס איז געווים אַ גרויסער נסיון צו אָפּזאָגן זיך פון אָפענע אויסגע־

שטרעקטע אָרעמס און אָוואציעס, וואָס זיי האָבן געקענט באַקומען צווישן די מער קאַמפּסלוסטיקע פּאַרטייען אינם ציוניזם, וואָס וואָלטן זיי מקבל פּנים געווען מיט שמחה אין זייערע קאַמפּס־רייען.

און דאָ איז דער ריכטיקער זין פון בחרות און זקנה, די פּראָגרעסיווע יונגע לייט, וואָס זיינען ניט מותר אויף קיינע סאָציאַלע רעפאָרמעס, גויטיקע און שווין צייטיקע אין ארץ ישראלדיקן לעבן, ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון די פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן אינם ציוניזם, וואָס האָבן א שייכות מיט דער גאַנצער אומה, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן דורך די דורות און מיט דער באַטייליקונג פון אַלע שיכטן, וואָס בויען ארץ ישראל אויף א חשובן, ווירדיקן אופן.

אין די רייען פונם אַלגעמיינעם ציוניזם קען מען אָטעמען פריי און מען קען זיך אויסלעבן פּראָגרעסיוו, ארומנעמענדיק די ברייטסטע האָרי־זאָנטן פון וועלטלעכקייט, ניט ווייניקער ווי ביי די פּאַרטייען, וואָס מיינען צו האָבן דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויף דער וועלטלעכקייט און פּראָגרעס און שליסן גלייכצייטיק ניט אויס אַנדערע פּראָבלעמען פון אידישקייט, ווי דאָס איז נאַציאָנאַלע העברעאישע דערציאונג און אַנדערע אידישע פּראָבלעמען. דער באַגריף יהדות אַליין איז דאָך וועלטלעך און פּראָגרעסיוו, יהדות איז א גרויסער בוים מיט א סך צווייגן, וואָס קען באַשיצן מיט זיין שאָטן אַלעמען.

דער לעצטער ענטרע־ריאַסער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעצייכנט א ברייטע פּראָגראַם. א חנוך־פאָנד וואָס איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן און דאַרף אין משך פון לויפענדן חודש דורכגעפירט ווערן. דאָס איז באמת א גרויסער ענין, מיר ווילן האָפן, אַז דער קאַמפּיין וועט מצליח זיין טראָץ דעם געדריקטן מצב, נעבעך, פון ענטרע־ריאַסער אידן, דאָס היינטיקע יאָר. מען וועט זיך אָפּרופן און אָנשטרענגען זיך מיט דאָס לעצטע. עס איז א כלל, „אין אדם מעיז פּניו לפני בעל חובו", אַז מען קען ניט אָפּזאָגן דעם בעל חוב, ווען ער קוקט גלייך אין פּנים. איז דען דאָס א גרעסערער בעל חוב ווי די אייגענע קינדער צו די עלטערן אין באַצוג צו אידישער דערציאונג?

דאָס איז קלוג און פּראַקטיש. די אַקרעדיטאָרן אַליין, גייען דורך שלוחים קלאַפּן ערשט ביי די טירן פון זייערע בעלי חובות, די קינדער מאָנען ביי די טאַטעס און זיי מוז מען ענטפערן.

דער טריאומף איז אין אַלע פאַלן א געזיכערטער, מאָראַליש איז דאָס א קאָלאָסאַלער זיג. די עצם איניציאַטיוו איז אַן און פאַר זיך א שיינע אידישע, ווירדיקע געוואָגטקייט. פּראָקלאַמירן א פאָנד, דוכט זיך אַזא

פּשוטע זאַך, און די זקנים זיינען פונדעסטוועגן אויף דעם נישט געפאַלן, נייערט די קינדער האָבן דאָס באַטראַכט, באַהאַנדלט אויף א באַראַטונג, פון א פּראָיעקט, געשאַפן א רעזאָלוציע, אַנגענומען פאַר די האָר און אַרויסגע־פירט אין לעבן.

דער היי־יאָריקער שול־פאָנד־קאַמפּיין אין ענטרע ריאָס און פאַר ענטרע־ריאָס ווערט סאַנקציאָנירט אין א געזעץ, אלס א יאָרלעכע אָפּצאָלונג, אַן אָבליגאַציע, א געזעץ דיקטירט פון לעבן און די אויספירונגס־קראַפט זיינען דאָס די דיקטאַטאָרן, אייערע קינדער...

ענטרע־ריאָסער אידן זייט אויף זיך מצדיק את הדין; דאָס איז דאָך געלעגן אין אייערע הענט און איר האָט דאָך געקענט מקדים זיין זיך און אליין באַשטייערן זיך פאַר חנוך, ווי דאָס האָבן געטאָן מיט א דור פריער אין אונזערע אלטע היימען, אָרימע, געדריקטע בעלי מלאכות, אפילו די, וואָס פלעגן אין א נויט אָנקומען צו מעות חטים אויף פּסח, האָבן געהאַט די אמביציע צו צאָלן אליין שכר למוד פאַר זייערע קינדער.

געוואוינט זיך צו צו אויסהאַלטן דעם חנוך אויף די אייגענע פּלייצעס, ניט וואַרטן אויף אינסטיטוציעס און פילאַנטראָפּן.

מיר ווילן האָפן, אז דעם ביישפּיל פון ענטרע־ריאָס וועלן נאָכטאָן אַנ־דערע קאָלאָניסטישע און שטאָטישע ישובים צו שאַפן א מס־עצמי פאַר חנוך. און ווען דער קאָנגרעס וואָלט מער ניט פועלן ווי דעם אויפטו אליין, איז שוין כדאי. אזא אויפטו איז ווערט עטלעכע קאָנגרעסן. אויף אייך קען מען אָנווענדן דעם תלמודישן „יש קונה עולמו בשעה אחת".

וויניקער געלונגען איז דער צווייטער פּראָיעקט אויך אין א רעזאָ־לוציע־פאָרם וועגן דער איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע פונם ציוניזם. שטיצנ־דיק זיך אויף דער רעזאָלוציע פון 19־טן קאָנגרעס. אין אזעלכע פאַלן איז ניט גענוג געוואַגטקייט און שוואונג. אין דעם פאַל איז וויניק יוגנטלע־כער מוט און דמיונות געטריבן דורך ווינט־מילן, טראָצדעם וואָס זיי ווערן באַגלייט פון די בעסטע כונות. די דאָזיקע חלומות זיינען שוין אלט כמעט, וויפל עס איז אלט דער ציוניזם, עס האָט שטענדיק געהערשט אזא טיפער רצון מצד די ציונים כללים, ווען זיי זיינען געווען ביי דער מאַכט, מען האָט זיך אָנגעשטויסן אָן א וואַנט פון ווידערשטאַנד גראַד מצד דעם ראַדיקאַלן ציוניזם. א פאָר פּרוואוון צו צונויפקומען זיך אויף צו באַהאַנדלען די פראַגע איז געמאַכט געוואָרן פון אונזער זייט אויך דאָ אין לאַנד, און אונז איז ניט געלונגען צו ברענגען זיי אפילו צום רונדן טיש, ערשט ביי אנדערע אומ־

שטענדן און אנדערע פּאָליטישע ווינטן אינם ציוניזם, אן אטמאָספערע מער גינסטיק פאר זיי — די לינקע פּארטייען זיינען הײנט די, וואָס באהערשן די סיטואציע, — האָבן זיי אונטערגענומען די איניציאַטיוו פאָר דער דאָזי־קער רעפאָרם. פּאָרלױפיק האָבן זיי דאָס וואָרט, דער פּלאַן איז טאקע אָנגע־נומען געוואָרן דורך א רעזאָלוציע פון קאָנגרעס, ער ווארט אָבער נאָך אויף א סאנקציע פון לעבן. זייער שוואכע אָפּקלאַנגען הערן זיך נאָך בכלל וועגן דער פראגע, עס ווייזט אויס, אז דאָס דארף נאָך ווערן באטראכט אויף א זיצונג פונם אקציאָנס־קאָמיטעט.

איילן זיך און קומען פון די ערשטע מחותנים אויף דער חתונה איז ניט זייער קלוג און פּראקטיש, דאן ווען מיר זיינען ניט די הויפּט־מחותנים. זיי, די ראדיקאלן זיינען ניט קיין גרויסע בישנים, זיי וועלן שוין עפּעס זאָגן וועגן דעם, ווען זיי וועלן געפינען פאר נויטיק. אלזאָ, ביי אזעלכע באדינ־גונגען איז אזא איניציאטיווע אביסל צוגעאיילט.

— 3 —

צוויי קארדינאלע פראגן באשעפטיקן ערשט דעם ציוניסטישן עולם דאָ אין לאנד:

1) אונזער באציאונג צום וועלט־פארבאנד פון אלגעמיינעם ציוניזם נאָך דער קראקאָווער ניט געלונגענער אסיפה, וואָס האָט דערפירט צו א שפּאלטונג — דערוויי־ל באזייטיקט די זיילן און פאראייניקונגס־באלקנס אויף וועלכע עס האָבן געדארפט זיך אָנשפּארן דער בריק פאר שלום צווישן די גרופּעס „א" און „ב", כדי צו פאראייניקן זיי אין איין גרויסן וועלט־פארבאנד, און 2) וועגן דער שאפונג פון אן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאניזאציע לויטן אָנגענומענעם באשלוס פונעם 19־טן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, א באשלוס וואָס דריקט זיך אויס אין א רעקאָמענדאציע און טיפן באגער צום איינפירן דאָס אין לעבן.

עס איז געשאפן געוואָרן א פּאָראורטייל וועגן צוויי קעגנערישע דיא־מעטראל־וויידשטייענדע גרופּעס: „א" און „ב" און עס איז פארשטאנען גע־וואָרן, אז ווען די ערשטע ד. ה. די „א" איז אן אולטרא פּאָרגעשריטענע, פּראָגרעסיווע, איז די צווייטע, „ב", די רעאקציע שברעאקציע בבחינת פּאשיזם, רחמנא לצלן. אין אמתן אָבער זיינען די צוויי גרופּעס מיט דער באצייכענונג „א" און „ב" קיינמאָל ניט געווען מחולק אין גרונט־פּרינציפּן

אין באַצוג צום אַרבעטנדן ארץ ישראל „הסתדרות״ און בנוגע װעלכע עס איז ליבעראַלע געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען לטובת דעם ישוב, פאַר זײַן מאַ־ראַליש קולטורעלן דערפאָלג, װי עקאָנאָמישן װאוילזײַן און אַנטװיקלונג אויף סאָציאַלע געזעצטע יסודות אין אײַנקלאַנג מיטן באַרוף פון דער אומה און איר צוקונפט. עס האָט נאָר געהערשט אַ טשיקאַװע דיפערענץ, װאָס עס איז אָנגעהאַלטן געװאָרן אין דער צײַט פון קאָנגרעסן און איז פאַרשװאונדן גע־װאָרן תיכף נאָכן קאָנגרעס און צוזאַמען מיט זײ איז אויך אָפּגעמעקט גע־װאָרן דער „אלף בית״...

די טאַקטישע דיפערענץ איז באַשטאַנען אין דער קאָנסערװאַציע פון דעם אַלגעמײנעם ציוניזם, צו דערהאַלטן זײַן קיום — נעמענדיק אין אַכט, אַז עס האָט זיך שװער אָנגעהויבן צו מערקן שפּאַלטן אין זײַנע װענט און דאָס זײַנען טאַקע געװען די הויפּט־גורמים װאָס האָבן אַרויסגערופן דעם דראַנג צו שאַפן דעם װעלט־פאַרבאַנד. די מער קאָנסערװאַטיװע ריכטונג אינם ציוניזם, די װאָס האָבן געזאָרגט פאַר זײַנע גײַסטיקע און אידעאָלאָ־גישע קנינים האָבן זיך געשטעלט אין די ערשטע רײען און זײַנען דאָס געװען די הויפּט־בױער פון פאַרבאַנד, און די האָבן דאָס בײַ די קאָנגרעסן געטראָגן די מאַרקע „ב״ און די איבעריקע טײלן זײַנען דאָס געװען די גרופּע „א״, װאָס האָבן געקוקט דורך די פינגער און האָבן איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט דעם קיום פון דער אַלגעמײנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

עס איז נאַטירלעך, און מען האָט אַנדערש ניט געקענט דערװאַרטן פון די לינקע פּאַרטײען, װאָס דער גרעסטער טײל פון זײ שאַצן ניט אָפּ אויף װיפל דער אַלגעמײנער ציוניזם איז װיכטיק און דינט אַלס חוט השדרה פאַר דער ציוניסטישער װעלט־אָרגאַניזאַציע, און אַז ער איז ניט קײן ריװאַל צו אַנדערע שטרעבונגען אינם ציוניזם, נײַערט דער אײַזערנער רײף װאָס פאַר־פעסטיקט און נעמט אַרום דעם גאַנצן ציוניזם מיט אַלע זײַנע שאַטירונגען, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל איז ניט נאָר פאַרשטענדלעך, אַז זײ זאָלן צוקוקן מיט צופרידנהײט אויף דער גלײַכגילטיקײט פון די „א״ גרופּע אים באַצוג צו דער אָרגאַנאַזירונג פון דער הסתדרות הכלל ציוני, נײַערט עס איז געשאַפן געװאָרן בײַ זײ אַ פּראָגראַם צו באַקעמפן די אחדות און אויף װיפל עס איז מעגלעך דערפירן אים, דעם װעלט־פאַרבאַנד צו אַ רואינע. דאָס איז אַ פּראָגראַם ניט קײן געשריבענע און במילא ניט קײן אָפיציעלע; נאָר דאָס איז געװאָרן אַ תורה שבלב פון יחיד—און יחיד אין מערצאָל, װאָס דערפירט צו אַ קנין הרבים — און בײַ אַזעלכע פאַרהעלטענישן איז געשאַפן געװאָרן

און אליאנס צווישן דער גלייכגילטיקייט צום וועלט-פארבאנד מצד דער גרופע „א״ מיטן אינערלעכן באגער, אז ער זאל ניט פארווירקלעכט ווערן. און אליאנס אויך ניט קיין געשריבענע אבער דורך דעם ניט קיין קלענערע — און אויס דאנקבארקייט זיינען זיי באטיטלט געווארן „פראגרעסיווע ציונים״.

און אויב קאנסערווירן גייסטיקע קנינים און אלטע ווערטן איז ניט פראגרעסיוו, איז דאך א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, אז די וואס טראגן די מארקע „ב״ זיינען דאס דער היפוך פון פראגרעס, געמלעך רעאקציאנערן, פאשיסטן...

איך האב זיך אן איבעריקן מאל אפגעשטעלט אויף די פרטים. איך טו דאס, כדי צו דערקלערן און אנווייזן אויף די ערשטע פעדים פון שפינוועבס, וואס האבן פארשפרייט און צופלאכטן די פאראורטיילן אין קעגנזייטיקער אומפריינטשאפט און פירוד, און ערגער פון אלץ איז דאס וואס דער דאזיקער בלבול המוחות דערגייט אויך צו אונזערע ציוניסטישע רייען.

עס איז געשאפן געווארן א פסיכאז און אומבאשטרייטבארע תאוה צו פראגרעסיווקייט, אלע ווילן זיין פראגרעסיוו און באגרייפן ניט וויפל עס איז ניט פראגרעסיוו אזא יאגעניש אויף אזא התלהבותדיקן פראווינציעלן אופן נאך פראגרעס. און איך וואלט געוואלט פרעגן ביי אונזערע פראווינציעלע אלדרס ומדדס און זייערע יונגע לחקת הנביאים, וואס האבן פארכאפט אין זייערע הענט די גאנצע פראגרעסיווקייט, ניט איבערלאזנדיק פאר אונז שטאטישע בוענאס איירעסער קיין איין לעק פון פראגרעס... זיינען מיר דאס טאקע באמת אזוי ניט פראגרעסיוו? פון וואנען נעמט איר דאס?

אונזער דעלעגאטן-אויסוואל צום קאנגרעס, וואס דאס איז דאך דער אזוי גערופענער משוואק אויף וועלכן איר הענגט אן אייער אומצופרידנהייט און זידלט אונז מיט די גרעסטע זידלעריי, — אויף אייער שטייגער — אז מיר זיינען „ב״-ציוניזם, איז בשעתו באגרינדעט געווען מיט די פאלגנדיקע טעמים: 1) הרב זלאטניק האט קיין מאל ניט געהערט צו דער גרופע „ב״, 2) נאר אונזער מיינונג איז ניט פארגעשטאנען קיינע באזונדערע פראבלעמען צו פארהאנדלען אין קאנגרעס, וועלכע האבן געקענט האבן א דעצידירנדיקן נעגאטיוון אויסגאנג, ווען אפילו אונזער צווייטער דעלעגאט איז א „ב״-ציוניסט, ווייל די „ב״-ציונים זיינען אין עצם ניט געווען מחולק, פונקט ווי זיי זיינען דאס אויך ניט ערשט אין גרונטלאגעס און פרינציפן מיט די „א״-ציונים, און אפילו מיט דער הסתדרות האט זיי אויך ניט צוטיילט אזא תהום, ווי אייער כוח הדמיון מאלט אויס. עס איז אויך געווען קלאר, אז די

לינקע ריכטונג וועט במילא ציען די מערהייט. אַלזאָ איז דאָך אפילו ביי די געווייסע ניואַנסן, אין וועלכע עס איז יאָ געווען אַ דיפערענץ, ווערן דאָך במילא פאַרפאַלן אונזערע שטימען.

אונזערע דעלעגאַטן זיינען לכתחילה געווען געשיקט, נאָר צו אויספילן פון אונזער זייט די בירגער־פליכט, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מאַסנזאַן, הגם ער געהערט צו „ב״ און מיר בפירוש נישט, נאַטירלעך ניט אָפּהענגיק פון דעם, וואָס מיר זעען אין זיי ניט אָט די שוואַרצקייט און סיטרא אחרא, וואָס איר געפינט אין זיי — דאָס איז ווייל מיר לייענען די ארץ ישראלדיקע צייטונגען און דורך די דעבאַטן ביי די זיצונגען און אויך דורך די אָפּטע גייסטיקע מאמרים אין דער ארץ ישראלדיקער פרעסע איז געווען צו מערקן, אַז ער איז ניט ווייניקער פּראָגרעסיוו ווי איר (עס איז אייער שולד אין דעם, וואָס איר האָט ניט פּאַטענטירט די פּראָגרעסיווקייט אויף אייער נאָמען), און איז געווען אַ קעמפער פאַר אַלע פראַגן, וואָס זיינען נוגע צו דער אַרבעטערשאַפט. די רעכט פון דער הסתדרות און איז דער גרעסטער קעגנער פון עבודה זרה (פרעמדע אַרבעט). דאָס וואָס ער איז ניט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די „א״־ציונים איז, ווייל ער האָט געוואָלט און געשטרעבט צו איחוד און חזוק פון פאַרבאַנד, און איז געווען פון די ערשטע קעמפער פאַרן שלום, און דאָס האָבן מיר דאָך געוואָלט און ווילן דאָס ערשט אויך, מיטן גאַנצן פיבער פון דעם ציוניסטישן געוויסן, און אויף דעם איז ער געווען דער פּאַסנדסטער רעפּרעזענטאַנט.

מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר פאַרלירן פיל אין די אויגן פון חברים, מיט וועמען מיר רעכענען זיך אַ סך. אונז איז אויך ניט איבריק אַנגענעם געווען צו אַרויספאַלן פון דער רשימה פון די פּראָגרעסיווע, עס האָט אָבער איבערגעוואויגן דער צוועק, און מיר זיינען דערפאַר אַריבער און גובר געווען די תאוה און דעם באַגער ניט צו ווערן געטאַדלט און קריטיקירט פון אייגענע חברים. און מיר האָבן נאָך געזאָגט: אַז ווען מיר שטרעבן צו גאַנצקייט און צו דער פאַראייניקונג פון אַלע כלל ציונים אין איין וועלט־פאַרבאַנד, וואָס דאָס איז דאָך אין דער צוקונפט די באַזע פאַר דער שטרעבונג צו אחדות פון אַלע שיכטן אינם ציוניזם, דערווייזן מיר דערמיט דעם שטאַרקסטן אויסדרוק פון פּראָגרעסיווקייט, הגם אָן מאַרקעס און געאָמעטרישע פאָרמולעס פון „אותיות״...

מיר האָבן באַשלאָסן ערשט, נאָכדעם ווען דער געוואונטשענער שלום און פאַראייניקונג פון וועלט־פאַרבאַנד איז ניט געוואָרן, אַז מיר זאָלן זיך

דערווייל שטעלן אויסערן וועלט־פארבאנד און אפווארטן בעסערע צייטן, ווען די שלום־אידעע וועט סוף כל סוף זיגן.

מיר האבן געהערט טענות, אז די פעדעראציע מוז זיך דעצידירן און גיין מיט דער מערהייט, וואס באשטייט היינט צו טאג פון „א“־ציונים. מיט אנדערע ווערטער וואלט דאס געהייסן שטימען מיט דער מערהייט און מסכים זיין בלינד. אויף דעם וויל איך זאגן אז ניטא קיין התחייבות, מען איז מחויב צו אויספאלגן רעזאלוציעס פון קאנגרעסן, פעדעראציעס מוזן אבער האבן זעלבסטשטענדיקע קלארע מיינונגען, ניט אפהענגיק פון קיינע מערהייטן: א הן אדער א לאו מוז זיין א קלארער, א באוואוסטזיניקער, ווען דאס זאל אפילו שטעלן אין סכנה, אז עס זאלן זיך פון איר אפרייסן געוויסע טיילן, אדרבה, אויב עס זיינען דא וואס פילן זיך אין כוח צו נעמען אויף זיך די אחריות, זאלן זיי זיין געבענטשט, נאר די דאזיקע יורשים וועלן מיר אייך רעקאמענדירן ניט צו שווימען מיטן שטראם, נייערט זיך ראנגלען מיט די כוואליעס פון ווידערשטאנד, פאראורטייל און ניט גינסטיקע ווינטן, וואס שטערן אונז צו דערגיין צום זיכערן ברעג פון שלום און אחדות.

אויף אזא מאמענט ווארטן מיר אין באצוג צום וועלט־פארבאנד. פאר־לויפיג געהערן מיר ניט צו קיינעם, ניט צו „א“ און ניט צו „ב“. און אגב אין דעם ווארט שלום פעלן במילא די אותיות „א“ און „ב“...

באטראכט חברים און אנאליזירט דעם גאנצן ענין, וועט איר זיך אי־בערצייגן, אז צווישן אונז עקזיסטירט ניט אין עצם קיינע חלוקי דעות — די גאנצע טומלעניש פון „א“ און „ב“ איז דאך א מיספארשטענדעניש, וואס עקזיסטירט ניט אין לעבן און דאס וואס איז נוגע פארגעשריטנקייט און ראַ־דיקאלע ליניעס אין דעם ציוניזם, טא באגרייפט זשע, אז עס איז דאך לע־בערלעך צו מיינען, אז איר זיינט דערצו מער מסוגל ווי מיר.

מיר זיינען דאך סוף כל סוף פון דעם זעלביקן מעטאל געשמידט און אין דעם זעלביקן כור העוני געלייטערט געווארן. דער זעלביקער ציוניזם, גרונט־פרינציפן און לייט־מאטיוון און די זעלביקע ציוניסטישע דערציאונג, טא אין וואס זיינען מיר מחולק?

— 4 —

מיר באַגעגענען זיך ערשט מיט א סיורפּריז, א פּראָבלעם וואָס לאָזט זיך ניט פּותר זיין אינם ערשטן מאָמענט. מאָרגע איז, וואָס דער פּלאַן פון איחוד קומט טאַקע פון די זעלבע קרייזן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט געוואָלט צוהערן צו דעם. האַלטנדיק דאָס פאַר ניט רעאַליזירבאַר און אין געוויסער מאָס נחות־דרגאַדיק און אומבאַקוועם צו זיצן מיט אונז צוזאַמען ביי איין טיש. די איניציאַטיוו איז דאָס מאָל אַרויס פון בן־גוריון, זי ציט זיך נאָך פון תיכף נאָך דעם 18־טן קאָנגרעס, — ווי פון זיך אַליין שווימט אַרויף די פראַגע, וואָס גראַד פון זינט די אַרבעטער האָבן באַקומען א מערהייט ביי די וואַלן און האָבן איבערגענומען די לייטונג, האָט ער, דער אַרבעטער־פירער, אָנגעהויבן אַזוי ענערגיש צו אַנטוויקלען דעם פּלאַן פון פאַראייניקונג און האָט אים אָנגעפירט מיט עקשנות, מיט דער כאַראַקטעריסטישער פעסטקייט פון זיין שטאַרקער פּערזענלעכקייט, דורכפירנדיק אין א רעזאָלוציע ביים קאָנגרעס אין לוצערן.

זאָל דאָס זיין א צופעליקייט, וואָס עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן דער זיג פון די וואַלן מיטן פאַראייניקונגס־פּלאַן — אָדער דאָס איז נאָר א לאָגישע קאָנסעקווענץ פון די פאַרהעלטעניש, אַז דער זיגער איז כמעט שטענדיק געניגט אויף הנחות, ווייל זיי, די צייטווייליקע הנחות זיינען דאָך אין עצם משכנות וואָס גאַראַנטירן אין צוקונפט נייע זיגן?...

און כל זמן דער פּתרון אָדער מסקנה איז נאָך פאַרהילט אין שאָטן פון א ספק, רופט דאָס אַרויס א צווייטן ספק, ווי וואָלטן זיך באַציען צו די זעלביקע פאַרהעלטענישן צו דער דאָזיקער פראַגע די אַלגעמיינע ציונים? טראָץ דעם וואָס מיר האָבן בשעתו געהאַלטן די צונויפגיסונג פון די אָרגאַניזאַציעס אין איין גרויסן ציוניסטישן אָרגאַניזם פאַר אן אידעאַל און אפשר זיינען מיר דאָס טאַקע געווען אַזוי גרויסמוטיק און געניגט צו וואַרפן זיך אין די אָרעמס און אַרומנעמען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען נאָך דאַן, ווען מיר זיינען געווען די תקיפים אַלס א מערהייט און די פאַרוואַלטער פון דער לייטונג; צדקה, מילדקייט פון א גביר. עס ווערט פאַרעכנט אַלס א שיינער זשעסט און דורך דעם שטייגט זיין פּערזענלעכקייט און פּאָפּולאַריטעט...

און פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס טאַקע פאַרכאַפּן אין אונזער רשות דעם

מאַנאָפּאָל פון אידעאַליזם, נאָכגעביקייט, בויגעוודיקייט און נטיות אויף צד־פּאַסונגען און הנחות און ניט לאָזן פאַרן צווייטן צד אויך עפּעס?...

עס איז דאָך לאָגישער צו דענקען — און אין דעם פאַל וועלן מיר גיכער צושווימען צו די ברעגעס פון אמת — ווען מיר וועלן דערלאָזן גלייכע מעג־לעכקייטן פאַר ביידע צדדים, ד. ה. שטרעבן צו אחדות, פאַראייניקונג פון כוחות, ווען אָט די אַלע מדות טובות לעבן נאַטירלעך ניט אויפן חשבון פון אָפּגעהאַלטענע נצחונות און געוואונענע פּאָזיציעס, נייערט זיי גייען האַנט ביי האַנט און זיינען אין א געוויסער מאָס א קענגזייטיקע דערגענצונג, א באַפּוצונג ווי שיינע מעבל אין א סאַלאָן...

אלזאָ: נאָר א ריכטיקן חשבון הנפש, א חשבון צדק! לאָמיר אויפהערן צו האַלטן זיך פאַר די פּיאות, שפּרינגען קדוש און זינגען מיט התלהבות „כתר" אימלעכער צו זיין פאַרטיי.

עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען צו אָפּשאַפן די „ראַסן־טעאָריע" אינם ציוניזם — עס מוז סוף כל סוף אויסגעגלייכט ווערן, ניוועלירט די קאַטע־גאָריעס. אלזאָ, אלץ וואָס עס פּאַסירט און איז מעגלעך ביי אונז אַלגעמיינע ציונים איז דאָך דאָס מעגלעך אויך ביי זיי די פאַראייניקטע פּועלי־ציון אָדער ראַדיקאַלער פליגל אינם ציוניזם — בכן איז געווים ניט זייער קלוג און ניט אין גאַנצן אָרנטלעך צו דענקען, און פרעגן קשיות: פאַרוואָס האָבן זיי בשעתו, ווען מיר האָבן פאַרגעשלאָגן דעם איחוד אים אָפּגעוואָרפן און איצט זיינען זיי אזוי פאַראינטערעסירט אין דעם. ווייל איידער צו פרעגן קשיות אנדערע, וועלן מיר בעסער האַלטן דעם אייגענעם דופק און פרעגן פריער זיך אליין, פאַרוואָס האָבן מיר אַמאָל געהאַט אזא שטאַרקן רצון צו דעם און מיר האָבן זיך פּשוט געוואָרפן אויפן האַלז אונזערע שותפים — און וואָס איז דער מער היינט?... זיינען מיר דאָס טאַקע מסכים מיטן גאַנצן הארצן, מיט בן־גוריונס פּלאַן?

איך וויל דערקלערן אין דער עפנטלעכקייט מיט דער גאַנצער קלאָר־קייט און אחריות פון מיין ציוניסטישן געוויסן, אז איך בין ניט קיין אָנהענ־גער פאַר דער צושמעלצונג אין איין שטיק, און אויסמישונג אין איין פאַס דעם ביטל ציוניסטישן ווייַן — ווייל ווייַנען האָבן זייערע אייגנשאַפטן און זיינען פאַרשיידן אין זייער עצם טראַצדעם, וואָס זיי שטאַמען פון די זעלבע טרויבן און וויינגערטנער פון דעם כרם ישראל. יין המשומר, גאָר אַלטער

ווײַן, קען זיך ניט אויסמישן מיט יונגן, ברויזנדן יערנדיקער ווײַן, און אַזאַ מזיגה איז אָפּטמאָל עלול צו פּאַרוואַנדלען דעם ווײַן אין עסיק... איך זאָג זיך אַרויס מיט דער גאַנצער אָפּנקייט, כּדי עס זאָל ניט בלײַבן קיין אָרט און אויך ניט די נויטיקייט צו לייענען צווישן די שורות... איך בין קעגן דעם פּלאַן און זע קיין שום מעגלעכקייטן ניט צו רעאַליזירן אים, סיי טעכניש, אָרגאַניזאַטאָריש, ווי גײַסטיק אידעאָלאָגיש. נאַטירלעך איז דער צווייטער פאַל אויסגעשלאָסן, ווײַל ער גייט דאָך ניט אַרײַן אין פּראָגראַם. איך וואָלט גיכער נוטה געווען צו מסכּים זײַן, אַז עס זאָל פּראָוויזאָריש געמאַכט ווערן אַ פּרוּוו — ווייניקסטנס וואָלט דאָך דאָס געווען אַ שיינער חלום, וועגן וועלכן עס איז כּדאַי צו איינשטעלן אַ סך, פאַר אַ מעגלעכער באַהעפטונג פון צוויי וועלט־אַנשויאונגען, וואָס זײַנען אין עצם ניט סותר איינע די צווייטע, נייערט זיי וואָלטן זיך קעגנזײַטיק אויסגעהאָלפן, פאַרשענערט און עס וואָלט נאָך געקאָנט געשאַפן ווערן אפשר דער שענסטער מאָדעל פון שטאַטלעכקייט, וואָס אָטעמט מיט נביאישן אמת און יושר.

דאָס ווילן דאָך ניט די אַרבעטער — און דאָס איז אויך צופיל באַפליגלט מיט באַחרית־הימים־פליגלען. אין אונזערע צייטן שענקט מען אַ פּרעמיע פון בטלנות פאַר אַזעלכע חלומות. אַלזאָ, אין וואָס וועלן מיר זיך פאַראייניקן? אין וואָס וועט באַשטיין די שותּפות פון דער אָרגאַניזאַציע?

עס איז אָפן, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן דער געשעפטלעכער זײַט, די אַזוינגערופענע בייזנע־התקרבות. די ענטער־ריאַסער יוגנט, וואָס האָט זיך אַזוי וואַרים אָפּגערופן און אַרויסגעזאָגט איר הסכם וועגן דעם, האָט געוויס אַ טעות געהאַט, זי האָט געהאַפט און דערוואַרט אַן אמתע שמחה, — ווייטע קרובים זײַנען זיך משדך און מען ווערט נאָנטע בלוט־קרובים, ביי אונזערע יונגע לײַט האָבן זיך אָנגעהויבן צו הויבן די פיסלאַך, אַן אמתער חסידישער ריקודל. עס ווערט דערציילט אַן אַנעקדאָט, אַז אַן אָרימאַן ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דער חתונה־סעודה האָט ער זיך דערווייל געלייגט שלאָפן און האָט געבעטן דעם סערווירער, אַז ער זאָל אים אויפוועקן צו דער צײַט. און ווען מען האָט אים נאָכהער אויפגעוועקט האָט ער זיך, נעבעך, אַנטוישט. דאָס איז ניט געווען צו דער וועטשערע נאָר צו קידוש לבנה... די ענטער־ריאַסער יונגעלײַט מיינען, אַז זיי האָבן זיך שוין דערוואַרט די סעודה, אַז אַלע וועלן זיך אויסזעצן אַרום דעם ציוניסטישן טיש און מען וועט זיך שפּײַזן פון איין גײַסטיקן מעניו „כסעודת שלמה בשעתו"; איר האָט אָבער

א גרויסן טעות. דאָס לאַדט מען אייך איין נאָר אין קיך צו שיילן קאַרטאָפל, טראָגן וואַסער און האָלץ... אָבער די משפחות, ווען זיי וועלן אפילו זיצן ביי איין טיש — וועלן אויך דאָן נוצן באַזונדערע טישטוכער און טעלער, גאָפל און לעפל.

אינם פּראָגראַם פון דעם פּלאַן ווערט געזאָגט בפירוש, אַז אין אידעאָלאָגישע אויפפאַסונגען און ליניעס בלייבט איטלעכע פּאַרטיי ווי פריער. פאָלגלעך, האנדלט זיך דאָ נאָר וועגן דורכפירן די קרנות מיט פאַראייניקטע כוחות, און נאָר אין דער דאָזיקער ריכטונג דאַרף פאַרשטאַנען ווערן דער געפּלאַנטער פּראָיעקט וועגן אן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע און ניט נאָר אין ציוניסטישע ענינים, אויפפאַסונגען פון אידישקייט, טראַדיציעס, עטיק, דערציאונג און שול-וועזן, און במילא אויך די פּראָפּאַגאַנדע וועגן די קרנות, וואָס מוז באַלויכטן ווערן מיט באַזונדערע רעפלעקטאָרן און שטראַלן, נאָר אַפילו געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע ענינים ברענגען אויך זייערע סאָציאָלאָגישע דיפערענצירונגען.

אלזאָ, אלע מסכנות פירן צו דעם, אַז עס ווערט דאָ געמיינט נאָר וועגן דעם, אַז מיר זאָלן שאפן אן ארבעטס-פּאַקט, א הסכם וועגן די פאָנדן, אריינברייגגען אן אָרדנונג און פּלאַנמעסיקייט, אַז איין פאָנד זאָל ניט קאָנקורערן דעם צווייטן; אויסמיידן דעם לעכערלעכן קאָנצעפּט פון „אונזערע" און „זייערע". קיינער קען ניט אָפּלייקענען די וויכטיקייט פון אַזאַ רעאָרגאַניזאַציע, דאָ האנדלט זיך אָבער וועגן דעם אופן, און וועגן טעכנישע און פּאָליטישע מעגלעכקייט.

עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז די כונת המחוקק פון דעם פּלאַן פון בן-גוריון, איז ניט אין דעם דורכשניטלעכן זין ווי דאָס קען פאַרשטאַנען ווערן אויבערפלעכלעך.

דאָ האנדלט זיך געוויס ניט וועגן דעם געוויינלעכן אופן פון א בשותפותדיקער אַקציע אויף יסודות, ווי עס פירט זיך ביז היינט אין פוילן און אפשר אויך אין אנדערע לענדער, וואו די פועלי-ציון זיינען שוין לאנג פאַרטראָטן אין די קרן-היסוד-קאָמיטעטן, פונקט ווי דאָ אין לאַנד אין קרן-קימת. (אין קרן-היסוד איז געמאַכט געוואָרן מיט יאָרן צוריק פרואוון און עס איז דורך זיי אָפּגעוואָרפן געוואָרן). בכן איז קלאָר, אַז דאָ מיינט מען ניט וועגן פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט נאָך די כוחות,ביישטייערער און עסקנים,

נאָר עס וועט פאַרשטאַנען, אַז דאָ דאַרף דורכגיין די גאַנצע פּראָצעדור פון וואַלן און שוקלים, ד. ה. ניט די עפעקטיווע כוחות פון געלט און אַרבעט, נייערט דאָ שפּילט די דעצידירנדע ראָל די פלינקייט פון די פיס; די דינאַמישקייט פון וואַל־פּראָפּאַגאַנדע און ווער עס וועט קענען באַווייזן צו צונויפקלייבן און ציען מער שטימען, שקלים־צאָלער, וועט פּאַקטיש איבערנעמען די אַרבעט פון די קרנות און אַלס א תוספת־כתובה די לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פּרעסטיזש, און השפעה אין גאַס. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיר ציונים כללים וועלן בלייבן מחוץ פונם ווירקונגס־קרייז און השפעה אין גאַס און געזעלשאַפט, טראָצדעם וואָס מיר זיינען דאָך אין אַלע פאַלן א באַדייטנדע מערהייט, אפילו לויט די מיינונגען פון די, וואָס ווילן אונז פאַרקלענערן אויך אין כמות, און אָפּגערעדט וואָס אין באַצוג צו תרומות און אַרבעט זיינען מיר דאָך אַן אַבסאָלוטע מערהייט אפילו נאָך דער דעה פון די וואָס ווילן פאַרגרעסערן זייער קוואַנטיטעט.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? דאָס איז שוין א באַזונדער פראַגע, דורך דעם הערט אָבער דער פאַקט ניט אויף צו זיין א פאַקט.

איך מיין, אַז פּרעהס חלום איז מער לעבנספאַקט ווי א מעטאַפאָרע. „די זיבן מאָגערע קי האָבן אויפגעפרעסן די זיבן דיקע”. די מאָגערע זיינען גרינג, באַוועגלעך און דינאַמיש, דאָס איז זייער פאַרדינסט, די דיקע, פעטע, זיינען שווער און אָפּגעלאָזן ווי אָנגעפּילטע זעק און דעריבער ווערן זיי איינגעשלונגען, און דאָס איז זייער שטראָף, דאָס איז מער רעאַליטעט ווי חלום. דאָס איז א היסטאָרישער געזעץ. א חלום איז טאַקע יעקבס וויזיע וועגן לייטער: „סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה”, א לייטער מיט שטאַפּלען ביזן הימל און מלאכים קלעטערן איבער אים, דאָס איז געוויס א חלום... וואָס עס איז רעאַל אין אונזערע צייטן, מיין איך, אַז מענטשן זאָלן קריכן איינער דעם צווייטן איבערן קאָפּ...

מיר וואָלטן געמוזט איינגיין אויף גרויסע הנחות, אפילו ווען מיר וואָלטן באַדאַרפט ממעט הדמות זיין און אָפּרייבן א שטיק צורה פון אונזער פּרעסטיזש מטבע, אויב נאָר אַזוי פאָדערט דער קאָנגרעס און דאָס דינט לטובת דעם ציוניזם. דאָ האַנדלט זיך אָבער וועגן „זיין אָדער ניט זיין”, מיט אַנדערע ווערטער, אַז מיר זאָלן אין גאַנצן באַזייטיקט ווערן אַלס א יש אין דער אָרגאַניזאַציע און ווערן אַן אַבסטראַקציע. און אפילו דער יחיד קען

אויף דעם ניט מסכים זיין, פונקט ווי מען איז ניט מסכים אויף א מיתה בנשיקה, א גרינגן טויט בבחינת — „ברור לו מיתה יפה" ווייל דאָס איז דער רואין פון דעם ציוניזם. און ווי עס שיינט, פאַרשטייען דאָס אויך די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס.

לויט מען גיט איבער, האָט בן־גוריון אין פאַריז געזאָגט שטרענג: „איר ווילט אָדער איר ווילט ניט, דער פּלאַן וועט מוזן פאַרווירקלעכט ווערן". אַזעלכע שווערע און האַרטע ווערטער פון אַזא פירער ווי בן־גוריון זיינען נאַטירלעך אַרויסגערופן געוואָרן אלס א רעאַקציע קעגן דעם ווידערשטאַנד פון דער ציוניסטישער מחנה פון אלע שאַטירונגען.

איך האַלט, אַז עס איז א חוב פון אונז צו מאַכן א פּרואוו — צונויפקומען זיך ביי א רונדן טיש און דורכקומען אויף דער באַזע פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט. אפשר וועט דאָס אונז געלינגען אויף אַזא אופן צו פאַרבינדן זיך און צוגעוואוינען זיך צו אַרבעטן צוזאַמען. נאָר אויב אויף דער באַזע פון וואַלן און שקל־צאָלער, האָבן מיר זיך ניט פּאַרוואָס צו איילן, אויב דער קאָנגרעס אָדער אקציאָנס־קאָמיטעט וועט אונז נויטן, דאַן האָבן מיר דאָך קיין אַנדער ברירה נישט, קריכן אָבער אליין אין פייער איז קעגן די גרונט־אינסטינקטן פון דעם „ובחרת בחיים"...

אשמנו מכל עם

עס האָבן זיך שוין פאַרענדיקט די ימים־נוראים מיטן גאַנצן הרת עולמ־דיקן האַרמידער, די ימי הדין פון אונזערע באַי עולם, די גאַנצע פּראָצעדור פון די נויטיקע פאָרמאַליטעטן, די כתיבה והתימה און אפילו די גמר חתימה, ד. ה. די פּראָטאָקאָלירונג און אונטערשריפטן פון די בני מרון, די רואי חשבונות, און די אָפּשטעמפּלונג פונם העכסטן נאָטאַריוס, לויטן אָנגענומע־נעם שאַבלאָן ווי עס פירט זיך ביי די מלוכות, אין דער מלכותא דארעא, ווי אין דער מלכותא דרקיעא. און דווקא איצט, שוין נאָכן גאַנצן טומל, איז לייכטער צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די איינדרוקן און אינם פּלאָנטער פון די סתירות און נשמה־קאָנפליקטן. איך דענק צו ברענגען זיי שוין פאַרטיקע, אויסגעשיילטע פון דער גראָבער שאָלעכץ פון דער ווירקלעכקייט, פאַר דער סאַנקציע פון די לעזער.

איך וועל אויסנוצן אָפּאָרטוניסטיש די ווייכערע שטימונג, וואָס איז ביי מיר געשאַפן און אויסגעקאָכט געוואָרן אויפן איידעלן פייערל פון שבת־שבתונדיקייט, וואָס איז מער מסוגל פאַר אַ קלאָרערן פּסיכאָ־אַנאַליז.

איך דערקלער אָפן, אַז איך בין מער סנגור פון דער מלכותא דרקיעא מיט אירע פּאַזשאַנדקעס, ווי פון די געזעצן פון דער מלכותא דארעא, וואָס איז אין עצם אַ נאָכמאַכונג און אַ שלעכטע קאָפּיע וואָס די יושבי חושך וצלמות האָבן געמאַכט.

וואַרשיינלעך איז אַזוי מיין באַציאונג, נישט אַזוי פיל אַלס דירעקטער אָנהענגער פון דער ערשטער, ווי אַלס קטיגור פון דער צווייטער, ד. ה. פון אונזער ערדישן זינדיקן וועלטל, און אַלס רעאַקציע צו דעם דאָזיקן וועלטל האָב איך זיך מער פאַרטראַכט אין דער העכערער גייסטיקער קעניגרייך פון מלכותא דרקיעא, אינם זין פון אירע לעגיסלאַטיווע פּרינציפּן. און זאָל מיר פאַרגעבן ווערן מיין געוואַגטקייט. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זייער ווייניק מענטשן פאַרשטייען צו אינטערפּרעטירן די ריכטיקע באַ־דייטונג פון דער מלכותא דרקיעא־קאָנסטיטוציע, און אפילו נישט די דאָ־

זיקע וועלכע האָבן מאַנדאַטן־קאַרטעס אלס אירע סענאַטאָרן, ווי עס זיינען צום ביישפּיל די נביאים פון דער היגער פּאַסאַ־שיל, וועלכע האָבן געמיינט, אַז מיטן פאַרבאָטן צו שטעלן קערות ערב יום כפור האָבן זיי פאַרטראָטן די דירעקטע אינטערעסן פון איר עקסעלענץ, די פמליא של מעלה.

אגב, וויל איך דאָ מאַכן אַ מסירת מודעה, אַז איך בין ווייט פון גרינג־שעצן די באַמיאונגען און גוטע כוונות פון די דאָזיקע עסקנים, אָפּגערעדט פון דער אומדיסקוטירבאַרער נויטיקייט אין דער עקזיסטענץ פון דער אינ־סטיטוציע זעלבסט, פּונקט ווי עס איז אויך אומדיסקוטירבאַר דער תהום וואָס צעטיילט, אין דעם פאַרגלייך, צווישן פּאַסאַ־שיל און די שילן פון אונ־זער אַלטער היים, הגם יענע שילן האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט זייער אויסערלעכן אַספּעקט, מיט דער אַרכיטעקטור, דעקאָראַציעס, און גלאַנץ פון די בגדי השרד, פון דעם כאַר לויים, אויך האָט זיך דאָרטן געפילט אַ מאַנגל אין אָרדענונג און דיסציפּלין, עס האָט געהערשט צופיל דעמאָקראַטישקייט און פרייער צוטריט צום „המלך", צום „יושב תהלות ישראל" און במילא אַ פרייער אַריינטריט פאַר איטלעכן דורשטיקן נאָך גאָטס וואָרט, אָן בילעטן און אַפילו אָן דעם נויטיקן שטוים אין זייט פון די שומרי הסף פון גאָטס הויז, פאַרקנעפּלט אין אוניפאָרמעס פון שינעל־געוואַנט, און נישט פון מראה־כהנדיקן אויסזען.

איך מוז אָבער צוגעבן, אַז אַפילו מ י ר, אידן מיט אַ מאָדערנער אויפפאַסונג פון זאַכן, וועלכע האָבן אַ באַציאונג צו אָרדענונג און עסטעטיק, האָבן דאָך געפילט מער יראת הרוממות אין יענע שילן, און מער באַרעכטי־קונג צום אויפגעשריבענעם טעקסט איבערן ארון קודש, וואָס פעלט אויך נישט אין פּאַסאַ־שיל, „מה נורא המקום הזה"!

די אורזאַך פון דעם ליגט אין דער היגער פּאַרטאַראַמטקייט און צו פיל זאָרג פאַר דער געזעלשאַפטלעכער זייט, מצד די עסקנים. „צוליב די בוימער זעט מען נישט דעם וואַלד", זאָגט דער רוס, זיי זיינען צופיל פאַר־נומען מיט די עליות און נדרים פאַר דער אייביקער אינסטיטוציע, מוז מען דאָך אַכטונג געבן אויף דער בוכפירונג און פאַרצייכענונג פון די זעלבע, אַז די בעלי חובות זאָלן שפּעטער נאָך יום־טוב נישט לייקענען זייערע ביי־שטייערונגען (אַזעלכע עבירות טרעפן זיך דאָ אויך).

אגב, דאַרף דאָ פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דער ענין פון שרייבן ווערט דאָ דורכגעפירט נישט חס ושלום פון זיך אַליין, נייערט דורך גויאישע שלוחים, דאָס איז דער חסד לאומים, וואָס זיי, די בני אדם פון די אומות העולם ווייזן

ארויס צו אונז ביום דין, זאָל דאָס פאַררעכנט װערן אויף זייער חשבון אין דעם עומק הדין. אפשר איז טאַקע פאַראַן אַ רמז אויף דעם אין דער פאַר־זעצונג פון „ונתנה תוקף", װאָס איז „בראש השנה יכתבון"? ד. ה. אַז זיי, די גויים מעגן זיך במחילה מטריח זיין און מיט אַ בלייפעדער פאַרשרייבן אונזערע חשבונות, זיי זיינען ברוך השם גענוג אויסגערוט, נישט זיי דאַ־װענען און נישט זיי פאַסטן, עס װעט פון זיי גאָרנישט אָפּפאַלן.

װי געזאָגט, זיינען אונזערע עסקנים צופיל פאַרטאָן און האָבן נעבעך נישט קיין צייט אויף צו הערן נישט די קריאת התורה און נישט די הפטורה. עס איז געװיס אַ שאָד, זיי װאָלטן עפּעס געקענט לערנען פון דעם, און פון אַ אידן אַ פּקח, װי ישעיה, מעג מען זיך לערנען. ער זאָגט מיט סאַרקאַסטי־שער איראָניע „ואותי יום יום ידרשון ודעת דרכי יחפצון", זיי קלאַפּן מיר אין קאָפּ מיט די תפילות און פיוטים פונקט װי זיי װאָלטן מיר װעלן פאַר־שטיין; זיי פּיעשטשען זיך „למה צמנו ולא ראית?" מיר פאַסטן דאָך נעבעך און װאו איז דיין איינזעעניש מיט אונז? און ער ציט זיין מסקנא װייטער „הלא זה צום אבחרהו", און זאָגט װייטער:

„עניים מרודים תביא בית, ותפק לרעב נפשך, ונפש נענה תענה, ומבשרך לא תתעלם". ער זאָגט, אַז נישט אינם עצם תענית גייט דאָס, עס איז װייניק װאָס דיין האַרץ ציט אין דיר, חלשסט אונטערן האַרץ־ברעט פון הונגער, נייערט דיין האַרץ זאָל זיך אָפּרופן אויף די נויטן פון יחיד װי פון צבור, פאַרשטיי דיין פליכט צו יתומים און אלמנות, צו קראַנקע און ליידנדע, צו אונזערע נויטיקע אינסטיטוציעס, לאָקאַלע װי נאַציאָנאַלע, און נאָר דאָס איז דער שענסטער אויסדרוק פון אידישקייט און בעסערע מענטשלעכע גע־פילן.

טיילן צדקה אום ערב יום כפור אין די קערות, איז נישט קיין שנאָררעריי. צדקה הייסט גערעכטיקייט, פליכט, סאָציאַלער יושר, דאָס איז דער עלע־מענטאַרסטער יושר און קוים טיילװייז אַ פאַרגיטיקונג פאַר דאָס אומרעכט, װאָס געפינט זיך אינם עצם פון מענטשלעכער נויט. עס װאָלט קיין אומגליק נישט געװען, װען אויף דעם חשבון װאָלטן אפילו אַ פּאָר אידן פאַרשפּעטיקן אַ האַלבע תפילה זכה.

די קאָנסטיטוציע פון מלכותא דרקיעא איז זייער אַ ליבעראַלע, מען דאַרף נאָר װעלן זי טיפער פאַרשטיין. איך װעל זיך באַציען צו איין רעג־לאַמענט, װאָס איז כאַראַקטעריסטיש און װאַרפט אַ שיין אויפן גאַנצן צו־גאַנג און די אויפפאַסונג פון די הימלישע באַהערדן, װיפל מענטשלעכעס

עס איז פאראן אין דעם הימלישן. עבירות שבין אדם למקום, יום הכפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחברו, אין יום הכפורים מכפר. עד שיפייס את חברו.

עבירות פון מענטש קעגן גאט ווערן ליקווידירט דורך יום כפור זעלבסט, ד. ה. אן אפעלאציע צום „ונתנה תוקף" און א פעטיציע צום „אמרו לאלהים" און די פראגע איז געלייזט; אבער עבירות פון מענטש קעגן מענטש זיינען שוין אנדערע קאטעגאריעס, דא מוז שוין קומען א פארשטענדניש, אן אויס־גלייך פון קוויטונגען מיט מענטשלעכע ווערטן און הסכם.

א פאר ווערטער וועגן אן ענין, וואס אין פלוג האט נישט צו טאן די־רעקט מיט די ימים נוראים, אבער וואס איז נוגע דעם וועזן פון אונזער גע־זעלשאפטלעכן לעבן און עס איז דעריבער נויטיק צו אונטערציען דעם בא־לאנס און אפגעבן זיך א חשבון צדק.

איך וויל זיך דא באציען צום לעבן פון אונזערע אינסטיטוציעס, זייער עקזיסטענץ, פארוואלטונג און לעגיטימער פארטרעטערשאפט, אויף וויפל זיי זיינען א כשרע געבורט פון אמתן פאלקס־ווילן, פון פרייע וואלן און נישט קיין ממזר־קינד פון הפקרות, פארגוואלטיקונג פון דעת הקהל דורך דעמא־גאגיע פון א צעווילדעוועטן עולם. תיכף נאך יום כפור איז פארגעקומען די אויסערארדנטלעכע גענעראל־פארזאמלונג פון דער בוענאס איירעסער „חברה קדישא". די עלטסטע, גרעסטע און וויכטיקסטע אינסטיטוציע, סיי צוליבן צוועק פון ארגאנישע הויפט־מאטיוון, וואס פאראייניקט איר גרויסע מיט־גלידערשאפט, אן אויסנאם פון סאציאלע שיכטן, ווי צוליב אירע — אין וועג פון אנטוויקלונג אויסגעברייטערטע און פון לעבן ארויסגערופענע — צוועקן פון סאציאלער הילף און וואוילטעטיקייט, די פאקטישע קהילה, הגם איצט נאך אין כאאטישן מצב, אבער די צוקונפטיקע אין אן ארגאניזירטן צושטאנד.

עס איז כדאי צו אפשטעלן זיך נאר אויף דעם צוליב די, וואס זיינען אליין נישט בייגעווען דעם שענדלעכן ספעקטאקל, פאר די וואס זיינען גע־ווען צושויער פון דעם טראגי־קאמישן טעאטער־שטיק, איז עס איבעריק... עס איז געווען דער איינדרוק, אז די אלע מעשים, וואס מען האט געזען אין טעאטער פאסטער אין לאקאל פון דער חברה קדישא, זיינען דאס טאקע די קאלעקציע „על חטא", וואס די מתפללים האבן ארויסגעקלאפט דורך די קלעפ אין הארצן אין יום כפור. ווען מען לויפט דורך די על חטאן אין סידור אדער מחזור, מאכט עס אפט אן איינדרוק, אז דאס איז מער א קאמ־

בינאַציע חרוזים געשריבן לויטן אלף בית, ווי מעגלעכע באַגאַנגענע חטאים דורך מענטשן; אָבער די אסיפה פון דער חברה קדישא האָט זיי באַשטע־טיקט און געגעבן זיי אַ סאַנקציע, עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ עולם, וואָס בלאָפט נישט אין אַזעלכע ענינים און קאָן זיין אַ ליפערער פון חטאים, וועלכע קענען קאַטאַלאָגירט ווערן אַפילו אין דריי אלף־ביתן.

עס איז כדאי צו אָפּשטעלן זיך נאָר אויף די מער בולטערע, דאָס זייַ־נען: „טפשות פה" — סיי פון אייניקע רעדנער און סיי פון די וואָס האָבן געטומלט און פאַרשריען די רעדנער און נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, ווען עס האָט נישט געלוינט; „ריצת רגלים להרע" — די אויפפּאַסער פון סאַלאָן, וועלכע זייַנען אומגעלאָפן צו געבן באַפעלן דער מאָביליזירטער גוואַרדיע, ווען זיי זאָלן שאַלן, ווען מען דאַרף אַ תרועה און ווען עס איז נויטיק אַ תקיעה גדולה, אָדער ווען מען קען זיך באַגיין נאָר מיט אַ שברים תרועה. ווען נישט די פּאָליציי וואָלט געווים געקומען צו דעם על חטא פון „הרמת יד"; „מאכל ומשתה", — איז געוועזן איידער מען איז געגאַנגען אין סאַלאָן און נאָכער נאָכן גרויסן נצחון, מ׳שטיינס געזאָגט... נאָר אַזאַ נצחון קען דערפירן צו אַ פולשטענדיקן חורבן פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב געזען, ווי איינער פון די אויפזעער האָט מאַנאָפּאָליזירט דעם קריצת עין, ער פלעגט געבן סיגנאַלן צו דער חברותא דורך אַ פינטל מיטן אויג, די קאַפּעליע האָט אים פאַרשטאַנען, די מער גאַנגבאַרע חטאים זייַנען געוועזן לצון, שקר, כזב, מרמה, מיטן פּאַניר פון עזות מצח.

איך קאָן אַן עלטערן אידן, שוין איבער אַ בן ששימדיקער, וועלכער האָט באַמערקט מיט אַ ביטערער איראָניע, אַז מער וועט ער שוין נישט באַזוכן אַזעלכע פאַרזאַמלונגען, פשוט צוליב מורא, ווייל ער גאַראַנטירט נישט פאַר זיך, אַז נאָך אַזאַ ענלעכער באַזוך זאָל אים נישט טרייבן צו שמד, און בייַ זייַן עלטער קען מאָל נישט קלעקן קיין צייט אויף צו ווערן צוריק אַ איד.

אויף וויפל אַזאַ באַהויפּטונג איז פּאַראַדאָקסאַל אין איר בוכשטעבלעכן זין, אויף אַזוי פיל איז דאָס אמת און כאַראַקטעריזירט דעם פייַנלעכן אייַנ־דרוק, וואָס די אָפּערע האָט געמאַכט אויף איטלעכן אָרנטלעכן מענטשן, און עס האָט זיך געוואָלט אויסשרייען — „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור!"

נישט אָרנטלעכע וואָלן בייַ שטאָטלעכע רעגירונגס־אַפּאַראַטן זייַנען גע־וואָרן דער לעבנס־שטייגער און קראַנקער סימפּטאָם פון אונזער צייט, נאָר דאָרטן, ווייניקסטנס, ווערט דאָס באַרעכטיקט אַלס קאַמפּס־מיטל, און דאָס

זיינען דאָך די כלי־זין פון מלחמת החיים, מיט אַלע געמיינהייטן און שפלות, וואָס מלחמות בכלל אַנטהאַלטן אין זיך. פּסלנות און וואָכעדיקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן זיינען דאָך שטענדיק געווען אירע באַגלייטער.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל, ווען די דאָזיקע צוויי נישט גערופענע געסט פאַרקלייבן זיך אין אונזער יום־טוב און שבת פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין דער אַטמאָספער פון דער שכינה און נשמה יתירה, וואו עס דאַרף זיין ריין און זויבער.

אין דעם פאַל פאַרגנבעט זיך אַ ספק, און אפשר זיינען מיר ערגער מכל אומה ולשון, און מיר פאַרשאַכערן אונזערע לעצטע אַקציעס, מיר פאַרזעצן אין שענק אונזערע שבתדיקע מלבושים צוזאַמען מיט די בענטש־לייכטער.

איך זאָג זיך אָפּ פון דער עקספּערטיזע איבערן גאַנצן ענין, נישט אין די פּראַקציאָנירטע טיילן און נישט אפילו וועגן דעם שווער־פּונקט פון די געשעענישן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם פּולמוס, וואָס דערגייט פּשוט צו שנאה פון איין טייל צו דער צווייטער פון די קריגערישע מחנות אינם קריגס־טעאַטער, אַ שלאַכט אויף טויט און לעבן אין אונזער געזעלשאַפט.

ניט עס איז מעגלעך צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם גרויסן טומאַן און אין דעם פּולווער־רויך פון ביידע — צווישן זיך מלחמה־פירנדיקע צדדים, און נישט עס איז מעגלעך אַרויסצוטראָגן וועלכן עס איז אורטייל, ווער פון די צדדים איז מער גערעכט, ריכטיקער געזאָגט — ווייניקער אומגערעכט, ווייל דער באַגריף גערעכטיקייט איז דאָ בכלל אַ פאַרבלאָנדזשעטער אימיגראַנט אָן אַ פּאַספּאָרט.

איך באַצי זיך נאָר צום אַלגעמיינעם אַספּעקט, צו די קאַמפּס־מיטלען, קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען, פאַרשפּרייטע לעגענדעס, בלבולים, פּראָפּאַגאַנדע דורך ידידי אהובי בריוולעך אין דער עפנטלעכקייט, סיי דורך צייטונגען און סיי דורך לופט־פּאָסט, ד. ה. דורך פלוג־בלעטלעך, מגלות עפות אין אַ פאָרם פון שיינער ליטעראַטור, און כדי בזיון וקצף!!!

אידן און אידישקייט
אויף דער גרויסער וועלט

•

„צוריק אין געטאָ"

„צוריק אין געטאָ" איז געוואָרן דאָס לאָזונג און וואנדער־וואָרט, וואָס בלאָנדזשעט און וואָגלט אַרום איבער אַלע אידישע ישובים, ווי דער „אייביקער איד"; ווערטער וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־באַגריף, אין אַ פּאַראָלע, וואָס נויטיקט זיך ניט אין קיין פּירושים, פּונקט ווי עס איז קלאָר פאַר אַלעמען דער באַגריף „גלות", אָדער „גלות השכינה". די דאָזיקע ווערטער זיינען אַנאָנים: ניט מ'ווייסט און ניט מ'דאַרף וויסן דעם נאָמען פון מחבר, וואָס האָט געשאַפן דעם דאָזיקן באַגריף. ער געהער צו דעם שיפּ־רידרטן שריפט, וואָס איז אָנגעשריבן אויף דער וואַנט: „מנא מנא תקל ופרסין", און וואָס מער אומבאַוואוסט עס איז דער מחבר, אַלץ מער אמת איז דער אינהאַלט פון די שריפטלעכע לאָזונגען, אָדער באַפליגלטע אַפאָריזמען, און מעכאַניש, פון זיך אַליין ווערן אַנטדעקט די מחברים... דאָס איז דאָס לעבן אַליין, אונטער דער דיקטאַטור פון דעם געוויסן פון נאַציאָנאַלן געניוס.

אין אַן אויסצוג פון פּאַריזער „היינט" ווערט געבראַכט, אַז אין פּאַריז איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ דיסקוסיע־אָוונט אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די בוימל און זעמל־מעל פון דער אַמאָליקער אידישער גוואַרדיע אין רוסלאַנד: אינטעלעקטואַלן, שרייבער, דיכטער, היסטאָריקער און עסקנים פון העכערן פאַרנעם, ווי: טשעריקאָווער, איינהאָרן, דר. שטיינבערג, עפּרויקין, א. מענעס, דר. סינגאַלאָווסקי א. אַ.

די וויכוחים האָבן זיך דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה. עס האָט פון זיי געבליצט מיט טיפער אידישער מחשבה און זאָרג פאַר דעם אידישן פאַרצווייפלטן מצב אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָליטישער לאַגע אין אייראָפּע בכלל, און אַלס רעזולטאַט — אונזער אידישע אומדערטרעגלעכע לאַגע, דורך דער אידן־אויסראָטונג ביז פאַרניכטונג פון די טאָטאַליטאַרע רויבערישע מלוכות וואָס פאַרשפּרייטן זיך כמעט איבער דער גאַנצער וועלט, און אין

צוזאַמענהאַנג מיט דעם, אַלס לאָגישע מסקנא, אונזער פיינלעך געפאַלענער מוט, פאַרלוירנקייט און אומבאַהאָלפנקייט. ווי שטענדיק ביי אַזעלכע פאַלן, וואַקסן אויס פאַרשיידענע עצות און רעקאָמענדאַציעס פון וואָרט־זאָגער, דאָקטוירים, גרויסע מומחים, און אַמאָל אויך פון רופאי־אליל, פון פעלדשער־רעס, אָדער ווי מען זאָגט פון באָבסקע רפואות. וואָס איינע פון זיי איז: „צוריק אין געטאָ” אַלס תרופה צו הויבן דעם מוט!

די דאָזיקע טעמע איז געווען די אַקס ארום וועלכער עס האָבן זיך גע־דרייט די וויכוחים.

פון די דיסקוטאַנטן זיינען אייניקע געווען פאַר און אַנדערע קעגן. איט־לעכער באַזונדער האָט פיל בייגעשטייערט צו דער באַראַטונגס־דיסקוסיע מיט טיפע גערדאַנקען, באַלערנטקייט און איבערהויפּט מיט געפיל און סענ־טימענט. וועגן אונזער קיום און גייסטיקע זעלבסט־דערהאַלטונג, אַז די מי־זעראַבלע רדיפות און דערנידערונגען זאָלן אונז ניט וואַרפן אין תהום פון גייסטיקן אונטערגאַנג און טאַקע אין דעם לעצטן פונקט פעלן קלאָרקייט און אָריענטאַציע אין דעם עצם־באַגריף וועגן דעם „צוריק אין געטאָ”.

די פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן צו פיל אַקאַדעמיש, דורך פאַכמע־נער היסטאָריקער, וועלכע האָבן איר געוואָלט באַהאַנדלען אין דער שיין פון היסטאָריע: וואָס אַזוינס ווערט פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט „געטאָ”, אָנ־הויבנדיק פון דער געטאָ פון אוראַלטע צייטן, ביז די לעצטע פעריאָדן ביז דער אַנטשטייאונג פון דער עמאַנציפּאַציע, ווען עס איז צעשטערט געוואָרן די געטאָ באַסטיליע. און אין אַלע פאַלן קומען אייניקע צו דער מסקנא, אַז מיר זיינען וועלט־מענטשן: דאָס אידישע פאָלק איז דער פולשטענדיקער ווי־דערשפּרוך פון אָפּזונדערן זיך. אידן זיינען די טרעגער פון וועלט־אידעען און אויך די באַרופענע זיי צו דורכפירן אין לעבן. פאָלגלעך וועלן מיר מועל־בשליחות זיין מיט דעם צוריקגיין אין געטאָ.

עס זיינען אויך געווען מיינונגען, אַז די געטאָ האָט מער פּאָזיטיווע זייטן, ווי נעגאַטיווע; אַז מען דאַרף זיך איזאָלירן פון דער איצטיקער שלעכ־טער און זינדיקער וועלט, כדי צו דערהאַלטן די ריינקייט און מאָראַל, אַלס מורשת־אבות. דאָס זיינען געווען עקסטרעמע מיינונגען פון דיכטער, היס־טאָריקער און סתם געלערנטע מענטשן, ווייל מענטשן קענען דאָך ניט אַרויס פון דער אייגענער סוביעקטיווּיטעט און שטימונגען און פון דער אייגענער גייסטיקער וועלט. צוויי פון זיי, די עסקנים וואָס האָבן אַ שטענדיקן באַרי־רונגס־פונקט מיטן לעבן: ה׳ עפּרויקין און דר. סינגאַלאָווסקי, זיינען צוגע־

גאנגען צום ענין פשוטער און דירעקטער און האבן געשאפן א סינטעז פון דער טעזע און אנטיטעזע.

זיי האבן סיסטעמאטיזירט און אריינגעבראכט ארדענונג אין דעם געטא גופא. זיי האבן אים גערייניקט פון דעם פסולת און געמאכט פון אים ריינע זעמל־מעל. לויט זייער צוגאנג צו אים, מיינט עס אריבערגיין אין דער אייגענער וועלט, אויסלעבן זיך גייסטיק פאר זיך אליין, ניט לערנען די וועלט, נאר לערנען זיך אליין. און אויב די וועלט וויל זיך אפלערנען עפעס בעסערס און ריינערס, איז געזונטערהייט. און אויך, זיך ניט איזאלירן פון וועלטלעכקייט, וואס איז שטענדיק געווען א מזיגה פון אונזער לעבן. מען דארף זיך נאר צייטווייליק אפטיילן פון דער וועלט, ווייל די וועלט אליין איז ניט וועלטלעך, נאר זי איז ווילד און קערט זיך צוריק צו איר פרימיטיוון צושטאנד, לויט א דארוויניסטישן סדר היוחסין, אדער ריכטיקער געזאגט, צו די קאנצעפטן וואס זיינען מיט א פאר מיטוואכס עלטער פון דארוויניזם, לויט דעם תלמודישן מאמר: „אדם הראשון קוף היה", דער פרימיטיווער מענטש, איידער ער האט דורכגעמאכט זיין עוואלוציע־פראצעס איז געווען א מאלפע (דאס האט געלערנט איטלעכער דורכשניטלעכער מענטש אין א פשוטער רש"י)...

ווי געזאגט, איז דער אויבנדערמאנטער דיסקוסיע־אוונט געשטאנען אויף א הויכן קולטור־ניוואַ פון דענקען און אידיש־עטישער אויפפאסונג, און קען דינען פאר א היסטארישן דאקומענט פון מענטשלעכער און אידישער חשיבות און אחריות: זארג פאר אונזער צוקונפט און קיום אלס פאלק, פון הויכע שטרעבונגען און פרעטענזיעס פון „נצח ישראל לא ישקר" און טראץ די דיאמעטראלע, פארשיידענע ליניעס וואו די רעדנער זיינען זיך צעגאנגען, איז אבער געווען א פאראייניקונגס־בריק, וואו עס האט זיך געמערקט אחדות און איידעלער טרויער פון דער קלאסישער בענקשאפט פון „אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם", פון אייביקע עמיגראנטן און נע־ונדניקעס... און איטלעכער טיפערער לייענער, ווען ער איז אפילו ניט איינשטימיק מיט זייערע מסקנות, זוכט ער אויף דעם אמת און זייער פאראייניקטן רצון און כוונות זיך צו פארזאמלען אין אן עת־צרה און ארויסריידן זיך פון הארצן, טרייסטן און מוטיקן, זיך און די צוהערער.

איך וואג ניט מסכים צו זיין מיט דעם ציגאנג צו דער עצם־פראגע פון דעם רוף „צוריק אין געטא", און ממילא זיינען ניט ריכטיק די היסטארישע דעפיניציעס פון דעם היסטארישער טשעריקאווער, אז ניט שטענדיק איז גע־

ווען די געטאָ אַ סימן פון שענדלעכער איזאָלירונג, נייערט עס איז געווען אַמאָל אַ היסטאָרישער מאָמענט וואָס דער געטאָ איז געווען אַ פּריווילעגיע. עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז דער פאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט אונז איז דאָס ניט געווען, דערפאַר, וואָס מ'האָט אונז געוואָלט געבן אַ בכבודיקן אויבנאָן, און עס איז אויך ניט אַקטועל און עס קען ניט דינען אַלס פּאַראַלעל דער פאַקט, אַז אין 16־טן יאָרהונדערט האָבן אידן פאַרלאַנגט אַ געטאָ, דאָס הייסט נאָר, אַז עס זיינען געווען צייטן און סיטואַציעס וואָס זיינען געווען ערגער פון דער שטראָף „געטאָ", און גראָד דאַן ווען אידן האָבן געוואוינט אויסגעמישט מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג. זיי זיינען געווען הפקר פאַר אַלע באַנדיטן און לומפּן, סיי פון אַנגערייצטן פעבל, סיי פון די קלעריקאַלע איבערפאַלער און האָבן זיך געשטיצט נאָר אויף דער הילף פון קעניג אָדער פון זייערע פירשטן, מישטיינס־געזאָגט, שוין איינמאָל אייזערנע ווענט! און שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן מער סטאַביל די געזעצלעכקייט און שמירה פון די רעגירונגען, האָבן אידן פאַרלאַנגט אין אייניקע מדינות באַזונדערע ערטער, כדי זיך אויסצורוען און ניט ווערן געשטערט... בדרך כלל אָבער, האָט מען דעם געטאָ אויף אונז אַרויפגעצוואונגען און דאָס איזאָלירונגס־פלאַץ האָט געדינט אַלס סימן מובהק פון שאַנדע און דיפערענצירונג פון אַ לעצטער קאַטעגאָריע בירגער, פון ניט געוואונטשענע עלעמענטן...

וועגן דער פראַגע פון יאָ אָדער ניט גיין צוריק אין געטאָ, קען גאָר קיין רייד ניט זיין אַלס אַ פּראָגראַם, אויסגעוויילט מיטן גוטן ווילן, ניט אַמאָל און ניט היינט, ניט אין קוואַרטאַל און ניט אין אוניווערזיטעט און דעריבער איז ניט חל די שקלא וטריא וועגן דעם צי עס לוינט יאָ אָדער ניט.

דער געטאָ איז געווען אַ גזירה פון גורל און גלות. זיינע מעלות ווי די חסרונות זיינען אָרגאַנישע געזעצן פון לעבן. די חסרונות זיינען באַשטאַנען אין אָפּגעזונדערטקייט פון דער אויסערלעכער וועלט און מוטלאָזיקייט וואָס איז אַ רעזולטאַט פון פאַרשלאָסנקייט אין אַ תפיסה.

און אין אונזערע צייטן איז בכלל ניט חל, ניט אַזאַ אָפּגעשלאָסנקייט פון דער אויסערלעכער וועלט, און נאָך ווייניקער אַוועקצוגיין פון וועלטלעכקייט, ווייל מיר האָבן די וועלטלעכקייט אין זיך. מיר אָטעמען דאָך מיט איר. מען באַשולדיקט אונז גיכער אין אַן איבערפלוס פון וועלטלעכקייט, איידער אין מאַנגל פון דער זעלביקער.

געטאָ — איז נאָר אַן אויסגעבאָרגטער נאָמען פון אַ פאַרטיקן באַגריף,

וואָס איז אַליין ניט מער ווי דער בוי־מאַטעריאַל וואָס מיר מוזן איבערבויען לויט אונזער סטיל. אַ באַנייטער געטאָ אָן דעם שטריימל, ספּאָדעק און שמעק טאַבאַק און מיט ניט קיין געבויגענער פּלייצע.

גיין צוריק אין געטאָ מיינט אַריינגיין אין זיך און אויסלעבן זיך אָרי־גינעל אידיש, אָן דעם שטענדיקן דואַליזם פון לעבן אין צוויי וועלטן, פירן אַ דאָפּלטע בוכפירונג פון צוויי איכן: איינעם פאַר זיך און דעם צווייטן פאַר דער פרעמדער וועלט, וואָס איז אַזוי אומנאָרמאַל און נאַציאָנאַל אומ־דערטרעגלעך...

מיר דאַרפן אָנהויבן צו לעבן אינגאַנצן אידיש, סיי דער אידישער אָר־טאָדאָקס, ווי דער פריי־געזאָנענער איד, און דאָס הייסט ניט אוועק פון דער וועלט, נאָר אַריינעמען די וועלט צו זיך און אין זיך. ווען ניט די אויסער־לעכע לעבנס־פאָרמען און געוויסע פאָראורטיילן וואָס עס האָט עקזיסטירט ביי דער אַמאָליקער וועלט — וועלכע זיינען דאָך אויסגעשלאָסן אין אונזערע צייטן — האָבן דאָך אונזערע אור־זיידעס אויך פאַרמאָגט אַ שלל מיט וועלט־לעכקייט; אויב וועלט מיינט צו זאָגן מענטשן און ליבע צו מענטשן. „חביב האדם שנברא בצלם”, דער מענטש איז ליב און דאַרף רעספּעקטירט ווערן, אויב נאָר ער טראָגט אויף זיך דעם צלם אלוקים. אַזאַ שטיקל אידישן פּרקי אבות הערט מען היינט ניט אין דער גרויסער וועלט, סיידן ווען ניט ווען דורך ראַדיאָ, אָדער אין נאָרד־אַמעריקאַנער פּאַרלאַמענט דורך רוזוועלטס מויל. די „וועלטלעכע” פּרקי אבות קומען פון דעם אַמאָליקן רוים, פון די „אבות” נעראָן און די צעזאַרס, און פון די גערמאַנישע וואַלד־אַפּאָסטאָלן, וואָס זיינען די היינטיקע פאַרלייענער פון די דאָזיקע פּרקי אבות דורך ראַ־דיאָ. און אויב דאָס הייסט וועלטלעכקייט זיינען אונזערע זיידעס און אויך אונזער איצטיקער דור געוויס ניט וועלטלעך...

גיין צוריק אין געטאָ הייסט אַ רוף, אָדער אַ רעקאָמענדאַציע פאַר זעלבסט־ווירדע און מוט און ביטול צו די פּייניקער, אַז די באַזונדערע בענק אין די אוניווערזיטעטן זיינען ערן־פּלעצער פאַר זין פון אַ פאָלק, וואָס פּלעגט גיין אויף קידוש השם פאַר דער תורה. די געלע לאַטע, אָדער וועלכער ניט איז דיפערענצירונגס־צייכן איז ניט קיין שאַנדע פאַר די אידן, נאָר אַן אייביקער שאַנד־פלעק פאַר אַלע דורות און זיי דינען אַ במקום קין־צייכן אויף די שטערנס פון די היינטיקע קינס, וועלכע זיינען בכלל ברידער־מער־דער, און זיי איז פרעמד אפילו דער באַגריף ברודער...

דער געטאָ איז ניט קיין תרופה צו פאַרמינערן די רדיפות און אומרעכט

פון דער וועלט צו אונז. ער איז נאָר אַ סגולה קעגן דעם קאָמפּלעקס פון מינ־דערוויכטיקייט וואָס זיינע אומאויפהערלעכע צרות און פאַרפאָלגונגען צווינ־גען אַרויף מעכאַניש דורך טונעלן פון אונטערבאוואוסטזיין ביים שטעלן זיך די פראַגע: „פאַר וואָס?״ און: פּיליימט? דערויף איז אַ ר פ ו א ה ב ד ו ק ה: דער אַריינדרינגען אין זיך אַליין, אין דער אייגענער וועלט, בלע־טערן די אייגענע געשיכטע אין שיין פון דער וועלט־געשיכטע, לופטערן די אייגענע אוצרות, אָפּבלאָזן פון זיי דעם שטויב און אין אַ באַנייטן מאָדעל און באַפּוצונג, אַריינשטעלן און אויסשטאַטן אונזער לעבן. און מיר זאָלן פאָלגן די עצה פון נביא „לך עמי בא בחדריך וסגר דלתיך בעדך, חבי כמעט רגע עד יעבור זעם״ (ישעיה כ״ו), „גיי מיין פאָלק, דרינג אַריין טיף אין די אייגענע צימערן, פאַרשליס נאָך זיך די טירן, וואַרט מיט געדולד נאָך אַ ביסל, איין סעקונדע פאַר דער אייביקייט, ביז דער צאָרן וואָס איז אויסגע־גאָסן אויף דער וועלט, וועט פאַריבער״.

„צוריק אין געטאָ״ הייסט צייטווייליק איינשליסן זיך אין דער אייגע־נער וועלט, אָפּטיילן זיך פון דער דרויסנדיקער השפּעה און פאַסן זיך מוט און זיין איבערצייגט, אַז די טומאה, זוהמה און רשעות וועלן סוף־כל־סוף אַריבער, און מיר אלס פאָלק דאַרפן אָפּהיטן די אייביקע ירושה, וואָס איז געבליבן פון די דורות דורך די נביאים פאַר אונז און פאַר אַלע פעלקער.

מיר זיינען נאָר ברוגז מיט דער איצטיקער זינדיקער וועלט, מיר קענען אָבער ניט און טאָרן ניט איבעררייסן אויף שטענדיק מיט דער וועלט, וואָס איז אַליין אַ וועזן פון אייביקע באַוועגונג און באַנייאונג, אין דער בחינה פון: „לובשת צורה ופושטת צורה״, מיר, אלס אַן עם עולם זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער וועלט.

אַ קבלת־פּנים און זיינע מסקנות

נאַרדויס אַ ווערק „פּאַראַדאָקסן", אַ קליין העפטל, האָט בשעתו גע־מאַכט אַ גרויסן רושם אין דער ליטעראַריש־אינטעלעקטועלער וועלט, צוליב זיין אייגנאַרטיקער פּקחות, לעבנס־חכמה, טיפזיניקייט, געוואַגטקייט און אמתדיקייט ביז עזות.

מיט דעם דאָזיקן ווערק, וואָס איז גרויס ווי אַ האַנט פון אַ מענטשן, האָט פּאַסירט אַ נס ווי עס האָט פּאַסירט — לויט דער אידישער לעגענדע — אין בית המקדש מיט די עולי רגל „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים", זיינען געשטאַנען ענג צונויפגעפּרעסט און פלעגן דאָך זיך בוקן געראַם־באַקוועם.

דאָס קליינע ביכעלע „פּאַראַדאָקסן" האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל שטח צו איינשליסן אין זיך די גרויסע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע און איר גאַנצן לעבנס־שטייגער אין די ראַמען פון אַ קרומען שפּיגל, און די גאַנצע וועלט, זעענדיק זיך מיט קאַריקאַטור פאַרקרימטע פּנימער, האָט אַזש אַ קרעכץ גע־טון פון דערשטוינונג. איז דאָס דען נישט אַ נס? און וואָס זיינען דען נסים, אויב נישט קיין סינאָנימען פון פּאַראַדאָקסן, ווידערשפּרוכן, וועלכע אַנט־האַלטן געוויסע טיילן פון אמת?

אין נסים זיינען אידן רייך, כמעט נישט ווייניקער ווי אין צרות, און מיט דעם קאָן מען פּיליכט דערקלערן דאָס, וואָס דער מחבר פון די „פּאַ־ראַדאָקסן" איז געווען נאַרדוי, אַ אידישער גאון, וועלכער האָט זיי געשעפּט פון אייגענעם ברונעם.

געפינענדיק זיך איצט אונטערן רוח הקודש פון פּאַראַדאָקסן, וועל איך בדרך אגב פּאַראַדאָקסאַל באַמערקן, אַז די אמתע באַלעבאַטים פון פּאַראַ־דאָקסן זיינען — מ י ר, און דער טייל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון די אומות העולם, איז דאָס גאָר געגזלט ביי אונז. אַזוי איז שוין אונזער איינגעשאַפט נישט צו טראַכטן וועגן תכלית און דעריבער האָבן מיר נישט

פּאַטענטירט די פּאַראַדאָקסן אין וועלט־רעגיסטער אויף אונזער אייגענעם נאָמען.

מיר ווילן, וואַרשיינלעך, זיך אָפּזאָגן פון פאַרפירן אַ פּראָצעס וועגן דעם, ווייל מיר האָבן צו דער גויאישער וועלט גרעסערע תביעות און מיר קענען פאַרצייכענען גרעסערע עוולות און גזלות אין באַצוג צו אונז.

און זאָל מיר דערלויבט זיין צו מאַכן אַ קליינע רשימה פון פּאַראַדאָקסן פון אַ ריין אידישער מאַרקע, על חשבון הגביר. איך וואָלט אוודאי אויסגע־מיטן צו עקספּלואַטירן אַ פרעמדן גויאישן נאָמען, פּשוט כדי אויסצומיידן חילול השם; עקספּלואַטירן אונזערן אַ גייסטיקן עושר ווי נאַרדוי איז קיין סכנה נישט. סוף־כל־סוף איז דאָך אַ גרויסער טייל פון זיין קאַפּיטאַל אָנגע־קומען צו אים בירושה אויך פון אידישע גאונים, פון אונזער אוצר המחשבה...

אין דעם צעטל פון פּאַראַדאָקסן וועל איך אויסשטעלן נאָר די מער אי־דישע כאַראַקטעריסטישע און די מער צייטמעסיקע.

מיר זיינען די אנערקענטע געזאַלבטע פינאַנסיסטן און דעריבער פאַר־מאָגן מיר קורחס אוצרות און זיינען די פּעאיקסטע סוחרים; אָבער פּאַקטיש זיינען מיר דאָס אָרימסטע פאָלק אין דער וועלט און זיינען שלעכטע סוחרים און ווערן די ערשטע צעריבן אונטער די רעדער פון עקאָנאָמישע קריזיסן.

מיר זיינען אַ מוסטער פון אחדות און אָרגאַניזאַציע (אַזוי מיינען די גויים) און דער אמת איז, אַז מיר זיינען פונקט דער היפּוך, מיר זיינען דער סימבאָל פון צעטיילטקייט און צעברעקלטקייט. און אָרגאַניזאַטאָריש זיינען מיר אַ מענטש־שטויב־עלעמענט.

מיר האָבן אַן אַלטן פּאַטענט אַלס אַן עם הספר, וואָס שאַפן דעם בוך און פאַרערן אים. אויב דאָס ערשטע איז פאַרהעלטנישמעסיק אמת, איז אָבער דאָס צווייטע אַבסאָלוט נישט אמת. מיר האַלטן דעם בוך ביז הפקר און די עם־הארצות, וועלכע האָט זוכה געווען מן ההפקר שפּרייט זיך אוים ביי אונז מעשה תקיף ביי דער מזרח־וואַנט.

מיר שמען אַלס אומפאַרגלייכלעכע מיט אונזער פּיעטעט און ליבע צו ארץ אבות, אונזער ליטעראַטור פון אַלע צייטן, אָנהויבנדיק פון תנ״ך, תל־מוד, מדרשים, די גאַנצע מיסטישע קבלה־ליטעראַטור, די פּאָעטישע שאַפונג פון מיטלאַלטער מיט דעם ריז פון אונזער שירה ר׳ יהודה הלוי, ביז דער לעצטער עפּאָכע, וועלכע נעמט אַרום די גאַנצע ציוניסטישע ליטעראַטור און משה העם בתוכם, אַלע צוזאַמענגענומען זיינען אייביקע מאָנומענטאַלע עדות פון ליבע און איבערגעגעבנקייט ביז מסירת נפש, צו ארץ־ישראל. און

דאָך וואָס פאַר אַ גרויסער פּראָצענט פון קעגנערשאַפט ביז פּשוטער שנאת־ציון וועלכע דערגרייכט צו ציין־קריצעריי, אָנהויבנדיק פון אונזערע לינקע שבלינקע און אויסגעלינקטע, איינשליסנדיק נישט־לינק און נישט־רעכט, נאָר פּאַרעווע גרויע, וואַקלדיקע און שלעפּעדיקע, און ענדיקנדיק מיט אונזערע אָרטאָדאָקסישע אגודהניקעס, פּרומאַקעס, צדיקים, וועלכע האַלטן אין מורא דעם כביכול, וועלכער איז ביי זיי אַ שיק־אינגל און מוז אויספאָלגן אַלץ, וואָס זיי זיינען גוזר. זיי ווילן מיט זייערע תפילות אויפבויען ש״י עולמות און זיינען טויב און זייערע אויערן הערן ניט דעם ריטם פון זייערע אייגענע תפילות, וועלכע זיינען פול מיט ליוב און געזאַנג פאַר דאָס אומקערן זיך צו אונזער לאַנד.

איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר פּאַראַדאָקסן, וועלכע האָבן אָן אָרט אין אונזער לעבן דאָ אין לאַנד. צוויי תלמודי תורה, איינע אין לאַ פּלאַטאַ און די צווייטע דאָ אין דער הויפּטשטאָט, טראָגן ביידע דעם נאָמען מ א ק ס נ אָ ר ד ו י. אלס באַערונג צום גרויסן שעף, וועמענס נאָמען די געזאָגטע ת״ת טראָגן, האָבן זיי מזכה געווען דעם מחבר פון די „פּאַראַדאָקסן" מיט איינעם פון די גרעסטע פּאַראַדאָקסן, וועלכע וואָלטן געקאָנט פאַרנעמען דעם אויבנאָן צווישן זיינע, ווען זיי וואָלטן נישט פאַרשפּעטיקט מיט עטלעכע צענדליק יאָרן. די פאָרזיצערס פון די געזאָגטע ת״ת אויפן נאָמען פון מאַקס נאָרדוי זיינען גאָר ברענענדיקע אַנטי־ציונים. אין לאַ פּלאַטאַ ביים פאָרמירן אַ קרן־היסוד קאָמיטעט האָט זיך די זעלבע תלמוד תורה קאַטעגאָריש אָפּגע־זאָגט פון נעמען אָן אָנטייל.

אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט, איז דער נאָמען פון אַ פּרעזידענט פון אַ ציוניסטישער אגודה, אגב אַ וואוילער איד, געווען — כעסום (יעזום); אַ וואוילער נ״פ־עסקן, אַ פּועלי־ציוניסט מיטן נאָמען אפרים אָדער פּייוול, פלעגט זיך אונטערשרייבן — פראַנסיסקאָ.

מיר זיינען פון אייביק אָן געווען פאַררעכנט אַלס גרויסע פאַרערער פון גייסטיקע ווערטן און גייסטיקע אויטאָריטעטן, און דעריבער איז ביי אונז אויסגעוואַקסן אַזאַ ריזיקע קאָלעקציע פון אגדות; אגדות וואָס זיינען מאָ־גומענטן אין עפּאָפּעאישקייט וועגן אונזערע גרויסע מענטשן. דער אבסורד פון אונזערע פּאַראַדאָקסאַלע מוחות איז דערגאַנגען אַזוי ווייט ביז דער מעגלעכקייט פון דעם סענסאַציאָנעלן פאַקט פון רעוועל (לעטלאַנד) מיט חיים נחמן ביאַליקן, דעם גרעסטן משורר פון אונזער צייט.

אין זיין טור איבער אַלע אידישע ישובים פון איירָאָפּע האָט חיים נחמן

ביאליק ארייגעבראכט יום־טובדיקע שטימונג. וואס איז אזוי נויטיק געווען ביי דער שווערער געדריקטער לאגע און דאפלטן קריזיס: עקאנאמיש און פאליטיש־גייסטיקן. דאס גאנצע אייראפעאישע אידנטום האט אומעטום אויסגעדריקט די טיפסטע פארערונג און באגייסטערונג פאר אונזער מ א ו ר ה ג ו ל ה.

און דא קומט דער קולמינאציע־פונקט: חיים נחמן ביאליק אין רעוועל, א שטאט, וואו ס׳איז פאראן א אידישע גימנאזיע און א אידישער קלוב אויף זיין נאמען, האבן אפגענארט דעם חכם עתיק, איינעם פון די קלוגסטע און באזאכטיקסטע אידן פון אונזער צייט.

און דא קומט ערשט דאס אינטערעסאנטע, דאס וואונדערלעכסטע, אינ־טערעסאנט צוליב זיין אומגעלומפערטקייט און צוליב דער אומגעהערטער וואולגאריטעט.

פונקט ווי אין באוואוסטן אנעקדאט וועגן א חסידישן רבין, וועלכער האט באפוילן ארויסצואווארפן פון חסידים־שטיבל דעם מתנגדישן ליטוואק, און ווען מען האט אים געזאגט, אז דער ליטוואק געפינט זיך אין דרויסן, האט ער געהייסן, אז מען זאל אים אריינגעמען אינעווייניק, כדי מען זאל אים קענען ווידער ארויסווארפן.

דער קלוב „חיים נחמן ביאליק״ פון רעוועל, האט זיך אפגעזאגט פון מקבל פנים צו זיין דעם שעף פון קלוב; ער האט געטראפן פאר זיך א לייי־דיקן קלוב, נאר געציילטע האבן אים זייער קאלט אויפגענומען, געבנדיק אים אנצוהערן, אז ער איז נישט קיין אנגענעמער גאסט. ווען ח. נ. ביאליק האט באזוכט די דארטיקע אידישע גימנאזיע און האט געפונען, אז מען לערנט דארטן אידיש, רוסיש, דייטש, נאר נישט קיין העברעאיש, האט ער אויף זיין באמערקונג, — פארוואס זאל העברעאיש נישט פארנעמען לכל הפחות דעם ארט צווישן די פרעמדע שפראכן — געקראגן חוצפהדיק אפגעענטפערט, אז ער זאל זיך נישט מישן אין פרעמדע אנגעלעגנהייטן.

אונזער דיכטער, דער געלאסענער טעמפעראמענט און טאקטישער מענטש אין אלע לעבנס־אנגעלעגנהייטן; אבער נישט נאכגיביק און קנאות־דיק ביי דער פארלעצונג פון אידישן כבוד און ביי גייסטיקער שפלות, האט א ברום געטאן ווי א לייב צום דירעקטאר פון גימנאזיע ה׳ גורין: „עם־הארץ, כאם!״

און אלס קאנסעקוועניץ איז געקומען א גאנצער האגל מיט באליידי־קונגען און רעקאמענדאציעס צום דיכטער ביאליק, אז ער זאל זיך נישט

ארומשלעפן איבער דער וועלט און זאָל בעסער זיצן אין דער היים און נאָך אזעלכע קלוגע און איידעלע עצות...

פון דער ווייטנס איז שווער צו פעסטשטעלן די עקזאַקטקייט און גענוי־קייט פון דעם פאַקט און זיינע דעטאַלן, וועלכע שפּילן נים די לעצטע ראָל אין שיין פון דער ווירקלעכקייט

אין דעם געגעבענעם פאַל איז פאַר אונז ניט אזוי וויכטיק דער פאַקט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, ווי די מסקנות און סימפּטאָמען.

רעאַגירנדיק אויף דעם אינצידענט, זיינען מיר נישט אזוי אויסן צו פאַרטיידיקן ביאַליקס כבוד, וועלכער איז שוין גענוג פאַרזיכערט אין פּעס־טונג פון רום און אומשטערבלעכקייט. די פּרעכהייט פון די רעוועלער איידל־לייט בשעת דעם קבלת־פּנים האָט נישט געקאָנט באַרירן זיין כבוד, פּונקט ווי א שפּיי קאָן נישט באַרירן און טרעפן דער לבנה, און דער געוואַגטסטער שפּייער קריגט דאָס צוריק אין זיין אייגענעם פּנים. אויך דענק איך, אז דעם דיכטער זעלבסט האָט נישט אינטערעסירט דער עצם פאַקט, נאָר די מסקנות וואָס מען קען דורך דעם פאַקט לערנען. די קאַמאַרן וואָלטן מיט זייער טומ־לענדיקער זשומעריי נישט געשטערט די רו פון לייב. דאָ איז וויכטיק דער באַגריף „חוצפּא כלפּי שמיא יסגא" (חוצפּה דערגרייכט ביז די הימלען). ביאַליקס זידל־וואָרט: כאַם, עם־הארץ, איז נישט סתם א זידלערײ, נאָר א דעפיניציע, עם־הארץ און כאַם זיינען סינאָנימען פון איין באַגריף, און ביי־דע מיינען נישט צו דעפינירן אומוויסנהייט אָדער איגנאָראַנץ, פּונקט ווי „תלמיד חכם" ווערט נישט פאַרשטאַנען אלס דער העכסטער אויסדרוק פון וויסן און געלערנטקייט: נאָר ביידע באַציען זיך צום באַגריף פון גייסטיקע קוואַליפיקאַציעס, קולטור־מענטשן און גייסטיקע אַריסטאָקראַטן. דער קאָנ־טראַסט, „עם־הארץ" איז דער היפוך פון „תלמיד חכם" — צוויי קעגנ־שטאַנדן ווי גייסטיקייט מיט וואולגאַריטעט. ס'איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אויפן שענדלעכן פאַקט, ווי אויף א געפערלעכן סימפּטאָם פון דער צייט, — חוצפּה קעגן גייסטיקע אויטאָריטעטן, — „רבן דקרו", „רבן דחפו" ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס, זיינען שטענדיקע פּאַראויסזאָגער פון דעקאַדענץ, שפלות און גייסטיקער ירידה.

דער רעוועלער צווילינג־סקאַנדאַל, סיי אין קלוב און סיי אין דער גימ־נאַזיע דורך דעם דירעקטאָר גורין, זיינען געטראָגן און געבאָרן געוואָרן דורך זינגר, און פון א נישט כשרן אורשפּרונג. ער שטאַמט פון נחש הקדמוני, דער עמבריאָן פון אַלע זינגר, וועלכער האָט גורם געווען אזוי פיל בייז בלוט און

האָט געשאַפן די שנאת אחים אין די צוויי לאַגערן, אידישיסטן און העב־רעאיסטן.

די צוויי זייער נישט געלונגענע ווערסיעס, ווי „שפחה און גבירה" אָדער „עברית או רוסית" זיינען געווען צוויי נישט געזעצלעכע קינדער, זיי זיינען נישט געבוירן פון דעם אידישן אופן המחשבה, נאָר אומגעזעצלעך דורך צוואַנג, פאַרגוואַלטיקונג און אינטריגע.

מען מוז דאָך באַגרייפן, אַז ווי אנשטענדיק און גוט דערצויגן אַן אַלטע ווירטין זאָל ניט זיין, אָבער ווען די אינגערע שוועסטער באַנעמט זיך חוצ־פּהדיק, שטופּט זיך מיט פּרעטענזיעס צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ, דאַן רייסט זיך אַרויס פון אונטערן צונג אַ זידל־וואָרט.

אויב ביי דער פראַגע פון „עברית או רוסית" איז אפשר געווען אַ מיין פון וועלן אוועקשטעלן אינגאַנצן פון דער פּאָזיציע, איז עס אָבער נישט געזאָגט געוואָרן אַלס אַן אינערלעכער באַגער, אין אַלע פאַלן איז דאָס גע־זאָגט געוואָרן דורך צוויי אָדער דריי אַנפירנדיקע פערזאָנען, כלאחר יד, און די זעלבע ריידן און שרייבן אידיש. דאָס האָבן אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב די גורינס פון יענע צייטן, און האָבן די נישט פאַרזיכטיקע ווערטער אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג, אַרויסגערופענע דורך פּראָוואָקאַציע, אויסגע־טייטשט אויף אַן אופן וואָס זאָל שאַפן אויף שטענדיק אַ מחיצה. אַ שטענ־דיקער תהום — פון מחלוקת און מיספאַרשטענדעניש.

שברים, ברעקלעך פון פסח־געדאַנקען

„דם ואש ותמרון עשן" איז די פּאַסנדיקסטע באַצייכענונג פון אונזער עפּאָכע, אַ פּסחדיקער טעקסט און עמבלעם. די וועלט איז כמעט חמץ־ריין. דער „בעל יראה ובעל ימצא" איז נאָר בלויז אַ פּסוק שפּיל וואָרט. עס איז מרורדיק... און אין אַלע ווינקלען פון אונזער לעבן פילט מען דעם זכר לטיט... בלאָטיק... עס איז פּסחדיק! אָבער אָן אַ ברעקל שוואונג פון חרות־שטימונג, און ליזונג פון דעם עבדים היינו, און משעבוד לגאולה. די וועלט וואַרט אומגעדולדיק אויף אַ שירה חדשה, אַ נייעם דערמוטיקנדיקן טרייסט־וואָרט.

די אַטמאָספערע איז אָנגעפילט מיט בלוט־ריחות, פּולווער־פייער און דיפּלאָמאַטישן רויך ביי די רונדע טישן פון וועלט־פּאָליטיקער.

די סאָציאַלע יסודות פון דער וועלט־סטרוקטור האָבן אָנגעהויבן צו ווייזן סימנים פון דערשיטערונג. וואו ניט וואו הערן זיך עקספּלאָזיעס, וואָס קומען פון די טיפסטע טיפענישן פון דער ערד.

די וועלט־הערשער זיינען אויפגעציטערט געוואָרן, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז צו ערנסט, מיט סטיכישע כוחות איז שווער צו קעמפן. די קאָנפערענצן פון דער לעצטער צייט זיינען שוין מער נישט קיין דיפּלאָמאַטישע שאַכמאַט־שפּילעריי ביי די רונדע טישן, פּאָליטישע איבונגען און ספּאָרט, אפשר כדי ניט צו פאַרגעסן די תורה שבבלאָף. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען מוז געפינען אַ ליזונג צום וועלט־האַרמידער פון דעם אַלוועלט־לעכן עקאָנאָמיש־פינאַנציעלן קראַך. אַ וועלט מיט עשירים אדירים האָבן זיך אַנטפּלעקט מיט זייער גאַנצער אומבאַהאָלפענער אָרימקייט און נאַקעטקייט, און ניט ווייניקער אומבאַהאָלפן זיינען די פּאָר נגידים מיט זייערע גאָלד־אוצרות. צו וואָס נוצט דען גאָלד אויף אַ בית־הקברות אָדער אין דער מאַרגע־זאַל? די וועלט איז נעבעך אַ חולה מסוכן, און אַזוי ווי כמעט דער גרעסטער טייל קראַנקהייטן הויבן זיך אָן פון מאָגן און ווירקן נאָכער אויפן האַרץ, קאָפּ און געהירן... אַזוי איז אויך אין דעם פאַל. די חולאת האָט שוין צופיל אוואַנסירט.

עס ווערן פּראַקטיצירט קאָנסיליומס. באַראַטונגען פון רופאים מומחים און כירורגן. דאָס זיינען די קאָנפערענצן אין זשענעווע. ביים צוקאָפּנס פון חולה זיצט שטענדיק די קראַנקנשוועסטער (דער פעלקער־בונד). ווי אַלע קראַנקנשוועסטער איז זי גוטמוטיק, באַגייט זיך ווייך מיטן חולה, הערט זיך צו מיט באַזאָרגטקייט צו איטלעכנס פּאַרדעכטיקן ספּאַזם און האַלז־כאַרכל. זי פאַרמאָגט גוטע כוונות, אָבער זי איז אומבאַהאָלפן. איר הילף איז ניט מער ווי אַ קרעכץ.

ס׳איז אמת, אַז די אַלע קאָנפערענצן, די עקאָנאָמיש־פינאַנציעלע ווי די פון אַנטוואָפענונגס־כאַראַקטער האָבן דערווייל נישט געגעבן קיינע פּאָזי־טיווע רעזולטאַטן. אַלע קאָנפערענצן האָבן איין שניט און זיינען נאָר אַ מין המשך.

די רעזולטאַטלאָזיקייט דאַרף מען צושרייבן אויפן חשבון פון דער זייער קאָמפּליצירטער און פאַרלאָזענער קראַנקהייט.

די הויפּט־סיבה פון דער חלאת איז דער מאַנגל פון קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן די פעלקער. עס פעלן די באַציאונגען, אויפריכטיקייט און קעגנזיי־טיקער ווילן צו העלפן זיך אַליין און אַ קליין ביסעלע יענעם אויך. דאָס איז אַ צוזאַמענטרעף פון קעגנער וועלכע מוזן אַריבערגיין אַ שמאָלע קליאַטקע און קאָנען אַריבער בשלום נאָר בתנאי אויסשטרעקנדיק די האַנט איינער דעם צווייטן, און פון דעם נעמען זיך די וואַקלענישן וועלכע שטערן צו אַ גע־מיינזאַמער אַקציע פון אַלע פעלקער. ס׳איז שווער צו פועלן, עס פעלט מוט צו געבן דעם קעגנער די האַנט! דער מאָמענט מוז אָבער קומען, די וועלט רוקט זיך אַלץ נענטער צום אָפּגרונד, נאָך אַ טריט ווייטער האַלט דער תהום אָפן דעם מויל, און ביים לעצטן מאָמענט זאָגט דאָך דאָס לעצטע וואָרט דער חוש פון זעלבסטדערהאַלטונג.

אַזאַ צושטאַנד ווי דער איצטיקער קען זיך ניט אויפהאַלטן אַ לאַנגע צייט, אַ גסיסה־צושטאַנד, ווען עס כאָרכלט שוין אין האַלז, מוז ברענגען צו טויט אָדער צו אַ קריזיס פון לעבן. ביי אַ יחיד איז דאָס אָפּהענגיק פון פאַ־טאַליזם, ביי דער וועלט, אָבער, איז אַן אומפאַרמיידלעכער כלל — „ובחרת בחיים״.

און די וועלט וועט שוין מסתמא איר לייזונג געפינען.

ווי האַלט דאָס אָבער מיט אונז?! וועט די וועלט אונז דערלויבן אַ שטיקל טיש ביי איר סדר? אָדער מיר וועלן בלייבן נאָר ביי די קשיות? דאָס

איז אַ צייט־פראַגע וועלכע דאַרף באַשעפטיקן דעם מוח פון איטלעכן דענ־קענדיקן אידן.

צו יעדער איבערשיכטונג און איבערראַשונג און ביי אַלע נייע עקאָ־נאָמישע לעבנס־פאָרמען זיינען מיר ניט קיין גערופענע געסט. אין דעם גרויסן וועלטלעכן עס־זאָל טרעפן מיר אָנגעבויגענע בענקלעך, אַ סימן אַז אַלעס איז באַשטעלט, פאַרכאַפּט. מען האָט אונז מקדים געווען, די געסט האָבן פאַרנומען די בענקלעך, פאַר אונז איז קיין פּלאַץ ניטאָ.

אַזוי איז די קאָניונקטור אין דער וועלט־ווירטשאַפט, גרויס־האַנדל, קאָ־מערץ און אינדוסטריע צי איז טאַקע אמת, אַז מיר זיינען גרויסע מומחים אין קאָמערץ און מיר האָבן עס אויסגעלערנט די גויים, דאָס איז אַ באַזונדערע פראַגע וועלכע גייט אונז ניט אָן ביי דעם מאָמענט. דאָס וואָס ס׳איז אומדיס־קוטירבאַר איז, אַז אויב מיר זיינען געווען אַמאָל לערער, זיינען מיר אָבער געבליבן אָן אַ קנעלונג. היינט דאַרף מען ניט מער אונז און ניט אונזער למדנות, די גויים קאָנען שוין די תורה בעסער פון אונז. מיר קאָנען עקזים־טירן נאָר אין די לענדער וואו ס׳איז פאַראַן אַן איבערפלוס, אַ שפע פון פרנסה, דאַן קומען אָן ברעקלעך צו אונז אויך. ביי בצמצומדיקע און גע־דריקטע לעבנס־קוואַלן זיינען מיר — איבערהויפּט ביי נייע ענדערונגען — פאַרמשפּט צו פאַטאַלע פאָלגן.

ס׳איז זייער סימפּטאָמאַטיש אַ ידיעה אין „העולם״ וועגן אַ פּריוואַטן בריוו פון וויצמאַנען צו איינעם פון זיינע פריינד, אין וועלכן ער זאָגט ארויס זיין מיינונג, אַז עס איז כדאי אַז אידן זאָלן באַצייטנס זיך צוגרייטן צו די אומפאַרמיידלעכע ענדערונגען וואָס דער וועלט־קריזיס קאָן מיטברענ־גען, און אַז מיר מוזן זיין צוגעגרייט צו די אַלע עווענטואַליטעטן. וויצמאַן דענקט, אַז די פּראָבלעמען דאַרפן באַטראַכט ווערן דורך אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס.

אויך ביאַליק האָט אָנגעוויזן אויף אַ מעגלעכער נויטיקייט פון זעלבן, הגם צוליב אַנדערע מאָטיוון. ביי ביאַליקן איז דער אידישער וועלט־קאָנגרעס נויטיק צוליב קולטורעלע טעמים, אָבער אויך צוליב „הבה נתחכמה״־מאָ־טיוון. צוויי גרויסע אידן, ביידע סימבאָליזירן דעם אידישן געוויסן און נאַ־ציאָנאַלן געניוס, זייער געהער און עמפּפינדלעכקייט דערפילן די ערשטע די סכנה און אויך די רפואה. די פראַגע וועגן אַן אַל־אידישן קאָנגרעס איז שוין ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג. דאָס לעצטע מאָל אין יאָר 1929 נאָך די אויגוסט־געשעענישן אין ארץ־ישראל, די קענג־

מאָטיוון זיינען געווען פאַרשיידענע. מיר דוכט אַז דער דעציִדירנדיקער מאָ־טיוו איז געווען דער פאָלנדיקער קורס פון ארץ־ישראל־שטימונג ביי אונזערע פאָלקס־מאַסן צוליב דער פאָליטישער לאַגע.

די לעצטע דריי יאָר האָבן אונז אָבער פיל געלערנט. מיר זיינען געוואָרן פראַקטישער און באַזינטער. מיר האָבן אויפגעהערט צו רעכענען זיך מיט דעם שטימונג־באַראָמעטער. דער ציוניזם איז ניט קיין נפלא אויף וועלכע מען דאַרף בלאָזן, האַלטן איינגעוויקלט אין וואַטע און פּאַרהיטן אים פון אַ צוג־ווינט. מיר האָבן סוף־כּל־סוף אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז דער ציוניזם איז דאָס בלוט און פלייש פון אונזער „נאַציאָנאַלן איך” און קאָן אַריבער־טראָגן אויף זיינע פלייצעס פּאָקן און מאָזלען, און וועט וואַרשיינלעך נאָך איבערגיין אַלע עטאַפּן פון כור העוני און ארויסגיין געלייטערט און גע־שטאַרקט.

מיר באַהאַלטן היינט ניט פון קיינעם די פּאָליטישע אַקציעס. אונזער ברייטער עולם וועלכער האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע געקראָגן אַ צו פאַרצערטלטן מאָגן, וועלכער פלעגט זיך וועלן שפּייזן נאָר פון פרישינקן מן, אַלע טאָג נייע טל־השמים, און נאָך אַזעלכע שמעקנ־דיקע געריכטן ווי סאַן רעמאָ, באַשטעטיקונג פון מאַנדאַט, אוניווערזיטעט־פייערונגען און גלאַט קאָמפּלימענטן און שמייכלעריי פון וועלט־מאַגנאַטן. ס׳איז געווען אַן אומפאַרזיכטיקייט פון אונזער גרויסן נביא ישעיהו, וועל־כער האָט צוגעזאָגט „ויהיו מלכים אומניך ושריהם מניקותיך”, מלכים וועלן זיין דיינע ניאַנקעס און האַרן וועלן זיין דיינע אַמען.

אונזער עולם איז געוואָרן קליגער, האָט זיך אַנטוויקלט און האָט אָנ־געהויבן צו פאַרשטיין, אַז די בריסט פון די אומות העולם קאָנען ניט געבן פאַר אונז קיין דערנערונג.

אַ וועלט־קאָנגרעס וועט אונז פאַראייניקן און וועט פאַרשטאַרקן אונ־זערע פּאָזיציעס לגבי פנים און לגבי חוץ. מיר וועלן אַן צווייפל, אַנטדעקן נייע פּריינט פון די עלעמענטן וועלכע זיינען געשטאַנען ווייט אינדיפערענט אָבער ניט קעגנעריש. מיר וועלן אויפנעמען די פריינטשאַפטן וועלכע זיינען שוין ביי פאַרשיידענע מאָמענטן אונז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל.

צום אידישן אַלגעמיינעם קאָנגרעס וועלן זיך אָנשליסן אַלע עלעמענטן, וועלכע זיינען באמת געווען גרייט צו העלפן די אידישע נויטבאַדערפטיקייט אין אירע פאַרשיידענע עפּאָכעס פון אונזערע וואַנדלונגען און שטרויכלונגען.

זיי וועלן זיין אונזערע שותפים און ברידער ביי די אַלגעמיינע באַטראַכטונ־גען וועגן די נויטן וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ביי די פאַרהעלטענישן פון וועלט־קריזיס.

מיר קאָנען זיין זיכער, אַז אונזערע פאַררעטער, די שותפים פון די אַראַבער וועלן נישט האָבן קיין מוט אַריינצוגנבענען זיך אין אונזער מיט, מיט פאַלשע מאַנדאַטן, אַלס פאַרשטעלטע אַגענטן, צוליב זייערע פאַראויס־געזעענע מיסיעס... אונזער חוש וועט אונז אונטערזאָגן, מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו אונטערשיידן און דערקאָנען אונזערע „אַזעפס" אין זייערע פאַרשיידענע געשטאַלטן, רעכטע — שוואַרצע און לינקע — רויטע.

מיר ווילן האָפן, אַז אַן אַל־אידישער קאָנגרעס וועט אונז געבן אַ ריכ־טיקע אָריענטאַציע ביי די איצטיקע שווערע צייטן פאַרן אידנטום, דאָס וועט זיין אַ קאָנגרעס פון דעם גאַנצן קבוץ גלויות, און אַז אַלץ וואָס איז פאַראַן אין אידנטום גייסטיק־געזונט און וואָס וויל לעבן אַלס אַ נאַציאָנאַלע איינ־הייט וועט זיך אָנשליסן צום קאָנגרעס.

נעגאטיווע סימפטאָמען פון משיחות

אונזער עפּאָכע איז א טומלדיקע עפּאָכע. אלץ שרייט ביז צום פאַרטויבט ווערן, פויקן און פייפלעך, צימבאלן און שופר־הערנער — דאָס איז די דורכשניטלעכע מוזיק פון דער היינטיקער צייט. די הערשנדע שפּראַך איז דער לשון פון די שטורמער. די פידל און וויאָלינטשעלאָ — זייער הארמאָנישער קול דממה רקהדיקער טאָן הערט זיך נישט ארויס. די פויקן, טרובעס און גרויסער באראבאן האָבן זיי באזייטיקט פון דעם טרובנעם אָרקעסטער.

און נישט נאָר דער ריטם פון מוזיק און טאָן, נאָר אלץ פארשנעלערט און פארגרעסערט. מיר געפינען זיך אין מיט פון דער קפיצת הדרך־תקופה, פון פסיעות נסות און ריזן־שריט. אין אונזערע צייטן פון גרויסע מעגלעכקייטן האָבן מענטשן קיין געדולד נישט צו פארנעמען זיך מיט קליינע ענינים. און די קלענסטע אקציע איז א רעוואָלוציע. קיינע אלס א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, די וועלט־באפרייאונג דורך משיחים פון פארשידענע פארבן:

און ווער פארמעסט זיך דאָס ניט אין אונזער צייט צו זיין א משיח? איטלעכער קרענקלעך אמביציעזער מענטש, נישט קיין אנערקענטער זשעני אָדער אומצופרידן געשטעלטער אין זיינע אמביציע־אספּיראציעס, זוכט א תיקון און וויל ארויספאָרן אויפן ברייטן וועג דורך משיחות און אנטפּלעקונג פון נייע ברייטע האָריזאָנטן פון דערלייזונג. און פיל ערגער אָבער זיינען די משיחי השקר, די פינצטערע אוואנטוריסטן, וואָס ווילן האלטן די וועלט־פארשקלאפונג צוליב שכרות און תאוה צו ממשלה.

אין תלמוד ווערט אויסגערעכנט א לאנגע רשימה פון משיח־סימפּטאָמען: אָפענע קעגנערשאפט פון עלטערן צו קינדער, עס ווערט אויסגעלאָשן די לעצטע ביסל בושה פון קינדער צו זייערע עלטערן, די אויטאָריטעט פון חכמים ווערט פסול און באנאל, און חוצפה שפּרודלט און געוועלטיקט, און די פיזאָנאָמיע פון דור באקומט א הינטישן אויסזען.

לויט דער שפע פון חוצפה און הפקרות איז אונזער דור שקול כנגד אלע משיח־עפּאָכעס פון אלע דורות.

היינט צו טאָג זיינען די צוויי קעגנשטאַנדן: חוצפה און צביעות מתדבק געוואָרן אין איין לייב, אזוי ווי א סיאַמער צווילינג אויפגעוואַקסן צוזאַמען, אומצוטיילבאַר.

באַפּוצט זיך אין א מאַנטל פון משיחות, און ניט בלויז ווי א דער־לייזער פון זיין אייגענעם פאָלק, גייערט ער פּרעטענדירט צו פאַרשפּרייטן זיינע פליגלען איבער דער גאַנצער וועלט.

אזוי האָבן זיך אָנגעהויבן דער פאַשיזם און די נאַצי־רעוואָלוציע. די קנעכטשאַפט און פאַרגוואַלטיקונג פון דעם מענטשלעכן א י ד , פון גע־דאַנק און געוויסן. און דער דאָזיקער שעטנז־מלבוש געוועבט מיט אלע מינים פון שעדלעכע, אומגעזונטע פעדים, ווערט געניית אויף א סאָציאַליסטישן אונטערשלאַק.

מוסאָליני באַנוגנט זיך נישט מיט דעם, וואָס ער ראַטעוועט, לויט זיין מיינונג, איטאַליע, נאָר האָט פּיליאַלן איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס ווילן פאַרשפּרייטן זיין אמת איבער דעם גאַנצן כדור הארץ.

און אזוי האַנדלט אויך זיין גייסטיקער זון און טרייער תלמיד היטלער, וואָס גייט אין זיינע וועגן, שריט ביי שריט, און האָט איבערגענומען זיין תורה מיט א סך מער ווייטגייענדיקייט אין דעם ענין פון אָפּמעקן און פאַר־ניכטן דעם גאַנצן צלם אלקים און איבערלאָזן אן אייביקן שאַנד־פלעק אין דער געשיכטע פון דייטשן פאָלק און אפשר פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָט דער דאָזיקער גייסטיקער קאַרליק, און ריז אין דעם זין פון מענטשלעכער געפאַלנקייט און קאָרופּציע, דערשיינט דאָך אויך אלס משיח פון זיין פאָלק, און טרעגער פון סאָציאַלע רעפאָרמען פאַר דער גאַנצער וועלט, ער באַקעמפט אָפן אלע רעליגיעס, פּירט קעגן זיי א מלחמה אויף לעבן און טויט, אָבער ניט אין נאָמען פון פרייזינענקערישער אפּיקורסות צו אָפּ־שאַפן דאָס פאַרעלטערטע, כדי צו אויסבייטן אויף באַנייטע גייסטיקע ווערטן, דאָס נישט: ער וויל אריינפירן א צווייטע רעליגיע, אויסגעגראָבן פון חורבות פון הייידנישע, גערמאַנישע געצן־דינערייִ, נאָר געניית אויף א נייעם אונ־טערשלאַק פון דעם אזויגערופענעם אריער־פּרינציפּ.

איטלעכער פאַרברעכערישער דעגענערירטער קאַרליק וויל אויסוואַקסן אין א ריזן־געשטאַלט פון א משיח, און ווערן דערהויבן צו אן אַפּאָסטאָלי־שער פיגור.

מיר זעען דעם פאקט פונעם איבערפאל אויף א באנדיטישן אופן אויף אביסיניע. אן אָפּגעזונדערט, פארוואָרפן פאָלק, וואָס איז אָפּגעשניטן פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט, האָט מיט אים קיין שייכות ניט און שטערט קיינעם ניט, דער צדיק הדור מוסאָליני קען ניט בלייבן גלייכגילטיק צו די עבירות, אָדער צו דעם שם רע, פון דער קליינער עטיאָפּיע, וואָס זאָל נאָך האָבן רעשטלעך פון שקלאַפעריי.

וויפל חוצפה דארף מען באזיצן צו ווען איינשמועסן דער וועלט, אז דאָ האנדלט זיך נאָר וועגן דער מצוה פון פדיון שבויים: ליקווידירן די שקלאַפעריי אין עטיאָפּיע, ווען אליין האלט מען פארשקלאַפט דאָס אייגענע פאָלק, שוין העכער ווי א צענדליק יאָרן! און דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט פארגלאָצטע אויגן צום הימל און מיט א פייערלעכער דערקלערונג וועגן די פרומע און ריינע כוונות, וועגן א מלחמה לשם שמים — און וויפל טייוולשע געוואַגטקייט און מענטשלעכע געפאלנקייט פאָדערט זיך בכלל צו שיקן אויפן פייער, מקריב זיין דאָס אייגענע פאָלק און אָנצינדן דאָס פולווער־פאַס פון דער וועלט, צוליב קראַנקע אמביציעס פון נישט קיין געשטילטן דורשט צו ממשלה. נאָר דער כוח הדמיון און דער מיטוס, וואָס האָט באשאפן דאָס גאנצע פינסטערע מיטאָלאָגישע געזינדל פון דער אונטערוועלט, איז בכוח צו געפינען אזא בארעכטיקונג אויף א מלחמה־דערקלערונג.

אונזערע משיחים פון היינטיקן דור קאָמבינירן און פלעכטן — זכאי מיט חייב, לויטן תלמודישן פראַגנאָז פון משיחות. זייענדיק אליין איינגעטונקט אין זינד און כלו חייב, וויקלט מען זיך איין אין א טלית שכלו תכלת און מען ווערט לחלוטין כלו זכאי.

אלאידישער קאָנגרעס אלס צורך השעה און תקון לעתיד

א.

זוכן באגרינדונגען, פּאָלעמיזירן, פּשטלען זיך, וועגן דער נויטיקייט פון אן אלאידישן קאָנגרעס איז איבעריק און אפשר קאָמיש, פּונקט ווי אין דעם באַקאַנטן אנעקדאָט:

א שדכן איז ביי געווען אן אינצידענט אונטער א חופּה פון א דורך אים געשלאָסענעם שידוך. חתן־כלה ניט באקאַנט צווישן זיך. די ערשטע באַגעגעניש ערשט אונטער דער חופּה — האָט די כלה געזען, אז דער חתן איז אָן א נאָז. חלשט זי, נעבעך, און קוים וואָס מען ברענגט איר צו זיך. קאָן דער שדכן ניט פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין. צוליב וואָס אזא הארמידער? אן אידענע בלייבט אן אידענע, חלשן צוליב א קלייניקייט, דען וואו שטייט דאָס געשריבן אין תורה און פון וואַנען איז געדרונגען, אז דער חתן מוז האָבן א נאָז?

אן אידישער קאָנגרעס, אלס א פּערמאַנענטע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל אונדז דינען במקום פּארלאַמענט איז א נויטווענדיקייט און א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וועלכע נויטיקט זיך נישט אין באַגרינדונגען, פּונקט ווי די פאַרצווייפלטע כלה נעבעך, הגם זי האָט ניט געקאָנט אָנווייזן א ראיה פון דער תורה, אז איר חתן דאַרף האָבן א נאָז. אן אלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס איז אפשר נאָך מער ווי א נאָז, דאָס איז דער גאַנצער פּנים, די נאַציאָנאַלע פיזיאָגנאָמיע.

דורך א קאָנגרעס וועלן קומען צום אויסדרוק אונזער נאַציאָנאַלער פּרצוף, אונזער פאָלקס־ווילן און שטרעמונגען.

דורך א וועלט־קאָנגרעס וועלן מיר באַקומען א תיקון פון שלמות כלפּי פנים און כלפּי חוץ. מיר וועלן ווערן א פאַרייניקטער אָרגאַניזירטער כח און הערן אויף צו זיין א מענטשן־שטויב.

ארום דער פלוגתא „פאר" אָדער „קעגן" קאָנגרעס, זיינען ווייניק פארשטענדלעך גראד די דאָזיקע אויטאָריטעטן פונם ציוניסטישן לאַגער.

עס זיינען פאר אונז קלאָר און פארשטענדלעך די ניין־זאָגער פון רעבכטס שבּרעבכטס, די תלמידים פון אסימילאטאָרישן בית המדרש, פון משה׳ס גלויבן, וועלכע קאָנען אָרגאַניש ניט סובל זיין קיין שום אידישן פּרסום און דעמאָנסטראציע, וואָס געפינט זיך אין א בולטן קאָנפליקט מיט דער זעלבסטפארלייקענונג אלס א נאַציאָנאַלער יש.

ווי געזאָגט זיינען ווייניקער פארשטענדלעך אונזערע אייגענע ניין־זאָגער, וועלכע שטאמען פון אונזער׳ גרויסן נאַציאָנאַלן „יאָ".

וועלכע זיינען די באַגרינדונגען פון די צווייפלער פון אלאידישן קאָנגרעס?

א) דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז א לעגיטימע פארטרעטערשאַפט פון דעם קבוץ גליות, פאָלגלעך איז דער געפּלאנטער אלאידישער קאָנגרעס ניט מער ווי א סורוגאט פון א צווייפלהאפטער מארקע.

ב) מיר זיינען ניט זיכער ווער עס וועט באהערשן דעם קאָנגרעס, און מיר האָבן ניט די גענוגנדע גאראנטיעס, אז ער וועט ניט ארויס פון אונ־זער רשות.

ג) אין א צייט פון א וועלט־חורבן, וועלן אונזערע קולות האָבן דעם אָפקלאַנג בּקול קורא במדבר.

איך וועל פּרוּוון געבן א תשובה אויף די דריי קארדינאלע פּונקטן, איך וועל זיך ניט קענען האלטן שטרענג צו ענטפערן „על ראשון — ראשון, ועל אחרון — אחרון".

דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט ניט קיין טעכנישע מעגלעכקייטן צו פארטרעטן דעם גאנצן היקף פון קבוץ גליות, איבערהויפּט ווען דאָס גאנצע פאָלק האָט נאָך נישט אָנערקענט דעם ציוניזם פאר א פאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ.

עס איז אויך דאָ א מניעה מצד די ניט־ציוניסטן. ווען מיר גייען צו ערנסט און אויפריכטיק צו זאכן, דארף מען אנערקענען, אז פּונקט ווי מיר זיינען ווייט צו אָפּנארן וועמען עס איז, טאָרן מיר אויך ניט אָפּנארן זיך זעלבסט. אין דעם פאל מוזן מיר דאָך צוגעבן, אז דער ניט־ציוניסטישער טייל איז א גרעסערער, אלזאָ איז באנוגנדיק זיך מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס נעמען מיר צו כלפי חוץ דעם גרעסטן טייל אידנטום, און מיט דעם אליין פארלירט דער קאָנגרעס די אימפּאָרטאַנץ, וועלכע מיר וואָלטן וועלן ער זאָל האָבן.

ריין מאטעמאטיש זיינען מיר, די אָרגאניזירטע ציוניסטן, א מינדער־הייט, ווייל די סתם אידן, וועלכע ברוח זיינען זיי אויך ציוניסטן, קאָנען אָבער ניט קומען אין רעכענונג אלס אַן אָרגאניזירטער כמות.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז נאָר דאָס יום־טובדיקייט פון אידנ־טום, אונזער נשמה יתרה; אָבער עס קומט דאָך די וואָך, די ששת ימי המעשה, דער שעבוד גליות, די גרויסע צעוואָרפנקייט פון אידנטום איבער דער גרויסער וועלט. מוזן מיר פארגעסן א סך זאכן, ווען אפילו עס וואָלט געקאָנט פאלן א שאָטן פון א חשש־ספק, אז אפשר וועט אין געוויסער טייל ממועט הדמות ווערן דער ציוניסטישער קאָנגרעס.

די ציוניסטישע פלאטפאָרם איז באוואָרנט. ארץ ישראל אלס נאציאָ־נאלע היים איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אלס תנאי.

גרופּעס און גאנצע פּארטייען שמוגלען זיך קיינמאָל ניט אריין אויף א קאָנטראבאנד אופן. די וואָס גייען צום קאָנגרעס ווערן מושווה מיט דער פּלאטפאָרם, צו ווערן אקטיווע שותפים אין באצוג צום גלות־אידנטום און גיבן א הסכם צו דער לאָזונג: א ר ץ י ש ר א ל א ל ס א ו נ ז ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ה י י ם.

די וועלכע וועלן פארבלייבן אין אָפּאָזיציע צו דער דערמאנטער פּלאט־פאָרם — איך וויל האָפן, אז דאָס וועט זיין אַן אומבאדייטנדע מינדער־הייט — וועלן דאָך פארבלייבן אין זייער קעגנערשאפט פאסיוו און וועלן זיך אָפּהאלטן פון שטימען.

תקנות אָדער רעפאָרמען פון א ברייטן נאציאָנאל־געזעלשאפטלעכן כאראקטער דארפן ניט געמאָסטן ווערן מיט א סכעמע פון אומיטלבארקייט און תיכף־ומיד־קייט, נייערט דורך פּערספּעקטיוו־ווייטקייט פון רוים און אייביקייט.

דער קאָנגרעס איז, קודם כל, נויטיק כלפי פנים, צוליב רפואת הגוף און נאָך וויכטיקער צוליב רפואת הנפש פארן גאנצן אידנטום. מיר מוזן ברענגען אין אָרדנונג אונזער נאציאָנאלן אָרגאניזם. מיר דארפן קעמפן קעגן דער אנאָמאליע, בלוטלאָזיקייט און איבערהויפּט פאר א געזונטער, נאָרמא־לער בלוט־צירקולאציע.

מיר מוזן דאָך מודה זיין, אז אונזער פּילבארקייט, אונזער נאציאָנאלע סאָלידאריטעט זיינען אָפּגעשוואכט געוואָרן.

מיר האָבן אויפגעהערט צו רעאגירן, פּאָגראָמען און גרושים גייען שוין

אריין אין אונזער לעבנס־שטייגער, מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו דעם און מיר האָבן אָנגעהויבן צו באטראכטן זיי, ווי פּאָקן און מאָזלען.

אונזערע פּראָטעסטן זיינען בלייבע, בלוטלאָזע און קומען צו שפּעט, ניט אָרגאניזירט און איטלעכער טוט עס אויף חשבון עצמו. עס פעלט דער קאָלעקטיווער ברום, דער שאגת אריה און קול תרועה פון צבור, עס איז א צוריסענער זאלפּ, וועלכער אימפּאָנירט זיך ניט און איבערהויפּט פעלט דער הייליקער אחריות־ציטער פון „ישראל ערבים זה בזה".

מיר טאָרן נישט מושווה ווערן מיט דער פעלדשארסקער פילאָזאָפיע, אז עס איז בכלל קיין דופק נישטאָ, דאָס איז ניט אמת. א דופק איז דאָ און ער מוז זיין און ווען ער קלאפּט ניט נאָרמאל טאָר מען עס ניט לאָזן אויף גאָטס באראָט, נאָר מען מוז היילן און ברענגען אין אָרדנונג.

אן אלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס הייסט נאציאָנאלע אדמיניס־טראציע, אידישער בדק הבית, ברענגען אין אָרדנונג דיווירטשאפט, ברענ־גען זי אונטער א דאַך. עס דארפן אויסגעפילט ווערן און פארלייגט ווערן די שפּאלטן פון אונזער נאציאָנאלער אחדות. און דאן ווען מיר וועלן זיין שטארק און גאנץ מיט זיך אליין, וועלן קאָנען זיך אימפּאָנירן כלפּי חוץ אויך.

מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אז מיר זיינען ווייט ניט אָרעם אין כחות, זיי זיינען נאָר צעוואָרפן און צעשפּרייט אין א כאאָ־טישער אומאָרדנונג, עס פעלט נאָר א האנט, א גייסט, וועלכער זאָל זיי אויפזאמלען און קאָנצענטרירן אין איין נאציאָנאלער פאראייניקטער גאנצקייט.

דער קאָנגרעס מוז פארוואנדלט ווערן אין א פּערמאנענטער קערפּער־שאפט און דארף דינען במקום פארלאמענט. — איך זאָג פּ א ר ל א מ ע נ ט אין פולן זין פונם וואָרט, ניט אבטנדיק אויף דעם שמייכל און ביטול, וואָס דאָס קאָן ארויסרופן ביי פילע פון אונזערע יאָריקע אָפּלאכער. — א פאר־לאמענט וואָס באהאנדלט נאָר בלוטיקע נויט־פּראָבלעמען פון קעגנזייטיקער הילף און פאָלקס־אחריות, און מיט דער צייט אפשר קולטור־פּראָבלעמען אויך.

עס איז אויך ניט אמת, אז די וועלט וועט זיך צו אונז ניט צוהערן. מיט אונזערע פּראָטעסטן אלס א פאראייניקטעס גאנצעס, אלס א נאציאָנאלער אָרגאניזם וועלן פעלקער זיך מוזן רעכענען און נאָך מער דער פעלקער־בונד.

מיר דארפן זיך ניט רעכענען מיטן איצטיקן צושטאנד פון דער וועלט. די וועלט איז איצט א חולה, א חולה מסוכן. עס וועט דאָך סוף כל סוף מוזן קומען א קריזיס צום גוטן, די געפעלנקייט פון דער וועלט איז דאָך צוליב דעם קראנקן צושטאנד און פארצווייפלונג. חולאים זיינען שטענדיק אומ־

פאראנטװאָרטלעך — עגאָאיסטיש און אכזריותדיק. ביים אומקערן זיך צוריק צו איר נאָרמאַלן צושטאנד, װעט די װעלט באַקומען איר מאָראַלישע סטאַביליזאַציע.

און אויך מיר דאַרפן זיין צוגעגרייט. מיר דאַרפן זיך אָרגאַניזירן, צוזאַמענעמען אַלע געזונטע טיילן פון אונזער פאָלק.

ב.

א װעלט־קאָנגרעס, א מאָביליזאַציע פון אַקטיװע און געזונטע כחות פון פאָלק, װאָס זאָלן אויסדריקן זייער לעבעדיקן אינטערעס און הסכם פאַר א געשאַפענעם פראָנט, א פאַראייניקונג פון אַלע כחות אין איין נאַציאָנאַלן גאַנצעס, נישט אָפּהענגיק פון פּאָליטישע טענדענצן, און דיפערענצירונגען אין װעלט־אָנשויאונגען.

דער קאָנגרעס איז װיכטיק סיי לגבי פנים, אויף צונויפקלייבן די צעװאָרפענע, צעשפרייטע כחות, און צו קאָנצענטרירן זיי פאַר איין גרונט־אידעע, א הסכם און שטאַרקן רצון פון קיום אַלס איין נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם. דאָס גאַנצע פאָלק דורך זיינע פאַרטרעטער זאָל זיך אַמאָל שטעלן פנים אל פנים, נישט חקירהן זיך און נישט פּלפּולן זיך װעגן שיטות און פּלאַטפאָרמען, גאָר פשוט אַלס אייגענע מענטשן, װעלכע האָבן זיך שוין נישט געזען צװיי טויזנט יאָר, און געבן איינע די אַנדערע שלום, דורכשמועסן זיך און ריידנדיק װעגן מצב װעט מען במילא צו עפּעס זיך דערשמועסן און אויסגעפינען די נויטיקע הילף, און דורך דעם װעט געשאַפן װערן א דערנענטערונג צװישן אַלע העטעראָגענישע טיילן.

כלפי חוץ מוזן מיר מאַניפעסטירן פאַר דער גרויסער װעלט אונזער גרויסן צאָרן, אַנטריסטונג און פאַרביטערונג קעגן די עװלות און גזילות, װאָס די װעלט באַגייט קעגן אונז.

אונזערע אַקציעס זיינען ביז איצט געװען בלויז פּאַרציעלע, אין בעסטן פאַל שתדלנות פון א העכערן פאָרמאַט. אפילו פּראָטעסטן מכל תפוצות הגדולה זיינען דאָך ניט מער װי קרעכצן, װאָס דערטראָגן זיך פון א גרויסן שפּיטאָל, פון א סך ליידנדיקע חולאים פון פאַרשידענע פּאַװעליאָנען, זיי קאָנען זיך קיינמאָל ניט דערהויבן צו דער װיכטיקייט פון א קאָנגרעס. א קרעכץ, א ברום פון א גאַנצער אומה. א קאָנגרעס מוז אימפּאָנירן סיי מיט זיין אַנטשלאָסנקייט און זיין נאַטירלעכער געװאַגטקייט, דאָרטן װאו עס קומט צום אויסדרוק דער פּרצוף פון פאָלק, זיינע שטרעבונגען און אויספאַסונגען.

עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען א מער פאסנדיקער מאָמענט און שעת־הכושר פאר א קאָנגרעס, און דאָ קומען נאָך אמאָל אין באטראכט אויסער־לעכע ווי אינערלעכע סבות.

וועגן די אינערלעכע איז דאָך איבעריק צו ריידן: דער חורבן פון א סך ישובים, זייער עקאָנאָמישער אונטערגאנג און די צוטרייסלונג פון זייערע סאָציאַלע און פאָליטישע יסודות.

אונזערע אינטערעסן טרעפן זיך צונויף מיט די אינטערעסן פון די פעלקער, ד. ה. דער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אויף וויפל ער איז פאר־בונדן מיט פאשיזם און דיקטאטור, דער וועלט־קאָשמאר פון אונזער צייט. און אזוי ארום ווערן מיר אויטאָמאטיש דירעקטע פארבינדעטע מיט די פעל־קער, און מיטן וועלט־קאָנגרעס וועט מען זיך מוזן רעכענען.

דער קאָנגרעס איז א קינד פון אידישער נויט, ער ווערט געבאָרן ביי א שווערער שטימונג און איז נישט קיין פּאָליטייטיקער, ער איז נישט געווען אויסגעטראָגן אין דעם בטן המחשבה פון אונזער פאָלק, „לא איכשר דרא״, דער דור איז צו דעם נישט דערוואקסן, מיט צופיל „דור הפלגה״־שטאָף איז אָנגעפילט אונזער אידישע אטמאָספערע, א שפת בבל, א צומישונג אין שפּראכן, קאָנצעפּטן און דעות און איבערהויפט א פירוד־הלבבות, דאָך איז ער א כשר קינד פון פאָלק, פון זיין רצון און קיום.

די זאך אן און פאר זיך איז דאָך אזוי קלאָר, און עס איז אזוי בולט די נויטווענדיקייט פון א קאָנגרעס. און טאקע ווייל עס איז אזוי, האָבן אונ־זערע איפכא מסתברא׳ניקעס מכל המינים זיך אונטערגענומען צו באקעמפן אים מיט פלפול סברות און טעכניק פון וועלן דורכפירן א עלעפאנט דורך א לעכל פון א נאָדל. כדי צו זיין פעסטער ביי זיך האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט אויף א זאָטל פון דעמאָקראטיע. מריה דאברהם! וואו איז דאָ פאראן אן אָרט פאר נישט דעמאָקראטישקייט? און וואו זיינען דאָס דאָ איינגעשטעלטע אינ־טערעסן קעגן פאָלק און קעגן זיין רצון?

ווען די שטוב איז ארומגערינגלט פון פייער, אָדער ווען די שיף האלט ביים אונטערגיין, דארף מען דען פרעגן ביי די איינוואוינער, אָדער ביי דער מאנשאפט און פאסאזשירן ווי אזוי איז זייער ווילן? ראטעווען זיך אָדער אונטערגיין, און באשליסן נאָך דער מערהייט פון שטימען? אין דעם פאל איז גילטיק נאָר דער געזונטער אינסטינקט פון די וועלכע ווילן לעבן.

מיט דעם אליין וואס עס ווערט נישט געשטעלט דעם ווילער קיינע באזונדערע תנאים, נאָר א אנערקענונג פון אָנגעהעריקייט צו דער אידישער

אומה און פון איר עקזיסטענץ אלס אזעלכע, איז עס דאָך אַן עלעמענטארע פאָדערונג פון א דורכשניטלעכן בירגער־פליכט. אָן קיינע דאָקטרינערע אי־דעאָלאָגישע התחייבותן פון העכערע נאציאָנאלע פרינציפּן און וועלט־אָנשוי־אונגען. דער וואָס וועט נישט איינגיין אויף אזעלכע באשיידענע מינימאלע פאָדערונגען, באשטעטיקט אויטאָמאטיש זיין אָפּגעפרעמדקייט. עס איז קלאָר אזוי ארום, אז וועגן אנטי־דעמאָקראטישקייט קאָן דאָ נישט זיין קיין רייד.

די ארויסגעשטעלטע לייט־מאָטיוון קענן קאָנגרעס ווי עס זיינען, סיי די שרעק פארן מאיאָריזירט ווערן דורך אנטי־ציוניסטן און צוליב אנטי־דעמאָקראטישע סירכא׳ס זיינען בלויז די קרנות המזבח, אין וועלכע זיי כאַפּן זיך אָן צו שיצן זיך פאר דער גרויסער זינד פון נים צושטיין און נים מיטהעלפן צו רעאליזירן דעם קאָנגרעס.

דורכצולאָזן דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט איז א נאציאָנאלע זינד. „אם לא עכשיו — אמתי״?! אזא פאסיקע געלעגנהייט קאָן אפשר זיך גיט ווארערהאָלן.

היינע האָט געזאָגט: ווי גרויס איז דער הר סיני ווען משה שטייט אויף אים! אין באצוג צו אונז קען מען ליידער פערפראזירן היינעס זאץ — ווי קליין איז אונזער איצטיקער דור בעת מיר שטייען נאָך אמאָל פארן הר סיני פון אונזער גאולה!

דער קאָנגרעס וועט זיך דאָך רעאליזירן און וועט רעפּרעזענטירן דעם גאנצן טייל פון פאָזיטיוון אידנטום, סיי דער טייל וועלכער וועט שיקן זיינע פארטרעטער, און אויך דעם ברוגזן טייל, וואָס איז דאָך בלב ונפש פאָרט פארן קאָנגרעס.

אידישע ארבעט אין ארץ ישראל

די אלטע תושבים קאָלאָניסטן פון ארץ ישראל זאָגן, אז זיי איז פיל מער ניחא דער פראָסטער ניקל־געלט־קלאנג — די דיפערענץ פון הסתדרות הפועלים טאריף קעגן אראבישער בחנם׳דיקער ארבעט, — איידער דער ריטמוס־קלאנג פון געלונגענע פראזן וועגן זייער עפּאָפּעאישקייט.

ווי עס שיינט, מיינען אונזערע אלטע ארץ ישראל תושבים, אז ציוניזם איז א גלות־פּראָדוקט, און דאָס גייט ניט אריין אין די „מצוות התלויות בארץ״, און פאָלגלעך זיינען זיי פּטור פון דעם. די אויפגאבע פון ציוניזם איז דאָך — צו העלפן בויען ארץ ישראל! און דאָס מוזן טאָן די גלות־אידן, אָבער זיי זיינען דאָך אליין א שטיק ארץ ישראל, אָן ארץ ישראל הבנויה, א פּארטיקע ארץ ישראל.

דער ענין איז זייער ערנסט, ווי אויף צו להכעיס קומט ארויף פון זיך זעלבסט דער געוויסער אנעקדאָט מיט צוויי בעלי־עגלות, וועלכע האָבן צו־זאמען שבת געהאלטן אין וועג ווינטער. איינער פון זיי האָט שבת נאָך מיטאָק אָפּגעזאָגט דעם גאנצן תהלים, און דערביי פרעגט ער א שאלה ביים צווייטן, צי ער דארף זאָגן „ברכי נפשי״, וועלכע איז דאָך אליין ניט מער ווי א קאַ־פּיטל תהלים, וואָס ער האָט ערשט געזאָגט.

אויף דעם קומט די תשובה פון זיין חבר: ווען דו פירסט א פאס דזשעגעכץ, דארפסטו שמירן די רעדער, צי ניין?

דער בעל־עגלה׳שער לאָקאָנישער ענטפער דארף דינען אלס מוסר־השכל דעם אלטן ישוב, אז זיי מוזן טראָגן אויף זיך די התחיבות פון בנין הארץ, גלייך ווי אלע אידן, און אז אידישע ארבעט דורך אידן אין ארץ ישראל איז א פאָרבאדינג צו זיין קיום.

און די דילעמע איז: ארץ ישראל געבויט דורך אידישע ארבעטער און ארבעט־געבער — וועט געבויט ווערן, אָדער אויב ניט, וועט ארץ ישראל — פארבלייבן נאָך א אידישער ישוב פון א גרעסערן פארנעם, אָבער אָן דער אימפּאָרטאנץ און היסטאָרישן שוואונג פון א אידישן שטאָט אָדער היים.

די פראגע פון אידישער ארבעט אין ארץ ישראל איז א הלכה פסוקה, דעם דין פארשטייט איטלעכער איד.

מען דארף ניט זיין קיין גרויסער טעאָרעטיקער און דאָס געהערט ניט צו קיין מארקסיסטישן שולחן ערוך וועגן קאפיטאל און ארבעט, אָדער אָנ־באָט און נאָכפראגע, נאָר איטלעכער דורכשניטלעכער איד, וואָס פארמאָגט א שכל הישר און עלעמענטארן אידישן יושר מיט אידישער אויפפאסונג פון זאכן, באגריפן, וועלכע ער האָט איינגעזאפט אין זיך פון דערציאונג דורכן תנ"ך (וועלכער איז נאָך עלטער פון מארקסיזם), און איבערהויפט יעדער ציוניסט, ביי וועמען ציוניזם און בנין־הארץ איז א פראגע פון זיין אָדער ניט זיין, איז דאָס ביי אים דאָס עלעמענטארסטע.

ארץ ישראל אָן אידישער ארבעט איז פשוטע קאָלאָניזאציע, א נייער עקספערימענט פון באלעבאטישקייט אזוי ווי אין ארגענטינע, בראזיל, קאַנאדע און נאָרד־אמעריקע. אָן אידישער ארבעט נעמט מען צו ביי ארץ ישראל איר אינהאלט, זי ווערט א נשמה ערטילאית, פארלירט דעם גאנצן קוואל פון ראָמאנטישקייט, די נשמה יתרה, וואָס נאָר דורך זיי קען ארץ ישראל ווערן דער רעזערוואואר פאר דעם חלוציזם און צוציאונגס־קראפט פאר אלע אידן.

אידישע ארבעט אויפן אידישן באָדן איז א שיינער עקספערימענט פאר נייע סאָציאלע איבערראשונגען, א שיינע הארמאָנישע באהעפטונג פון דעם אידישן עבר מיט דעם הווה, און פון דעם דאָזיקן זיווג מן השמים זאָל געבוירן ווערן א שיינער עתיד.

ארץ ישראל מיט אראבישער ארבעט ווערט נאָר א קליין אינדוסטריע פון פרדסים, פון וועלכע עטלעכע תקיפע אידן לעבן ניט שלעכט. זי פאר־לירט אָבער איר וואוקס, פארנעם און איבערהויפט די פערספעקטיווע פאר דער צוקונפט.

צוואנציק אידישע ארבעטער זיינען פארוואונדעט געוואָרן, און דאָס מאָל ניט דורך אראבער, נאָר דורך פאָליציי, ד. ה. אָרדנונג־אויפפאסער, די אלטע אפיטרופסים און שומרים פון שטילקייט און סטאטעטשנעקייט. אין ארץ ישראל ווי אין דער גאנצער וועלט איז דאָס די עובדא פון פאָליציי.

דער עיקר איז דאָ ניט פון וועמען, נאָר צוליב וועמען, צוליב אידישע אלטע קאָלאָניסטן פון אלטן ישוב, וועלכע זיינען אראָפּ פון קעסט.

דער אלטער ראָטשילד, דער נדיב הידוע, איינער פון די שענסטע פער־זענלעכקייטן און איידעלסטע אידן, וועלכער האָט אויפגעבויט א דריטל ארץ

ישראל שטילערהייט, אָן טומלעניש; ווען דער אלטער ראָטשילד וואָלט זיך דערוויסן, אז זיינע קדישים זוכן מציאות אין זייערע פּרדסים, אויב מיט עטלעכע גראָשנס טייערער ווי אראַבער, איז אוים אידישע ארבעט... און דערפירן צו שפיכת דמים.

מיט צוויי יאָר צוריק, אין יאָר 1929, אין די שרעקלעכע אויגוסט־טעג, וועלכע זיינען פאַרצייכנט אין אונזער געשיכטע מיט בלוטיקע אותיות פון פּורעניות, פאַרלוסט פון אונזערע גבורים, און אין דער זעלבער צייט אויך מיט נאַציאָנאַלער דערהויבונג, אָפּפערוויליקייט פון בעסטן פּרואוו און קאָ־לעקטיווער אחריות פון גאַנצן פאָלק, ביז זיינע ברייטסטע שיכטן; אין יענע שרעקלעכע טעג, ווען עס האָט געדראָט אונטערגאַנג דעם גאַנצן ישוב, סיי דעם אלטן און סיי דעם נייעם, האָט די גאַנצע ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־שאַפט, חלוצים און חלוצות, מיטן גרעסטן מסירת נפש פאַרטיידיקט דעם ישוב פון דעם ברוטאַלן אכזריותדיקן אָנפאַל פון די גרויסע אראַבישע מחנות.

עס האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן 160 פון אונזערע בעסטע קינדער, עס האָבן אויך געליטן אייניקע קבוצות מאַטעריעלע שאָדנס, אָבער דער ישוב איז ניצול געוואָרן.

אָננעמענדיק דעם אויבנגעזאָגטן היסטאָרישן מאַסשטאַב פון דיסטאַנץ אין צייט, צוויי יאָר א רגע, באַקומט זיך א שווידערלעכער איינדרוק. מיט א רגע צוריק האָבן די ארץ ישראל ארבעטער געראַטעוועט דעם אלטן ישוב פון אונטערגאַנג, פון חורבן, און מיט א רגע שפּעטער זאָגט מען אָפּ די זעלבע ארבעטער זייער אָנבאָט פון ארבעט־הענט און מען גיט זיי אוועק צו זייערע קאָנקורירן די אראַבער, דער זעלבער באַנדע איבערפאַלער, און אלץ צוליב — א דיפערענץ פון גראָשנס.

איר, אוואַנגאַרד פון ארץ ישראל! ערשטע חלוצים, וועלכע האָבן אוועק־געלייגט דעם פונדאַמענט פון בנין הארץ מיט אזוי פיל קרבנות און מסירת־נפש. איר, וואָס ציט אייער יחוס פון די ביל״ו׳צעס, זאָלט געדענקען, אז אָן די נייע חלוצים און ארבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל, און אָן דעם המשך פון זייער ארבעט, וואָלט אייער ווירדיקע התחלה קיין קיום ניט האָבן, און נאָר דורך א שותפותדיקער האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט און פאַרשטענדעניש קען פאַרזיכערט ווערן אונזער עתיד און מיר וועלן מצליח זיין.

ארץ ישראל האָט פון אירע אלטע צייטן אָן ניט געדולדעט קיין שנאת אחים, און וועט עס ניט דולדן אויך איצט, ביי איר אומקער צו איר אמאָ־ליקן צושטאַנד.

די ציוניסטישע קאָנגרעסן און דער 18־טער

אינם שטאַטלעכן זין איז אונזער קאָנגרעס נישט קיין פּאַרלאַמענט, ווייל עס פעלט אים א שטאַטלעכער רעגירונגס־כח, און דעריבער איז זיין לעגיסלאַטיווע מאַכט, וועלכע שטיצט זיך נאָר אויפן פרייען ווילן, זייער א רעלאַטיווע. אָבער, אין דער זעלבער צייט איז ער מאָראַליש פּיל מער ווי א פּאַרלאַמענט: ער איז די העכסטע פאָלקס־טריבונע אין פולסטן זין פון וואָרט. און זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן, אז בעת ביי די אומות העולם איז דער פּאַרלאַמענט דאָס ווערק פון פאָלק, איז ביי אונז, אין דער ציוניס־טישער וועלט, דער היפּך; אונזער קאָנגרעס האָט געשאַפן דאָס פאָלק, די אחריות האומה און האָט פאַר אונז געעפנט ברייטע האָריזנטן און א נאַציאָ־נאַלע ריכטליניע.

די ערשטע קאָנגרעסן אויף וועלכע עס האָט נאָך געשוועבט דער גייסט פון זייערע שעפער, הערצל און נאָרדוי, זיינען געווען עפּעס אזוינס, וואָס איז שווער אויסצודריקן אין ווערטער און דערקלערן בילדעריש, ווייל אין דער וועלט־געשיכטע איז אומבאַקאַנט אזא פאַל, אז יחידים פון א פאָלק, א צר־שפּרייטס אין אלע עקן וועלט, א מענטשן־שטויב, זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין איין פונקט, זאָלן זיך אָפּרופן אויפן רוף פון א יחיד, דאַן נאָך כמעט אן אומבאַקאַנטער, א העלד פון א צויבער־חלום מיט א שיינער אידיליע — די אידיליע פון אן אידנשטאַט.

ער דערשיינט פאַר אונז ווי דער לעגענדאַרישער **א ל י ה ו ה ת ש ב י**, **ו ו ע מ ע ן ק י י נ ע ר ז ע ט נ י ש ט**, און זיין רוף האָט געהאַט אן אָפּקלאַנג, ווייל ער האָט אָנגערירט די איידלסטע סטרונעס פון דער פאָלקס־נשמה.

די דאָזיקע יחידים האָבן אים פאַרשטאַנען, ווייל זיי האָבן געוואַרט און געהאָפט, אז אזא רוף מוז קומען. דאָס איז געווען א קבוץ גלויות און עס איז מקוים געוואָרן „ובאו הנדחים מארץ אשור והאובדים מארץ תימן".

דאָס איז געווען די לעגיטימסטע פאָלקס־פארטרעטערשאפט. אינם מאָראַ־לישן זין פון צוטרעפן די כוונות און דעם אינטואיטיוון רצון פון פאָלק און היסטאָרישן וועג, וואָס פירט צו זיין קיום. עס האָט געווים געפעלט די פּראַ־צעדור און אָנגענומענע וואל־געזעצן, לויט דער דעמאָקראַטישער וואל־מאַשין און וואל־אינדוסטריע, מיט ווייניק וואל־פּראָפּאגאנדע, מיטינגען און בלאָקן. דאָס איז געווען א קאָפּיע פון דער אלטער חשמונאישער פאָרמולע: „מי לה׳, אלי!״

די גרויסקייט פון ערשטן קאָנגרעס איז באשטאנען אין דעם, וואָס אלע, ווי איינער, זיינען געווען פאריייניקט אין איין גרויסן באגער, אין איין צענטראלער מחשבה וועגן אחדות האומה און שיבת ציון, לויט העכערע מענטשלעכע פּרינציפּן און אינספּיראציעס, אויסגעוועבט פון די משיח־פעדים און אויסגענייט אויף נביאישער קאַנווע, אָן די גראָבע שטעך פון פעלקערשע שטאָטלעכע אמביציעס און אפּעטיטן.

סיי הערצלס ווי נאָרדויס רעדעס וועלן פארבלייבן נישט נאָר אידיש־היסטאָרישע דאָקומענטן לדורות, נאָר אויך דאָקומענטן פאר דער וועלט־געשיכטע. נאָרדויס רעדע איז געווען אן אמתער באשולדיקונגס־אקט קעגן דער גוייאישער וועלט, געשמיסן איר אין פנים מיט איר אייגענער זינד קעגן אונז, אָנווייזנדיק אירע עוולות און אומרעכט אין באצוג צו אונז. אינם טיפן זין, אינם אמתן שטאָלץ און פּאטאָס פון זיינע ווערטער האָט זיך געהערט דער טאָן און העזה פון א ישעיהו, א בן ענתות, די זין פון דער קליינער מי־ניאטורנער יהודה, ווען זיי האָבן געשטראָפט די גרויסע וועלט־הערשער.

דער רוח הקודש און השראת השכינה האָבן אויך איבערגעלאָזט זייער חותם אויף די שפּעטערדיקע קאָנגרעסן. אמת, איטלעכס מאָל אלץ בלאסער און מער איינגעהילט אין גלות־וואָלקנס. עס פלעגן זיך דאָך נאָך הערן אָפּ־קלאנגען דורך די תלמידים פון הערצל און נאָרדוי, אָן עכאָ פון די ערשטע קאָנגרעסן, עס האָט געהערשט אן אטמאָספערע פון חשיבות און קדושה. איטלעכער יחיד און אלע צוזאמען האָבן עפּעס בייגעשטייערט און האָבן געטראָגן אחריות פאר זיין אומבארירבארקייט און האָבן געוואכט איבער זיין כבוד, אז ער זאָל נישט פארשוועכט ווערן.

דער 18־טער קאָנגרעס האָט זיך אינגאנצן אראָפּגערוקט פון זיין מדרגה, עס פילט זיך הסתלקות השכינה, ד. ה. די שכינה, קאָן נישט רוען אין אן אטמאָספערע פון פּולווער, רויך און פּארטיי־מלחמות.

נאטירלעך איז נאאיוו צו פאָדערן די גאנצקייט און אידעאליזם, וואָס

האָבן געהערשט ביי די ערשטע קאָנגרעסן, ווען דער ציוניזם איז נאָך געווען אן אידעאל, א קינד פון ירושלים של מעלה און האָט זיך געשפייזט מטל משמים. היינט האָט ער שוין אָנגענומען בירגערשאַפט פון מלכותא דארעא, ערד־בירגערשאַפט, מוז ער זיך אונטערוואַרפן אונטער די געזעצן, וועלכע הערשן אויף דער ערדישער טעריטאָריע, אונטערן שטרענגן מושל, זיין מאַ־יעסטעט דאָס לעבן. מען איז אָבער דאָך שוין צו ווייט אוועקגעגאַנגען, צופיל ערדיש, צופיל גשמיות׳דיקייט און צופיל קאָפּירט די אומות העולם.

מיר זיינען זעלטענע פעאיקע תלמידים אין חכמת פּאַרלאַמענטאַריזם, די תורה פון שאַפן בלאָקן און ווען עס לוינט אפילו מין בשאינו מינו, אָבסטרוקציעס, פּאָליטישע טריקס, פּאַרטייאישע אמתן לויטן אייגענעם פּאַרטיי־נוסח מיט א פּאַרטיקן קלישע. און צוליב וואָס זוכן אמתן, אַרבעטן, באַטראַכטן, פאָרשן, מאַטערן דעם מוח? ווען די מאָדערנע טעכניק ליפערט זיי פּאַרטיקע, אויסגעגאָסענע אין דעם פּאַרטיי־דעזערוואַר און מען קאָן זיך באַדינען מיט פּאַרטיקע כללים, אז דאָס וואָס די צווייטע פּאַרטיי זאָגט איז נישט אמת, ווייל דער אמת איז איינער, א פּאַטענטירטער פון מיין פּאַרטיי.

ליידער האָט זיך דער 18־טער קאָנגרעס געפירט אין אזעלכע תנאים, און אפשר איז דאָס איינע פון די סיבות, וואָס די אומצופרידענע דערלויבן זיך צו מורה היתר זיין אויף נישט אויסצופאָלגן זיינע באַשלוסן. נאַטירלעך איז א סיבה ניט קיין באַרעכטיקונג, פּונקט ווי פּאַרדרוס אָדער כעס איז נישט קיין באַרעכטיקונג צו וואַרפן א טינטער יענעם אין קאָפּ, אָבער א סיבה איז דאָס, און דער וואָס איז גורם צו דעם טראָגט אויך נישט קיין קליינע שולד.

געדאנקען וועגן 2־טן נאָוועמבער

אין פארלויף פון די פופצן יאָר זינט עס איז דערשינען די באלפור־דעקלאראציע האָבן זיך ארום איר אָנגעזאמלט מער פון ל״ב פירושים. עס זיינען שוין דאָ פירושים אויף די פירושים. דער „ווייסער בוך", דער אזוי־גערופענער ספר דברים, די משנה תורה פון באלפור־דעקלאראציע איז שוין אויך רייך אין פירושים.

אזוי איז דער גורל פון גרויסע תורות. איבערהויפּט פון די וועמענס געוועב איז פון סאָציאָלאָגישן רוי־שטאָף, וועלכע איז אייביק און עלאסטיש. די פירושים זיינען דער אויסדרוק פון איטלעכן סאָציאלן שיכט לויט זיינע פּאָליטישע ברילן און וועלט־אָנשויאונג. און מפרשים זיינען דאָ לרוב, ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן טראָגט צו זיין קומץ, א ביישטייערונג, א מנחה לה׳, און פון דער גרויסער שפע פון קטורת מכל המינים: ווייררויך, חלבנה, — שארפע נסכים און שמעקנדיקע בשמים איינגעשלאָסן — ווערט אזוי נעבלדיק אָנגערויכערט, אז עס פארשטעלט דעם אמתן טעקסט אין אָריגינאל פון די צורות ווי זיי האָבן אויסגעזען בשעת זיי זיינען ארוים פון היכל היצירה.

„צוליב די בוימער זעט מען ניט דעם וואלד" — זאָגט דער רוס. צוליב דעם מבול פון קאָמענטארן ווערט פארלוירן דער ריכטיקער זין און אינהאלט.

די פירושים קומען פון אלע זייטן, פון רעכטס, לינקס און נאָך לינקער, ווער רעדט שוין פון לינקס־שבלינקס אָדער רעכטס־שברעכטס, וועלכע זעען אין דער באלפור־דעקלאראציע דעם מקור פון אלע שלעכטס, און אז עס איז לכתחילה געשאפן געוואָרן צוליב זעלבסט־נוצן, אימפּעריאליסטישע אמביציעס און שאך־ברעט אין ענגלישן פּאָליטישן שאך־שפּיל אויפן אָריענט.

דאקעגן דער צענטראלער פליגל אינם ציוניזם, האָט ביז די לעצטע דריי יאָר, ד. ה. פאר'ן לעצטן נייעם פירוש אויף דער באלפור־דעקלאראציע, אָדער די הגהה פון דעם בריטישן גאון פּאסיפילד אויפן ווייסן בוך, אויפגענומען די שטיל־הארמאָנישע מבשרי־גאולה־טענער, וועלכע די באלפור־דע־

קלאראציע אנטהאלט, און האט זיי דערהויבן צו דער נאענטער סימפאניע־רעקארדן, און „שופר של משיח“־קולות.

דער טאן שאפט די מוזיק. לויט דעם פון דעם העטעראגענישן קאמפאנענט, וועלכע האבן זיך באטייליקט און זיינען געווען פאראינטערעסירט אויף א דירעקטן אדער אומדירעקטן אופן אינם אויסגאנגס־פונקט פון דער זעלבער, איז געשאפן געווארן די מוזיק, די שירה חדשה אין אונזער נאציאנאלן לעבן און רענעסאנס־עפאכע אין די לעצטע 15 יאר.

עס איז אויסער יעדן ספק, אז די אומשטענדן, באזונדערע באדינגונגען און די כאראקטעריסטישע אומגעבונג האבן ניט ווייניק געווירקט און איבערגעלאזן זייער שטעמפל אויף איר פיזאנאמיע, און דאס זיינען די מלחמה־צייטן.

די באלפור־דעקלאראציע איז געבוירן געווארן ביי דעם קולמינאציע־פונקט פון דעם מלחמה־פסיכאז. פעלקער האבן פארלארן דעם מינדעסטן מענטאלן קאנטראל איבער זיך. די אנארמאליטעט איז געווארן א לעבנס־שטייגער. עס איז געווען א הרת עולם פון גרויסע מעשים און פאסירונגען, גרויסע געמיינהייטן, היהשע, צעבושעוועטע אינסטינקטן ביז דאס פולשטענדיקע אפמעקן דעם פרצוף פון צלם אלקים, פארכאפן די גאנצע וועלט אין צוואנגען פון ווילקיר און פארגוואלטיקונג, אפלאכן מיט א טייוולשן געלעכטער פון אלץ דערהויבענעם מענטשלעכן.

וואו ניט וואו האבן זיך געהערט פארלארענע טענער פון פאציפיסטישע נביאים. דאס זיינען געווען אומזיסטע ארויסגעווארפענע פראטעסטן פון גרויסע גייסטער, וועמענס קולות זיינען פארבליבן ווי קולות, וועלכע רופן אין מדבר, פון זשארעס, ליבקנעכט, פראנץ אדלער, עטלעכע פראטעסטאנטישע פאסטארן און אבאטן אין ענגלאנד און נארד־אמעריקע.

די וויסנשאפט איז צוהילף געקומען דעם מלאך המות, דעם שד פון פארניכטונג און מלחמה־זשעני, זי איז אבער געווען צו נישטיק און אנמעכטיק.

אין דער זעלבער צייט פאלן אוים ווילסאנס שיינע חלומות מיט זיינע 14 פונקטן, וועלכע זיינען שפעטער אזוי ציניש אפגעלאכט געווארן.

די באלפור־דעקלאראציע איז דער באראמעטער און עקספאנענט פון דער מלחמה־עפאכע, זי האט איינגעזאפט אין זיך די סובסטאנץ פון משיחיזם, דעם גשם נדבה און טל של ברכה, די געציילטע רעגן און טור־

טראַפּנס, וועלכע זיינען געפאַלן אויפן אַאזים־באָדן אין סדום ועמורה־טעריטאָריע, וועלכע רופט זיך מלחמה.

פונקט ווי עס וואָלט געווען א פוסטע פאַנטאַזיע אָדער אידיליע צו מיינען, אז די באַלפור־דעקלאַראציע איז א קינד פון לויטער רוח הקודש און אידעאַליזם אין דעם בריטישן פאָלק, אזוי וואָלט געווען א טעות און בלינדע עקשנות צו אויסשליסן אין גאנצן וועלכע עס איז אידעאישע באַציאונג צו ארץ ישראל און ביבל מצד בריטאַניע, און צו דענקען, אז נאָר צוליב אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס און פּאָליטישע פּלענער וועגן ענגלישן דאָמיניום און פּאָזיציעס אין אָריענט איז דער איינציקער לייט־מאָטיוו. נאָר אין ביידע זאַכן צוזאַמענגענומען. אין דעם דאָזיקן דואַליזם געפינט זיך דער אמת.

די פירושים וועלכע זיינען שפּעטער געקומען דורך דאָס ווען פון דעם „ווייסן בוך" מיינען ניט צו אָפּלייקענען און אָפּפרעגן דעם זין, וואָס ליגט אין דער באַלפור־דעקלאַראציע, נייערט זיי פּרעטענדירן צו אָפּשטעלן נאָר ציימווייליק די עקזאַקטע דורכפירונג לויט דעם פולן זין און התחייבות, וואָס דער טעקסט און בשעתה די כוונה פון מחוקק האָבן געמיינט. דאָס זיינען די שיקאַנעס וואָס בעלי חובות מאַכן, כדי צו אָפּשטויסן דורך זיי די צאָלונגען ביי שווערע ציימן און קריזיסן.

די פּאָליטישע שוועריקייטן און דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק זיינען זייער אָנגעשטרענגט און זיי זיינען פיל וויכטיקער בויגיק ווי מיר זיינען אין די הענט פון ענגלאַנד, און לויטן געזעץ פון קלענערן ווידערשטאַנד האָט מען אָנגעהויבן די מאָראַטאָריום פון אונז, די מער נאָכגעביקע.

די חשיבות און כח פון דער באַלפור־דעקלאַראציע באַשטייט אין דעם:

א) וואָס זי איז אנערקענט געוואָרן פון אזא גרויסער אימפּעריע, ווי ענגלאַנד איז, אין ערנסטע מאָמענטן פון איר געשיכטע.

ב) די התחייבותן האָבן געקראָגן אן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אונטערגעשריבן פון 52 שטאַטן, די פאַקטישע וועלט־מאַכטהאָבער.

ג) די אַלע רעגיסטרירטע פירמעס זיינען אנערקענט און רעגיסטרירט געוואָרן ביים וועלט־נאָטאַריוס, ביים פעלקער־בונד.

ד) ענגלאַנד איז א ציימווייליקע מאַנדאַטור־מאַכט, וועלכע טראָגט די אחריות פאַרן פעלקער־בונד, ד. ה. פאַר די וועלכע האָבן אונטערגעשריבן די התחייבותן.

ה) די באַלפור־דעקלאַראציע האָט אָפּגעשאַפט די נאַרישע פּלפּולים אין

דער גויאישער וועלט, ווי אויך ביי געוויסע קרייזן אין דער אידישער וועלט, וועגן דער פראגע צו זיינען מיר בכלל א פאלק.

אונזערער א משורר וואס האט געלעבט אין סוף פון פאריקן יארהונדערט האט נאך דאן געפרעגט, וואס זיינען מיר: א פאלק, אדער א סטאדע? „עם אנחנו או עדר”? און ער איז געקומען צום שלום אז עדר, עדר לבדו אנחנו. 52 פעלקער האבן באשטעטיקט און אונטערגעשטראכן, אז מיר זיינען א פאלק, און זיי האבן געגעבן זייער הסכם, אז ארץ ישראל איז אונזער נאציאנאלע היים.

אויב פאר אונזער אייגענעם נאציאנאלן געוויסן און באוואוסטזיין איז דאס איבעריק, און עס איז ניט מער ווי נאך א הסכם אויף אן אקסיאמע, איז דאס אבער זייער וויכטיק פארן וועלט־רעגיסטער.

און אזוי דארפן מיר באטראכטן איטלעכע צייטווייליקע פארלעצונג און ניט אויספילונג ביים רעאליזירן די באלפור־דעקלאראציע, אלס א צייטווייליקע ניט־צאלונג פון א וועקסל, וואס איז אונטערגעשריבן און קעגנזייטיק גאראנטירט פון דער גאנצער וועלט.

עס קאנען זיין צייטווייליקע סבות, מניעות וועלכע שטייען אין וועג, אבער סוף כל סוף מעקט מען ניט אפ אזעלכע חובות, א גאנצע וועלט באנקראטירט ניט. ניט אין פאטענץ און ניט אין איר מאראלישן כח. און ווען עס זאל קומען צו דעם צושטאנד פון „יחזור העולם לתוהו”, זיינען אונזערע חשבונות במילא איבעריק און מיר וועלן זיין ניט בעסער און ניט ערגער פון דער איבעריקער וועלט.

לאמיר בעסער גלויבן אין דער דויערהאפטיקייט פון עולם און פון דעם עם עולם!

געדאנקען ארום ראש השנה און יום הכפור

ס'ווערט געבראכט אין נאמען פון ווילנער גאון, אז אויף יעדן סכום וועלטלעכע ידיעות וואס א איד באקומט, קען ער דערגרייכן צען מאל אזוי פיל ידיעות התורה. דער געדאנק וואס איז אנטהאלטן אין דער דאזיקער דע־פיניציע לאזט זיך איבערבויען און אנווענדן אין באצוג צו ימים נוראים בכלל און ראש השנה און יום כפור בפרט. וואס מער עם־הארצות עס פאר־מאגן די פסעאודא־ראדיקאלן און כלומרשט אויפגעקלערטע, אלץ מער קעגנערשאפט ווייזן זיי ארויס צו די פריער דערמאנטע פאסטולאטן, וועלכע זיינען אן און פאר זיך א קוואל פון גייסטיקער דערהויבונג, ברענגען אריין נשמה־באפרידיקונג און דינען אלס איידלסטער מאדעל פאר א קאנפאר־טאבלער אויסשטאטונג אין אונזערע זעלישע דעפארטאמענטן.

אין אונזער אלטער ליטעראטור געפינען זיך גאנצע אוצרות צעווארפענע מאמרים, משלים און אפאריזמען וואס וואלטן געקענט דינען אלס קוואל פון ליכט און אויפקלערונג. די פריערדיקע דורות, און פילייכט נאך אפילו דער פריערדיקער דור, האבן זיך ניט געגוויטיקט אין דעם, ווייל די ימים טובים זיינען ביי זיי געווען א טייל פון זייער ארגאנישקייט, פונקט ווי א מענטש אטעמט און פולסירט אין ענגער שייכות מיט דער בלוט־צירקולאציע, ניט וויסנדיק אויף וויפל ער איז אפהענגיק פון דעם גאנצן קאמפלעקס פון אנא־טאמישע און ביאלאגישע געזעצן, וועלכע זיינען די מושלים איבער אונ־זער לעבן.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואס דער דור וואס איז געבוירן אין די אמע־ריקאנער לענדער האט זיך אזוי דערווייטערט פון די ימים נוראים. אט דער דור אויף וועלכן מען קען זאגן „אשר לא ידע את יוסף”, אויב ער האט אפילו געזען אין זיין פאמיליע־קרייז אידישע ימים טובים, האט ער אבער מער ניט ווי גענאסן פון די עולם הזה'דיקע מאמענטן, וועלכע זיינען נישטיק און בלייך, ווען זיי זיינען ניט פארבונדן מיט די גייסטיקע,

נשמה־יתירה׳דיקע. ער קען ניט מער ווי דעם סקעלעט און האָט ניט קיין אנונג פון דער ארכיטעקטור און זין פון די פלענער־צייכנונגען און דערצו איז ער בוכשטעבלעך אָפּגעריסן פון דער טראַדיציע, וואָס איז דאָך די כלי וועלכע ציט אריין אין אירע ווענט דעם זאַפט און ריח פון יין־המשומר פון דעם כרם ישראל.

„לא על הלחם לבדו יחיה האדם״, ניט מיט וואולגאַרער טאָג־טעגלעכער מאַטעריע קען מען אויספילן די לעבנס־פאָדערונגען. דער דאָזיקער כלל איז נאָך פון די פּרימיטיווע, ביבלישע צייטן אָן געוואָרן דער יסוד פונעם לעבן. אין זיין שפּעטערדיקער עוואָלוציע, בזמן התלמוד, ווערט אויסגעטייטשט דער צוועק און פּראָגראַם פון יום־טוב אלס א באַהעפטונג פון דאָס נוצלעכע מיט דעם גייסטיקן, וואָס ווערט אויסגעדריקט קורץ און לאַקאַניש: „חציו לה׳ וחציו לכם״. האלב פאַרן פערזענלעכן געניס און די צווייטע העלפט פאַרן גייסטיקן און געטלעכן.

ווער איז שולדיק אין דעם און פאַרוואָס קומט עס פאַר גראַדע מיט אונזער יוגנט, וועלכע פאַרמאָגט דאָך אַן איידעלן געהער צו אויפנעמען די דעליקאַטסטע טענער פון אונזער נאַציאָנאַלער מוזע, וועלכע קומען צום אויס־דרוק אין די ימים־טובים בכלל און ימים־נוראים בפרט? כ׳דענק, אז אין דעם איז שולדיק די סיסטעמלאָזיקייט, דאָס פעלן פון א פּאָפּולאַריזאַציע; ביי אונז איז געווען אַן איבערפלוס פון אקאַדעמישע למודים און א מאַנגל אין האַנט־ביכער און אויפקלערונג.

אונזער ליטורגיע איז פאַרבליבן ווי א ספר החתום, ניט נאָר פעלט די היסטאָריע פון איר אנטשטייאונג און שאַפונג, איר צופאַסונג און צוזאַמענ־פאַלן מיט היסטאָרישע עפּיזאָדן, נאָר ס׳פעלט די אנאַליטישע צעגלידערונג פון די תפילה־טעקסטן, דאָס ארויפברענגען זייער הויך מאָראַלישן תוכן, אָנ־ווייזן אויף די איידעלסטע שלייפן פון נאַציאָנאַלן מיט דעם קאָסמאָפּאָלימישן, דאָס מיסטישע מיט דעם אוניווערסאַלן, דאָס ברייט קאָלעקטיווע מיט דעם טיף אינדיווידואַליסטישן און הומאַניטאַרן.

און אפשר נעמט זיך טאַקע דערפון די סיבה, פאַרוואָס די גראַדן אויפן באַראָמעטער, וואָס ווייזט אויף דער חשיבות פון די ימים־טובים, זיינען גע־פאַלן אזוי נידעריק, דערגרייכנדיק כמעט צו נול? פון איין זייט דאָס פעלן פון דער טראַדיציאָנעלער סביבה און רעליגיעזער שטימונג, וואָס פלעגן ארויסרופן פּיעטעט און טיפן רעספּעקט צו דער פייערלעכקייט און הדרת קודש פון „וצדיק באמונתו יחיה״; פון דער צווייטער זייט — די עם־הארצות,

דאָס ניט פארשטיין די טעקסטן פון די תפילות און דעם עטיש־היסטאָרישן זין אלס סיבה־ראשונה פון זייער אָפּשטאמונג. די אָרגיעס פון די בעזבאָזש־ניקעס אין דער יום־כפור־נאכט. ס׳איז געוואָרן אין דער מאָדע, אָפענע דעמאָנסטראציע פון גאָט־לעסטערונג, צום ערשטן אין נאָרד־אמעריקע און אין פוילן און די לעצטע אין מאָדע, ווי שטענדיק — דאָ אין אונזער ישוב. די דאָזיקע מלחמה־מצוה האָט דערגרייכט איר אַפּאָגיי אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו די יעווסעקציע האָט געשאלטעט און געוואלטעט מיט דער אידישער גאָס. די אָפּשטאמיקע פון „ממלכת כהנים וגוי קדוש" און וועלכע געהערן צו די דערפינדער פון הכרת הבורא, האָבן זיך — מעשי בעל־בתים — באַרעכטיקט צו פארניכטן אים...

א ביטערער געלעכטער פון אנדרעיעוו־קאַליבער; „זה לעומת זה עשה אלקים"; בראת יצר הרע, בראת שטן, בראת יצר טוב, תורה. די זעלביקע אנטדעקער פון גאָטהייט און העכסטע פרינציפּן, זיינען די דערפינדער פון זייער נעגאציע, ארויסרופנדיק א ביטערן געלעכטער אין זין פון תהילים־דיכטונג „יושב בשמים ישחק ד׳ ילעג למו".

אין אלץ וואָס איז גייסטיק און אידעאיש און שטאמט פון שכל העליון, די דאָזיקע קאָמעדיע רופט ארויס א סארקאסטישן געלעכטער און ביטול צו די פסעאודאָ־אינטעליגענטן, וועלכע מאכן פון עם־הארצות א קולט. אין אונזערע צייטן פון ניכטערן פסיכאָ־אנאליז, זינט עסן חלב מיט טשוועקעס האָט אויפגעהערט צו זיין אן אויסדרוק פון אויפגעקלערטקייט; ווען הוליאַנקעס און אָרגיעס אין דער יום־כפור־נאכט זיינען שוין ניט מער קיין סימן מובהק פון להכעיס־פּאָליטיק, הימל־שטרייטן, מרידה און אטענטאט כדי צו אראָפּוואַרפן דעם „איום ונורא" פון זיין כסא הכבוד, ווערן אלס לאָגישע מסקנא פון איבערשאצונג פון ווערטן, אָט די פריער געזאָגטע טראַגי־קאָמישע פּראָצעדורן פון אמתע אינטעלעקטואלן און ראדיקאלע דענקער — באַטראַכט אלס רעשטלעך פון דעם אלטן היידנטום, פון יענע בארבארישע צייטן, ווען די קריגער פלעגן אין דעם גניעג צו פארטיליקן דעם שונא, אויך פארניכטן זיין גאָט...

א רוסישער שפּריכוואָרט זאָגט: איידער עס דונערט צלמט זיך דער פויער ניט איבער. פיליכט איז דאָס, אין א פאראפראזירטער פאָרם, דער געדאנק פון נביאישן כלל: „היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו?". יעדער אלאַרמירנדיקער סיגנאל מוז ארייננברענגען אומרואיקייט אין דעם גייסט פון פאָלק. און ווער מער פון אונז געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון שטענ־

דיקע דונערן? מיר זיינען דאָך די ערשטע קאַנדידאַטן „על כל צרה שלא תבוא", בפרט אין איצטיקן הרת־עולם, וואָס איז היסטאָריש ביישפּיללאָז פאַר אַלע פעלקער און פילפאַך מער פאַר אונז, ווען מען רואינע און חורבן שטייגן איבער די צוויי קלאַסישע חורבנות פון „בית ראשון" און „בית שני".

די ערשטע צו דערוואַכן, אָדער — לויט דעם קלאַסישן נאָמען — אַי־בערשאַצונג פון ווערטן, זיינען געווען גראַדע פון דעם סופּער־ראַדיקאַלסטן לאַגער, אַבאַ גאָרדין, גאָלאָמב און אַנדערע. און גראַדע זיי זיינען די זוכער און אַנטפּלעקער פון גאָטס־צייכן צווישן פאָלק, פון תורה, ימים־טובים און אידישע טראַדיציעס, וואָס ווערן אויסגעדריקט אין זייערע וואָגיקע ווערק, אינם זין און גייסט פון „ישראל סבא"; ווערק פון וועלכע עס אָטעמט מיט דויערהאַפטיקייט, נאָר באַנייט און אָפּגעפרישט מיט אַ נייעם נוסח.

דונערן און בליצן זיינען נאָך פון אור־צייטן געווען אַ פאַרבינדונגס־קראַפט צווישן גאָט און מענטשן. די קולות וברקים ביים הר סיני זיינען גע־ווען די פאָרגייער פון התגלות אלוקים. לויט די מיסטישע באַגריפן ווערן באַצייכנט אַלס אַ העכערע קאַטעגאָריע די, וועלכע זיינען בייגעווען ביים מעמד „הר סיני".

אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך געבילדעט גאַנצע לעגיאָנען, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די אויבנדערמאַנטע און אַנדערע פען־פירער, וועלכע זוכן און פאָרשן גאָטס־וואָרט, מאַכן אַ רעוויזיע פון אַלטע אמתן פון אידישן לעבנס־שטייגער, טראַדיציעס, אין וועלכע עס גייען אויך אריין ימים־טובים. אַזוי אָפן, אויפריכטיק און מוטיק קלאָגן זיי אָן אויפן ערשטן פּלאַץ זיך אַליין און די נישטיקייט פונם דור, וועלכער איז איינגעטונקען אין מ"ט שערי־טומאה פון קולטורעלער אַסימילאַציע, און פאַראורטייל און קליינמו־טיקייט אין באַצוג צו אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעלע אידישקייט, אַלס רעזול־טאַט פון מאָדערנער עבודה־זרה און עם־הארצות.

ס'איז צו באַמערקן אַ גרויסע ענדערונג און באַנייאונגס־גייסט אין אונ־זער לעבן. דאָס נאָרד־אַמעריקאַנער אידנטום און זיינע אינסטיטוציעס זיינען גייסטיק און אידיש־קולטורעל אויסגעוואַקסן, אָפּגעפרישט געוואָרן מיט די אַלטע קוואַלן וואָס פליסן פון ים־התיכון פון אידישן עבר. ס'ווערן פאַר־שפּרייט תורה און השכלה מיט העכערער אַקאַדעמישער בילדונג און פאָר־שונג פון חכמת־ישראל, אויסבילדונג פון רבנים מיט אַ מזיגה פון תורה מיט פרפראות לחכמה און אַ נעץ פון שולן מיט אידישן אונטעריכט פון אַלע קאַ־טעגאָריעס. איבערהויפּט איז וויכטיק דער באַנייטער גייסט אין באַציאונג צו

ימים־טובים, באגלייט פון א באזונדער פיעטעט. די סדרים אין די אייגענע פאמיליע־קרייזן, ווי קאלעקטיווע און אויך די אנדערע ימים־טובים וואס גייען שוין אריין אין א לעבנס־שטייגער און וועלכע ווערן אויך קאפירט אין זיד־אמעריקאנער לענדער.

וויכטיק איז דאס, וואס עס ברענגט אריין אין אלע שיכטן א רעוואלוציע פון אויבן אראפ צווישן די גייסטיקע אריסטאקראטן פון ראדיקאלן לאגער, וואס דינט שוין אלס חכשר און אנדייטונג פאר די נעבעך גייסטיקע פראלע־טאריער, אז סדרים און הגדה־נוסח, ווי דער יום־טובדיקער קידוש אין זיינע פארשיידענע וואריאציעס, זיינען חס ושלום ניט קיין רעאקציע און נאך ווייניקער קלעריקאליזם, נאר פשוט: אן איינפארשטענדיקונג צווישן מענטש און גאט; א פאוזע צווישן קדושת יום־טוב און דער קדושה פון וואך און טאג־טעגלעכן לעבן, וואס מוז דאך אויך זיין הייליק; אז די די שמחה פון געגוס איז אן אייגנארטיקע מזיגה, א „געמיש" פון „טל השמים" מיט „משמני הארץ".

דאס איז דאך א זעלטענער דערציערישער סיסטעם, בהדרגהדיקע לעק־ציעס וועגן דער קאנסטרוקציע פון דער אידישער רעליגיע און דעם אייביקן קשר פון גאט און פאלק.

:: :: ::

ראש־השנה און יום־כפור גייען ווייט אריבער דעם דורכשניטלעכן באַ־גריף פון יום־טוב. די ראמען פון וועלכן, זיינען שמאל פאר אזא ברייט־קייט פון האריזאנטן.

ימים־טובים ביי די אומות העולם דעמאנסטרירן היסטארישע עפיזאדן, דערמאנערונגען אדער קאנסאלידירונג פון פאזיציעס, וועלכע האבן זיך גע־פונען אין געפאר, ווי אויך דערגרייכונגען פון אינערלעכע שטאטס־רעפארמען, וואס ווערט אויסגעדריקט אין עפנטלעכע פאראדן און אנדערע פארמען.

אונזערע אידישע ימים־טובים שטאמען פון ווייטן עבר און האבן אלס זייער סיבה־ראשונה, אגריקולטור־פייערונגען וועלכע פלעגן בזמן המקדש זיין באגלייט מיט א קרבן תודה, דאנקבארקייט צו גאט פאר דער ברכה פון דער נאטור, ערד, רעגנס, זון־שיין און פייכטקייט פון דעם פרי־מארגן־טוי. פאלגלעך רואיקע ימים־טובים, דיסציפלינירטע. שפעטער אין גלות, ווען די ארגאנישע נאטור־מאטיוון זיינען פארשוואונדן, האט מען זייערע לייט־מאטיוון געמוזט מחזק זיין מיט אידעאישע פעדים פון היסטארישע זכרונות און „זכר ליציאת מצרים" און קולטור־זכרונות — מתן תורה.

דאָס איז אַלץ אַ „במקום" פאַר די אייביקע וואָגלער, ענלעך צו דעם, וואָס עס איז ירושלים של מעלה, ניט האַבנדיק אין באַזיץ ירושלים של מטה. די שמחת החג איז פאַרשטענדלעך געוועזן אַ מער דאָגמאַטישע מיט פּאָליטישע אימפּעראַטיוון, ווי אַ נאַטירלעכע: „ושמחת בחגך" — עס איז אַ מצוה צו פרייען זיך... דעריבער איז טאַקע די שמחה געווען אַ בשותפות'דיקע מיטן כביכול „חציו לד' וחציו לכם". און אַזוי ווי מיר האָבן דאָך אַ שם פון „ישראל בישנים", האָט מסתמא אונזער העלפט געליטן... זאָל אונזערס איבערגיין...

ראש־השנה און יום־כפור ווערן ניט רעגיסטרירט צווישן „מועדי לשמחה וחגים לששון", דער ערשטער האָט קוים אַ לייכטע מעטריקע איינשרייבונג אין תנ"ך, ווי דורך אַ רמז אין פרשה בהר (ויקרא), און ער האָט זיך אויסגעבילדעט און אַנטוויקלט אין גלות, און דעריבער ליגט אויף אים די עצבות, ווי די היסטאָרישע פאַרטיפונג פון גלות: „כי חוק הוא לישראל", „משפט לאלוקי יעקב". ניט אַ יום־טוב פון עפּיזאָדן און שטימונגען, נאָר פון ברייטער וועלט־אַנשויאונג מיט וועלכער עס ווערט דורכגעדרונגען אַ פאָלק וואָס איז אַנטשטאַנען דורך אַן אייביקן קשר מיט גאָט.

ביי די שלש רגלים, וועלכע האָבן זייער לעגאַלע וויזע אין פּסוק, מאָנט דער גלות זיין חלק און קומט מיט אַ צוגאָב פון יום־טוב שני של גלות. זאָל זיך טאָן ארץ ישראל וואָס עס וויל, מיר גלות־אידן שענקען ניט אונזער חלק און בעטן פאַר אונז באַטייליקונגס־רעכט פון גלות־אויטאָנאָמיע, דאָס רעכט אַריינצוברענגען אונזער קאָלאָריט, אונזער נאַטירלעכע פאַרב פון שעבוד גלויות און מאַרטירערטום...

ראש־השנה איז אַ קדושה אחת, אַ יום הזכרון, אַ צייט פאַר דעראינערונג און חשבון הנפש פון יחיד און צבור, און פון דעם ברייטן צבור פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס זיינען ניט סתם צוגעפּאַסטע פראַזן, וואָס שטאַמען פון זעלבסט־נאַרעריי, נאָר זיי געפינען זיך אין טעקסט פון סדר התפלות, די אָפּטיילונג פונם יחיד פאַר זיין תורה שבלב, אַן אינטימער נשמה־אויסגוס, ווען דער יחיד בלייבט אַליין מיט זיין געוויסן און גאָט: „ובכן תן כבוד לעמך — — — שמחה לארצך — — — וצמיחת קרן לדוד עבדך". אַלץ נאַטירלעך, ניט אויבערמענטשלעך; אדם קרוב לעצמו. נאָכהער קומט דער קאָלעקטיווער מאָמענט, אָן וועלכן דער יחיד קען קיין קיום ניט האָבן. „ובכן צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלוזו — — — ועולתה תקפוץ פיה וכל הרשעה כולה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ". אין

אויסגעשטעלטע פּעטיציע צו גאָט, דער פּראָגראַם פון וועלכער וועט צופרידנ־שטעלן די צדיקים און אָפּשטאָלן פון דער מענטשהייט און וואָס צילט צו דעם, אַז די חוצפּה און פאַרברעכן זאָל פאַרמאַכן איר מויל און דאָס שלעכטס זאָל צעגיין און פאַרלענדט ווערן ווי רויך און די ממשלה פון ווילקיר זאָל פאַרשווינדן פון דער ערד. דאָ גייט ניט אין קיין נקמה־געפיל און זוכן חשבונות, וועלכע זיינען דאָ צופיל, נאָר אין דעם תיקון פון דער וועלט און אין אייביקן שלום.

די ראָזשינקע פון נוסח התפילה באַשטעט פון „מלכויות, זכרונות, שופרות", וועלכע נעמען אַרום אַלע וועלט־פּראָבלעמען. „מלכויות" — שטאַט־לעכקייט, אָרגאַניזירונג פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אויף די סטאַבילע יסודות פון קעגנזייטיקן נוצן און שלום, „זכרונות" — דעמאָנסטראַציע פון מענטשלעכן יושר און באַזעס פאַר א פּראָגראַם פון צוזאַמענלעבן צווישן די פעלקער; „שופרות" — די סיגנאַלן און פאַראָלן פון משיחות און גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט.

מיר, אַלס אן עם־עולם, באַגרייפן אוממיטלבאַרער, אַז „גאולה" דאַרף זיין א גאולה שלמה פאַר אַלעמען און דעריבער זיינען אונזערע תפילות א טעקסט פאַר דער גאַנצער וועלט. פון אייביק, נאָך פון קדמונים אָן, איז געזאָגט געוואָרן „כי ביתי בית תפילה יקרא, לכל העמים".

סוכות־געדאנקען

ושמחת בחגך!

ימים־טובים ביי פעלקער זיינען אין די מערסטע פאלן אן אויסדרוק פון שמחה, פארוויילונג און סתם פון זיך לאָזן וואוילגיין. זיי האָבן זייער צוועק, אז דאָס באטרעפנדיקע פאָלק זאָל זיך קענען אויסלעבן קאָלעקטיוו אין זיינע נאציאָנאלע דערגרייכונגען פון נאציאָנאלע נסיונות, איבערגעלעבטע לײדן, פאָליטישע שוועריקייטן און אָנגעגרוקטע וואָלקנס פון סכנה אויף זיינע הימלען, פון וועלכע עס איז ארויס בשלום, און אָפטמאָל א טריאומפירנדיקס, באַרייכערט מיט גרויסע זיגן, נייע פאָזיציעס, צוריק דערגרייכטע טעריטאָ־ריעס, אייגענע, אָדער לכתחילה פרעמדע, צוגענומענע, — דאָס איז ניט וויכטיק פאר דער געשיכטע און נאציאָנאלער גלאָריע און אפילו נישט פאר דער קירכע, וואָס שיקט איר ברכה מיט פארגלאָצטע אויגן צו די הימלען...

ימים־טובים זיינען פאר פעלקער פון דער זעלביקער נויטווענדיקייט ווי שפילצייג פאר קינדער, ווי שטיפעריי און איבונגען, כדי זיך אויסלעבן אין חברותא מיט אנדערע, אין קינדער־פרייד. נאָר אין טרויער און אין אומעט קען מען פארבלייבן אליין, שמחות אָבער זוכן אויסדרוק אין דער עפנט־לעכקייט, מחוץ דעם אינערלעכן איך, אין דעם זינען פון „ברוב עם הדרת מלך!".

מיר אידן, פארמאָגן אויך ימים־טובים, ווי אנדערע פעלקער, און פיי־לייכט נאָך מער פון זיי. ווי פארשיידן אָבער זיי זיינען אין פאָרם, טעמפּע־ראמענט ווי אין אינהאלט. און פיליייכט איז נישטאָ וואָס צו באדויערן זייער אנדערשקייט! איך וועל זיך נאָר באגרענעצן אין אונטערשטרייכן זייער דיפערענצירונג.

צווישן אלע אונזערע פייערונגען איז נישטאָ איינער אלס זכר פון א זיג איבערן שונא, חוץ פסח. אָבער אויך דער עיקר פון זיין באדייטונג איז א

סימבאָלישע באַצייכנונג וועגן דעם זינען פון דער פרייהייטס־קאַטעגאָריע און מאַסשטאַב פון „פסח מצרים״ און „פסח לעתיד״. און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם ביסל „שירי העלילה״ און עפּישן כאַראַקטער פון דער „שירת־הים״, וואָס האָט עטוואָס איבערגעכאַפּט די מאָס, איז דער אלוקי־העברים ברוגז און טאַדלט אונז, לויט א „מדרש רבה״: „מעשי ידי טובעים בים, ואתם אומרים שירה?״ — מיין בעסט שאַפונגס־ווערק, דער שותף למעשה בראשית, דער מענטש ווערט פאַרניכטעט און איר זינגט גאָר, און ביי אייך איז לעבעדיק און פריילעך? אויך דעם חג־המכבים זיינען מיר איבערגעגאַנגען כמעט אומ־באַמערקט, אָן מאַניפעסטאַציעס און פייערלעכקייטן, און די דראַאינערונגען פון דעם דאָזיקן נצחון באַגרענעצן זיך נאָר אויפן זיג פון גייסט איבער דער ברוטאַליטעט, איבער די עוולות, פאַראַט און פאַרשוועכונג פון קדושה...

דער אַלגעמיינער סך־הכל פון אונזערע ימים־טובים און זייער הויפּט־קאָלאָריט באַשטייט אין באַשיידענע אַגריקולטור־פעסטלעכקייטן, ווי דאָס זיינען חג־הפסח — חג־האָביב, שבועות — חג־הביכורים און סוכות — חג־האסיף — באַשיידענע שמחות פון נאַטור־מענטשן און עובדי־אדמה.

„אל תשמח ישראל אל גיל כעמים?״ — ניט פריי זיך, ישראל, צוגלייך מיט אַלע פעלקער — האָט איינער פון אונזערע נביאים זיך אויסגעדריקט אין איינע פון זיינע שטראָף־ווערטיעס, און האָט אַזוי אַרום אָפּגעשטעמפּלט דעם פאָלקס־כאַראַקטער פון אונזער אומה.

אין דעם זינען פון „אין שמחה אלא בבשר״, ווי דער תלמוד דעפינירט די עצם שמחה פון בשר־ודם, זיינען די גאָטעס־דינסטן אין די טעמפּלען ביי די פּאַרצייטיקע פעלקער געווען באַגלייט פון שכרות, אָרגיעס פון דעם מיאוסטן סאָרט עראָטיק ביז דער בחינה פון בהמות. דאַקעגן האָבן אונזערע נביאים פאַרדאַמט ענלעכע שמחות און זיי אָפּגעוואָרפן מיט עקל. „ווער בעט אייך איר זאָלט טרעטן אין מיינע הויפן?״, „מיר איז דערווידער אייערע עולות און שלמים!״...

מיט אַלע אונזערע ימים־טובים זיינען געווען פאַרבונדן העכערע נאַ־ציאָנאַלע מאָטיוון, באַצירט און פאַרשענערט מיט פיינערע אויסשטאַטונגען פון העכערע מענטשלעכע אַספּיראַציעס, וואָס דערהויבן דעם מענטשן אין זיין ווירדע און ברענגען אריין בעסערע יסודות אין זיין לעבן.

פעסטלעכקייט פון אַגריקולטור־כאַראַקטער באַשטייט דאָך אין דער דאַנקבאַרקייט צו גאָט פאַר זיין ברכה פון באָדן און פּראָדוקט, ווי עס זאָגט עס דייטלעך דער טעקסט פון דער תפילה „כברכת ד׳ אלוקיך אשר נתן לך״.

דאָס איז דאָך די שענסטע מענטשלעכע מאַניפעסטאַציע פאַר דעם מענטש־לעבן באַרוף: נאָר די ברכה פון דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט געהער צו די־קוואַלן פון חיונה פאַרן מענטשן!

אונזערע שמחות זיינען דאָך אין זייער עצם פול מיט פליכטן און התחייבותן. דער תלמוד איז אויף איין אָרט זייער גרויסמוטיק און גוט־האַרציק צו דעם „עם הנבחר" און דערלויבט צו איינטיילן די שמחה־טעג האַלב פאַר זיך און האַלב פאַר גאָט. אין אַלע פאַלן מוזן מיר האָבן צו אונ־זערע שמחות א שותף. דאָס הייסט: אויב א שותף, איז אין אַלץ! און ווייל גאָט האָט אָפּגעגעבן פון זיין חלק דעם מענטשן און אים אַריינגענומען אַלס שותף למעשה בראשית, איז דאָך טאַקע נישט מער ווי יושרדיק אים אָפּ־געבן א העלפט אין דער שמחת־החג...

אונזערע ימים־טובים האָבן אָבער א חוץ זייער ספּעציפישן אַגריקול־טור־כאַראַקטער, וואָס האָט דאָך א גרויסע דאָזע פון א באַשיידענער און שטילער לעבנס־פרייד, נאָך א באַזונדערן נאַציאָנאַלן שטעמפּל, וואָס איז פאַרבונדן מיט א סימבאָלישן כאַראַקטער פון אייביקייט און געשיכטע. פסח — מיט פרייהייט, מיט יציאת מצרים, שבועות — מיט מתן־תורה און סוכות אויך מיט אונזערע אַלטע יציאת־מצרים־עפּיזאָדן. אַזעלכער איז דער אָפיציעלער אַספּעקט פון דעם יום־טוב סוכות, ער איז אָבער אין פאַרלויף פון די דורות אויסגעבריינטערט געוואָרן און האָט באַקומען א באַזונדערן פּרצוף פון דער סימבאָלישקייט פון אונזער וואָגלען אין גלות, אין די שטענדיקע סוכות, די צייטווייליקע סוכות, וואָס מיר מוזן בויען איטלעכס מאָל פונסניי, ביז דער ערשטער שטורעם־ווינט, רעגן אָדער גלאַט „רוח שאינה מצויה" קערן איר איבער און לאָזן איבער קרבנות און גרויסע שאָדנס אין אונזער האָב און גוטס, אין די מטלטלים און אויך אין „נוי־סוכה", מיט וועלכע מיר האָבן אים באַפּוצט.

אונזערע סוכות זיינען פון פאַרשיידענע קאַליברען: געבויט מיט פעסטע ווענט כמעט ווי א שטוב, מיט דריי און א האַלבער וואַנט. וואָס איז נאָר א סימבאָלישע סוכה, סוכות — גאָר אינגאַנצן אָן פענצטער און אויף דעם אָרט פון א טיר, נאָר א צורת־הפתח, סוכות מיט קרומע ווענט, „דופן עקומה", און ממילא מיט א קרומען לעבנס־סדר. — אַזעלכע זיינען אונזערע סוכות און אַזעלכע זיינען אונזערע לעבנס־באַדינגונגען, ביי וועלכע מיר פייערן אונ־זערע ימים־טובים. און דערפאַר איז טאַקע זייער כאַראַקטעריסטיש דער ציווי־מוחלט, דער אימפּעראַטיוו פון דעם דין: „ושמחת בחגך" — דו זאָלסט

זיך פרייען מיט דיין יום־טוב! פונקט ווי דאָס וואָלט געוואָלט זאָגן: פריי זיך! צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט, צי איז יאָ פאַראַן פרייד ביי דיר אין דער נשמה, אָדער ניט — אַזעלכער איז דיין גורל און דאָס איז דיין שמחה, און באַגניגן זיך ווי עס איז!..

אַזעלכע זיינען מיר און אַזעלכע זיינען אונזערע ימים־טובים און אונזערע שמחות. מיר זיינען אַנדערש פון אַלע פעלקער. ערגער צי בעסער, אָבער אַנדערש זיינען מיר און מיר מוזן זיך צופּאַסן צו אונזערע אייגענע פאָרמען און באַזונדערע נוסחאות פון לעבן מיט קיינעם ניט בייטן. מיר האָבן אויך אַ באַזונדער נוסח פון שמחות.

„גילו ברעדה!" — דאָס איז אַ באַזונדער סטיל פון אַ שמחה־סימפאָניע. די בעלי־קבלה און מיסטיקער זיינען געווען קענער פון אַזאַ מוזיק. ר׳ שלמה אַלקביץ האָט געשאַפן די שענסטע אַריע „לכה דודי", וואָס מען זאָגט צו קבלת־שבת און אַלע חסידישע ניגונים און גרעסטע התלהבות־אויסדרוקן, ביז צו דער מדרגה פון „כל עצמותי תאמרנה", זיינען אַ פּראָדוקט פון אַזעלכע אינערלעכע שמחות, פון חדות־מצוה, מיט וועלכע ר׳ שלמה מולכו איז געגאַנגען אויף קידוש־השם...

טיפע באַאָבאַכטער און מבינים אויף פּאַלעסטינישער קונסט זאָגן זיך אַרויס, אַז אין דער „האָרא", וואָס די חלוצים פלעגן טאַנצן אין ארץ ישראל, צוריקקערנדיק פון טרוקענען די זומפּן, אָנגעשטעקט מיט מאַלאַריע־פיבער, איז געווען דער פיבער פון חדות־העבודה, וואָס איז די גרעסטע שמחה פון אידעאַליסטן און געהער צו דער קאַטעגאָריע פון „אין רוח הקודש שורה אלא מתוך שמחה!".

נישט קיין פּאַטענט, נאָר התחיבות

„בשבעים נפש ירדו אבותינו מצרימה", זיבעציק נפשות איז געווען דער סכום פון די מיטגלידער, וועלכע זיינען געקומען אין מצרים, — אזוי באהויפּטעט די מסורה פון ביבלישע לעגענדעס, און זיי זיינען עם די קערנער זריעה פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט דער „עם עולם", דאָס אייביקע פאָלק, דער שעפער פון אייביקע ווערטן און אייביקע אידעען, וועלט פּרינציפּן פון יושר און מאָראל און דער קלאַסישער ליפערער פון פרייהייטס־באגריפן, אויסגעגייטע אויף די קאנוועס פון פּסח־מצרים. אָט די דאָזיקע באגריפן וועלכע האָבן זיך אין פארלויף פון דורות און פארשיידענע מעטאַמאָרפאָזיסן און גלגולים איבערגעלייזיקט אין אנדערע כלים, — אין אנדערע רעליגיעס — האָבן אריינגעצויגן אין זיך די זאפט פון די ווענט פון די רעספּעקטיווע כלים, זיי האָבן אָבער דאָך קאָנסערווירט דעם אָריגינעלן ריח פון פרייהייט און גאולה־אידעע פאר דער גאנצער מענטשהייט: פון פּסח לעתיד.

די ביבלישע פאנטאזיע וועגן די ניסים פון יציאת־מצרים און קריעת ים־סוף ווערן פארטונקלט קעגן דעם איין גרויסן נס צו ווערן א וועלט־פאָלק מיט אן אוניווערסאלן פארנעם אין דער וועלט־געשיכטע — און אלץ פון געציילטע מענטשן־קערנדלעך.

דער נביא ישעיה האָט דאָך מיט פיל דורות שפּעטער באוואונדערט, דעם שווערן פּראָבלעם פון געבורטס־ווייען פון א פאָלק, מיט א פראגע־צייכן: „אם יולד גוי פעם אחת?" — א פאָלק קען דאָך נישט געבוירן ווערן פּלוצלינג — און ווי גרויס איז דער וואונדער! א קליין הייפעלע עמיגראנטן אונטערן דרוק פון הונגער און נויט ווערן אויפגענומען אין א לאנד פון כל־טוב מיט אלע פרייהייטן, מיט אָפענע קוואלן פון פּרנסה און פּראָדוצירט פאר זיך און פארן לאנד. — דאָס זיינען דאָך די פאָרבאַדינגונגען פון אסימילאַציע. א שמעלץ־טאָפּ אין פולן זינען פון וואָרט, צו ווערן איינגעשלונגען אין די איינגעווייד פון דעם רעספּעקטיוון לאנד, אז מען זאָל ניט וויסן אפילו וואו דער געביין איז אהינגעקומען...

אזוי זיינען דאָך די נאַטירלעכע וועגן פון אסימילאַציע, אפילו פון גרויסע מינאָריטעטן, וואָס זיינען אליין א טייל פון א באַדייטנדיקן יש. עס איז אומדענקבאר ווען א ברוך־טייל, כמעט גלייך צו גול — זאָל זיך אליין פארוואַנדלען אין אזא באַדייטנדיקן יש, אז ער זאָל אָנוואַרפן א שרעק און זאָרג „פן ירבה" אויף א גרויסן נאַציאָנאַלן שטאַטלעכן אָרגאַניזם פון א וועלט־פארנעם אין יענע צייטן, באופן צו זוכן „הבה נתחכמה"־מיטלען, ווי עס דערציילן די ביבלישע לעגענדעס. און ווי זיי אנטוויקלען זיך מיט א גע־שפּאַנטן ריטם ווייטער: אז די משפחת העברים, וואָס האָט זיך פאַרמערט צו א צאָל, לויט דער מסורה, פון „שישים ריבוא" און די געבורט, לויט די בעלי־מדרש און אגדות, צו „שבעה בכם אחד (ניט „זיבעלעך", נאָר זיבן אויסגעטראָגענע קינדער) איז שרעקלעך געפייניקט געוואָרן פון די מצריים, מיט אלע נגישות און גזירות, וועלכע האָבן זיי פארשקלאַפט אין אזא אופן, וואָס עס איז איצט באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט אונטערן קלאַסישן באַ־גריף פון קנעכטשאַפט, פון „שעבוד־מצרים".

און אָט קומט דער עפּילאָג צו דער גרעסטער דראַמע פון וועלט־גע־שיכטע ווי דאָס איז „שעבוד־מצרים": ווי פאַרפייניקטע ביז צום טויט קנעכט צעברעכן די קייטן פון קנעכטשאַפט און די סימנים פון די וואונדן, וואָס זיי־נען געבליבן איינגעקריצט אויף די הענט פון די זעלבע, ווערן אין פאַרלויף פון דורות פאַרוואַנדלט אין א סימבאָל פון פרייהייט: „זכר ליציאת מצרים".

אין א באַזונדער אויסטערלישן מיסטישן חן איז איינגעהילט דער יום־טוב פּסח, פון וועמען עס אָטעמט אזא שפע פון שיינקייט, געמיטלעכקייט, פריינטשאַפט און איינזעעניש מיט מענטשן: „כל דכפין ייתי ויכל", קומט אידן, מענטשן און מיר וועלן עסן צוזאַמען, א יום־טוב וואָס איז אליין א פּירוש אויף יהדות און פון שטרעבונג צו חירות פון העכסטן זין, פון מענטש־לעכער פרייהייט.

„השתא עבדי לשנה הבאה בני־חורין", ניט זאָרגט אידן, מענטשן, מיר זענען נאָך היי־יאָר דעכט פארשקלאַפט, אָבער אם ירצה השם דעם קומענ־דיקן יאָר וועלן מיר זיין פריי, מיר און די גאַנצע מענטשהייט!

א כוס של ברכה פארן ליבן האַרציקן אורח אליהו הנביא צוגע־גרייט, — ער האָט דאָך א טבע צו באַזוכן אידישע סדרים — אָט דער אליהו התשבי, דער גרויסער אידישער מבשר־טוב פאַר אונז און פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אלע אונזערע נביאים, אפשר וועט ער ביים איצטיקן באַזוך ברענ־

גען די בשורה און ווען נאך האבן מיר און די בעסערע וועלט גענויטיקט זיך אין א בשורה־טובה אזוי ווי איצט!...

ניסים זיינען דאך בכלל א אידישער ענין און אן אינטעגראלער טייל פון אונזער קיום אלס פאלק. און אויב די גויים באנוצן זיך אויך מיט זיי, איז דאך דאס נישט מער ווי אוים געוואוינהייט צו פארכאפן פרעמדע קנינים. ווען און וואו עס לאזט זיך. מיר לעבן און קעמפן מיט דער גאנצער וועלט, וואס יאגט אונז, ווער מער און ווער ווייניקער — אויך מיט ניסים.

דער עפיטעט אדער טיטל „עם עולם" שטאמט ניט אזוי צוליב אלט־קייט אלס פאלק, ווייל די כינעזער און אינדיער זיינען דאך ניט יונגער פון אונז און טראגן דאך ניט אזעלכע שליפעס... ווארשיינלעך איז דאס צוליב דער אייגנשאפט צו קענען איינלעבן זיך אין דער וועלט ביי אלע תנאים און דאס זיינען דאך די שטארקסטע סימפטאמען פון וויטאליטעט וואס גע־הערט צו דער אייביקייט.

ניסים זיינען נישט קיין דעפינירטער באגריף — זיי זיינען מער א תואר פון אויסערנאטירלעכקייט, מיסטישקייט און מעטאפיזישן ספארט — אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, ווי א קאנקרעטע פארשטעלונג פון דערשיי־נונגען. און פיליכט דעריבער האבן זיי, די ניסים, זיך אזוי איינגעבירגערט טאקע אין אונז, וועלט־בירגער, בירגער וואס זייער לעבן הענגט אויף א האר און פארמעסטן זיך צו קאנקורירן מיט דער „תולה ארץ על בלימה" אליין, — מיט אים, דעם כביכול, וואס באזיצט די קענטעניש צו אויפהענגען דעם כדור־הארץ אויף גארניט, אויף לופט...

ווייל מיר הענגען אויף גארנישט, אויף לופט, און ווייל אלס פאלק פארמאגן מיר כמעט ניט קיין ערדישן רכוש און פעסטע מאטעריעלע קנינים, מיר זיינען אומעטום און אין ערגעץ נישט, אויף קיינעמס־לאנד, דעריבער זיינען מיר אזוי להוט צו איינגלידערן זיך אין גייסטיקע קנינים און זיינען די גרעסטע שווימער אין די „באחרית הימים"־ימים, און די גרעסטע וויר־טואזן אין די אריעס פון צוקונפטס־מוזיק, — און קלאמערן זיך איין און פארפעסטיקן זיך אין נצח־ישראל־שלעסער.

און עס דערוועקן זיך פאר אונז א גאנצע ריי מיט שאלות: פארוואס זיינען מיר פארשיידן פון אלעמען? פאר וואס ליידן אונז די פעלקער נישט? און אין וואס ליגט דער סוד פון אונזער רעזיסטענץ און קיום? און עס זיינען דא פיליכט נאך א סך אנדערע קשיות. זיי זיינען אבער צו קאמפלי־צירטע, אז זיי זאלן זיך פארענטפערן מיט „עבדים־היינו". עס פאדערט זיך

אויף דעם טיפע געשיכטלעך־פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, כדי צו געפינען דעם וואָרצל פון די סיבות און ווייל זיי זיינען נישט דערקלערבאַר, זיינען זיי דעריבער ארומגעהילט מיט רעטענישן און מיסטישע סודות, ווי עס זייַנען איבערגעפּילט די ספּורי־הגדה, און לייענען זיך אזוי געשפּאַנט און טאַקע פון זייער מיסטעריע אנטפּלעקן זיך פאַר אונז פּענצטער און ליכטיקע שטראַלן, וואָס באַלייכטן אין א געוויסער מאָס די נעפּלהאַפטיקייט.

„מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו" (אין אור־עלטער זיינען מיר געווען געצנדינער, נאָך איצט האָבן מיר זיך דערנענטערט צום גאָט־באַוואוסטזיין) און ווי דורך א קאַליידאָסקאָפּ דערשיינט פאַר אונז די שפּעטערדיקע עוואָלוציע פון די עברים:

„גאָט האָט אזוי געזאָגט צו יהושוען און צום פאָלק: אין עבר הנהר האָבן פאַרצייטנס געוואוינט אייערע עלטערן" — דערהויפּט די אורשפּרינגלעכע פעלקער, דער גענעאָלאָגישער שטיין פון אייער אָפּשטאַמונג: די ארמים, אמורים חתים... אייער אור־אור־זיידע איז געווען תרח אבי אברהם ואבי נחור, דער פאָטער פון אברהם און נחור — וועלכער איז נאָך געווען א געצנדינער. און איך האָב ארויסגענומען אייער פאָטער אברהם פון יענער זייט טייך (די אָנדייטונג פאַרוואָס מיר רופן זיך עברים) און האָב אים געפירט אין כנען, וואו עס האָט זיך פאַרמערט די משפחה, איך האָב אים געגעבן א זון יצחק און יצחק׳ן א זון יעקב — און יעקב מיט זיינע זין האָבן גענידערט אין מצרים"...

אין די דאָזיקע שיינע אגדות פון עבר, פון אונזערע קינדערשע יאָרן אלס פאָלק, וואָס זיינען אין זייער עצם שיין און תמימות׳דיק ווי קינדערישע וואונדער־מעשהלעך, אילוסטרירטע מיט מיסטישער באַפאַרבונג, — גיבן אונז דעם שליסל, מיר זאָלן כאָטש טיילווייז קענען אריינקוקן אין דער פאַרבאָרגענער פון אונזער היסטאָרישן מהות, און באַגרייפן די סיבות פון אונזער קאָמפּליצירטקייט.

און איך וועל זיי קאָפּירן מיטן זעלביקן כראָנאָלאָגישן סדר, אָבער אָן זייער מיסטיציזם און אָריענטאַלישקייט. איך וועל זיי דערנענטערן צו א געוויסער היסטאָרישער קאָנקרעטקייט.

דער אידישער שטאַם איז געוואַקסן אין צענטער פון אַלע אָריענטאַלישע פעלקער־בוימער אין אזיע מיט פיר טויזנט יאָר צוריק, לויט דאָס פאַרלאַנגט אונזער מסורה, זיין אוממיטלבארער סדר־היחוס זיינען געווען אמורים, ארמים און חיתים, וועלכע האָבן געצויגן זייערע וויטאַלע דערנע־

רונגס־זאפטן פון דעם זעלבן באָדן און וואָרצלען. און עס האָט פאסירט אַן אומנאטירלעכער פאַל, וואָס אונזער שטאָם האָט זיך אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע, האָט געזוכט נייע לעבנס־קוואלן און אטמאָספערע. דאָס איז די קורצע ביאָגראפיע פון אברהם. ער, א יחיד, האָט געשאפן די גרעסטע רעוואָלוציע פון אלע דורות, א יחיד האָט אנטדעקט די גאָטהייט אין א הארמאָנישער אייניקייט פון אַן א ח ד; איין גאָט איבער דעם גאנצן אוניווערז — פּאָלגלעך אלע פעלקער פון דער וועלט פאריייניקט אין איין הארמאָנישער גאנצקייט, דער געוואגטסטער פּראָיעקט פון מענטשלעכער צוזאמענלעבונג אין דער וועלט. דייטשן וואָלטן געזאָגט: דאָס איז אידישע חוצפּה! און די זעלביקע געוואגטקייט פירט זיך ווייטער...

אברהם האָט פארזאָגט אליעזר׳ן, אז ער זאָל ניט נעמען קיין פרוי פאר יצחק׳ן פון די כנענים, און נאָר פון די נאָענטע פון דער משפחה. רבקה האָט זיך געבעטן ביי יעקב׳ן ער זאָל ניט חתונה האָבן מיט א חיתית, און זאָגט: קצתי בחיי מפני בנות חת (מיר איז נמאס דאָס לעבן צוליב די טעכטער פון חת). און אָט אזוי גייט דאָס כסדר די איזאָלאציע פון דער משפּחה, ביז זיי בילדן ביי זייער עמיגרירן קיין מצרים א גרופּע פון זיבעציק נפשות, אויך באזונדער, אָפּגעשיידט — אזוי לויטן די דעפיניציעס פון די בעלי־הגדה: ניט ווערן דאָרט קיין בירגער, נאָר אלס טראנזיט־לאנד. „לגור שם", אייביקע עמיגראנטן, שטענדיקער „לך לך", שטענדיקער זוכן, פאָרשן „אל הארץ אשר אראך". זוכן ניט סתם א לאנד, נאָר א אָנגעוויזענע, א באשטימטע... „מלמד שהיו — מצוינים שם" (עס איז צו דרינגען, אז אידן האָבן זיך דאָרט אויסגעצייכנט)... די בעלי־מדרש שטעלן פעסט, אז זיי האָבן נישט געביטן זייער שפּראך און נעמען, די שטארקסטע סימפּטאָמען פון איזאָלאציע און סעלעקציאָניזם. „ישעיה" פארפעסטיקט די סופּעריאָריטעט פון אונזער שטאַם און פּאָלגלעך זיינען די פאָדערונג פון די התחייבותן ביי אונז גרעסערע: „הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם" (באטראכט די שטיין־סקאלע פון וואָס איר זענט אויסגעהאקט, און אין אירע שטיינערנע אויסגראָבונגען פון וואנען עס איז אויסגעשמידט געוואָרן די נשמה־האומה). „הביטו אל אברהם אביכם!" און ער זאָגט ווייטער: „כי אחד קראתיו", ער איז דער איינציקער, וואָס איך האָב אים גערופן — איך האָב אים געקאָנט ווייל ער האָט מיך דערקאָנט...

אָט דאָס זיינען די שיין־צעטלען פון אונזער סעלעקציאָניזם און גייסטיקע פּוריטאנישקייט און די היסטאָרישע דאָקומענטאציע, וועלכע בארעכ־

טיקט אונזער „אתה־בחרתנו׳יזם״ און אָט אין די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון אונזער פאָלק און געשיכטע געפינט זיך דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון אונזער אָפּגעזונדערטקייט, פאַרשיידנקייט, און דער ענטפער אויף פיל אַנ־דערע פראַגעס, און איבערהויפּט איז וויכטיק און נויטיק צו לערנען דערפון, אַז אונזער דויערהאַפטיקייט אַלס פאָלק און וויכטיקייט לויטן פּלאַץ אין דער היסטאָריע, וועלכע מיר האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען, איז גראַדע דער גע־פיל פון סעלעקציאָנירונג און ניט די צופּאַסונג און אסימילאַציע. אין אַ זייער לאָקאָנישן זין האָבן זיך וועגן דעם אויסגעדריקט די חכמי־התלמוד: „ישראל בני מלכים הם״ — מיר זיינען קינדער פון מלכים. נאַטירלעך באַנוצט מען דאָ דאָס וואָרט מלכים אין מעטאַפאָרישן זין פון הוד שבמלכות, פּונקט ווי אתה בחרתנו קען נישט געבן קיין אָרט צו פאַרוואַרפן אונז אַנגעבלאָזנקייט, פּוסטע גאווה, אָדער די קורצזיכטיקע טאַדלעניש פון שאָוויניסטישן אַנשטעל.

„אתה בחרתנו״ איז ניט קיין טיטל ווי דאָס איז צ. ב. גראַף, באַראָן, לאָרד און אַנדערע אַדל־טיטולן וואָס שטאַמען פון יחוס, פון זיידעס וואָס האָבן אומגעבראַכט גאַנצע אַרמייען און שלאַגנדיק זיך מיטן שונא האָבן די באַטרעפנדיקע גיבורים איבערגעביסן מיט ציין דעם האַלז אַ פעלד־מאַרשאַל אָדער אַ מלך און בן־מלך. נייערט אתה בחרתנו, לייגט גאָר אַרויף פליכטן, אַן התחייבות צו זיין בעסער און מענטשלעכער פון אַ צווייטן, האָבן צרות, זיין מאַרטירער, פאַרמאָגן מוט צו גיין אויף קידוש־השם... „אתה בחרתנו״ איז דאָך אַ קעגנזייטיקער אויסטויש פון פאַרפליכטונגען און אַליאַנסן. מען קען דאָך נישט זיין קיין אויסדערוויילטער פון גאָט ווען מען דערווייַלט אַליין ניט אויס גאָט.

נאָר מענטשן וואָס האָבן גאָט אין הארצן, אין דעם זין פון „מבשרי אחזה אלוה״, — ווען מען געפינט גאָט טיף ביי זיך אין דעם אייגענעם וועזן, — געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון „אתה בחרתנו״. אויף זיעם איז נישטאָ קיין פּאַטענט און אַלע קענען ווערן די אייגנטימער פון די דאָזיקע גייסטיקע גיטער. מען האָט שוין געפּרוּווט פאַרכאַפּן ביי אונז אַפילו תורת משה. מען האָט זיך דערנענטערט אויך צו גאָט נאָר אין דער אַבסטראַקציע, אין דער הימלי־שער קעניגרייך, אָבער ביי זיך אין בוזים, טיף אין דער נשמה, וואָס פאַר־פליכטעט צו גאַנצע פּראָגראַמעס פון „מה אני רחום אף אתה רחום״ — דאָס לאָזט מען פאַר אונז.

מיר וועלן שוין קיין ברירה נישט האָבן און האַלטן זיך מיט דעם און וועלן זיך וואַרשיינלעך דערוואַרטן אויף אמתע שותפים פון דער וועלט...

לאצקי־בערטאָלדי

לאצקי־בערטאָלדי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון צוויי דורות פון אידעאַליסטישן קאַמף און א זוכער פון נייע וועגן. פערציק יאָר גאַנצע זיינען אריבער אין זוכעניש, „ארבעים שנה אָקוט בדור". פערציק יאָר געקעמפּט מיט דער סביבה און אויך מיט זיך אליין, מיט די אייגענע נשמה־קאָנפליקטן — דאָס איז די אמתע באַצייכענונג פון זיין לעבנס־ביאָגראַפיע און עס סימ־באָליזירט אויך אין דער זעלבער צייט די טראַגעדיע פון זיין פּערזענלעכן לעבן, וואָס איז געווען פול מיט דורכפאַלן און פּערזענלעכער פאַרביטערונג, נישט ווערנדיק פאַרשטאַנען פון דער סביבה און דורכמאַכנדיק דעם שווערן קאַמף פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ.

ער האָט דורכגעמאַכט א סך גילגולים אויפן פעלד פון אידעען. אָנגע־הויבן מיט טעריטאָריאַליזם, זיך אָנגעשלאָסן אין די ס. ס. — ציוניסטישן סאָציאַליזם, געווען א תלמיד מובהק, חבר און מיטקעמפער פון סירקינען, שפּעטער אריבער צו די פּאָלקיסטן, ווען לידער עס איז געווען — דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו.

איך ווייס נישט וואו עס ענדיקט זיך די השפּעה פון דובנאָוון און וואו עס הויבט זיך אָן לאצקיס אייגנס. עס איז נויטיק צו באַמערקן, אז די פּאָל־קיסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די פּלייצעס פון א האַלב טוץ מענטשן און ער, לאצקי, איז אין אלע פאַלן געווען דער צווייטער נאָך דובנאָוון, וואָס האָט איבערגעטראָגן די גאַנצע משא פון דער דערמאָנטער באַוועגונג, געווען אירער א לידער, טעאָרעטיקער און פילאָזאָפישער באַגרינדער.

עס זיינען געווען צייטן ווען די ציוניסטישע וועלט האָט געהאַט גע־וויסע פּאָראורטיילן קעגן די פּאָלקיסטן בכלל, פאַררעכענענדיק זיי אלס קעגנער, און אין בעסטן פאַל — פּאַסיווקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט קעגנער־שאַפט. עס האָבן זיך אָבער שפּעטער אויסגעטיילט פון זיי א גאַנצע פּלעיאַדע

פון פערזענלעכקייטן מיט פיל מער װי א פאזיטיװער שטעלונג צום ציוניזם. די בעסטע אילוסטראציע פאר דעם זיינען געװען: דער אלטער דובנאװ און ישראל עפרויקין, מיטארבעטער פון דער אידישער אגענטור אלס „נאן זייאניסטן" און װעמענס נישט־ציוניזם עס איז דא א גאנצער אוצר פון ריינעם ציוניזם...

דער שטארקסטער פירוש אבער דערויף זיינען געװען די צװיי גרויסע אידן, װאס מיר האבן פארלוירן: לאצקי־בערטאלדי און ד״ר קריינין. ד״ר קריינין, א זעלטענע פערזענלעכקייט, װאס כאראקטעריזירט די אלטע גװאר־דיע פון רוסישן אידנטום, דעם סימבאל פון „תורה, חכמה וגדולה במקום אחד". מיר האבן זיך ליידער אפגעװאוינט אין די אימיגראציע־לענדער פון דעם טיף עסקן פון העכערער געזעלשאפטלעכקייט, װאס האט געטראגן די גאנצע לאסט פון אידישער עסקנות און אחריות אויף זיינע פלייצעס.

בימי גדולתו האט ער, קריינין, אגב, נאך דער באלפור־דעקלאראציע, בייגעשטייערט פאר ארץ ישראל דריי הונדערט טויזנט רוסישע רובל, װען דער געלט־קורס איז נאך געװען גלייך צו אונזער פעזע. ער איינער האט בייגעשטייערט מער פון אונזער גאנצן ישוב פאר א קרן־היסוד־קאמפיין...

אויך דער דאזיקער „נאן־זייאניסט" איז געװען אין די לעצטע עטלעכע יאר אן ארץ־ישראל־תושב און דארטן רוען זיינעביינער. און איצט האט פארענדיקט זיינע ערדישע חשבונות די שיינע פערזענלעכקייט לאצקי־בערטאלדי, דער בכבודיקער ארץ־ישראל־בירגער און איינער פון אונזערע „חשובי ירושלים".

זיין לעבן איז געװען פול מיט שװעריקייטן און מיט אומאנגענעמלעכ־קייטן. ער האט געהאט אויסצושטיין רדיפות פון קעגנער, װאס האבן אים ניט געקענט און במילא ניט פארשטאנען, און סתם צוליב רשעות פון דעם געװויסן טיפ פון די „מפירי־ברית". נישט שטענדיק אבער האט ער זיך גע־קענט ארויסהעלפן מיט פילאזאפישער רעזיגנאציע, אז אזוי איז בכלל דער גורל פון אידישע קעמפער און זוכער, און ער האט דעריבער פיל געליטן. ער האט אבער דאך געהאט מזל צו שטארבן אין ארץ ישראל, װאס איז אייגנטלעך געװען זיין אמתע היים פון שטענדיק אן, אפילו אין די יארן, װאס מיר האבן געמיינט, אז ער געפינט זיך אין קעגן־פאליום פון ארץ ישראל, אלס איינער פון די „מחיבי הגלות" און װאס האט אזוי פיל גע־קעמפט פאר דער פארערונג און פארשענערונג פון גלות. אין גרונט גענומען

ליגט טאקע דאָ דער טעות. די פאָלקיסטן פון דעם טיפ קריינין — לאצקי זיינען געווען פאָזיטיוו צום גלות, ווייל זיי האָבן באטראכט דעם גלות אלס פרוזדור פון ארץ ישראל. דער עיקר איז דאָך דאָס פאָלק און פארן פאָלק דארף מען צוגרייטן זיין לאנד און כל־זמן מען געפינט זיך אין פרוזדור מוז מען אים אָפּהיטן און זיך אויסלעבן אין אים ריין און וואָס באקוועמער. דער אייפער פארן גלות איז די שטארקסטע צוגעבונדנקייט צום אידנטום, נאָר ניט אויפן חשבון פון ארץ ישראל. איך שטיץ זיך מיט מיינע מסקנות אויף דעם „סוף מעשה במחשבה תחילה", אויפן עפילאָג אין לעצטן אקט פון דער דראמע.

איך וויל דערמאנען צוויי עפיזאָדן, וואָס זיינען אילוסטראטיוו און איבערצייגנדיק וועגן לאצקים באציאונג צו ארץ ישראל און צום ציוניזם אין דער צייט פון זיין פאָלקיסטישן אפּאָגיי.

בשעת זיין ערשטן באזוך אין ארגענטינע, האָט ער אָפּגעשטאַט א וויזיט אין דער ציוניסטישער פעדעראציע און ווען אין א שמועס וועגן ציוניסטישע מנהיגים, האָט ער זיך באצויגן צו הערצלען, האָט ער זיך אזוי באגייסטערט, גערעדט אָנגעשטרענגט, נערוועז, אז ער האָט זיך צעוויינט (טרערן און פייכטע אויגן איז ביי אים בכלל געווען אן אָפטע דערשיינונג). אים האָט געקאָסט פיל אָנשטרענגונג ניט צו וויינען, נאָר עס האָט אים ניט געהאָלפן. רעדן מיט אזוי פיל באגייסטערונג וועגן הערצלען און די ערשטע ציוניס־טישע קאָנגרעסן און נישט וויינען — דאָס האָט ער נישט געקענט. שוין דאן האָבן מיר זיך איבערצייגט אין זיין פאָזיטיווער באציאונג צום ציוניזם. טרערן און ספּאזמעס זיינען ווארשיינלעך געווען דער רעזולטאט פון זיין אייגענעם דואליזם און נשמה־קאָנפליקטן...

דער צווייטער עפּיזאָד: דאָ נישט לאנג האָט איינער א היגער ציוניסט באקומען פון אים א בריוו פול מיט דאנקבארקייט פאר אמאָליקער חברשאפט און בדרך־אגב האָט ער דערמאנט, אז פיליכט האָט ער, דער היגער ציוניסט, נישט ווייניק גורם געווען צו זיין געפינען זיך אין ארץ־ישראל...

⁘ ⁘ ⁘

איך האָב געבראכט די דאָזיקע צוויי עפיזאָדן, ווייל זיי ווארפן א שיין אויף דער שיינער און זייער קאָמפּליצירטער פערזענלעכקייט פון לאצקין און זיינען א רעפלעקס פון זיין אינערלעך־רייכער נשמה־וועלט, וואָס צייגט, אז

זיין באציאונג צו ארץ ישראל איז א קדמון אין זיין אייגענעם איך און וועלט; אז אזא צוגעבונדנקייט און זאָרג איז נאָר מעגלעך, ווען דאָס איז פון לאנג אויסגעוואָרעמט אין הארצן. אגב, איז כאראקטעריסטיש זיין דאנקבארקייט פאר א מעגלעכער השפעה אויף אים לטובת ארץ ישראל צו א פּערזאָן, וואָס איז פּילייכט נאָר עטוואָס מער ווי א דורכשניטלעכער איד, און וואָס וואָלט פארערכנט פאר א זכיה צו זיין זיינער א תלמיד. די אויסטערלישקייט באַ־שטייט אין דעם מוט פון גרויסער עניוות, און וואָס אזא לוקסוס קענען זיך נאָר פארגינען גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דעם שניט פון א לאַצקי־בערטאָלדי.

רבי שלמה יצחקי, דער רבי און מורה דרך

רש"י איז געווען ניט סתם א גאון, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין זיין צייט, נאָר אזעלכער וואָס האָט געשאפן גרויסע עפּאָכע־מאכנדיקע קולטור־אוצרות, חוץ פאר זיין דור אויך פאר די שפּעטערדיקע דורות.

עס זיינען פיליכט געווען אין זיין צייט גרעסערע גאונים און דענקער. עס איז געווען צו דערמאנען די פלעיאדע גדולים און גאונים, וואָס האָבן געשאפן די ריזיקע תקופה, באקאנט מיטן נאָמען תור־הזהב, די בליענדע עפּאָכע פון דער בשותפות־שאפנדיקער אראביש־שפּאניש־העברעאישער קולטור, מיט וועלכע רש"י האָט געהאט באגעגעניש־פונקטן, הגם זייער ווייניקע. ווי ער האָט דאָס געהאט אין א נאָך גרעסערער מאָס מיט יענע חברים־גאונים פון זיין צייט, וואָס זיינען פארבליבן אלס גרעניץ־באצייכנונג לדורות: אשכנזים אָפּצוטיילן פון די ספרדים. אשכנזים און ספרדים — צוויי באזונדערע לאַגערן, הגם זיי זיינען ביידע באפרוכפּערט געוואָרן אויף דעם זעלביקן באָדן און האָבן געשטילט זייער דורשט אין די זעלביקע וואסער־קוואלן.

עס זיינען אפשר פאר אים געווען גרעסערע גאונים, דאָך איז ער אלס שעפער, אין זין פון געשיכטלעכן אמת, פון תכלית פון אייביקייט, אלס גייס־טיקער שפּייזער און דערנערער, געווען אין זיין השפּעה אומיטלבאר פון אנ־דערע גאונים, אין מערצאָל, פונקט ווי אן אָאזיס אין דעם מדבר, ווי א קוואל פון מים חיים ציט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט מער ווי גרויסע שטחים פון וואונדערלעכע פּייסאזשן פון גערטנער און געוויקסן...

רש"י איז געווען פיל מער ווי א יחיד א גאון. ער איז געווען א מענטש פול מיט וויסן ווי א מילגרוים, פול מיט ענציקלאָפּעדישע ידיעות, וואָס אָן זיי וואָלט אים ניט מעגלעך געווען צו שאפן אזא ריזיק ווערק ווי זיין פירוש אויף תנ"ך און תלמוד, וואָס איז איבערגעפילט מיט דעם דאָזיקן מין און איז דירעקט פארבונדן און פארקניפּט מיט אלע קלאסיש־אוניווערסאלע וויסנ־שאפטן, ווי עס האָט עס שפּעטער פאָרמולירט דער הגר"א (הגאון ר' אליהו):

„במדה שחסר לתלמיד חכם בחכמת העולם, חסר לו עשרת מונים בחכמת התורה” (אויף יעדער מאָס, וואָס א תלמיד־חכם פעלט וועלטלעך וויסן, פעלט אים צען מאָס, דאָס וויסן פון דער תורה).

פאר דער פארשיידנפארביקייט פון וויסנשאפטלעכע צווייגן, וואָס ווערן באריךט אין תנ"ך און אין תלמוד און וועלכע ער האָט אויף אזא מוסטער־האפטן אופן פּאָפּולאריזירט, געמאכט צוגענגלעך פאר דער אויפנאַמס־פעאיקייט פון דורכשניטלעכן אידישן מענטשן וואָס לערנט תורה, האָט ער דאָך אליין געמוזט זיין א מומחה אין: זאָאָלאָגיע, אין דער לערע פון די בעלי־חיים און אין די נעמען פון די חיות און עופות, כדי אונטערצושיידן די טהורים פון טמאים, כשר פון טריפה; אין קלימאַטאָלאָגיע — כדי.זיך צו באקענען מיט דער ווירקונג פון דער לופט און די ענדערונגען אין איר, אויף וויפל דאָס האָט א שייכות מיט טומאה און טהרה אין תורת כוהנים; אנאַטאָמיע — וועגן דעם געבוי פון קערפּער, הויט־קראנקייטן און ברוכן פון ביינער, אלץ זאכן וואָס האָבן א שייכות מיט שחיטה, בדיקה, איסור והיתר, און וואָס ער האָט זיי געדאַרפט באהאנדלען אין מסכתא חולין; גינעקאָלאָגיע — וועגן פרויען־קראנקייטן וואָס זיינען פארבונדן מיט מעדיצינישע אָפּהאנדלונגען וועגן פּעריאָדן ביי פרויען, וואָס ווערן באהאנדלט אין מסיכתא „נידה”; וועגן יוריספּרודענץ — אין פארבינדונג מיט פארשיידענע ציווילע און קרימינעלע קאָדעקסן, כדי פונאנדערצוקלייבן זיך אין די אלע דינים, וואָס ווערן באהאנדלט אין סדר נזיקין, וועגן רשויות, פקדונות, חזקה, עדות, שבועות, שטרות, חזקת הבתים און דיני־נפשות, וועגן עדים זוממין, ראיות און וועגן א שלל געזעצן פון ציוויל־געריכט און חומרות, וואָס זיינען פון קאָלאָסאלער מארך־טעכניק און וואָס געפינען זיך אין סדר נשים און אין די מסכתות סנהדרין, מכות און הוריות; וועגן אגריקולטור — פאר די צוועקן פון אגראר־געזעצן און נוצלעכקייט פון דער אגריקולטור; און — מאטעמאטיק און אסטראָנאָמיע — פאר די ענינים פון קידוש החודש, עיבור השנה, עירובין, א. א. וו.

רש"י איז ניט קיין יחיד, ער איז אן אינסטיטוציע, און פיליכט איז דער באגריף אינסטיטוציע צו ענג צו קאָנען אריינגעמען אין זיך אלעס, וואָס רש"י באטייט פאר דער אידישער וועלט. ער איז א גאנצע תקופה, איינע פון די בארימטע תקופות אין וועלכע עס ווערט צעטיילט די לאנגע אידישע געשיכטע־קייט זינט נאָך מתן תורה און וועמענס ערשטער המשך עס איז עזרא הסופר, — דער ערשטער וויכטיקער עטאפ, לויטן זיגען פון

תלמודישן קאָנצעפּט: „בתחילה, כשנשתכחה תורה מישראל עלה עזרא מבבל ויסדה" (סוכה כ'). דער צווייטער המשך איז געווען די קאָנצענטרירונג פון תורה שבעל פה דורך רבי יהודה הנשיא מיט די שפּעטערדיקע עטאַפּן: חתימת התלמוד, אריינרעכענענדיק די רבנן סבוראי. דערנאָך קומט די תקופת־הגאונים, אויך א גרויסע בליענדיקע תקופה פון פאַרשונג און פאַרטיפונג אין די „ברונעמער, וואָס פאַרגייער האָבן געגראָבן און אויסגעהאַקט". די דאָזיקע תקופה איז געווען גרויס פון מעכטיקן פאַרנעם, וואָס האָבן געבראַכט צום פירסום, אָבער, נאָר פון דער געניאַליטעט פון יחיד, און עס האָט געפעלט דער חותם פון קאָלעקטיוון שאַפן, דער חיבור, דער צוזאַמענבונד מיט דעם גאַנצן.

עס האָט געפעלט דער באַזונדערער צוזאַמענבונד, וואָס מאַכט א גייס־טיק ווערק אייביק און פאַרהיט אים פון פאַרגעסן ווערן, דער צוזאַמענבונד מיטן קאָלעקטיוון שאַפונגס־יש.

אויך די היסטאָרישע באַדינגונגען זיינען, טאַקע, געווען אַזעלכע אין די צייטן צווישן דער תקופת הגאונים מיט דער תקופת הרבנים, וואָס הויבט זיך אָן מיט ר' שמואל הנגיד, וועלכער האָט אריבערגעפירט די איינגע־וואָרצלטע אכסניא של תורה פון סוריה קיין פּומבדיתא, פון די מוסולמענישע לענדער אונטער דער הערשאַפט פון די קאַליפאַטן, אין די לענדער פון שפּאַ־ניע און קאַסטיליע. די אידישע געלערנטע האָט עס געצויגן צו דער רייכער אַראַבישער קולטור און זיי האָבן געגעבן דעם פאַרצוג דער פילאָזאָפישער ווויסנשאַפט, שפּראַך־קענטעניש און פּאָעזיע איבער די ידיעות התורה; די פאַרשונג פון תלמוד האָט ביי זיי פאַרנומען דעם צווייטן פלאַץ.

די בעסטע ווערק, די אָריגינעלסטע אידישע מחשבה איז דאַן אויסגע־דריקט געוואָרן אין דעם גרעסטן טייל אין אַראַביש, ניט העברעאיש, די שפּראַך אין וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן אונזער גייסטיקער אוצר.

די געפאַר, אַז די תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן האָט זיך געלאָזט פילן און אין אָט יענעם בין השמשות „האָט אויפגעטראָטן א שטערן פון יעקב", ר' שלמה יצחקי, און ער האָט מיט זיין פירוש באַלויכטן די תורה שבעל פה און די תורה שבכתב, און עס איז געוואָרן ליכטיק אין די געצעלטן פון יעקב, די צוויי תורות זיינען ביז אים געווען דער קנין און רכוש נאָר פון די תלמידי־חכמים און דאָס אויך א קנין ניט אַן איינהייטלעכער, ווייל יעדער האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון זיין רבין. עס האָט געפעלט איינער און הארמאָניש־פעסטגעשטעלטער פירוש, און די תורה איז אין גאַנצן ניט דער־

גאַנגען צום פשוטן און איינפאַכן אידן, ווייל זי איז געווען פאַר אים ניט גענוג צוגענגלעך. מיטן פירוש רש״י, אָבער, האָט זיך פאַר יעדן פשוטן אידן, אַנטפּלעקט א נייע וועלט פון קלאָרקייט און ליכטיקייט, מיט היימישער פּשטות, וואָס גלעט און צערטלט דעם געהער, באַשיידט און דערקלערט; אַלע מעלות און אַטריבוטן וואָס האָבן רש״ין געקרוינט מיטן תואר: פרשנדתא — דער באַשיידער, דער אויסטייטשער פון אונזער דת, פון אונזערע ביידע תורות וואָס זיינען דאָך איינע אין זינען און אין תכלית, ווייל די צווייטע איז נאָר א המשך, א פאָרזעצונג און אויסטייטשנדיק פון דער ערשטער, אַן אויסברייטונג און פאַרטיפונג, א ווייטערדיקער עוואָלוטיווער עטאַפּ אינם פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג.

אַזעלכע זיינען די פונדאַמענטאַלע מעלות פון רש״י, דעם גאון, דעם פילזייטיקן קענער און וועלט־מענטש, פון רש״ין דעם עסקן, עניו און פשטן. דער טיטל מאור הגולה האָט צוגענומען פאַר אים, רבנו גרשם, וועלכער איז עם בלי ספק, געווען. אויבנאויפיק זעט עס אויס, אַז אין זיין גרויסן אויפטו פאַר דורות איז רש״י געווען נאָר א באַשיידענער זאַמלער, א קאָמפּילאַטאָר. ער האָט גענומען מן המוכן פון די פירושים אויף תלמוד, וואָס זיינען פאַר אים געווען פאַרשפּרייט און פון די תנאים, אמוראים, רבנן סבוראי, תוספתא און מכילתא און מדרשים און אויך פון תקופת הרבנים אין משך פון זיין לאַנגיאָריקן לערנען אין די ישיבות פון לאָטרינגען, אין אמתן אָבער האָט ער דעם מאַטעריאַל קאָנטראָלירט, געזיפּט, געפּיילט, געשליפן און פּאָלירט, צוגעגלייכט און אַנאַליזירט ווי בעסער אים צופּאַסן צום אידישן גייסט. ער האָט אין פיל ערטער מוותר געווען אויף זיינע אייגענע פירושים און חידושים און האָט זיך באַנוגנט נאָר מיטן צוזאַמענגיסן אין איין אָרגאַנישן גאַנצן די אומצייליקע צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, שאַפנדיק אַט יענעם מאָנומענטאַל־אייביקן בנין, וואָס הייסט פירוש רש״י.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַר דעם אויפבוי פון דעם אַלגעמיינעם בנין, פאַר דעם בית ישראל און צור ישראל, דאַרף מען זיך באַנוצן מיט דורכגעזיפּטע, אָנגעזאַמלטע אוצרות און אין זיי אַריינגיסן די אייגענע, אַז זיי זאָלן ווערן איין גרויסעס און גאַנצעס. רש״י האָט ניט געהאַט דעם טיטל „מאור הגולה״, ער איז אָבער פאַקטיש געווען דער מאור בארץ ובגולה. ער איז געוואָרן דער רבי פון אַלעמען, אָנהויבנדיק פון די תינוקות של בית רבן — ווי מען פלעגט דאָס זאָגן מיט א ליבער איראָניע, געבנדיק א קניפּ אין באַק א געראָטענעם אינגל: „ער איז שוין ביי מיר א רש״י־בחור״. — ביז א רב,

א גאון — אלע זיינען געווען זיינע תלמידים. ער איז דעריבער פיל מער פון א מאור הגולה, ער פארדינט מיט רעכט די באצייכנונג: מאור היהדות.

זיין עניות האט הארמאניזירט מיט זיין גרויסקייט און עס קאן וועגן אים געזאגט ווערן: במקום שאתה מוצא גדולתו, שם אתה מוצא את ענותונתו. משה רבנו, דער מקבל התורה מפי הגבורה און איר נותן לעם ישראל, האט אויך ניט געוואוסט וועגן די שטראלן, וואס האבן באלויכטן זיין פנים. די אמתע גאונים וואס זיינען די פארקערפערונג פון פאלקס־געניוס, וואס שאפן און לעבן פארן פאלק, פילן ניט וואס זיי טוען־אויף און שאפן פאר אים, ווייל דער דראנג צו שאפן און אויפטאן איז אין זיי ארגאניש און אין עצם פון דאס ניט פילן די אייגענע גרויסקייט און בארימטקייט, באשטייט די אמתע גרויסקייט.

רש״י איז געווען אומאיבערשטייגבאר אין דער הינזיכט פון פאפולא־ריזירן די צוויי תורות, דעם עסענץ פון יהדות, און אן זיין פירוש וואלטן זיי פארגעסן געווארן פארן ברייטן פאלק. דאס איז דער העכסטער פארדינסט און שענסטער מאנומענט וואס ער האט זיך אליין אוועקגעשטעלט. ער קען פארגליכן ווערן מיט דער מדרגה פון עזרא׳ס אויפטו פאר דער תורה און מען קען וועגן אים זאגן: „כשנשתכחה עלה ויסדה״.

דער נשר הגדול וואס האט געלעבט מיט דריי צענדליק יאר נאך רש״ין, ר׳ משה בן מיימון (רמב״ם), דער וועלט־גאון, וואס האט פארמאגט אזוי פיל ידיעות אויף פארשיידענע געביטן פון וויסנשאפט, און זיינע פילע ווערק און שאפונגען זיינען פון אזא באדייטונג, אז עס וואלט זיך געפאדערט א גאנצע אקאדעמיע וואס זאל אויף זיי ארבעטן צענדליקער יארן — האט געקראגן די גרעסטע אויסצייכנונג פאר דער אייביקייט, דורך דער באצייכ־נונג: „ממשה עד משה לא קם כמשה״, נאר פאר די עטלעכע בענדער פון זיין „יד חזקה״, ווייל דורך דעם האט ער קאנאניזירט די יסודות פון אידיש־קייט, דעם גייסט פון תנ״ך און פון תלמוד אין איין ארגאניש גאנץ און פאר־טרעפלעך געארדנטן ווערק, אין וועלכן עס איז קאנדענסירט אלץ, וואס עס האבן געשאפן די ראשונים אין דורות ביז חתימת התלמוד מיט אלע זייערע שקלא וטריא׳ס. דאס דערמאנטע ווערק פון רמב״ם איז אבער באשטימט נאר פאר דער מער אקאדעמישער רבנישער וועלט. רש״י, דאקעגן, איז מיט זיין פירוש אויסן געווען צו באזארגן יעדן דורכשניטלעכן למדן און סתם יודע ספר און א דאנק אים איז אויסגעברייטערט געווארן דער תורה־דרוים „כמים לים מכסים״. דאן ווען דער רמב״ם האט מיט זיין „יד החזקה״ בארייכערט

דעם האָריזאָנט נאָר פון דער למדנישער וועלט, פון דער רבנישער אריסטאָ־קראַטיע, פון די מאן מלכי רבנן...

די שאפונגען פון די צוויי אומשטערבלעכע גאוני ישראל, רש״י און רמב״ם, האָבן זיך באגעגנט אין זייער צוועק און כוונות. טראָצדעם וואָס אויבנאויפיק, אין די תחומים פון זייערע אמונות ודעות זיינען זיי ווייט איינער פון אנדערן, האָבן זיי זיך אָבער באגעגנט אין זייער אויפפאסונג אי־בער דעם אָרגאנישן מעכאניזם, איבער דער גייסטיקער קאָנסטרוקציע פון אונזער פאָלק.

דער רמב״ם האָט זיך אויך דערנערט אויף די קעסט פון אריסטאָטס פילאָזאָפיע און ער האָט געוואָלט ווערן דער שדכן צו מזווג זיין די פילאָ־זאָפיע מיט דער רעליגיע, און ווי באוואוסט איז פון שידוך גאָרנישט גע־וואָרן; דער זיווג האָט ניט עולה יפה געווען. אין באַצוג, אָבער, צו אונזער אייגענער גייסטיקער ווירטשאפט, האָט ער געהאט גאָר אן אנדער מיינונג, א טיף קאָנסערוואטיווע און אויפגעהאַלטענע אין גייסט פון דער אידישער טראַדיציע, און ער האָט קאָדיפיצירט אין זיין „יד החזקה״ אלע הלכות, עקזאקט אין תלמודישן גייסט, ווייל ער האָט פארשטאנען, אז די אידישע רעליגיע איז די העכסטע פאָלקס־אינסטיטוציע, וואָס איז געוואקסן און האָט זיך אנטוויקלט צוזאמען מיטן פאָלק, און פילאָזאָפיע איז נאָר א פּאַטראַווע פאר יחידים, דאָס ברייטע פאָלק האָט זיך זיין אייגענעם געשמאק און שאפט זיך זיין אייגענעם גייסטיקן „מעניו״.

די אידישע רעליגיע איז א דעמאָקראַטישע, א קינד פון קאָלעקטיוו און דער יחיד האָט דאָ ניט קיין דעה. די אמתע בעלי־בתים זיינען די דורות. יעדע תקופה און דור האָבן צוגעשריבן און צוגעגעבן זייערע אייגענע אמונות ודעות און דעריבער, ווער עס וויל שאפן פאר דעם רבים און אים דינען, מוז נאָר אים, דעם רבים, אינטערפרעטירן און אויסטייטשן און נאָר אין זיין גייסט. אנדערש איז ער א מועל בשליחות, ער פעלשט דעם מאנדאט. און וואָס אנבאלאנגט דאָס פילאָזאָפירן איז אויף אייגענעם חשבון, און עס גייט אונ־טערן נאָמען פון תורת היחיד, וואָס שטייט אויסער דעם קאָנטראָל פון דער קאָלעקטיווער שאפונג.

און פיליכט איז דאָס דאָזיקע טאקע די סיבה, וואָס איר האָבן מיר צו פארדאנקען, אין א געוויסער מאָס, רש״ים אומקאָנדיציאָנעלע אונטער־טעניקייט צו דער מסורה. טראָץ דעם וואָס דאָס איז אויסער די פסיכאָלאָ־

גישע געזעצן פון גדולים, וואָס באַזיצן די איינגעבוירענע געוואַגטקייט אין זינען פון רב תנא ופליג.

רש"י פאַרטייטשט די תורה שבכתב ושבעל פה, לויט דער באַלויכטונג פון די בעלי־מדרש און אגדות־התלמוד און לויט אַנדערע קוועלן, ער גיט צו גאַנץ אָפט אויך זיינע אייגענע הוספות, ער ברענגט אַריין קלאָרקייט און גע־פינט דעם פּאַסיקן, פּאָלירטן און געשליפענעם וואָרט און נאָר דאָס וואָס ער געפינט אויס פאַר צוגעפּאַסט, דאָס וואָס איז פּשוטער. ער וויל בלייבן פאַרפליכטעט און טריי צו זיין שליחות אלס פרשנדתא, אלס אויסטייטשער פון די צוויי תורהס, וואָס זיינען ווי צווילינג־קינדער, אויסגעטראָגן געוואָרן דורך דער מסורה.

אזוי איז געווען דער געבאָט פון שר האומה און אזוי — דער זין פון דער געשיכטע: „לא ניתנה התורה למלאכי השרת" — די תורה איז ניט גע־געבן געוואָרן פאַר מלאכים, ניט פאַר אויבער־מענטשן, נאָר פאַר פּשוטע מענטשן, לויט זייערע פּשוטע אויפנאַמס־פעאיקייטן, חוש און פאַרשטענדע־ניש און נאַטירלעך, איז די תמימותדיק געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט אויף דער פרייער לופט פון פרד"ס (פּשט, רמז, דרש און סוד). און רש"י האָט זיך באַמיט מיט זיין טיפן שכל און שאַרפער הבנה צו אויסקלייבן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געפונען מן המוכן, זייט די תקופת התלמוד ביז חתימת הגאונים, די בעסטע פירושים, צו וועלכע ער האָט גאָר ווייניק צוגעגעבן אייגנס. ער איז אָבער אין געוויסע פּרטים געווען אויך ווי א פאַר־מיטלער צווישן דער מסורה און די מער קריטישע אויסטייטשונגען, וואָס קענען שוין באַטראַכט ווערן, ווי אַזעלכע, וואָס האָבן א געוויסן וויסנשאַפט־לעכן געשטאַלט.

פילאָן איז געווען א גרויסער פילאָזאָף אין זיין צייט און א גוטער איד און ער האָט געוואָלט זיין דער קאָמענטאַטאָר פון תורת משה אויף זיין איי־גענעם שטייגער און איז געקומען צום שלום, אז די חמשה חומשי תורה זיינען אַן אייגנאַרטיקע, פילאָזאָפיש־סימבאָלישע קאָנצעפּציע: דער סוף איז געווען, אז ער איז דורכגעפאַלן. אפילו אין זיין צייט האָבן נאָר די מתיונים, די העלעניסטיש־געשטימטע אידן אנערקענט זיינע אויסטייטשונגען, אָבער ניט די חכמי ישראל, ווייל כאָטש ער, פילאָן, איז געווען א גוטער און פּי־לייכט אויך א פרומער איד, איז ער אָבער געווען א פרעמדער איד, מיט א מענטאַליטעט פון א גריך און האָט דעריבער ניט פאַרשטאַנען די אייגנאַר־טיקייט פון דער אידישקייט און איר גייסט, אז עס איז זייער פילאָזאָפיש

ניט קלוג צו װעלן צופּאַסן צו אונזער תורה די פילאָזאָפיע פון א פרעמדן אָרגאַניזם, װאָס פאַרװאַנדלט זיך אין װילד־פלייש.

תורת משה איז א תורת חיים און האָט זיך איר אייגענע פילאָזאָפיע — דאָס האָט רש״י געפילט מיט אלע זיינע חושים און, אויב מען װיל קען מען אויך זאָגן, אז צו אלע זיינע גרויסע מעלות פון א גדול בתורה, חכמה און װעלטלעכע ידיעות איז ער אויך געװען, אזוי צו זאָגן, א פילאָזאָף, ניט פון אבסטראַקטע אידעען, נאָר פון דער לעבנס־חכמה פון א פאָלק, פון דער חכמה פון זיין עקזיסטענץ און אויפהאַלטונג און פון דער פאַרפעסטיקונג פון זיינע גייסטיקע קנינים און אין זיין אויסגעהאַלטענער שיטה.

:: :: ::

רש״י איז געװען א פרנס א מנהיג, א רבי און ראש ישיבה און אלץ „שלא על מנת לקבל פרס". פאַר תורה טאָר מען דאָך ניט באַקומען קיין געצאָלט. „מה אני בחינם, אף אתה בחינם".

רש״י האָט אין פולסטן זין פון װאָרט געקאָנט אָנװענדן אויף זיך די װערטער פון ירמיה: „לא נשיתי ולא נשו בי", אזעלכע איז שוין די תכונה פון גרויסע שעפער: זיי גיבן אװעק דאָס בעסטע װאָס זיי פאַרמאָגן צום פאָלק: גוטסקייט, פריינטשאַפט, איבערגעגעבנקייט און אנדערע מדות טובות און הויכע נשמה־פּאָסטולאַטן װי ענױות, פשטות און ליבע צו מענטשן בכלל; דאָס זיינען אלץ קנינים אזעלכע, װאָס עס פאַרמאָגן אין זייער באַזיץ פּער־זענלעכקייטן, װעלכע טראָגן אין זיך אזעלכע הויכע מיסיעס װי רש״י ז״ל.

מנחם אוסישקין א בן שבעים

ראיתי בני עליה
והנם מועטים.

אוסישקינס געלעבטע 70 יאָר באשטייען פון פ ו פ צ י ק י אָ ר טעטיקייט אויף אלע געביטן, ביי די וויכטיקסטע צווייגן פון אונזער נאציאָנאלן ציוניסטישן לעבן, אין פעלד פון אונזער אויפלעבונג און רע־נעסאנס.

פון פאך און בילדונגס-גראד אן אינזשעניער, דאָס איז ווארשיינלעך א ריינע צופעליקייט, אָבער צופעליקייטן פארמאָגן אויך זייער זינען און שטרעבן צו הארמאָנישקייט און אנאלאָגישע צוגעפאסטקייט. אוסישקין דער אינזשעניער איז פארבליבן דער בויער פון אידישן נאציאָנאלן לעבן, זיינע פּלענער און צייכנונגען האָט ער שטענדיק העלדיש־עקשנותדיק פארטיידיקט, און כמעט שטענדיק דורכגעבראָכן פאר זיי א וועג און דורכגעפירט אין לעבן.

איך ווייס ניט געניי וועלכע אָפּצווייגונג אין זיין פאך האָט ער אויס־געקליבן, קיינער האָט ניט געשריבן קיין לענגערע ביאָגראפישע אָפּהאנדלונג, אויסער אין אייניקע ערטער בדרך אגב, פארבייגייענדיק. זיין פיבערהאפטע טעטיקייט און אקטואציע אין פארשיידענע צווייגן פון אידישן לעבן, סיי אין גלות און סיי אין ארץ ישראל, ציוניסטישע, אידיש־פּאָליטישע, געזעל־שאפטלעכע און קולטורעלע יאָגן מיט זייער אימפעט, און לאָזן ניט קיין פּלאץ פאר כראָניק און ביאָגראפישע אָפּהאנדלונגען, וועלכע זיינען נאָר מעגלעך ביי א שטיל־צושטאנד פון טעטיקייט, ביי א הפסקה, וועלכע דער אומדערמידבארער אוסישקין האָט זיך נאָך ניט דערלויבט. ש. ל. ציטראָן האָט אויפגעכאפּט אוסישקינס ביאָגראפישע דאטן אין דער מאָנאָגראפיע וועגן „חובבי ציון”. פארבייגייענדיק פאָטאָגראפירט נאָר זיין סילועט אויף וויפל ס'איז מעגלעך אויפצונעמען פאָטאָגראפיעס אין א באוועגלעכן צושטאנד.

אוסישקין איז חוץ א שם פּרטי, זעלבסט־נאָמען און באַצייכענונג פון א יחיד וועלכער לעבט און עקזיסטירט, אויך — און פיליייכט אין דער גרעסערער טייל — א שם כללי. אוסישקין, ווערט א באַגריף, א סימבאָל פון גרויסע אקטן, פּאַסירונגען, באַוועגונגען, ריכט־ליניען און שיטות.

ווען דער צופאַל וואָלט פאַרמאָגט שוואונג און פאַנטאַזיע וואָלט ער אים געטריבן אויסצוקלייבן אלס פאַך — „מינען און בריקנבוי־אינזשעניער", דאָס איז מער צוגעפּאַסט צו אוסישקינס נאַטור און טעמפּעראַמענט. און אזוי איז ער פאַרבליבן אין זיין גאַנצן לעבן. זיין אייזערנער ווילן דרינגט אַריין אומעטום, זיין דויערהאַפטיקע אויסגעהאַלטנקייט און געדולד פאַרמעסטן זיך צו קאָנקורירן מיט דער דויערהאַפטיקייט פון שטיינערנע בערג און סקאַלעס, איבער וועמענס קעפּ עס לויפן די שטורעמדיקע ים־כוואַליעס און שווינקען זיי ניט אָפּ און שטופּן זיי ניט אוועק פון זייערע פּלעצער.

אוסישקין, א מאַן מיט א פעסטן רצון, אייזערנער ווילנסקראַפט, איז א זעלטענע דערשיינונג. ביי אונז און אויך אין דער וועלט־געשיכטע ציילן זיי זיך ניט אין א מערצאָל, דאָס איז אן אייגנשאַפט, א מתנה בחסד אלהים צו אויסדערוויילטע.

אבורים און דעספּאָטן זיינען געווען איבערגענוג. סיי די אַלטע געשיכטע ווי די מאָדערנע האָבן זיי פאַרמאָגט גאַנצע שללים, צום גרעסטן טייל זיינען עס געווען קראַנקע מענטשן, דערגענערירטע נאַטורן, שמאָלע, קורצזיכטיקע עגאָאיסטן.

ביי שטאַרקע מענטשן מיט אייזערנעם רצון, פעסטע ליניע און קלאָרן וועג אין לעבן, זיינען דאָס די דאָזיקע אייגנשאַפטן די געווער, די גאָלדענע שפּאַגע, א מתנה, א „נאָבל־פּרעמיע" פון דעם שר־האומה צו א מנהיג, א נאַציאָנאַלן קעמפער פאַר זיין אָפּפערווילקייט און איז אויך אין דער זעלבער צייט דער קאַמפּס־מיטל.

ביי אוסישקין איז פאַראַן א קאַטעגאָריע פון געניאַליטעט, וועלכע ווערט פיליייכט ניט קאַטאַלאָגירט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. דאָס איז ווען א יחיד זאַפּט איין אין זיך אַלע אייגנשאַפטן און קוואַליפיקאַציעס פון א גאַנצער אומה. אזא אייגנאַרטיקן מאַנדאַט האָט אין זיין באַזיץ — מנחם אוסישקין, ער איז א פּראָטאָטיפּ פון אידן און אידישקייט פון אַלע דורות.

די שיינע לעגענדע וועגן אברהם׳ן, אז אויף זיין פּנים איז געווען אָפּגעשטעמפּלט בחרות און זקנה, יוגנט און עלטער, איז זייער כאַראַקטערים־

טיש פאר אים. אוסישקין דער פאטריארך פון ציוניזם שטעלט פאר מיט זיך דעם ישראל סבא מיט זיין ניכטערקייט, דערפארונג און חכמה און צו דער זעלבער צייט יוגנטלעכן מוט און געוואגטער עקשנות און יוגנטלעכע חלומות, פלענער פאנטאסטישע אבער אפט דורכגעפירטע דורך דעם פקח'שן טרוימער.

ער איז צייטנווייז א קנאי, פון דעם טיפ אליהו ביי דעם „קנא קנאתי" און איז קיינעם נישט נושא פנים, ווען מען דארף באקעמפן אסימילאציע און פארהיטן דעם אידישן כבוד, ער זאל ניט פארשוועכט ווערן דורך א ניט געהעריקער פארטרעטערשאפט, ווי עס איז געווען דער פאל פון די וואלן צו דער צווייטער רוסישער דומע, דער אדוואקאט פערגאמענט, א משומד, האט פרעטענדירט די קאנדידאטור פון דעפוטאט, איז דאן ארויס אוסישקין מיט א מתתיהו'שער געוואגטקייט און מכבישער אנטשלאסנקייט און האט אים אפן באקעמפט ביז ער האט אים באזיגט.

ווען מען מוז קעמפן ריין אידישלעך ביי מלחמת מגן איז ער דאן פארטרעטער פון יוחנן מגוש חלב, אין ענינים פון קולטור ווערט ער א ר' יוחנן בן זכאי, וועלכער שטעלט אוועק יבנה מיט אירע קולטור־אנשטאלטן צווישן די העכסטע דערגרייכונגען.

אוסישקינס ציוניזם קומט ניט פון דרויסנדיקע אקצידענטאלע ווירקונגען, נאר אלס א לאגישע קאנסעקווענץ פון אידישן גייסט. ער האט אים געשעפט דירעקט פון אידישע קוואלן, ציוניזם איז ביי אים דער מיטל, דער רעצעפט פון אידישקייט און גלייכצייטיק זיין המשך. דער ציוניזם איז פאר אים דער פילטער פון אידישקייט פון אלע עפאכעס, וועלכער רייניקט און קריסטאליזירט די אידישקייט פון ווייטן עבר. כדי מען זאל אים קאנען אויסמישן צוזאמען מיטן קעגנווארטיקן און עתיד'יקן אידנטום, און אויך כדי צו באפרייען זיי פון די זויער־שטאפן און מאכן זיי מעגלעך פאר א מזיגה אין איין כלי.

אוסישקין איז בטבע קאנסערוואטיוו רעליגיעז געשטימט, טאקע אלס פועל יוצא פון זיין אידיש־נאציאנאלער אויפאסונג. ער איז דאך די פארקערפערונג פון אידישקייט, דאן זאל דאס זיין אידיש אין אלע פאכן, אײבערהויפט די אידישע רעליגיע, וועלכע איז געווען די ניאנקע און אם און ווערמענס בריסט האבן אונז געשפייזט. דער דרייליגג „הקה"ה, ישראל ואוריתא" איז אן אליאנס מיט וועמען אזא גרויסער און אויסגעהאלטענער קאן ניט און וויל ניט צושיידן זיך. ווי אלע שטארקע נאטורן גייט ער איין אויף פשרות נאר ביי זייער אויסנאמספאלן. דער ריין אידישער „יקוב הדין

את ההר", דער באַרג זאָל זיך בויגן צום געזעץ. דאָס איז דאָך די אייגנשאַפט פון דער אומה בכלל, וועלכע אידענטיפיצירט זיך מיט איר גאָט, די שאַפונג מיטן שעפער, אידישע מעלות און אידישע חסרונות. מיט דעם דערקלערט זיך וואָס ער איז חשוב אויך ביי די מזרחים און ביי די חשובי ירושלים. די עקסטרעם פרומע, אויך די אַרבעטער-קרייזן האָבן פאַר אים גרויס דרך-ארץ. ער שאַפט אַ טעזע פון אַלע אונזערע שאַטירונגען אינעם ציוניזם.

אוסישקין איז ניט סתם אַ פאַמיליען-נאָמען פון אַ ציוניסטישן עסקן, פון אַ גרויסן אידן. אוסישקין ווערט אַ באַצייכענונג פון אַ טעזע, אַ באַגריף. מיט דעם נאָמען אוסישקין איז פאַרבונדן אַ שטיק געשיכטע פון ציוניזם, אָנהויבנדיק פון די אַכציקער יאָרן. ער איז איינער פון די ערשטע „בילו"-ניצעס וועמען דער גורל האָט דורכגעלאָזן (ער און טשלענאָוו זיינען דורכן איינפּאַכן בלינדן גורל צופאַל, אויסן געבליבן פון צו פאָרן מיט דער גרופּע „בילוים"), דאַן איז ער נאָך געווען אַ סטודענט אין טעכנאָלאָגישן פאַקולטעט און האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט נאָך ביי די חובבי ציון. ער איז געווען פון די „בני משה", און האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט פינסקערן, אחד-העם און ליליענבלומען.

נאָך אַלס יונגערמאַן איז ער שוין געווען אָנגעזעען ביי די מנהיגי פון די „חובבי ציון". ביים דערשיינען פון פּאָליטישן ציוניזם מיט הערצל'ן בראש, איז ער פון ערשטן קאָנגרעס אָן גלייך אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דעם עפנטלעכן ציוניזם. און ס'האָט זיך גלייך געלאָזט פילן זיין שטאַרקער אייזערנער ווילן ביי אַלע קאָנגרעסן און איבערהויפּט ביים 6-טן קאָנגרעס ביי דער אוגאַנדא-פראַגע, בעת דער היסטאָרישער שפּאַלטונג, אַן אמת'ע רעוואָלוציע פון העכסטן פאַרנעם. אַ רעוואָלוציע וואָס איז אַ קינד פון דעם אידישן גייסט וואָס איר זיג וועט בלייבן פאַרצייכנט מיט גאָלדענע אותיות אין אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

איך נעם זיך ניט אונטער צו שרייבן אוסישקינס ביאָגראַפיע, דאָס וועלן טאָן פאַסיקע פאַכלייט. און ניט איין בוך וועט נאָך געשריבן ווערן וועגן אים. די וואָס וועלן איצט שרייבן וועגן אים, וועלן זיין מתחיבים בנפשם, אַזוי ווי די וואָס באַוואונדערן „מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה!" ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז די בראַזע פון פאַראַקערטן באָדן. דער בוים האָט נאָך אין מיטן פרוכט געבן, דער אידישער באָדן ווערט געאַקערט. ר' מנחם מענדל אוסישקין האַלט איצט אין רעכטן ברען פון זיין טעטיקייט, און מען דאַרף אים ניט שטערן.

אוסישקין איז געווען ניט נאָר א גרויסער דינאמישער, אָנפירנדיקער כח אין דער „חובבי ציון"־באוועגונג און שפּעטער אין דעם פּאָליטישן ציוניזם, ער איז אויך געווען אין פאַרלויף פון 35 יאָר דער פּאַקטישער פירער פון רוסישן אידנטום. ער האָט געשאַפן א שולע, א ריכט־ליניע און אָריענטאציע פון אידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ער האָט געמאַכט א סוף צו שתדלנות, האָט אָפן געקעמפט מיט די רוסיפיצירטע אידן און מיט די ראַדיקאַל לינקע קעגנערישע פּאַרטייען. ער האָט געלערנט אונזער יוגנט צו האַלטן הויך דעם קאָפּ מיט אידישן שטאָלץ און פירן אן עפנטלעכע מלחמה מיטן אסימילאַטאָרישן לאַגער.

ער האָט זיך ניט קונה שם געווען מיט טעאָרעטישע באַגרינדונגען און האָט ניט געשאַפן קיינע באַלערנדע שיטות אויף א דירעקטן אופן. ער איז פאַר דעם א צו אומרואיקע נאַטור, און מיט צופיל ענערגישן און דינאַמישן טעמפּעראַמענט, ניטאָ קיין צייט צו דיקטירן קלאַסן פון דער טריבונע. דאָס לעבן, די געשעענישן יאָגן אין נאַכן, דער „אם לא עכשיו אימתי"? רופט מיט זיין דרינגלעכן אימפּעראַטיוו און גיט ניט קיין מעגלעכקייטן פאַר תורות און פילאָזאָפישע שיטות, וועלכע ווערן געשאַפן דורך קאַבינעט־מענטשן, דענקער און געשיכטע־פאָרשער.

אוסישקין איז אָבער אליין דער אָביעקט פון תורות און שיטות. די, וואָס שאַפן אליין געשיכטע, די, וואָס יאָגן און זיינען אליין איר אימפּעט קאָנען ניט זיין צו דער זעלבער צייט אירע מפרשים. גרויסע מעשים, אנטשיידנדע מאָמענטן אין דער געשיכטע און זייערע האַנדלונגען זיינען אן און פאַר זיך תורות, גרונטלאַגעס פאַר שיטות און ווערן רוישטאָף פאַר נייע טעאָריעס. ניט איין ציוניסטישער שרייבער און מער דענקנדיקער עסקן ציטירט אוסישקינס בליציקע געדאַנקען ארויסגעזאָגטע אין רעדעס ביי קאָנגרעס, ביי פאַרזאַמלונגען און מיטינגען.

אוסישקינס רעדעס צייכענען זיך אויס מיט פּשטות און קלאָרקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט באַפליגלט מיט דעם בליציקן טיפן געדאַנק, פּקחות און לעבנס־חכמה אויסגעפלאָכטן קונציק מיטן שאַרפן איינפאַליקן וויץ, און אלץ אזוי פּשוט און קלאָר, טראַנספּאַרענט, דורכזיכטיק ווי דער אמת אליין.

באַזונדער טיפקייט און ווייטזעענדיקייט האָט ער דערוויזן ביי דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד" וועלכן ער האָט דערגענצט אלס אגראַר־אינסטיטוציע אין איר פולקאָמענסטן זין. ביי זיין שטאַרקן קאַמף מיט זיין גרויסן און ווירדיקן

סאפערניק און ריוואל דע־לימא — אויך איינער פון די זיילן פון ציוניזם בכלל און נ״פ בפרט — האט ער געזיגט אויף אלע פראנטן. ער האט דאן פאר זיך געהאט א שווערן קאמף, דע־לימא׳ס שיטה האט געהאט א סך אנ־הענגער אין די אנפירנדע קרייזן פון ציוניזם, אוסישקין האט געקעמפט ווי א לייב און נאר אן אייזערנער ווילן פון אזא שטארקער פערזענלעכקייט האט געקאנט ארויסגיין א זיגער אין אזא פארצווייפלטער מלחמה. כמעט איינער קעגן אלעמען.

אוסישקין האט פארויסגעזען, אז באדן וועט אין ארץ ישראל שטייגן פון יאר צו יאר, ער האט פארויסגעזען, אז אויף פאליטישע קאניונקטורן טאר מען ניט בויען צופיל, אז די מעגלעכקייט פון היינט ווערט ניט גאראנטירט פון דעם מארגן; אז די וועקסלען פון פעלקער־יושר ווערן קוים געצאלט מיט די אבליגאציעס פון חסד לאומים...

אוסישקין האט זיך ניט אפגעשטעלט פאר די טייערע פרייזן, וואס די עפענדים האבן געפאדערט און האט געקויפט פארן נ״פ גרויסע שטחים באדן, פארשיידענע צעווארפענע נקודות, געאגראפיש צעווארפן, אבער פאָ־ליטיש־סטראטעגיש מיט קלאסישער פלאנמעסיקייט, די וויכטיקע פאזיציעס וועלכע שאפן א קאנצענטראציע פון אונזער באדן־באזיץ. דורכשניטלעכע בעלי־חשבונות האבן ניט מסכים געווען מיט אים; אבער ניט אומזיסט האט ער געלערנט העברעע מאטעמאטיק, ניט אריטמעטיק איז דא גילטיק, נאר הויכע מאטעמאטיק; ניט קיין פראסטע ציפערן, נאר העברעע מספרים גע־נומען פון די ספירות פון וועלכע עס סומירט זיך די נשמה האומה.

ער איז פעאיק אריינצודרינגען אין דעם „הוד שבנצח״ און דעריבער באגרייפט ער דעם זין פון תלמוד „אין הונאה לקרקעות״. אין באדן איז נישט שייך אפגענארט, אדער טייער. נאציאנאלער באדן איז ניט נאר א שטח ערד וואס שפייזט און דערנערט איר באארבעטער. נאציאנאלער באדן איז אויך א באגריף, א סימבאל, באדן איז פאזיציע, דאמיניום, און דעריבער האט זי א פילפאכיקן פרייז. אט די דערפארונג קאסט אונז צו טייער, אבער מיר אלע באגרייפן היינט דאס וואס אוסישקין האט געזען מיט 10 יאר צוריק.

ער האט געזען און באגריפן און אין דער ריכטונג איז ער געגאנגען, געקעמפט און געזיגט. אוסישקין האט אויסגעטראטן א וועג פאר די דורות.

ער איז א מנהיג, א וועגווייזער. ער איז ניט קיין געקרוינטער מנהיג און לערער, ער איז אבער א פאקטישער וועגווייזער און טריבון און ער האט אן אומגעהויער גרויסע צאל תלמידים, ער איז בבחינת — פערפראזירנדיק דעם תלמודישן זאץ — רבי לא יתקרי, אלא חכים יתקרי״.

אוסישקין אלס סימבאל פון פאטריארכאלישקייט

דער גייסטיקער ריז און גבור האומה מנחם מענדל אוסישקין איז שוין מער ניטאָ צווישן אונז. זיין גרויס אידיש הארץ האָט ניט אויסגעהאלטן די צו שווערע לאסט פון אידישע קאטאסטראָפאלע אומגליקן און ליידן און האָט זיך אָפגעשטעלט אויף אייביק. זיין גרויסע נשמה איז אריבער אין רוים פון בארימטקייט און אייביקייט.

אין די „נאדי הדמעות", אין די לאָגלען מיט טרערן, וואָס האָבן זיך אויפגעזאמלט אין פארלויף פון אונזער לאנגער מארטירער-געשיכטע, איז דאָ א שלל פון עלעגיעס כדי אויסצודריקן אונזערע נאציאָנאלע ליידן און אויך טרויער צוליב פארלוסטן פון גבורי־האומה. און ווי זיי זאָלן ניט אויסזען צו אלט און מליצה'דיק פאר געוויסע געשמאקן, וועלכע זוכן באנייענדיקע פאָרמען און קלאָרקייט, איז זיך שווער צו באגיין אָן זיי.

שטארקע אינערלעכע איבערלעבונגען פון טיפן צער מוזן האָבן אין א ניט קליינער פראָפאָרץ זייערע אויסדרוק־אָרגאנען. שטארקע וויינען מוזן זיך געפינען אין כלים פון שטארקער רעסיסטענץ.

ווען מ'וויל פאָרמולירן אויסדרוקפול דעם צער און ווייטיק צוליב אוסישקין'ס טויט, מוז מען באנוצן נאָר די אלטע תנכ'ישע טעקסטן: „שר וגדול נפל בישראל" — א האר א גדול ישראל און פאטראָן איז געפאלן; „כי מפני הרעה נאסף הצדיק' — צוליב דער שלעכטס און אומגליקן פונעם דור איז דער צדיק אוועק; „אבל גדול לישראל" — א שווערער טרויער איז געווען פארן פאָלק ישראל; „רכב ישראל ופרשיו" — אין אונזערע צייטן וואָלט מען זיך אויסגעדריקט לויט דער טעכנישער באדייטונג: מאָטאָריזירטע, געפאנצערטע ארטילעריע פון ישראל.

אין פראקטישן זין, אין שיין פון די פארהעלטענישן, וואָלט דאָס אויסגעדריקט: דער באשיצער, פארטיידיקער און קעמפער פארן קיום פון פאָלק ישראל און פאר זיין אייביקייט. די דראַזיקע דריי ווערטער גיבן אונז איבער

בילדעריש וואָס מ. מ. אוסישקין איז געווען פאַרן אידנטום און וואָס ער וועט פאַרבלייבן פאַר דער געשיכטע.

צער האָט ליב התבודדות, אָפּזונדערן זיך אין די טיפע טונעלן פון מיסטיק. אזא ווינקל געפינט זיך אין ספר בראשית, אין די אוראַלטע וועלדער פון מיטאָלאָגיע, וועגן חנוך: „ויתהלך חנוך את אלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים”. חנוך איז געגאַנגען אין גאָטס וועגן און ער איז ניט געוואָרן, ווייל גאָט האָט אים צוגענומען צו זיך כדי צו באשיצן אים אין די שאָטנס פון אייביקייט.

ס׳איז שווער צו מושוה ווערן מיטן געדאנק אז אוסישקין, דער ארי שבחבורה, דער לייב פון דער אידישער געזעלשאפט — ווי ער ווערט טרעפ־לעך באצייכנט — אז דער וואָס האָט זיך מיט א לייבן־חלק באטייליקט אין אלע גרויסע פאסירונגען וואָס זיינען פארבונדן מיט רעטונג און אויפבוי — איז שוין מער ניטאָ צווישן אונז.

אויב מ׳קען ניט, אָדער גיכער מ׳טאָר ניט זאָגן, די אָנגענומענע פראזן, אז ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל אים פארבייטן, „אין לו חליפין”, ווייל דאָס וואָלט דאָך געהייסן לייקענען די קאָנטינואיטעט, די „מאַטעריא פּרימאַ” פון וועלכער ס׳איז אויסגעשמידט דער נצח ישראל, איז אָבער אויך אן אומבאַ־שטרייטבארער אמת, אז אוסישקין וועט אויף א זייער לאַנגער צייט און ביי וויכטיקע פארהעלטענישן דינען פאַר אונז אלס אָריענטאציע, רעכענענדיק זיך דערמיט ווי וואָלט אין אזא אָדער אנדער פאַל א ו ס י ש ק י ן געהאנדלט.

ער איז געווען דער שומר החומות, דער קאָמענדאנט פון אונזערע נאציאָנאַלע פעסטונגען, אויפזעער פון נכסי און קדשי האומה, פון גייסטיקע קנינים און הייליקטימער פון דער אומה פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט מיט מסירת נפש; ער איז געווען דער וועג־ווייזער און „אורים ותומים” ביים לעבן און וועט ניט אויפהערן צו דינען אלס קאָדעקס נאָך א לאַנגע צייט.

זיינע לאָזונגען, שלאָג־ווערטער, כללים און אפאָריזמען האָבן אין פאַר־לויף פון יאָרן זיך פארשפרייט ווי א תורה שבעל פה, וואָס וועט מיט דער צייט שאפן אן אוסישקין־טראַדיציע ארום וועלכער ס׳וועלן זיך שאפן גאַנ־צע לעגענדעס.

אוסישקין, מיט זיין אומדערמידלעכן קאמף, באוואפנט מיט געפּאַנ־צערטע כלי־זין פון דער אוסישקין־מארקע „אין לך דבר העומד בפני הרצון” — שטאַרקער ווילן איז גובר אלץ — איז געוואָרן ביי אונז ניט נאָר א סימ־

באַל פון גבורה און אייזערנעם ווילן, נאָר מיר האָבן כמעט ניט באמערקט זיינע שנות גבורה, די כמעט 80 יאָר וואָס האָבן געפּרעסט זיינע פּלייצעס.

זיין אַלטקייט איז געוואָרן פאַר אונז א תואר פון ישראל סבא, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַן אַפּאָריזם, א באצייכנונג פון אידישן פאָלק אַלס עם עולם. אַלטקייט פאַר א פאָלק האָט נאָר א מעטאַפאָרישן זין, וואָס ווערט פארביטן מיטן טערמין פון אייביקייט ראַן ווען זי דערנערט זיך מיט איי־ביקע אמת׳ן, פאַר וועלכע תורת־משה האָט רעגעמירט מיט „למען יאריכו ימיך על פּני האדמה" — פאַר גוטע מעשים וועסטו לאַנג לעבן.

און ווער נאָך ווי אוסישקין האָט פאַרקערפּערט אין זיך די אייגנשאַפטן פון אינטעגראַלער אידישקייט, די מעלות און אויך שאָטנדיקע זייטן, ווי א מאָנומענטאַלע קונסט־סקולפּטור, אויסגעהאַקט פון „צור ישראל", פון אידי־שער אייביקייט!

מיט דעם דערקלערט זיך דער אומדערמידלעכער קאַמף און טעטיקייט פון זיין 15־יאָריקן עלטער ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווי דאָס וואָלט געוועזן איין לאַנגער טאָג, „ביומא אריכתא". אין דעם דאָזיקן זין איז ער געוועזן פּיליכט ניט א חד בדרא, נאָר פון דורות.

עס זיינען שטענדיק געוועזן ביי אונז גדולי ישראל און גבורי האומה, וואָס האָבן מיט זייער אידעאַליזם זיך דערהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פון אַלטרואיזם, וואָס באגעגנט זיך מיט הויכער דיקטערישער עמאָציע און איז אמאָל אויך פארבונדן מיט אן אינערלעכן קאַמף, מיט אן אייגענעם לעבנס־איבערברוך. אָבער אין זין פון נאַטירלעכקייט און אָרגאַנישער גבורה איז צו אים פּיליכט קיין גלייכן ניטאָ. זיין איבערגעגעבנקייט ביז מסירת־נפש איז א נאַטירלעכע. אנדערש האָט אוסישקין ניט געקענט זיין, ווייל ער איז א ברוך־טייל פון דעם אַלגעמיינעם סך־הכל וואָס רופט זיך — אידיש פאָלק.

אויף קיין זאך וואָס האָט געהערט צום אידישן פאָלק האָט ער ניט געוואָלט מוותר זיין. דער גולת הכתרת, די קרוין פון זיין געדאנקען־גאנג און וועלט־אנשויאונגען איז געוועזן ארץ ישראל און שיבת־ציון. דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג און זיין נשמה־אָטעם איז געוועזן דער קרן קימת לישראל, ווייל דאָ האָט ער דערפילט דעם קלאַנג פון אייביקייט. דער באַ־גריף פון קרן קימת רייצט און רעגט אָן דעם דמיון ווייל דאָס האָט צו טאָן מיט פאַרזאָרגן די צוקונפט. ס׳פילט זיך דער „מרחב יה" פון עתיד. די זאָרגן צו דערוווערבן וואָס מער באָדן אין ארץ ישראל האָט פאַרנומען דעם גאַנצן וועזן פון זיין גרויסן אידישן איך. און באָדן איז דאָך אייביקייט!

אברהם ליעסין

ליעסין איז ניט געווען איבעריקס פּאָפּולער צווישן דעם ברייטן לייענער־קרייז, ווייל ער ווי זיין שאפונג זיינען ראפינירט ביז גאָר, פון דעם איידלסטן שטאָף.

אויף וויפל זיין דיכטונג איז געווען שיין און קינסטלעריש לויט די כללים פון פּאָעזיע — דאָס איז אן ענין פאר אן אָפּהאנדלונג פון דער לי־טעראטור־קריטיק. אין דער זעלבער צייט אָבער איז קלאָר און לויט דער השגה פון יעדן בעסערן לייענער, אז ליעסין איז געווען א דיכטער אינערלעך אין דער נשמה. דאָס האָט געפילט איטלעכער, וואָס איז מיטגעריסן געוואָרן פון אלץ וואָס איז ארויס פון זיין פען. אין זיינע לידער, פּאָעמען ווי אפילו אין זיין פּובליציסטיק, אין די לייט־ארטיקלען אין „צוקונפט", האָט זיך גע־פילט עפּעס באזונדערס, ליעסינסיש.

אלץ וואָס ליעסין האָט געשריבן איז געווען אויסגעוועבט פון ספּע־ציעלע איידעלע פעדים, פון אזעלכע וואָס ציען זיך וואָרשיינלעך פון דעם קנויל פון זיין אייגענער נשמה, וואָס האָט זיך אויסגעוויקלט פון דעם שלשלת היוחסין: ר' אייזעלע חריף פון פּאָטערם און דער מהרש"ל פון דער מוטערס צד. דאָס הייסט אידישער יחוס אָנגעפּיקעוועט מיט חשיבות, אי־דעאליזם, למדנות און טיפע אידישע ידיעות. פון אלץ וואָס ער האָט געשאפן האָט געאָטעמט מיט טיפער ערנסטקייט און אויפריכטיקייט און עס האָט זיך געפילט די באציאונג צו תורה פון דעם „והגית בה יומם ולילה", פונקט ווי ביי זיינע זיידעס די גאונים. ער איז אן אמת'ער מתמיד אין זיין שאפונג און אקטואציע, פונקט ווי ער איז דאָס געווען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואו זיין גורל איז זיך פאנאנדער געגאנגען מיטן גורל פון זיינע גאונישע אבות: ווען ניט דער אומבייט אין זיין לעבן, וואָלט ער פיליכט געווען אין אונזער דור א גאון ווי איינער פון זיי.

מיט זיין דיכטער־געהער און אינטואיציע האָט ער נאָך זייענדיק אין ישיבה דערהערט די טענער פון אונזער צייט, דערפילט דעם אָטעם פון דעם

דור־ההשכלה, וואָס האָט שוין דאָן געהאַלטן ביי זיין שקיעה און מיט א נחשון־שפרונג איז ער אריינגעקומען אין אָט דער תקופה, נתפקר געוואָרן, ארויס לתרבות־רעה און געוואָרן אַן אפיקורס לויטן נוסח פונעם אמאָליקן וואָלאָזשין.

און באַלד נאָכדעם ווי ער איז באַוויטיקט געוואָרן, אָדער פּשוט ארויס־געטריבן געוואָרן פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, האָט ער זיך געוואָרפן צו דער בילדונג מיט אמת'ער ישיבה־בחורשער התמדה און אייגנאַרטיקער חריפות און איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז: אויסער א טאַלאַנט, א דיכטער, אויך א מענטש מיט אַן אַלזייטיקער בילדונג און דערצו א קולטור־עסקן און א פירער. אויב ניט קיין אָפיציעל געקרוינטער איז ער דאָס אָבער געווען פאַקטיש אין לעבן: א דערציער פון א דור, א אידעען־קעמפער מיט א שיי־נער, זויבערער און גראַדער ריכט־ליניע, וואָס האָט געשאַפן א שול מיט תלמידים אַלס איינער פון די בעסערע מפרשים פון אידישן סאָציאַליזם. אידישן — תרתי משמע: אידיש אין דער שפּראַך און אין גייסט, געשעפּט פון די אַלטע אידישע קוואַלן און געמאַכט פון זיי א מזיגה, דורך א היינט־וועלטיקן פילטער.

אברהם ליעסין איז געווען איינער פון די גרינדער פון „בונד” און אויב ניט דער באַדייטנדסטער, איז יעדנפאַלס איינער פון די הויפּט וואָרט־זאָגער.

איך זאָג וואָרט־זאָגער און ניט טעאָרעטיקער, ווייל ער איז בכלל ניט געווען צוגעפּאַסט אַלס טעאָרעטיקער און בעל־דאָגמע, צוליב זיין נאַטור און טעמפּעראַמענט. צופיל גייסט־מענטש און פּאָעט, צופיל געפיל־מענטש כדי צו קענען זיך איינשליסן אין דאָגמאַטישע פענטעס. ער האָט אָבער דאָך גע־שאַפן א אידישע סאָציאַליסטישע טריבונע, אַן אמת'ע „אכסניה של תורה”.

באַלד ביי זיין אָנקומען קיין צפון־אַמעריקע האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם טעגלעכן „פאָרווערטס” און אין גאָר א קורצער צייט נאָכדעם, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן די „צוקונפט” איז ער געוואָרן איר רעדאַקטאָר און גייסטיקער פאַטער, וועמען ער האָט דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון א גרויסער קולטורעלער אינסטיטוציע. און איך זאָל ניט מורא האָבן פאַר איבערטרייבן, וואָלט איך געזאָגט אין אַן אַקאַדעמישער אינסטיטוציע, אין אַן אכסניה של תורה. סאָציאָלאָגיע, היסטאָרישע פאָרשונג, אָפּשאַצונג פון קונסט, מעמוארן, אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס, אָנהויבנדיק פון סאָציאַליסטי־שע ביז נאַציאָנאַלע און אויך איבער ציוניזם און וועגן העברעאישער און

אפילו רבנישער ליטעראטור — אַלץ האָט געפונען פּלאַץ אין ליעסינס „צוקונפט".

די „צוקונפט" איז אַ דאַנק איר רעדאַקטאָר געוואָרן אַ נייטראַלע טריבונע, פול מיט טאָלעראַנץ פאַר אַלץ וואָס איז אידעאיש, קולטורעל און הומאניש. זי טראָגט דעם חותם פון איר גייסטיקן פאָטער ליעסין, וואָס איז אליין געווען אַן איש האשכולות, ווי די אַלטע מליצה וואָלט אים באַצייכנט. דאָס הייסט אַ רייכע פּיליזייטיקע פּערזענלעכקייט. די „צוקונפט" האָט זיך אידענטיפיצירט מיט אים און געוואָרן אַ מדור פאַר אַלע תורהס ווען זיי זיינען נאָר „לשם שמים נתכוונו".

איך בין זיך מודה, אַז אַלס ציוניסט בין איך ווייט צו פאַרנעמען זיך מיט אַפּאָלאָגעטיק פאַרן „בונד", ווי פאַר די „בונדיסטן". עס איז פאַר־שטענדלעך, אַז עס איז ניט איבעריקס אַנגענעם צו רעדן וועגן קעגנער שבחים. מיין באַציאונג אָבער צו אברהם ליעסין איז די זעלביקע, וואָס פון אַ סך פון מיינע חברים, וועלכע האָבן אים געקענט און געוואוסט ווער און וואָס ער איז געווען. ווייל יעדער איינער וואָס האָט געקענט זיין גרויסע פּערזענלעכקייט, איבערהויפּט די אידישע פּערזענלעכקייט, זיין שאַפן און ווירקן אויף דער אידישער גאַס און אין די ספערן פון אידיש־סאָציאַליסטישן עולם און זיין גרויסע השפעה אויף זיי, יענער איז ניט נאָר מוותר אויף דעם בונדיסטישן מאָמענט, נאָר ער גיט אים נאָך פּיליכט צו מער חשיבות און זיין געשטאַלט וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגן ריזיק גרויס. אונזער וועזן ווערט פול מיט פאַרדרוס אויף דעם „אין מזל לישראל" און מ׳מאַכט דעם חשבון וואָס דער בונדיזם וואָלט געקענט זיין פאַרן ציוניזם, ווען ער וואָלט זיך אויסגעפורעמט לויט דעם מאָדעל און מענטאַליטעט פון אברהם ליעסין. דאָס הייסט: ווען זיין ליניע וואָלט געווען געזיגט אין דער בונד וואָלט ניט געליטן פון די זיג־זאַגן וואַקלעניש, וואָלטן מיר דאָך היינט צו טאָג געהאַט אין גלות אַ ברייט פאַרצווייגטע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס וואָלט דערגרייכט אין די הונדערטער טויזנטער און וואָס וואָלטן זיך צונויפ־געשמאָלצן מיט דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג און דאָס איז דאָך געווען אַזוי לייכט און נאַטירלעך, אַז עס דוכט זיך אויס, אַז מען זעט דאָס מיט די אויגן. דער בונד איז דאָך אַ קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן בשכנות מיטן פּאָליטישן ציוניזם און זייערע וויגעלעך זיינען געשטאַנען איינע נעבן דער אַנדערער... און אַלץ וואָס עס וואָלט באַדאַרפט און געקענט זיין, איז פאַר־קערפּערט געוואָרן אין ליעסינען אַליין.

ער איז פאַר אונז די פאַרקערפּערונג פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, ווי עס וואָלט געווען געקענט זיין דער „בונד". א סימבאָל פון נביאישן סאָציאַליזם, פון משה העס חדר. א סאָציאַליזם וואָס איז אָנגעפילט מיט רע־ליגיעזן פּאַטאָס.

אזעלכער איז פאַר אונז אברהם ליעסין, וועמענס דיכטונג איז א קאָנ־גלאָמעראַט פון היסטאָרישע מאָמענטן פון בית שני, פון אונטערגאַנג פון דער אידישער אומה דורך די רוימער, מאָמענטן פון דער באַלאַגערונג, העל־ראָאישער קאַמף פון די אידישע מורדים, דעם רוימישן יאָך, מרידה פון בר־כוכבא, א ריי אגודות פון מסכתא גיטין וועגן חורבן, באַטעמט מיט זיין לירישער דיכטונג.

ליעסין איז א זעלטענע קאָמפּליקאַציע, א שפע פון רייכקייט, פיל־פאַרביקייט און זאַגאַר סתירות: ניכטערקייט, ראַציאָנאַליזם פון א אידן א חריף, אפיקורסות און אויפגעקלערטקייט פון איין זייט און פון דער אַנדע־רער, נשמהדיקייט מיט רעליגיעזער דיכטערישער עמאָציע.

אין זיין אפיקורסות איז פאַראַן אזוי פיל אידישקייט, וואָס וואָלט געקענט קלעקן פאַר א האַלבן טוץ דורכשניטלעכע פּראָפעסיאָנעלע פרומאַ־קעס, פונקט ווי אין זיין בונדיזם זיינען פאַראַן אוצרות מיט ציוניזם.

פאַר אונז ציוניסטן, האָט ער א באַזונדער פאַרדינסט. ער האָט מחזיר למוטב געווען אין אמעריקע די אידישע אַרבעטער־רינגען און אייניקע בונ־דיסטישע גדולים. די אַרבעטער־רינגען גרייכן אין זייער צאָל צו א פּאָר הונדערט טויזנט, און דאָס איז דאָך א קאָלאָסאַלער היסטאָרישער פאַרדינסט פאַר ארץ ישראל. די גרעסטע מרביצי תורה פון ציוניזם האָבן דערצו ניט זוכה געווען.

מיר באַדויערן דעם טויט פון אברהם ליעסין צוזאַמען מיט אַלע פריינט פון דער אידישער קולטור און אַלגעמיין־מענטשלעכן דענקען. מיר ווילן אויף זיין קבר לייגן אויך א באַזונדער קראַנץ בלומען אַלס ציוניסטן: ליעסין האָט מיט זיין גרויסער השפעה געהאָלפן בויען ארץ ישראל און האָט געשאַפן א סך שירי־ציון, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אויף פאַרשידענע וועגן פון בבל־טייכן, אויף אונזער לאַנגער גלות־שטרעקע.

געשטאָרבן, אָבער דאָך אומשטערבלעך

(באַטראַכטונג וועגן טויט פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי)

כדי אונזער ציוניסטישער עולם זאָל קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק די פּערזענלעכקייט זשאַבאָטינסקי, ריין אָביעקטיוו און אין תלמודישן זינען פון „להספידו כהלכה", איז ראטזאם און אויך נויטיק, אז ער זאָל ארויסציען דעם ריינעם זשאַבאָטינסקי־שטאָף און אים אפריער גוט איבערקאָכן אין זיין מוח־לאַבאָראַטאָריע, און דאן וועט זיך איבער די גראָע וואָכעדיקע חשבונות ארויסהויבן די דערמאנטע פּערזענלעכקייט אין איר גאנצן ריזיקן וואוקס. דאָס דאָזיקע וועט פארעכנט ווערן אלס חסד של אמת, וואָס מיר זיינען שולדיק דעם פארשטאָרבענעם, כדי צו האָבן פאר אונזערע אויגן די אומשטערבלעכקייט אין אים און קענען פארגעבן זיינע פעלערן וואָס זיינען כאראקטעריסטיש פאר שטערבלעכע; און דערמיט וועלן מיר אויך טון א חסד מיט זיך זעלבסט, מיט אונזער געוויסן און אמת לגבי אים, און אזוי ארום אָפּצאָלן דעם חוב, דעם קרעדיט וואָס ווערט געבוכט אויף זיין חשבון, און וואָס איז א באדייטנדער סיי לגבי דעם ציוניזם, ווי בכלל פאר אידישקייט.

ביי וועמען פון אונז, וואָס האָט זיך פאראינטערעסירט מיטן ציוניזם און בכלל אידישע פּראָבלעמען אינעם ערשטן צענדליק פון אונזער יאָרהונדערט, פון די וואָס האָבן געלייענט זשאַבאָטינסקיס ווערק און ארטיקלען, איבערהויפּט נאָך דאן, אין רוסיש, ביי וועמען רופט ער נישט ארויס דעם קלאַסישן „זכרתי לך חסד נעוריך"? איז דאָך דער גרעסטער טייל פון אלץ וואָס איז ארויס פון זיין פען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו אונזער אויפלעבונגס־באַוועגונג, צו ארץ ישראל און צו דער העברעאישער שפּראַך!

מיר, צ. ב., דעם שרייבער פון די שורות, איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון זיינער א פעליעטאָן „אָבמען קאָמפּלימענטאָוו", אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט סטאָליפּין (א ברודער פון רוסישן פּרעמיער־מיניסטער). מען האָט וועגן דעם פעליעטאָן גערעדט, דיסקוטירט, ווייל ער האָט ממש פארכישופט און באַגייסטערט די אידישע יוגנט, און אין א קור־

צער צייט דערנאָך האָט ער זיך אינגאנצן געווידמעט דעם אידישן פאָלק, וועמען ער האָט אָפּגעגעבן זיין טאלאנט, רעדנער־קראַפט און זיין רייכע פעדער — גאָטס מתנה. ער האָט אים אָפּגעגעבן אלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט: זיין גייסט און זיין פלאַם־פייערדיקן טעמפעראמענט, פון וועלכן ער איז אין פארלויף פון די יאָרן אליין פארברענט געוואָרן... ער האָט אָפּגעגעבן זיין פאָלק זיינע גרויסע עליות און אויך זיינע בלאָנדזשעניש און שטרויכלונגען, פון וועלכע ער איז נישט איינמאָל אליין געפאַלן א קרבן. מיר דאַרפן אים אָבער מוחל זיין, ווייל דאָס זיינען טעות׳ן בבחינה פון עבירות בשוגג. ער איז געווען א קרבן־עולה לד׳. אפילו אין זיינע שטרויכלונגען איז געווען א הייליקער פייער, פון דעם „אש־יה”. מיר מוזן האָבן איינזעעניש מיט אונזערע אלישע בן אבויה׳ס פון אלע צייטן, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע פערזענלעכקייטן און זייער פייער, איז נישט געווען קיין אש־זרה. די וועגן פון פאָרשן און זוכן זיינען דורכגעלייגט מיט א סך אבני־נגף און אונטערערדישע מינעס פון שטרויכלונגען און טעותים...

⁘ ⁘ ⁘

אינעם איצטיקן מאָמענט, ווען מיר שטייען פנים־אל־פנים מיט דעם פיינלעכן פארלוסט פון דער גרויסער פערזענלעכקייט וולאדימיר זשאבאָטינסקי, וואָס איז דורכגעפלויגן ווי א מעטאָר און פארשוואונדן פון אונזערע נאציאָנאַלע הימלען, וועלן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף די ליכטיקע שטראַלן, פארבייגייענדיק די שאָטנס וואָס עס לאָזן איבער נאָך זיך אפילו די ליכטיקסטע שטערן... מיר וועלן בכלל נית דיסקוטירן וועגן זיינע פאָליטישע וועגן און נית אונטערציען קיינע סך הכלס, וועלכע געהערן צום היסטאָרישן באלאנס, פאר וועלכן מיר זיינען נאָך ווייט נית אויפגעלייגט, איבערהויפּט איצט, אין דער הרת־עולם־צייט. עס דאַרף דערביי אויך גענומען ווערן אין אכט, אז אונזער בוכפירונג איז אבסאָלוט א באזונדערע און לחלוטין פארשיידן, מיט אנדערע רעדוקציעס און אָפּשאצונגען. מיר וועלן זיך ביי דער געלעגנהייט נאָר אָפּשטעלן אויף אייניקע היסטאָרישע עפּיזאָדן, אויף אזעלכע וואָס ברענגען אויפן בולטסטן אופן צום אויסדרוק זשאבאָטינסקיס פערזענלעכקייט, געוואגטקייט און מסירות־נפש, אומאָפּהענגיק פון זייער פאָליטישער און לאָגישער צוועקמעסיקייט: ערשטער עפּיזאָד — די פאָרמירונג פון אידישן לעגיאָן ביי דער פאָריקער מלחמה מיט זיין פערזענלעכער באטייליקונג און וואַרפן זיך אליין אין פייער. צווייטער עפּיזאָד: אין 1919, ווען ארץ ישראל האָט זיך געפונען אונטער א מיליטערישער פארוואלטונג אין איר

פּאָליטישער אטמאָספערע, האָט ער אויף זיין שטייגער דער ערשטער רעאגירט און געוואגט צו אָרגאניזירן א אידישע זעלבסט־שוץ קעגן די בלוטיקע אראַבישע איבערפאלן און איז פאראורטיילט געוואָרן דורך א פעלד־געריכט, אלס קאָנסעקווענץ פון ירושלים'ער פּאָגראָם, אויף פופצן יאָר פעסטונג.. דער ערשטער ווי דער צווייטער, — וואָס זיינען נאָר א טייל פון פיל אנדערע עפּיזאָדן — זיינען דאָ נישט קיין צופעליקייטן פון בלינדן גורל, נאָר א רעזולטאַט פון ווארפן זיך דירעקט אין פייער פאר אונזער נאַציאָנאלער זאך. ווי שוין געזאָגט, איז דאָ ניט וויכטיק צי די וועגן זיינען געווען גלייכע אָדער קרומע; א גראדע ליניע אָדער א זיג־זאג־מעסיקע; וויכטיק איז דאָ זיין גרייטקייט אויף קרבנות און קרבנות פון דער העכסטער קידוש־השם־קוואַליטעט, אזעלכע וואָס מוזן פאראייביקט ווערן אין אונזער געשיכטע און וועלן דינען אלס קאנווע פאר תפילות פון די שפּעטערדיקע דורות, פון דעם אב־הרחמים־טיפּ.

⁘ ⁘ ⁘

אויף וויפל עס איז אמת די באהויפּטונג פון „ווילסטו דעם דיכטער פארשטיין, מוזסטו אין דיכטערס לאנד גיין", איז עס נישט ווייניקער אָנווענדבאר אין באצוג צו וולאדימיר זשאבאָטינסקי. ער איז געווען א צופיל־קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט, פול מיט סתירות און פּאראדאָקסן אין זיין גאנצן וועזן און זיין. פון איין זייט, א וויזיאָנער מיט א ווייטן אָדלער־בליק, גלייך ער וואָלט פּאָרויסגעזען זאכן איבער די קעפּ פון דורות, עד סוף כל הדורות, און פון דער אנדערער זייט, בלינד, וואָס זעט נישט ווייטער פון דער אייגענער נאָז... ער האָט געוואָלט קוקן ווייט ווי אן אָדלער מיט א ווילנס־קראפט פון א לייב און מיט אן עקשנות פון ניט קענען גיין אויף צוריק, און ניט איינמאָל ניט דערזען די גריבער און נעצן נעבן דער נאָז... פלינק און געשיקט ווי א פוקס, א פּאָליטיקער און גרויסער דיפּלאָמאט, שארף און רעאליסטיש, און אין דער זעלבער צייט נאאיוו, דאָן קיכאָטיש, דיכטעריש, וויזיאָנעריש מיט פייער און אמונה...

איך וועל פּרואוון גיין אין „זשאבאָטינסקיס לאנד" און אפשר אזוי ארום דערגיין דעם סוד פון זיין קאָמפּליצירטקייט. כידוע, שטאמט ער פון אידיש־רוסישער דורך־און־דורך אסימילירטער פאמיליע, און אזעלכע איז אויך געווען זיין סביבה, וואו ער האָט פארקערט פון זיין פריעסטער קינדהייט; זיין דערציאונג אין די אָנפאנג־ און מיטל־שולן און אין דער העכערער שול, וואו ער האָט באקומען זיין בילדונג וואָס איז דערגאנגען צו אן אל־

זייטיקן וויסן. דער עיקר, האָט ער זיין גרויסן טאַלאַנט אין וואָרט און שריפט, די צוויי גרויסע מתנות בחסד עליון, באַקומען ווייט פון באַרג סיני און אויך ניִשט פון „נהר־כבר", נאָר פון „נהר־וואָלגאַ" און „נהר־דניעפּער"! און פון עכט־רוסישע ברייטע און ווייטע סטעפּעס. פון אירע קלאַסיקער, ליטעראַטן, קינסטלער און דענקער, פון אַט דעם אוצר הנשמות האָט זיך דערנערט זשאַבאָטינסקיס נשמה, וואָס איז מיט אַ צייט שפּעטער איבערגעגאָסן געוואָרן אינעם אידישן כור־עוני און עמק־הבכא, געשטעמפּלט מיטן חותם פון אלוקי־העברים. דערמיט דערקלערט זיך אפשר די קאָמפּליצירטקייט פון זיין ריזי־קער פּערזענלעכקייט אין וועלכער עס האָט געהערשט אַ דואַליזם, אַ התנגשות, אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי ברויזנדע כוחות, צווישן גוי און איד, און דער איד אין אים האָט גובר געווען.

⁂ ⁂ ⁂

אין דעם אויבנדערמאַנטן דואַליזם אין זשאַבאָטינסקין איז פאַראַן אי מעלה, אי אַ חסרון, וואָס זיינען אין אים פאַרבליבן ביזן סוף. די מעלה דריקט זיך אויס אין דעם ברויזנדן כוח, זיכערקייט און פעסטקייט מיט וועלכן ער איז אריבערגעגאַנגען צום ציוניזם און צו אידישקייט בכלל. דאָס איז געטון געווען מיט עקשנות און אָן צוויי־זייטיקייט. מיט וואָס פאַר אַ כוח און גע־וואַגטקייט ער האָט דאָס צעבראָכן זיינע געטער איינעם נאָכן אנדערן מיט זיינע שאַרפסטע כלי־זין פון וואָרט און שריפט! דער גויאישער ציוניזם פון געבוירענע גויים איז בכלל, דער שטאַרקסטער, דער אינטעגראַלסטער, פונקט ווי דער אהבת־ישראל פון גויים, וואָס דער תלמוד קלאַסיפיצירט אַלס חסידי אומות־העולם. זיי זיינען טאַקע די אמתע חסידים. דאָס איז די מעלה פון זשאַבאָטינסקיס ציוניזם. דער חסרון זיינער אָבער איז געווען אַן אומהייל־באַרער. זיין צוגאַנג צום ציוניזם איז געווען און איז פאַרבליבן אַ ניט־אידישער...

איך וועל זיך דערלויבן ארויסזאָגן דאָ אביסל אַ געוואַגטע השערה. מיר ווייסן ניט גענוי וועלכער איז געווען דער כוח־הדוחה וואָס האָט אים באַוויגן צום ציוניזם. פיליכט איז דאָס פּשוט געווען אַ געפיל פון יושר און לאָגיק פון אַן אָרנטלעכער נאַטור, וואָס איז צייטיק געוואָרן דורך די היץ־גראַדוסן פון זיין הייסן טעמפּעראַמענט. דאָס גויאישקייט אין אים, אין דעם דער־מאַנטן ציוניזם, איז אָבער אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון זיין אַנטוויקלונג און דערציאונג אין דער גויאישער אַטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט זיך געבאָדן און געשוואומען אין די מים־אדירים־ימים און ניט אין די אידישע

מי־השילוח און ירדן־וואסערן. דער דאָזיקער פונקט האָט זיך געלאָזט מערקן אין זיין דענקען, פילן און ריכט־ליניע; אין זיין ציוניזם און אין זיין ציר־ניסטישער פּאָליטיק. עס גייט אָן זייט דורות א קאָנפליקט „צווישן דעם נהיה ככל הגויים בית ישראל״ און „עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב״, — אויסלעבן זיך ווי אלע פעלקער, לויט זייער לעבנס־שטייגער, פיזישער כוח און אלע אטריבוטן פון שטאַטלעכקייט, ביי וועלכע דער צוועק הייליקט די מיטלען, אָדער לויט דעם אידיש־עטישן פּרינציפּ, אלס ספּעציעלע עטנישע איינהייט; ער, זשאַבאָטינסקי, האָט געדאווגט אין דעם אלטן סידור פון די צייטן פון די שופטים און עס איז שטארק פארשפּרייט די מיינונג, אז זיין ראָמאַן „שמשון הגבור״ אנטהאלט אין זיך דעם רוי־שטאָף פון רעוויזיאָניזם, וועלכן ער האָט פארקערפּערט אין א אידישער וועלט־אַנשויאונג צוזאמען מיטן „תמות נפשי עם פלישתים״...

מיר באַדויערן זיין דואליזם, וואָס האָט גורם געווען פיל שאָדן סיי אים, זשאַבאָטינסקין, אין וועלכן ער האָט געשאַפן ריסן און שפּאַלטן אין דער נשמה, און אויך אונזער באַוועגונג, וואָס האָט אין אים פארלוירן א פּאָזיטיוון כוח פון אומגעהויערער גרויס, וואָס לאָזט זיך גאָרניט אָפּשאַצן.

עס איז שוין אונזערע א לאַנגסטיקע נאַציאָנאַלע דראַמע, וואָס אונזער טעריטאָריע באַשטייט מער פון „ירושלים של מעלה״ ווי פון באָדן פון „ירושלים של מטה״, און דעריבער איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּלאַץ אין אונזערע דלד־אמות פון דער ווירקלעכקייט פאר עגאָצענטרישע, אָדער גע־ניאַלע פּערזענלעכקייטן ווי זשאַבאָטינסקי. ביי גרויסע און רייכע פעלקער, ביי זייער עקספּאַנסיע, וואָלט זיך אָפּגעזוכט אן אָרט פאר אזא עילוי׳שן וואונדער־קינד. אָבער אין אונזער ענגן — אין שטח — לעבן, איז צו ענג פאר עילוי׳שן אָבער קאַפּריזנעם, שטורמישן און באַוועגלעכן וואונדער־קינד זיך אויסצולעבן אין די דלד על דלד. דערפאַר זיינען מיר אָבער רייך אין גע־שיכטלעכן רוים, אלס עם־עולם, און דאָרט, אין דעם מרחב־יה, וועט אין פּאַנטעאָן פון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן אָנגעוויזן ווערן א זייער בכבודיק אָרט פאר אים.

מיר וועלן בויגן דעם קאָפּ פאר דעם מאָדערנעם יוחנן מגוש־חלב, וועלכער איז אויך בשעתו געגאַנגען קעגן שטראָם, געמאַכט טעות׳ן און פע־לערן, די געשיכטע האָט אָבער פארשטאַנען אים אָפּצושאַצן ווי געהעריק, אויב נישט לויט די מעשים, איז לויט די גוטע כוונות און אָפּפערוויליקייט, און, פאר דעם וואָס ער איז אליין פארברענט געוואָרן אין אייגענעם פייער פון זיין טעמפּעראַמענט און ליבע צום פאָלק.

ביאליק

חיים נחמן ביאליק איז אריינגעטראָטן אין די שנות זקנה, לויט דער אָפיציעלער באַצייכענונג פון די חכמי אבות: „בן ששים לזקנה".

עס איז שווער מושוה צו ווערן מיטן געדאַנק און עס פילט זיך טיף אין דער נשמה א צאַנקנדיקער אומעט און אפשר א שטילער פּראָטעסט — ווארשיינלעך גיכער אן אינסטינקטיווער, אן אָפּשטאַמונג פון דעם אונטער־באַוואוסטזיין — קעגן די אומפארמיידלעכע געזעצן פון עלטער, א בולטער עדות פון באַגרעניצטקייט אין דער מענטשלעכער דויערהאַפטיקייט.

און עס וואָלט זיך זייער און זייער ניט געוואָלט רעגיסטרירן דעם גייסטיקן ריז אין דער קאַטעגאָריע פון אַלטקייט. אָט דעם שעפער פון וועלטן נייע, און וואָס בויט איבער אַלטע, אָט דער וואָס בלאָזט אריין זיין גייסט, דעם אמתן ביאַליק־גייסט, אין דעם אַלטן חומר היולי פון נחל קדומים, אינעם אַלטן אידישן אוצר המחשבה און עס ווערט אנטשטאַנען חדוש מעשה־בראשית, אויף אים איז דען אויך חל „עלטער"?

חיים נחמן ביאַליק, וועמענס יצירות זייַנען פארבונדן מיט דער אייביקייט, דער תכלית פאַרזאָרגער „שלא השתכחה תורה מישראל" און וועלכע דרינגט אריין אין מסתרים, אין אַלע טיפענישן פון גאַנצן היקף פון אַלע דורות וואָס ישראל סבא האָט געשאַפן, כדי צו מציל זיין זיי פון די צייַנער פון פאַרניכטונג, ווערט שוין אַליין א „סבא"?

דאָס אידנטום פון דער גאַנצער וועלט, אַלע געזונטע טיילן פונעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, אַלע צווייַגן וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעריסן פון אַלטן שטאַם, פייַערן זיין זעכציק־יאָריקן יובילעאום, און ביי יעדן אויף די ליפּן ווערט פאַרגליווערט די שאלה: „שוין זעכציק יאָר"?!

דער דאָזיקער מרה שחורה־טראָפּן ווערט פאַרשוואונדן דורך א נחמה־שטראַל, וועלכער איז ווארשיינלעך דאָס קינד פון דעם אומבאַשטרייטבאַרן רצון פונעם אידנטום, און אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין א תפלת רבים פאַר

אריכת ימים דעם בעל היובל. אַנשליסנדיק זיך צו דער תפלה בצבור וויל איך נאָר צוגעבן מיין אינדיווידועלע בונה, אָדער ריכטיקער געזאָגט מיין פּערזענלעכע באַגרינדונג.

איך מיין צו באַגרינדן, אַז גרויסע גייסטער, קינסטלער וועלכע שאַפן פאַר דעם באחרית הימים, אומשטערבלעכקייט און פאַרן „נצח ישראל״ ווערן אליין א רעלאַטיווע נצחיות. און איבערגיסנדיק דעם באַגריף אין די גרעניצן פון מענטשלעכע מעגלעכקייטן און דויערהאַפטיקייט, באַקומט זיך דער עקיוואַלענט אין דעם סך־הכל: אריכות ימים. אין דער געשיכטע, סיי אין אונזערער ווי אין דער אוניווערסאַלער, ווערט באַשטעטיקט דער פאַל פון זייער טיפן עלטער ביי גבורי הרוח.

ארץ ישראל האָט פאַרוואַנדלט ביאַליקס געבורטסטאָג, עשרה בטבת, אין א נאַציאָנאַלן יום־טוב. זיי האָבן — מער אומיטלבאַרער ווי אַנדערע טיילן פון גלות־אידנטום — אים דערפילט, אלס דער מער לעבעדיקער נערוו פון דעם אידישן אָרגאַניזם און וועלכער איז, בדרך אגב, מער דירעקט פאַרבונדן מיט זיינע שאַפונגען און גייסטיקער השפעה, און וואו עס געפינען זיך א סך, דירעקטע און ניט דירעקטע, תלמידים זיינע.

מען האָט געוואוסט, אַז דער משורר וועט ניט בייזיין דעם יום־טוב, האָבנדיק די דערפאַרונג פון צען יאָר צוריק אין בערלין ביי דער פייערונג פון זיין פופציק יאָריקן יובילעאום. אָבער עפּאָכע־שאַפנדיקע פּאַסירונגען ווערן געשריבן פון זיך זעלבסט כמעט מעכאַניש, אַזוי ווי א פאַרבאָרגענע האַנט וואָלט זיי געצייכנט, ניט אָפּהענגיק פון הסכם און רצון פון זייער אָביעקט. זיי גייען ארוים פון רשות היחיד און גייען איבער אין באַזיץ פון רשות הרבים.

דער משורר איז בשעתו געווען ברוגז און האָט רעאַגירט דורך א שיר, אַן אמתע ביאַליק־דיכטונג: „שחה נפשי״ און ער זאָגט:

> שחה לעפר נפשי, תחת משא אהבתכם,
> לא משורר לא נביא, חוטב עצים אנכי
> שכיר יום קצר אני.

(מיין נשמה איז געפּרעסט אונטער דער משא פון אייער ליבע, איך בין ניט קיין משורר און ניט קיין נביא, איך בין א האָלץ־העקער, א פועל פון א קליינעם טאָג־לוין).

ער בעט זיך מען זאָל אים צורו לאָזן, ער וויל ניט זיין דער אָביעקט

פארן פוסטן קלונג, וועלכן עס גיט ארויס א פושקע וואָס אנטהאַלט איין קופּערנע מטבע ביים שאָקלען זי. (איסתרא בלגינה קיש־קיש קריא).

אים איז דערווידער דער טומל, געפּילדער, ער האָט נאָך פיל צו טאָן, דער טאָג איז אַזוי קליין און די ארבעט — אַזוי פיל.

לויט דער אידישער עמיק וואָס זאָגט: „ר צ ו נ ו ש ל א ד ם ז ה ו כ ב ו ד ו“, ווען מען וויל באערן א מענטשן מוז מען קומען אין פארשטענדעניש מיט זיין רצון, וואָלט געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק־פארערונג צום דיכטער — לאָזן אים צורו, באפרייען אים פון דער טומלעניש, וועלכע איז אים דערווידער. עס זיינען אָבער פאראן כחות וועלכע ווילן זיך ניט אונטערוואַרפן די ליבעראַלע און שטילע געזעצן פון עטיק, און דאָס איז דער רצון פון פאָלק, א סטיכישער כח, א ברויזנדער טייך, וועמען מען קאָן ניט אָפּשטעלן אין זיין גאַנג.

איך צווייפל אויב די אורזאַך פון ביאַליקס אומצופרידנקייט מיט די פייערונגען פון צוויי יובלים איז א רעזולטאַט פון עניוות, ווי פילע ווילן באהויפּטן. און בכלל בין איך מסופק אין דער עקזיסטענץ פון עניוות אלס א קלאָרער באַגריף. דאָס וואָס איז א יש, א פאַקט — איז גאוה. די תאווה צו שטעלן זיך איבער דער נאָענטער אָדער ווייטערער סביבה און יאָגעניש נאָך כבוד, די דאָזיקע מדה מגונה איז מערסטנטייל ווייט ביי מענטשן פון א גרויסן פארנעם; זיי זיינען אָבער אין דער זעלבער מאָס ווייט פון אוועקשטעלן זיך קליין. מענטשן פון ביאַליקס פארנעם, וועלכע שאַפן אליין גרויסע ווערטן קאָנען אָפּשאַצן אויך זייער אייגענעם ווערט, זיי ווילן אָבער ניט רעגטירט ווערן מיט כבוד. זייער לעבנס־אויפגאַבע איז לערנען אליין און לערנען דעם צווייטן, און דאָס שאַפן פאר דער אייביקייט איז פאר זיי א חובת הגוף — דערפאר קענען זיי אָרגאַניש ניט איבערטראָגן קיין איבעריקע דעמאָנסטראַציעס.

מען דאַרף צוגעבן, אַז איבערהויפּט איז דער שטריך פון פּובליציטעט אין א בולטן קאָנפליקט מיט ביאַליקס קינסטלערישער „בחסד־אלהים“ נאַטור, מיט א ראַפינירטן חוש פאר מאָס און מאַסשטאַב, וואָס קאָן ניט סובל זיין אָפּשאַצונגען, זייער אָפּט מיט צו געדיכטע שרייענדיקע פארבן, און מאַסשטאַבן אין דיספּראָפּאָרץ.

אַן אָפּהאַנדלונג און אָפּשאַצונג וועגן זיין עצם פּערזאָן, פון דעם גייס־טיקן ענק, אלס משורר קינסטלער און גרויסער מלומד, דאָס געהערט צו זיינע קאָלעגן וועלכע געפינען זיך אין דעם זעלבן אָדער נאָענטן מדור מיטן משורר,

מעגלעך אויך — צו זיינע נאָענטע תלמידים און סתם ליטעראַטור־קריטיקער. ער איז אָבער אַזא אילן גדול (גרויסער בוים), וועלכער נעמט אַרום מיט זיין שאָטן און קאָן שיצן נאָענטע און ווייטע און סתם פאַרבייגייענדע אורחים.

זיין היקף איז אַ ריזיק גרויסער. ער איז ניט נאָר אַ משורר, ער איז אויך אַן עסקן־צבורי, אין דעם העכסטן זין פון וואָרט. זיין עסקנות איז אין נאָענטער שייכות מיט זיין דיכטונג און עס ווערן מטושטש די גרעניצן און זייער אָפט ווערן זיי אָפגעווישט אין גאַנצן און טרעטן קעגנזייטיק אַריבער איינער אין דעם צווייטנס גבול.

פון זיין ריין קולטורעלער עסקנות, וואָס באַשטייט פון זיינע ילקוטים, דאָס מסדר זיין די אגדות, משניות, ספורי המקרא הערט זיך דער ריטם פון עתיד און נצחיות. זיינע שירים אין וועלכע עס האָבן זיך פאַראייניקט סיי פראַכט און גלאַנץ אין פאָרם, מיט ניט ווייניקער כח, עכט נביאישער מוט, אמת, ווייטזעענדיקייט און פאַטאָס, זיינען אַ זעלטענע האַרמאָניע, אַ זיווג: שיינקייט מיט גבורה, „הוד שבנצח״ מיט „הוד שבגבורה״.

אייניקע פון זיינע „שירי זעם״ ווי: „בעיר ההרגה״, „מתי מדבר״, „מגלת האש״, „על השחיטה״, „אכן גם זה מוסר אלהים״, „חוזה, לך ברח״! און אויך אייניקע פון זיינע לירישע שירים: „הכניסיני תחת כנפיך״, „וואָס ישאלך המלאך״, „לפני ארון הספרים״ און „אחרי מותי״ וועלן פאַראייביקט ווערן ביים אידישן פאָלק, ניט ווייניקער ווי שירי האָמערוס ביי דער גרויסער אוניווערסאַלער וועלט.

זיינען דען ניט די אויבנגעזאָגטע שירים און פיל פון זיינע „שירי־עם״, „שירי התחיה״ אָדער „שירי לאום״ דער בולטסטער אויסדרוק פון זיין וועלט־אָנשויאונג און דירעקטע באַציאונג צום אידישן פאָלק, צום אידנטום און צו אונזער עתיד און מיסיע אין דער וועלט? איז דען ניט דאָס אַלץ צוזאַמענ־גענומען, ריינע עסקנות פון נביאישן מאַסשטאַב, פון אַ דורכנעמען זיך מיט דער אידישערווירקלעכקייט, ליידן און פיין, איבערגעלעבטע און דורכגעפיבערטע, נאָר געקומענע צום אויסדרוק פון אַ משורר אַ קינסטלער, דורך געטלעכע קלאַנגען און ריטם וועלכע דרינגען דורך דעם חלל העולם?

כמעט אין אַלע צייטן, נאָך פון קדמונים אָן, עקזיסטירט אַ באַזונדער פרייער רעזשים אין דעם „היכל היצירה״ פאַר פּאָעטן און קינסטלער; אַבסאָ־לוטע פרייהייט און זאָרגלאָזיקייט, אַן אַטמאָספערע פריי פון פליכטן און התחייבותן צו דער געזעלשאַפט, כדי ניט צו בינדן די פליגלען פון די בני־אלהים, די קינסטלער, זאָלן זיי פליען אין די אַטמאָספערן פון זייערע באַ־

גערן און אפילו פון זייערע קאפריזן. אזא פרייע קאנסטיטוציע אין דעם קעניגרייך פון פארנאס, האט אויסגעבילדעט באזונדערע אייגנשאפטן אין אירע בירגער, צו פליען שטענדיק העכער איבערן לעבן, נים באריר̈ן מיט די פיס דעם ערד־באדן, פונקט ווי זיי וואלטן מורא געהאט, אז עס זאלן זיך נים אנקלעפן אין זייערע פליגלען דער שטויב פון דער ערד. זייער שטראף איז געווען דאס זיי האבן פארלארן דעם קאנטאקט און ווירקונג אין לעבן, זיי האבן נאר באשיינט, געווען די דעקאראטארן פון לעבן אבער — חוץ אויסנאמען — נים די בויער פון לעבן.

אין א געוויסער מאס איז אן אויסנאם מיט אונזערע אידישע דיכטער, קינדער פון נויט, וועלכע קומען פון עמק הבכא און זייער מוזע אויסגעשמידט אין כור העוני, די דאזיקע אויסדערוויילטע זין פון גייסט פלעגן די ערשטע דערפילן דעם צער האומה, ווען די סטרונעס פון זייער הארפע פלעגט קומען אין באריר̈ונג מיט די נארדלעכע, שטורעמדיקע ווינטן.

די גרויסע דיכטער, דענקער און פילאזאפן: ר׳ שלמה אבן גבירול, ר׳ אברהם אבן עזרא און ר׳ יהודה הלוי וועלכע, בדרך אגב, איינקע בר סמכא׳ס, אויטאריטעטן האבן פארגליכן ביאליקן צו זיי — צו אבן גבירול און יהודה הלוי — עס איז נאטירלעך נים ווײכטיק די עקזאקטקייט, איבערהויפט פאר די, וועלכע באהערשן נים און זיינען נים געוואוינט צו באנוצן דימענזיע־מכשירים, דאס קען אבער פארט דינען אלס באגריף און השגה. די אויבנדערמאנטע גאונים פון יענער גאלדענער עפאכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ליבע צו זייער פאלק, וואס דריקט זיך אויס אין זייערע שירי־ציון און פיוטים, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיטן צער־האומה, פראטעסט־עפיטעטן קעגן אדם און יון; אבער זיי זיינען דאך פארבליבן מן הצד פון דעם אידישן לעבן. זיי זיינען געווען אינדיווידואליסטן און גייסטיקע אריסטאקראטן און האבן זיך פארטיפט אין פילאזאפישע שיטות און וויסנשאפט. ר׳ יהודה הלוי, זיינע „שירי ציון" און וואנדערן קיין ארץ ישראל אין דער עלטער פון איבער 70 יאר, וועט בלייבן אן אייביקער מאנומענט פאר גייסטיקער דערהויבנקייט, ראמאנטישקייט, און האט געדינט פאר א באוואסערונג פון אזא באדן אויף וועלכן עס האט זיך צעבליט די לעגענדע וועגן זיין טויט.

חיים נחמן ביאליק איז א יחיד במינו, אן עסקן־משורר! אזעלכע דערשיינונגען האבן נאר פאסירט בזמן הנביאים און טיילווייז איז עס אויך געווען ר׳ שמואל הנגיד. זיינע שירים אטעמען מיט לעבנס־ריטמען, אפילו די אבסטראקטע בילדער זיינע, ווי „מגלת האש" זיינען פול מיט אקטואליטעט,

אָנװייזונגס־סימבאָלן אויף אַנטשלאָסנקייט, גבורה, מסירת נפש צוליב ליבע — א רמז צו אונזער יוגנט.

אין זיינע שירי זעם, איבערהויפּט אין „בעיר ההרגה״ האָט ער אױועק־געלייגט דעם יסוד פאר דעם שפּעטערדיקן אנטשטייענדיקן חלוציאַניזם. צו־זאמען מיט דער שפלות פון גלות, עקלהאפּטיקייט פון די רוצחים, שטעלט ער אװעק אין קרומען שפּיגל די פּחדנות פון דור, זיין אָפּגעלאָזנקייט, דעם מאנגל אין שטאָלץ און נאַציאָנאַלער זעלבסט־װירדע און דאָס פארלאָרנקייט, דאָס ניט רעאגירן פארן אייגענעם כבוד און ניט נעמען דעם אייגענעם גורל אין האנט.

„על השחיטה״ איז דער גרעסטער פּראָטעסט קעגן דער גויאישער װעלט, קעגן די אכזריות פון די פעלקער און קעגן דער גייסטיקער ירידה, א צווייטע אויפלאגע פון דעם „שפוך חמתך על הגויים״, דער זעלבער צאָרן־אויסגוס און פאראכטונג, נאָר מער אקטועלער און מאָדערנער, לאקאָניש און דאָך בילדלעך קלאָר. ער אפּעלירט דורך דער פארמיטלונג פון די הימלען צו דער העכסטער אינסטאנץ: „שמים בקשו רחמים עלי!״, ער גיט זיי איבער זיין פארטיידיקונג. ער אליין קאָן ניט מער, ער איז אויסגעשעפּט, עס איז שוין ניטאָ מער קיין תפלה אויף זיינע ליפּן „אני — לבי מת, ואין תפלה בשפתי״, ער שיקט אן אולטימאטום דעם העכסטן געריכט און דער משפּט צדק זאָל קומען וואָס שנעלער, און אויב ער וועט זיך פארשפּעטיקן, טאָ זאָל אומקומען דער כסא המשפט און צוזאמען מיט דעם זאָלן די הימלען צערינען, און צו דער רשעותדיקער וועלט, זאָגט ער מיט דער גרעסטער מדרגה פון פאראכטונג, אז זי זאָל גיין מיט איר שלעכטן בלוטיקן וועג, מען פארגינט איר די גליקן. און ער זאָגט, פארפלוכט זאָל ווערן דער, וואָס רופט צו נקמה. דער געוויינלעכער באגריף פון נקמה איז צו בלייך, א צו „באָנצע־שוויג״נדיקער אום צו קאָנען אויסדריקן אזא נקמה ווי עס פארדינט א קינדער־מאָרד (קישינעווער פּאָגראָם) און אפילו דער שטן איז נים בכח צו דערפינדן אזא פארדינטע שטראָף.

און דאָ קומט דעם משורדים קללה: אונזער פארגאָסענע בלוט זאָל עגבערן, דורכדרינגען ביז די פינסטערסטע תהומות און זאָל זיך דערגראָבן און זאָל אויפפרעסן די יסודות פון דער ערד.

אין זיינע „שירי לאום״ איז א דירעקטער אדרעס קיין ארץ ישראל, נאָר עלעגאנט־קינסטלעריש אָן פּראָפּאגאנדע־טענער. אין זיינע „שירי־עם״ אנטפּלעקט ער זיך מים זיין גאנצער פאָלקסטימלעכקייט און ליבע צום פאָלק

און צו אלץ וואָס איז נאַציאָנאַל־אידיש. ער איז דאָרטן שטיפעריש־פאָלקלאָר־ריממיש.

אין זיין גאַנצער קאָלעקציע פון שירים געפינט איר אים נים פּערזענ־לעך, זיין איינגענער איך ווערט אויסגעמישט מיט דעם פאָלקס־צער אָדער שמחות. אויסער אפשר אין „המתמיד", אָבער דאָס אויך אומדירעקט, נים מעשה „בן יחיד" פּיעשטשענדיק זיך. מען גיט זיך אָפּ רעכענונג, אז דאָס איז גענומען פון דעם פּאָעטס יונגסטער סביבה. עס זיינען פאַראַן נאָך א פּאָר שירים, וואָס דער משורר ווייזט זיך פאר אונז, אויף אן אומדירעקטן אופן, מיטן פּראָפיל און מיר האָבן דערוויל די געלעגנהייט אָפּצושאַצן זיין מהות, דעם שווערפּונקט, דעם אוצר המחשבות, די קאָנצענטראַציע און דעם מקור פון זיין שאַפן און בענקען. און דאָס זיינען: „אם יש את נפשך לדעת", „רזי לילה" און „על לבבכם השמם", דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דעם משוררס שטאַנד־פּונקט אין אידישע וועלט־אָנשויאונג, אז דער קיום היהדות איז ביי אים נאָר די „בתי שם ועבר", יבנה און די שפּעטערדיקע צענטרען ביז וואָלאָזשין און אז נאָר דאָרטן האָט זיך אויסגעשמידט די אידישע נשמה.

מען קאָן בקיצור רעזומירן, אז ביאַליקס דיכטערישע שאַפונג איז א גאַנצע מעריע פון עסקנות, רעאַגירן און עצות געבן. און טראָץ דער וואַגיקייט און שטאַרקייט פון זיין וואָרט, דערפילט מען גלייך זיין פריינטשאַפט, נאָענטקייט און ווייכקייט פון א קרוב, נים ווי פון א שטראָלנדיקן גאָט, אראָפּגעקוקט פון אויבן, פון די הימלישע הויכענישן, נייערט אלס איינער פון דער משפחה, וועלכער לעבט איבער און ווייטאָגט צוגלייך מיט אלעמען, וואָס איז אליין פון פאָלק און גייט מיטן פאָלק.

שוין בערך א פּאָר צענדליק יאָר, וואָס ביאַליק פאַרנעמט זיך פשוט מיט אן ארכעאָלאָגישער שווארצער ארבעט. ער גראָבט זיך אין אלטווארג, אין „קדמוניות ישראל" און אין אלץ וואָס דער אידישער גייסט האָט גע־שאַפן, ער זיפּט דאָס איבער, קלאַסיפיצירט, פּולירט און פיילט צו, גיט צו א גלאַנץ די אלטע ווערק, קלויבט אויס די אבנים טובות און מרגליות: דאָס זיינען די אגדות, זיין פּירוש אויף משניות און ספורי המקרא, טראָגט אריין אין זיי פשטות מיט חריפות, צוויי אייגנשאַפטן וועלכע קאָנען זייער זעלטן זיך איינלעבן צוזאמען. אין ביאַליקס מוח לעבן זיי בשלום.

ביי די אומות העולם ווערט אזא שטיקל ארבעט אונטערגענומען פון א גאַנצער פּלעיאַדע פון אקאַדעמיקער, וויסנשאַפטס־לייט און געלערנטע. ביי אונז טוט ביאַליק אליין די דאָזיקע פונקציע, בינתים פאַרט ער צו קאָנ־

גרעסן, בייזערט זיך שטארק ווען מען דארף, איז נישט נושא פנים קיינעם. ווען דאָס פארגעניגן וואָלט אונז נישט געקאָסט צו טייער, וואָלטן מיר גע־וואונטשן אָפטע צופאלן אזעלכע, כדי מיר זאָלן רייכער ווערן מיט שירים פון דעם מין ווי: „ראיתיכם שוב בקצר ידכם".

ביאליק האָט שוין געפרואווט זיך באשעפטיקן מיט די שווארצסטע ארבעט, וואָס עס קאָן געבן פאר א פאָעט. ער איז געפאָרן קיין נאָרד־אמע־ריקע, צו העלפן זאמלען פארן קרן היסוד. פאר א דיכטער איז אזא שטיקל ארבעט דאָס זעלבע ווי פארקאטשען די ארבל און שיילן קארטאָפל. ווען מען דארף — העלפט נישט קיין שום זאך, מען טוט.

צו די שאפונגען פון אונזער חתן היובל, סיי די דיכטערישע און סיי אויפן געביט פון אונזער אלטער קולטור־ליטעראטור, ד. ה. זיינע תורות שבכתב קען מען נאָך צוגעבן זיינע תורות שבעל פה: רעדעס, קאָנפערענצן אויף פארשיידענע טעמעס פון חכמת ישראל און אלטע ליטעראטור, וועלכע זיינען, אן און פאר זיך, א באזונדער קולטור־וועלט.

אויף צו שאפן א באגריף וועגן זיי, מוזן מיר זיך באנוגענען מיט די צופעליק דערגרייכטע אהער אויסצוגן.

אלע אלטע קאָנצעפטן, וועלכע האָבן שוין אין פלוג אָפגעלעבט זייערע יאָרן, איז אָבער גענוג ווען ביאליק נעמט זיך צו זיי, אנטבלויזט זיי פון זייער קבלה׳שן מסתרים שלייער, שיילט זיי אויס פון דער שאָלעכץ פון אל־טערטימלעכקייט, און זיי גייען דורך ביאליקס מח־לאבאָראטאָריע, אז זיי זאָלן באקומען אן אויסזען פון שיינע גלענצנדיקע אינהאלטסרייכע געדאנקען. קבלה׳איסטישע מונחים און פאָרמולעס ווערן ביי אים פארוואנדלט אין מאָ־דערן וויסנשאפטלעכע טערמינען.

רבנו, ר׳ חיים נחמן ביאליק! עיני כל ישראל נשואות אליך!

י. ל. ווילענסקי ניטאָ מער

דער טויט האָט לעצטנס ארויסגעריסן ביי אונז נאָך איינעם פון די ערשטע אוואנגארד־פּאָסטנס, איינעם פון אונזערע וויכטיקע קעמפער אויפן פעלד פון אונזער נאציאָנאלער אויפלעבונג, דר. יהודה ליב ווילענסקי ע"ה.

ר׳ י. ל. ווילענסקי איז שוין געווען פארעכנט אין דער לעצטער צייט אלס איינער פון דעם לעצטן האלבן צענדליק איבערגעבליבענע פון דער אלטער גווארדיע, פון די הרצליאנער, וואָס זיינען געוואָרן הרצלס תלמידים און יורשים, אבער וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט געלעבט און אקטואירט אינעם ציוניזם נאָך איידער הרצל איז דערשינען און זיך אנטפּלעקט אויף די ציוניסטישע הימלען; איינער פון די געציילטע וואָס האָבן פארמאָגט חוץ דער רייכער ירושה, אויך אייגענע פארמעגנס פון די אלטע גיטער, פון די נכסי צאן ברזל פון קדמונים אָן, אוצרות פון דער אידישער מחשבה און משיחות־אינספּיראציעס לעתיד לבוא.

דער היזק איז א סך גרעסער ווי מען קען זיך אויבערפלעכלעך פאָר־שטעלן, מיט די ווילענסקיס האקט זיך אָפּ און אזוי ווי עס גייט עפּעס אוועק אין דער אייביקייט, א גאנצע וועלט, א וועלט מיט א ריזיקן דור, וואָס זיינען איינס נאָך איינס אוועק און לאָזן איבער נאָך זיך א חלל, א פּוסטן פּלאץ, מיר טאָרן, נאטירלעך, נישט ארייננפאלן אין יאוש. ארץ ישראל וועט זיך בויען און אפשר אין א סך א ברייטערן שוואונג, ווי מיר האָבן דאָס דער־ווארט. דאָ רעדט זיך אָבער ניט וועגן די כחות אין מאַסשטאב, ניט וועגן דער פּעריפעריע אין אירע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע גרעניצן, נייערט וועגן ירושלים של מעלה, דעם קריסטאל־ריינעם ציוניזם אינעם גייסט פון די ציו־ניסטישע פּוריטאנער, צו וועלכע עס האָט געהערט ווילענסקי, די אלטע קאָנגרעסלייט פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן בימי הרצל און נאָרדוי. די וואָס זיינען געשטאנען במעמד הר סיני הציוני אין די ערשטע באזעלער קאָנגרעסן, דאָס זיינען געווען די שומרי החומות, די היטער פון די אידישע

פעסטונגען, די קאמענדאנטן און פארוואלטער פונעם גייסטיקן רכוש, און זיי פעלן שוין און זיי וועלן נאך מער פעלן אויף ווייטער.

ווילענסקי איז געווען איינער פון זיי — איינער פון די אינטערעסאנט־סטע פערזענלעכקייטן פון דער אויפלעבונגס־תקופה. מיט זייער א פילפא־כיקער און פילפארביקער טעטיקייט סיי אויפן געביט פונעם ציוניזם, ווי אויפן געזעלשאפטלעכן געביט אלס אן עסקן צבורי פון א ברייטן פארנעם, א מנהיג און גייסטיקער פירער און לערער — זיין אקטואציע אין ניקאָ־לאיעוו, און שפעטער אין מינסק אלס ראבינער, זיין השפעה אין אלע קרייזן, זיין אָפענער קאמף כלפי פנים מיט אונזער אסימילאציע, כלפי חוץ מיט דער צאריסטישער ציון־פרעסערישער קליקע — ניט איין מאָל געווען ארעס־טירט און אויך ארויסגעשיקט דורך די העכערע באהערדן־פאראָרדנונגען, און אומעטום ביי אלע געלעגנהייטן, שטענדיק אָפן, שטאָלץ און קעמפער־ריש — זיך געשטעלט פנים אל פנים צו די אַנגרייפער און זייער אָפט אָפ־געשלאָגן דעם שונא מיטן כח פון זיין פעסטע איבערצייגונג און אמונה.

זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אימפּאָנירט, טראָצדעם וואָס ער איז געווען ניט הויכוויקסיק, האָט ער באזעסן אן אומגעהויערן כח אין זיין אָדלער־בליק, שארפע, קריסטאל־ריינע אויגן, דורכדרינגענדיק ביז די טיפע־נישן פון דער נשמה; — א מזיגה פון שטרענגקייט און גוטסקייט, באפעלע־רישקייט, מיט זיידן־ווייכקייט פון צארטן גלעטן, א שיינע הארמאָניע פון סתירות, וואָס בילדן דאך צוזאמען איין גרויסע אויסטערלישע גאנצקייט. בטבע א גוטער, א הארציק נשמה׳דיקער מענטש; א איד א פקח מיט א שכל הישר, אן אָפענע נאטור און א זעלטענער פשטן, א פאָלקס־מענטש און דער־מאָקראט אינעם אמתן אידישן זין. א זייער ליבעראלער און פּראָגרעסיווער מענטש, סיי אין זיינע וועלט־אַנשויאונגען, ווי אין דעם ציוניזם.

ער איז געווען דער שטענדיקער קריגער און קעמפער פאר א בעסערן און ריינערן ציוניזם, וואָס איז אן און פאר זיך געווען גאָר א לייזונג פון יהדות. דאָס לעצטע איז ביי אים געווען דער עיקר, דאָס ערשטע א טפל, מיטל און א תקון. ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין קאמף אינעם ציוניזם, נישט שטעלנדיק זיך צווישן די ערשטע רייען.

אָנהויבנדיק סיי פון דער „אוגאנדא״ און „קולטור״, איז ער געווען פון די גרינדער פון דער פּראָגרעסיווער גרופּע צוזאמען, להבדיל בין החיים והמתים, מיט ווייצמאנען. ער האָט שפעטער געקעמפט, ווי א לייב קעגן דער

איידזשענסי, ביים לעצטן קאמף זיינען מיר דאָ געווען עדות אינעם 27־טן יאָר, דאָס איז געווען אין רעכטן ברען, אין צענטער פונעם קאמף.

דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן פון דער שיינער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אזוי אכזריות׳דיק ארויסגעריסן געוואָרן פון אונזער מיט נאָך אין בערך ניט טיפן עלטער, אין מיטן אקטואציע. 65 יאָר ביי אזא דינאמישער נאַטור ווי דער זעלטענער נפטר איז געווען, וואָס די עלטער ביי אים האָט נאָר מאַרקירט זיין ווייסער קאָפּ — אָבער וואָס איז געווען אין קעגנזאץ מיט זיינע יונגע אויגן, גייסט און מוט, הייסט דאָס נאָר געריבט און סעקוועס־טרירט אין מיטן העלן טאָג.

אין די פריערדיקע שורות, אין מיינע אָפּשאַצונגען וועגן דער פּילזייי־טיקער באַדייטונג פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס מיר האָבן ערשט פאַרלאָרן אין דער פּערזאָן פון דר. ווילענסקי דורך זיין פּריצייטיקן טויט, האָב איך אַלץ גענומען אין אכט די קאָלעקטיווע מאָמענטן. ווילענסקי דער שעפער, בויער און קעמפּער, פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין קאמף מיטן גאנצן ברען פון זייערע ליידנשאַפטלעכע, ראָמאַנטישע נשמות, און האָבן זיך איבערגעגעבן אין גאנצן אָן תנאים, אינטעגראַל, האָט דורכגעלעבט דעם גאנצן פּראָצעס פון דעם ציוניסטישן הוה, זיין מעשה בראשית, די חבלי לידה און געבורט־קאָנוואולסן. ער איז געשטאַנען אין די ערשטע רייען און האָט געקעמפט פאַר דער דערוואַרבונג פון די פּאָזיציעס, וואָס מיר פאַרמאָגן היינט צו טאָג. פּאָזיציעס עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע. — באַ־זונדערס וויל איך דאָ צוגעבן, אז ער האָט א סך געקעמפט פאַר א שענערן און גייסטיקן וואוקס פונעם ציוניזם — דערפירן און דערהויבן אים צו די העכערע שטאַפּלען פון עליה און חשיבות אין גייסט פון אחד־העמיזם.

דעריבער איז צו מערקן, אזוי ווי דורכגעפירט מיט א רויטן שנור, זיין גאנצע אקטואציע אלס עסקן און געזעלשאַפטלעכער פירער פון א גרויסן פאַרנעם, ווען ער איז געווען א ראַבינער און מנהיג אין ניקאָלאַיעוו און מינסק — און וואָס אין דער רעאַליטעט האָט זיין ווירקונגס־קרייז ווייט, ווייט איבערגעשטיגן די אָנגעצייכנטע גרעניצן — האָט זיך אומעטום גע־מערקט, אז די צענטראַלע ליניע איז געווען אחד־העם׳ס פּראָגראַם: הכשרת העם, — די אויסבעסערונג און גייסטיקע דערהויבונג פונעם פאָלק און עס איז נישט געווען קיין איין ליידיקער ווינקעלע און שפּאַרונע, וואו עס זאָל ניט אריינדרינגען דער ענד־ציל, דער סוף מעשה במחשבה תחילה, וואָס דאָס איז געווען דער ציוניזם און ארץ ישראל.

איצט וויל איך ניט נאָר אויסשיילן ווילענסקין אלס וויכטיקער מיטגליד פון דער אלטער גווארדיע — א ציוני ותיק. א רינג, וואָס שליסט זיך אריין אין דער לאנגער קייט פון כלל — און פון דער גאולה. נאָר ווילענסקי אלס יחיד, וואָס האָט אקטואירט אין אונזער מיט דאָ אין ארגענטינע, אייניקע מאָל. ער האָט דאָ אקטואירט אלס שליח פון קרן היסוד. איך וויל דאָ אָנ־מערקן און אָנווייזן גראד אויף ווילענסקי, ניט אין זיינע בגדי השרד, פון זיין אָפיציעלער מיסיע, מיט וועלכער בדרך אגב ער האָט נישט איבעריקס פאמיליאר זיך איינגעלעבט. נאָר ווילענסקי דער פרייער מענטש, הארציקער איד, חבר, פקח, אָפענע נאטור, וויצלער, אינטערעסאנטער שמועסער, זעל־טענער דערציילער, מיט געשמאק און תבלין, און וואָס פאר א רייכער באַ־גאזש פון אינטערעסאנטע זכרונות און פערזענלעכע איבערלעבונגען, וועלכע זיינען פארבונדן מיט זיין שטענדיקן קאמף אין די אינטערעסן פון די קהלות, וועמען ער האָט געדינט!

אין אונזער ישוב דאָ אין לאנד איז ניטאָ קיין איין נקודה, וואו ער איז דורכגעפאָרן, וואָס זאָלן ניט דערמאנען מיט ליבע און בענקשאפט און בעסערע דערמאָנערונגען וועגן איבערגעלעבטע אנגענעמע מאָמענטן, אין זיין אנוועזנהייט. באזונדערס קען דאָס דערציילן מעדאנאָס, וועגן אן אומפאר־געסלעכן אָוונט אין קלוב „אחד העם”, און זיינעם א רעפעראַט וועגן אחד העם, מיט טרערן אין די אויגן און דורכגעדרונגען מיט באגייסטערונג און יראת הרוממות צו זיין רבין.

איך האלט דאָס פאר א באזונדערער זכיה, וואָס איך האָב געהאט די געלעגנהייט צו קענען אים נאָענט. איך האָב אים שטענדיק באגלייט ביי זיין ארבעט פון קרן היסוד. מיר האָבן איין מאָל צוזאמען דורכגעמאכט א טור, וואָס האָט געדויערט 15 טעג. מיר האָבן געלעבט צוזאמען אומצושיידבאר און דאָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו קענען אים פון דער נאָענט, אפשר געניי און גרינטלעך, — און איך האָב ארויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אז ער איז געווען מבני העליה, איינער פון די זעלטענע אידישע פערזענ־לעכקייטן, א קאָלעקציע פון העכערע מעלות, אידישע חשיבות און ווארשיינ־לעך א צווייג פון א בעסערן שטאם פון מעשי אבות ירשו בנים.

צווישן די בלומען אויפן פרישן קבר זאָל פארעכנט ווערן מיינע זכרונות, וואָס איך האָב אויסגעדריקט און נאָך מער די, וואָס איך האָב ניט דערזאָגט. ינעמו לו רגבי עפרו!

ראובן ברײנין

לויט א טעלעגראפישער מעלדונג פון ניו־יאָרק האָט ראובן ברײנין, פאַרענדיקט זײנע לעצטע ערדישע חשבונות מיט דער װעלט, און אויפגעהערט עקזיסטירן אין דער עלטער פון 77 יאָר.

דאָס איז באמת א סאָלידע עלטער, װאָס געפינט זיך שוין אויפן שװעל פון שנות גבורה און װערט, לויט א ביבלישער דעפיניציע, קװאליפיצירט מיט די װערטער „זאָט אין יאָרן“, זאַט, רעלאַטיװ, אין דער צאָל, אָבער זאַט, פילײכט איבערגעזעטיקט װי מיט אן איבעריקן ביסן װאָס ברענגט שאָדן און װערט שלעכט פאַרדײעט; איבערגעזעטיקט מיט טעג, מיט „ימים שאין בהם חפץ“, טעג און יאָרן אָן זין און צװעק, פילנדיק זיך עלנט און פאַרלאָזט פון פרײנט, פאַרערער און תלמידים, טעג און יאָרן פון לעבן אין אן אַטמאָספערע פון קאַלטקײט און נידערשאַצונג, װאָס גרעניצט זיך מיטן תהום פון פאַרגעסנקײט, א זאַך װאָס רעכנט זיך פאַרן גרעסטן עונש און גהינום פאַר פערזענלעכקײטן פון דעם קאַליבער װי עס איז געװען ראובן ברײנין...

דאָס לעצטע איז דער באַלאַנס און אונטערצי פון ברײנינס לעצטע צען לעבנס־יאָרן, װאָס האָבן פאַרשלונגען די פיל צענדליקער יאָרן פון גלאָררײכער אקטואַציע און שפע פון שאַפונג אויפן געביט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, פון װעלכער ער איז געװען אײנער פון די אַרכיטעקטאָרס און אויפבויער, און דערצו א קעמפער פאַר דעם רענעסאַנס פון אידישן נאַציאָנאַלן גײסט, שפּראַך און לאַנד.

מיר װעלן פּרואװן אָפּװענדן אונזערע בליקן פון די געמאַרקן פון דער טאָג־טעגלעכקײט מיט זײערע טומלערײען און קלײנע חשבונות פון פּערזענלעכע פּניות און מיספאַרשטענדענישן, און זיי װענדן צו די ברײטע האָריזאָנטן פון שאַפונגען פון אײביקע װערטן און גײסטיקע קנינים אין דער װעלט פון אידײען און פּרינציפּן, אין דער שײן פון געשיכטע װאָס איז א שופט־צדק און טוט קײנעם ניט קײן עװלות. און דאַן װעט דער פאַרשטאָרבענער ברײנין פאַר אונז דערשײנען אין דער געהעריקער גרויס און פאַרנעמען זײן

פאַרדינטן אָרט אין דעם פּאַנטעאָן פון די באַרייטנדיקע אידישע פיגורן פון גרויסע שעפער, קעמפער און בויער.

:: :: ::

בריינינס אַקטואַציע פאַנגט זיך אָן אין די 90־ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער איז געוועזן דער נאָכפאָלגער פון פרץ סמאָלענסקין, סיי אין דער פּערפעקציאָנירונג פון דער העברעאישער שפּראַך, אלס איינער פון די בעסטע סטיליסטן און סיי אין דער ליטעראַרישער פאָרם, געבנדיק איר אַן אינהאַלט און גלאַנץ ווי אין די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. ער האָט געהאָלפן אייראָפּעאיזירן די העברעאישע ליטעראַטור, לויטן דעמאָלסטיקן אָנגענומענעם באַגריף פון „עפּענען איר א פענצטער קיין אייראָפּע".

בריינין איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון צוויי עפּאָכעס: ביי דער שקיעה פון דער השכלה־עפּאָכע, וואָס האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרוואַרפן די אַלטע אַסימילאַציע־תּרפים און אָפּגעטער פון רוסיפיקאַציע, און ביי דער נייער וואָס איז אונטערגעקומען און וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט דורך די השכלה־ברילן — אָבער שוין מיט נייע ווינטן און נייע שטרעבונגען. עס האָבן אַרויסגעשטראַלט די שעמערירונגען פון דער תקופת־התחיה, פון דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס. ער, בריינין, איז דאַן געוועזן אין יאָרן פיליכט דער אינגסטער פון די גבורי־האומה; פון די אָנזאָגער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין דער ריכטונג פון שיבת־ציון; פון די ערשטע פּיאָנערן פון די חובבי־ציון.

און זייט יענעם בין־השמשות פון ענדע פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט ער גאַנצע פופציק יאָר געשטעלט זיין רייכע פעדער, קולטור און טאַלאַנט פאַר דער באַרייכערונג פון אידישע קולטור־אוצרות, שאַפנדיק אויף אַלע געביטן און זשאַנרן און אויףביידע שפּראַכן (אין גרעסטן טייל אין העברעאיש, אָבער אויך ניט ווייניק, — איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן, — אין אידיש).

זיין פעדער איז געוועזן פון די פּרוכטבאַרסטע. בקיאים אין זיין שאַפונג שאַצן, אז זיינע אַלע שריפטן צוזאַמענגענומען: עסייען, מאָנאָגראַפיעס, ביאָגראַפישע ווערק, פּאָרטרעטן און בעסערע צייטונגס־אַרטיקלען, וועלן פאַרנעמען ביז פינף און דרייסיק בענדער.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און לויטערקייט פון סטיל, וואָס קען באַצייכנט ווערן מיט „משנתו קב ונקי". איבערהויפּט צייכענען זיך אויס זיינע געקליבענע שריפטן, די גוט־באַקאַנטע „כתבים נבחרים" און ביאָ־

גראפיעס פון גדולים, און ספעציעל פון די וואס ער האט זיי באטראכט פאר זיינע לערער. זייער א סך נשמה און גייסט האט ער אריינגעלייגט אין דעם פארטרעט פון פרץ סמאלענסקין, וועלכער איז געווען זיין גייסטיקער פאטער און לערער און אויך אין הרצל׳ס פארטרעט, וואס איז, אגב, דער גרינטלעכסטער פירוש און אריגינעלסטע קאפיע פון זיין אייגענעם ציוניזם.

אין זיינע ביאגראפישע שילדערונגען פארנעמט די כראנאלאגישע זייט דאס קלענסטע פלאץ. דאקעגן איז בולט די פסיכאלאגישע, דער געשיכטלעכער זין און די נצוצות פון אייביקייט. לייענענדיק זיי, וואקסן אויס פארן לייענערס אויגן די באטרעפנדיקע פיגורן ריזיק־גרויס און ווערן בולט און פארשטענדלעך. און דער וואס באקענט זיך מיט הרצל׳ען לויט דעם קינסטלער ברייני׳נס פינזל, קען אים שוין נישט פארגעסן.

א באזונדער פלאץ אין זיין אקטואציע פארנעמט זיין גרויסע ווירקונג אין דער ציוניסטישער ארבעט אין נארד־אמעריקע. אנהויבנדיק פון יאר 1910 ביז 1931, וואס איז געווען א לאנגע קייט פון העברעער ציוניסטישער דערציאונג, סיי די יארן וואס ער האט אליין פארנומען פאראנטווארטלעכע אמטן אין דער דארטיקער ציוניסטישער ארגאניזאציע און ספעציעל זיין השפעה דורך א צענדליק יארן רעדאגירן דעם „התורן”, וואס איז געווען אזוי רייך אין זיין אינהאלט, און האט געדינט פאר א העברעער טריבונע פאר דער העברעאישער משפחה אין יענעם לאנד, און דער עיקר אלס טריבונע פארן ריינעם ציוניזם — פארן ציוניזם פון ריינסטן קוואל, און אלס שול פאר „ירושלים של מעלה”.

עד־כאן ראובן ברייני׳ן דער שרייבער, ביאגראף, עסייאיסט, שעפער, בויער, סטיליסט און פיינפילנדער. ברייני׳ן דער געזעלשאפטלעכער מענטש, וועמענס אקטואציע עס ווערט באטראכט דורך א געזעלשאפטלעכן קאלייִדאסקאפ.

איצט וועגן א צווייטן ראובן ברייני׳ן, וואס איז געווארן א „אחר” און וואס געהערט צו די עקזעמפלארן פון אונזער קולטור־געשיכטע וואס די לעגענדע באצייכנט מיטן אריינגיין אין „פרדס”: איינער איז אריין בשלום און ארויסגעקומען בשלום און א צווייטער איז „הציץ ונפגע”, ד. ה. געשטרויכלט געווארן און זיך פארוואנדלט אין א „אחר”...

בכלל חזרט זיך ביי אונז אין די לעצטע צייטן איבער דער עפיזאד מיטן „פרדס”, מיט די כאראקטעריסטישע „אחרים”. און וואס ווייטער ווארפן זיי פון זיך אראפ דעם מיסטישן כאראקטער און ציען אויף זיך אן הויט און

פלייש פון רעאַלע פאַקטן. איך וועל דאָ אָנדייטן אויף דעם מער בולטן און באַלערנדן פאַקט, וואָס איז אַ אילוסטראַציע אויף פיל אַנדערע: ד״ר נתן בירנבוים מיט זיינע פאַרשיידענע גלגולים, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם לע־גענדאַרישן פּראָצעס פון שלמה המלך, פון „מלך והדיוט״, און איז געטריבן געוואָרן פון די אומשטענדן און סיבות צו ווערן אַ מתתיהו אחר... למען האמת זאָל דאָס געזאָגט ווערן, אַז אין איטלעכער מעטאַמאָרפאָזע האָט ער אָנגעהאַלטן אַ געוויסע ליניע פון אַ פּערזענלעכקייט — אמת אַ טראַגישע — אָבער דאָך אַ פּערזענלעכקייט דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט מיט ראובן ברייניגן מיט צען יאָר צוריק. ער איז נכשל געוואָרן אין וועג פון אידייען אין אַ פּרדס, אָבער וואָס פאַר אַ פּרדס, אַ מאָסקווער. ער האָט אָנגענומען אַן אויפ־טראַג פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט״ פאַרן אויספאָרשן די אידישע קאָלאָני־זאַציע אין רוסלאַנד, אַ געגנג גליטשיקע מיסיע...

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וואָלט נייטיק געווען צו זיין באַקאַנט מיט זיינע דעמאָלסטיקע עקאָנאָמישע אָנגעלעגנהייטן. לויט באַריכטן האָט ער זיך דאַן געפונען אין גרויסער נויט, אַז ער האָט געמוזט אָננעמען אַ פּאָסטן אין אַ ת״ת אין קאַנאַדע, ראובן בריינין, אַ איד אַ גדול, וואָס האָט געשאַפן אַן עפּאָכע סיי אויפן געביט פון דער העברעאישער ליטעראַטור און סיי אויפן פעלד פון פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק, — און ווער פון דעם העברעאיש־לעזענדן עולם געדענקט נישט די „אכסניה של תורה״, די העברעאישע טריבונע פון „התורן״, וועלכע ער האָט פאַרנומען? און ער, דער טריבון, דער לערער, האָט אויף דער עלטער געמוזט ווערן דער אייבי־קער וואַנדערנדיקער איד פון מדינה צו מדינה צו זוכן פּרנסה. ביי אַזעלכע נסיונות איז שווער צו משפּטן. אויב אָבער ער האָט אפילו אויף זיין חשבון געוויסע עבירות קעגן ציוניזם, טאָר מען אָבער נישט פאַרגעסן דאָס גרויסע און פּאָזיטיווע וואָס ער האָט געטאָן און אים ניט דן זיין מיט גייסטיקער ׳מיתת־חנק״ ווי עס איז שכחה, פאַרגעסן ווערן, פאַר אַ גרויסן שרייבער און שעפער...

אונזערע מיסטיקער זיינען געווען פיל ליבעראַלער און באַזינטער פון אונז און האָבן אין אַזעלכע פאַלן זיך אויסגעדריקט מיט איין קורצן זאַץ: „יהי רצון ותהא מיתתו כפרתו״. דער טויט פאַרגיט אַלץ און עס טאָרן נישט דערמאָנט ווערן קיין אַלטע עבירות, וואָס זיינען נאָך ביז היינט נישט אויס־געפאָרשט געוואָרן, ווער עס איז אין זיי מער שולדיק...

מיר האָבן בכלל אַ ניטשעאַנער צוגאַנג צו אונזערע גייסטיקע פירער.

מיר ווילן זיי זאָלן זיין הונדערט־פּראָצענטיקע אויבער־מענטשן. דער אלטער אידישער אופן המחשבה האָט אויפגעפּאסט זאכן פרייער און זאכלעכער און זיי האָבן די מענטשן וואָס האָבן געשאפן פאר דער אייביקייט געשאַנקען זייערע פּריוואטע נויגונגען פון כאראקטער און אפילו מעשים. דער דאָזיקער טיפער קאָנצעפּט זייערער ווערט אויסגעדריקט אין א מדרש וועגן משה'ן. „משה רבנו לסטים היה", ווענענס אמתער געדאנק עס איז: משה האָט אלס פּריוואטער מענטש געקענט זיין אפילו א גזלן. דאָס אינטערעסירט אונז נישט. ער האָט אָבער געשאפן גרויסעס פאר דער וועלט און פאר דער אייביקייט און דערפאר איז „לא קם כמשה"!...

לאָמיר־זשע אלזאָ באגלייטן ראובן ברייננין אין דעם עולם־האמת מיטן געפיל פון טאָן מיט אים א חסד של אמת. לאָמיר זיך ניט אָפּשטעלן אויף זיינע וואקלעניש און בלאָנדזשעניש, נאָר אויף זיין גרויסער און פרוכט־בארער שאפונג אין משך פון פערציק יאָר (אויסער די לעצטע צען יאָר) ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

סאָקאָלאָוו

ווי ריזיק עס איז די אבידה וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געליטן דורכן פלוצלונגן טויט פון ר׳ נחום סאָקאָלאָוו, איז אומעגלעך און עס איז שווער צו אָפּשאַצן אויפן ערשטן פלאַן. דאָס איז ניט קיין דורכשניטלעכע קאַליפיקאַציע פון אן אינוועטאר וואָס לאָזט זיך תיכף מאכן א באלאנס הערכה, מען מוז אליין זיין א באדייטנדער יש צו קענען אנגיין מיט די כלי המדה און פארשטיין זיך אויף אזא טעלעסקאָפּ וואָס איז אין שטאנד צו מעסטן דעם דוים און די גייסטיקע אטמאָספער פון דעם גאון הדור, אויסמעסטן אלזייטיק זיין טיפקייט און זיין אומגעהויערע גייסטיקע הויכקייט. ווארשיינלעך וועלן זיך מיט דעם ערנסט פארנעמען שרייבער, ליטעראַטור-קריטיקער און ביאָגראַפן — פאכמענער וואָס האָבן נאָך צו דעם געהאט די זכיה צו געפינען זיך במדור אחד, אין גאַנץ נאָענטער שייכות מיט דעם גדול בישראל, ר׳ נחום סאָקאָלאָוו.

ביי אונז אידן, וועלכע שטייען שוין מיטן פראָפיל צו דעם דור השכלה, עקזיסטירט א געוויסער פאַראורטייל צו מליצה, וואָס איז אמאָל באנוצט געוואָרן ביי הספּדים און נעקראָלאָגן, געוויסע פּסוקים וואָס פלעגן עקספּלאָטירט ווערן פאר דעם צוועק, פלעגן קלינגען גוזמאדיק און במילא געשמאַקלאָז; אין דעם געגעבענעם פאַל אָבער, ווען מיר ווילן אויסמעסטן די גאַנצע טיפקייט פון אונזער פילזייטיקן צער — ער איז פילזייטיק, ווייל ער באַפאַסט אונז אַרום סיי אלס יחידים, מענטשן און אידן, ציונים — כדי באמת אויסמעסטן, זאָג איך, די ריזיקע פערזענלעכקייט און אינזער ריזיקן צער, וואָס לאָזט זיך ניט אין דער פולער מאָס אויסשעפּן, מוז מען באַנוצן די אלע מליצהדיקע תוארים און זייער שפּילעוודיקער בילדלעכקייט, וועלכע פּאַסן זיך אריין עקזאַקט אין דעם רעאלן באגריף און זיינען ניט מער ווי די פּאָטיקע קאַנווע, אויף וועלכער עס העפט זיך אויס די זעלטענע פיגור אין איר פילפארביקייט. פון אומפאַרגעסלעכן נשיא און מנהיג. „אבי, אבי, רכב

ישראל ופרשיו", „שר וגדול נפל בישראל", אָדער „יתומים היינו" — איז אבסאָלוט ניט קיין מליצה, דאָס זיינען תוארים, וואָס שטימען עקזאקט.

ער איז געווען באמת א שר וגדול, די העכסטע הערלעכע פערזענלעכ־קייט. עס איז זעלטן ווען א מענטש זאָל אויסדריקן מיט אזא ווירדע די פארטרעטערשאפט פון זיין פאָלק און זיינע אינטערעסן, מיט ווירדע וואָס גיט גרויסקייט, כבוד און חשיבות דער איינהייט וועמען ער פארטרעט, פאר וועמען ער אימפּאָנירט זיך און רופט ארויס דרך ארץ. עס האָט זיך געפילט אזא רואיקייט און זיכערקייט אונטער זיין רעפּרעזענטאנץ, פונקט ווי א קינד געפינט זיך אונטערן שוץ פון דעם טאטן, און ווי זעלטן גוט ער פלעגט מע־רערע מאָל דורכפירן אזעלכע איידעלע מיסיעס, סיי אין פארטרעטערשאפט ביי פּאָליטישע אינטערנאציאָנאלע מיסיעס, ביי דער מאנדאטן־מאכט, ביי אינערלעכע קאָנפליקטן, ביי זיך אין דער היים אין דער אייגענער משפחה, צווישן פארטייען, ווי ביי די זיצונגען פונעם אקציאָנס־קאָמיטעט און איבער־הויפּט ביי קאָנגרעסן, ווען עס פלעגן פּאָרקומען קאָמפּליקאציעס ביי לייזונ־גען, קאָאליציעס און אנדערע הנחות, אין אזעלכע פאלן פלעגט זיך שטענדיק ווייזן זיין ריזיקע, גייסטיקע פיגור: משכמו ומעלה גבוה מכל העם. זיין מאַ־גישע פערזענלעכקייט פלעגט ווירקן, צו בארואיקן און צו ארייננגיסן אמונה און בטחון, אָט אזוי ווירקן פּאָטערס אויף זייערע קינדער.

און ביי אלע מאָמענטן, סיי דערהויבענע יום־טובדיקע, ליידער אזוי זעלטענע, ווען די זון־שטראלן שיינען אין אונזערע פענצטער, אָדער חס ושלום ביי לקוי המאורות, אין די לקוי חמהדיקע קאטאסטראָפאלע מאָמענטן, האָבן מיר זיך שטענדיק געפילט הינטער זיינע פּלייצעס באשיצט ווי מיט א פעסטער וואנט, מיט ראט און טאט, אָדער אין אלע פאלן א טרייסט־וואָרט זיינס, געשעפּט פון די קוואלן פון עבר, פון דער אלטער געשיכטע פון עם עולם, וואָס איז איבערגעפולט מיט זיין טיפער חכמה און פעסטן געזונטן אָפּ־טימיזם. אזוי פילן זיך קינדער אין שוים פון זייער פּאָטער.

דאָס גאנצע פאָלק האָט זיך פלוצלונג פאריתומט און פילט זיך עלנט און צובראָכן.

סאָקאָלאָוו איז געווען דער „איש האשכלות", אָנגעשפּיקעוועט מיט זעלטענע אייגנשאפטן, מעלות און השלמות, א גאנצע שפע פון גייסטיקער עשירות — גאנצע אוצרות פון פּילזייטיקייט, סיי פון קענטעניש און אוני־ווערסאלע ידיעות, זיין פיל־שפּראכיקייט, די שפּראכן צוזאמען מיט זייערע ליטעראטורן; ער האָט געקענט די וועלט, ניט ווייניקער ווי די וועלט־גע־

שיכטע — און איז געווען א מענטשן־קענער ניט ווייניקער ווי ער האָט גע־קענט די פּילזייטיקייט פון שיטות, דיאַלעקטן און סטילן, און דעריבער איז ער אומפאַרגלייכבאַר און באַוואונדערבאַר מיט זיין טיפקייט און אַריינדרינג־לעכקייט, ביזן דעק פון דער מענטשלעכער נשמה, אין זיינע „אישים״ וועגן די פּערזענלעכקייטן וועלכע ער האָט באַשריבן.

ווען ער באַשרייבט ראַטענוי, פּאַטער און זון, איז ניט נאָר איר באַקאַנט זיך גרינטלעך מיט די צוויי פּערזענלעכקייטן, נייערט מיטן גאַנצן פּענאָמען פון דער עלעקטרישער קראַפט, מיט די סודות פון חורבן לעתיד, דער ווירקונג פון טעכניק און איבערפלוס פון מאַשינען־כוחות.

און ווען ער רעדט פון שפינאָזא, פון זיין שאַפן און וועלט־אַנשויאונגען, שפינאָזא דעם איד און דאָרטן וואו ער נויגט אַפּ פון אידישן אופן המחשבה, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז די גאַנצע וועלט פון די אנוסים אין אַמסטערדאַם, מיט אַלע גורמים, וואָס האָבן אויסגעוויקלט אזא גאון ווי שפינאָזא מיט אַלע זיינע ווידערשפּרוכן.

און אזוי איז סאָקאָלאָוו אומעטום, וואו ער רירט אָן מיט זיין פּען איז אים אומעגלעך צו אָנרירן נאָר די אויבערפלאַך אָדער ווייניקסטנס האַלטן זיך אין די תחומים פון דער אָנגעצייכנטער טעמע — ווייל אים שטערט טאָקע שטענדיק די אייגענע שפע, די גרויסע קוואַלן פון פּילזייטיקן וויסן, וואָס פליסן אריין אין דעם ים פון געדאַנקען און צוגיסן זיך טיף און ברייט.

עס איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר סאָקאָלאָוון, אז ווען ער באַהאַנדלט זיינע „אישים״ מערקט איר א באַזונדערע ליבע און צאַרט־קייט צו זיינע פּערסאָנאַזשן, ער איז זייער פּאָרזיכטיק מיטן כירורגישן מע־סער, ער גיט ניט קיין איבריקן שניט וואָס איז ניט נויטיק פאַר זיין פאָרשונג, ניט קיין איין איבריקן קראַץ און ער צערטלט און גלעט אזוי איידל, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר די פאַרשאַפטע יסורים דורך זיין אַנאַליז, דאָס איז איינע פון זיינע גאָלדענע כאַראַקטער־שטריכן. ער איז בכלל געווען אַן אָציל, א דזשענטעלמאַן אין פולן זין פונם וואָרט.

ר׳ נחום סאָקאָלאָוו איז געווען א מנהיג און רבי פון צוויי דורות. זייענדיק אַליין דער בן הדור פון דער השכלה, איז ער שפּעטער אריבער פון א תלמיד, צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן צו זיין מדריך און וועגווייזער. אין „הצפירה״ איז ער אריין אלס א תלמיד מובהק פון חז״ס. תיכף אָבער האָט דער באַגאַבטער עילוי איבערגענומען די דירעקציע און האָט אריינגעבראַכט א ניי לעבן אין דער דאָזיקער וויכטיקער העברעער טריבונע פון יענער צייט,

ער האָט אריינגעבראכט וועלטלעכקייט און האָט ארויסגעטריבן די קליינ־שטעלדיקייט און קריגערישן בייסיקן טאָן, און איבערהויפּט די פּערזענלעכע קליינלעכע ויכוחים און פּאָלעמיק, און האָט אויפגעהויבן די „הצפירה" צו דער הויך פון א גרויסער אינסטיטוציע און געזעלשאַפטלעכער טריבונע, וואָס האָט דערצויגן שרייבער־פּובליציסטן אויף פארשידענע זשאנערן. ער האָט געעפנט די שולע פארן מאָדערנעם צייטונגס־וועזן. די „הצפירה" איז געוואָרן די טריבונע פאר אלע אידישע ברענענדיקע פּראָבלעמען, זי האָט געגעבן א ריכטליניע פארן עמיגראציע־שטראָם קיין אמעריקע, ארגענטינע און איז געווען א וועגווייזערין פאר דער אָריענטאציע אין די פראגן פון קאָלאָניזאציע און שפּעטער, פארן ציוניזם. ער איז געווען א ניט־געקרוינטער מנהיג און לערער. קיינער האָט אים ניט געוויילט, נאָר דאָס לעבן אליין האָט דאָס געטון. ער איז ניט געווען דער אָפיציעלער רבי, און ניט קיין נביא, ער האָט אָבער פון זיך זעלבסט פארנומען אזא פּלאַץ, ווייל חכם עדיף מנביא. ער איז אפשר א יחיד במינו, אפילו ביי די אומות העולם טרעפט זעלטן אזא פאל, אז אן אויטאָדידאקט זאָל דערגרייכן צו אזא הויכער מדרגה פון דעם העכסטן אקאדעמישן וויסן, אז עס וועט ניט זיין קיין גוזמא ווען מען זאָל זאָגן, אז סאָקאָלאָווס פילפאכיק קענען און וויסן, איז עקיוואלענט צו א סכום וואָס זאָל קענען דערנערן עטלעכע פּראָפעסאָרן אויף פארשידענע וויסנ־שאפט־געביטן צוזאמענגענומען.

עס איז צו באוואונדערן ווי אזוי אין איין פערזאָן איז דאָס מעגלעך אזויפיל וויסן און ווי וואונדערבאר ביז צום שטוינען עס איז, אז א מענטש, וואָס פארמאָגט אזויפיל וועלטלעך וויסן זאָל זיין בכוח צו איינזאַפּן אין זיך אידישן וויסן פון אלע מקורים און דורות פון זינט דער אידישער מוח האָט אָנגעהויבן צו שאפן!

און אויף אָפּשאצן דאָס דארף מען ניט זיין קיין מלומד. עס איז גענוג צו זיין א קורא עתיק, א שטענדיקער לייענער פון סאָקאָלאָווס שריפטן און צייטונגס־מאמרים אין העברעאיש, אז מען זאָל זיך איבערצייגן אין דעם. דאָס מערקט מען גלייך אין די פארשידענע סטילן פון זיין שפּראך. אזא קאָלאָסאלע רייכקייט און פארביקייט פון פאָרמען און ניואנסן, סטילן און נוסחאות, און דאָס אלץ איז כמאה עדים דמיא. דער גרעסטער באווייז, אז עס איז ניטאָ קיין איין ווינקעלע אינם אידישן וויסן און שאפן פון אלע דורות, וואו זיין אויג און מוח זאָל ניט האָבן דערגרייכט.

איך וואג ניט צו ריידן וועגן גאונות, ווייל דאָס איז אן ענין, וואָס מען

דאַרף האָבן באַזונדערע קני מדה און מכשירים אויף צו מעסטן. עס איז אָבער אָן צוויפל, אז פּילזייטיקייט און פילפארביקייט, א קאָלאָסאַלער סכום פון וויסן אין איין מענטשן, איז געווים דער גרעסטער מאסשטאב פון גאונות, און אין דעם פאַל איז דאָס געווען ר׳ נחום סאָקאָלאָוו. זיין פּילזייטיקייט איז דערגאנגען אזוי ווייט, איטלעכער האָט דאָס געפילט און מיט דעם דער־קלערט זיך וואָס ער איז געווען אזוי טייער און חשוב ביי אלעמען, ביי אלע קלאסן און שיכטן, ביי אידן און גויים.

פאַרטיפנדיק זיך אין דער גרויסער פערזענלעכקייט פון סאָקאָלאָוו, ווערט קלאָר דער מיסטישער באגריף פון „שר האומה", ווייל ער איז דאָס געווען פאַר־עקסעלאַנס. ער איז געווען דער בעסטער אויסדרוק פון דער אומה, איר נשמה יתרה, איר זשעני, חריפות, איינפאַלן, הומאָר, אחריות פאַר דאָס גאנצע און אלץ וואָס די אומה האָט אין פארלויף פון דורות געשאפן. אלע אייגנשאפטן פון דער אומה אפילו מיט אירע סתירות. אלט און יונג, קאָנ־סערוואטיוו און צו דער זעלבער צייט פּראָגרעסיוו, הומאָן, פאציפיש, אין א געוויסער מאָס פול מיט רעליגיעזן פאטאָס און אין דער זעלבער צייט אזוי ברייט וועלטלעך־אוניווערסאל. פאטריאָטיש, אתא בחרתנוסטיש, קאָמבי־נירט און געפלאָכטן מיט נביאישן קאָסמאָפּאָליטיזם. און אויב ביי פארטרע־טערשאפטן איז וויכטיק צו ברענגען צום אויסדרוק דעם גייסט און אינהאלט פון די מאנדאט־געבערס, איז ר׳ נחום סאָקאָלאָוו געווען אן אומפארגלייב־לעכער רעפרעזענטאנט פון אידישן פאָלק, מען קען אָנווענדן פאר אים, פּע־רעפראזירנדיק דעם מדרש וועגן יעקב אבינו, אז גאָט האָט איינגעוויקלט גאנץ ארץ ישראל און אים אונטערגעלייגט צוקאָפּנס, דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן נחום סאָקאָלאָוו, אז ער האָט באמת איינגעזאפּט דעם גאנצן תמצית הדם פון דער אומה מיט אלע זייערע אָדערן און ארטעריעס, ביזן לעצטן פעדימל פון דער אידישער נשמה, און דאָס האָט אלץ אויסגעדריקט און געווען איינגעוויקלט אין זיין פערזענלעכקייט, און מען קען אויף אים זאָגן „ולא קם כמהו בישראל"; אין די לעצטע דורות איז ניט געווען אזא גרויסער איד מיט אזוי פיל פּילזייטיקע מעלות און השלמות, מיט טעטיקייט פון 60 יאָר געווידמעט פארן גאנצן פאָלק. א גרויסער איד און וועלטמענטש מיט אזא גרוים הארץ מיט ליבע צו אידן און אלע מענטשן.

די שפּעטערדיקע דורות וועלן אפשר קענען אָפּשאצן ווי געהעריק זיין ווערט, אזוי ווי דאָס איז געווען מיט אלע גרויסע מנהיגים פון אלע צייטן.

מיר און זיי

•

היטלעריזם, א המשך פון דער פלוגתא „רוים־ירושלים"

מיטאָלאָגיע, לעגענדע, אלעגאָריע און סימבאָליזם זיינען די אטריבוטן פון מיסטיק, וועלכע וויל לייזן די קאָמפּליצירטע לעבנס־פּראָבלעמען פון אלע צייטן און דורות. די מכשירים זיינען צוגעפּאסט לויט דער עלטער פון דער מענטשהייט, מיטאָלאָגיע און לעגענדע — אין איר קינדהייט; אלעגאָריע און סימבאָליזם — שוין אין די ימי הבחרות האָט ער אין זיי געפונען א טרייסט, א פארוויילונג.

איוב, דער סימבאָל פון צרות און פורעניות, פארשווינדט אלס א יחיד פון זיין מציאות און יש, ער ווערט אן אָביעקט פאר לעגענדע און פארבלייבט א משל לדורות. „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה".

דער „יהודי הנצחי", פילט זיך צו ענג אין די תחומים פון א שיינער נאָוועלע, און א באפליגלטער דערהויבט ער זיך צו די אטמאָספערן פון וועלט־רוים און ווערט אן אייביקע לעגענדע און א פארקערפּערונג פון וואנ־דערונג און נע־ונד זיין. אין דער קינדהייט פון מענטשהייט, אין דעם עולם הקדמון, ווען דער אָדם הקדמון הויבט זיך אָן צו אויסטיילן פון זיין שאָלעכץ, און זוכט א באשייד פאר זיין יש, בלאָנדזשענדיק און וואקלענדיק אין זיין אויסוואל צווישן עץ החיים און עץ הדעת, ווען ער ווערט מסוגל צו פארנע־מען די ערשטע קלאנגען, וועלכע דערגייען צו אים פון גן אלהים און פון קול אלהים, אנטפּלעקט זיך פאר אים אין איין צייט דער שלאנג, דער נחש הקדמוני, וואָס ווערן פארוואנדלט אין לילית, סמאל און אשמדאי, די לעגני־טימע פאָרשטייער פון דעם חושך, תהו ובהו און סימבאָל פון זינד און רע מוחלט.

היטלער דער קאנצלער, פאָן פאפּען און די גאנצע כנופיא, זיינען ניט מער ווי סימבאָלן פון דעם תהו ובהו, פון חשבות, דער אויסדרוק פון גייסט, פון די באראָנען, פאָנען און יונקערס, די דאָזיקע וועלכע ווילן אָפּוואשן דעם פלעק אין דער משפחה דורך די קאנטס, לעסינגס, געטעס און שילערס,

וועלכע זיינען אין דער אמתן דאָס אַנגעוואַקסענע ווילדפלייש פאַר דער אַלטער גערמאַנישער ראַסע, מומחים אין דער קולינאַרער קונסט פון פאַר־שיידענע בראָטנס פון מענטשן־פלייש און וועמענס דירעקטע יורשים עס זיינען די ניינצן מיליאָן היטלער־וויילער.

היטלער וכת דיליה, די איצטיקע הערשער פון דעם תהו ובהו, וואָס רופט זיך דייטשלאַנד, האָבן זיך נאָר צוגעפּאַסט צום שוין עקזיסטירנדיקן גהינום־באָדן, אויף וועלכן מען האָט אין פאַרלויף פון דורות געזייט און קולטיווירט שנאת ישראל. עס איז געווען צו דערוואַרטן, אז עס וועט אויס־וואַקסן אַ היטלעריזם. דאָס איז דאָס אייביקע געזעץ פון פאַרברעכן און שטראָף.

דער אָרגאַניזם פון דייטשן פאָלק האַלט ביי אַ מאָראַלישער צעפאַלונג.

אין די ערשטע טעג נאָך די וואַלן, אין האַניק־חודש, האָט מען שוין געביטן די פאַן־קאָלירן, אַלץ וואָס טראָגט אַ סימבאָל אָדער זכר פון פריי־הייט, — פאַרניכטעט. די בעסערע זין פון דייטשלאַנד, שרייבער, דענקער, געלערנטע, דאָס הייפל, וואָס וויל ניט און קאָן ניט פועלן צו צוברעכן די לוחות פון געוויסן, מוזן גיין אין גלות. איינשטיינס וואוינונג ווערט רעווי־דירט, מען זוכט ביי אים טריף פסול׳ן, קאָנטראַבאַנד. פרייהייט־פּרינציפּן ווערן גערודפט. אַ קאָלעקטיווער גירוש אויף אידן, — טאָרקוועמאַדאָס, פער־דינאַנד׳ס און איזאַבעל׳ס מעשים מיט 441 יאָר צוריק.

אין יענע צייטן אַ דעקרעט מיט אַ קאָנדיציע, אַן אויסוואַל: גירוש אָדער אונטערן שוץ פון קאַטוילישן גלויבן; אכזריות׳דיק, געמיין, אָבער מענטשלעך געמיין, ניט חיה׳איש. דאָס פאַרשפּאַרן אַלע לעבנס־קוואַלן, אַלע רעגירונגס־שטעלעס, און דער באָיקאָט אויף אידישע געשעפטן און אָנגע־שטעלטע, פרייע פּראָפעסיעס און אידישע געלערנטע אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט, אַלע בויער פון דער דייטשער קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער און מוזיק במשך אַזוי פיל דורות, גייט שוין אַריבער אַלע גרעניצן פון גייסטיקער געפאַלנקייט.

שנאת ישראל, פאַשיזם, כוליגאַניזם און מיליטאַריזם זיינען די תהומות און טיפע אָפּגרונטן, וואָס ווען אַ פאָלק פאַלט אין זיי אַריין, איז דער וועג אויף צוריק פאַרשלאָסן.

ישראל סבא איז געווען אַן עדות פון דער צופאַלונג פון דער אַלטער רוים און שפּאַניע. די זעלבע וועגן פון היסטאָריע, די זעלבע סבות און גורמים

און אפשר די זעלבע רעזולטאטן. עס בייטן זיך נאָר די אויסערלעכע פאָרמען, אָבער די גרונט־געזעצן פון געשיכטע זיינען שטענדיק די זעלבע.

ביי דער מפלה פון די אויבנדערמאנטע פעלקער, האָט געווירקט — אויב ניט אין גאנצן, איז אָבער זיכער אין א גרויסן טייל — די שנאת ישראל און רדיפות. די מאמינים בני מאמינים, וועלכע זעען אין די וועגן פון דער געשיכטע אן אצבע אלקים, זיינען איבערצייגט, אז סיי אשור און בבל, ווי רוים און שפאניע זיינען אונטערגעגאנגען אלס שטראָף פאר אונזערע רדיפות; אָבער אויך אידן פון מער ראציאָנעלע אויפפאסונגען וועלן צוגעבן, אז די געשיכטע האָט א זין און האָט אירע לאָגישע קאָנסעקווענצן, און דאָס איז אפשר דער באגריף פון השגחה.

דער לאָגישער זין פון היסטאָריע איז — א פאָלק וועלכעס פרעסט זיינע אייגענע בירגער, שותפים פון זיינע עקאָנאָמישע און קולטורעלע יסודות, א פאָלק וועלכעס טרעט מיט די פיס אלע עלעמענטארע פרינציפן פון יושר און גערעכטיקייט, מוז אונטערגיין און פאלן אונטער דער משא פון די אייגענע זינד און קאָרופציע.

יענע וועלכע שטעלן זיך אָפּ אויף היסטאָרישע דערשיינונגען און באַטראכטן זיי פון א פילאָזאָפיש־פאָרשענדן שטאנדפונקט, וועלן געוויס אַיבערגיין איבער היטלערן אלס א שם פּרטי און וועלן אים דערמאנען נאָר אויף וויפל עס איז נויטיק אלס א היסטאָרישן מעכאניזם און אויסהעלפונגס־מיטל צו באלייכטן די פאסירונגען אלס באזע פאר היסטאָרישע מסקנות. היטלער אליין וועט נאָר פארוואנדלט ווערן אין דעם שווארצן פלעק פון אונזער עפּאָכע, אין אן עדות פון א שרעקלעכער ירידה און דעקאדענץ פון דייטשן פאָלק, ער וועט נאָר זיין דער סטאָלב אויף וועמען מען קלעפּט די פאסקווילן און געמיינע אגיטאציע פאר שנאת ישראל, און ער אליין וועט זיין אין שאָטן און ווערן פארקערפּערט אין „היטלעריזם".

דער אלטער כלל, אז די היסטאָריע חזרט זיך איבער, איז היינט צוגעפּאסט מער ווי שטענדיק. אספּסינוס און טיטוס האָבן פאר די היסטאָרישע פאָרשער פארלאָרן זייער הויפּטראָל און פאקטאָר פארן אונטערגאנג פון יהודה. פון געשיכטלעך פילאָזאָפישן שטאנדפונקט איז ניט טיטוס דער זיגער פון דער רוימישער אימפעריע, נאָר רוים אלס פארקערפּערונג פון דער רוימישער וועלט־אָנשויאונג. ניט פון די סטראטעגישע איינפאלן פון טיטוסן אלס העלדישן פעלדמאַרשאל, רעדט זיך, נאָר די רוימישע אימפעריאליסטישע שיטה פון „מאן דאלים גבר", די אויבערמאכט פון כח איבערן גייסט.

און דאָס איז געווען דער עקשנותדיקער קאַמף צווישן דער גרעסטער וועלט־אימפּעריע אין יענער צייט און דער קליינינקער יהודה, אונטער דעם שפּעטער געשאַפענעם באַגריף פון „רוים און ירושלים״. דער דאָזיקער באַגריף סימבאָליזירט נישט נאָר די אידישע וועלט־אַנשויאונג, נאָר אַלץ וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט גייסטיקעס, וועלכע געפינט זיך אין קאָנפליקט מיט דער הערשאַפט פון כח.

ווי א רויטע שנור וועררן אין דער וועלט־געשיכטע דורכגעפירט אונזערע שטענדיקע קאָנפליקטן און צרות, וועלכע זיינען א פּועל יוצא פון די דאָזיקע חלוקי דעות.

דער פאַר־מלחמה׳דיקער פּעריאָד, סיי פון דעם אייזערנעם קאַנצלערס פּאָליטיק ווי שפּעטער דאָס יונקערטום, דער מיליטערישער אריסטאָקראַטיזם פון „דייטשלאַנד איבער אַלץ״ און איצט די סקאַנדאַליעזע היטלער־אַוואַנ־טורע, איז א המשך פון דער רוימישער שיטה: מאַן דאַליס גבר. די ווילדע גערמאַנער זיינען נאָך דאַן געווען באַרוועסע אינגלעך, וועלכע פלעגן זיך שפּייזן מיט חזירשע וואַלד־ניס, זיי זיינען אָבער געווען פּעאיקע תלמידים פון רוים און האָבן איבערגענומען פּערפעקט די תורה.

די תורה פון מאַכט איז אריבער פון דעם פּרימיטיוון ווילדן ברוטאַלן צושטאַנד פון כח, און עס האָט זיך געבילדעט א פילאָזאָפישע וועלט־אַנשוי־אונג וועגן ר ע כ ט א ו ן מ א כ ט. העגעל דער סאָציאַליסטישער באַ־גרינדער פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָט דערקלערט, אז די וועלט איז איין גרויסער מאָגן־קאָנסער, און אז נאָר היילנדיק דעם מאָגן ווערט געזונט די מענטשהייט. ער אנערקענט נאָר די היסטאָרישע עקאָנאָמישע פאַק־טאָרן און במילא ווערן אוועקגעשטעלט די מאָראַליש גייסטיקע מענטשלעכע שטרעבונגען מן הצד. קאַרל מאַרקס, העגעלס נאָכפאָלגער און קאָמענטאַטאָר, א שלעכטער איד ווי כמעט אַלע געשמדטע אידן, אָבער דאָך א גרויסער מענטש מיט א גרויסן גייסט, האָט קענען זיין ווילן ניט געקאָנט באַפרייט ווערן פון דער ירושה פון אידישן אופן המחשבה, און ער האָט צוגעגרייט זיין סאָציאַליסטישן מאכל דורכן פילטער פון נביאישן סאָציאַליזם, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון צדק, משפט און יושר. ער האָט באַנוצט זייער א באַשיידענע דאָזע פון אידיש־נביאישע און דעריבער איז זיין סאָציאַליזם אזוי טרוקן, אָבער דאָך איז ער ניט דער העגעליאַנישער.

א צווייטער דענקער, א פאַרטרעטער פון די העכערע אריסטאָקראַטישע ספערן, ניטשע, איז דער באַגרינדער פון דעם אויבערמענטש און מאַן דאַליס

גבר: כח און כח, דער אייביקער קאָנפליקט פון רוים און ירושלים. דאָס איז די אָפיציעלע פּראָגראַם פון דער וועלט־פּאָליטיק און דאָס וועט אויך זיין די סיבה, וועלכע וועט דערפירן צום וועלט־חורבן.

יחידים, די עטלעכע שומרים פון דעם מענטשלעכן יושר באַגרייפן דאָס, זיי קעמפן פאַר דעם, אָבער זייערע שטימען הערן זיך ניט אַרויס אונטערן וועלט־טומל פון די מלחמות, פאַשיזם, היטלעריזם, וועלט־נויט און הונגער.

עס זיינען דאָ עטלעכע גרויסע שטאַטסמענער, אַלטע אויסגעפּרואוווטע פּאָליטיקער, וועלכע באַטראַכטן די פּערספּעקטיוון דורך זייער פינסטערע ברילן, אויב עס וועלן ניט אָנגענומען ווערן קיין ראַדיקאַלע מיטלען, אַן אַל־געמיינע איינפאַרשטענדעניש און צוליב אַלעמענס אינטערעסן אָפּזאָגן זיך פון אימפּעריאַליסטישע, עגאָאיסטישע אַמביציעס.

עס איז אָבער אויסער יעדן צווייפל, אַז כל זמן עס וועלן זיך געפינען אין צענטער פון דער וועלט, פעלקער וועלכע וועלן אונז יאָגן און טאָן אַלע נגישות, קאָן די וועלט ניט אויסגעלייזט ווערן.

וועגן היטלערן וועט שפּעטער מיט א דור, וואָרשיינלעך, געשאַפן ווערן לעגענדעס, אונזער פאָלק איז פּראָדוקטיוו פאַר זייער שאַפונג, סיי אין פאַ־זיטיוון זין ווי אין דעם נעגאַטיוון.

אַרום דעם ליבלינג „אליהו הנביא" איז געשאַפן געוואָרן א לעגענדע וועגן אַן עקסקורסיע אויף א גאָלדענעם פאַעטאָן אין הימל אַריין; וועגן מיטוסן, וועלכער איז, נאָך אַלעמען, פיל מענטשלעכער פון היטלערן, איז געשאַפן געוואָרן א לעגענדע וועגן א פליג, א יתוש וואָס האָט אים געפּיקט אין מוח, אויב דער יתוש באַדייט חרמה, תשובה, געוויסנסביסע, איז א גרויסער צווייפל אויב ענלעכעס קאָן געזאָגט ווערן וועגן היטלערן.

ער, דער משחית, קאָן נאָר בלייבן אין דער געשיכטע לחרפּה ולדראון עולם!

די וועלט אין פלאמען און מיר אין צענטער

מיר געפינען זיך איצט נאָענט צום צענטער, צום האַרץ פון דעם 20־טן יאָרהונדערט. און די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט האָבן זיך דאָך אָנגעפאַנגען מיט אַזעלכע גוטע סמנים, אַזוי שטראַליק־זוניק אין דעם זינען פון פּראָגנאָז און הבטחות אויף בעסערע צייטן און סימפּטאָמען, אַז די וועלט שטערבט און גייט אין וועג פון געזונט ווערן פונם שווערן קאָשמאַר פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פילן אין דער אַטמאָספערע אַן אָפּפרישונג פון פרייע ווינטן, געקרוינטע קעפּ האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן פון זייערע טראָנען, כינע האָט אָנגעהויבן מיט אירע פאַרגראָבענע אויגעלעך צו ווינקען צו רעפּובליקאַניזם, פּאָרטוגאַל האָט זיך אָפן דערקלערט אַלס רעפּובליק, אַלע אייראָפּעאישע פּאַרלאַמענטן האָבן אָנגעהויבן צו אָטעמען מיט דעמאָקראַטיזם און דער סאָציאַליזם האָט זיך געלאָזט פילן אַלס אַ באַדייטנדער כוח.

רעאַקציע און אַבסאָלוטיזם זיינען געוואָרן אַ טאַדל־וואָרט מיט וועלכן פעלקער האָבן זיך אָנגעהויבן צו שעמען. די היינטיקע פאַשיסטישע איטאַליע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מקבל פּנים זיין דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן, דאָס פאָלק האָט מיט דעם געמיינט צו אויסדריקן זיין פאַרדאַמונג פאַרן אונטערדריקערישן רעזשים און טיראַנישע באַהאַנדלונג פון די פּאָליטישע פאַרברעכער. צפון־אַמעריקע האָט איבערגעריסן אירע קאָמערציעלע באַציאונגען צוליב די רדיפות אויף אויסלענדישע אידן. אָפיציעל איז נאָר רוסלאַנד פאַרבליבן די איינציקע אימפּעריע מיט איר אַבסאָלוטיזם, און נאָך אַ רייע אויפברויזונגען פון רעוואָלוציאָנערע קאָנוואַלסן און לסוף די רעוואָלוציע פון 5־טן יאָר, האָט זיך דער רוסישער בער, בעריש פאַרנויגט און האָט אויך באַגנאַדיקט דאָס פאָלק מיט אַ דומע, אין געשטאַלט פון אַ פּאַרלאַמענט...

דאָס איז אין קורצן דער רעזומען פון די דערגרייכונגען אין פאַרלויף פון די ערשטע 15 יאָר ביז דער מלחמה, און געזעצלעך און יושרדיק מוז דער שיינער אינוועגטאַר איינגעשריבן ווערן אויפן חשבון פון 19־טן יאָרהונדערט. און צום שלום: מיט דעם ענדיקט עס זיך. אונזער עפּאָכע הויבט

זיך אָן פון דער מלחמה, מיט אירע פּאָלגן, גרוילן און קאָנסעקווענצן. די גע־ווויסע סאָציאַלע רעפאָרמעס און באַפרייאונגס־סטאַביליזאַציעס זיינען דאָך נאָר געווען די שטוים־קראַפט פון דער אינערציע, וואָס איז א רעזולטאַט פון דער אקומולירטער טרייב־קראַפט פון פריער און פּילייכט אויך פון די בעסערע כוונות. וואָס די מער דעמאָקראַטישע פעלקער האָבן טאַקע באמת געמיינט צו פאַרגיטיקן די וועלט פאַר דעם חטא פון מלחמה, און א פּשיטאַ שוין פון יחידים, פון די חסידי אומות העולם פון ווילסאָנס בית־מדרש, און אַט די אינערציע האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם 33־טן יאָר. די ריכטיקע עקס־פּלאָזיע פון פייער לאַוועס הויבט זיך אָן פון 33־טן יאָר און פון דאַן אויך די מורא׳דיקע ירידה און דאָס זינקען פון דער וועלט אין דער זוהמה פון זינד, נידערטרעכטיקייט און אָפענער זנות אין געזעלשאַפטלעכן זינען.

ווען מיר ווילן אָפּמעסטן דעם ריכטיקן שטח פון דער זינדיקער סדום־זאָנע און אירע זומפּן, איז נויטיק אין דעם פאַל צו אָפּשטעלן זיך אויף דער בלומרשט שוין בעסערער וועלט. וואָס ניט אַלץ איז ביי איר הפקר און איז דאָך בכוח צוריקציען זיך ווען זי געפינט זיך ביים תהום פון פאַרברעכן. און דאָך ווי ווייט זינדיק זי איז און ווי אַזוי עס איז דורך איר פאַרלעצט געוואָרן די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון יושר, וואָס זיינען געווען אַמאָל, טאַקע אין דעם פאַריקן יאָרהונדערט, אַזוי עלעמענטאַר און זעלבסטפאַרשטענדלעך. אין אונזערע צייטן רעאַגירן מער ניט אפילו די בחירי־האומות אויף זאַכן פון וועלכע מען דאַרף פאַרציטערט ווערן און שטוינען. ווער שטעלט זיך דאָס היינט אָפּ אויף דעם שרעקלעכן פאַרברעכן וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם? דאָס איז געוואָרן א געוויינלעכער באַגריף און ביי פיל מלוכות א טוגנט, וואָס גייט אריין אין א פּאָליטישן שטאַטלעכן פּראָגראַם, און ווערט פאַרוואַנדלט אין חלב, וואָס מען שטעכט אָן אויף דער פּאָליטישער וואַנטקע כדי צו פאַנגען וואָס מער פלאַטקעס־ווײַלער... און ניט נאָר רעגירונגען שעמען זיך ניט צו דערלויבן אַזא פּלאַטפאָרמע, נאָר דאָס איז א לעגאַלע זאַך, וואָס פאַרנעמט אָן אָנגעזעען אָרט. דאָס וואָרט אַנטיסעמיטיזם איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין אָנפאַנג פון דעם צווייטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט און דאָס איז געווען א כסות־עינים, כדי צו נים זאָגן שנאת ישראל, ווייל פּאַקטיש האָט דאָך זיך ניט געהאַנדלט וועגן אַנדערע סעמיטישע פעלקער, נאָר בלויז וועגן אידן און אפילו צוררי־ישראל האָבן זיך געשעמט צו אַרויסגיין אָפן מיט גיפטי־קער שנאה.

און וואָס איז געוואָרן מיט גלייכהייט און בירגערלעכע רעכט פאַר

אידן אין פיל אייראָפּעאישע מלוכות? אין אייניקע מדינות ווערן זיי אָפּגע־נומען אָפּן און פריי מיט דער גרעסטער חוצפה און אין אנדערע מיט גע־ווּיסע רעזערוואציעס. עס עקזיסטירן ניט קיין אויסנאַם־געזעצן פאר אידן, זיי פעלן אין קאָדעקס און ווערן ניט רעגלאַמענטירט, אָבער זיי ווערן איינ־געגלידערט אין דעם לעבן אליין, און צום גרעסטן ווייטיק און שאנדע זינדיקן דאָך אויף דעם געביט אפילו אָט די דאָזיקע דעמאָקראטישע מדינות, וואו אידן פילן זיך גלייכבארעכטיקט און פארנעמען הויכע פאָזיציעס. אָבער ביי זיי עקזיסטירט א שטילער באשיידענער סאלאָנען אנטיסעמיטיזם, אנטיסעמי־טיזם אין ווייסע הענטשקעס און פראַק. עס עקזיסטירט בסודי סודות א נומע־רוס־קלאַאוזוס און פראָצענט נאָרמע. דער פעלקער־פארבאנד באהאנדלט די פראגע פון אידישע רעכט־באגרענעצונגען נאָר אויף אזוי פיל אויף וויפל עס איז דאָ אן אָפּמאך, א קאָנטראקט און א פארפליכטונג פאר מינאָריטעטן. און ווי ווילד און סקאנדאליעז אוממענטשלעך דאָס איז ניט וויינקער ווי עס וואָלט געווען, ווען פאר אונז אידן זאָל זיך פאָרערן באזונדערע עשרת־הדברות. מיר מוזן קומען מיט א באזונדער קארנעט צו צייגן, אז אויף אונז איז אויך חל דער „לא תרצח״ און אויב מיר האָבן אים ניט אונטערגעשריבן מיט די געהעריקע אונטערשריפטן, איז אוים. עס ווערן ביי זיי ציניש באַ־האנדלט ווי אויף א שקלאפן־מארק דעם פראָצענט פאר עמיגראציע. דאָס הייסט, מלוכות דינגען זיך אויף צו קענען פטור ווערן פון אונז אין א וואָס גרעסערער צאָל. דער וואונדער נאטירלעך איז ניט אויף די רשעים, וואָס מאכן ביי זיך אין דער היים אונז נמאס דאָס לעבן און פארוואנדלען עס אין א גיהנום, נאָר אפילו די רואיקע דעמאָקראטישע לענדער טוען דאָס אויך אויף אן איידעלן אופן. עמיגראציע! וואָס פאר א ציניש איראָניע! דאָס איז דאָך פשוט געצוואונגענע עמיגראציע, ווייל מען מאכט ענג דאָס לעבן און מען מוז לויפן וואוהין די אויגן טראָגן, און דאָס אלץ אונטערן קאָנטראָל פון פעלקער־פארבאנד, דער העכסטער טריבונאל פון יושר. דער עיקר, ס'פעלט דער שאגת־ארי, דער לייבן־ברום פאר די באזן פון יושר און אמת, ווייל ס'פעלט די אלף־בית דערקענטעניש, אז מיר זיינען ניט קיין שטיף־קינדער נאָר גלייך בארעכטיקטע בעלי־בתים מיט אלעמען, ניט נאָר ווייל מיר האָבן געבויט די וועלט גלייך מיט אלעמען, און פיליכט מער, ווייל מיר זיינען דאָס עלצטע און אקטיווסטע פאָלק, נאָר מיר זיינען קינדער פון דער וועלט, און די מאמע וועלט איז מחויב צו זאָרגן פאר אונז. אויף דעם איז זי דאָך א מאמע וואָס וואַרפט קיין קינדער ניט ארויס, אפילו ווען זיי פירן זיך אויף ניט גוט.

דאָס זיינען די עיקרים וואָס אפילו די בעסערע וועלט האָט זיך פאַר־געסן אָן זיי און האָט פאַרלוירן דעם בעסערן חוש צו פאַרשטיין און אין דעם טאַקע ליגט דער אומגליק. מיר וואָלטן געליטן און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, עס איז אָבער א סכנה דאָס וואָס די וועלט ווערט אטראָפירט און פאַר־טעמפּט וואָס ווייטער מער. זיינען דען די באַגריפן פון מאָראַל און יושר ניט אונטערגעוואָרפן דער דיעטע פון געוואוינהייטן? איז דען ניט דאָס וואָס מענטשן, אפילו פון דער העכסטער מדרגה פון רחמנות און הומאַניטעט, עסן פלייש פון בעלי־חיים און ביי זיי ציטערט ניט אויף קיין איין נערוו פון באַ־וואוסטזיין, אז זיי פאַרניכטן לעבנס? און אָט דער דאָזיקער געפיל ווערט פאַרלאָשן און פאַרשטיקט אונטער דער אש פון געוואוינהייט...

און וואָס קען ערגער זיין און זינדיקער ווי דער קאָנצעפּט, וואָס גייט אריין אין אינטערנאַציאָנאַלער עטיק צו ניט אריינמישן זיך אין די אינער־לעכע ענינים פון יעדן לאַנד. און דאָס איז גילטיק אויך פאַר דער עמפינד־לעכקייט פון דער פעלקער־ליגע. אלזאָ, ווען מיר גייען פאַרביי א הויז און הערן דאָס כאָרכלעריי פון א פאַרשטיקטן גאָרגל אונטער דעם מערדערס האַנט, טאָרן מיר זיך ניט אריינמישן אין יענעמס רשות. זייער א שיינער זיט פון העכערער דערציאונג, אָבוואָל מען קען דערמאָנען די הערן, אז אין 1901 יאָר האָבן זיך אריינגעריסן אַלע מלוכות פון אייראָפּע, אין דעם רשות פון דער הימלישער אימפעריע, כינע, און האָבן דאָרטן געבאַלעבאַטעוועט אויף וואָס די וועלט שטייט, זיי האָבן אפילו אָנגעטאָן א היפּשע ביסל שאָדנס און במחילה דעם בעל־הבית אליין גוט אָנגעבויקערט און צעביילט און אַלץ צוליב דעם אויסרייד, אז ער שלאָגט די אויסלענדער, אָדער ער שלאָגט קריסטן, אלזאָ, קריסטן טאָר מען ניט שלאָגן, נו, און וואָס איז וועגן אידן?

דער שלום איז, אז מען מעג שלאָגן אידן, מען מעג פאַרניכטן א גאַנצע אומה, וואָס גייט אָפּ מיט איר אייגענער בלוט פון א צוויי־יאָריקן בירגער־קריג, און מען מעג דערשטיקן א שטילן און רואיקן, אָן אָפּגעזונדערטן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט, ווי דאָס איז עטיאָפּיע, נאָר דאָס וואָס עס איז אבסאָ־לוט פאַרבאָטן, ווייל דאָס געהערט צו „העכערער מענטשלעכער עטיק" און איבערהויפּט צו „זיטלעכקייט און בעסערע דערציאונג" איז, אריינגיין צו יענעם אין הויז, ניט אָנקלאַפּנדיק אין טיר...

וואָס איז די אורזאַך? פון וואַנען נעמט זיך דאָס אזא ירידה פון אונ־זער עפּאָכע אין אזא קורצער צייט? איך מיין, אז די הויפּט סיבה איז וואָס אונזער יאָרהונדערט איז א מלחמה־קינד, א חתן־דמים. בלוט פאַרדאַרבט און פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ און אַלע מענטשלעכע געפילן.

„ביעור חמץ" על פי נוסח אשכנז

דעם 10־טן מאי האָט די היטלעריסטישע רעגירונג באשטימט פאר „בעור חמץ". די דאָזיקע מצוה איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אלע דקדוקים און געהעריקע חומרות. עס איז פאַראויס אָנגעוויזן געוואָרן א פלאַץ אין צענטער פון דער שטאָט בערלין, נישט ווייט פון די תחומים וואו עס געפינען זיך די פארשיידענע אוניווערזיטעטן, פאורדעכמיקע פלעצער וואו עס זאמלען זיך פארשיידענע מיני חמץ, דער אמתער „שאור שבעיסה", די יורונג פון מוח, די זויערטייג פון געדאנק, נאָך פון דעמאָלסט, ווען מיט די דאָזיקע אוניווערזיטעטן האָבן פארוואלטעט פראָפעסאָרן פון דעם אלטן דייטשן טראַדיציאָנעלן קולטור־קאליבער, פון דער אלטער ירושה פון איינגעפונדעוועטער בעל־הביתישקייט וואו דער דאָזיקער „חמץ" האָט זיך געפונען לרוב, ווי צום ביישפיל אין די צייטן פון פיכטע און קאנט, גרויסע פראָדוקטאָרן פון חמץ, וועמענס טייג עס האָבן אויך געקנאָטן די אידן שלמה מיימון, הערמאן כהן און א גאנצע פלעיאדע אידישע פראָפעסאָרן ביז דער לעצטער צייט.

אין דעם היסטאָרישן טאָג, פון בדיקת חמץ, האָט מען צונויפגעפירט ביז 20 טויזנט ביכער, אונטער דער השגחה פון היטלער־צדיקים, אין וועמענס פרומקייט מען האָט ניט געקאָנט צווייפלען, און עס איז נישט געווען קיין חשש, אז זיי וועלן חלילה עובר זיין איבער א דין פון שלחן ערוך, און איבערהויפט, אז ביי זיי אליין אין זייער גבול זאָל זיך געפינען א שמץ חמץ. דער עלטסטער דיין פונם היטלעריסטישן ראבינאט, מורנו ר' געבעלס, האָט אליין, פארגלאָצנדיק די אויגן צום הימל, געמאכט די ברכה „על מצות ביעור חמץ" און נאָך די אלע יהי־רצון'ס על פי נוסח אשכנז, האָט ער געהאלטן א דרשה פאר א ריזיקן עולם, אָן עין הרע, פון צדיקים, יראים ושלמים, וועלכע האָבן זיך געציילט אין צענדליקער טויזנטער. ער האָט זיי געלערנט און מסביר געווען דעם גרויסן איסור פון חמץ, אז פאר חמץ במשהו, פארן קלענסטן ברעקעלע חמץ, וואָס עס פארוואלגערט זיך ערגעץ וואו, פאר איט־

לעכס שטיקל געדאנק אויסגעזייערט אין מארך, און איבערהויפט פון אידישן מוח און גייסט — קומט כרת־יארן; און אז דייטשלאנד דארף בלייבן חמץ־ריין; נאכהער האט ער געלערנט זיינע תלמידים אלע דינים און הלכות און ווי אזוי מען דארף זיך נוהג זיין ביי דעם. לויט די דאזיקע אזהרות וועט מען זיך שוין נוהג זיין איבער דער גאנצער מדינה. וואו עס פעלן ניט אויס קיין פרומע היטלעריסטן און משגיחים, וועלכע זאלן אכטונג געבן אויף דער כשרות.

פאר אונז אידן, וועלכע האבן שטענדיק אפגעשאצט ווי געהעריק די לאגע און אויף איין מינוט זיך ניט געלאזט פארפירן פון דער אילוזיע, אז די שנאה צו אידן מיט אירע העצעס זאל זיין נאר א בדרך־אגב־מיטל, א ביי־לאגע און עפעקט צו דער היטלעריסטישער פאליטישער פראגראם, און אז ווען ער וועט קומען צו דער מאכט וועט די אידנפיינטשאפט זיך שטעלן אין שאטן; נייערט מיר האבן פארשטאנען און געפילט, אז די שנאה אן און פאר זיך, איז א פראגראם, ניט קיין פאליטישער נאר א ארגאנישער, אן איינגעווארצלטער און איינגעוואקסענער אין א גרויסן טייל פונם דייטשן פאלק נאך פון זיין אורשטאם, באוואסערט און באמיסטיקט פון דעם וויסנ־שאפטלעכן אנטיסעמיטיזם נאך פון ימי שטעקער. אונז, זאג איך, דארף נישט איבערראשן די גאנצע שרעקלעכע פראצעדור פון דעם ביכער־ברענען.

די איצטיקע אייראפעאישע וועלט, און איבערהויפט די אמעריקאנער, וועלכע זיינען נאך קינדער אין פארגלייך מיט דעם „ישראל סבא", דאס 4 טויזנט־יאריקע פאלק, זיינען אויפגעציטערט געווארן. זייערע אייגענע גע־שיכטלעכע דאטן פארצייכענען זייער ווייניק אזעלכע פאלן און דעריבער זיי־נען זיי אזוי איבערראשט געווארן.

מיר, אבער, האבן שוין בייגעוואוינט פיל אזעלכע פאלן, מיר האבן דאס געפילט אויף אונזער אייגענעם רוקן אייניקע מאל, נאך אין דער צייט פון אנדרינוס קיסר, און שפעטער אין מיטלאלטער אין פארשיידענע לענדער. פאלגלעך, איז דאס פאר אונז ניט אזא גרויסע איבערראשונג.

עס דארף אבער געזאגט ווערן, אז דער לעצטער פאל פון קאניבאלישן איזדיעקעווען זיך איבער דער קולטור, איז א ווייסטע אפשפיגלונג פון די אמאליקע היסטארישע פאלן, וועלכע זיינען אין פארגלייך צו דעם לעצטן — א קינדער־שפיל.

די פריער אויסגערעכנטע היסטארישע פאלן האבן דאך פארט גע־טראגן א רעליגיעזן כאראקטער. דאס איז געווען א פאנאטישער בארבאריזם

אין דעם גדר פון פארבלענדעטע מענטשן, וועלכע א גרויסער טייל, חוץ די פארמאסקירטע גלחים, האָבן אויף זייער אופן געברענט אפיקורסישע ביכער, אָדער ספרים פון א פרעמדן גלויבן, וואָס זיינען לויט יענע אויפפאסונגען אויך געווען אפיקורסיש, דאָס הייסט, אז אין נאָמען פון גייסט, — זאָל זיין א ווילדן, א בלינדן, — האָט מען געברענט א פרעמדן קולט, לויט זייער מיי־נונג, א שעדלעכן און פארפירערישן. אָבער דער היטלעריסטישער אויטאָ־דע־פע איז דאָך סאדיסטישער באנדיטיזם, וועלכער האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. און דאָך — דארפן אונז נישט וואונדערן דאָס שוידערהאפטע און עקלהאפטע שפייען אויף מענטשלעכן גייסט און ווירדע.

מיינע ארגומענטן וועלן אפשר קלינגען פאראדאָקסאל - פלפולדיק, נאָר דאָך האלט איך און בין טיף איבערצייגט אין זייער פסיכאָלאָגישן אמת. איך וויל דאָס באגרינדן.

אונזער אלטער אידישער תלמודישער קאָדעקס זאָגט, אז מען בא־שטראָפט נאָר פאר דער גרעסטער עבירה, דעם וואָס איז באגאנגען צוויי עבירות, איינע א הארבערע און איינע א גרינגערע, אויך די מאָדערנע יוריס־פרודענץ פון אלע פעלקער אין אונזער צייט לויטעט, אז ווען א פארברעכער האָט אויסגעשטאָכן א מענטשן די אויגן און נאָכהער אים דערשטאָכן ביז טויט, ווערט ער באשטראָפט נאָר פאר דער גרעסערער עבירה.

אין באצוג צו דרך ארץ פארן בוך און אלגעמיינע קולטורעלע קנינים, האָבן מיר פון שטענדיק אָן געהאט דעם פאָרצוג. פארן טיטל „עם הספר" האָבן מיר באצאָלט א שרעקלעך טייערן פרייז: גאנצע מחנות פון קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם און האָבן זיך געלאָזט פאר־ברענען אויפן שייטערהויפן. דער דאָזיקער גייסט איז אין פארלויף פון די דורות אריינגעדרונגען און דורכגעפילטרירט געוואָרן אין די בלוטן פון דער גאנצער אומה, ביז די פראָסטע פאָלקס־שיכטן. דערמיט דערקלערט זיך די באציאונג פון אונזערע מאמעס, באָבעס און פאָלקס־מענטשן אפילו פון די, וועלכע האָבן קוים געקאָנט דאווענען, צו שמות און פסולע ספרי־תורות, וועל־כע מען פלעגט מקבר זיין און זיך מתעסק זיין ביי זיי ווי מיט הלויות.

עס איז אָבער נאטירלעך, אז די זעלבע פארערונג צום בוך און גייס־טיקע ווערטן, וואָס ווערט פארבלייבן אויף שטענדיק אומאָפשיידבאר און א אינטעגראלער טייל פון אונזער גייסטיקן „איך", זאָל אין אונזער צייט זיך אויספורמען אין א מער רואיקער און זאכלעכער און ראציאָנאַליסטישער בא־

ציאונג, אראָפּוואַרפנדיק דעם מיסטיש־ראָמאַנטישן שלייער און התלהבות. אַזוי אַרום וועלן מיר קאָנען אָפּשאַצן די זאַכן ניכטער און אָביעקטיוו.

איך וויל פעסטשטעלן, אַז די שרפה פון ביכער דורך די נאַציס, האָט באַרירט נאָר אונזערע עסטעטישע געפילן און האָט אַרויסגערופן עקל; אָבער ווייניקער, ווי ביי דער איבעריקער וועלט.

עס וואָלט אונז באַרירט גלייך מיט אַלעמען ווען דער פאַל פּאַסירט ערגעץ אין יאַפּאַן אָדער סיאַם, וועמענס קולטור און הומאַניטעט שטייען אונטער אַ פראַגע־צייכן. איצט, אָבער, ווען דאָס האָט פּאַסירט אין היטלער־דייטשלאַנד, איז די האַנדלונג אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ, און איז מינדער־וויכטיק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר לעבן דורך צוליב דער אויסראָ־טונג פון דייטשן אידנטום.

ביכער, זיינען דאָך ניט מער ווי דער עקסטראַקט, דער תמצית פון דער מוח־שאַפונג, און דאַן ווען מען פייניקט יעדן טאָג מיט ענויים קשים לע־בעדיקע מענטשן; ווען מען שפּאַלט די קעפּ פון צענדליקער אידישע דענקער, וועמען עס איז נאָך נישט געלונגען צו ניצול ווערן פון דעם היטלעריסטישן גיהנום, וואָס קאָן אונז דאַן אַרן די אַבסטראַקציע? וואָס באַדייט דען דער אידיאָטישער אַטענטאַט אויפן מענטשלעכן גייסט, וואָס באַהערשט רוים פון שאַפונג און, וואָס איז אומבאַזיגבאַר, דאַן ווען מיר געפינען זיך פּנים אל פּנים מיטן חורבן פון 500.000 לעבנס?

ביי אונז איז שוין אַן אַלטע איינגעוואָרצלטע עגאָאיסטישע איינגשאַפט צו מכבד זיין מיטן אויבנאָן זיין עקסעלענץ — דאָס לעבן, „כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא", אויפהאַלטן דאָס לעבן אפילו פון אַ יחיד, איז ביי אונז פאַררעכנט ווי אויפהאַלטן אַ גאַנצע וועלט. אַ פּשיטא שוין וויפל וועלטן האָבן די רשעים חרוב געמאַכט און צעטרייסלט זינט דער היטלעריסטישער אַפּערע!

און ווען דער העכסטער טריבונאַל פון דער היסטאָריע וועט זיך באַ־שעפטיקן מיטן היטלער־פּראָצעס און וועט אים משפטן לויטן שטרענגסטן קאָדעקס פון קרימינאָלאָגיע, וועט ער אַריבערגיין איבער דער שרפה פון די ביכער ניט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף דעם, שטיצנדיק זיך אויפן פּאַראַגראַף „קם ליה בדרבא מניה".

דער לעצטער פאַרברעכן איז אַ רעזולטאַט און המשך פון דעם ערשטן, און איז זיין לאָגישע מסקנא, די טרייב־קראַפט פון דעם זעלבסט־שוץ־אינסטינקט פון פאַרברעכער, צו באַהאַלטן די שפּורן פון זייער פאַרברעכן.

קרימינאַל־ריכטער, דעטעקטיוון, מומחים פון קרימינאַל־פּסיכאָלאָגיע, וואָלטן אוודאי אויפגעזוכט דעם קאָמפּלעקס פון די פאַרהעלטעניש. מערדער, נאָכן באַגיין א מאָרד, זוכן צונויפקלייבן איטלעכס שפּור פון בלוט און מאָרד, צו פאַרניכטן און אָפּמעקן אַלע שפּורן, און ביי דער פּראָצעדור פון באַהאַלטונג און פאַרניכטונג באַגייען זיי זייער אָפט נייע פאַרברעכנס, אָפט קעגן זייער ווילן, נאָר געשטויסן דורכן אינסטינקט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג.

דער פּילפּאַכער היטלער־פאַרברעכן, די שיטה וועלכע איז געבויט פון אָנפאַנג אָן אויף געוואַלט, פאַראַט און באַטרוג, ליגנס און אוואַנטורע, און די קאַמפּס־מיטלען: אָפּראַמען פון וועג אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו, סאָציאַל־יושרדיק, און דאָס פאַרשפּרייטן גיפטיקע שנאה צו אידן און פאַרניכטן זיי, טרייבט דערצו, צו אויסראָטן סיסטעמאַטיש אַלע עדות און שפּורן. און כל זמן עס וועלן זיך געפינען ווערק פון דורכשניטלעכן סאָציאַלן יושר, געזעל־שאַפטלעכער מאָראַל און פון וועלכע עס איז שפּור פון גייסט־קריטיק, ליטע־ראַרישע אָפּהאַנדלונגען, סטאַטיסטישע דאַטן, וועלכע דעקן אויף פאַר דער וועלט די געשיכטע אין פאַרלויף פון די לעצטע 10 יאָר היטלעריזם, קאָנען די נאַציס נישט בלייבן רואיק.

עס איז אויך צו דערוואַרטן, אַז זיי וועלן נישט בלייבן שטיין ביי דעם, און אַז זיי וועלן זיך קייקלען, וואָס ווייטער אַלץ מער און מער באַרג אַראָפּ צום תהום פון זינד און פאַרברעכן, און אויב זיי האָבן ביז איצט געפירט א געוויסע שיטה, אַן אויסגעהאַלטענע ליניע פון געמיינהייט, וועט זיך וואָס ווייטער און ווייטער אָנהויבן דער וועג פון זיג־זאַגן און פאַרקרימונג, צום שאָדן פון די אייגענע אינטערעסן און צו דער פאַרשנעלערונג פון דער פול־שטענדיקער אייגענער מפּלה.

אָט די השערות ווערן געשטיצט מיט דער לעצטער אויסוויקלונג פון די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען, דורך פאַרשיידענע פּאָליטישע מיסיעס דורכגעפאַלענע אויף אַלע פראָנטן: גערינגס פּלאָפּלעריי, בלינדע עקשנות און קרענקלעכער חוצפּה; ראָזנבערגס עזות אין בריטאַניע, און שאַכטס נישט גע־לונגענע שליחות אין נאָרד־אַמעריקע. א גאַנצע ריי פון אומפּעאיקייט, טאַקט־לאָזיקייט, ניט קאָנענדיק זיך באַהערשן און נישט פאַרמאָגנדיק דעם קלענסטן דיפּלאָמאַטישן אויסדויער, טראָגט דער בלוטיקער פאַראינטערעסירטקייט אין א בעסערער שטימונג און פריינטשאַפט פון די מלוכות. דאָס זאָגט עדות אויף דעם פולשטענדיקן פאַרלירן פון קאָפּ און דאָס פאַרשליסן פאַר זיך אַליין דעם אַרויסגאַנג.

לויט פּראָגנאָזן פון דער וועלט־פּרעסע, האַלט עס איצט ביי ערב א נייעם קאָנפליקט, א נייער וואולקאַן און מלחמה־גיהנום. נישט לאַנג נאָך האָט דער „היטלעריזם" געפונען אָנהענגער אין אייניקע ליבעראַלע מלוכות, וועלכע האָבן וואָרשיינלעך צוליב וואַקלעניש, זוכנדיק אַן ארויסגאַנגס־פּונקט צו זייערע אייגענע שווערע מלוכה־פּראָבלעמען, זיך געשלאָגן מיט דער דעה צו אַדאָפּטירן דעם ראָזיקן ממזר־קינד אין די אייגענע שטאַטס־פּראָגראַמען, און אין מאָמענטן פון יאוש האָבן זיי נישט געפילט, אז דעם דורשט קאָן מען נישט שטילן מיט קעראָסען, און דעם הונגער — מיט סם.

זיי האָבן שוין אָבער אָנגעהויבן אויסצוניכטערן זיך, און זיי באַגרייפן דעם טיפן אומגליק און סכנה, וואָס דער היטלעריזם באַדייט. אויף דעם צייגט די אומפּריינטשאַפט און פאַרדאַמונג מצד אייניקע לענדער, איבערהויפּט ענגלאַנד און נאָרד־אַמעריקע, די ביז לעצטנס, פריינטלעכע צו דייטשלאַנד. אביסל שפּעטלעך זיך ארומגעזען. עס זיינען שוין פאַראַן סימנים פון א פייער־אויסברוך. עס פילט זיך שוין רויך, די אַטמאָספער איז אָנגעלאָדן מיט שטיקנדע גאַזן; און אויב עס וועט נישט געלינגען אויסצומיידן א נייע מלחמה, וועט דאָס, ווייניקסטנס ליקווידירן א וועלט־מגפה, וואָס רופט זיך „היטלעריזם".

די ביכער זיינען פאַרברענט, אָבער דער חמץ איז ניט אויסגערוימט. עס איז, ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן, „גווילין נשרפים ואותיות פורחות", נאָר דער פאַרמעט אָדער פּאַפּיר ווערט פאַרברענט, די אותיות און זייער אינהאַלט, דער גייסט, פאַרבלייבן.

טייער וועט דייטשלאַנד באַצאָלן פאַר די שייטערהויפנס, וואָס דער היטלעריזם האָט אָנגעצונדן.

זיי קוילען מענטשן און האלדזן און קושן קעלבער

„זובחי אדם ועגלים ישקון" — הושע ב'

די פוילישע רבנים האבן פראקלאמירט א תענית אלס פראטעסט קעגן געפלאנטן פארבאט פון שחיטה.

די דאזיקע י ד י ע ה איז פון דערשיטערנדיקער באדייטונג. זי איז קורץ און פילזאגנדיק. א קורצע פאר ווערטער, אבער זייער היסטארישער זין און אורשפרונג ציען זיך פון זייער ווייטע צייטן, וואס קניפן אן מיטן לאנגן עבר, די ווארצלען שטאמען נאך פון קדמונים אן, — די אלטע שנאת ישראל ראסט ניט און ווערט ניט פארזשאווערט, זי האלט אן די גרעסטע געפער־לעכסטע גראדוסן וואס דערגרייכט ביז פאטאלאגיע און פארמעסט זיך צו גרייכן ביז דער פארברעכערישער שכורער תאוה פון פולשטענדיקער פאר־ניכטונג פון אונזער געביין.

די דאזיקע בלוטיקע שנאה איז ניט נייע אין איר תוכן און מהות, זי איז ניט מער ווי א פארברעכערישע קאפיע פון אנטיכוס און אנדרינוס צייטן, די גזירה אויף מילה און אלע הארבסטע איסורים פון דער תורה. די זעלביקע לויט מאטיוון פון לפנים וועגן טראגן זיי א מענטשלעכן צביעותדיקן הומא־ניטארן כאראקטער, אבער אינערלעך, גרינטלעך איז דאס געמיינע קנאה און שנאה און ווילן טרעפן אין צענטער פון די קדשי האומה, אין הארץ וואו עס זיינען קאנצענטרירט די עיקרים פון אמונה, פון דער אידישער רעליגיע, וואס דאס איז די פיזאנאמיע, דער צלם אלוקים פון אידישן פאלק. דערי־בער האבן די אוראייניקלעך פון די אלטע רוימישע עמלקים אויסגעקליבן בכיון און פארמעסטן זיך צו שלאגן אונז טאקע אין דעם צלם אלקים, אין דעם פילבארסטן ארט, אין פנים גלייך, ווייל דארטן פילט מען מער דעם ווייטאק און עס איז גרעסער די חרפה, ווען מען גייט ארום מיט אן אויסגע־פאטשטן פנים.

די ענדעקעס, די פוילישע נאכפאלגער און תלמידים פון דער נאצישער

היטלעריסטישער אנטיסעמיטישער תורה, ווילן דורך דער גזירה אויף שחיטה אויספירן זייער גאנצן אָנגעצייכנטן סטראַטעגישן פּלאַן: ערשטנס איז דאָס א המשך פון דער לאַנגער קייט פון פאַרגוואַלטיקונג און רויבן ביי אונז אַלע קוואַלן פון עקאָנאָמישע מיטלען, די יסודות פון פרנסה פון אַלע לעבנס־צווייגן און עס אדורכפירן מיט פאַרשיידענע מיטלען, סיי דורך קאָאָפּעראַטיווע ווי דורך פּראָסטע באָיקאָטן פון פּאָגראָם־כאַראַקטער.

שחיטה איז אָבער אַזאַ צווייג, וואָס זיי האָבן צו איר נים קיין שליטה — ווייל זי איז אָפּגעצוימט פאַר זיי דורך טראַנשייען און שטעכיקע דראָטן פון ריין אידישע רעליגיעזע געזעצן; שחיטה, בשר כשר, אינערלעכע רעגלאַמענטן, אָפּגעזונדערטע, וואָס זיינען שייך נאָר פאַר דער אידישער וועלט, און דאָס איז דאָך א באַזונדער קאָמערציעלער צווייג און א קוואַל פון פרנסה, וואָס איז באַוואָרנט און אָפּגעשלאָסן ווי א נאַטירלעכע פעסטונג אַרומגערינגלט מיט בערג, טייכן און סקאַלעס וואוהין זיי קענען מיט געוואַלט נישט אַריינדרינגען. דאָך האָבן זיי געפונען דעם אויסרייד, אַז אונזער אופן פון שעכטן איז ווייניק הומאַן פאַר די נאָבעלע זשענטלליים; אונטערן אויסרייד פון צער בעלי חיים פאַרבאָטן זיי אונז די שחיטה און במילא וועט דער ספּעציעלער אידישער פלייש־פאַרקויף בטול ווערן און עס וועט אַריבער צו דער אַלגעמיינער קאָמערץ, דאָרטן וואו עס עפנט זיך פאַר זיי ווידער א פרייע וועלט, וואו זיי קענען אקטואירן פריי מיט אָפענע הענט און ווילקיר־פאַרגוואַלטיקונג, פון באָיקאָט־העצעריי און „קאָאָפּעראַטיוויזם”. וואָס ווערט באַנוצט פאַר פּאָליטיק.

דער אָפיציעלער מ א ט י ו איז דער היפּאָקריטישער אויסרייד, אַז שחיטה איז צופיל אכזריותדיק און זיי, די ענדעקישע בעלי רחמים און נאָבעלע נשמות קענען נים צוזען ווי מיר האָבן נים קיין איינזעעניש און פאַרשטענדעניש פאַר צער בעלי חיים.

דער דאָזיקער מאָטיוו איז באַליידיקנד ביז טיפן וויטאָק. די שאַנדע איז אַזוי פילבאַר און טרייסלט אויף אונזער נשמה אין אַלע אירע טיפסטע פיברען נים ווייניקער ווי דער געמיינער ליגן: אַז מיר זיינען אכזרים, וואָס מיר מוזן זיך אונטערוואַרפן דעם קאָנטראָל פון דער העכערער הומאַניטאַרישער שולע פון רחמים און רחמנות פון די ענדעקישע צדיקים, אַז זיי זאָלן אונז לערנען א פּרק אין צער בעלי חיים, ווייל זיי, די אויבנגעזאָגטע רביים אונזערע, וואָס ווילן אונז לערנען מדות טובות און מוסר, זיינען דאָס די

אמתע בעלי רחמים, און נעמען אונטער זייער שוץ די בעלי חיים, נעבעך, וואָס ווערן פון אונז שלעכט באהאנדלט.

עס איז איבעריק צו דערקלערן פאַרן גרעסטן טייל פון אידיש־דענקנדע אידן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן מיטגעמאַכט דאָס לעבן פון אידישע ישובים און סביבות, אַז ווען רחמנות וואָלט געווען אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל אין דער וועלט, וואָלטן מיר געווען זיינע גרעסטע צושטעלער און מיר וואָלטן געקאָנט איינטיילן ניט נאָר פאַר די יאַנקעס און קאַזימירס, די פּאַן טאַדעאושס און זבישקעס, נאָר מיר וואָלטן געקאָנט מהנה זיין אַנדערע אַ סך העכער קולטורעל־שטייענדע פעלקער, מיט טראַדיציעס פון רחמנות און מיטגעפיל. מיר זיינען שוין אפשר גאָר ווייט פאַרגאַנגען אין פעדאַנטישקייט פון רחמנות. עס איז באַוואוסט פאַר די, וואָס האָבן אַמאָל געלערנט עפּעס, אַז אונזער אַלטע ליטעראַטור, דער תלמוד און מדרשים — זיינען איבערגעפּולט פון „הקב״ה חס על הבריות״; עס זיינען דאָ גאַנצע פּעק מיט דינים, רעגלאַמענטן און איסורים און חומרות און אַלע פון רחמנות־כאַראַקטער, אפילו בשר וחלב אין זיין אורשפּרונג פון „לא תבשל גדי בחלב אמו״ איז צוליב רחמנות און דערציאונגס־מאָטיוון און דאָס איז אויך דער מאָטיוו פון „שלוח הקן״ און „לא תחסם שור בדישו״, עס איז פאַרוועבט אין יאַגד אומצובריינגען אַ בעל חיים נאָר צוליב פאַרגעניגן.

די איסורים אויף בלוט דערגייען ביז איבערגעטריבנקייט, ווי צ. ב. דאָס זאַלצן פלייש כדי צו אַרויסציען דעם לעצטן תמצית הדם, איז מילד גערעדט נאַאיוו, איבערהויפּט אין אונזערע צייטן, מורא צו האָבן פאַר בלוט ביז שגעון... אָבער וויפל הויכע דערציאונג עס ליגט אין דער האַלב אַסקעטישער דערציאונג? און וויפל מענטשלעכער דענקען עס ליגט אין דער באַגרינדונג פון אַ פשוטן פּסוק, וואָס דאָס איז די פּאָפּולערע לעקציעס פון אידישן המון, וואָס האָט מעביר געווען די סדרה פון וואָך „לא תאכלו דם כי הדם היא הנפש״? בלוט איז דער תמצית פונם זיין, פונם וועזן.

און טאַקע פון דער פאָלקס־דערציאונג צוליב אַזעלכע מאָטיוון, שטאַמט דאָך אייגנטלעך די אידישע שחיטה, וואָס זוכט צו פאַרמינערן דעם צער פון בעלי־חיים און אויסמיידן די פּראָצעסן פון בלוטיקער הענקעריי, וואָס קאָנען אויסגעמיטן ווערן.

אונז לערנען רחמנות! פאַרווערן די שחיטה אַלס אַן אכזריות׳דיקער טויט־מיטל פון בעלי חיים! און די „מיתה יפה״ פון די ענדעקעס איז דען מער פאַסנדער און מענטשלעכער?.. דאָס איז דער איינציקער מאָטיוו פון

שהיטה־פארבאָט? דאָס איז מער ווי צביעות, עס איז א ציניזשער אָפּלאכן, א לועג לרש. און דער רש איז אין דעם פאל טאקע דער זעלביקער, וואָס פאר־באָטן אונז שחיטה אין נאָמען פון רחמנות, משטיינס געזאָגט! דאָס איז די גרעסטע איראָניע איבער אים אליין, איבער זיין אייגענער גייסטיקער אָרימ־קייט און געפאלנקייט.

צו אזעלכע פריידיקער פון רחמנות־געפיל איז מער ווי צוגעפאסט די תלמודישע איראָניע פון „טובל ושרץ בידו". האלטן א שרץ אין האנט און שפּרינגען אין מקוה צו טובלען זיך.

איר ענדעקישע רחמנים בני רחמנים! טייערע שלאכטעס מיינע! ביי אייך זיינען דאָך נאָך פריש די דערינערונגען פון אמאָליקע פּעאָדאלע צייטן ווען אייערע טאטעס האָבן געוועלטיקט איבער די פּויערים ווי איבער בהמות, האָבן זיי פארשמיסן ביזן טויט. א שמיץ טאָן מיט א בייטשל איבערן פּנים איז דאָך פאר זיי געווען ניט מער ווי א לייכטער וויץ, ווי ביי א הומאָריסט שרייבן א לייכטן פעליעטאָן. איר, וואָס זיינט אליין איינגעטונקען אין זינד פון איבערגעטריבענער גאוה און שנאת ישראל נאָך פון די צייטן פון אייערע יאגעלעס, זיגמונדס און קאזמירס, וואָס פלעגן אונז מוזן נעמען אונטער זייער אפּוטרופּסות כדי צו אָפּווענדן אונז פון די שטארקע שלאכציצקע אפּע־טיטן צו רויב, פּאָגראָמען און גלאט רציחה.

און שפּעטער, ווען איר האָט שוין פארלאָרן אייער מלוכהשע זעלבסט־שטענדיקייט און זיינט שוין אליין געווען פארשקלאפט ביי די רוסישע צארן, האָט איר נאָך דאָך געהערשט און געבאלעבאטעוועט איבער אונז, באליי־דיקט, דערנידריקט און פארשקלאפט דעם טייל אידישע באפעלקערונג, וואָס האָבן געוואוינט אין אייערע באצירקן — און ביי דער ערשטער געלעגנהייט ווען עס איז נאָר געווען א גינסטיקער מאָמענט דערצו האָט איר געמאכט אויף אונז פּאָגראָמען. אין די מלחמה־צייטן האָבן מיר געליטן אלס א הוספה צו אייערע שוין דאן אָרגאניזירטע באָיקאָטן, אויך אייערע בלבולים און מסירות, אז מיר זיינען שפּיאָנען סיי פאר די דייטשע אָקופּאנטן ווי פריער פאר די רוסישע און דאָס האָט אונז געקאָסט צענדליקער לעבנס.

שפּעטער, ווען איר זיינט אויפגעריכט געוואָרן ביים פרידנס־טראק־טאט, און זיינט באפרייט געוואָרן פונם רוסישן יאָך, און זיינט אריין אין דעם אלגעמיינעם אָרקעסטער פון פרייע פעלקער, זיינען מיר געווען פון די, וואָס האָבן אייך אויפריכטיק באגריסט און האָבן זיך געפרייט מיט אייער פרייהייט, ווייל מיר זיינען אליין גרויסע פארערער און באזיצער פון דעם

שארפסטן חוש פאר פרייהייט; און שוין דאן אינם האָניק־חודש פון אייער נאציאָנאלער באפרייאונג, האָט איר שוין פאָגראָמירט אידן אין דעם אייגענעם ערשט באפרייטן לאנד.

שפעטער, ביי דער אָרגאניזירונג פון אייער נייעם שטאָטלעכן לעבן אין א מלוכה־אפאראט און פארלאמענט, און אלס א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך, אז פארן דריי מיט א האלבן מיליאָניקן אידנטום האָט מען געמוזט אויך געבן עטלעכע בענקלעך אין פארלאמענט, איז דאָס געווען נישט מער ווי א המשך פון א נייעם פאָגראָם. מען האָט אונזערע פארטרעטער באליידיקט און געפייניקט אין פארלאמענט גופא, און אזוי איז שוין 15 יאָר, אז אונזערע קאָנגרעס־לייט שטייען אויס ענוים און טאָרטורן, דאָס געהערן צו אייער פארלאמענט איז ניט קיין ערן־שטעלע נאָר אן אָפּקומעניש, א קרבן פון יחיד לטובת דעם אייגענעם כלל, ער מוז בייזיין און קעמפן אָדער ריכטיקער געזאָגט, מציל זיין אויף וויפל עס איז מעגלעך פון די גערויבטע רעכט אין דעם „במקום המשפט שם הרשע".

און וואָס ווייטער ווערט אונזער לאגע אין פוילן אלץ מער אומדערטרעגלעכער. דער אנטיסעמיטיזם צעוואקסט זיך מיט זיין גאנצער ברייטקייט צווישן אלע שיכטן פון פאָלק און ווערט א פאָליטישע פארטיי־פלאטפאָרמע; מען נעמט צו סיסטעמאטיש אלע קוואלן פון פרנסה, מען האָט דערפירט דעם פוילישן אידנטום צו דעם, אז א מיליאָן מיט א האלבן נפשות מוזן אָנקומען צו צדקה; מיר ווערן בארויבט און געגזלט אין גאס און אין מארק, אין פארלאמענט און געריכט, און אין די העכסטע טריבונאלן. יאָרנלאנג שמאכטן אין די תפיסות אונזערע יונגעלייט פארן זינד פון פארטיידיקן זיך, און דער העכערער געריכט איז איינזייטיק און פארטיידיקט די אינטערעסן פון די תקיפים, דער פאראט און באטרוג צו אונז איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז מען פאָגראָמירט אויך אונזערע קינדער אין די טעמפלען פון וויסנשאפט, אין די אוניווערזיטעטן, וואו עס ווערט געשאפן א געטאָ פאר אידן, אידישע פּראָפעסאָרן ווערן בלוטיק באליידיקט אויף דער הויך פון זייער קאטעדרע גופא.

היטלעריסטישע תורה און חוצפה פייפט אין גאס אָפן און פריי, די עפנטלעכקייט איז אנטיסעמיטיש, העצעריש־אָנגרייפנדיק, פאלש און פארקויפט. די אטמאָספערע איז פארגיפטעט אויך פאר דער צוקונפט, עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג. — ווייל דער צוקונפטיקער דור איז פארסמט מיט זיין דערציאונג. די צוקונפטיקע וויסנשאפטסלייט, די לערער, פּראָפע־

סאָרן, אקאדעמיקער, ריכטער, פּאָרשער, זיינען דאָך די היינטיקע סטודענטן, וואָס מאכן פּאָגראָמען, רייסן בערד ביי אידן, שלאָגן און ממיתן?

און אָט די אַלע, אָט דאָס גאנצע שלעכטע געזינדל וואָס האלט אין איין פּייניקן אונז מיט גזירות, ענוים, פּאָגראָמען און מאַטערן אונזערע מאסן מיט הונגער דורך די שטענדיקע באָיקאָט־אָרגאניזאציעס, אָט די בעלי רחמים האָבן זיך עס אויפגעקליבן אין נאָמען פון יושר און רחמנות אויף גאָטס באַשעפענישן און ווילן דאָס אסרן שחיטה צוליב צער בעלי חיים...

קען דען זיין א גרעסערע איראָניע? דאָס איז א סך מער ווי איראָניע; דאָס איז ציניש קאלטע רציחה, אָפענער סאדיזם, האָבן הנאה ווי מענטשן קאָרטשען זיך פון ווייטאָק. מען טאָר ניט שעכטן א בעל חיי מיט א מעסער, ווייל עס איז א רחמנות אויף דעם בעל חי און א שאָד: דאָס מעסער וואָס דאַרף געברויכט ווערן אויף צו קוילענען מענטשן...

עס זיינען פאַרגיפטעט געוואָרן די געפילן, זיי זיינען אטראָפירט געוואָרן פון צופיל רציחה, וואָס הערשט אין דער גאנצער וועלט, פון מענטש צו מענטש, און א פּשיטא שוין אין באצוג צו אונז.

די גזירה אויף שחיטה באַרירט נישט נאָר דעם קרייז, וואָס מען נעמט ביי זיי צו דעם ביסן פון מויל, וואָס אָן שחיטה וועלן זיי זיך מוזן אָפּזאָגן פון עסן פלייש, נאָר דאָס באַרירט אפילו די טיילן פאָלק, וואָס זיינען ניט מקפּיד אויף כשרות, ווייל דאָ מערקט זיך די בייזע כונה — דער אטענטאט אויף אידישקייט בכלל. ווייל שחיטה געהערט דאָך צו די עיקרים פון אידישקייט, און פון אונזער אורשפּרונג אלס פאָלק, זיינען די אָרגאנישע יסודות פון דער רעליגיע פאַרבונדן מיטן פאָלקס לעבן. רעליגיע איז ביי אונז אָרגאניש צוזאמענגעוואקסן ווי א סיאמער צווילינג מיטן נאציאָנאליזם, און דאָס באַגרייפן אַלע, סיי מאמינים ווי פרייַדענקער. — און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אז די גאנצע אידישע וועלט, שליסט זיך אָן אינם פּראָטעסט, אויך די דאָזיקע וואָס וועלן ניט פאסטן.

אין דעם גוזר־תענית זיין איז ניט שווער צו געפינען א חוץ דעם ריין רעליגיעזן מאָטיוו אלס מאָס און מאסשטאב, וואָס איז פון שטענדיק אָנגענומען געוואָרן אין אָן עת צרה, אויך אָן אלגעמיין מענטשלעכן זין, וואָס ווערט געברויכט אויך אין אונזערע צייטן, און דאָס איז דער זין פון הונגער־שטרייק, וואָס ווערט באנוצט אין תפיסה ביי פּאָליטישע ארעסטירטע; א פּראָטעסט קעגן געוואלט, קעגן ברוטאלן כוח דאַרף זיך אויסדריקן אין דער

פאָרם פון מאָראַלישער קראַפט. נישט עסן איז דער סימבאָלישער ביטול היש, דער היפּוך פון עסן וואָס איז אזוי ערדיש גשמיותדיק און וואָס איז דער אריינטריט אין דער טיר פון אלע זינד און פארברעכנס.

עס איז אינטערעסאנט וואָס אויף די גרעסטע טיראַנישע הערשער און רעגירונגען ווירקט הונגער־שטרייק, און נישט איינמאָל ווערן טיילווייז באפרידיקט דורכן דאָזיקן מיטל די פאָדערונגען פון די שטרייקער.

דאָס איז א סימן, אז אין איטלעך פינסטערער נשמה ברענט דאָך א וועלכע עס איז צאנקנדיקער נר אלהים.

איז ער שוין אינגאַנצן אויסגעלאָשן אין דער נשמה פון דער פּוילי־שער ענדעציע?

המערת פריצים היה הבית הזה ? !

מעדיצין איז פון די עלטסטע וויסנשאפט־צווייגן אין דער וועלט, און איז די מער אנערקענטסטע פון אירע איבעריקע וויסנשאפטס־שוועסטער, צו־ליב איר אוממיטלבארקייט און דרינגענדיקער אוטיליטארער נויטיקייט. זי האט קיינמאל נישט געדינט אלס אביעקט פאר דער פלוגתא: צי האט די וויסנשאפט בכלל געבראכט גליק דעם מענטשן, אדער דאס לעצטע ווארט האט דער „נוח שלא נברא משנברא".

מעדיצין איז קדמון, נישט קיין סך יונגער פון דעם אדם הקדמוני, דער פרימיטיווער מענטש תיכף נאך זיינע ערשטע גלגולים, ווען ער האט זיך נאך געפונען מיט איין פוס אין זיין וויגעלע און מיט דער צווייטער באר־וועסער פוס אויפן באדן פון זיין. די שווערע תנאים פון זיין געבורט, פיין און ווייטיקן האבן געבארן זיין פלג גוף. דאס איז — די רפואה. דעריבער עקזיסטירט מעדיצין ביי די פרימיטיווסטע פעלקער נאך, און רופאים, דאק־טוירים זיינען אין זייער מהות געווען די בעסטע הומאניטארסטע מענטשן און זיינען געאכטעט געווען אפילו ביי די ווילדסטע, אכזריותדיקסטע הער־שער. ביי די מוסולמאנישע קאליפאטן, און ביי די טיראנישע צעזארס, האבן אידישע דאקטוירים פארנומען א בכבודיקן פלאץ און זיינען געווען געשעצט און גוט באהאנדלט.

מעדיצין איז שטענדיק געווען די פרייסטע זעלבסטשטענדיקע וויסנ־שאפטס־רעפובליק צווישן אלע וויסנשאפטן, ווען די לעצטע האבן זייער אפט זיך געפונען אין גלות ביי די הערשער און וועלט־מאכטן און האבן געטראגן קייטן פון אונטערטעניקייט און פארשקלאפונג אונטער די שווערע רעזשי־מען, און דאן, ווען די קונסט אפילו, די בת־השמים, איז געווען א האלבע שקלאפין און א האלבע גובערנאנטין צו זייערע קאפריזן און פארלאנגען, א „חצי עבד וחצי בן חורין", דעמאלט נאך האט די מעדיצין זיך געפונען אפגעצוימט פון אלע פארגוואלטיקונגס־ווירקונגען, זיך באוועגט פריי און

געשאַפן אייגענע אויטאָנאָמע געזעצן, אַן אייגענע עטיק, האָט זיך דער־נערט און געזויגן דירעקט פון דער מאַמע־מענטשהייט.

און דעריבער איז מעדיצין פאַרבליבן אַלס דער סינאָנים פון הומאַני־טעט. עס ווערן אָפּגעמעקט די גרעניצן פון קלאַסן און פראָנטן, מלחמה־פירנדיקע לענדער, ביי וועמען צונעמען, באַרויבן דעם קעגנערס לעבן איז דער ערשטער געבאָט פון מלחמה־תורה, ווערט אָבער אין דער זעלבער צייט די העכסטע, אַנערקענטסטע, אינטערנאַציאָנאַלע פליכט צו היילן דעם שונאס פאַרוואונדעטן, ווען ער פאַלט אַריין אין זייער לאַגער אַלס אַ געפאַנגענער. דאָס איז דער קעגנגיפט, די מדת הרחמים, וואָס ראַנגלט זיך מיטן מדת הדין, אַרויסצורייסן דעם רויב פון דער לעצטערס נעגל, כל זמן דאָס איז אין איר רשות.

דער פרויען־פּערסאָנאַל, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט די חולאים רופט זיך — באַרמהערציקע שוועסטער. די מעדיצינישע עטיק פאַרפליכטעט דעם דאָק־טאָר צו היילן דעם אייגענעם אַטענטירער אַפּילו. דאָס איז אפשר דער שענסטער ווידערשפּרוך און פּאַראַדאָקס קעגן מענטשלעכע געמיינהייטן, אַ „זה לעומת זה עשה אלהים", און דאָס איז דער געזעץ פון קאָמפּענסאַציע, דער תקון, דער קרבן עני פון דער אָרימער מענטשהייט, כדי „שלא יחזיר את העולם לתוהו". דער שותף פון דעם כביכול במעשה בראשית, וועלכער מאַכט אַלערליי לינקע געשעפטלעך אויסער דער געשלאָסענער שותפות, וויל אַמאָל דאָך יוצא זיין פאַרן שותף, צו האַנדלען לויט דעם כתב שותפות, אַביסל, אַ שמעק טאַבאַק פון רחמנות, „מה אתה רחום, אף אני רחום" און האָט געשאַפן אַן עיר מקלט, וואו מענטשן זאָלן קענען אַנטלויפן פון שלעכטס און געמיינהייט.

אַזאַ אַנטרינונג האָט געזוכט אַ נאַאיווער אידישער יונגערמאַן אין אַ פּריוואַט, לויטן אָפּיציעלן אַדרעס אויף דער גאַס קאָרדאָבאַ, אין דער שטאָט פון די „גוטע לופטן", אין „קליניק־האָספּיטאַל", אַן אמתער עיר מקלט און היכל פון וויסנשאַפט און פון מעדיצינישער נאָך, דעם מקור פון רחמנות, דעם בית היוצר, רעזערוואואַר וואו עס שמידן און קאָכן זיך אויס צוקונפ־טיקע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, אונטער דער השגחה פון אַ מלאך רפאל. דער יונגערמאַן האָט אויסגערעכנט, אַז דאָס לאַנד געהערט טאַקע צו אַר־גענטינער, נישט פאַר די אויסלענדער (עקסטראַנכעראָס, רוסאָס־כודיאָס, לויטן לעצטן נוסח פון אַ הערשנדיקער מיינונג, צום גליק פון אַן אומבאַ־דייטנדיקער מינדערהייט), אָבער לכל הפחות קרענקען מעג דאָך אַ איד־

אויך, מעג ער זיך ווענדן צו די אינסטיטוטן, וועלכע דארפן — לויט זייער באַרוף — אָפּשאַפן דעם פּאַספּאָרט־סיסטעם. און דאָ ליגט טאַקע זיין טעות, פאַר וועלכן ער האָט נעבעך צו טייער באַצאָלט.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אין די שפּעטע נאַכט־שעהן דערפילט שווער קראַנק אָן מעדיצינישער הילף, האָט זיך געווענדעט אין אויבנדערמאָנטן שפּיטאָל, צו די דאָקטוירים און סטודענטן. די מלאכימלעך, די קומענדיקע רפאלס, און זיי האָבן זיך צו אים אַ נעם געטאָן, און אויפן אָרט פון געבן אים די נויטיקע באַלדיקע הילף, האָבן זיי אים פעסט איינ־געבונדן און געפּייניקט; מיט אַלע מעגלעכע אינקוויזיציע־מאַשינען און טאָר־טור־אינסטרומענטן האָט מען אַרויסבאַקומען דעם צונג און מען האָט זיין אָפענעם מויל מטמא געווען מיט פלשתים־ערלות. די פלשתים פון יענער צייט זיינען זיכער אויף אַזעלכע עקלהאַפטע געמיינהייטן נישט געווען פע־איק. נישט וועלנדיק זיך אַריינלאָזן אין ווייטע השערות, וויל איך נאָר זיך שטיצן אויף מיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען, אַלס עדות פון דער רוסי־שער סאָלדאַטן־ספערע, אין וועלכער איך בין געווען אַ ניט־פּריווילעקער מיטגליד, איך האָב געלעבט אין דעם טיפסטן זומפּ פון סאָלדאַטשינע און קאַזאַטשינע, זייער אַ „סימפּאַטישער" פעלקער־בונד, און איך פאַרזיכער, אַז דאָרטן האָט אַזעלכעס ניט געקענט פּאַסירן.

איך וויל נישט אויסדריקן מיט דעם, דעם צער פון אידיש־נאַציאָנאַלע פאַרשוועכטע געפילן. די געמאַלנקייט פון די אוניווערזיטאַריער איז צו טיף און דעם תהום אפילו צווישן אונז, דורכשניטלעכע אידן, און צווישן די דאָ־זיקע ברואים, איז צו גרויס, אַז זיי זאָלן קענען דערגרייכן צו אונזער ערנ־געפיל. איך וויל נאָר זיך אָפּשטעלן אויף דער געפערלעכער דערשיינונג, די קראַנקע סימפּטאָמען פון דעקאַדענץ.

איך פיל מיך באַליידיקט אַלס מענטש און אויף וויפל איך בין אַ שותף מיט דעם אַרגענטינער פאָלק, זייענדיק אַ בירגער־לאַטענט, הגם אָן דאָקו־מענטאַלע און גאַס־שרייענדע אַטריבוטן, וועלכע גיבן לעגאַלע רעכט אויף בירגערשאַפט... נידעריקייטן. עס איז פאַרדריסלעך צו קענען פעסטשטעלן אַזעלכע בולטע סמנים פון צופאַלנקייט, ביי אַ געזונטן פאָלק מיט אמתע שיינע טראַדיציעס פון דעמאָקראַטיע, גלייכהייט און מענטשלעכע באַציאונגען ביז דער לעצ־טער צייט נאָך.

ליידער איז דאָס נישט קיין צופעליקייט, נאָר אַ גאַנצע נעץ פון קראַנ־קע סימפּטאָמען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין פאַרשיידענע פאַלן, איי־

נע פון די, וואָס איז צוזאַמענגעפאַלן מיטן לעצטן איז, דאָס פאַרשמירן מיט סמאָלע דעם אידישן טעמפּל פון גאַס ליבערטאַד, אָן עקלהאַפטער צוזאַמענ־טרעף פון צופאַלן, אָן איראָניע איבער דעם סימבאָל פון דער גאַס „ליבער־טאַד״ — מענטשלעכע פרייהייט.

פון שענדן שילן האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער היטלעריזם. די שוואַרצע פלעקן אויף דער שיל קענען נישט באַרירן דעם אינהאַלט פון דער שיל. נאָר זיי זיינען שוואַרצע פּאָקן־פלעקן פון דעם אַר־גענטינער, דערוויל נאָך געזונטן, אָבער וואָס ווערט ביסלעכוויז אָנגע־שטעקט פון קראַנקע און געפערלעכע באַצילן, אויב די ארגענטינער בעסערע מענטשן וועלן זיך נישט פאַרטראַכטן ערנסט וועגן דעם. געוויינלעך איז דער פאַל פון קליניק־סקאַנדאַל פיל ערנסטער, וויילדאָס האָט פּאַסירט מיט דאָק־טוירים, וויסנשאַפטסמענער און סטודענטן, וועלכע זיינען דאָס האַרץ פון דעם פאָלק, ווען דאָס האַרץ איז שוין אַטאַקירט, ווערט די זאַך זייער ערנסט. און ווען דאָס טרעפט אין דער קליניק ביי דער אוניווערזיטעט, רייסט זיך אַרויס מיט געוואַלט דער אַמאָליקער נביאישער רוף: „המערת פריצים היה הבית הזה?!״ האָט דען דער מעדיצינישער פאַקולטעט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַנדיטן־הויז?!

אומטאָלעראַנץ פון יוסטיץ

דער ענין „שרה ליפּעץ״ טראָגט זיין דראַמאַטישן קאָלאָריט און הינטער־גרונט, וואָלט ווארשיינלעך פאַר דער עפנטלעכקייט דורכגעגאַנגען אַלס אַ געוויינלעכע דערשיינונג פון כמעט, טאָג־טעגלעכן לעבן, וואו אַ יחיד ווערט צומאָלן אונטער די רעדער פון יורידישער אָפיציעלער גערעכטיקייט, ביים צוזאַמענטרעף פון צוויי וויט דיפערענצירנדיקע כוחות: פון איין זייט אַ איד, און פון דער צווייטער זייט די אָפיציעלע הערשנדיקע קאַטוילישע רעגירונג. עס וואָלט נישט כדאי געווען אָפּצושטעלן זיך אויף דעם, דאָס איז דאָך נישט מער ווי די ניקל־מטבעות פון די ריזיקע סומעס פון עוולות און אומ־גערעכטיקייט אין באַצוג צו אונז. דאָ איז אָבער וויכטיק נישט דער פאַקט אַליין, נאָר די געפערלעכע סימפּטאָמען פון דער כראָנישער קראַנקהייט, מיט איר אַלטן קלאַסישן נאָמען „קנאת הדת״, דאָס זיינען די שוואַרצע פּאָקן, וועלכע האָבן די אייגנשאַפט צו באַווייזן זיך דורך נישט באַדייטנדיקע שוואַר־צע פלעקן, און ברענגען אָבער פאַטאַלע צעשטערנדיקע רעזולטאַטן.

אין די וויטע פאַרגאַנגענע עפּאָכעס אין מיטן פון דער פּראָצעסיע פון משיחטום — סיי דער משיח אין אַ היטל מיט אַ לבנה־קאָקאַרדע, מוחמד, און סיי דער קריסטלעכער משיח מיט די הימל־שטראַלן, וועלכע סימבאָלי־זירן מענטשן־ליבע און הימלישע קעניגרייך — האָט מען אינם וועג פון זייער אויסלייזונג דער מענטשהייט און די פאַרשפּרייטונג פון דער גרויס־קייט פון גאָטס נאָמען זיך געבאָדן אין טייכן בלוט פון די נישט־גלויביקע, און דעם גרעסטן חלק פון דעם בלוט האָבן מ י ר ג ע ג ע ב ן.

די אויבנגעזאָגטע סימפּטאָמען זיינען געווען פּאָפּולער און אָפן פאַר אַלעמען, און האָבן געדויערט ביז דער עמאַנציפּירונג פון די פעלקער, מיט אַן ערך אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק.

ביי די שאַפונגען פון די שטאַטלעכע קאָנסטיטוציעס איז צווישן דעם צעטל פון פּאַפּירענע פרייהייטס־בריקן פון אַלע קאַטעגאָריעס, אויך אַריין פרייהייט פון געוויסן און גלויבן.

פון דעמאָלט אָן ווערט אַ מאָדע און אַ באַווייז פון זיטלעכקייט און גוט דערצויגנקייט — טאָלעראַנץ פון רעליגיע. אַבסאָלוטע רעליגיעזע אומטאָלע־ראַנץ פלעגט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ שלעכטן טאָן.

די אָפּערע ליפּעץ, האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין איר געוויינ־לעכן שטייגער, לאַנגזאַם, שטיל, גראַדליניק, ביז איר פאַרנייגונג, ביז דעם קולמינאַציע־פּונקט פון סקאַנדאַליעזקייט.

די משפּחה ליפּעץ, אַן אָרנטלעכע אידישע פאַמיליע: ער, אַן אַרבעטער, אָן איידעלער איד, נאַציאָנאַל געשטימט, האָט פאַרמאָגט אַן איינציקע טאָכ־טער, אַ געראָטן פעאיק קינד, וואָס האָט זיך גוט געלערנט, די עלטערן האָבן זאָגאַר געזאָרגט פאַר איר אידישער דערציאונג, אָנפאַרטרויענדיק דעם אי־דישן לערער משה רובין, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן דעם קינד, אַלס פעאיקע און קלוגע.

דאָס קינד באַקענט זיך מיט אַ פרוי אַ שכנה, אַ קריסטן פון קאַטוילישן גלויבן. און דאָ הויבט זיך אָן די אַנטוויקלונג פון דער פאַמיליען־דראַמע. אַ קריסטן, אַ גלויביקע קאַטאָליקן, מיט מיסיאָנערישע טענדענצן, ריין קריסט־לעך־קאַטוילישע, מיט גרויס ליבע צו מענטשלעכע נשמות און אומדערמיד־לעכער שטרעבונג צו באַשיצן זיי אונטער די פליגל פון דער שכינה און דעם הימל־קעניגרייך, אין דעם עולם שכלו טוב, און במילא האָט דאָך דער זינ־דיקער לעבן קיין ווערט נישט, און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דען דאָס צעברעכן און צערייבן עטלעכע לעבנס פון מענטשן־שטויב אין אונזער וואָ־כעדיקער, זינדיקער וועלט, אין פאַרגלייך מיט דעם ראַטעווען איין נפש, אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע, ברענגען איר אין דער רו פון קריסטלעכע הימל־אַטמאָספערעס.

די מיסיאָנערקע פירט אַוועק שרה ליפּעץ אין אַן אַגענטור פון דער הימ־לישער וועלט, דאָ הי, אין אַ קאָנווענט אָדער מאָנאַסטיר, זי ווערט דאָרט געטובלט און געלייטערט מיט די מים טהורים און דאָס קינד ווערט אַ קאַ־טאָליקין.

די עלטערן בעטן מען זאָל דאָס קינד צוריקגעבן אין זייערע אָרעמס, פון וועלכע מען האָט עס מיט געוואַלט אַרויסגעריסן, אַ מינדעריעריק קינד, וועלכע נויטיקט זיך אין די עלטערנס באַשיצונג און דערציאונג. (זי איז איצט אַלט 19 יאָר און איז שוין זייט צוויי יאָר אינטערנירט). זיי ווענדן זיך צום פּראָטעקטאָר פון מינדעריעריקע און ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ, שטיצנדיק זיך אויף דעם פּרינציפּ פון פרייהייט פון געוויסן און רעליגיע.

א שיינער פאראדאקס! אין נאמען פון פ ר יי ה יי ט — ארויסרייסן מיט געוואלט א קינד ביי די עלטערן, פארשפארן אין א קאנווענט אונטער שטרענגער דיסציפלין, אין דעם מאנאסטיר־רעזשים פון גאטס מיליץ, און פארשקלאפונג פון גייסט. און אט דאס הייסט פ ר יי ה יי ט פ ו ן ג ע וו י ס ן!

שפעטער קומט א גאנצע רייע רעזאלוציעס פון העכערע געריכטס־אינ־סטאנצן, פון דעם געריכטס־אויבער־פראקוראר און צולעצט די סאנקציע פון דעם העכסטן געריכט, ד. ה. פון דער העכסטער אינסטאנץ. עס ווערט גוט־געהייסן די האנדלונג פון דער ערשטער אינסטאנץ. די הארמאנישע צוזא־מענטרעפונג פון דעם הסכם איז א בולטער פירוש אויף די ווינטן, וועלכע בלאזן אין די אפיציעלע ספערן פון יוסטיץ.

דאס אידישע פאלק, אלס שעפער און אריגינעלער באגרינדער פון גאט־הייט און רעליגיע, האט שטענדיק, אין פארלויף פון זיין לאנגער היסטאריע, אנגענומען „פרייהייט פון רעליגיע" אלס הויפט־פרינציפ און לעבנס־תורה. „ילך כל איש בשם אלהיו", זאל איטלעכער גיין מיט זיין גאט, אבסאלוטע פרייהייט פון געוויסן. שפעטער, ביי העכערער קולטורעלער אנטוויקלונג, איז מען מער ווייטגייענדיקער און עס ווערן אנגענומען מיטלען צו באשרענקען און שווער מאכן דעם איבערגאנג צו אידישקייט דורך גר'טום. אויפן ארט צו פאנגען נשמות ווי די פליגן דורך סם, פארזיסט מיט צוקער, איז געווען א חוב פעסטצושטעלן פארן קאנדידאט אויף גר די שוועריקייטן פון אונזער רעליגיע, און נאר דורך די שטרענגסטע עקזאמענס איבער דעם אבסאלוטן הסכם און רצון פלעגט מען זיי אננעמען, אבער אן חשק, איבער געוואלט, און נאר צוליב דער הנחה פון א העכערן פרינציפ פון געוויסנס־פרייהייט.

די דאזיקע דעפיניציע ווערט באשטעטיקט מיטן תלמודישן מאמר „קשים גרים לישראל כספחת", גרים זיינען נישט אנגענעם אזוי ווי קרעץ.

צו דער באציאונג צו גרים, קען — חוץ די אויבנדערמאנטע פרינצי־פיעלע באגרינדונג פון געוויסנס־פרייהייט — אויך צוגעגעבן ווערן נאך א מער פראקטישע סברה און אידישע פקחות. ס'לוינט פשוט נישט דער גע־שעפט פאר ביידע נאציעס, סיי פאר די פון וואנען דער גר גייט אוועק און סיי פאר דעם פאלק צו וועלכן ער שטרעבט אריינצוגיין. איטלעכער איז דאך כמעט א פארדעטער און דעזערטיר פון דעם אוועקגייענדיקן לאגער. א אי־דישער גר איז — א גויאישער משומד פונקט ווי די זאך איז ביי דעם היפוכדיקן פאל. אין רוב פאלן פאראורזאכן נישט אזעלכע בירגער קיין היזק

מיט זייער אוועקגיין, פונקט ווי זיי פאַרשאַפן נישט קיין נחת ביי זייער אריינטרעטן.

מיר באַציען זיך אויך נישט טראַגיש צו די וועלכע פאַרלאָזן אונז. מיר נעמען דאָס אָן פאַר א נאַטירלעכער דערשיינונג. אַן אַראָפּגעפאַלן בלעטל פון אונזער בוים, פון דעם גזע, שטאַם.

געזונטע, פרישע בלעטער האַלטן זיך פעסט און דערנערן זיך פון דער זאַפט און וויטאַליטעט, פון דעם שטאַם און זיי ווערן נישט אָפּגעריסן, סיידן דורך גרויסע שטורם־ווינטן; נאָר אָפּגעדאַרטע בלעטער, וועלכע האָבן אויפגעהערט צו דערנערן זיך פון שורש, פאַלן אָפּ.

נישט אומזיסט ווערן מיר געטאַדלט פון דער אַנטיסעמיטישער וועלט, אַז מיר זיינען מאַטעריאַליסטן אַפילו אין באַצוג צו רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, אונזער תורה פאַרמאָגט פיל ראַציאָנעלע טעאָריעס, וועלכע שטיצן זיך נאָר אויף פּאָזיטיווע ערדישע אַרגומענטן. דער טאָג־לוין פאַר גוטע מעשים און טוגנט, ווערט איינגעצאָלט מיט קופּאָנעס פון „למען יאריכו ימיך על פני האדמה״, אָדער „ובחרת בחיים״. די אָבליגאַציעס ווערן געצאָלט מיט מזומנים דאָ און זיינען נישט אָפּהענגיק פון אָנווייזונגען צו די הימלישע בענק, און דעריבער טראָגן די בלאַנקען דעם אויפשריפט „שכר מצוה־מצוה״, די רעקאָמפּענסאַציע פאַר טוגנט איז, — די טוגנט זעלבסט.

דאַקעגן די קריסטלעך־קאַטוילישע וועלט איז אין גאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם הימלישן רעזשים און דירעקציע פון דעם יושב בשמים. דעריבער זיינען זיי אַזוי נישט עמפּפינדלעך פאַר די ערדישע שיקאַנעס, וועלכע זיינען נאָר פּראָוויזאָריש, ערדישע אומבאַקוועמלעכקייטן זיינען דאָך נישט מער ווי פּעדאַנטיזם פון קורצזיכטיקע; אויטאָ־דע־פע פייער איז דאָך נישט מער ווי א שוויץ־באָד; אינקוויזיציע־אינסטרומענטן דינען פאַר איבונגען און מאַסאַזשן, דאָס אַלעס זיינען דאָך נישט מער ווי הכנות פאַר דער בעסערער וועלט פון ליכטיקייט און אייביקן גליק.

די יעזואיטן זיינען עס געווען דעם כביכולס טראַנספּאָרטירער, וועלכע פלעגן אַריבערפעקלען די געפּאַנגענע נשמות איבערן גרעניץ פון דער ערדישער זינדיקער וועלט, אַהין אין דער בעסערער. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן צו בילדן די פאַרשיידענע אָרדנס, מיסיאָנערישע אָפּטיילונגען איבער דער גאַנצער וועלט, קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע, א. ד. גל. גרויסע אָרגאַניזאַציעס מיט א שרעקלעכער מחנה פון מיליץ און גענעראַלן, באַצאָלטע און

ספאָרט־לייט, אייניקע מיט גרויסע דעטעקטיוו־טאַלאַנטן, וועלכע פאַנגען יערלעך אַ באַדייטנדע צאָל נשמות.

עס מוז געזאָגט ווערן צו זייער שבח, אַז זיי זיינען נישט קיין גרויסע אויסקלייבער: די מציאות, וואָס קומען אָן צו זיי זיינען מערסטנטייל גאָר־נישט ווערט, דאָס זיינען אויסגעקוועטשטע לימענעס, מענטשן געטריבן פון נויט און אויפגעפרעסענע פון פאַררעטערישע באַצילן, מיט קראַנקע אָפּע־טיטן פון קאַריעריזם.

די אַלע אויבנדערמאָנטע מיסיאָנערן־אינסטיטוציעס ווערן געבילדעט פון יחידים דורכגעפאַלענע אין לעבן. דאָס זיינען כהנים, וועמענס כהונה ס'איז געפּסלט געוואָרן אינם לעבנס־באַרירונג, און זייער אַריינטריט אין די מיסיאָנערישע אָרדנס איז אַ רעזולטאַט פון בעלי תשובה אונטער דער צו־פּאַסונג צו דער אומפאַרמיידלעכקייט, אָבער די רעגירונגען, אַלס גאַנצע אין זייער שטאַטלעכן צוזאַמענשטעל, שטייען פון דערווייטנס פון דעם, הגם זיי, די גייסטלעכע, זיינען אין גרעסטן טייל געשטיצט פון די מלוכה־ביודזשעטן, איבערהויפּט די געזעצליכקייט פאַרהאַלט זיך נייטראַל. אַזוי איז עס געווען אין דעם לעצטן יאָרהונדערט אין אייראָפּע און איבערהויפּט אין ביידע אַמעריקעס.

ס'איז אַ גרויסע איבעראַשונג, וואָס די היגע אָפיציעלע יורידישע אינסטיטוציעס האָבן עפנטלעך, אָן קיין שום ריקזיכט, זיך געשטעלט אויפן צד פון אומטאָלעראַנץ און מיטהילף צו דער יעזואיטישער פונקציע פון נשמה־יאַגד.

די דיאַגנאָסטיקער פון אונזער צייט, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט די י ר י ד ה פון אונזער דור, וואָס קערט זיך אום צו די פינצטערע מיטלאַל־טערלעכע עפּאָכעס, וועלן האָבן צו פאַררעגיסטרירן נאָך אַ קראַנקן צע־שטערנדיקן סימפּטאָם, דאָס איז ק נ א ת ה ד ת.

דער העכסטער טריבונאַל, וועלכער איז דער באַראָמעטער פון זיין רעס־פּעקטיוון פאָלקס־געוויסן, האָט מאַרקירט אַ נידעריקן גראַד, די אַטמאָספער איז שווער אָנגעלאָדן מיט וואָלקנס פון אומטאָלעראַנץ.

דאָס איז די מסקנא, וואָס עס לערנט אונז דער „ליפּעץ־פּראָצעס".

די בויער פון
אונזער ישוב

●

אברהם (אהרן) אייבערמאן

ער איז שוין העכער א צענדליק יאָר טויט. ער איז פארשוואונדן פון אונזער אויפמערקזאמקייט אין תהום פון פארגעסנקייט, טראָץ דעם וואָס ער האָט אזוי געטריי און איבערגעגעבן געדינט דעם ציוניזם און דערצו א ליבער חבר און מענטש מיט טאקט, וואָס פארדינט דעם קלאסישן נאָמען „איש חמודות".

ער איז געווען א כוח־הדוחה און וויכטיקער גורם ביי די ערשטע טריט פון דער פאָר־געשיכטע פון דעם היגן אָרגאניזירטן ציוניזם.

אין יאָר 1907 איז ער דאָס געווען דער „יהושע", דער מיטהעלפער און תלמיד פון ר' יעקב יאָסעלעוויטש (בן יוסף) ז"ל.

מיטברענגענדיק פון זיין היים א שיינעם באגאזש אינטעליגענץ, אידיש וויסן און א ווארעמע נשמה מיט א סך ציוניסטישן פאטאָס, האָט ער זיי אלע געשטעלט צו דינסט פון ציוניזם און זיין אנטוויקלונג. ער איז געווען סעקרעטאר פון דעם דאן אזוי גערופענעם צענטראל־קאָמיטעט, און איינער פון די רעדאקטאָרן פון „די אידישע האָפענונג" אין וועלכער ער האָט זיך באטייליקט מיט לייט־ארטיקלען, ווי מיט סתם ארטיקלען און קאָמענטארן.

א באזיצער פון א שארפער פעדער, שיינעם און קלאָרן סטיל און טי־פער אָריענטאציע אין זאכן, איז אלץ וואָס עס איז ארויס פון זיין פעדער געווען אויפריכטיק און זויבער און זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענער קלאָר־קייט און לאָגיק.

און כאָטש ער איז בטבע געווען א ווייכער און רואיקער מענטש, איז ער דאָך אין זיינע ארטיקלען פיל מאָל געווען אָנגרייפנדיק־קעמפעריש. דאָס איז געווען דאן, ווען מען האָט געדארפט באקעמפן די אסימילאציע. ער האָט אויך שטארק רעאגירט אויף פראגן פון העכערער געזעלשאפטלעכקייט, ווען עס האָט זיך געמערקט אן אטענטאט פון אוזורפאטאָרס מיט פערזענלעכע

אמביציעס. ער האָט אויך געקעמפט פאר א בעסערן חינוך, און געוואכט איי־בערן ריינעם גייסט פון דעם באזעלער פּראָגראם.

צוליב פּריוואטע ענינים און דאגת הפּרנסה איז ער אריבערגעפאָרן אין פּראָווינץ און זיין נוצלעכע טעטיקייט איז איבערגעריסן געוואָרן. און ווען ער האָט זיך באלד נאָך דער סאן־רעמאָ רעזאָלוציע צוריקגעקערט, האָט ער איר שוין מער ניט באנייט. א מידער פון מלחמת־החיים, א יורד מנכסיו און גרויסער בעל־יסורים, האָט אים געפעלט מוט און צייט זיך ווידער אריינצו־ווארפן אין דער ציוניסטישער ארבעט און איז געבליבן שטיין פון וויטן.

אברהם (אהרן) אייבערמאן איז בטבע געווען פון די וואָס זיי געבן זיך אוועק אינגאנצן אָדער גאָרניט. ער איז אָבער ביזן טויט געבליבן אן איי־בערגעגעבענער ציוני און א חשובער טיפּ איד און מענטש.

דער שרייבער פון די שורות האָט אים מערערע מאָל איינגעלאדן צוריק־צוקערן צו דער ארבעט. זיין ענטפער איז אָבער געווען... שווייגן, און אָפט מאָל האָט אויך ניט געפעלט א טרער.

די סיבה איז פארבליבן זיין פּריוואט־סוד. ער איז געווען א צו איידעלע נאטור צו ארויסשטעלן אייגענע צרות אין שוי־פענצטער.

יוסף רייך

ער איז געשטאָרבן מיט געציילטע חדשים צוריק און האָט ניט זוכה געווען צו שטיין ביים אָפּשליסן דעם 25־יאָריקן יובילייִ פון אונזער היגן אָרגאַניזירטן ציוניזם, צו וועלכן ער האָט אַזוי פיל בייגעשטייערט מיט זיין געפיל, האַרץ, נשמה און נערוון.

יוסף רייך געהערט צו די ערשטע בויער פון היגן ציוניזם, שטייענדיק אויף האַרט ביי זיין געבורט.

איך ווייס ניט גענוי דאָס יאָר אין וועלכן ער איז געקומען אין לאַנד, איך ווייס נאָר, אַז וואוינענדיק אין קאָרדאָבאַ און אין ראָזאַריאָ, שטעט וואָס האָבן אין יענע יאָרן פאַרמאָגט געציילטע אידישע משפחות, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט דאָרט צו שאַפן ציוניזם.

זיין אמתע אַקטיוויטעט פאַנגט זיך אָן אין יאָר 1904, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן קיין בוענאָס איירעס. ער איז באַלד אַריין אין די רייען פון די געציילטע בויער פון ציוניזם און פון היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ער האָט זיך באַטייליקט אין יעדער געזונטער איניציאַטיוו און אומעטום האָט ער אַריינגעבראַכט זיין הייסן טעמפּעראַמענט, פול מיט אידישן און איבערהויפּט ציוניסטישן פייער, אַש קודש און ניט קיין אש זרה, וואָס ער האָט אַהער געבראַכט פון זיין היים פון אוקראַינע און פון זיין סביבה פון למדנים משכילים. אגב איז ער אַליין געווען אַ איד אַ בן תורה און משכיל.

יוסף רייך האָט פאַרנומען אָפיציעלע אַמטן אין דער שוין אָרגאַניזירטער ציוניסטישער פעדעראַציע אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר און אויך וויצע־פּרעזידענט. ער איז געווען דער גרינדער פון „די אידישע וועלט“ וואָס איז שפּעטער געוואָרן אונזער אָפיציעלער אָרגאַן.

זיינע פאַרדינסטן פאַרן היגן ציוניזם זיינען באַדייטנדיקע, אפילו אין משך פון דער צייט וואָס זיין אַקטיוויטעט איז געווען אַ באַגרענעצטע, צוליב דאגת־הפרנסה. אַלע מאָל איז געווען וויכטיק זיין קאָנטראָל איבער ציוניס־

טישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. אויף אַלץ האָט ער רעאַגירט און איז געווען דער „שאור שבעיסה״, וואָס האָט אָנגערעגט צו אַרבעט, און דערצו צו גוטער און נוצלעכער נאַציאָנאַלער אַרבעט.

יוסף רייך האָט מער פאַרדינסטן פאַר אומדירעקטער, ווי פאַר דירעקטער אַקטיוויטעט. ער איז געווען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, דער וועקזייגער וואָס האָט ניט געלאָזט פאַרשלאָפן קיין פּאַסיקע מאָמענטן פאַר מעשים.

אַלס מענטש מיט אַ ברויזנדיקער נאַטור פלעגט ער אַמאָל אָנגרייפן און דאָך האָט מען אים ליב געהאַט אַלס מענטש און חבר, ווייל מען האָט געוואוסט און מען איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון גרויסער איבערגעגעבנקייט.

איך האָב אַמאָל געהערט אַן עפּיטעט וועגן אים: „די שוויגער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע״. און עס איז ווייט ניט לגנאי, ווייל בייזע שוויגערס זיינען בטבע געטרייע און איבערגעגעבענע מאַמעס...

יוסף רייך ווי אברהם (אהרן) אייבערמאַן, ביידע פאַרנעמען זיי אַן אָנזיכטיקן פּלאַץ צווישן די בויער פון דעם היגן ציוניזם און בעסערער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

פאביאן הלוי

דעם 22־טן ד. מ. איז געקומען לקבורה א זקן מופלג, פאביאן הלוי ז"ל. זיינע עקזאקטע יאָרן זיינען ניט פעסטגעשטעלט, פונקט ווי פון אלע איבע־ריקע אידישע בירגער פון תחום המושב, ביי אמאָליקע אומאָרדנונגען אין די שטאַט־פארוואלטונגען און רעגיסטערס, וועלכע זיינען געווען אונטערגע־וואָרפן דעם ווילקיר פון די ראשי הקהל. ביי אזעלכע באדינגונגען האָט נאָר געקאָנט זיין א בערך'דיקע השערה פון די יאָרן, פיל מער געגויער איז געווען דער שטוביקער רעגיסטער פון די פאַטערס, אָדער אָפט פון די זיידעס, דאטעס וועלכע פלעגן פארצייכנט ווערן אויף די טאָוולען פון די מחזורים און אמאָל פון די משניותן.

לויט אלע דאטעס פון די מקורבים און פון די קינדער פון חשובן נפטר האָט ער שוין לאנג אריבערגעשטייגט די גרעניצן פון שנות גבורה און איז געווען קרוב צו תשעים.

צום מלאך המות, קאָן מען דאָ קיין איבעריקע טענות ניט האָבן. ער האָט אין דעם פאל אויסגעפילט זיינע פונקציעס לויטן באפעל פון העכערע אינסטאנצן, די אייזערנע געזעצן פון דער „אומפארמיידלעכקייט".

אויף זיין לויה זיינען געקומען עסקנים, שרייבער, בני תורה און סתם אינטעליגענטן. ספּאָנטאן האָט איטלעכער דערפילט דעם אינערלעכן דרך־ארץ צו אן אלטן תלמיד חכם, וועלכער האָט פארענדיקט די חשבונות מיט אונזער וועלט און האָט אונז פארלאָזט. עס איז ניט געווען קיין פלאַץ פאר עצבות און טרויער, נאָר פון טיפן ערנסט פאר דעם „זה הוא סוף כל האדם" און איבערהויפּט פאר דעם אינערלעכן און פון זיך זעלבסט ארויסגערופענעם אימפעראטיוו פון: „תנו כבוד לאוריתא ורבנן".

מען האָט געהערט א הספד פון א תלמיד חכם איבער א תלמיד חכם; זיין עלטערער זון ר' ישראל שרייבער הלוי, א שטענדיקער ספדן, א מומחה אויף דעם געביט, האָט אין דעם פאל געהאלטן א פאַרטרעפלעכן הספד, דאָס

איז ניט געווען געקינסטלט מיט מליצה און סקארבאָווע ציטאטן מן המוכן, נאָר אן אָרגאנטלעכע אָפּשאצונג, דיסציפּלינירטע ווערטער פון א תלמיד חכם, וועלכער מוז זיך אונטערוואַרפן די שטרענגקייט פון דער אידישער עטיק צו זאָגן נאָר דאָס נויטיקע און אמת׳דיקע אָן גוזמאות. עס איז געווען מער א דורכגעטראכטע און הארציקע תפלה און שיר הכבוד, א נשמה־אויסגוס מער פאר זיך ווי פארן עולם, א מאָנאָלאָג בקול רם.

דער צווייטער האָט גערעדט אין שפּאניש א יונגער סטודענט האָפמאן, הלוי׳ס א תלמיד אין העברעאיש. דאָס איז געווען א שיינע דיכטונג, פול מיט טעמפּעראמענט און אינהאלט, זיין אָפּשאצונג איז געווען אן עקזאקטע. ער האָט קאטאלאָגירט דאָס פּילזייטיקע וויסן פונעם נפטר, אין שפּראכן ווי אין ליטעראטור, אלס ידען פון די פילאָזאָפיעס פון רמב״ם און שפּינאָזא.

עס איז ווירקלעך געווען צוגעפּאסט דער קלאסישער אויסדרוק „נספד כהלכה״, די הספּדים נאָך הלוי׳ן זיינען געווען אין גייסט פון דער אידישער עטיק און דין, אָן באפארבונגען און באפּוצונגען, איבערהויפּט ווען די אמתע שבחים, דער מזומענער קאפּיטאל דעקט גענוג אויף ניט דאַרפן אָנקומען צו אויסגעבאָרגטע, עד לחשבונדיקע איבערטרייבונגען.

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף ביאָגראפישע דאטן פון פאביאן הלוי, זיי זיינען ניט וויכטיק אין דעם פאל. ביאָגראפישע דאטן וועגן משפחה און סביבה זיינען וויכטיק ווען עס האנדלט זיך וועגן א מענטשן א מנהיג, א קעמפער, דאַן איז וויכטיק צו וויסן דעם קוואל פון וואַנען עס האָבן זיך גע־נומען און אנטוויקלט זיינע דינאמישע כחות און שטויס־קראפט.

פאביאן הלוי איז געווען א איד א מלומד און מתמיד, א שטענדיקער תלמיד פון ספרים און ביכער (ער האָט אויך געשאפן תלמידים). זיין נאָענטע סביבה זיינען געווען די ביכער, ער איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון דעם יושב אוהל, וואָס איז „ממית את עצמו באוהל של תורה״.

ער האָט נאָך זיך געלאָזט פיל תלמידים אין אונזער מיט און וועמען אלע האָבן געקאָנט; ער איז געווען פון די פּאָפּולערסטע אידן אין ארגענטינע, און האָט ערלעך פארענדיקט מיט אונז זיינע חשבונות. „עס איז געווען און עס האָט געלעבט א מענטש און איז ניט געוואָרן״, מיט אזא רעזומען פון דעם „סוף כל האדם״ וואָלט זיך אפשר געקאָנט שליסן די פּריוואט־רעכענונג פון הלוי׳ן מיט דעם ספר החיים, איז אָבער די זאך, וואָס חוץ דעם פאביאן הלוי, א יחיד וועלכער האָט געלעבט און אקטואירט צווישן אונז און איז פארבליבן א שטיק געשיכטע, איז פאראן נאָך א הלוי — וועלכער

איז א פארטרעטער פון א גאנצער עפאָכע, וועלכע שליסט אויך אָפּ אירע חשבונות מיט אונז. דאָס איז די „השכלה־עפּאָכע" און הלוי איז געווען איר כאראקטעריסטישער רעפּרעזענטאנט אין דעם שענערן זין, ער איז איינער פון די לעצטע מאָהיקאנער.

הלוי האָט געהערט צו די דאָן־קיכאָטן, וועלכע האָבן געוואָלט שאפן א בריק צווישן דער מסורה און השכלה, דאָס איז די גאָלדענע קייט, וועלכע עס האָט זיך געצויגן פון דער רמב"ם־עפּאָכע ביז דער משכילישער, דאָס איז געווען א שווערע מיסיע: צו מזווג זיין די „אמונה הצרופה" — ווי זיי פלעגן זיך אויסדריקן — מיט דער „חכמה", און שפּעטער אין דער השכלה־עפּאָכע מיט — דער „השכלה בת השמים".

די דיסטאנץ צווישן די עפּאָכעס איז א צו גרויסע, און אין צווישן זיינען פאָרגעקומען גרויסע קולטור־רעוואָלוציעס אין דער אויסערלעכער ווי אויך פון דער אינערלעכער וועלט, פארשידענע רעפאָרמען־עטאַפּן, איבערהויפּט די מענדעלסאָן־תקופה, וועלכע האָט צוגעגעבן א באזונדערן קאָלאָריט און האָט ארויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון דער צייט. די ווינטן און טרוקענע אטמאָספער פון די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געווירקט אויך אויף אים און אריינגעבראכט א קריטישן גייסט, אנדערע אויפפאסונגען און א רעוויזיע פון רעליגיע־אָנגעלעגנהייטן, אונטער די נייע פאָרמען איז אָבער דאָך פארבליבן די אלטע מיסיע — מזווג זיווגים און בריק־שאפונג פון אידישער מסורה צו קולטור און וועלטלעכקייט. זייער א שווערע אונטערנעמונג, וועלכע האָט זיך דער השכלה־עפּאָכע איינגעגעבן נאָר טיילווייז, און דער מיטלאלטערלעכער אידישער פילאָזאָפישער עפּאָכע — כמעט גארנישט.

ס'איז געווען א שיינע עפּאָכע, א גרויסע גייסטיקע וועלט, וועלכע האָט זיך פארנומען מיט גרויסע אלמענטשלעכע פּראָבלעמען, געזוכט איינצופאסן זיי אין אידישער תורה, חכמה און מוסר. זי האָט פארלאנגט — ווי די השכלה־מליצה פלעגט דאָס אָנרופן — צו „עפענען די פענסטער" כדי די ליכטיקייט זאָל אריינדרינגען, א המשך פון דעם נביאישן אוניווערזאליזם און אידעאליזם. מיר זיינען קינדער פון א נייער עפּאָכע, א ווייט־גייענדיקערע, הגם עס איז א גרויסער ספק אויב פון א בעסערע, שטייענדיק אָבער אויף יענער זייט שוועל און באטראכטנדיק ווי די לעצטע מאָהיקאנער גייען אוועק איינער נאָך דעם צווייטן, ווערט אונזער הארץ אָנגעפולט מיט צער פונעם באוואוסטזיין, אז צוזאמען מיט די לעצטע פּיאָנערן ווערט חרוב די אלטע שיינע וועלט, און מיר רופן אויס: חבל על דאבדין ולא משתכחין!

ר׳ שלמה ליעבעשוץ

נאָך א פרישער קבר, א פריש בערגעלע ערד — א לאקאָנישער עדות פון פאראט צום לעבן, פון דער אומבאהאָלפנקייט פון דעם „יש״ און מענטש־לעכן וועזן. די באטריגערישע האנט פון טויט האָט ארויסגעשטויסן פון די פאָדערשטע אוואנגארד־רייען, איינעם פון די וויכטיקסטע קעמפער פאר אונזער רענעסאנס־באוועגונג, א מנהיג, א טריבון, ר׳ שלמה ליעבעשוץ.

ער איז געווען א מענטש מיט א ברייטפילנדער נאטור, באדייטנדיקער און פילזייטיקער קולטור, אן אָפּשטאמונג פון א שיינעם אידישן יחוס, און נכבד הרב אין לעטלאנד. די געאָגראפישע באצייכענונג איז דאָ וויכטיק צוליב די עטנאָגראפישע באדינגונגען. לעטלאנד איז חוץ א באצייכענונג אלס א נאָמען פון א מדינה, אויך אן און פאר זיך א באגריף, א קוואליטאטיווער תואר, זי פארמאָגט א פולבלוטיקע למדנישע און משכילישע שטאָלצע אידישקייט, אָן קיין שום צומישונג פון אסימילאציע און אין דער זעלבער צייט דעם גלאנץ און געשליפנקייט פון דייטשישער קולטור־סיסטעמאטישקייט. און די דאָזיקע שיינע מזיגה האָט געווידקט און געהאָלפן פאר דער באריי־כערונג פון זיין פערזענלעכקייט.

דער חבר ליעבעשוץ איז געווען א קענער פון אייראָפּעאישער און אי־בערהויפּט פון דייטשישער ליטעראטור און פילאָזאָפיע, — ער האָט געהאט גרויסע פארשטענדעניש פאר קונסט פון פארשיידענע צווייגן, איז געווען א איד א בן תורה און האָט פארמאָגט א אידיש משכילישע בילדונג.

דער צוזאמענמיש און אויסטויש פון אייראָפּעאישע ברייטוועלטלעכע און אידישע קולטורן האָבן זיך קעגנזייטיק אויסגעהאָלפן כדי צו שאפן צו־זאמען א שיינע טעזע פאר א שיינעם נאציאָנאלן, שטאָלצן אידן.

קולטור, וועלטלעכקייט און אידישקייט האָבן אין א פערפעקטן אופן זיך איינגעפאסט אין א שיינער ראם פון הארמאָנישקייט, דערמיט דערקלערט

זיך די פארשיידנקייט און פילפארביקייט פון זיינע פארערער. דער היקף פון זיין וועלט־פארנעם איז געווען ברייט און פארשפרייט.

דאס איז איינע פון זיינע הויפט־פארדינסטן, אן אדם המעלה מיט אזוי פיל אלמענטשלעכקייט־שטאף און אלוועלטלעכקייט, א פירוש פון דעם „זאת תורת האדם".

חוץ זיינע גייסטיקע אייגנשאפטן, וועלכע זיינען געווען אזוי מענטשלעך, איז ער געקומען אין פערזענלעכן קאנטאקט מיט זייער פיל מענטשן צוליב זיין טעטיקייט אויף פארשיידענע געביטן און צווייגן. ער איז געווען פון די ערשטע בויער פון אונזער געזעלשאפט, דער איניציאטאר פון דער „עזרה" — „אידישן שפיטאל". על כל צרה שלא תבוא אין דעם אל־אידישן לעבן איז ער געווען פון די ערשטע. אין דער צייט פון וועלט־קריג איז ער געווען פון די שעפער פון דעם „הילפס־קאמיטעט פאר מלחמה־ליידנדיקע", און איז געווען אין פארלויף פון עטלעכע יאר דער פרעזידענט פונעם קאמיטעט. צוזאמען מיט — דעם פאר אונז אומפארגעסענעם — זיין אומשיידבארן חבר בן־יוסף, האט ער אומדערמידלעך געבויט אויף אלע געביטן, פילאנטראפישע, קולטורעלע און איבערהויפט אויפן נאציאנאלן ציוניסטישן געביט.

איך האב אויסגערעכנט די וויכטיקסטע עפיזאדן אין זיין לעבן, עס איז פאראן נאך טעטיקייט פון ווייניקער וויכטיקייט, אבער וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר זיין פילזייטיקייט. כאראקטעריסטיש און אילוסטראטיוו איז — א שטילער עפיזאד אין זיין לעבן און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט: ער איז אין פארלויף פון יארן געווען א מאסאן און האט געהאט א ברייטן פארקער אין די בעסערע גויאישע קרייזן פון געלערנטע און ליבעראלע מענטשן, צווישן וועלכע ער האט געהאט פריינט. דאס איז א שטריך און רעזולטאט פון זיין אוניווערסאליזם.

איינער א וויכטיקער עפיזאד וואס וועט געוויס ניט פארלוירן גיין פאר דער געשיכטע פון ארגענטינער אידנטום איז דער אידישער קאנגרעס אין ארגענטינע אין יאר 1916, פון וועלכן ער איז געווען אויב ניט דער פאטער פון דעם גייסטיקן קינד, איז ער אבער אין אלע פאלן איינער פון די הויפט־ניאנקעס, צוזאמען מיט בן־יוסף און — צו לאנגע יאר — נחמן גזנג.

דער פארשטארבענער האט ביים קאנגרעס געהאלטן די הויפט־רעדע. די דאזיקע רעדע איז ווערט צו פארבלייבן לזכרון אין אונזער גלות־געשיכטע

צוליב איר טיפקייט און רייכקייט פון געדאנק און פאָרם, און איבערהויפט צוליב דעם אידישן שטאָלץ, „גאון־לאומי". עס איז אין דער דאָזיקער רעדע געוואָרפן געוואָרן די אומות העולם אין פנים זייערע עוולות אין באצוג צום אידישן פאָלק, מיט ווירדע און העכערן מענטשלעכן שטאָלץ, מיט פאַר־שטענדניש און טאקט, געהאלטן זיך הארט אין די גרעניצן כדי ניט נכשל צו ווערן, צוליב דער מטושטשקייט צווישן שטאָלץ און עזות. און ער איז קיינמאָל ביי אזעלכע פאלן ניט געשטרויכלט געוואָרן.

דאָס איז ניט געווען די איינציקע רעדע. אין פארשיידענע פאלן פון ציוניסטישע גרויסע מיטינגען, דערעפענונגס־אקטן ביי לאנדעס־קאָנפערענצן פלעגן באגלייטן ווערן פון זיין וואָגיקן דורכגעטראכטן וואָרט.

זיינע רעדעס פלעגן שטענדיק זיין רייך אין אינהאלט, דורכגעטראכטע, געפיילטע און געפוצטע, בבחינת „משנתו קב ונקי".

די הרכבה, צוזאמענשמעלצונג פון וועלטלעכער קולטור, אידישן וויסן און אידיש־נאציאָנאלער סענטימענט און דערציאונג, אמתע שיינע מאנירן, העפלעכקייט נאטירלעכע, ניט קיין געקינצלטע, האָבן דערגענצט זיין גייס־טיקע פיזאָגנאָמיע, און עס האָט זיך געשאפן א זעלטענער טיפּ פון א שיינעם תלמיד־חכם, פול מיט אצילות.

א שטריך פון זיינע וועלט־באנעמונגען, וועלכער איז א רעזולטאט פון זיין אינערלעכער אצילות און דערציאונג, — איז זיין באציאונג וועגן פראגן פון אמונות ודעות (רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן). ער איז געווען א גרויסער אָנהענגער פון וויסנשאפט, איבערהויפט פון ביאָלאָגיע און נאטור־וויסנשאפט, במילא זיינען זיי געווען די דעצידירנדיקע פוסקים אחרונים, ער איז אָבער געווען זייער פאָרזיכטיק און כמעט רעזערווירט מיט זיינע מיינונגען. זיין וואָרט ביי אזא פאל, איז געווען: „אמך היא, לא תגלה ערותה". און אים פלעגט שאָקירן אָפענע, באנאלע כפירה און וואולגאריטעטן.

זייענדיק בטבע א פילנדיקער סענטימענטאלער מענטש, א גרויסער אָנ־הענגער פון פּאָעזיע און ראָמאנטיק (איבערהויפט זיינען די באליבטסטע פּאָעטן געווען ביי אים די דייטשישע געטהע און שילער, וועמען ער פלעגט ציטירן), האָט די דייטשע ליטעראטור בכלל ארויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף זיין גייסטיקן וועזן. און אָט דורך די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע סבות איז ער געווען קאָנסערוואטיוו געשטימט, ער האָט ניט געוואָלט זיך צושיידן פון די אלטע קולטורעלע יסודות, ליטעראטור־פאָרמען און קונסט, די שווערע ארטילעריע פון פילאָזאָפיע און מאָראל.

זיין קאָנסערוואַטיזם האָט ער איבערגעטראָגן אין דער אידישער עטיק אויך, און ער איז געווען אַן אָנהענגער — ביז געוויסע גראַדן — פון דער מסורה, מיט דעם דערקלערט זיך די סימפּאַטיע צו אים מצד די אָרטאָדאָקסן.

א באַזונדערע סימפּאַטיע און פאַרערונג האָט צו אים אַרויסגעוויזן די יוגנט, ער האָט פאַר זיי אָפטער געשריבן, האָט צוליב זיי איבערגעזעצט אין דער לאַנדעס־שפּראַך גרויסע אידישע ווערק פון די בעסטע אידישע גייסטער, ער פלעגט פאַר זיי לעזן רעפעראַטן.

איך דענק, אַז חוץ די אויבנגעזאָגטע מאָטיוון ליגט דאָ א טיפערע פּסיכאָלאָגישע סיבה, דאָס איז צוליב זיין יוגנטלעכן כאַראַקטער. ער האָט ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן דער דיקטאַטור און ממשלת זדון פון דער עלטער. זיין מח איז פאַרבליבן פריש און אויפנאַמספעאיק, שיינע גאַלאַנטקייט און באַנעמונג מיט מענטשן, זויבער, נעט געקליידעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

דער חבר ליעבעשוץ איז געווען פון די קאַטאַלאָגירטע תלמידי חכמים, וואָס „לא כהו עינם ולא נס ליחם", און וואָס „כל מה שמזקינים דעתם מתישבת עליהם". פריש, זויבער, עלעגאַנט — פיזיש, און באַוועגלעך — דינאַמיש־אינטעלעקטועל.

יהי זכרו ברוך.

די פערזענלעכקייט פון ר׳ יעקב יאָסעלעוויטש ז״ל

(זכרונות פון א תלמיד און חבר)

דעם 18־טער אָקטאָבער איז אין פארלויף פון דעם לעצטן צענדליק יאָר פארבליבן ביי ארגענטינער ציונים, איבערהויפט ביי די נעגטער שטייענדיקע צום שאפונג־פראָצעס פון אונזער אויפלעבונג, א טאָג פון טרויעריקער דעראינערונג. דאָס איז דער יאָרצייט פון ר׳ יעקב יאָסעלעוויטשעס טויט.

דער יאָרצייט פון היינטיקן יאָר איז פיל מער אָנגעזעענער און לאָזט זיך פילן פיל טיפער און איינדריקלעכער, ווייל ער דערגענצט די צאָל „צען", ד. ה. 10־יאָריקער יאָרצייט.

די ציוניסטישע פעדעראציע האָט פארשטאנען אָפצושאצן די וויכטיקייט פון דער דאטע, וועלכער איז פארבונדן מיט א פערזענלעכקייט, וועלכער איז געווען אן עפּאָכע־שאפער אין דער אידישער ארגענטינע אויף אלע געביטן, סיי אין דער ציוניסטישער וועלט און סיי אין דעם אלגעמיין אידישן און האָט באשטימט א ספּעציעלן נומער אין דעם אָפיציעלן אָרגאן „די אידישע וועלט", אלס „יאָסעלעוויטש נומער".

דער באשלוס באצוועקט צו נאָכקומען אויף אן עלעמענטאר־נויטיקן אופן די פאָדערונגען פון פארטיי־עטיק און באציאונגס־אויסדרוק צו אירע מנהיגים, לידערס און קעמפער, אָבער שטרענג געהאלטן זיך אין די גרענעץ־ליניעס, פון מאסשטאב און מאָס, אויסצומיידן טומלדיקע פייערלעכקייט און פוסטע עפעקטן, כדי נישט צו פארשוועכן די הדרת קודש, וועלכע שוועבט אויף דער אימפּאָזאנטער פיגור פון אצילות און מאיעסטעטישקייט, וואָס הייסט — בן־יוסף, וועלכער איז געווען דער סימבאָל פון באשיידנקייט, פון א העכערן זינען.

„רצונו של אדם זהו כבודו" — זאָגט א תלמודישע פילאָזאָפיע, ווען

מען וויל באערן א פערזאָן מוז מען זיך רעכענען מיט זיין פערזענלעכן אויפֿ־פאסן פון זאכן...

ס'וועט זיין נישט זייער קיין וויכטיגייענדיקע השערה צו זאָגן, אז חוץ די אָפיציעלע געזעלשאַפטלעכע מאָמענטן, האָט דאָ געשפּילט נישט די לעצטע ראָל דאָס פערזענלעכע־חבר'שע. עס איז שווער אויסצושיילן דאָס אינדיווי־דועלע פון דעם קאָלעקטיוון, וועלכע פון זיי באוועגן און ווירקן מער אויפן באוואוסטזיין, ביי אונז חברים, פון וועלכע פילע האָבן אים אנערקענט אלס רבי און וועג־ווייזער.

די אמתע לערער זיינען דאָך נים די אָפיציעל געזאלבטע, נאָר עס זיינען די פערזענלעכקייטן, וועלכע דעקן מיט זייער מאָראלישן כח, גייסטיקן פּרצוף און וואָס זייער השפּעה איז אוממעגלעך צו אויסמיידן. ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק ווערט מען באשאָטנט פון דעם ענן־הכבוד און איר פילט זיך באזיגט.

אזא מאגישן כח האָט באזעסן ר' יעקב יאָסעלעוויטש, א פּאסיווער גאנדיסטישער כח, וועלכער האָט געווירקט מער ווי געשפּאנטע טרייב־קראפט, דינאמישע באוועגונג. ער אליין, דער מוסטער פון געהאָרכזאמקייט צום אימפּעראטיוו פון אונזער אומה און צו אלע אירע פולסירנדיקע פּיבערן, וועלכער פלעגט שטענדיק מבטל זיין דאָס פערזענלעכע פאר דער פאָדערונג פון דעם קאָלעקטיוון, איז אים געווען אוממעגלעך נישט צו געהאָרכזאם זיין און פאָלגן זיין ביישפּיל.

עס איז פאראן א טיפער באגער, א נשמה־דראנג פון די נאָענטע חברים און תלמידים צו מיטשטייערן מיט דעם בעסטן, דעם שבת שבתון פון זיינע זכרונות און צונויפפלעכטן א בלומען־קראנץ, בלומען וועלכע זיי־נען געוואקסן אויף די בייטן פון הארצן און צוטראָגן צום יום הזכרון, צום צענטן יאָרצייט.

ס'וואָלט געווים כדאי געווען צו שרייבן א גענויע ביאָגראפיע, סיי פון יעקב יאָסעלעוויטשן דעם עסקן, מנהיג און לידער פון ציוניזם, סיי פון בן־יוסףן, דער פסעוודאָנים פון זיין אקטואציע אויפן פעלד פון זשורנאליזם און פּובליציסטיק, צוויי באזונדערע גייסטיקע פּרצופים, וועלכע זיינען אָבער איינס און בילדן צוזאמען א טעזע און אנטיטעזע.

ר' יעקב יאָסעלעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין די ענדע 60־ער פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט (מיט 72 יאָר צוריק) אין א דאָרף נישט ווייט פון

באראנאָוויטש, ווייסרוסלאנד (היינט פוילן), נאָך דער אידישער געאָגראַפישער קאָנצעפציע, ליטע, ווי מען האָט גערופן ווייס־רוסלאנד.

א זון פון א חשובער אידיש־ליטווישער פאמיליע — דער פאָטער א פרומער איד, א בן תורה, פול מיט חשיבות, די מוטער פון א שלשלת היוחסין — און אלס א דירעקטע קאָנסעקווענץ האָט ער באקומען א דערציאונג לויטן גייסט פון יענער צייט אין ליטע. ביז 18 יאָר האָט מען אים אָנגעזעטיקט מיט תלמוד, ער — אויף זיין חשבון, בשתיקה, באהאלטענערהייט — מיט תנ״ך און ספרי השכלה. ס׳איז דאָך דעמאָלט געווען די פיבערהאפטע השכלה־עפּאָכע, די איבערראשונג פון ווערטן, שינוי־ערכין, פארשידענע ווינטן האָבן געבלאָזן פון אלע זייטן און האָבן דערגרייכט צו אונזערע שטילינקע וואסערן פון די מי־השלוח, פון איין זייט די רעפאָרם־כוואליע פון דייטשלאנד, דאָס גייסטיקע קינד פון מענדלזאָן, פעאיק און גראָטן פון געבורט, וואָס איז אָבער אין פארלויף פון יאָרן פארקריפּלט געוואָרן דורך די אסימילאציע־באציִלן.

אויף דער דאָזיקער מציאה זיינען ארויפגעפאלן די פרילינגס־שוואלבן, די השכלה־פירער פון די דרום־רוסלענדישע גובערניעס, די וועקער, וועלכע האָבן געקלאפּט אין די אידישע לאָדנס און האָבן געוועקט צום ריין־רוסישן חצות, פאר וועלכע זיי האָבן צוגעזאָגט „ראוונאָ־פראוויע״־לויתן. די דיריזשאָרן פון דעם אָרקעסטער זיינען געווען: לעוואנדא, באגראָוו, ראבינאָוויטש.

פאראלעל מיט דעם האָבן אָנגעפאנגען צו בלאָזן פרייע ווינטן פון גאליציע, וועלכע האָבן אויפגעברויזט די אידישע גאַס, דאָס זיינען געווען די ריזן פון דעם אידישן באהיטן גייסט און אויף דאָס ניי־איבערגעשמידטן געדאנק פון די אלטע אידישע קאָנצעפציעס: ר׳ נחמן קראָכמאל, ראפאפּאָרט, פעריל און אנדערע.

די דירעקטע יורשים אין רוסלאנד זיינען געווען אויף דער ערשטער ליניע יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל), שפעטער יל״ג.

ביידע פראָנטן האָבן באצוועקט איין זאַך, איבערבויען די יסודות פון דעם אידישן לעבן, מאכן זיי געזונטער, פראָדוקטיווער און ארייַנברענגען מער פרישקייט און פרייען געדאנק אין דעם אידישן אופן המחשבה. ביידע אויף איין ליניע פאראלעל גלייך, נאָר ביים פארענדיקן קומט די פארקרימונג און שטרויכלונג אין אבני נגף פון אסימילאציע פון דעם רוסאָפיליזם, אין דער צייט, ווען פון דער צווייטער זייט זיינען געווען שטרעבונגען אויף ריין אידישע רעפאָרמעס.

די צוויי פראַנטן האָט ארומגענומען און פארשלאָסן א דריטער זייער שטארקער פראַנט, די רוסישע באפרייאונגס־באוועגונג, אונטערן פלאג פון די „נאראָדאָוואָלצעס" און וואו נישט וואו שוין מיט א ווייטן עכאָ אָפּקלאַנג פלעגט זיך דערטראָגן א פארשפּעטיקטער קול פון די ניהיליסטישע להקת־הנביאים.

איך בין אפשר אראָפּ פון דער דירעקטער אָנגעצייכנטער ליניע, איך האָב דאָס געטאָן כדי צו געבן א באגריף וועגן דער עפּאָכע, אין וועלכער ר' יעקב יאָסעלעוויטש האָט געלעבט, די ברוויזנדיקע צייט, וועלכע האָט אים פארכאפּט ביי זיין 18־יאָריקער עלטער, וועלכע האָט אוועקגעלייגט א חותם אויף זיין גאנצן מהות, און די אומשטענדן, וועלכע האָבן געשאפן דעם חומר האצלי, פון וועלכן עס איז שפּעטער אויסגעשמידט געוואָרן די פּערזענלעכקייט, די אישיות פון יאָסעלעוויטשן.

צו 18 יאָר צעשיידט ער זיך אינגאנצן מיט די הוויות אביי ורבא, זיין אומרואיקע זוכערישע נאטור, זיין דינער געהער דערהערט דעם רוף פון דער צייט. צו אלעם ערשטן לערנט ער א מלאכה, שלאָסעריי, פּאראלעל מיט דעם ווארפט ער זיך אריין מיטן גאנצן ברען פון זיין התמדה — זיין כאראקטער־שטריך אויפן גאנצן לעבן — צו לערנען די רוסישע שפּראך און אויך אלגע־מיינע עלעמענטארע ידיעות, און דאָס אלעס אין נאכט־שעה'ן, נאָך דער אר־בעטס־צייט. בייטאָג מיטן האמער און ביינאכט — אין די רו־שעה'ן — אין די נאכט־שולן און אלעם אויפן אלטן נוסח פון זיינע ישיבה־בחורשע יאָרן, אונטער די אָנגענומענע קאָנדיציעס פון „כך היא דרכה של תורה"... אין נויט און דחקות.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך מתקין געווען אין פּרוזדור צו די נויטיקע ידיעות, בילדונג און וויסן, איז ער אריין אין טרקלין פון עסקנות, געזעל־שאפטלעכער אקטיוויטעט, דער „אני מאמין" א סאָציאליסטישער, ווייל די גאנצע אטמאָספערע איז דאָך געווען מיט דעם אָנגעשטעקט, און די בעסערע יוגנט, סיי די רוסישע און סיי די אידישע, וועלכע האָט געלעבט פאר מתן תורה פון ציוניות, דער וואָס האָט געהאט א דראנג צו עפּעס, האָט זיך אָנ־געשלאָסן צו די געהיימע, אזוי גערופענע קרייזלעך.

ער האָט אקטואירט א פּאָר יאָר אויף דעם געביט. ווען ער איז געווען אין ווארשע, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו די פּוילישע סאָציאליסטן, האָט באזוכט זייערע פארזאמלונגען, האָט במשך דער ערשטער צייט געהאט צווישן די קריסטלעכע פּוילישע סאָציאליסטן, פּיל חברים.

און דאָ קומט א גרויסער איבערברוך אין זיין לעבן, װעלכער װירקט דערשיטערנדיק און דעצידירנד אויף זיין שפּעטערדיקן גורל און װעג אין לעבן, װעלכן ער האָט אויסגעקליבן און אין װעלכן ער איז געגאַנגען ביז זיין לעצטן אָטעם: די פּאָגראָם־כװאַליע פון דעם 81־טן יאָר אויף אידן איבער גאַנץ דרום־רוסלאַנד און פּוילן און איבערהויפּט װאַרשע, װעלכע זיינען גע־מאַכט געװאָרן דורך מאַזורן, פּאָליאַקן, שליאַכטעס, נאָכן נוסח פון די אי־בעריקע פּאָגראָמען פון רוסישן שניט. — (דער איינציקער קולט, װאָס די שטאָלצע פּאָליאַקן האָבן נאָכגעמאַכט די רוסן און אָנערקענט זיי פאַר רביים און פּאַכלייט) — װעמענס שוידערהאַפטיקייט ער איז בייגעװען, און איז געװען אַן עדות פון די אכזריות׳דיקע עקלהאַפטיקייטן, איבערהויפּט פון די באַציאונגען פון די חברים, אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטן, פון װעמענס שמועסן עס האָט זיך אַרויסגעװיזן זייער ציניש גלייכגילטיקייט, און אין אַן אומ־דירעקטן אופן א הסכם צו די פּאָגראָמען.

עס איז אויך געװען א פאַל, װען מען האָט דערקענט א גערויבטן אי־דישן זייגער, װאָס כשרע פּאַרטיי־חברים האָבן אָנגענומען אלס א געשאַנק פון קריגס־רויב, אמתע כשרע קאָנפיסקאַציע. דער דאָזיקער שרעקלעכער עפּיזאָד האָט אים װי א דונער געטראָפן און צעטרייסלט די אלע אידעאָלאָ־גישע יסודות פון נאָך ניט פאַרפעסטיקטע מזבחות. ער האָט זיך דערפילט אַנטוישט, אָפּגענאַרט; די מזבחות, אויף װעלכע ער האָט מקריב געװען זיין יוגנטלעכן פייער, זיינען טמא, און אין פאַרצװייפלונג האָט ער זיי פאַרלאָזן.

אין יענער צייט האָבן זיך שוין געלאָזט הערן די אָנזאָגער פון דער גאולה, די מבשרי התחיה פלעגן פון צייט צו צייט זיך צונויפרעדן דורך סיגנאַלן, די השכלה־כהנים האָבן איינציקװייז פאַרלאָזן זייערע מזבחות און אָפּגעטער פון װעלכע זיי זיינען שטאַרק געשלאָגן געװאָרן. ד״ר. פּינסקער, איינער פון די השכלה־נביאים און אָנהענגער פון רוסיפיקאַציע האָט מיט פאַרצװייפלונג זיך אָפּגעװאָרפן פון זיינע געטער און איז געװען פון די ערשטע נביאים פון חבת־ציון. זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ איז פאַרבליבן אומשטערבלעך. סמאָלענסקין דער בעל „השחר״, צעדערבוים, דער רעדאַק־טאָר פון „המליץ״, דער גרויסער רבי און באַגרינדער פון דעם „מרכז רוחני״ — אחד העם; די ערשטע אגודה „בני משה״ און א סך צענטערן אי־בער רוסלאַנד אונטערן פלאַג „חובבי ציון״. אין דער דאָזיקער נייער װעלט פון אידעען האָט זיך שפּעטער אריינגעװאָרפן דער יונגער יאַסעלעװיטש און

האָט איר געדינט מיט מסירת נפש, אינטעגראַל, אַזוי ווי ער איז פֿעאיק געווען.

נאָך זיין אַנטוישונג אין וואַרשע איז ער אַריבער קיין אָדעס און דאָ האָט ער זיך אינגאַנצן אונטערגעוואָרפֿן אונטער דער השפּעה פֿון אחד־העם. ליליענבלום און לעווינסקי און האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין פֿאַריין „בני־משה" און איז פֿאַרבליבן אַ תּלמיד מובהק פֿון אחד־העמ'ען. ווענעמס נאָמען ער פֿלעגט דערמאַנען מיט יראת הכּבֿוד. ער פֿלעגט רעדן וועגן אים נאָר אין געהויבענע שטימונגס־מאָמענטן. אין דעם וועג, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט פֿאַר זיך אין לעבן, האָט אים אחד־העם געדינט אַלס וועג־ווייזער. אַ סך בעז־סערע שטריכן פֿון זיין גייסט זיינען אַריבער צו זיין תּלמיד: די מאַיעסטעטישקייט, עפּעס באַזונדערע אייגנשאַפֿטן פֿון אצילות, אָט די, וועלכע זיינען אויסערלעך פֿאַרזיגלט מיטן שטעמפּל נשׂיא, ענוות, סבֿלנות, זויבערקייט פֿון מויל, מעבֿיר על מדותיו, אַ בורח מן הכּבֿוד.

ס'האָט אים אין אַ געוויסער מאָס געפֿעלט שטאַרקייט צו באַהערשן דעם קעגנער. ער האָט זיך ניט געקענט אימפּאָנירן מיט תּקיפֿות, מיט אַ שמינית שבשמינית דעמאַגאָגיע, וועלכע איז אַזוי נויטיק אין אַ פּאַרטיי־קאַמף. אפֿילו צוליב אידעאישע צוועקן. ער איז געווען צו איידל, צופֿיל נפֿש היפֿה.

עס פֿלעגן אָבער פּאַסירן נסים. ער פֿלעגט מערערע מאָל דאָך זיגן מיט זיין פּאַסיווען ווידערשטאַנד. דער אָנשטענדיקער קעגנער פֿלעגט מוזן בויגן דעם קאָפּ פֿאַר זיין אומדיסקוטירבאַרן אמת. ס'איז געווען גענוג צו באַמערקן אויף זיין פּנים אַ וואָלקן פֿון אומצופֿרידנקייט, פֿלעגט מען ווערן אַפּהענטיק.

אין דעם איז באַשטאַנען זיין כּח, און דאָס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ מנהיג, וועג־ווייזער און נשׂיא. די גרעסטע קעגנער, אפֿילו פֿון דעם פֿרעמדן שונאישן לאַגער, האָבן אים עפֿנטלעך ניט באַרירט, ס'האָט זיי געפֿעלט מוט צו דעם.

מיט 40 יאָר צוריק, ווען ער איז אָנגעקומען דאָ אין לאַנד, און איז שוין געווען אַ מענטש פֿון איבער דרייסיק יאָר, זיין סטאַטישע גייסטיקע פֿיגור — שוין אָן אָפּגעשטעלטע, זיינע לעבנס־אָנשויאונגען — באַשטימטע און אָנגעצייכנטע. בוענאָס איירעס איז דאַן געווען אַ מדבר אין הינזיכט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע נאַציאָנאַלע ענינים. די ערשטע אינסטיטוציעס ווי „עזרה" און אַנדערע, זיינען געגרינדעט געוואָרן ביי אים אין הויז, אין אַ סאַלע, פֿון וועלכער זיין גאַנצע וואוינונג איז באַשטאַנען אין יענער צייט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען דער אידישער קיבוץ איז דאָ גרעסער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן בויען דעם ציוניזם און האָט אים דערפירט צום וואוקס, צו וועלכן ער האָט דערגרייכט ביז דעם יאָר 1921, ווען דער פּאַטאַלער טויט האָט אים פאַר דער צייט גערויבט ביי אונז.

כדי צו קענען געגוי אָפּשאַצן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אָרגאַניזירטער אידנטום, מוז מען קענען די פאַרהעלטעניש פון היגן אידישן ישוב מיט 27 יאָר צוריק, זינט איך געדענק בוענאָס איירעס. דאָס איז פּשוט שאַפן א יש מאין, עס איז געווען תהו ובהו, דער רוח אלהים האָט געשוועבט נאָר אין א קליינעם קרייז, א הייפעלע אידן ארום ר׳ יעקב יאָסעלעוויטש, און נישט נאָר די ציוניסטישע גרופּע, נאָר די לינקע סאָציאַליסטישע, בונדיסטישע פּאַרטייען פלעגן אויך קומען מיט אים אין קאָנטאַקט. ס׳האָט זיך נאָך געפירט די זייער נאַאיווע, אָבער דאָך אינטערעסאַנטע געוואוינהייט פון דיסקוסיעס, דרש׳ענען ברבים, זיך מתוכח זיין מיט די קעגנער.

די אסימילאַציע האָט נאָך אין יענער צייט באַהערשט די אידישע בוענאָס איירעס און האָט חוצפּה׳דיק געפּייפט אין גאַס. זייער פיל מוט און אמונה אין אונבאַזיגבארן אמת האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן, כדי אַזוי עפנטלעך, קעמפעריש־אַגרעסיוו צו אַטאַקירן פון פראָנט, ווי ער האָט דאָס געטאָן.

עס איז אינטערעסאַנט און אין א געוויסער מאָס ווידערשפּרעכנדיק זיין האַנדלונג מיט זיינע אייגנשאַפטן פון כאַראַקטער. א פּאַציפיסט און רודף שלום פון נאַטור און — דאָך קריגעריש און קעמפעריש קעגן דער אסימילאַציע.

װאָרשיינלעך קען דאָס דערקלערט ווערן מיט דעם, ווייל די לעצטע איז אַזוי להיפוך מיט זיין נאַטור. ער איז געווען דער גרעסטער שונא פון דער אסימילאַציע, וואָס איז געשטאַנען אין א קאָנפליקט מיט זיין זעלבסטווירדע, אידישן שטאָלץ און אמת׳דיקייט.

צוליב דער האַרמאָנישקייט און פּערפעקטקייט אין דער ביאָגראַפיע פון ר׳ יעקב יאָסעלעוויטש, דעם עסקן ציוני און עסקן צבורי, איז נויטיק אָן איבערבליק איבער דער צווייטער העלפט פון זיין דו־פּרצופיות (דואַליזם), ד. ה. זיין ליטעראַרישער און פּובליציסטישער שאַפונג, אונטער דער שיינער און ווירדיקער פּאַרטרעטערשאַפט — זיין פּסעוודאָנים „בן יוסף".

ס׳איז נים קיין זייער אָפּטע דערשיינונג צווישן שרייבער, אַז דער

שרייבערישער איך זאָל ניט זיין אין אַן אָפּטן קאָנפליקט מיט זיין צווייטן שותף, דעם פּלג־גוף, דעם צווייטן איך.

אין דעם פאַל אָבער איז דאָס געווען אַ זעלטענע האַרמאָנישקייט. ביי ר' יעקב יאַסעלעוויטש איז געווען טאַט און וואָרט אַן אומצעשיידבאַרער זיווג מן השמים. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין אידישן לעבן, סיי פון לאָקאַלן־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און סיי פון אַן אַלגעמיינעם אידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָט דאָס גלייך אויפגעכאַפּט דער עמפּפינדלעכער, וואַכנדיקער בן יוסף און מען האָט דאָס געלייענט אין די צייט־שריפטן, צייטונגען און זשורנאַלן, און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער — אין די גרענעצן פון מעגלעכקייט — איז דער שרייבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ עקזעקוטאָר „נאה דורש ונאה מקיים".

איך האָב נאָך ניט אויפגעגעבן די האָפנונג, אַז עס וועט זיך געפינען אַ איניציאַטיוו־קאָמיסיע אויף פּריוואַטע יסודות, אָדער צוזאַמען מיט דער פּעדעראַציע צו אויפזוכן פאַרשידענע בלעטער און זשורנאַלן אין די שפּראַכן אידיש, העברעאיש, רוסיש און אויך שפּאַניש, און דאָס וועלן בילדן אַ פּאָר דיקע בענדער.

פאַר די קומענדע דורות אשר לא ידעו את בן יוסף, וועט זיך אַנטפּלעקן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש מיט אַ זוּיבערער נשמה און גרויסן גייסט, וועמענס גורל איז שטענדיק צו אָפּגעשאַצט ווערן שפּעטער, ווען ער הערט אויף צו עקזיסטירן.

צום סוף וויל איך נאָך איבערגעבן איינע פון מיינע לעצטע זכרונות, וואָס האָט בשעתו ווי אַ שווערער קאָשמאַר געפּרעסט מיין נשמה אין אַ משך פון אַ סך צייט נאָך זיין טויט. ביז דער געזעץ פון שכחה האָט מיר נישט באַפרייט.

דאָס איז געווען אין 1921־טן יאָר, דער ערשטער יאָר פון דעם קרן־היסוד, דער ערשטער שליח פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז דאָן געווען אין אַרגענטינע — דר. אַלכּסנדר גאָלדשטיין. עס זיינען געווען דאָן די לעצטע מאָנאַטן פון יאַסעלעוויטשעס לעבן. ער איז קראַנק געוואָרן אין מאָנאַט אַפּריל און תיכף נאָך אַן אָפּעראַציע, וועלכע האָט אַנטדעקט דעם סוד, אַז דער פאַרעטער, דער טויט, שטייט שוין הינטער זיין פּלייצע. דער סוד איז געווען באַוואוסט נאָר פאַר דער פאַמיליע און נאָענט־שטייענדיקע חברים און פריינט. פאַרן ברייטערן עולם איז דאָס געווען אַ סוד אויף וויפל ס'איז מעגלעך אין אַזעלכע פאַלן.

דאָס איז געווען אין מאָנאט סעפּטעמבער, דער לעצטער חודש פון זיין לעבן, ס׳איז געווען אן אינטימער מיטאָק פון נאָענטע חברים, א געזעגנונגס־מיטאָק לכבוד דר. גאָלדשטיין, צו זיין אָפּפאָרן פון ארגענטינע. אונזער ליבער מנהיג האָט געוואָלט בייזיין דעם אָפּשיידס־מיטאָק, ער האָט זיך דאן געפילט בעסער (אין צייטונג איז זאָגאר געווען א ידיעה, אז זיין געזונט־צושטאנד איז זייער א צופרידנשטעלנדער). ער האָט טאקע געהאט א בעסערן אויסזען. פיל פון אונז, וועלכע האָבן געוואוסט וועגן זיין אמתן צושטאנד, האָבן זיך דאָך געלאָזט איינשמועסן און זיך אליין אָפּנארן.

ער איז געזעסן מיט אונז צוזאמען ביים טיש. פון אָנפאנג איז די שטימונג געווען אָנגעצויגענע, נאָר ביסלעכוויז איז זי געוואָרן פרייער און לעבעדיקער, עס האָבן ווארשיינלעך מיטגעווירקט א פּאָר גוטמוטיקע ווערטלעך פון אונזער באליבטן נשיא, צום ענדע איז געוואָרן זייער פריילעך, מען האָט פארבראכט, געזונגען, גערעָטענע פאראָדיעס דורך א פּאָר חברים פּאָבלייט אויף דעם געבּיט.

די שטימונג האָט אויף אים גוט געווירקט, ער איז געוואָרן פריילעך, אזוי האָט עס אויסגעוויזן. איך האָב פון אים ניט אראָפּגעלאָזט מיין בליק. איך האָב באמערקט, אז צוזאמען מיט זיין פריילעכקייט האָבן זיך געלייגט טיפע זוימען פון עצבות, די אָדערן און ליניעס־ארטעריעס אונטער די אויגן האָבן געברויזט מיט שאָטנדיקייט, דאָס זיינען געווען די וואָלקנס, וועלכע פלעגן פארשטעלן די זון־שיין פון זיין שמייכלען.

עס קען זיין, אז אין דעם איז מער שולדיק מיין דעמאָלסדיקע אייגענע שטימונג, אָבער איך האָב געלעזן אין זיינע אויגן דעם טעקסט פון ואתחנן... פונקט ווי דאָס וואָלט אויסגעדריקט: לאָזט מיר אָפּ נאָך א צענדליק יאָרן, כדי א בליק צו טאָן ווי ארץ־ישראל בויט זיך, טראָץ אלע אירע שווערע באַדינגונגען, איין ביסעלע נחת קענען דעם וואָגשאָל פון מיינע בעסטע יאָרן פון פּזור הנפש און אנגסט.

קורץ נאָך דעם, איז זיין געזונט־צושטאנד געוואָרן ערגער און ער האָט זיך אוועקגעלייגט אין בעט, פון וועלכער ער איז שוין מער נישט אויפגעשטאנען.

מיגעל סאַכאַראָוו

א מאָנומענט אנטהאלט אין זיך א דאָפּלטן טעקסט, נוסח, אָדער באַדייטונג. דער דאָזיקער געדאַנק דאַרף פּילייכט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם תּלמודישן זין, וואָס ווערט געזאָגט וועגן די לוחות הברית, פון די עשרת הדברות, אַז זיי זיינען געשריבן „פּנים ואחור", ד. ה. א דאָפּלטער טעקסט: פּילזייטיקע באַציאונגען צווישן מענטש, גאָט, נאַציע און וועלט.

א מאָנומענט איז דאָך דער עדות אָדער אויסדרוק פון די מעשים אָדער פאַרדינסטן נישט נאָר פון דעם העלד, וועמען עס איז געווידמעט, נאָר אויך פון זיין דור אָדער סביבה, וואָס האָט געקאָנט אָפּשאַצן און אנערקענען דעם אָביעקט פון דעם מאָנומענט.

אין דעם זין דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן די איניציאַטיוו פון דער „פּראַטערנידאַד אגראַריאַ" און דער פּולער הסכם פון אַלע אידישע אגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס צוצוטראָגן אַלס סורפּריז דעם „ארי שבחבורה", דעם רבי'ן פון קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק, איר טעאָרעטיקער און טריבון, ה' מיגעל סאַכאַראָוו, א מתּנה, וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין א בוך געווידמעט לכבוד זיין פּערציק־יאָריקער טעטיקייט אויפן געביט פון קאָאָפּעראַטיוויזם און אידישע אגראַר־פּראָגן בכלל, אין וועלכן עס זאָל באַהאַנדלט ווערן געווי זיין טעטיקייט, ווירקונגס־קרייז און אויטאָריטעט, זיינע אַספּיראַציעס, חלומות, פּלענער און אידעאַליסטישן פּיאָנערטום.

אזא ווערק איז א גרויסער אויפטו פאַר דער געשיכטע פון אזא ברייטן פאַרנעם, ווי עס זיינען אַלע אידישע פּראָוון צו געפינען נייע וועגן פון פּראָדוקטיוויזאַציע און עמאַנציפּירונג אין זייער אַלזייטיקן זין: פיזישע, רעכט־לעכע, בירגערלעכע און גייסטיק באַפרייען זיך פון פאָראורטיילן פון אייגענע קריטיקער, וועלכע ליידן פון דעם קאָמפּלעקס פון מינדער־ווערטיקייט, און פון פרעמדע, אַז מיר — דאָס אַלטע אגראַר־פאָלק נאָך פון פילע טויזנטער יאָרן צוריק, — טויגן מער נישט צום פּראָדוקטיוון דאָרפישן לעבן.

דאָס דאָזיקע בוך וועט פאַרבלייבן אַן אייביקער מאָנומענט וואָס וועט דערציילן שטיל, באַשיידן, אָן איבעריקער אַפּאָלאָגעטיק, פאַר די דורות, ווער עס איז געווען מיגעל סאַבאַראַוו, און נישט ווייניקער וועט ער דערציילן די מעשים, אויפטוען און היסטאָרישע פאַרדינסטן פון די בויער פונם מאָנומענט; זיי וועלן אויך פאַראייביקט ווערן צוזאַמען מיט אים.

„זיי" מיין איך, די אַלטע פּיאָנערן, וואָס האָבן אַקטואירט און געווירקט צוזאַמען מיט אים אין דעם מעשה־בראשית ביי דער קאָלאָניזאַטאָרישער יצירה, סיי אין דער פּראַקטישער דורכפירונג ווי אין דער אידייאישער פאַרטיפונג און באַגרינדונג, און אפילו סתם אַגראַר־טוער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן ווערק.

אַזוי זיינען די געזעצן אין דעם פּראָצעס פון דער יצירה. עס ווערן אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן דעם שעפער און דער יצירה גופא; די שותפים במעשי בראשים זיינען זיך מתדבק מיטן בורא און באַקומען איין געשטאַלט.

איך פיל אַלס חוב — און עס איז אויך געווען מיין רצון — צו באַטייליקן זיך אין דעם בנין פון מאָנומענט, נישט מיט געהאַקטע און געשליפענע אַפּאָלאָגעטיק־שטיינער און נישט מיט שבחים און לויב־געזאַנגען, איז מיין צוועק צו באַטייליקן זיך אין דער שיינער און חשובער אַרבעט. בכלל וויל איך נישט פאַרנעמען קיין פּלאַץ פון אַרכיטעקטאָר אָדער אפילו פון קיין ווינקל־מייסטער ביים צוזאַמענשטעלן די ווינקל־שטיינער. איך זעלבסט בין געשטאַנען ווייט פון דער קאָלאָניזאַציע־שאַפונג. איך האָב נאָר עטוואָס באַמערקט און געזען אַלס באָאַבאַכטער.

דערפאַר, וועל איך זיך באַנוגענען מיט אַ פּשוטער אַרבעט פון אַ לוין־אַרבעטער, אַ שכיר־יום, וועלכער וועט צונויפפירן, צונויפזאַמלען בוי־מאַטעריאַל און דערלאַנגען די בויער צום האַנט.

די אַרבעט איז נישט געווען קיין פּשוטע, דאָס איז נישט קיין באַריכט־מאַטעריאַל און אויך נישט קיין פּשוטע כראָניק, צונויפגעשטעלטע פון טרוקענע ציפערן, עפּיזאָדן און צופעליקע פּאַסירונגען. די דאָזיקע ציפערן און עפּיזאָדן געהערן צו די שיפרירטע ציפערן, וועלכע מען דאַרף נישט לייענען פּשוט. די ציפערן געהערן צו דער קאַטעגאָריע וואָס דער תלמוד באַטיטלט אַלס „דמים ־ תרתי משמע"; „געלט" — פּשוטע געלט, און „בלוט", דער תמצית הדם, זיין באַציאונג און אינערלעכע נשמה־דערשיטערונג. די פּאַסירונגען זיינען אויך נישט פון אַ פּשוטן צוזאַמענלויף פון אידישע משפּחות,

וועלכע האָבן פאַרלאָזן היימען — שלעכטע היימען, פון וועלכע מען טרייבט, — אָבער דאָך איינגעזעסענע.

די פּאַסירונגען לערנען עפּעס. זיי פליסן ארויס פון באַזונדערע סאָציאָלאָגישע שליוזן און שלאָגן זיך ארויס פון ספּעציעלע פּסיכאָלאָגישע פאָנטאַנען! זיי זיינען באַלערנד און סימפּטאָמאַטיש, ווייל זיי זיינען צוזאַמענגעפאַלן מיט אַנדערע אַנאַלאָגישע צוזאַמענטרעפונגען.

פילע צופאַלן האָבן א זין און ציען זייער יניקה פון אומזעבאַרע סיבות, באַהאַלטענע ערגעץ אין טונעלן פון עבר.

די אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז דאָך צוזאַמענגעפאַלן מיט א צווייטער אַנאַלאָגישער באַוועגונג. טראָץ איר העטעראָגענישקייט סיי אין דער אידייאַישער קאַנווע, מענטשן־מאַטעריאַל און דער עיקר די פאַרשידנקייט פון דער סיבה־ראשונה און לייטנדע פיגור, וואָס איז לויט דעם ריין סאָציאָלאָגיש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט נישט מער ווי א שיינע פילאַנטראָפּישע דערשיינונג, און איז אבסאָלוט ריין פון וועלכע עס איז משיחישע פּעדים פון די „בילו" און „חובבי ציון" - באַוועגונג.

דאָס איז געווען די הערשנדע מיינונג, אין יענער צייט, בייביידע צדדים. די לעבנס־ווירקלעכקייט האָט דאָס, אָבער, אָפּגעלייקנט און האָט באַוויזן ווי אַזוי די ביידע — אין פלוג ווייטשטייענדע געשעענישן — זיינען נאָענט. קודם כל וויקלט זיך פאַנאַנדער אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן די לעבנס־געשיכטע פון איטלעכן באַזונדער און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז, אַז כמעט יעדער קאָלאָניסט, ווער מער און ווער ווייניקער, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך וועלכע עס איז אידייאַישע פאַרבינדונג מיט זיין קאָלאָניזירונגס־שטרעבונג און צוגעבונדנקייט צו דער ערד, און ווען אפילו נישט אַלע האָבן געוואוסט אויף קלאָר וואָס זיי ווילן און וועלכער איז דער כח הדוחה, וואָס האָט זיי אויפגעברויזט און אָנגעוויזן אויף א נייער אָריענטאַציע אין לעבן, האָט דאָס אָבער פאָרט אריינגעבראַכט א שינוי אין דעם אינהאַלט פון זיין לעבן און האָט פאַרבעסערט און פאַראיידלט זיין גייסטיקן פּרצוף. „הוא לא חזה, אלא מזלו חזה", אָפּגערעדט שוין פון די יחידי סגולה וואָס האָבן געבראַכט פון דער היים זייער אידעאַל א פּאַרטיקן, א צייטיקן.

מענטשן פון אידעען באַגעגנען זיך, אפילו ווען זיי זיינען ווייטשטייענד איינער פון צווייטן. די אַטמאָספער פון אידעען מאַכט קליגער און נאָבעלער די מענטשן און זיי ווערן דעריבער מסוגל צו פאַרשטיין איינער דעם צווייטן. די דערפאַרונג האָט אונז געוויזן, אַז אָט דער קאָלאָניסטישער עלעמענט איז

פיל פעאיקער צו אויפנעמען די טענער פון שופרו של משיח, ווי דער שטאַ־טישער עלעמענט.

דער קומענדער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, דער דענקער און פאָרשער וואָס וועט אריינדרינגען אין דעם זין פון די דערשיינונגען, וועט אָפּשאצן די צוויי באוועגונגען ווי צוויי וויכטיקע עטאַפּן פון אונזער באפרייאונגס־באוועגונג, וואָס דערגענצן איינער דעם צווייטן, שטאמען פון איין אורקוואל און פאלן אריין און גיסן זיך צונויף אין איין טייך פון גאולה.

דער סטאטיסטישער אמת וואָס באזירט זיך אויף טרוקענע ציפערן פון פארזייטע אָדער אפילו פון פארפרעמדעטע פעלדער, קאָן פיליכט אָפּלייקע־נען מיינע אויבנגעזאָגטע באהויפּטונגען. דער היסטאָרישער אמת איז אָבער שטענדיק אמתער, ווייל ער איז טיפער און ווערט געשריבן פון דעם דיק־טאמען פון שר האומה, וואָס באזירט זיך אויף די אמתן פון אייביקייט.

און ווען ניט דער שטענדיקער „אין מזל לישראל״, ווען באראָן הירש וואָלט געלעבט מיט א פּאָר יאָר מער און וואָלט געהאט נאָך א פּאָר באגעג־נישן מיטן גרויסן פירער הרצל, איז דאָך גאנץ מעגלעך געווען, אז ד״ר הרצל זאָל אים איבערצייגן און ארויפפירן אויף דעם היסטאָרישן וועג און נאציאָנאלן אמת, ד. ה. טאקע אָט אויף דעם באָדן וואָס אינסטינקטיוו האָט ער געטראָטן, און אָט דעם אמת וועלכן באראָן הירש האָט גאָר תופס געווען מיטן חוש אָבער ניט מיטן באוואוסטזיין.

און וויפיל שאנסן און קאָלאָסאלע אוצרות פון נאציאָנאלער ענערגיע, שללים פון רייכע אינספיראציעס און אומאויסשעפּלעכע קוואלן פון נאציאָ־נאלן רצון און גוטע כוונות זיינען געגאנגען לאיבוד און ניט אויסגענוצט געוואָרן, און אלץ — צוליב ניט געהעריקער איינפארשטענדניש און ניט באגרייפן דעם זין פון דער געשיכטע און ניט דערשפּירן דעם פולס אָדער ריטם פון עקבתא דמשיחא!..

ה׳ מיגעל סאבאראָוו איז געקומען קיין ארגענטינע אין יאָר 1899, דער צווייטער אָדער דריטער עטאַפּ פון קאָלאָניזאטאָרישן פּיאָנערטום.

אויף אים וועלן מיר פיליכט גאָר קיין נומער ניט אָנקלעפּן, ווייל ער איז א נומער פאר זיך, א באזונדער עטאַפּ.

עס איז קיין ספק ניט, אז ער האָט זיך אויסגעטיילט פון דעם גאנצן מענטשן־מאטעריאל, פון וועמען עס איז געבויט געוואָרן דער קאָלאָניסטי־שער ישוב, וועלכער איז געווען אָרעם קוואליטאטיוו, און האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט באדייטנדע יחידים פון א היפּשן פארנעם. עס איז, נאטירלעך,

איבעריק צו מאכן באמערקונגען און אויסשליסן פון וועלכע עס איז הגדרות וועגן דער פערזענלעכקייט פון ד"ר נח ירחי, ווייל דאָס איז א פרשה פאר זיך און געהערט צו די ביאָגראַפן, וועלכע האָבן געלעבט אין יענער צייט, אין דער סביבה פון דער וואונדערבארער אפּאסטאָלישער פערזענלעכקייט, די וואָס האָבן געשעפט דירעקט פון קוואַל און ניט פון אָפּגעשפּיגלטע שטראַלן, פונקען און ברוך־טיילן פון לעגענדעס.

איך בין אָנגעקומען קיין ארגענטינע אין מיטן יאָר 1904, ד. ה. מיט זעקס יאָר שפּעטער פון סאכאראָוון, זיך באקאנט מיט אים פערזענלעך האָב איך ערשט אין יאָר 1920, בעת מיינעם א טור איבער פּראָווינץ ענטרע ריאָס וועגן א זאמלונג פארן ציוניסטישן פאָנד: „קרן הגאולה". איך האָב אים באזוכט אין זיין היים, אין א שיינער פארם, איך האָב אים דאַן געטראָפן אין זיינע בגדי־שרד, אין זיין ארבעטס־אָנצוג, וואָס האָט אים צוגעגעבן א באזונדער חן און א דערגענצונג צו זיין נאַטירלעכער שיינער פשטות, וואָס איז אזוי טיפּיש הארמאָניש פאר א טיפּן קולטור־מענטש ווי ער איז.

זאָל מיר דערלויבט זיין אָפּצואוועגדן פון עצם הענין און בארירן עטלעכע פערזענלעכע מאָמענטן, ווייל זיי זיינען פארבונדן מיט די זכרונות וואָס איך האָב וועגן אים.

מאכנדיק מיין טור איבער ע. ריאָס, וואָס האָט געדויערט 25 טאָג בערך, הארבסט־צייט אין פּעריאָד פון שטארקע רעגנס, א פּערספּעקטיוו זייער ניט קיין אנגענעמע, אָבער א אומפארמיידלעך־נויטיקע פאר עסקנים, — האָב איך פארן אָננעמען די מיסיע, — ארויפגעלייגטע אויף מיר דורך מיין אומפארגעסלעכן חבר און רבין יעקב בן־יוסף, — ביי מיר אינערלעך באלאַנסירט שכר קעגן הפסד, דעם עקיוואלענט פון די שוועריקייטן, טלטול הדרך און גלות, דאַן איז פאר מיר געווען א גרויסע באפרידיקונג די פּערספּעקטיוו צו באקאָנען זיך מיט סאכאראָוון.

תיכף ביי מיין אָנקומען אין לאנד זיינען צו מיר דערגאנגען מיינונגען און אָפּשאצונגען וועגן סאכאראָוון, וועגן דער אויסטערלישקייט פון זיין פּערזענלעכקייט און הויכע קוואליפיקאציעס, פון א מענטשן פון הויכע הומאַניטארע פּרינציפּן און סימבאָל פון מענטשן־ליבע, א לעבעדיקע פארקערפּערונג פון דעם „ואהבת לרעך כמוך".

איך בין א גרויסער מאמין אין פאָלקס־לעגענדעס. איך גלויב אין זייער חוש, וואָס איז שטענדיק טיפער און אמתער ווי זייער פארשטענדניש, און

אזעלכע האָבן זיך געוועבט ארום אים. דאָס פאָלק ווי דאָס קינד דערפילן ליבע און נשמה־וואַרימקייט תיכף, ער דערקאָנט זיינע אמתע פריינט און ציט זיך צו זיי. דאָס האָב איך דערפילט אין יענער רייזע מיינער, ווען איך בין צ׳עקומען אין נאָענטן קאָנטאקט מיט פשוטע קאָלאָניסטן און סתם פאָלקס־מענטשן, און איטלעכער האָט וועגן אים גערעדט מיט ליבע און באגייסטערונג.

א פאָר שעה האָב איך פארבראכט מיט סאכאראָוון, בין פארבליבן ביי אים אויף מיטיק.

ווען איך זאָל זאָגן, אז ער האָט מיר אויפגענומען פריינטלעך, וואָלט דאָס בשום אופן ניט אויסגעדריקט אין א גענוגנדן זין דעם געדאנק, ווייל פאר סאכאראָוון עקזיסטירט ניט בכלל „ניט־פריינטלעך״. אין זיין אויפ־נאמע האָב איך געפילט אזוי פיל נאטירלעכע פריינטשאפט און וואַרימ־קייט, פונקט ווי דאָס וואָלט געפליסט אזוי שפעדיק פון א קוואל, פאר וועלכן עס פאָדערט זיך ניט אפילו די מינדסטע אָנשטרענגונג.

ער האָט צו מיר גערעדט אויף רוסיש, שפאניש און, זאָגאר דאן נאָך אין א ניט פערפעקטן אידיש. דאָס בייטן די שפראכן איז ניט געווען צוליב עפעקט־זאכן, אייגנשאפטן וועלכע ער באזיצט ניט. דאָס איז גיכער געווען צוליב איבערפלוס פון זכרונות, דעראינערונג פון יוגנט און ראָמאנטישן עבר פון די לעצטע צענדליקער פון פאָריקן יאָרהונדערט, וואָס זיינען באַרירט געוואָרן אין אונזער געדאנקען־אויסטויש.

איך בין מודה, אז עטוואָס האָב איך פון מיין זייט מיטגעווירקט ארויס־צורופן ביי אים התגלות הלב אויפן געביט פון דענקען און פרינציפּן.

איבערהויפּט איז מיר געווען אינטערעסאנט צו דערקונדיקן זיך וועגן זיין באציאונג צו ארץ ישראל, אומאָפּהענגיק פון זיין ביישטייערונג וואָס איז געווען א באדייטנדע, ספּאָנטאנע און פריווילעקע, וואָס איז — בדרך אגב — פאר מיר געווען מינדערוויכטיק, אין פארגלייך צו דער ביישטייע־רונג, וואָס עס וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט, ווען ער וואָלט זי געשטיצט מיט זיין אידעאישן הסכם און אינערלעכער טיפער באציאונג צו ארץ ישראל. פון מיין זייט האָב איך גראד אָנגעווענדעט אויפן דערמאנטן פונקט אלע מיינע סטראטעגישע מעגלעכקייטן צו אטאקירן, אָבער איך האָב ניט געהאט קיין איבעריקן דערפאָלג, און האָב ניט געקאָנט ארויסרופן אין זיין אידעען־גאנג אָט די אלע געשטאלטן פון די ארץ־ישראל מאָמענטן, איך האָב זיך באגעגנט בלויז מיט סילועטן און שאָטנס. עס איז געווען א שווער שטיקל

ארבעט צו געפינען ביי סאכאראָוון עפּעס מער קלערער און קאָנקרעטער וועגן דעם, די אורזאַך איז ניט געווען צוליב אומקלאָרקייט אָדער בלייכקייט פון געדאנקען און פּרינציפּן, נאָר פונקט להיפוך, צוליב שפע און עשירות פון די זעלבע.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך באַרירן טיפער און גרינטלע־כער זיין קאָמפּליצירטע און ליכטיקע פּערזענלעכקייט, געבויט אויף אייניקע בעאָבאכטונגען און אויך אויף אָנגעזאמלטע מאטעריאלן און דערפאַרונגען פון זיינע נאָענטע חברים, וואָס האָבן מיטגעווירקט מיט אים און איך וויל ציען מיינע שלום־ליניען, סיי אין באצוג צו זיין פּערזאָן ווי אויך וועגן סאַ־כאראָוו אלס דערשיינונג און טרייב־קראפט פון וועלכע עס איז סיבה ראשונה, אזוי ווי די גאנצע קאָלאָניזאציע, פון די זעלבע סאָציאלע אויפברויזונגען.

אין אָנהויב פון די 90־טער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאנד א רעוויזיע פון ווערטן, פון בירגער־רעכט, ליבעראַ־ליזם און מענטשן־רעכט, ניט אין דער ליטעראַטור, נאָר פשוט אין לעבן. מיר, אידן, האָבן דעמאָלס געהאט א דאָפּלטע אויפגאבע, אזוי ווי שטענדיק צוליב דעם וואָס מיר פירן א דאָפּלטע רעכנונג, אונזער ביישטייערונג צו דער וועלט, צו אירע אידעען און אויפטועך, און אייגענע חשבונות, וועלכע האָבן געפאָדערט זייער תיכפדיקן ענטפער.

עס איז געווען נאָך די פּאָגראָמען פון יאָר 1882. די תשובה אויף זיי איז געווען די „חובבי־ציון" באוועגונג אין איר אויבערשטן אספּעקט, נאַ־טירלעך, ווייל איר שורש האָט זיך דאָך געצויגן פון ר' צבי קאלישער און משה העס.

די מער בולטסטע און שטאַרקסטע רעאגירונג איז געקומען מצד דער סטודענטנשאפט, וואָס האָט געליטן א שטאַרקן קלאַפּ און אנטוישונג אין אירע בעסטע ליבעראַלע און רוסיפיקאַטאָרישע געפילן, און האָט זיך אויס־געדריקט אין זייער צושטיין צו דער „בילו"־באוועגונג.

דער מער מיושבדיקער עלעמענט האָט געזוכט א לייזונג אין קאָלאָ־ניזאציע. עס וואָלט געווען ניט ריכטיק אויסגעטייטשט, ווען מען זאָל וועלן באהויפּטן, אז די רעאגירונג און איבערברוך אין לעבן איז געווען א רע־זולטאט פון א בלויז עקאָנאָמישן כח הדוחה, וואָס האָט טאקע אָן צווייפל געשפּילט א גרויסע ראָל, אזוי ווי ביי אלע סאָציאלע דערשיינונגען. דאָ האָבן אויך געשפּילט א ראָלע פיל אידעאישע פעדים פון אינערלעכע שטויסנדע קראפט צו איבערבייטן די יסודות פון לעבן, וואָס ציט אירע

וואָרצלען פון א פריערדיקער באוועגונג, וועלכע האָט נאָך עקזיסטירט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק פארן באַראָן הירש, און האָט באַקומען א אָפּקלאַנג אין די געמיטער פון דעם מער דענקענדן עלעמענט.

סאכאראָוו געהער אויך צום אנטוישטן קלאַס שטודירנדער יוגנט פון יענער צייט, וואָס האָט זיך צוטיילט אויף פארשידענע ריכטונגען: א טייל אידעאַליסטישע יונגע לייט האָבן זיך באשיצט מיט דער נאַציאָנאַלער ריכטונג: „בילו" אָדער „חובבי ציון"; אייניקע זיינען צוגעשטאַנען צום פּראָגרעסיוון ליבעראַליזם; א היבשער טייל האָט זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע.

לויט זיינע סאָציאַליסטישע טענדענצן וואָלט סאכאראָוו געדאַרפט געהערן צו דער לעצטער, אָבער דאָס האָט ניט פּאַסירט צוליב זיינע נאַטירלעכע נייגונגען, גוטמוטיקייט און ליבע צו מענטשן.

ער איז א קעמפער פון אידעען און פאר אידעען, אָבער נאָר פּאַסיוו, דורך אויפקלערונג, דורך מלחמה בשלום. ער האָט געהערט צו דער גרופּע טאָלסטאָיאַנער, וואָס איז דאַן געווען פארשפּרייט אין רוסלאַנד צווישן דער בעסטער און איידלסטער יוגנט, וואָס האָט זיך דאָקטרינער אונטערגעוואָרפן דער לאָזונג: „ניע סאָפּראָטיוולִיאַטסטאַ זלו", ניט קעגנשטעלן זיך מיט כח דאָס שלעכטס.

סאכאראָוו האָט געלערנט און זיך געפונען אין רוסישע ספערן און איז געווען פולשטענדיק רוסיפיצירט, זיין שטודיום אלס אינזשעניער־אַגראָנאָם האָט ער פארפולקאָמט אין דייטשלאַנד, — פאָלגלעך א היבש ביסל אסימילירט, און אזוי איז ער דערשינען פאר אונז דאָ אין אַרגענטינע. די דאָזיקע טענדענצן, אָדער, בעסער געזאָגט, נייגונגען האָבן דאָך ניט אַיבערגעלאָזט אויף אים קיינע אומאָנגענעמענע שפּורן, ווייל דאָס איז געווען ניט מער ווי שפּראַכן־אסימילאַציע און רוסיפיקאַטאָרישע, פון אויבן־אָנגעטראָגענער שטויב, גענומען פון דער סביבה, אָן דער כאַראַקטעריסטישער איינגעגעסנקייט און פּסעודאָ־אַריסטאָקראַטיזם, וואָס האָט ביי אים ניט געקאָנט זיין צוליב דעם, וואָס ער פארמאָגט צופיל אינהאַלט און פיינפילקייט. ער איז צופיל נאָבל און טיף אָרנטלעכע נאַטור, און אַט די דאָזיקע אייגנשאַפטן און בעסערע מענטשלעכע פּאָסטולאַטן זיינען שטענדיק דער קעגנגיפט, וואָס באַקעמפּט די אסימילאַטאָרישע באַצילן און שלעכטע ווירקונגען.

עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן די השערה, אז טראָץ דעם וואָס ער

איז דעמאָלט געשטאַנען ווייט פון ציוניסטישע און אפילו סתם נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אויף א דירעקטן אופן, האָט דאָך אומדירעקט אויף אים גע־ווירקט די „בילו"אישע באַוועגונג. אין דער אריע פון דער „בילו"אישער מוזיק זיינען געווען צו איידעלע טענער, אז אזא איידעלער געהער ווי סאַבאַראָווס, זאָל זיי ניט האָבן דערהערט, און אויב אפילו די משיח־טענער זיינען איבערגעגאַנגען אומבאַמערקט פאַר זיין געהער, האָט ער זיי דאָך גע־פילט מיט זיין מענטשלעכן חוש, וואָס איז ביי אים אַנטוויקלט אין זייער א גרויסער מאָס, און וואָס האָט א אוממיטלבאַרע שייכות מיט איד, מענטש, און אויך ציוניסט.

מיט 30 יאָר צוריק, ווען סאַבאַראָוו איז צו אונז געקומען, ערשט אַראָפּ פון סטודענטן־בענקל, מיטן גאַנצן יוגנטלעכן־אידעאַליסטישן ענטו־זיאַזם און פרישקייט פון זיין נשמה, אומבאַרירקייט און זויבערקייט, וואָס איז ניט באַפלעקט געוואָרן מיט קיין קלענסטן פלעק־פּינטל אפילו איצט, (שוין האָבנדיק אָפּגעגאַנגען דעם גרעסטן טייל לעבנס־וועג, און נאָך לאַנגע נסיונות און באַקומענע וואונדן פון די לעבנס־פיילן) האָט ער זיך, דעמאָלט, תיכף אַריינגעוואָרפן אינעם צענטער פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט. דאָס איז געווען זיין רייטוואָגן אויף וועלכן ער איז געפאָרן די גאַנצע 40 יאָר אומדערמידלעך ביזן היינטיקן טאָג.

ער איז געפאָרן מיט ליבע און געדולד אונטער אַלע אומשטענדן, שלעכטע ווינטן און לופטן, אונטער האָגלען.

ניט אַלע מאָל האָט ער מצליח געווען, און זיין אַרבעט איז ניט געווען פריי פון טעותן און פעלערן.

פאַר זיינע טעותן האָט ער אַליין זייער טייער באַצאָלט, ער אַליין, אין זיין פּריוואַטן לעבן און פּריוואַטע אינטערעסן.

טעותן רוף איך אָן: געוויסע אייגנשאַפטן פון נאַטור; אין דער ווירק־לעכקייט זיינען דאָס געווען אייגנשאַפטן און נאַטור־נייגונגען, מיט וועלכע בלויז אויסדערוויילטע זיינען געבענטשט. זיי זיינען באַשטאַנען אין זיין גרעניצלאָזן גלויבן אין מענטשן, און זיין זאָרגן פאַר אַלעמען; פּונקט ווי די גאַנצע אחריות וואָלט געלעגן נאָר אויף אים. אין זיין אמונה — אין דאָפּלטן זין, ביי צו די מענטשן, וועמענס גורל ער האָט געוואָלט טיילן, ווי אויך אין דעם בעסערן אויסגאַנג פון צופאַל, — זעלטן צו טרעפן א גרעסערן אָפּטימיסט פון סאַבאַראָוון, — און זיין עקסטרעמער אָפּטימיזם איז קיינמאָל

ניט געגאנגען אויפן חשבון פון נאאיוויטעט און איבערפלעכלעכקייט. ער איז, להיפך, א שארפער אנאליטיקער מיט א באדייטנדן דענק־אפאראט.

סאכאראָוו איז א טיפער פאַרשטייער פון דער וועלט אין אבסטראקט. ער פארשטייט דעם זין פון דער געשיכטע, איז באקאנט מיט אלע סקעפ־טישע און פעסימיסטישע ריכטונגען, וואָס עקזיסטירן סיי אין ליטעראטור ווי אין דער פילאָזאָפיע, — אָבער קאָנקרעט, צו אים, אליין האָט עס קיין שייכות ניט. — ער גלויבט אלעמען און האָט ליב אלעמען, מיטן חוש פילט ער טאקע, אז עס זיינען פאראן שלעכטע מענטשן און א שטיקל פאסקודנע וועלט אויך, אָבער דאָס איז דאָך אלץ אזוי ווייט ערגעץ אין די מרחקים און אבסטראקט, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיטן היינט. זיינע טעותן זיינען שטענדיק באשטאנען נאָר אין איין טאָג, ד. ה. דער טעות פון היינט ביז מאָרגן, צוליב וועלכן ער איז אָפט דורכגעפאלן און באצאָלט צו טייער, בלייבנדיק א קרבן דורך זיין גרעניצלאָזער גוטסקייט, אָפטימיזם און צוטרוי צו אלעמען.

איך האָב געזאָגט „א קרבן", ווייל דאָס איז שוין א פארטיקער באַ־גריף, וואָס איז מסוגל צו באצייכענען די פאקטן, דאָס איז אָבער ניט ריכ־טיק צוגעפאסט צום עטימאָלאָגישן זין, ווייל סאכאראָוו, טראָץ דעם וואָס ער האָט געליטן און ליידט, ניט האָבנדיק פילייכט קיין אנונג פון אן אמתן עולם הזהדיקן טאָג (ווי עס קאָן פארשטאנען ווערן אין דורכשניטלעכן און וואולגארן זין פון דאָזיקן באגריף), איז ווייט פון צו זיין א קרבן, און ער איז עס קיינמאָל ניט געווען. ער איז צופיל גייסטיקער מענטש, אז ער זאָל זיך קימערן פון א פערזענלעכן דורכפאל, אומבאקוועמלעכקייט אָדער אפילו דחקות. אזעלכע פילן שלינגט ער אראָפּ לייכט.

דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן פון זיין פערזענלעכקייט. זיי זיינען טיף קאָמפּליצירט און צו דער זעלבער צייט פשוט, אָפן, פראָסט און נאטירלעך, א קאָמפּלעקס פון סתירות, אָבער דאָס זיינען סתירות וואָס רייצן ניט און פירן ניט ארויס דעם באאָבאכטער פון געדולד, נאָר להיפוך, דאָס אויג אָדער גיכער דאָס געמיט רוט אָפּ ארום דער דאָזיקער פילפארביקער פּאנא־ראמע, וואָס הייסט סאכאראָוו...

און מיט דעם דערקלערט זיך דער אלגעמיינער רעספעקט צו אים פון אלע קלאסן און עלעמענטן: אידן ווי קריסטן, רעאקציאָנערן און פּאָרגעשרי־טענע, פרייע ווי קנאים און אפילו די פרומע אידן מיט עטלעכע צענדליק

יאָרן צוריק, פולע מיט טראדיציעס, האָבן זיך איינגעלעבט און צוגעוואוינט צו זיין פרייגעזאָנענקייט און אָפגעפרעמדטקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אויבערשטע סימנים און אויסערלעכער פאָרם, פון אידן און נאציאָנאליזם, ווייל אויף אלץ האָט פארדעקט און פארגיטיקט זיין אומבאגרעניצטע גוטסקייט און נשמה־ברייטקייט.

וועגן דעם וואָס איז נוגע נאציאָנאליזם, באַצי איך זיך צו די ערשטע יאָרן נאָך זיין אָנקומען אין לאנד. אין פארלויף פון די יאָרן, אָבער, איז סאכאראָוו געוואָרן א טיף נאציאָנאלער איד, נאטירלעך ווייט פון דאָגמעס, פארטייאישקייט און סעקטאָריזם. אין די דאָזיקע ימים איז ער קיינמאָל ניט געשוואומען, און דערפאר איז זייער שווער פארן דורכשניטלעכן אויג אָפּצוזוכן ביי אים אָט די נאציאָנאלע אָדער זאָגאר ציוניסטישע בלוט־גלאָבולאָס, וועלכע אנטפלעקן זיך אין א זייער היבשן מאסשטאב נאָר ביי א צופאל און געוויסער דערשיינונג. ווען דער אידישער נאציאָנאלער שטאָלץ און ווירדע שפארט זיך פון די ברעגן און רייסט זיך פון די סלוזשן, אויף צו קומען צום אויסדרוק. אין אזא פאל וואקסט ער אוים צו א גיגאנט און רעאגירט פיל מער פון א פאטענטירטן נאציאָנאלן אידן, אָדער אפילו פון א ציוניסטישן דאָגמאטיקער.

רעדן וועגן סאכאראָווס ציוניזם אָדער אפילו נאציאָנאליזם, מוז דאָ פארשטאנען ווערן וועגן א באזונדערן מין און קאטעגאָריע, וואָס איז אנדערש אין זיין מהות און אורקוואל, הגם ער איז ניט ווייניקער אין זיין קוואליפיקאטיוון פארנעם. ער איז אָבער דאָך אנדערש צוליב אנדערע קלימאטאָרישע באדינגונגען און פיליכבט אויך טאָפּאָגראפישע, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן — נאטירלעך ניט אין בוכשטעבלעכן עטימאלאָגישן זין, נאָר געדאנקען־בילדערישן זין — עס פעלט די נויטיקע אידישע טעמפעראטור פון די חמי טבריה, אָנגעווארעמט פון די דורות, נאָר עס איז א ציוניזם אויסגעקאָכט און געשמידט אין דעם שכל־רעזערוואואר פון דער אמתער מארקע „בינה” און „יושר”, אָט פון דער קאטעגאָריע מיט וועלכע עס באדינען זיך די „חסידי אומות העולם”. גויאישער געזונטער ציוניזם פון באלפור, לאָרד לעסיל, א ציוניזם וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט קיין איין טרער פון „תקון חצות, פון „קומי רני בחצות הלילה” און אויך ניט מיט דעם, וואָס מען דערפילט פון חלוציאנישן הויראַ־ריטם, דער פיבער־טאנץ און שריפת הנשמה; ער איז אָבער געזונט, סאָליד און קאָנסטאנט.

מען קאָן גאָר פון סאכאראָוון ניט מאָנען קיין אנדער ציוניזם, ער איז

נים געבוים אויף סענטימענטן, נאָר אויף ריינעם וועלט־יושר, הומאַניזם און קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער בעסטער נביאישער מאַרקע, טראַץ דעם וואָס פּערזענלעך קאָן ער איר נים.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס טראָץ זיין נים קאָנען די נביאים פון מקור, ווי אידישע מקורים בכלל, טרעפט ער צו זייער אָפּט, אין זיין תורה שבעל פה, קאָנצעפּטן פון זיין געדאַנקען־גאַנג, א סך אידישע געדאַנקען וואָס שטאַמען פון אידישן אורקוואַל, און זיינען אין זיין מח־לאַבאָראַטאָריע איבערגעקאָכט געוואָרן, אויסגעשמידט וועלטלעכקייט מיט אידישקייט, אַז עס באַקומט זיך א פּערפעקטע „מזיגה"; און אַזוי אַרום באַקומט זיך א וועלטענער עקזעמפּליאַר פון א זעלטענעם אידן און מענטשן, אין וועמען ביידע לעבן בשלום אין דער בעסטער האַרמאָניע, און נים נאָר אָן דער קלענסטער סתירה, נאָר שטיצנדיק זיך קעגנזייטיק איינער דעם צווייטן, ווייל „איד" און „מענטש" זיינען פאַרבונדן אָרגאַניש ווי א סיאַמער צווילינג.

ניטאָ מער געזאַנג...

מיר, די נאָענטע חברים פון אונזער חבר און מנהיג, ר׳ נחמן געזאַנג, וואָס האָבן צוזאמען מיט אים און אונטער זיין ריכטונג און אָריענטאציע, געזוכט דעם וועג און הכשרת הלב צו ציון אין פארלויף פון 34 יאָר; מיר, וואָס האָבן צוזאמען איבערגעלעבט שווערע און ביטערע מאָמענטן, ווי אויך אידעלע מאָמענטן פון שמחה, ווען אזעלכע זיינען געווען — קענען ניט מושווה ווערן מיטן געדאנק, אז ר׳ נחמן געזאַנג איז מער ניטאָ מיט אונז.

„כי עלה המות בחלונינו" — דער טויט האָט זיך אריינגעריסן אין אונזערע פענצטער, אין צענטער פון אונזער ציוניסטישער הויה און שאצקאמער פון אונזערע בעסערע ציוניסטישע פארטיפונגען און האָט מיט געוואלד ארויסגעריסן פון לעבן איינעם פון די בעסטע מפרשים, א מורה־דרך פון ציוניזם. און דערצו אזוי פלוצלונג, אזוי אומגעריכט. ווען מיר זיינען געווען איבערצייגט, אז דער געזונט־צושטאנד פון חבר געזאַנג, וועלכער איז געווען דער שטענדיקער קאָשמאר און מרה־שחורה פון די נאָענט־שטייענדיקע צו אים חברים, האָט זיך באדייטנד פארבעסערט; אין מאָמענטן ווען ער איז געווען אויסגערוט, קומענדיק נאָר וואָס פון זיין זומער־אָפרו, אויסגערוט פיזיש און גייסטיק; אין א מאָמענט מעת־לעת פארן פאטאלן צוזאמענברוך, איז אונטער זיין פאָרזיץ אָפּגעהאלטן געוואָרן א וויכטיקע בארּאטונג, ביי וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכנט מער ווי געוויינלעך מיט זיין טיפער און שארפער אָריענטאציע און קלאָרקייט פון געדאנק און השגה, מיט זיין מיושבדיקייט און בליציקע טראנזאקציעס, אויף וועלכע ער איז געווען אזא מומחה, און פלוצלונג אויס, איננו עוד! ניטאָ מער געזאַנג!

„ויתהלך חנוך את האלוקים ואיננו, כי לקח אותו אלוקים" — ער איז געגאנגען מיט גאָט, וואָס רוט אין ציון זינט זיינע 16 אָדער 17 יאָר, און האָט זיך מיט אים ניט געשיידט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג, אויף זיין לעצטער באנקעט־רעדע פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, לכבוד איר 50 יאָריקן

יובּיליי, בּיים אונטערציען דעם סכום פון 50 יאָר בנין פון אידישקייט, בּיי חשבונות צו וועלכע געזאַנג איז ניט געווען גלייכגילטיק... דער חבר געזאַנג וואָס איז אין זיין תכונה פון זהירות ניט געווען קיין גאָר אָפּטער באַזוכער פון באַנקעטן, איז געגאַנגען צו דעם דאָזיקן באַנקעט מיט אַ באַזונדער באַציאונג און פליכט־באַוואוסטזיין, ווייל ער האָט סימבּאָליזירט מיט זיך אַ רעזומען פון אַ גאַנצן יובל־עוואָלוציע פון אידישקייט, וואָס איז דאָך דער בית־היוצר, וואו זיין אייגענע נשמה איז אויסגעשמידט געוואָרן, און ווי האָט ער דאָרט טאַקע געקענט פעלן?

און נאָך אַ גרונט־מאָטיוו האָט אים באַוואויגן צו זיין דאָרט פּערזענלעך, וואָס האָט זיך, ליידער, באַגעגנט אין די טונעלן פון אונטערבּאַוואוסטזיין מיט „הוא לא חזה מזליה חזה" — איך בּין אויסן דעם „רגלוהי דבר נש אינון ערבין ליה, לאתרא דמיתבעי תמן מוליכין יתיה", און האָבּן זיך אָנגעשטויסן מיטן „אין מזל לישראל"... און פיליכט, ווען ניט די אונטערוואַסער־מינעס פון גורל, וואָלט ער, אונזער חבר און מנהיג, נאָך געקענט לעבּן און אַקטואירן אַ געוויסן סכום יאָרן!

ווי אַ ציוניסטישער מנהיג, דורכגעדרונגען מיטן אחריות צו אַלץ וואָס איז אידיש און ציוניסטיש, אַטריבּוטן צווישן וועלכע עס גייט אריין דאָס זיין צווישן די „שומרי החומות", צווישן די היטער פון אונזערע נאַציאָנאַלע פעסטונגען און די עיקרים שבעיקרים, ווי דאָס מאַניפעסטירן דעם „למען ציון לא אחשה", וואָס איז אידענטיש מיט אונזער קלאַסישן שמע ישראל — אַזאַ זאַך האָט ער ניט געקענט דורכלאָזן בּיי קיין געלעגנהייט. און ווער רעדט נאָך בּיי אַזאַ וויכטיקער פּאַרטרעטערשאַפט פון אַ קאָלעקטיוון פּרצוף פון אידישקייט. און געזאַנג אַלס אַזעלכער האָט פשוט געפילט אַ דראַנג צו ברענגען צום אויסדרוק דעם ציוניסטישן מאָמענט, צו מאַניפעסטירן דעם שמע ישראל, אַ זאַך וואָס האָט זיך אים איינגעגעבּן — אַזוי טיפזיניק און פול־בּלוטיק, טאַקע ווי ער וואָלט עס אָנגעשריבּן צום לעצטן מאָל מיט זיין תמצית־הדם און אַזוי האָט ער זיך אָנגעשריבּן זיין טויט־אורטייל מיט די אייגענע טרערן און בּלוט.

עס איז געשען די פאַטאַלע אויסוויקלונג: נאָך זיין רעדע, פול מיט אידישן אינהאַלט און גייסט פון איר אָרגאַנישן קשר מיט „ישיבת ציון" האָט ער בּאַקומען אַ האַרץ־שלאַג און מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך אויסגעלאָשן דער „נר אלוקים" און זיין אידיש האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אייבּיק.

אין צוזאמענהאנג מיט די דאָזיקע טרויעריקע פּאַרהעלטענישן, קומט אַרויף אויפן געדאַנק דער אויסדרוק פון די עשרה הרוגי מלכות: „יצאה נשמתו בקדושה ובטהרה", ער איז געשטאָרבן מיט די מאַניפעסטירונג פון שמע ישראל אויף די ליפּן...

מיט די דאָזיקע שורות בין איך אויסן צו דערפילן מיין אייגענעם חוב און גלייכצייטיק אינטערפּרעטירן די באַציאונג פון די נאָענטע חברים, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט ח' געזאַנג אין פאַרלויף פון 34 יאָר, זינט ער איז אָנגעקומען אהער; יאָרן וואָס האָבן זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין איין משמר, „כיומא אריכתא" — אין איין טאָג, „וקדושה אחת" — פון ציוניסטישער מחשבה און טעטיקייט און דער „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני" — איז געווען די אָרגאַנישקייט פון זיין ציוניסטישן און אידישן וועזן.

איך האָב דערפילט אַן אינערלעכן דראַנג צו אַרויפלייגן אויף זיין פרישן קבר אַ קראַנץ בלומען, פון די וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט און חברשאַפט, ווען אַפילו, ווען ניט־ווען, מיט חלוקי־דעות — אויף די בייטן און דעם באָדן פון ציוניסטישע מחשבות און איבערלעבונגען.

אַזעלכע בלומען וואַקסן אַמאָל אומבאַמערקט פון זיך אַליין, און אַנט־פּלעקן זיך ערשט ביים אָפענעם קבר און דער פּייכטער ערד, דאַן ווען די ביטערעווירקלעכקייט אַליין שרייט אויס דעם פאַקט פון „חבל על דאבדין ולא משתכחין!".

⁂ ⁂ ⁂

געזאַנג אַלס מנהיג אידעאָלאָג און אַקטיווער עסקן אין ציוניזם, אויפן פעלד פון ברייטער געזעלשאַפטלעכקייט, לאָקאַלער ווי אינטערנאַציאָנאַלער, פון וועלט־אידנטום; געזאַנג אַלס מענטש פון גרויסער השפּעה אינעם אַר־גענטינער אידישן ישוב, — אַפילו אין די ווייטשטייענדיקע פון אונז קרייזן אַריינגערעכנט — אַט אויף דעם דאָזיקן געביט פאָדערט זיך שוין אַ גע־שיכטלעכער צוגאַנג און אָפּשאַצונג.

חבר נחמן געזאַנג ע"ה, איז אַ באַדייטנדער אָביעקט פאַר געשיכטע־פאָרשונג, איבערהויפּט פאַר ציוניסטישער, וואָס איז אין איר עצם אַ תורה; די עוואָלוציע פון איר תורת החיים, וואָס בלייבט פאַר די דורות און אויף וועלכער עס איז חל דער נביאישער באַגריף: „מי בז ליום קטנות", אַז אַלץ איז וויכטיק, אַפילו דעטאַלן. פאָלגלעך, וואָס מער דעטאַלן אַלץ בעסער, ווייל

זיי ברענגען אריין קלאָרקייט פאר די פאַרשער און מפרשים פון דער דאָ־זיקער תורה.

און פיליכט ליגט טאקע אין דעם די שווערסטע אויפגאבע פון היס־טאָריקער צו ארויסנעמען און אויסזיפּן דאָס קערנדיקע, דעם אמת פון דער פּאָלאָווע — איבערגעטריבנקייט?

איבערהויפּט איז איבעריק איבערטרייבונג און אפילו ניט קיין שטרענ־גע עקזאַקטקייט אין באצוג צו ה׳ גערזאנג ע״ה, זאכן וואָס זיינען וואַרשיינ־לעך א רעזולטאט פון שטימונג, דערשלאָגנקייט און רצון צו געבן דאָס בעסטע וואָס איטלעכער פארמאָגט אויפן הייסן מאָמענט פון טרויער, ווייל ער נוי־טיקט זיך ניט אין קיין מתנות. ער איז געווען רייך אין גייסטיקע גיטער און היסטאָרישע פארדינסטן פארן ציוניזם און מיט גרויסע פערזענלעכע מעלות — אלס נשיא און פירער.

און פונקט ווי קיין איד ווייל ניט מען זאָל אים באעלדיקן אין פרעמדע תכריכים, אזוי ווייל ניט קיין באדייטנדיקע פערזענלעכקייט, אז מען זאָל היסטאָריש בוכן אלע חשבונות און פארדינסטן אויף זיין חשבון.

:: :: ::

דער פארשטאָרבענער חבר גערזאנג איז בלתי ספק געווען דער „הארי שבחבורה" — דער לייב פון אונזער צירקל. אין מעטאַפאָרישן זינען איז אויף זיין טייל אויסגעפאלן דער לייבן־חלק פון טעטיקייט סיי אין ארבעט, דינאמישקייט, איניציאַטיווע און פעאיקייט בחסד־עליון, און דער עיקר — אין אויסגעהאלטנקייט און אין אינטעגראלישקייט אין משך פון זיין גאנץ גאנצן לעבן. עס איז אָבער אויך זיכער, אז גערזאנג האָט שוין דאָ געטראָפן א באָדן פארן ציוניזם, ווען אפילו אין מעשה־בראשית־סטאדיע, און אויך א פארטיקן נעסט פון אידישקייט, געפלאָכטן פון שטיקלעך און פיצלעך, ווי דער שטיינער פון נעסטן, געבויט פון דעם גרויסן איד, מלומד, שרייבער און אידישער תלמיד־חכם יעקב יאָסעלעוויטש, באקאנט אונטער פסעוודאָנים בן יוסף, ווי ער פלעגט אונטערשרייבן זיינע ארטיקלען אין „הצפירה", „העולם" און אין די נאָרד־אמעריקאנער צייטונגען; א תלמיד ותיק פון אחד־העם און חבר פון די „בני משה", — דער צענטער פון וועלכן עס זיינען ארויסגעקומען די גדולי ישראל און געקרוינטע קעפּ פון קלאסישן ראָמאנ־טישן ציוניזם.

ר׳ יעקב יאָסעלעוויטש איז געווען דער גרינדער פון דער ציוניסטישער

פרעסע אין לאנד, מיט „די אידישע האפענונג“, פון וועלכער געזאנג איז געווען איינער פון אירע רעדאקטארן — וואס ער האט אין איר גרעסטן טייל אליין אויסגעפולט מיט טיפע ציוניסטישע אפהאנדלונגען, שיינע עסייען און באלערנטן לייען־שטאף. ער איז געווען דער מדריך און לערער פון דער ציוניסטישער יוגנט „השחר“, א טייל פון וועלכע עס זיינען שוין היינט מיט באזילבערטע קעפ און אליין זיידעס און טאטעס פון פרחי־כהונה, וועלכע געפינען זיך אין די קאמף־רייען און אוואנס־פאסטנס פון ציוניזם.

בן־יוסף'ס א בן־דור און חבר לדעה אין דער ציוניסטישער טעטיקייט און וויכטיקער שותף סיי במעשה בראשית פון ציוניזם ווי אויך א מיט־קעמפער און מיטארבעטער אין „בית היוצר“, צו אויסשמידן פון ישוב א געזעלשאפטלעך־אידישן פרצוף, איז געווען ר' שלמה ליעבעשוץ ע"ה, וואס האט נאך פארשיידענע אמטן, פארנומען דעם פרעזידענטן־אמט פון דער ציוניסטישער פעדעראציע. עס האט פון איר געאטעמט מיט חשיבות פון אי־דישן יחוס, מיט אידישן וויסן, אידישער עטיק און סאלידער וועלט־קולטור, און ער האט ביים ערשטן אידישן קאנגרעס אין ארגענטינע אין יאר 1917, מקדש השם געווען ברבים, מיט אן אקאדעמיש גוט־דורכגעטראכטער רעדע, פול מיט שטאלץ, וועלכע מען האט פארגליכן מיט נארדוי'ס רעדע ביים ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל.

אט די צוויי פיגורן מאלן זיך ביי מיר אין דמיון, ווען איך טראכט וועגן דעם בראשית פון היגן ציוניזם, מיט זייער מאיעסטעטישקייט און פאטריארכאלן אנזען, אן עקזעמפלאר פון די „זוגות“, נאטירלעך מיין איך דאס נאר קאנדיציאנעל, ווען געשטאלטן פון ווייטן עבר און פיגוראטיווע פארמולעס וואלטן זיך געלאזט טראנספארמירן היינט, ווי זיי זיינען געווען גילטיק בזמן התלמוד.

און איצט נאכן טויט פון ג. געזאנג, קומט ארויף אויפן געדאנק, אז מ'קען דעם אלעגארישן באגריף „זוגות“ אין דער שיין פון מאדערנע פאר־מולעס און אספעקטן, איבערשמידן אויף דעם קאנצעפט „טריאומוויראט“ און שאפן פון זיי א הארמאנישע מזיגה. און די דאזיקע דריי געפינען זיך שוין היינט אין דעם פאנטעאן פון די פאטריציער פון ארגענטינער ציוניזם.

עס איז ניט וויכטיק צו מעסטן די כמות פון יעדנסביישטייערונג פאר דעם ציוניסטישן בנין. דאס איז שוין אן ענין פאר דער היסטאריע, פארן שר־האומה וואס פארמאגט געווים מער טאקט פון דעת הקהל, און וועט

אריבערגיין מיט א מילדער און פקחות׳דיקער באמערקונג: „ובלבד שיכוון את לבו לשמים״.

ניט אלע נביאים זאָגן נביאות מיט דעם זעלביקן סיגנון, און ניט אלע דינען גאָט און גאָטס־וועלט אויפן זעלביקן אופן, ווייל איטלעכער מענטש איז דאָך פאר זיך א באזונדערע וועלט און פאַלגלעך, פארמאָגט ער זיין אייגענעם סיגנון, וועלכער איז זיין לעבנס־ריטם. און אזוי דאַרף זיין אונזער באציאונג צו אונזערע פאטריציער.

איך האָב ניט געקענט אריבערגיין איבער די צוויי באדייטנדיקע פערזענלעכקייטן — בן יוסף און ר׳ שלמה ליעבעשוץ, ווייל זיי זיינען אומצעטיילבאר אין בנין פון אונזער ישוב, אין דעם טריאומוויראט פון „בניך־בוניך״, דריי קעמפער און בויער, וואָס איטלעכער האָט אויף זיין אופן און לויט זיין טעמפעראמענט אריינגעטראָגן זיין טאָן און קאָלאָריט אין דער אויסבילדונג פון דער אידישער פיזיאָנאָמיע פון אונזער ישוב.

אלע האָבן זיי זיך געשטעלט אלס ציל צו קעמפן, אין דער ערשטער ריי, קעגן אסימילאציע, צוצוגרייטן דעם באָדן פאר א קהילה־לעבן, און דער עיקר — מכשיר זיין אונזער ישוב, ער זאָל ווערן אויפנאמס־פעאיק פאר די ציוניסטישע קערנער, זיי זאָלן אין אים שלאָגן וואָרצלען און זיך צעוואקסן אין תבואה פון זרע־קודש.

איך באטראכט פאר דעם הייליקן חוב פון איטלעכן אלטן ציוניסטישן עסקן, מיטצואווירקן און אריינברענגען קלאָרקייט אין די מאטעריאלן פאר ציוניסטישער געשיכטע, אין דער בחינה פון „הציבי לך ציונים״ — שטעל דיר אוועק וועגווייזער פאר געשיכטע־פאָרשער, כדי דער היסטאָריקער זאָל ניט בלאָנדזשען.

געשיכטע איז ניט קיין ספאָרט און ענין פון צייט־פארוויילונג פאר נייגעריקע, נייערט א תורה פאר די דורות. און ווען זי איז ניט קלאָר און ווערט אן אָביעקט, סיי פאר ניט דערשאצונג, סיי פאר איבערשאצונג, געהערט דאָס צום טאדל: „עושה תורתו פלסתר״, ד. ה. א געפעלשטע תורה...

א פאנטעאָן איז פאר אויסדערוויילטע יחידים, ד. ה. יחידים אין א באשרענקטער צאָל, נאָר ניט פאר א יחיד אין זינען פון אן אוניקום. נאָר אויף משה׳ן ווערט געזאָגט „ולא ידע איש את קבורתו״ — א פאנטעאָן פאר איינעם...

גרויסע ווערק ווערן געשאפן פון באדייטנדע יחידים, זיי קענען אָבער ניט ארויס פון גדר קאָלעקטיוו, מיט שותפים.

דער תלמוד איז ברוגז פאר פארלעצונגען און באמערקט עס: „כשם שנפרעין מן המתים, כך נפרעין מן הספדנים" — די נפטרים האבן זייערע בלעטער און קאנטע־בוך פון געשיכטלעכן ספר־החיים, נייערט די ספדנים, די פארצייכנער פון היסטארישע חשבונות פאר דער אייביקייט, דארפן זיין פארזיכטיק ניט צו פארטוישן די בלעטער און עקזאקטע חשבונות פאר איטלעכן באזונדער...

:: :: ::

געזאנג אלס מנהיג — לית מאן דפליג!

איך דערלויב מיר צו פאראפראזירן ביאליק׳ס ווארט און ווענדע עס אן אויף אונזער נפטר.

אויב ס׳קען זיין מיינונגס־פארשיידנקייטן אין אפשאצונגען און טאקטיק אין זיין צוגאנג צום ציוניזם, אין זיין פארטיפונג פון פירושים, פונקט ווי אין זיינע פערזענלעכע אייגנשאפטן פון כאראקטער און תכונות, מעלות און מענטשלעכע קוואליפיקאציעס, און ווארשיינלעך אויך שאטנדיקע זייטן, פון וועלכע קיינער קען זיך ניט אויסטיילן און אויפהויבן, איז אבער קיין ספק ניט, אז געזאנג אלס מנהיג, מיט די גויטיקע אטריבוטן וואס אזעלכער מוז באזיצן, איז אומדיסקוטירבאר. אזא מנהיג איז אויסער אים ניט געווען דא אין לאנד, פון אורשפרונג פון היגן ציוניזם ביז זיין אויפשטייג. נאטירלעך, באצי איך מיך צו די וואס געהערן שוין צו געשיכטע.

געזאנג, דער זאכלעכער און באהאוונטער רעדנער, האט באזיצן די קונסט אויך פון שווייגן, ווען דאס איז נויטיק געווען. ער האט באזיצן די קענטעניש און מאגישע צוציאונגס־קראפט צו זיין פערזאן, אויך פון אזעלכע וועלכע האבן ניט געקענט מסכים זיין מיט אים און עס האבן זיך אויך ניט באפרייט פון זיין ווירקונג מענטשן פון שטארקער אפאזיציע צו זיין פערזאן.

געזאנג׳ס שטוב איז געווען א בית ועד לחכמים. אלע אויסלענדישע געסט, וועלכע עס זיינען געקומען אהער זיינען געווען זיינע באזוכער אין די פרייטיק־צונאכטן, אן אונטערשייד צי זיי זיינען געווען פארטרעטער פון ציוניזם פון דעם אדער יענעם לאגער, ווי פון סתם אידישע אינטערעסן. ער האט געהאט די אייגנשאפט פון „קנה לך חבר" — א זאך וואס איז ניט נאר א געבאט פון פרקי אבות, נאר א זיטלעכע אייגנשאפט פון א פערזענלעכקייט וואס איז אין זיין תכונה א מנהיג, וואס געהערט צו דעם כלל פון „חכם עדיף מנביא"!

א מנהיג מוז פארמאָגן ניט קיין קליינע דאָזע אידעאַליזם, און מער דערפון א חוש פאר רעאַליטעט, — די חכמה אַפּצושאַצן קאָניונקטורן און זיי אויסנוצן פאר דער רעאַליזירונג פון דעם אידעאַל צו וועלכן ער דינט.

ר׳ נחמן גנזאנג איז געווען א בשר ודם, מיט די שוואַכקייטן פון וועלכע קיין שטערבלעכער, קיין ילוד־אשה קען זיך ניט באפרייען. ער האָט אָבער פארמאָגט די העכערע תכונות פון אן אידעאַליסט מיט דערהויבענע שטרעבונגען, גע׳ירשנ׳ט פון א טיף אידיש־חסידישער סביבה, גרויסע דעפּאָזיטן פון אהבת ישראל און פון די השכלה־ספערן — ציוניסטישן און משיחישן וויזיאָנערטום, און דער עיקר האָט זיין מזל גורם געווען, אז פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער געטעמט מיטן אוירא דארץ ישראל און מיטן הערצליאַניזם, וואָס איז ביי אים געווען א טבע שני.

יאָסעלעוויטש און ליעבעשוץ — די ערשטע צוויי פון טריאומוויראַט, זיינען געווען מפרשים און פיליכט רביים פון ציוניזם, לערער אין וואָרט און אין שריפט — דאָס איז — אגב — גנזאנג אויך געווען — לערער וואָס האָבן געקענט דינען אלס ביישפּיל מיט זייער אידעאַליזם און טיף אידישער מחשבה, פירערשאַפט אָבער, דאָס איז א באַזונדער מתנת־אלוקים — און אַזעלכער איז געווען פאַר עקסעלאַנס — נחמן גנזאנג.

וועלכע זיינען די נויטיקע אייגנשאַפטן דערפאר?

לויט מיין מיינונג באשטייען זיי אין פלינקער אָריענטאַציע, וויזיע, פאָראויסזען פּאָליטישע סיטואציעס, קענען די סביבה, נויטיקער טאַקט, די קענטעניש צו באהערשן זיך אליין, די אייגענע שוואַכקייט און דעם אייגענעם טעמפּעראַמענט. רעגענען מיט פּאָליטישער השפעה און ווען נויטיק אליין מתפּלל זיין פאר עצירת־הגשמים, פארמאָגן פראַקטישע חכמה צו רעאַליטעט און א שאַרפן דורכדרינגענדיקן בליק צו דערקענען דעם קעגנערס שוואַכקייט און אים באַקעמפן מיט שאַרפן נאָר עלעגאַנטן געווער, ווי א כירורג, ניט צו פאַראורזאַכן דעם פארלוסט פון אן איבעריקן טראָפּן בלוט, סטראַטעגיע און דינאַמישע פלינקייט, אז דער קעגנער זאָל זיך דערווּיסן פון זיין ריקצוג, ערשט שפּעטער, ביים שליסן דעם שלום, אָדער אויסדויער פון „שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו״.

פון דאנען שטאַמט זיין גרויס קענטשאַפט אין פארשיידענע ספערן און פּאָזיציעס, וועלכע זיינען אים צונוץ געקומען ביי די געגעבענע געלעגנהייטן.

גנזאנג דערשיינט פאר אונז אלס א שטיק ציוניסטישע געשיכטע און חלוץ פון דער אידישער תחיה.

דער מאָנומענט וואָס דאַרף געשטעלט ווערן פאַרן
באַראָן הירש

אונזער דור שטייט אלס דירעקטער עדות פאַרן געריכט פון זיין עקסעלענץ היסטאָריע, א שופט צדק פאַר וועמען עס עקזיסטירט ניט קיין נשיאת פנים, ווי פעלשונגען און ניט דערשאַצונגען, און מיר וועלן עדות זאָגן אָביעקטיוו־אמתדיק, און אָן ריקזיכט אויסהאַלטן זיין שאַרפן דורכדרינגענדיקן בליק.

אין נאָמען פון אמת זאָגן מיר, אז פאַר אונזערע אויגן זיינען אויפגעטון געוואָרן גרויסע, ריזיקע זאכן. דער קאָלאָניזאַציע עקספּערימענט, אלס הויפּט־פּראָגראַם פון דעם באַראָן הירש, האָט דערגרייכט א באַדייטנדיקן טייל פון זיינע נאָבעלע כוונות.

די קאָלאָניזאַציע דאָ אין ארגענטינע האָט, חוץ איר דירעקטן צוועק, צו מפרנס זיין עטלעכע טויזנט פאַמיליעס אויף א בכבודיקן פּראָדוקטיוון אופן, אויך געווירקט אומדירעקט אויף א גרויסן סאָציאַל־דערציערישן אופן, זי האָט פּאָפּולאַריזירט דעם ערד־אַרבעט געדאַנק, וועלכער איז געווען פרעמד דער מערהייט פון פאָלק.

ס׳האָט אין א געוויסן זינען אָפּגעצויגן פון אונז דעם צאָרן פון פרעמדע, וועלכע האָבן אונז באַטראַכט אלס פּאַריער, ניט פּראָדוקטיווער עלעמענט, אָפּוואַרפנדיק די היסטאָרישע עקאָנאָמישע סבות וועלכע האָבן צו דעם געפירט. די דאָזיקע נייע עקספּערימענטאַלע פאָרם אין דער אידישער עקאָנאָמיק און דער אופן ווי עס איז איינגעבירגערט געוואָרן אין אונזערע קאָנצעפּטן, האָט פון אונז אָפּגעוואַשן אין א גרויסן טייל דעם היסטאָרישן בלבול פון פּאַראַזיטן.

די ציוניסטישע פירער האָבן ניט געקענט מסכים זיין מיט דעם אופן פון צוגאַנגס־פּונקט צו לייזן די אידישע פראַגע, ווי עס האָט איר פאַרשטאַנען דער גרויסער פילאַנטראָפּ און זיין נאָכפאָלגער די יק״א, און האָבן פאַר־

שטאַנען, אַז די גרויסע ענערגיע און געלט־כוואַליעס, וועלכע ווערן פאַרנוצט פאַר נאַכט־אַזילן, זיינען אַ פאַרשווענדונג לגבי דעם גרונד־געדאַנק פון בויען אַ שטענדיקע היים, דאָרטן וואו ס׳איז געשטאַנען אונזער געבורט־וויגל און וואו ס׳מוז פאַרפעסטיקט ווערן אַ פעדעסטאַל פאַר דער שכינת האומה און נצח ישראל.

נאָר קורצזיכטיקע קעגנערשאַפט און ציון־פּרעסעריי קאָנען אויסטייטשן דעם לייכטן שאָטן פון אומצופרידנקייט מצד די ציונים לגבי דער איינזייטיקער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער יק״א, אַלס אַ רעזולטאַט פון ריוואַליטעט און קאָנקורענץ.

די, וועלכע האָבן אָבער באָאָבאַכטעט דעם ציוניזם אָרנטלעך, אָביעקטיוו, אַלס אַ אָביעקט פון אַ סאָציאַלער פאָרשונג, האָבן זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפטואונגען פון גרויסן פילאַנטראָפּ באַראָן הירש און אפילו פון זיין נאָכפאָלגער די יק״א, זיינען געווען אונזערע שותפים במעשה בראשית אין אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

ס׳וועט ניט זיין קיין פּאַראַדאָקס, אַז מיר וועלן באַהויפּטן, אַז דער גרונד־געדאַנק פון באַראָן הירש איז ניט זייער אַ ווייט־שטייענדיקע קאָפּיע פון דעם אחד העמ׳יזם. דער זעלבער געדאַנק פון „הכשרת העם״, צוגרייטן דאָס פאָלק צו אַ נייעם סטרוקטור פון עקאָנאָמיק אויף פּראָדוקטיווע יסודות, דאָס איז איין וויכטיקער טייל פון אחד העמ׳יזם, ד. ה. שאַפן לעבנס־מיטלען, עקאָנאָמישע באַזעס פון מאָראַליש ריינער קוועלע, ווי עס איז ערד־אַרבעט.

די יק״א־טעטיקייט איז אין גרונד גענומען ניט קיין ווידערשפּרוך צו דעם ציוניסטישן אידעאַל, נאָר גיכער אַ אַנטשפּרעכנדיקער טייל פון דעם גאַנצן, אַ וויכטיקע עקספּערימענטאַלע סטאַנציע צום ענד־ציל.

דעריבער איז טראָץ דער אַזוי גערופענער קעגנערשאַפט, (לויטן באַגריף פון פרעמדע קורצזיכטיקע), דער גורל פון דעם ציוניזם שטענדיק פאַרבונדן מיט דער יק״א־טעטיקייט, ווייל ס׳איז אומפאַרמיידלעך, אַז די ברוגז׳דיקע מחותנים זאָלן זיך ניט באַגעגענען ביי איין טיש.

אין די הערצל־שריפטן, צווישן די פאַרהאַנדלונגען פון די צוויי גרויסע פערזענלעכקייטן, דר. הערצל און באַראָן הירש, מערקט זיך אַ קעגנזייטיקע אָנגעצויגנקייט, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך קעגנזייטיקער רעספּעקט און צוטרוי צו דעם צענטראַלן געדאַנק און אין די בעסטע כונות.

די דאָזיקע אָנגעצויגנקייט שטאַמט געווים פון דער פאַרשידנאַרטיקייט אין דער דערציאונג און, וואַרשיינלעך, נאָך מער אין דער אינדיווידואַליטעט.

דר. הערצל, א מענטש פון קאָלאָסאַלע אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, שריפטשטעלער, דענקער מיט א וויזיאָנס־תפיסה פון א נביא, פּאָעט, מיט א בליק, וועלכער דרינגט דורך ביז דעם באחרית הימים גרונט, דאן ווען שטרעקעס פון רעאלע מעגלעכקייטן ווערן פארשוואונדן.

דער צווייטער, א וועלט־מענטש פון גרויסן פארנעם, מיט ראפינירטן טאקט, און אויך א מאן מיט א גרויסער נשמה און א בארייטנדיקן טאלאנט און געניאלע פעאיקייטן אין פינאנסן, באנק־אונטערנעמונגען פון אינטערנאַציאָנאלן מאסשטאב.

אָט דאָ, טאקע, קומט דער שייד־וועג און ס'וואקסט אויס א תהום צווישן די צוויי אידישע גדולים. דאָס איז די דיסטאנץ פון דער מאטעריע און גייסט, דאן ווען די ערשטע איז געפּענטעט דורך געזעצן פון עקאָנאָמיק און געשמידט אין די מאטעמאטיק־קייטן און באנק־אויסרעכענונגען, איז די צווייטע באפליגלט און פריי אין אירע באוועגונגען און מאכט דורך די גרעסטע שטרעקעס מיט קפיצת־הדרך אוויאָנען.

דאָס איז די הויפּט־אורזאך, צוליב דעם, וואָס די צוויי פּערזענלעכקייטן, ביידע בלוטיק פאראינטערעסירט צו לייזן די אידן־פראגע, האָבן דאָך אונטערגעבראָכן זייערע אונטערהאנדלונגען אָן פּאָזיטיוון רעזולטאט.

ס'איז אָבער געווען פיל ארויסגעזאָגטעס אין דעם נישט דערזאָגטן שמועס. עס האָט געזאָלט מיינען: מיר וועלן נאָך שמועסן אמאָל וועגן דעם. און ווער ווייסט, ווען ניט דער „אין מזל לישראל", צו וואָס די צוויי גרויסע זין פון אונזער פאָלק וואָלטן זיך דערגרעדט. דער טויט האָט זיי ביידן אָפּגעהאקט דעם אָטעם אין רעכטן מיטן פון זייערע בעסטע כוונות.

ס'איז אָבער פאראן א גרויסע מעגלעכקייט, אז צווישן די נאָכפאָלגער פון די ביידע עפּאָכע־שעפער זאָלן אמאָל זיך באנייען די איבערגעהאקטע אונטערהאנדלונגען, וועלכע וועלן האָבן מער מזל ווי די ערשטע.

עס איז מערקווירדיק ווי דער שר־האומה האָט אין פארלויף פון די עטלעכע צענדליקער יאָר ניט אראָפּגענומען זיין אויג פון די ברוגז'דיקע קרובים און א פארבאָרגענע האנט האָט שטענדיק ניט אויפגעהערט צו פארקניפּן געהיימע פעדים צווישן די ביידע צדדים.

א שמיק ארץ־ישראל איז בערך א צוואנציק יאָר געווען אונטער דער השגחה פון דער יק"א, שפּעטער איז געקומען די פארבינדונג דורך א נייעם פּסעוודאָנים פּיק"א, וועלכע טוט נאָך איצט גרויסע ארבעטן אין ארץ־ישראל.

און מיט דעם דערקלערט זיך אויך, וואָס ציוניסטן זיינען מער פון

אנדערע עמפינדלעך פאַר אָפענע ארויסטריטן קעגן דער יק״א, איבערהויפּט דאָרטן וואו עס איז א חלול השם. אינסטינקטיוו עקזיסטירט א „אל תגעו במשיחי״ - געפיל.

די אויבן ארויסגעזאָגטע מיינונג, איז דער באַראָמעטער פון מיין אָפּשאצן דעם פארנעם און גייסטיקע פיזאָנאָמיע פון דעם באַראָן הירש, און טאקע צוליב דעם קאָן איך ניט מסכים זיין מיט דעם מאסשטאב און אופן ווי די קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס ווילן צוגרייטן דעם יובילעאום פון זיין הונדערט־יאָריקן געבורט.

די לאָקאַליזירונג און דאָס באַגרעניצן זיך מיט א עקספּערימענט־סטאנציע דאָ אין לאנד, וואָלט געהייסן ממעט הדמות זיין, דאָס וואָלט געהייסן ארויפציען א שמאָלן לבוש פון א לאָקאַלן פילאנטראָפּ, א איד א בעל צדקה אין געוויינלעכן זינען, אויף א קאָלאָסאַלן ריזן־קערפּער פון א וועלט־פילאנטראָפּ און רעפאָרמאַטאָר פון נייע לעבנס־פאָרמען.

דער איינציקער אָרט, וועלכער איז מסוגל אויף אזא אונטערנעמונג, איז ארץ־ישראל. מיר זיינען אומעטום געסט מיטן וואנדער־שטעקן אין האנט און געסט קאָנען קיינמאָל ניט קלערן וועגן שטענדיקייט און אומשטערב־לעכקייט.

ווען מיר ווילן איבערלאָזן פאַר די דורות דעם אמתן גייסטיקן פּאָרטרעט פון דעם באַראָן הירש און ניט קיין שלעכטע פאָטאָגראַפיע, דאן מוזן מיר שאַפן אויף זיין נאָמען אזא ווערק, דורך וועלכן ס׳זאָל בולט זיין דער גאנצער נאציאָנאַלער פּרצוף, ער זאָל רעדן פאַר די דורות, וואָס ער האָט אויפגעטון און נאָך מער וואָס ער האָט געוואָלט אויפטון פארן כלל.

דאָס קאָן נאָר געמאָלט זיין דורך א קבוצה אָדער א חורשה אין ארץ־ישראל, דאָס פלאץ און אָרט האָט דאָ פיל צו זאָגן. ארץ־ישראל איז דאָס לאנד פון אייביקייט און איז דעריבער מסוגל פאַר אומשטערבלעכקייט.

בריוו צו ענריקע דיקמאן

14 אָקטאָבער.

ד״ר ענריקע דיקמאן

שטאָט.

ווערטער פריינט:

מיט מיין געוואגטן בריוו צו אייך, באצוועק איך קלאָר צו מאכן און אָנווייזן אויף געוויסע טעות'ן פון אייער זייט, וועלכע איר זייט באגאנגען אויפן וועג פון אייער טעטיקייט און נייער אָריענטאציע, צו וועלכער אונזער היגע ציוניסטישע באוועגונג האָט אזוי לאנג געגארט, און וואָס איז פון איר — אין דער זעלבער צייט — אזוי ווארעם אויפגענומען און מיט אנער־קענונג אָפּגעשאצט געוואָרן.

אייערע טעות'ן, טראָץ אייער גרויסע דערפארונג אין לעבן, וועלט און מענטשן, זיינען ווארשיינלעך א רעזולטאט פון מיסטיפיקאציע און מיס־טרויען (באגאנגענע קעגן אייך), קעגן אייער באדייטנדיקער פערזענלעכקייט, בכדי אונטער זייער שאָטן זאָלן זיך ניט ארויסזען די נעצן און אונטערערדישע מינעס, אויסגעשפרייטע פון געוויסע אינדיווידואומס, צוליב א קאָמבינאציע פון קליינלעכע נישטיקע אמביציעס פון פערזענלעכן כאראקטער.

דאָס דארף אייך ניט וואונדערן, און נאָך ווייניקער דארף דערפון ליידן אייער אייגליבע, ווייל דאָס שטייט אבסאָלוט ניט אין קאָנפליקט, ניט מיט אייער גרויסער דערפארונג אין לעבן, און ניט מיט אייער אנערקענטער אינ־טעליגענץ און חכמה, און נאָך ווייניקער איז עס ניט אין קאָנפליקט מיט אייערע גוטע כוונות פון א אידעאלן מענטשן.

להיפוך, דאָס איז טאקע א לאָגישע קאָנסעקוועגץ פון די פארהעלטע־נישן, אז אזוי האָט עס טאקע געדארפט פאסירן און ניט אנדערש. מענטשן, אידעאישע און אויפריכטיקע, זיינען צו אָפט איינזייטיק, און פאָלגלעך ניט ווייט־זעענדיק און אָפט באמערקן זיי ניט די פארשפרייטע נעצן און שטרויכ־

לונגען, וואָס ביטראַקעס און פּיקסן דערזועען יאָ און פילן זיי אויף זייער ווייטע שטרעקעס. נאַטירלעך, קאָן דאָס ניט פּאַסירן מיט אייך אין אייער שטענדיקן קאַמפּס־פעלד, וועלכן איר ווידמעט אייער לעבן און האָט באַקומען גענעראַל־גאַלאָנען און ערן־טיטולן אַלס גענעראַליסימוס.

פאַרוואָס האָט דאָך געטראָפן דער מיסברויך מיט אייך? איך וועל עס דערקלערן מיט א שאַרפער באַמערקונג פון פּרקי אבות וואָס זאָגט, אז דער וואָס לערנט תורה אין דער יוגנט איז גלייך צו דעם, וואָס שרייבט אויף נייע ווייסע פּאַפּיר, און דער, וואָס הייבט אָן צו לערנען זיך אין די עלטערע יאָרן איז, גלייך ווי ער וואָלט געשריבן אויף צעריבענע און צוקנייטשטע פּאַפּיר, וואָס זעט זיך ניט אָן אינגאַנצן קלאָר.

ליבער ד״ר דיקמאַן: דאָס איז אייער שטראָף וואָס איר האָט צו שפּעט אָנגעהויבן צו שרייבן אויף אָט די קריסטאַל־ריינע, זויבערע בלעטער פון אונזער רענעסאַנס־באַוועגונג, זי איז פאַר אייך נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר, ווי אויף צעקנייטשט פּאַפּיר.

איצט קאָנקרעט צום ענין:

מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק איז פון א גאַנץ קליינע גרופּע פון פאַרמעגלעכע אידן, דערשינען א איניציאַטיוו — אויפן ערשטן בליק זייער א ווירטיקע — וועגן א 400.000 פּעזעדיקן פאָנד פאַר דעם העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, כדי צו שאַפן א ספּעציעלע קאַטעדרע אויפן נאָמען פון דער אַרגענטינער רעפּובליק, א איניציאַטיוו וואָס איז מלא חן, וואָס רייצט און אינטריגירט די אויפמערקזאַמקייט פון בעסערע געפילן און רופט אַרויס די באַפליגלטע פאַנטאַזיעס און עמאַציע־שטימונגען ביי מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן עטוואָס דיכטונג און כוח הדמיון וועגן „באחרית הימים״־מאָמענטן פון פעלקער־פאַרברידערונג, וואָרום, צי קאָן דען זיין א שענער בילד ווי פון דעם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גייסטיקן אַבסטראַקטן דמיון, צום ביישפּיל, ווי עס שטייען געאָרעמט צוזאַמען א יונגערמאַן, ביי וועמען עס האָבן ערשט אָנגעהייבן צו שפּראָצן וואָנצעס מיט א גרייז־גראָען מאַן, און זיי שמייכלען ביידע איינער צום אַנדערן און טוישן זיך מיט קאָמפּלימענטן, און אָט דאָס ליבע פּאָרל באַשטייט פון דער יונגינקער אַרגענטינע מיט דעם אַלטן ווייזן ישראל סבא?

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס איר, ד״ר דיקמאַן, שוין אַליין א סבא, א גרויסער טרוימער און בעל החלומות, ווי עס פּאַסט פאַר א ווירדיקן פאַרטרעטער פון ישראל סבא און וואָס חלומט זיינע שענסטע חלומות, פון

באחרית הימים. ווי צום ביישפיל, אז מען צוברעכט די שווערד און שפּיז, כדי צו מאכן פון זיי גראָבאייזנס און סערפּן. אָדער ווען עס וועלן זיך פּיטערן צוזאַמען וועלף, לייבן, בערן, שעפּסן און ציגעלעך, מיט אַנדערע ווערטער אונזערע שעפּסעלעך מיט די כואַן פּיעררא׳ס... נו, און איר, אַלטער סאָציאַליסטישער טרוימער, זיינט אַרויס פון די כלים און האָט געזונגען שירה... (אייער רעדע ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג, ווען מען האָט געצייכנט 80.000 פּעזאָס).

עס איז קיין אומגליק נישט. וואָס מען האָט אייך אָפּגענאַרט. עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען. דאָס איז אַ גרויסער כבוד. די נביאים האָבן שוין אונטערגעשטראָכן די דאָזיקע דערשיינונג: „דער נביא, דער גייסטיקער מענטש, איז משוגע און נאַריש״ (ישעיהו). און עס זיינען אָפטע דערשיינונגען אין לעבן, ווען טיפּשים און פּלאַפּלער נאַרן אָפּ חכמים...

קורץ און שאַרף — מען האָט אייך אָפּגענאַרט!

איצט, דערלויבט מיר צו דערקלערן אייך ווי אַזוי איך זע די „אָפּערע פון אַ „קאַטעדרע״ אַרגענטינע אין אונזער העברעאישן אוניווערזיטעט״.

מיט 2 יאָר צוריק האָט דער אוניווערזיטעט בכלל זיך נים גענויטיקט אין קיין באַזונדערע קאַמפּיינען, ווייל ער האָט זיך אויסגעהאַלטן פון עטלעכע גרויסע אויפריכטיקע מעצענאַטן און פון אַ מיטגלידערשאַפט פון באַשיידענע באַשטייערונגען פון 1 פונט יערלעך, אויף דעם אופן ווי עס עקזיסטירט דאָ אין לאַנד; באַשטייערונגען פון פּראָפעסיאָנאַלן. דאָס הייסט די דירעקטע מחותנים מיטן אוניווערזיטעט אַלס אוניווערזיטאַריער, און אַנדערע פריינט פון אוניווערזיטעט. די גרויסע געלטער פון 400.000 פּעזאָס זיינען דאַן געווען נויטיקער פאַר קאָלאָניזאַציע און אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. וואָס שטיצן זיך אויפן קרן היסוד. פאַר וועלכן די אויבנדערמאַנטע הערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זייער קאָאָפּעראַציע צוליב קליינלעכע חשבונות און פּרעטענזיעס אויף דער העגעמאָניע פון „נאָן זייאָניסטן״. נאַטירלעך, זיינען זיי געווען מייסטערס בלויז פאַרפירטע און בלינדע אינסטרומענטן פון איינעם אָדער יחידים אין מערצאָל, און כדי צו דורכפירן זייערע פּלענער, האָבן זיי געשאַפן אַזאַ גרויסע באַוועגונג, וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

און דאָס וואָס איז נוגע דעם פּאָליטישן מאָמענט, דער דערנעענטערונג און פאַרברידערונג מיטן אַרגענטיניזם, בין איך איבערצייגט, אַז דער איצטיקער מאָמענט איז דער צום ווינציקסטן צוגעפּאַסטער פאַר דעם. איך געפין פאַר נויטיק צו רופן אייער אויפמערקזאַמקייט, אַז איך, טראָץ דעם,

וואָס איך בין נישט נאַטוראַליזירט, בין זייער א גוטער פריינט און אָרגענ־טינער פּאַטריאָט, אזוי ווי דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באַפעל־קערונג און אין איינקלאַנג מיט דער אַלטער אידישער טראַדיציע אין פאַר־לויף פון גלות, צו זיין פון די בעסטע בירגער און גוטע פריינט פון זייער׳ע וואוינלענדער, ווי עס לויטעט דער העבּרעער אימפּעראַטיוו פון עטיק „ירא אלהים ומלך״, מורא פאַר גאָט און רעספּעקט און טריישאַפט צום שטאַט.

איך בין קעגן דעמאָנסטראַציעס. גוטע אַרגענטינער דערפילן מיטן חוש די פריינטשאַפט צו זיי... געקינסטעלטע דעמאָנסטראַציעס נעמען זיי אויף אַלס חניפה און — נאָך ערגער — אַלס כּאָבאַר.

איך וויל זיין טריי צום אמת און ניט איבערטרייבן די סכנה פון אַנ־טיסעמיטיזם. מיר געפינען זיך נאָך עד היום אין א פריי לאַנד, זאָל עס זיין געבענטשט, זאָל עס גאָט אויסהיטן פון דעם שרעקלעכן קאַנסער; מיקראָבן פון אַנטיסעמיטיזם זיינען שוין לײדער פאַראַן, און די אויבנדערמאַנטע באַחרית הימים־פאַנטאַזיע פון פאַרברידערונג, פון צוזאַמענלעבן צווישן וועלף, בערן, שעפּסן און ציגעלעך — איז זייער ווייט. א קול פון ציגעלעך הערט זיך יאָ, נאָר דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז דאָס אָפּשפּאָטן פון „טשיוואָ כודיאָ״. באַגרייפט ווי די גאַנצע טרויעריקע ווירקלעכקייט שטימט ניט מיט די אַקטועלע פאַקטן.

איצט, נאָך א פאַקט פון א טעות. איר זענט דאָך צופיל חכם אויף צו באַגיין נאָר איין טעות אַליין.

רעוויזיאָניסטישע דעמאַגאָגן האָבן אייך איינגעלאַדן אויף א באַנקעט לכבוד דעם קאַראָנעל פּעטערסאָן, זייער א שיינע פּערזענלעכקייט, אויפריכ־טיק און אינטעגראַל, אָן דאָפּלטקייט און צוויישפּיטיקייט, א דערשיינונג זייער אָן אָפּטע צווישן קריסטלעכע אידנפריינט. ער איז אַן אמתער ציוניסט, וואָס איז גרייט צו העלפן דער רעאַליזירונג פון ציוניזם אין לעבן, אויפריכטיק ווי דאָס האָט געמיינט באַלפור, און פיליייכט נאָך מער אינטעגראַל, אָן א צומיש פון פּאָליטישע כּוונות. מען מוז אָבער אין דעם דאָזיקן פאַל אָנווענדן דעם אַלטן כּלל: אז „אַלץ וואָס איז געזונט פאַרן דייטש, איז עס פאַרן רוס א טויט״...

ער, דער וואוילער ליבער קריסט, זעט נאָר די אידעאַישע זייט פון דעם ציוניזם און די משיח רעפלעקסן, אָבער ער זעט נישט די מיקראָבן, וואָס געפינען זיך אין די בלוט־קייקעלעך פון רעוויזיאָניזם. און ווער נאָך מער ווי איר, אַלטער לערער און לידער פון סאָציאַליזם, פאַרשטייט די געפאַר פון

פאשיזם, סיי ווען ער אנטפלעקט זיך אין א קאנקרעטער פארם, אדער ווען אפילו בלויז אין זיינע פארדעכטיקע סימפטאמען, וואס פירן אבער צו דעם, אז ער צעפרעסט אלע איידעלע ארגאנישע געוועבן פון א נאציאנאלן ארגא־ניזם, וואס דערפירט צו ענדע צו אן אויסגעשפראכענעם קאנסער. אויב אנ־דערע נאציעס קאנען זיך נאך ראנגלען, ווי עס איז, אדער איינלעבן זיך אויך מיט די דאזיקע מיקראבן, פאר אונז אבער — איז דאס א טויט. אונ־זער גייסטיקער נאציאנאלער ארגאניזם מוז זיך דערנערן מיטן „טל השמים", מיט א באזונדערן גייסטיקן מעניו. אזעלכע אכילות ווי רעוויזיאניזם און ענלעכעס צו אים איז א זיכערער טויט, סיי פאר דער באוועגונג, סיי פאר דער רעאליזירונג פון דעם ציוניזם.

איר זיינט געוועזן אויף א רעוויזיאניסטישן באנקעט. פאר די וואלוטע־ספעקולאנטן איז דאס געווען א געלונגענע בירזשע־ספעקולאציע. צוליב אייער בייזיין, און איבערהויפט אייער פיגורירן צווישן די פריינט פון ארץ ישראל, זיינען געשטיגן די רעוויזיאניסטישע אקציעס.

נאטירלעך וויל איך ניט איבערטרייבן דעם פארגלייך, אז רעוויזיא־ניזם איז עקזאקט ווי נאציזם אדער פאשיזם. דערווייל איז עס נאך ניט דער פאל, ווייל עס פעלן נאך די פילצאליקע עטאפן פאר די דורות, וועלכע ציען נאך די יניקה פון דעם עבר, לויטן תלמודישן קאנצעפט: אז הגם מיר זיינען ניט קיין נביאים, זיינען מיר אבער זין פון נביאים. כדי צו זיין אמתע פא־שיסטן דארף מען שטאמען פון די אלטע גערמאנער, טעאוטאנען, וואס האבן זיך געשפייזט מיט קארע פון בוימער און פארביסן מיט ביפשטיקן פון מענטשן־פלייש, אדער מען דארף זיין פון דעם רוימער־יחוס און טרינקען מילך דירעקט פון די בריסטן־נאפלען פון די וועלפישע מאמעס. אט דער דא־זיקער פאל קאן נאך דערווייל ניט זיין ביי פענסיאניסטן פון „מן", „טל השמים", פון לקט, שכחה און פאה...

מיר מוזן דאך אבער קלערן פון א תכלית. די דעגעראציע פון רעוויזיא־ניזם קאן ברענגען מיט א דור שפעטער, אדער פיליכט פריער, צו פאשיזם.

דאס איז אלץ וואס איך האב געהאט צו זאגן אייך און — טאקע געוואגט און געזאגט.

איך וויל האפן, אז איר וועט באגרייפן, אז מיין געוואגטקייט גייט אלס א „בירא" (געלט־איבערווייזונג) און „לעטרא דע קאמביא" אויפן חשבון פון מיין גרויסן רעספעקט און יראת הכבוד, וואס איך פיל צו אייך, און אז איר שטיצט זיך גיכער אויף דער רעקאמענדאציע פון די פרקי אבות, צו

לערנען זיך פון אלעמען, אפילו פון תלמידים. און אין א געוויסן זינען זענט איר דאך א לערער פון אלע היגע פארנונפטיקע און ארנטלעכע מענטשן אין א פארלויף פון כמעט 40 יאר.

אין אלע פאלן, איז דאך דער בעסערער מין געוואגטקייט אזא פיל, וואס אויך דער אלהי העברים האט געמוזט אראפשלינגען פון זיין אויבער־מיניסטער משה, וועלכער האט ניט איינמאל אים אריינגעזאגט. און דער נביא חבקוק, דער גרעסטער אנארכיסט פון אלע דורות, האט אים פארגע־װארפן: „פארוואס זעסטו פאראט, און שווייגסט ווען דער רשע שלינגט איין דעם צדיק?"

איר אליין זענט דען ווייניק געוואגט? אין פארלויף פון 30 יאר ווארפט איר דאך די פארלאמענטאריער אין פנים אריין זייערע טעות׳ן אדער עבירות!

אין אלע פאלן בעט איך אייער פארצייאונג. לאגעשערוויז האב איך געדארפט שרייבן צו אייך אין שפאניש, אין דער שפראך וואס איר רעדט, שרייבט און דענקט. איך וואלט עס געקאנט טאן, אלנפאלס, וואלטן מיינע קינדער מיר ארויסגעהאלפן. איך האב אבער געוואלט צו אייך רעדן אין אונ־זער פאלקס־שפראך, וועלכע האט אין פארלויף פון הונדערטער יארן איינ־געאטעמט די גייסטיקע אטמאספער פון דעם אריגינעלן אידישן דענקען, און פון העברעאיש — דער שפראך, אין וועלכער נביאים האבן זיך אראפגע־רעדט פון הארצן אויף דעם הר הכרמל און הרי יהודה. שפראכן זיינען דאך לעבעדיקע וועזנס פאר זיך, וואס פארמאגן א נשמה. ניט אומזיסט רופט מען העברעאיש „לשון הקודש", ווייל אין דער שפראך האט מען געגעבן די הייליקע געבאטן, וועלכע פארהיטן די קדושה פון מענטשן און אין דעם לעבן, די שפראך אין וועלכער מען האט פראקלאמירט דעם „לא תרצח", און לויטן תלמוד האט דאס קול זיך צעטראגן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן און די גאנצע וועלט איז פארציטערט געווארן.

איך ווייס, אז איר האט זייער אן עמפינדלעכן, דעליקאטן געהער. אין אונזערע צייטן זיינען דאך אזוי ווייניק די, וואס זייער געהער ווערט פאר־ציטערט פון דעם לא תרצח!

— מיט גרוים דרך ארץ און — אויב איר האט גארנישט דאקעגן —

אייער

מרדכי ראזאווסקי.

בריוו צו אלבערטאָ גערשונאָוו

בוענאָס איירעס, דעם 16־טן אויגוסט 1945.

מיין ליבער אלטער פריינט אלבערטאָ גערשונאָוו:

אלטע פריינטשאפט האָט די אייגנשאפט פון אן אלט ביסל משקה, — וואָס עס איז עלטער, איז עס שטארקער און אויסקריסטאליזירטער. אין העב־רעאיש האָט דאָס זיין עקזאקטן עטימאָלאָגישן זין „טעם זקנים". העברעאיש פארמאָגט אין זיך אזא עקספרעסיוון כוח, אז דער אינהאלט דרינגט אריין אין דער שפראך מיט זיין גאנצער גראוויטאציע, דאָס הייסט, אז דער ווייַן זאפט זיך אריין אין די ווענט פון דער כלי. א באזונדערע פיעטעט איז דאָ אין תלמוד וועגן א פאקט, אז „טעם עצו כפריו שוים", די נאציע זאָל זיין אידענטיש מיט איר קולט און קולטור.

איך געדענק ווי אין מיינע אינגלשע יאָרן, ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען חומש, האָב איך אויסגעטייטשט, אז דער „ספר יצירה", דער „ספר בראשית" געהערט אבסאָלוט צו דער אידישער וועלט. ווען איך וואָלט דאָן פארמאָגט עפּעס פון היינטיקן לאנדמאנשאפט פאטריאָטיזם, וואָלט איך נאָך געווען באשטאנען אויף דעם, אז דער בורא־עולם איז א ליטוואק, שטיצנדיק זיך אויף אייניקע אייגנשאפטן זיינע, צום ביישפיל — די קארגשאפט, ווייל וואָס וואָלט אים אָרן, אז אידן זאָלן האָבן פרנסה; ער אליין איז דאָך, אָן אן עין־הרע, אן עושר, און אויך צוליב זיין פקחות. אין אלע פאלן בין איך געווען זיכער, אז די וועלט האָט ער באשאפן אין העברעאיש — איך מיין זיינע טעכנישע באפעלן בשעת דער יצירה זיינען געווען אין העברעאיש, צום ביישפיל — „יהי אור!" — „עס זאָל זיין ליכטיק!" אָדער „קע סע האגא לא לוז", אָדער „דא בודיעט סוועט". דאָס אלעם קלינגט דאָך עפּעס אזוי גוייש...

שוין לאנג מיט אייך נישט גערעדט, איז קיין וואונדער נישט, וואָס

איך האָב זיך אביסל פארפלאָפלט, דעריבער האָב איך דורכגעלאָזן דעם בולטסטן ארגומענט, אז די בריאת העולם איז אין גאנצן א אידישער אויפטו, נאָר פאר אידן און פון דעם אלוהי העברים, און טאקע פון חומש גופא, ווייל תיכף נאָך די ששת ימי המעשה, פרייטיק ערב שבת־קודש מאכט דער בורא־עולם קידוש, דאָס הייסט, פשוט דעם סקארבאָוו! אידישן קידוש, וואָס איז געבליבן א קדושה לשעתה און א קדושה לעתיד לבוא. דאָס אידישע פאָלק האָט פון אים, פון דעם שבת־קודש, אויסגעשמידט א פארצווייגטע מיסטישע ליטעראטור, וועלכע איז מיט דער צייט מאָדערניזירט געוואָרן און איז אריין ביי אונז אין דער וועלטלעכער שיינער ליטעראטור, ביי פּרצ׳ן, האָראָדעצקי׳ן און אנדערע. אינטערעסאנט, אז אָט די שבתא מלכתא, איר עקסעלענץ די פרינצעסין שבת, איז שפּעטער חשוב געוואָרן אויך ביי דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער וועלט. און אפילו די יעווסעקן האָבן געהאט שכל זי נישט צו פסלנען אלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקע. נאטירלעך, אז די דאָגמע שבת אָדער זונטיק שפּילט דאָ קיין שום ראָל נישט. דער עיקר איז דאָך די סאָציאַלע קדושה פון ארבעט, דער עקיוואַלענט פון שאפונג און גייסט.

איך בעט אייך נאָך אמאָל, האָט מיט מיר געדולד. איך וויל זיך אויסלעבן אין דער אילוזיע פון די אמאָליקע שמועסן אונזערע, וועלכע זיינען אויך געווען אביסל צעצויגענע, אביסל כאאָטישע און צעשוואומענע — אָבער דאָך אינטערעסאַנטע און פולע מיט אינהאלט. עס האָט אין זיי נישט געפעלט די שארפקייט און דאָס זאלץ פון אייער דיאלעקטיק און לאָמיר זיך נישט שפּילן אין באשיידנקייט, איך פון מיין זייט, פלעג בייזשטייערן מיט ליטווישן פארפעפערטן הומאָר. אלזאָ ווייטער — איך בין שטיין געבליבן ביי בריאת העולם אלס אן עכט־אידישע אונטערנעמונג. נישט אומזיסט זאָגט מען דאָך, אז מיר האָבן פארכאפּט די וועלט. אונזער פאָרפאָלק אָדם מיט חוה׳ן זיינען טאקע געווען עפּעס אנדערש ווי דעם פעטער דארווינס עליו השלום, ראציאָנאליסטישע אור־מענטשן וואָס האָבן גאָר קיין מענטשלעכן פּנים ניט געהאט, זיינען געווען א שטיק ראקאָווינע, וואָס די תהילים־דיכטער האָבן עס אָנגערופן „שבלול זולת בני־אדם״. דאָס הייסט, אז די אלע ראציאָנאליסטישע חקירות זיינען אונז אויך נישט פרעמד געווען. אויך ביי אונז איז די וועלט א קדמון — נאָר די מאָטיוון זיינען פארשידן. דעם געזעץ פון עוואָלוציע באנוצן מיר צו דער תורה. מיר האלטן, אז די תורה עוואָלוציאָנירט לויט די לעבנס־באדינגונגען, אויף דער באזע „לא ניתנה התורה למלאכי השרת״, אָבער די ווערדע פון מענטשן איז אומבארירבאר.

לויט דעם אידישן מיטוס האָט די הויך פון אדם הראשון געגרייכט צו 110 איילן און די שטראַלן פון זיין פּנים האָבן אויך באַשטראַלט אַ גרויסע שטרעקע, איך געדענק שוין ניט וויפל. חוה איז געוועזן די אם כל חי. זי איז דערהויבן געוואָרן צו דער קלאַסישער מאַמע, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פון אַ וועלט־פילאָזאָפיע „אל תבוז יקהת אם", דרך־ארץ פאַר די באַזילבערטע לאָקן פון דער מאַמע־נאַציע און פאַר איר עטיק. מיטאָלאָגיע איז די קינדערשע פלאַפּלעריי פון אַ פאָלק און לייגט אַוועק דעם שטעמפּל אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין מאָראַל. די אידישע עטיק האָט ניט געקענט ליידן אַזאַ אויפפאַסונג פון דעם מענטשן, וועלכער איז דאָך אַ קאָפּיע פון דער גאָטהייט, לויט וועלכער ער זאָל אויסזען ווי אַ דאַרוויניסטיש פּאַרזעניש. פאַר איר איז ער געווין טאַקע אַ קדמון, נאָר פונקט פון דעם היפוכ׳דיקן לייט־מאָטיוו, כדי ער זאָל האָבן צייט צו זיין אַ שלם אין פּערפעקטקייט, ער זאָל קענען ווערן אַ שותף במעשה בראשית אין אַ פּערפעקציע ווי די תהילים־דיכטער דריקן זיך אויס „ותחסירהו מעט מאלהים" — עטוואָס וויניקער פון גאָט, ער זאָל קענען באַהעפטן זיך מיט גאָט אין זינען „מה אני רחום אף אתה רחום" א. א. וו. א. א. וו.

לויט אַ תלמודישער אויפפאַסונג, אָדער פּילייכט לויט אַ מדרש — דער גוטער יאָר ווייסט זיי, איך באַנוץ זיך מיט זיי ווי אַן עקס־נגיד מיט פאַרבליבענע תכשיטים און פּערל נאָך פון פאַרצייטיקע יאָרן, וואָס איך האָב זיי געראַטעוועט פון די ציינער פון שכחה — איז דאָ אַ קאָנצעפּט, אַז עס איז פאַראַנען אַן אוצר הנשמות פון קדמונים אָן, פּילייכט נאָך פון פאַר בריאת העולם. לאַנג לאַנג נאָך איידער ער האָט מיט אונז געשלאָסן שותפות, זאָל ער מיר מוחל זיין, דער אַלטער טשודאַק אָבער חכם. נאָר זייענדיק אַ קדמון און האָבנדיק אַ באַזונדערן רעספּעקט פאַר נשמות, קען מען איינהיטן די ריינקייט פון דעם מענטשן, אַז ער זאָל אים קענען זאָגן „אלהי הנשמה שנתת בי טהורה היא, אתה בראת אתה יצרת ואתה עתיד להחזירה לעתיד לבוא" — גאָט, דו האָסט מיר געגעבן אַ ריינע נשמה און דו וועסט מיר זי אומקערן אין דעם זעלבן צושטאַנד פון ריינקייט — דאָ איז שוין אַביסל שטאַטלעכע פּאָליטיק מיט טיפער פילאָזאָפיע, וואָס איז דאָ בכלל אין פילאָזאָפישער עטיק. עס פעלט צונויף מיט אַ וויץ, וואָס עס ווערט דערציילט אַרום דעם.

זייענדיק אין אוצר הנשמות, האָט אַמאָל געזאָגט איינע פון די דאָזיקע נשמות, האָב איך געלערנט תורה מיטן כביכול (ווייל וואָס טוט מען אין

אזעלכע לאַנגע ווינטערדיקע נעכט), נאָר קומענדיק אויף דער וועלט, האָט ער שפּעטער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן זיך מיט מאַכן וועלטן — איך אָבער בין, נאָט צו דאַנקען, געבליבן ביים לערנען.

וואו זענט איר, יענע נעכט, וואָס איך האָב מיט אייך פאַרבראַכט אין „אינטערנאַציאָנאַל"? ווי איך בענק נאָך יענע נעכט! זייער א גרויסע אינ־סטיטוציע האָבן מיר פאַרלאָרן אין זיי. דעם קאָנצעפּט, אז א וועלט איז א קדמון, וויל איך אָנווענדן אין באַצוג צו אונזער אייגענעם קאָסמאָס. פּערציק יאָר צוזאַמענלעבן דאָ אין לאַנד איז דאָך א גאַנצע אייביקייט. „ארבעים שנה אקוט בדור" — פּערציק יאָר אָנגעפירט א ליניע פון נאָענטער אויפריכ־טיקער פריינטשאַפט, דיסקוטירט, זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע פּונקטן. געווען א מאָנאָטעאיסט, געגלויבט אז אברהם אבינו האָט מקיים געווען די תורה נאָך פאַר מתן תורה. אין דעם דאָזיקן פּונקט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די קאָנצעפּטן פון אייער קונסט־ווערק „לאָם גאָוטשאָם כודיאָם". איר זענט אויך געווען פאַרליבט אין דער אידישער פּשטות, וואָס איז די טעזע אין וועלט־פאַרנעם פון אידישקייט. פּשטות אין שטרעבונג צו צדק און משפּט, צו זאָגן דעם אמת דעם טאַטן אין די אויגן און האָבן אייגזעעניש מיט סדום.

איר זענט אָבער נוטה געווען צו פּאַנטעאיזם. אויף דעם זענט איר דאָך א קינסטלער, א דיכטער, און שאַפט אומעטום אן אַטמאָספערע פון גאָטהייט און ווילט אפילו צוליב קונסט מוחל זיין אביסל פּאַגאַניזם, אין וואָס דאָס קריסטנטום איז געשטרויכלט געוואָרן. ווייל דאָס אמתע קריסטנ־טום וואָלט דאָך געווען א המשך פון אידישקייט און די חכמי התלמוד האָבן שוין געדראָנה'ט פאַר דעם, אז פאַר די חסידי אומות העולם שיש להם חלק לעולם הבא, זאָל אָפּגעטיילט ווערן א באַזונדערער פּאַנטעאָן. ווען נישט דער „אין מזל לישראל", וואָלט די בעסערע קריסטנהייט זיך אָנגעשלאָסן צו דער איסיים פּאַרטיי, וועלכע זיינען געווען די אידישע פּוריטאַנער. בערך 20.000 פון הלל הזקנ'ס תלמידים, טובלי שחרית, וואָס האָבן געפירט א קאָמוניסטישן לעבן, זיינען געווען וועגעטאַריאַנער, און האָבן זיך באַשעפ־טיקט מיט מעדיצין. יחידי סגולה פון קריסטנטום האָבן זיי אומגעקערט צו אידישקייט, ווי עס זאָגן עדות די תלמודישע לעגענדעס „מעשה בהעלענא המלכה" און וועגן די געצנדינער, וועלכע הלל הזקן האָט מגייר געווען בלויז אויף דער טעזע פון אידישקייט, וואָס באַשטייט אין „ואהבת לרעך כמוך", נישט אין דעם צביאות'דיקן זינען פון א הימלישן קעניגרייך און ראַטעווען

נשמות דורך איבערשיקן זיי אין א בעסערער וועלט, עטוואס צוגעבראכטן ווי א קרבן־פסח... — נייערט גראד, אויף דער וועלט, מיט דעם תנאי, אז דאס וואס דיר לוינט נישט, זאלסטו יענעם נישט טאן, טאקע אין זינען פון „וחיו בהם", אפטיילן מענטשלעכע ענינים פון הימל לויט דער מימרא „השמים שמים לד' והארץ נתן לבני־אדם".

אט דא געפינט זיך די פרשת דרכים פון אידישקייט און קאטאליציזם, איך שטעל דעם דגש אויפן לעצטן ווארט, כדי צו אונטערשיידן עס פון דעם אמתן קריסטנטום. דאס אידנטום שטרעבט צו אראפנידערן דאס הימלישע אויף דער ערד, כדי דער מענטש און זיין לעבן זאלן זיין הייליק אין זינען פון „קדושים תהיו" און דאס עכט קלעריקאל־קאטוילישע זוכט תכלית אין בא־פוצן די הימלען, באלויכטן זיי מיט אויטא־דא־פע פלאמען און מיט טארקווע־מאדא־דעקאראציעס.

ביי דער זעלבער געלעגנהייט וויל איך אויסנוצן מיינע פריערדיקע נישט־פארענדיקטע דעפיניציעס פון דארוויניזם און ניטשעיאניזם, צוויי וויסנשאפטלעכע ראציאנאליסטישע שיטות, און פון יהדות וואס איז אויך נישט ארעם אין וויסנשאפטלעכע יסודות, שפארט זיך אבער אן אויף מיס־טישע שטיץ־פונקטן, און די ביידע בילדן די טעזע און אנטיטעזע פון רוים און ירושלים וואס איז דער חוט השני (רויטער פאדעם) פון דעם צוויי־טויזנט־יאריקן גלות.

ראציאנאליזם איז א שטיק ווירקלעכקייט פון רוים, אן אפגעשפארטער באלאנס פון תקיפות, רויב און מענטשלעכער געפאלנקייט און דעגענעראציע. זיינע ריכטיקע פארטרעטער זיינען דער אפפאל פון די צעזארן, מאניאקעס ווי נירון קיסר, קאליגאלא און העראסטראטוס, דער לעצטער אויסגעבארגט ביי די גריכן, וועלכע דארפן צוזאמען גלאריפיצירן דעם פירסום און טריאומף פון חורבן און אכזריות, כדי צו געווינען די פרעמיע פון „יתר האדם מן הבהמה אין". אין זינען פון די ריכטיקע פענסיאניסטן פון ראמולוס און רעמוס, וואס האבן זיך געקארמעט מיט וועלפישער מילך. און קאטשענדיק זיך אזוי ארום די טיפע תהומות און אפגרונטן, ביז די אלימפן און אויף צוריקוועגס, האבן זיי דערגרייכט ביז היטלעריזם און פאשיזם — די יורשים פון די צעזארס — און אט די ביידע שעפן פון מענטשלעכן אפפאל מיט זייערע באנדעס האבן פארנומען דאס ארט פון דער נייער אויפלאגע פון דער דעמאנישער הייל פון אשמדאי, סמאל, לילית וכת דלא, וואס זיינען דאך

אין גרונט גענומען געווען ניט מער ווי נאַאיווע קונדסים אין פאַרגלייך מיט אַט די דאָזיקע מאָדערנע מחבלים, וואָס שייך געניאַלער דערפינדערישקייט.

אדרבא, זאָלן אויפשטיין די מחברים פון „טויזנט און איין נאכט", אָדער אפילו פון די „משלי שועלים" און אויסטראכטן עטוואָס ענלעכעס. מיר האָבן געוואוסט וועגן לעגענדעס פון קאַניבאַלן, וואָס עסן מענטשן פון עקסטרעמער הונגער־נויט, אָדער וועגן ווילדע מענטשן, וואָס באַגייען אַנדערע גרויזאַמקייטן. רוסן פלעגן זאָגן וועגן דעם, אַז דאָס זיינען „זשידאָווסקע ווידומקי" און אַן ארגענטינער וואָלט געזאָגט אויף דעם „סאָן מאַקאַנאַס". אָבער ווער קען דאָס האָבן אַזאַ רייכע צעקאַליעטשעטע פאַנטאַזיע זיך פאָרצושטעלן די מעגלעכקייט פון אַ נייער אינדוסטריע צו מאַכן זייף פון קינדערישן מאַרך? דאָס זיינען די יורשים פון די צעזאַרס, פון דער אַלטער רוים, די ראַסן־טעאָרעטיקער, וואָס איינער פון זייערע אחרונים איז געווען ראָזנבערג.

און וואָס וועט איר זאָגן וועגן היטלערס פּובליציסטיק? און איך בעט אייך, איך בין דאָך אַ פּראָפאַן אויף דעם געביט, ווען איך וואָלט זיך צוהערן צו מיינע חברים, וואָלט איך דאָך שוין לאַנג געדאַרפט אויפהערן שרייבן — אָבער איר, וואָס מישט זיך נישט אין באַלעבאַטישקייט, זאָגט מיר, איך בעט אייך, דעם אמת, צו איז ביי אייך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו נעמען און פאַרוואַרפן אַלס פּראָטעסט אייער מוסטערהאַפטע און זויבערע פּעדער, אַלס פּראָטעסט וואָס צו דער שרייבערישער משפחה בכלל זיינען צוגעקומען אַזעלכע שמוציקע ברואים?

אין אונזער אַלטער מיסטישער ליטעראַטור זיינען דאָ אַזעלכע פאַלן ווען, פון פאַרצווייפלונג און פּראָטעסט, דערלויבן זיך דיכטער צו זיין אומגערעכט און אפילו זיך צו שעלטן „בת בבל השדודה, אשרי שיאחז ינפץ עולליך על הסלע" — די טאָכטער פון בבל, וואָס האָט אַזוי פיל געפייניקט די טאָכטער פון ציון, געבענטשט זאָל זיין יענער וואָס וועט זיך שטאַרקן און אָנשטרענגען קעגן זיינע הומאַניטאַרע געפילן און צעפּיצלען דיינע קינדער איבער די פעלזן. אָט די אכזריות'דיקע מאַניפעסטאַציע האָט זיך אפשר אַרויסגעריסן ביי איינעם פון די הומאַניטאַריסטישסטע דיכטער פון די בני דתן און אימן, וועלכע האָבן אָוועקגעלייגט אויף איין וואָגשאָל אַ קינדערשע טרער קעגן דער גאַנצער וועלט אויף דער אַנדערער וואָגשאָל, און די פונקען פון דער דאָזיקער תהילים־מוזע האָבן דורך פאַרשיידענע גלגולים דערגרייכט ביז צו דער סלאַווישער מוזע פון אַ דאָסטאָיעווסקי. אַ אידיש ווערטל זאָגט,

אז צוליב דרכי השלום מעג מען זאָגן א ליגן, און צוליב א דיכטערישן אמת מעג מען זאָגן א גרילצנדיקע גוזמא. א גוזמא איז דאָך דער דיכטערי־שער טייל.

ביז איצט אונזער שפאציר איבער דער פעריפעריע פון רוים, דעם אנטיפאָד פון ירושלים, וואָס איז די טעזע פון אידישקייט און נצח־ישראל, וואָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון „באחרית הימים" און פון „והיה ציון לאור עמים". דאָס איז שוין מיסטיק און פּאָעזיע, וואָס קלינגט ווי צוקונפט־מוזיק, צונויפגעשטעלט פון די איידלסטע טענער פון משיחיות, פון קול שופר של משיח, פון תרועה־מאניפעסטאציעס פאר גאָטהיים. „אשרי העם יודעי תרועה" — וואויל איז צום פאָלק וואָס באזיצט די קענטעניש צו מאניפעס־טירן די גאָטהייט — דאָס איז דער העכסטער שוואונג פון פּאָעטישן פּאטאָס, איבערזעצנדיק דעם געדאנק מיט דעם מאסשטאב פון יעקב אבינו'ס לייטער.

מיין ליבער יוגנט־חבר אלבערטאָ! איך וואָלט אייך וועלן בעסער זאָגן אברהם'על"ע, אָדער פיליכט בעסער אברהם, ווייל הויבנדיק זיך אויף יעקב אבינו'ס לייטער דורך דער אינטואיציע פון א דיכטער און דענקער, האָט איר דערגרייכט צו אברהם פון אור כשדים'ס מאָנאָטעאיזם, ווייל וואָס איז אייגנטלעך דער מאָנאָטעאיזם, אויב ניט דער סוד הצמצום פון גאָטהייט און דער פאנטעאיזם איז שוין די פארוואסערונג פון מאָנאָטעאיזם. איר קענט דאָס געפינען אין טעקסט פון חומש. ווען אברהם האָט געשמועסט גע־מיטלעך מיט מלכי־צדק, ביידע האָבן גערעדט אויף דער מאָנאָטעאיסטישער שפראך „הרימותי את ידי לאל קונה שמים וארץ", כמעט די זעלבע און דאָך נישט די זעלבע שפראך. אייער אנדערשקייט שטאמט פיליכט פון אייער ליבעראליזם. מען קען דאָס אילוסטרירן מיטן שיינעם אנעקדאָט וועגן ליובאוויטשער רבי'ן שניאורסאָן אין דער צייט פון פאוועל דעם צווייטן. ווען דער ליובאוויטשער איז אמאָל געגאנגען איבער די פעטערבורגער גאסן, אפשר איבער ניעווסקי פראָספעקט, ביינאכט, באגלייט נאטירלעך פון זיינע חסידים, איז יענע באריממטע גאס געווען אילומינירט מיט שטארקן ליכט און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א וואונדערלעך בילד. האָט ער זיך ארומגעקוקט ארום און ארום און האָט א שמייכל געטאָן. אויף דער פראגע פון זיינע מקורבים, וואָס באדייט דער שמייכל, — „דאָס איז דאָך כמעט א מין מה נאה אילן זה, בית זה...", האָט ער געענטפערט, אז ער האָט זיך כל ימיו מצער געווען וואָס מיר אידן האָבן אליץ פארכאפּט פאר זיך: ארץ־ישראל, בית הבחירה, די תורה, עולם־הבא, קידוש השם א. א. וו. פרעגט זיך, וואָס

איז נעבעך פאַרבליבן פאַר זיי, די אומות העולם? זיי זיינען דאָך אויך גאַטס ברואים. איצט האָט ער אָבער דערזען, אַז עולם הזה איז אויך אַ ענין — טוט אים דאָס שטאַרק הנאה.

איר זענט דאָס דער, וואָס פאַרוואָסערט דעם ספּירט פון מאַנאָטעאיזם, אַז ער זאָל זיין צוגענגלעך פאַר דער גוישער וועלט. תבוא עליכם ברכה, עס איז דאָך אויף זיי, נעבעך, אַ גאַטס רחמנות. זייערע חושים זיינען דאָך אַטראָפירט אויף אַזוי ווייט, אַז אייגנטלעך האָבן מיר נישט געהערט, אַפילו פון די בעסערע צווישן זיי, זיי זאָלן באַיקאָטירן מיט עקל און פּראָטעסט די נייע אינדוסטריע פון זייף פון קינדער־מאַרקע. ווי איז אונזער באַציאונג און פּראָגראַם צו דער צוקונפט און צו דער באחרית־הימים־וויזיע? זי איז אויך פאַרבונדן מיט קינדער, נייערט אויף אַ צווייטן אדרעס. אין דעם זינען, אַז קינדער זאָלן גוטמוטיק זיך שפּילן מיט לייבן און טיגערס און מיט צוטרוי שטעקן זייערע הענטלעך אין זייערע מיילער. אייגנטלעך בלויז אַ קליינער שינוי. אָנשטאָט אַז מיר זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין שרעקלעכע משוגענע חיות רעות מיט מענטשלעכער דערפינדערישקייט, שטרעבן מיר, אַז די חיות זאָלן ווערן געמיטלעכער און מענטשלעכער — „ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים״.

יאָ! איך האָב זיך דערמאַנט, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיין שמועס מיט אייך מיט אַ ווענדונג, איך האָב געמיינט פּשוט אַן עצה, ווי פאַרענדיק איך דעם שמועס מיט אייך, ווייל איך וואָלט אייך וועלן זאָגן און זאָגן גאָר אַ סך... ווען איך וואָלט מיט אייך געשמועסט פּנים אל פּנים, וואָלט מיר געדינט אַלס זייגער אייערער, גערשונאָווס אַ פּיל־זאַגנדיקער בליק, אַ פאַר־בייגייענדיקער, מיט אַ וואָלקן־באַצויגענער פּקחות׳דיקער בליק. איצט בין איך אַ פרייער מענטש און, ווי דער שטייגער איז, ווען מען איז פריי, מיס־ברויכט מען זיך נאָך מער מיט דעם שמועסער.

יאָ! איך האָב זיך דערמאַנט, אַז די אַקס פון אונזער טעמע איז מאָנאָ־טעאיזם פון ריינעם ספּירט, דער סוד הצמצום פון גאָטהייט, און אין דער ריכטונג וויל איך ציען דעם שמועס ביזן סוף. דעם וויטערדיקן המשך פון אונזער שמועס וועל איך אָנרופן „הבוכים״, די וואָס האָבן געוויינט, גע־וויינט פּשוט מיט טרערן. מיין טאַטע, עליו השלום, וואָס איז געווען דער גרעסטער פילאַנטראָפּ פון אונזער שטעטל טורעץ, ווייל ער פלעגט שענקען דעם בית־מדרש ימים־נוראים׳דיקע מוספים, האָט אַמאָל געזאָגט וועגן עפּעס אַ באַזונדערן פאַל, אַז ער האָט פון דעם הנאה געהאַט. דאָס הארץ איז געווען

אָפּן און עס האָט זיך אַזוי האַרציק געוויינט. מעשה אבות סימן לבנים — איך האָב אויך זייער אָפט פאַרגעניגן פון וויינען. אידן בכלל וויינען נישט פון צרות, ווייל ווען דער פאַל וואָלט אַזוי געווען, וואו וואָלט מען גענומען אַזוי פיל נאדות של דמעות, צוגעבנדיק אפילו פּרוגם השערה, אַז זיי האָבן נישט קיין דעק, קיין דנאָ. אידן וויינען צוליב וויזיאָנערישער חלוציאַנישער שיינקייט פון ירושלים של מעלה, צוליב אַ שיינעם כתר מלכות פון אַ רבין שלמה בן גבירול, צוליב אַ קינסטלערישן מאָדעל פון גאָטהייט און צוליב אַנדערע ענלעכע פיינקייטן. ה ב ו כ י ם זיינען געווען אַ טייל פון די קאָנגרעס־דעלעגאַטן, וועלכע זיינען נישט געווען צופרידן מיטן אוגאַנדע־פּלאַן, וואָס הערצל האָט זיי פאָרגעשלאָגן אין יאָר 1903 און יענער קאָנגרעס האָט זיך געשפּאַלטן אויף „יאָ" און אויף „ניין"־זאָגער. דער פּראָ־טעסטירנדיקער טייל, די וואָס האָבן געזען אין אוגאַנדע אַ ריוואַל און קאָנ־קורענט פון ארץ־ישראל, וועמענס אָנפירער עס איז געווען מנחם אוסישקין, זיי האָבן געוויינט. דאָס איז געווען אַ געוויין פון אַנגסט און עגמת־נפש צוליב דעם וואָס אַ קעבס־ווייב פּרעטענדירט צו פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דער ליבער מאַמען. אַזעלכע צרות פעלן אונז נאָך היינט אויך נישט פון דער טעריטאָריאַליסטישער אָנשיקעניש.

אין דעם פאַל וואָס איך וועל ברענגען ווייטער זיינען דאָס געווען טרערן פון פרייד, טרערן וואָס עמאַציאָנירן און פאַרשאַפן תענוג און נשמה־באַפרי־דיקונג. אין אַ געוויסן טאָג פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, איז פאָרגעקומען ביי מיר אין הויז אַ זיצונג פון קרן קימת לישראל (דאָס איז אַ קאָנצעסיע פאַר מיין געזונט־צושטאַנד), אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען אונזער ליבער גאַסט, דער דיכטער און דראַמאַטורג נתן ביסטריצקי, מיין ווייניקייט (וואָס איז נאָך אַלעמען נישט אַזוי ווייניק), אינזש. פישער (אַ מענטש מיט אַ שיינעם קולטור־באַגאַזש און ציוניסטישן סטאַזש), מיכל גרייוועער (דער שעף פון דער קרן־קיימת ביוראָ, פול מיט דינאַמיזם, אַ שטיק ציוניסטישער קוועקזילבער) און דער יונגער יצחק הרכבי (אַן אָפּשפּראָצונג פון דעם גרויסן אברהם־אליהו הרכבי און פון אַנדערע וויסנשאַפטלער אויף פאַרשידענע גע־ביטן וואָס טראָגן דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען, אַ יונגערמאַן מיט אַ באַ־דייטנדער קולטור, אַ ציוניסטישער עסקן און מנהיג פון דער אידישער יוגנט, אַ שרייבער און רעדנער וואָס זאָגט צו פיל פאַר דער צוקונפט). נאָך דעם ווי עס זיינען דערליידיקט געוואָרן די דירעקטע פּראָבלעמען פון דער זיצונג, איז געקומען אַלס סופּלעמענט אַ באַריכט פון דער ח' גרייוועער וועגן אַ

טרעפונג צווישן אַלבערטאָ גערשונאָוו און נתן ביסטריצקי, צו וועלכן מיר האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס אינטערעס און נייגעריקייט.

מיר האָבן גלייך דערקאָנט אין גרייוועררס פּנים, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ ענין מיט אַ וויכטיקער גראַוויטאַציע. גרייווער האָט אָנגעהויבן זיין רעפעריק מיט התלהבות און מיט אַ ציטערדיקער שטימע און דערציילט וועגן אַ וויכטיקער פּאַסירונג אין אַרגענטינער ציוניזם — אַלבערטאָ גערשונאָוו האָט זיך דערקלערט אינטעגראַל, מיט דעם גאַנצן געוויכט פון זיין אינטע־לעקט, מיט זיין גאַנצן פּרעסטיזש אַלס שרייבער, דענקער און דיכטער, און אַלס אידישע פּערזענלעכקייט, אַז ער שטייט צום דינסט פון ארץ־ישראל, אַלס די איינציקע רעטונג פאַרן געיאָגטן און באַליידיקטן פאָלק. ער האָט דערקלערט, אַז דער ריכטיקער זינען פון „והיה ציון לאור עולם" מיינט צו זאָגן, אַז די האַנדלונג פון די אומות צו אונז דינט אַלס באַראָמעטער פון וועלט־יושר, און כל־זמן זיי וועלן ניט אַנערקענען און ניט אויסבעסערן זייער באַציאונג צו אונז, איז די וועלט פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. זיינע באַ־פליגלטע געדאַנקען און רעפלעקסן האָט ער נאָר געוואָלט אויסדריקן אין מאַמע־לשון, און דוקא אין אַ פּליסיקן און באַטעמטן אידיש. דאָס איז נישט געווען סתם אַ קאַפּריז פון אַ דיכטער, נייערט אַ פּראָגראַם פון אַ דענקער און וויזיאָנער, וואָס וויל זיך פאַרבינדן גייסטיק און נשמה׳מעסיק מיט די לאַסקעס פון פאָטערלאַנד און מיט דער צערטלעכקייט פון דער מאַמע־נאַציע, וואָס דריקט זיך אויס אין סימבאָלישן זינען פון „יקהת אם", די מסורה פון זילבערנע לאָקן פון דער מאַמען, וואָס עס איז ליב, סיי איר קרעכץ, סיי איר גלעט.

דער דיכטער האָט ווייטער דערקלערט, אַז עס איז ביי אים פאַראַן אַ שטאַרקער ווילן אַליין צו באַזוכן ארץ־ישראל און קודם־כל ירושלים. ער וויל זיך באַהעפטן מיט דער פרומער אידישקייט, כדי צו געניסן מזיו השכינה און המחזיר שכינתו לציון „ירושלים הרים סביב לה", אַרום ירושלים זיינען די הרי יהודה, וואו די נביאים האָבן געשמידט דעם וועלט־יושר.

דאָס איז געווען, ווי מען האָט אונז איבערגעגעבן, דער תמצית הדברים פון דעם וידוי הגדול פון דיכטער. איך פּערזענלעך האָב אים שוין באַגעגנט אין אַזאַ צושטאַנד פון נשמה־אויפטרייסלונג אין יאָר 1920, אויפן באַן־הויף „קאָנסטיטוסיאָן". מיר האָבן דעמאָלטביידע באַגלייט אונזערע פאַמיליעס קיין מאַר דעל פּלאַטאַ. ער איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, האָט מיר געדריקט די האַנט ביז ווייטיק, און קאָנוואולסיע־טרערן האָבן געשטיקט זיין

בית הבליעה, און ער האט אויסגערופן: „מיין ליבער ראזאווסקי, ווי איז צו אונז, וואס פון אונז איז געווארן".

דאס איז געווען אין יאר 1920, פון וועלכן עס זיינען פארבליבן אין אונזער זכרון טרויעריקע דערינערונגען און וועלכער איז באקאנט ביי אונז אונטער דער באצייכענונג „די בלוטיקע טעג פון ענערא". גראדע אין די צייטן פון איריגאזשען, וואס איז געווען א שיינע און ליבעראלע פערזענלעכקייט, האט דעמאלט געהערשט א שטימונג פון ערב פאגראמען אויף אידן.

איר, אונזער ליבער פריינט גערשונאוו, זענט דעמאלט געווען אין צענטער פון אייער בליען, שוין אנערקענט אלס הויכע פיגור און איינער פון די באגאבטסטע שרייבער און שיינגייסטער. נאבל, ווי איר זענט, האט איר נישט געקענט אריבערטראגן די שניות, דעם דואליזם. אלס א גוטער און איבערגעגעבענער ארגענטינער און שטאלצער איד האט איר דאס נישט געקענט פארטראגן. דאס האט פאסירט אין יאר 1920, פונקט מיט 25 יאר צוריק. א סך וואסערן זיינען אפגעפלאסן פון זינט יענער צייט — פאסיקער און סטיליסטישער פאר אונזערע צייטן וואלט געווען צו זאגן: א סך בלוט־ימים האבן פארפלייצט די וועלט פון יענער צייט אן. און אין באצוג צום אידישן בלוט, דארף מען זאגן: א סך נחלי בליעל, בלוט־טייכן פול מיט ליידאמסטווע און קארופציע זיינען פון דעמאלט אן אפגעפלאסן. גערשונאוו איז פון דעמאלט אן נאך מער אויסגעוואקסן און געשטיגן צום רום פון אן אוניווערסאלן גדול. נאטירלעך אויך אין אידישקייט, ווייל אידישקייט אליין איז דאך וועלטלעכקייט אין ברייטסטן זינען פון ווארט „זה הים גדול ורחב־ידים", און וואס מער די וועלט קייקלט זיך צום תהום, אלץ ווייטער שטייגט די אידישקייט און ארץ־ישראל אלס א מרחב יה, וואס קיינע קפיצות הדרך פון דער מאדערנער אוויאציע קענען נישט דערגרייכן דעם רום פון פרקי אבות עטיק. און ער שטייט ערשט על פרשת דרכים פון זיין קאסמאפאלימישן „איך", וועלכער זוכט אין דער וועלט און געפינט נים. מאין יבוא עזרי — פרעגט זיך דער גרויסער מענטש און איד אין אים — און געפינט דעם איינציקן ענטפער „אל ההרים אשא עיני", אויף די הרי יהודה, דאס איז דער איינציקער ארט, וואו איך קען באפרידיקן מיין אידישן „איך".

ביי דעם פונקט האט גרייוער פארענדיקט אייער ווידוי הגדול, וועלכער איז שטענדיק, אויב נישט טראגיש, — איז דראמאטיש. אזוי זיינען געווען אונזערע נביאים, ווייל זיי זיינען געווען נאציאנאל און אין דער וועלבער צייט קאסמאפאליטיש — זייער א שווערע מיסיע. איינער פון אונ־

זערע נביאים, יונה הנביא, האָט אונטער דער משא פון אַזאַ דואַליסטישן קאָנפליקט נישט אויסגעהאַלטן און געפּרואווט אַנטלויפן פון גאָט. ער האָט אָבער צו טייער באַצאָלט פאַר דעם און די דאָזיקע סאַנקציע ווערט באַצייכנט אין תנ״ך אונטערן נאָמען „קקיון דיונה״.

איר אָבער זענט אַ איד אַ חכם און איר האָט געוואוסט, אַז פון גאָט קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן, ווייל ער געפינט זיך אין דעם וועזן פון אייגענעם „איך״, פון „מבשרי אחזה אלוה״. איז אויפן אָרט פון אַנטלויפן זענט איר געגאַנגען אַהין... אין אונזער היים, וואו דער אידישער געוויסן האָט אייך אָנגעוויזן זיין ריכטיקן אַדרעס. מיר באַגריסן אייך און אפשר אויך זיך אַליין נאָך מער. איר זענט דער ריכטיקער אורח אין דער ריכ־טיקער אכסניה.

איך בין שטיין געבליבן ביי דעם ווי גרייוועך האָט פאַרענדיקט און ווען איך האָב געווענדעט מיינע בליקן אויף די אָנוועזנדיקע, זיינען אַלע־מענס אויגן געווען פייכט פון טרערן. דאָס זיינען נישט געווען קיין שטור־רעמדיקע נערוועזע טרערן, נייערט אַ גשם נדבות און טל של ברכה. פון אַזעלכע טרערן כליפּעט מען נישט, עס איז אַפילו נישט קיין באַדערפעניש זיי אויסצואווישן, פונקט ווי עס ווילט זיך נישט אָפּווישן דעם טל השמים פון פּנים אין אַ טוי׳דיקן פרימאָרגן, ווייל ער איז אַ מחיה און קוויקט אייער גייסט און דערהויבט אייער געמיט.

אדרבא, איך וואָלט געוואָלט גליקלעך ווען עס וואָלט מעגלעך געווען צו קאָנען קאָנסערווירן אָט־די טרערן, וואָס לויט דאָסטאָיעווסקי׳ס אָפּשאַצונג דאַרף אַ קינדערישע טרער איבערציען די וואָגשאָל, אויף וועלכער עס ליגט די גאַנצע וועלט. איך מיין, אַז טרערן פון גרויסע קינדער וועגן נישט ווייניקער ווי פון קליינע — „כי נער ישראל ואהבהו״ — זאָגט דער נביא. די דאָזיקע טרערן דאַרפן צוגערעכנט ווערן צו די „דריי מתנות״ פון פּרץ׳ן, אגב וועט איר האָבן אַ געלעגנהייט אויף אַן אומדירעקטן אופן צו באַטיי־ליקן זיך אין פּרץ׳ס יובל.

אייערער ווי שטענדיק,

מרדכי ראָזאָװסקי.

תוכן:

זייט

מרדכי ראַזאָווסקי — במקום הקדמה — — — — — — — — — ט

וועגן ר' מרדכין

יעקב באַטאַשאַנסקי — דער בעל דרך ארץ ר' מרדכי ראַזאָווסקי — טו
פנחס בּיזבּערג — ראַזאָווסקיס שאַרפע זאָגן — — — — — — — כא
מיכל גרייוועך — דער לערער און עסקן — — — — — — — — לא
מרדכי מיידאַניק — שטריכן פון ר' מרדכין — — — — — — — לה
א. מבשן — ציון לנפש יקרה — — — — — — — — — מא
משה סליגין — ר' מרדכי ראַזאָווסקי העסקן והציוני — — — — מג
א. פישער — ר' מרדכי בן משה דאַבּראַטשיצער — — — — — — מו
יצחק קאַפּלאַן — ראַזאָווסקי, מרדכי ראַזאָווסקי, ר' מרדכי — — — נד
משה שענדעריי — דרויסיק טעג און איין שעה מיט ר' מרדכין — נז

אין דער אַלטער היים

זכרונות — — — — — — — — — — — — — — — 5

אין דער נייער היים

פּראָבּלעמען און מחשבותן

די געשיכטע פון א ישוב — — — — — — — — — — — 49
די הויפּט יסודות פון א קהילה — — — — — — — — — 55
געשמאַק און טאַקט — — — — — — — — — — — — 64
אַנטידעמאָקראַטישקייט — — — — — — — — — — — 69
וועגן טאָלעראַנץ — — — — — — — — — — — — 75
א באַגריסונג מיט א בתמיה — — — — — — — — — 82
וועלטלעכקייט אין א סדום־בעטל — — — — — — — — 87
אידישקייט און וועלטלעכקייט — — — — — — — — — 92
לאָמיר זיין געהיט מיט סאַנקציעס — — — — — — — — 97
פופציק יאָר קאָלאָניזאַציע — — — — — — — — — 103
אונזער יוגנט — אונזער אוואַנגאַרד — — — — — — — 108
אשמנו מכל עם — — — — — — — — — — — — — 128

אידן און אידישקייט אויף דער גרויסער וועלט

„צוריק אין געטאָ" — — — — — — — — — — — — 137
א קבלת־פּנים און זיינע מסקנות — — — — — — — — 143

שברים, ברעקלעך פון פסח-געדאנקען — 149
נעגאטיווע סימפטאָמען פון משיחות — 154
אלאידישער קאָנגרעס אלס צורך השעה און תקון לעתיד — 157
אידישע ארבעט אין ארץ ישראל — 164
די ציוניסטישע קאָנגרעסן און דער 18-טער — 167
געדאנקען וועגן 2-טן נאָוועמבער — 170
געדאנקען ארום ראש-השנה און יום-הכפור — 174
סוכות-געדאנקען — 181
נישט קיין פאטענט, נאָר התחייבות — 185
לאצקי-בערטאָלדי — 191
רבי שלמה יצחקי, דער רבי און מורה דרך — 195
מנחם אוסישקין א בן-שבעים — 203
אוסישקין אלס סימבאָל פון פאטריארכאלישקייט — 209
אברהם ליעסין — 212
געשטאָרבן, אָבער אומשטערבלעך (באטראכטונג וועגן טויט פון וולאדימיר זשאבאָטינסקי) — 216
ביאליק — 221
י. ל. ווילענסקי ניטאָ מער — 229
ראובן בריינין — 233
סאָקאָלאָוו — 238

מיר און זיי

היטלעריזם, א המשך פון דער פלוגתא „רוים-ירושלים" — 245
די וועלט אין פלאמען און מיר אין צענטער — 250
„ביעור חמץ" על פי נוסח אשכנז — 254
זיי קוילען מענטשן און האלדזן און קושן קעלבער — 260
המערת פריצים היה הבית הזה ?! — 267
אומטאָלעראנץ פון יוסטיץ — 271

די בויער פון אונזער ישוב

אברהם (אהרן) אייבערמאן — 279
יוסף רייך — 281
פאביאן הלוי — 283
ר' שלמה ליעבעשוץ — 286
די פערזענלעכקייט פון ר' יעקב יאָסעלעוויטש ז"ל — 290
מיגעל סאבאראָוו — 299
ניטאָ מער געזאנג — 311
א מאָנומענט באראָן הירשן — 319
בריוו צו: ד"ר ענריקע דיקמאן — 323
" " אלבערטאָ גערשונאָוו — 329

Este libro se terminó de
imprimir el 13 de enero
de 1947, en los Tall.
G r á f. CULTURA,
Sarmiento 2157,
Buenos Aires.